This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

9 1973

היימלאַנד

סאָוועטיש
היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

סענטיאַבער

9

1973

אינהאַלט

זײַט

ניקאָלײַ פעטראָוו (יאַקאָוו שטיין). פאַרוואָס האָב איך פאַרלאָזט ייִסראָעל? 3

נאַטאַן זאַבארע. אונטער דער הייסער זון פון פראָוואַנס (ראָמאַן) 12

דאָרע כײַקינע. איך קום צו די פרײַנט (לידער) . 70

שירע גאָרשמאַן. כאַנעס שאָף און רינדער (דערציילונג. צווייטער טייל) 74

כאַיִם־נאַכמען ביאַליק. דרײַ לידער (צום 100־טן געבורטסטאָג) 91

טריבונע פון לעבן. כאַיִםביידער. אַמורזעטער באַגעגענישן 95

לעבעדיקע גרוסן. שמועל גאָרדאָן. אין ווילנע . . 106

אווראָם גאָנטאַר. ווי אַן איידלשטיין (לידער) . . 114

זיכרוינעס. אוראַן גוראַלניק. נעכטן, הײַנט, מאָרגן 118

מאָטל שטורמאַן. איך גיי מיט מײַן פרילינג (לידער) 135

פון דער ליטעראַטור־געשיכטע. לייב ווילסקער. די נײַ־געפונענע סירישע ווערסיע פון עזאָפּס מעשאָלים, געשריבענע מיט העברעיִשע אויסיעס 136

פּאָלעמיק. מוישע איטקאָוויטש. מי וואָמי האַהויליכים?; מוישע שאַפּיראָ. אַן ענטפער דעם כ׳ מ. איטקאָוויטש 141

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 148

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. מײַסטערשאַפט (וועגן יעכיִעל שרײַבמאַנס בוך „יאָרן און רעגעס") 154

קורצע רעצענזיעס 160

פלאָרא סירקינא. דער יונגער פינף־און־זיבעציקיאָריקער קינסטלער 163

מיר ענטפערן אף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. וו. געזענאָוו. די יערושאָלאַיִם־פּראָבלעם 167

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" 169

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן. אַרום ל. בערשאַדסקאַיאַס „אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5, 1973) 173

אַ בריוו פון פּאַריזש. אַלפרעד גראַנט. אַ בײַטש — אַ ייִדישע צי אַ ניט־ייִדישע — בלײַבט אַ בײַטש . . . 178

פאַרשיידנס 180

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". דאָוויד קראָטשעק. אַ ליבהאָבער פונעם בוך 182

י. שוסטער. מיר שטעלן פאָר פאַר די לייענער: פעליקס בערמאַן — דער נײַער קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל 183

כראָניק 166, 177, 188

א. פּריבלודע. ביִאָגראַפישע ידיִעס און פּאָטאָ־בילדער פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר 7 יאָר (יול 1966 — יון 1973) 184

לאָמיר זינגען נײַע לידער. איך קום צו דיר. ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון זינאָווי קאָמפּאַנייעץ . . . 189

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,

ט. גען, י. טשיטשעלניצקי

(פאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר)

נאָטע לוריע,

מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי,

ב. מילער, כ. מעלאַמוד,

ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

פאַרוואָס האָב איך פאַרלאָזט ייִסראָעל

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 5 פאַרן 1973 יאָר זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט די נאָטיצן פון ליובע בערשאַדסקאַיאַ „אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד". ווי ס'איז צו זען פון די פּילצאָליקע בריוו אין רעדאַקציע, האָט די דאָזיקע פּובליקאַציע געהאַט א ברייטן אָפּקלאַנג.

אין הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקן מיר א צווייטן דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל, וועלכן ס'האָט אונדז צוגעשיקט דער געוועזענער סאָוועטישער בירגער ניקאָלײַ פּעטראָוו (יאַקאָוו שטיין). נ. פּעטראָוו איז זײַנערצײַט ארויסגעפאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד קיין ייִסראָעל, זיך צוזאַמענגעשטויסן דאָרט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער הײַנטיקער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט, מיטן קאַפּיטאַליסטישן לעבנס־אַרט, און ער האָט, ווי א סך אַנדערע אָפּגענאַרטע און פאַרפירטע, זיך מיט גרויסע שוועריקײַטן ארויסגעריסן פונעם אויסגעטראַכטן היימלאַנד. איצט געפינט ער זיך אין ווין.

ווען מע זאָל דאַרפן אין צוויי ווערטער פאַרמולירן, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די דאָזיקע צוויי פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, וואָלט מען מיט פולן רעכט געקאָנט זאָגן: „פאַרשפּעטיקטע כאַראָטע".

כאַראָטע פאַר דעם, וואָס מע האָט זיך געלאָזט אַזוי בלינד פאַרפירן פון דעם פאַרברעכערישן ציוניסטישן שעקער;

כאַראָטע, וואָס מע האָט זיך ניט צוגעהערט באַצײַטנס צו די וואָרענונגען פון דער סאָוועטישער עפנטלעכקײַט, פון עכטע פרײַנט;

כאַראָטע, וואָס מע האָט אליין, מיט די אייגענע הענט, כאָרעוו געמאַכט א גײַסטיק רײַך און טיף־פאַרוואָרצלט לעבן אויף דער סאָוועטישער ערד;

כאַראָטע, וואָס מע האָט אויף דער גוטסקײַט און געטרײַשאַפט פונעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד געענטפערט מיט שוואַרצער אומדאַנקבאַרקײַט, זיך אָפּגעקערעוועט פון דער פילנאַציאָנאַלער, בעעמעס פרײַנטלעכער סאָוועטישער פעלקער־מישפּאָכע;

כאַראָטע און אַגמעס־נעפעש פאַר די צאָרעס און לײַדן, וואָס מ'האָט פאַרשאַפט די אייגענע קינדער, פאַר דעם, וואָס מע האָט אַוועקגערויבט בא זיי די צוקונפט.

פאַרשפּעטיקטע כאַראָטע, וואָס דאַרף זײַן א וואָרענונג פאַר די, וועלכע טראָגן זיך נאָך, מעגלעך, ארום מיט אילוזיעס וועגן דעם „ייִסראָעל־גאַניידן".

א סך, זייער א סך אָפּגענאַרטע מענטשן האָבן שוין טײַער באַצאָלט פאַר אָט די אילוזיעס. גענוג!

בעשאַסן לייענען די דאָזיקע שורעס וועלן באַם לייענער געוויס אויפקומען אַזעלכע פראַגעס: צי איז דער אווטאָר א ייִד? און — ווי קומט ניקאָלײַ פּעטראָוו קיין ייִסראָעל?

קעדײַ מע זאָל עס ניט קרום אויסטײַטשן, האַלט איך פאַר נייטיק צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגעס. קוידעמקאָל — צי בין איך א ייִד? ניט געקוקט דערויף, וואָס מײַן נאָמען און די פאַמיליע זײַנען רוסישע, בין איך ניט קיין רוס, און אויף גאָטס וועלטל בין איך געקומען ניט פון קיין געמישטער הייראַט, וואָס לויט די ציוניסטן איז עס „א טויט־געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ייִדישער נאַציע". לויט דעם ייִסראָעל־געזעץ איז א ייִד, ווי באַוווּסט, דער, וואָס האָט א ייִדישע מוטער. בא מיר איז ניט נאָר די מאַמע — זי האָט געהייסן טעמע, נאָר אויך דער טאַטע, — ער האָט געהייסן פײַוול — געווען ייִדן. אין די פריִע קינדער־יאָרן בין איך געבליבן א יאָסעם, געווען א פאַרוואָרלאָזטער, זיך דערצויגן אין א קינדערהיים. טאַקע דאָ, אין קינדערהיים, האָט מען מיר צוגעייגנט דעם נאָמען און די פאַמיליע ניקאָלײַ פּעטראָוו, און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן. מײַן עמעסער נאָמען און פאַמיליע איז יאַקאָוו שטיין.

פאַרוואָס איז ניקאָלײַ פּעטראָוו ארויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל? ענטפערן קורץ אויף אָט דער פּײַנפולער פראַגע איז ניט מעגלעך.

מײַנע ארויסטרעטונגען אין דער ייִסראָעל־דיקער פּרעסע, אויף פאַרזאַמלונגען, פּרעסע־קאָנפערענצן, אויפן צוזאַמענפאָר פון דער געזעלשאַפט פאַר ייִסראָעל־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט האָבן ניט געטראָגן קיין אַנטי־ייִסראָעלדיקן כאַראַקטער און זײַנען ניט געווען קיין פּראָסאָוועטישע. איך האָב גערעדט וועגן די אויסערסט אָנגעשטרענגטע ייִסראָעל־סאָוועטישע באַציִונגען און וועגן דעם, אַז די רעדאַקטאָרן פון די ייִסראָעל־צײַטונגען, די ראַדיאָ און טעלעוויזיע האָבן ניט קיין רעכט מיט דער הילף פון קאָ־

לערליי אינסינואַציעס צו פֿאַרשאַרפֿן נאָך מער די דאָזיקע באַציִונגען. איך האָב געזאָגט אין מײַנע אַרויסטרעטונגען, אַז פּלאַנצן סינע צום סאָוועטישן פֿאָלק איז קעגן די אינטערעסן פֿון ייִסראָעל.

פֿאַר אָט אַזעלכע אַרויסזאָגונגען האָט מען מיך אָנגעהויבן אין ייִסראָעל אַכזאָריעסדיק צו רוידעפֿן. מע האָט מיך דערקלערט פֿאַר אַ סאָוועטישן שפּיאָן, פֿאַר אַ גײַסטיק־קראַנקן אַדג. מ׳האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער אַרבעט.

פֿאַר דעם יאָר, וואָס איך בין געווען אין ייִסראָעל, האָב איך זיך אָנגעזען מיט אָן אַ שיר שווערע מאָראַלישע און פֿיזישע ליידן פֿון אַ סאַך סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן אָנגעווירן זייער היימלאַנד, זײַנען פֿרעך אָפּגענאַרט געוואָרן מיצאַד דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, און זיי וויינען איצט אָף זייער ביטערן גוירל אין אַ פֿרעמד לאַנד. איך האָב באַשלאָסן אָנשרײַבן וועגן דעם די ווײַטערדיקע נאָטיצן.

נ. פּ.

איך וועל אָנהייבן פֿון אַ בריוו.

„כײַפֿע, 12 סענטיאַבער 1971.

אַ גוטמאָרגן, טײַערע סימע לוואָוונאַ! כ׳האָב דערהאַלטן אײַער קאַרטל. אַ דאַנק פֿאַרן ענטפֿער. יאָ, אונדזערע געשעפֿטן זײַנען ווײַט צו זײַן גוטע. נאָך אַדהײַעם אַרבעט איך ניט, קיין געלט איז ניטאָ, און איך האָב ניט אָף דער אויסקומעניש. פֿאַרקויפֿן איז שוין אויך ניטאָ וואָס. די כיוועס וואַקסן, אומופֿהערלעך באַקום איך די קוויטאַנציעס, מע דאַרף צאָלן אָט פֿאַר איין זאַך, אָט פֿאַר אַ צווייטער. און וווּ זאָל איך עס נעמען, טײַערע סימע?

יענער מענטש, מיט וועלכן איר זײַט געקומען צו מיר, האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ נישקאָשעדיקן אויסוווּרף. ער איז געקומען צו מיר. איך בין גראָד ניט געווען אין דער היים, געווען איז מײַן זונעלע. ער האָט געקויפֿט פֿאַרן קינד פֿאַרשיידענע נאַשערײַען. דערנאָך איז ער נאָך אַ פּאָר מאָל געקומען. גענומען קריכן מיט די הענט, געבנדיק מיר אָנצוהערן, פֿאַרשטייסט שוין אַליין וועגן וואָס. און ווען איך האָב אים געוויזן ווו די טיר איז, האָט ער מיר טייקעף צוגעשטעלט אַ כעזשבן: „איך האָב אָף דעם ייִנגל אויסגעגעבן 35 פֿונט. איך בין דיר ניט דער סאָכנוט און בין ניט מעכויעוו דיר מיטצוהעלפֿן...”

איך האָב אים אָפּגעגעבן די לעצטע 10 פֿונט, וועלכע כ׳האָב געהאַט, און צוגעזאָגט דאָס איבעריקע אומקערן שפּעטער. אָט וואָס פֿאַראַ מענטשן עס זײַנען דאָ פֿאַראַן. מע דאַרף אַנטלויפֿן פֿון זיי, און וואָס גיכער. ליבע סימע! בעסער שטאַרבן, איידער דאָ לעבן.

איך בעט אײַך, טוט עפּעס מיטן באַגאַזש, איך זאָל אויך קאָנען עפּעס פֿאַרקויפֿן. מײַן מאַנטל צעפֿאַלט זיך שוין אָף שטיקלעך, ווען ס׳וועט ווערן קאַלט, וועל איך אַפֿילע ניט האָבן וואָס אַרופֿציִען אָף זיך. אַליק איז בײַ מיר אינגאַנצן נאַקעט. גאָט מײַנער, וואָס האָב איך אָפּגעטאָן?! איך זע ניט קיין אויסוועג, איך וועל דאָ אַראָפּ פֿונעם זינען. מע דאַרף געפֿינען אַוועלכע־ניט איז פֿאַסיקע אַרבעט, נאָר אָן אַ פּראָטעקציע איז עס דאָך אוממעגלעך. זאָל איך ווערן אַ גאַסנפֿרוי? איז עס אָבער ניט אין מײַן כאַראַקטער. איך בין אַזוי אָפּגעשוואַכט, מיט וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קום איך אָף דעם טאָג? די גאַנצע צײַט בין איך קראַנק. וועגן כאַסענע האָבן וויל איך אַפֿילע ניט טראַכטן, ווײַל אַלץ איז מיר דאָ דערווידער”.

אויסגעקויפֿט דאָס לעצטע ביסל האָב־און־גוטס און אומגעקערט די כיוועס דעם סאָכנוט, איז קיין ווין אָקאָרשט געקומען אַ נײַע גרופּע געוועזענע סאָוועטישע ייִדן. זיי האָבן זיך באַזעצט אָף מאַלצגאַסע, אין דעם כמורנעם הויז נום. 1, וואָס איז שוין גוט באַוווּסט די זשורנאַליסטן און פֿאָטאָ־רעפּאָרטיאָרן פֿון אַ סאַך לענדער.

די געקומענע זײַנען פֿון כײַפֿע, אייניקע פֿון זיי האָבן געלעבט אין איין הויז מיט זינען — דער פֿרוי, וועמעס בריוו איך האָב דאָ געבראַכט. זיי האָבן דערציילט, אַז זינעס לאַגע איז, ווי פֿריִער, אַ פֿאַרצווייפֿלטע.

זינע מיזשעל האָט איר גאַנץ לעבן געווינט אין קיִעוו, געאַרבעט אַלס אַ מעדיציִנישע שוועסטער. געלעבט האָט זי מיט דער מישפּאָכע אין דאַרניצער ראַיאָן, אָף דער גאַס פֿון די בויער. זינע האָט זיך ניט געבאָדן אין גרויסן ראָסקאָש, מיט קיין געלט האָט זי זיך, ווי מע זאָגט, ניט געוואָרפֿן. נאָר זי האָט אין אַ נײַ־אויסגעבויט הויז געהאַט אַ שיינע דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, פֿאַר וועלכער זי האָט געצאָלט שפּאָט ביליק. אין שטוב איז געווען אַן אײַזקעלטער, אַ טעלעוויזאָר, אַ טעלעפֿאָן, אַ טראַנזיסטאָר, אַ מאַשין אָף וואַשן גרעט. דער פֿאַרדינסט, וואָס זי און איר מאַן האָבן געהאַט, איז געווען גענוג אָף גוט זיך שפּײַזן, זיך אָנטאָן, באַזוכן קינאָ און טעאַטער, גיין אָף קאָנצערטן און נאָך אָפּלייגן עפּעס וואָס אין דער שפּאָרקאַסע.

אַליק האָט, נאַטירלעך, אָן אַ קאָפּקע געלט זיך געלערנט אין שול. יעדעס יאָר האָט ער באַקומען אַן אומזיסטע פּוטיאָווקע אין פּיאָנערןלאַגער, און דערנאָך, גאַנץ אָפּט, געפֿאָרן מיט טאַטע־מאַמע צום יאַם.

זינע האָט געהאַט אַ סאַך פֿרײַנט — ייִדן און ניט־ייִדן. ניט אָף דער אַרבעט און ניט ערגעץ אַנדערש האָט זינען קיינער ניט באַאַוולט.

נאָר אָט האָט די ייִסראָעל־ראַדיאָ גענומען

גרילצן אין די אויערן, צוזאָגן גאָלדענע בערג, „א שיין גײַסטיק לעבן אָף דער ערד פון די אָוועס", און זינע האָט זיך געלאָזט פאַרפירן. אָן שום סיבעס האָט זי זיך אויסגעקערעוועט מיט דער פלייצע צו איר לאַנד און צו איר פאָלק, און האָט פון דעם דניעפּער־ברעג זיך אוועקגעלאָזט צו פרעמדע ברעגן.

א טאָג פאַר איר אָפּפאָרן האָב איך זיך מיט איר באַגעגנט בא איר אין דער היים. אליק, איר צוועלפיאָריק ייִנגעלע, האָט מיט ווייטעק אין האַרצן שוין געהאַט זיך אָפּגעזעגנט מיט די שול־כאַווירים און איז איצט א פאַרומערטער געזעסן אפן דיוואַן און אויסגעשניטן פון די צײַטונגען און זשורנאַלן אַרטיקלען וועגן די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן און פאָטאָגראַפיעס. ער האָט ניט נאָר געוווסט די נעמען פון אלע קאָסמאָנאַווטן, נאָר מיט אלע פּראַטים פאַרגע־דענקט זייערע ביִאָגראַפיעס. זיי זײַנען געווען, ווי א טיילעכל פון זײַן אייגן קינדעריש לעבן. איז ווי קאָן ער אוועקפאָרן אין אן אומבאַקאַנטן לאַנד און ניט מיטנעמען מיט זיך אן אָנדענק וועגן די העלדן, וועמען ער האָט אזוי ליב געהאַט?

אָפּגעסאַמט פון דער ציִוניסטישער פּראָפּאַ־גאַנדע, וואָס שילדערט דאָס לעבן אין ייִסראָעל ווי א גאַניידן, האָט זינע אָנגעווירן די פייִקײַט צו באַגרײַפן, אז פון א גליקלעך, פריידפול לעבן אַנטלויפט זי אליין צו איר ביטערן גורל.

נו, און דער לענינגראַדער אַדוואָקאַט הירש ווערטליב? ווי־אזוי האָט זיך בא אים א דריי־געטאָן דאָס לעבן אין ייִסראָעל? וואָס דער דאַ־זיקער ווערטליב האָט עס אויסגעאַרבעט, פאָ־דערנדיק א דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד! זײַן כסימע איז געשטאַנען די ערשטע אונטער דעם בריוו פון א גרופּע ייִדן צו די אַנטשפּרעכיקע סאָוועטישע מעלוכע־אַנשטאַלטן. ער האָט געקערט וועלטן, אונטער־געהעצט אַנדערע און איז געווען גרייט צו באַגיין א פאַרברעכן, אבי זיך דערשלאָגן זײַנס. דאָס איז דער זעלבער ווערטליב, וועלכער האָט פיגורירט אָף דעם לענינגראַדער פּראָצעס איי־בער פאַרברעכער, וואָס האָבן געפּרוווט פאַר־כאַפּן א פּאַסאַזשיר־אַעראָפּלאַן.

אָבער ווי נאָר הירש ווערטליב מיט זײַן פרוי סאָפיע ווערטליב האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט, האָבן זיי גלײַך געמאַכט האַשיוווינו. און אָט זײַנען זיי איצט אין ווין. זיי זײַנען געקומען אהער איינע פון די ערשטע. הירש ווערטליב אַרבעט דאָ אלס א שוואַרץ־אַרבעטער אָף א סקלאַד, און די פרוי זײַנע איז אן אופראַמערן אין אן אַנשטאַלט.

אַרויסטרעטנדיק אָף א פּרעסע־קאָנפערענץ אין ווין, האָט דער אַנטיסאָוועטיסט שימען ווי־זענטאַל באַהויפּט, אז אזעלכע עמיגראַנטן, ווי זינע מיזשעל, זײַנען „ניט קיין טיפּישע". לאָ־מיר זאָגן, אז ס'איז אזוי. נו, און הירש ווערט־ליב מיט זײַן פרוי און יענע זײַנע מיטאָנטייל־נעמער לויט דעם לענינגראַדער פּראָצעס, וועל־כע געפינען זיך אויך אין ווין, אזעלכע, ווי בעני טאָוובין און פּינכאַס שעכטמאַן, וואָס האָבן, זײַענדיק ציִוניסטיש געשטימט, פאַרלאָזט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און גאַרן איצט זיך אומקערן צוריק? און דאָס פּאָרפאָלק בראַוושטיין פון קיִעוו, ביידע אינזשעניערן? ווי לאַנג איז דאָס געווען, ווען זיי האָבן געטײַנעט, אז ייִסראָעל איז פאַר די ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד „די איינציקע האָפענונג", און איצט זײַנען זיי פון ייִסראָעל געקומען קיין ווין און ווילן זיך אומ־קערן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד? און דער דאָקטער פון קיִעוו באַסיע ביאַליק מיט איר מאַן דעם לערער פּינכאַס שוט, וועלכע פאַרגיסן איצט ביטערע טרערן? און דער אינזשעניער־עקאָנאָ־מיסט ייִצכאָק זעלצער און זײַן זון דער בוי־אינזשעניער עדוואַרד זעלצער? און דער קאַנ־דידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן פון לע־נינגראַד וואָלף הויכמאַן? און דער אינזשעניער־מעכאַניקער פון אָדעס, וואָס וווינט איצט אָף מאַלצגאַסע, באָריס זילבערמאַן? און דער טע־ראַפּעווט ליובע גאָרדינאַ?

איך האָב געקראָגן א בריוו פון ייִסראָעל, פון דימאָנע. זײַנע אווטאָרן — א קינדער־דאָקטער, א גינעקאָלאָג, א ציין־דאָקטער און א יוריסט, וועלכע שטעלן פאָר פיר מישפּאָכעס. זיי שרײַבן: „אינגיכן וועלן מיר קומען קיין ווין. מיר זײַנען מאַסקים אָף א באַליביקער אַרבעט, אבי פאַרלאָזן ייִסראָעל...". אזעלכע זײַנען איצט פאַראַן א סאַך. אויב די אויבן אויסגערעכנטע מענטשן האָבן זיך אַנטוישט, וואָס זשע איז דאָ צו ריידן וועגן געוויינלעכע האָרעפּאַשניקעס? מע קאָן, פאַרשטייט זיך, אָט די אלע מענטשן פאַררעכנענען אין דער קאַטעגאָריע פון „ניט קיין טיפּישע", נאָר פון דעם וועט דער שעקער ניט ווערן קיין עמעס. און דער עמעס באַשטייט אין דעם, אז טויזנטער „אוילים", וועלכע האָבן עמיגרירט פונעם סאָציאַליסטישן לאַנד אין קאַ־פּיטאַליסטישן, האָבן, צוזאַמענשטויסנדיק זיך מיט דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט, דער־זען, אז מ'האָט זיי אומפאַרשעמט אָפּגענאַרט. זיי האָבן זיך דערפילט מאָראַליש אויסגעשעפּט, ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין אָרט אין דער פרעמדער פאַר זיי סוויווע.

באַאומרויִקט פון דער געשאַפענער לאַגע, האָט די ייִסראָעל־רעגירונג קאָמאַנדירט קיין ווין דעם אימיגראַציע־מיניסטער נאַטאַן פּעלעד. אַרויס־טרעטנדיק אָף א פּרעסע־קאָנפערענץ, האָט ער זיך באַמיט צו אײַנשלעפערן די זשורנאַליסטן

מיט דעם, וואָס „בלויז צוואנציק פּראָצענט נײַע אוילים פארלאָזן דאָס לאנד. די איבעריקע פארבלײַבן דאָרט לעבן”.

די זאך באשטייט אָבער אין דעם, אז ס'איז אָך־און־ווי צו זייער לעבן דאָרט. מישפּאָכעס מיט א סאך קינדער האָבן פּאָשעט ניט קיין אנדער ברייֵרע, און זיי זײַנען געצוווּנגען שאָלעם צו מאכן מיט זייער ביטערן גוירל. פון דעם ווערן דען קלענער די ליידן פון טויזנטער ייִדישע עמיגראנטן־מישפּאָכעס, וועמעס לעבן איז אין ייִסראָעל צעבראָכן געוואָרן?

ס'איז ניט שווער צו פארשטיין, אז ווען עס האנדלט זיך בלויז וועגן „ניט טיפּישע” עמיגראנטן, אנטלאָפענע פון ייִסראָעל, וואָלט דער מיניסטער פעלעד מיסטאמע ניט געקומען צו פליִען פון טעל־אוויוו קיין ווין, קעדיי זיך פארענטפערן פאר די זשורנאליסטן.

פון וואָס הייבט זיך אָן די אנטוישונג? צוערשט האָב איך ניט געגלייבט, איך בין מאָמעש דערשיטערט געוואָרן און מײַן הארץ איז איבערפולט געוואָרן מיט צאָרן, ווען מ'האָט מיר באוויזן צוויי ווּקסיקע פּופּצניאָריקע באָכערים, געקומענע פונעם סאָוועטנפארבאנד, וועמען מע האָט מיט גוואלד מאל געוועזן.

אין דער גאָרער וועלט איז ניטאָ נאָך אזא צווייט לאנד, ווי ייִסראָעל, ווו די קלעריקאלן זאָלן אזוי אומפארשעמט דיקטירן דער רעגירונג און דעם פאָלק און אזוי נעגאטיוו אופווירקן אף דעם גאנצן געזעלשאפטלעך־פּאָליטישן מאָצעוו אין לאנד, אזוי פרעך זיך ארײַנמישן אין פּערזענלעכן לעבן פון די מענטשן. דער הארבער, אומבעשאָלעמדיקער, זינלאָזער דיקטאט פון די דאָזיקע לײַט גרענעצט מיט אכזאָריעס.

בלויז פון זייער אויסערלעכן אויסזען אליין טוט שוין א ווייע מיט מיטלאלטער. זיי זײַנען לאכלוטן אָפּגעריסן פון דעם הײַנטיקן לעבן.

אף מיר, וואָס האלט גראָד, אז די רעליגיעזע געפילן דארפן מאקסימאל געאכטעט ווערן, האָט געמאכט א דערשיטערנדיקן אײַנדרוק די פרעכקײַט, מיט וועלכער די דאָזיקע „הייליקע לײַט” בינדן אָן אנדערע מענטשן זייער ווילן.

א מעדינע, ווו די רעגירונג געפינט זיך אין געפאנגענשאפט בא קלעריקאלן, וועט ניט קאָנען דערגרייכן צו אן עכטן פּראָגרעס.

אויסגעמאטערטע פונעם ארומגיין א גאנצן טאָג איבער די אנשטאלטן מיט דײַגעס וועגן ארבעט און וועגן א דאך איבערן קאָפּ, פלעגן מיר אפדערנאכט, ווען עס קומט די געגארטע קילקײַט, זיך פארזאמלען ארום טעלעוויזאָר אין פּאָיע פונעם האָטעל „עדען” אין ראמאט־גאן. די קאדרען, וואָס האָבן געשווינדלט פאר די אויגן מיט די אופשריפטן אף ניט קיין פארשטענדלעכן לאָשן, האָבן אונדז גאָר אינגיכן דערעסן. יעדערער איז געווען פארטאָן אין זײַנע שווערע מאכשאָוועס. פּלוצעם טוט א שפּרונג ארויס אין דער סאמע מיט פון פּאָיע א שטשור פון א מויִרעדיקער גרייס...

אומעטום האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף שמוץ און אנטיסאניטאריע. דאָס מיסט און די קאָלערליי שפּײַז־אָפּפאלן ווערן ארויסגעוואָרפן גלײַך אף די טראָטוארן. פון דער שרעקלעכער היץ הייבט דאָס אלץ אָן גיך צו פוילן. די אָנגעגליטע לופט איז דורכגעזאפּט מיט אָפּסאמענדיקע רייכעס. ס'איז שווער צו עטעמען.

אין סאָוועטנפארבאנד זײַנען מיר געווען געוווינט צו עסן מיטיק אין דער זאוואָדישער גאָרקיך בא א ציכטיק טישל פאר פיר מענטשן. באדינען פלעגן אונדז אָפיציאנטקעס.

אפן זאוואָד, ניט ווײַט פון טעל־אוויוו, ווו איך האָב געארבעט, איז די גאָרקיך אן אומהיימלעכע, קיין אויסוואל פון געריכטן זײַנען ניטאָ, דער ווארמעס איז פאר אלעמען איינער און דער זעלבער. די באדינער, וואָס דערלאנגען דעם ווארמעס, טראָגן די זעלבע ספּעצאָווקע, אין וועלכער זיי האָבן אָקאָרשט געריניקט די אָפּטרעטן. הײַנט דאָס געפעס און די שפּײַזבלאָקן! א כארפּע א קוק צו טאָן. די ארבעטער זעצן זיך אויס אין ענגשאפט בא לאנגע טישן. ס'איז דושנע, מע ווערט אָפּגעגאָסן מיט שווייס. איך האָב זיך ניט געוווּנדערט, דערזעענדיק, ווי אייניקע ארבעטער זאָגן זיך אָפּ צו עסן דעם מיטיק אין דער זאוואָדישער גאָרקיך.

מײַן מײַסטער איז א יונגער באָכער, א מאָראָקאנישער ייִד.

— ביסט א רוסישער? — האָט ער מיך אנומלטן געפרעגט.

— יאָ, א רוסישער. — כ'האָב גלײַך דערפילט זײַן אומפרײַנטלעכקײַט. וויסנדיק, אז איך בין א קוואליפיצירטער פּרעזעראָוושטשיק, האָט ער מיך פונדעסטוועגן אוועקגעשטעלט בא א ווערקשטעל, וואָס פילט אויס גראָבע ארבעט. ווי ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער זיך געסטארעט דערנידעריקן מײַן מענטשן־ווירדע.

אין סאָוועטנפארבאנד פלעג איך שטורמיש רעאגירן אף יעטווידער, אפילע אף דער מינדסטער אנטפּלעקונג פון אומגערעכטיקײַט בענעגייע זיך. אין ייִסראָעל האָב איך בלויז געקריצט מיט די ציין, געליטן און געשוויגן. איך בין געווען צופרידן, וואָס כ'האָב כאָטשבי אזא ארבעט. אנדערע אימיגראנטן אָרדענען זיך אײַן אף צוויי־דרײַ כאדאָשים, און מע ווארפט זיי ארויס אָן שום סיבעס.

אין א פול־געפאקטן אווטאָבוס גייט ארײַן א באיאָרטער מאן, אן אינוואליד. אלע זעען זייער גוט, ווי אין איין האנט האלט דער מענטש א קוליע און מיט דער אנדערער שפּארט ער זיך אָן אין א שטעקל. אָבער קיינער פון די פּא־

סאַזשירן — צווישן זיי אַ סאַך יונגעלײַט, וועלכע זיצן אין די פאָטעלן, פאַריסן די פיס ביז די פענצטער, — קיינער טרעט ניט אָפּ דאָס אָרט. איך הייב זיך אויף. דער אינוואַליד זעצט זיך צו און באַדאַנקט מיך. אַלע פּאַסאַזשירן שמייכלען אונטער און באַטראַכטן מיך, ווי איך זאָל זײַן פון אַן אַנדער פּלאַנעטע. איך הער, ווי עמעצער טוט אַ זאָג „אָלע כאַדאַש" — אַ נײַגעקומענער אוילע.

אין פּעטאַך־טיקווע לעבט מײַנער אַ באַקאַנטער פאָטאָגראַף. אַליין איז ער אַ פּוילישער ייִד. בײַס דעם צווייטן וועלט־קריג איז ער געווען עוואַקויִרט קיין מיטל־אַזיע, ווו ער האָט כאַסענע געהאַט אַף מײַן פּרויס אַ שול־כאַווערטע. נאָך דער מילכאָמע האָט ער אַ געוויסע צײַט געלעבט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, דערנאָך עמיגרירט קיין פּוילן און פון דאָרטן אינײנעם מיט דער מישפּאָכע אַוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל. ווען איך בין געקומען קיין ייִסראָעל, האָט ער שוין דאָ געלעבט קנאַפּע צען יאָר.

ניט האָבנדיק קיין אַנדערע באַקאַנטע, פלעג איך, נאַטירלעך, די ערשטע צײַט זײַן אַן אָפטער גאַסט בײַ דער דאָזיקער מישפּאָכע. איך האָב ניט נאָר זיך צוגעקוקט, וויאַזוי זיי לעבן, נאָר לויט זיי שטודירט, קאָן מען זאָגן, דאָס לעבן פון דעם דורכשניטלעכן ייִסראָעל־בירגער.

מײַן באַקאַנטער איז אַרײַנגעקראָכן איבער די אויערן אין כויוועס און פאַרן געלט, וואָס ער האָט אַנטלײַען בײַם סאָכנוט, געקויפט אַ דירע פון צוויי קליינע צימערלעך, אין וועלכע עס וווינט זײַן געזינד פון פיר מענטשן. ער האָט געעפנט אַ „מאַגאַזין": אַ צימער, וואָס איז אײַבערגעצוימט מיט הילצערנע ווענטלעך אַף דרײַ כאַלאָקים. אין פאָדערשטן טייל פונעם „מאַגאַזין" נעמט מײַן באַקאַנטער אָן באַשטעלונגען אַף פאָטאָגראַפיעס. דאָ פאַרקויפט ער אויך צײַטונגען און בריוו־פּאַפּיר. אין צווייטן טייל געפינט זיך די פאָטאָגראַפיע, אין דריטן מאַכט מײַן באַקאַנטער די נעגאַטיוון און דרוקט די פאָטאָ־בילדער.

זיבן אַזייגער אינדערפרי איז מען שוין אַף די פיס. ניט פאַרגינענדיק זיך עפּעס נעמען אין מויל, אײַלט דער באַלעבאָס עפענען דעם „מאַגאַזין". זײַן ווײַב, וועלכע פירט די באַלעבאַטישקײַט, קומט אין „מאַגאַזין" מיט צוויי שאָ שפּעטער. זעקס אַזייגער אין אָוונט, איבערלאָזנדיק דאָס ווײַב אין געשעפט, ווו זי וועט זײַן ביז נײַן אַזייגער, הענגט ער אויף אַף זיך קאָלערליי פאָטאָ־אַפּאַראַטן, זעצט זיך אַוועק אַפן וועלאָסיפּעד און פאָרט פון פּעטאַך־טיקווע קיין טעל־אַוויוו, ווו אין אַ ספּעציעלן רעסטאָראַן קומען פאָר כאַסענעס. די כאַסענע־פאָטאָגראַפיעס איז זײַן גרונט־פאַרדינסט. די רעכט צו באַשעפטיקן זיך מיט דעם איניען האָט ער אָפּגעקויפט בײַ אַ פאָדריאַדטשיק און צאָלט אים אָפּ דעם גרעסטן טייל פונעם פאַרדינסט. טיף אין דער נאַכט, אַן אויסגעמאַטערטער, זעצט ער זיך אַפן וועלאָסיפּעד און פאָרט אַהיים — אַ מעהאַלעך פון צוואַנציק קילאָמעטער. איבערלאָזן דעם וועלאָסיפּעד אַף דער גאַס איז ריזיקאַל — מ'וועט אים אומבאַדינגט צוגאַנווענען. שלעפּט ער אים אַפן פערטן שטאָק, ווו ער וווינט. זיבן אַזייגער אינדערפרי איז ער שוין ווידער אַף די פיס. און אַזוי טאָג־אײַן, טאָג־אויס.

פאַר אַ גאַנץ יאָר זײַנען מײַנע באַקאַנטע קיין איין מאָל ניט געווען אין טעאַטער אָדער אַף אַ קאָנצערט, אַפילע אין קינאָ. דער זין פון זייער גאַנץ לעבן איז געוואָרן פּאַרנאָסע. און די דאָזיקע מענטשן, ווען זיי האָבן געלעבט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, פלעגן גערן זען אַ נײַעם ספּעקטאַקל און גאָר אָפט אַ פילם, זיי פלעגן שפּאַצירן אין פּאַרק, פאַרברענגען זומער אַפן פּליאַזש. ייִסראָעל האָט זיי איבערדערצויגן...

מיר זיצן אין קאָרידאָר פון סאָכנוט און וואַרטן, מע זאָל אונדז אופנעמען. עס עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַרײַן אַ מאַנצבל אין די מיטעלע יאָרן. מע זעט גלײַך — פון די סאַברעס. ניט ווענדנדיק קיין אופמערקזאַמקײַט אַף דער ריי, לאָזט ער זיך גלײַך צו דער טיר. זייער אין אַ העפלעכער פאָרם האָבן מיר אים געמאַכט אַ באַמערקונג.

ווי ער איז עס אופגעזאָגטן געוואָרן: „איר, שמוציקע סאָוועטישע ייִדן! ווער האָט אײַך אַהער געבעטן קומען? בעסער וואָלט איר זיך די פיס אויסגעבראָכן..." ער האָט זיך ניט געקאָנט אײַנצוימען, זיך געקלאַפּט מיט דער האַנט אין קאַרק און געפּינעט: „איר זיצט אַף אונדזער האַלדז־און־נאַקן, איר נעמט בײַ אונדז אָפּ דאָס לעצטע, פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן!.."

אַ ריס געטאָן דאָס הענטל פון דער טיר, איז ער אַרײַן אין צימער פונעם סאָכנוט. ווי געפּלעפּטע זײַנען מיר שווײַגנדיק געבליבן זיצן און לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך.

אין פיר כאָדאָשים אַרום נאָך מײַן קומען קיין ייִסראָעל איז דאָ פאָרגעקומען עפּעס גאָר שוידערלעכס. אַ פרוי איז אַוועקגעגאַנגען פון איר ניטגעליבטן מאַן. אין איינעם אַ טאָג, ווען בײַ דער פרוי האָבן זיך פאַרזאַמלט געסט, צווישן זיי קינדער, ווײַל ס'איז געווען אַ באַרמיצוועיאָמטעוו, האָט דער מאַן אַ שלײַדער געטאָן אין פענצטער אַרײַן, איינע נאָך דער אַנדערער, דרײַ גראַנאַטעס. עס זײַנען דערהאַרגעט און פאַרווונדעט געוואָרן אַ סאַך מענטשן — פרויען, קינדער, אַלטע לײַט.

פאָרנדיק אינדערפרי מיטן אויטאָבוס אַף דער אַרבעט, לייען איך אין אַ צײַטונג די כראָניק

פון פאַסירונגען. אַ ניַינצניאָריק מיידל, אָן ענג־לענדערן, איז געקומען קיין ייִשׂראָעל אַלס טור־ריסטקע. פּלוצעם איז זי נעלעם געוואָרן. מ׳האָט זי געזוכט, אָבער אָן דערפאָלג. האָט מען אָף דעם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דעם מיידלס עלטערן אין ענגלאַנד האָבן אופגעהויבן אַ טומל, און די ייִשׂראָעל־פּאָליציי האָט ווידער אָנגע־הויבן זוכן. ענדלעך האָט מען דעם מיידלס צע־קאַליעטשעטן קערפּער געפונען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, וויַט פון אַ וועג. באַנדיטן האָבן דאָס מיידל פאַרגוואַלדיקט און אַכזאָריעס־דיק דערהאַרגעט.

אין בעט־יאם האָבן מינדעריאָריקע כוליגאַ־נעס אָפּגענומען בא אַ 75־יאָריקער בעטלערן אַ בײַטעלע מיט הונדערט ייִשׂראָעל־ליר און זי דערמאָרדעט.

סיסטעמאַטיש, אין מיטן העלן טאָג, ווערן באַרויבט בענק, קלייטן, אַנשטאַלטן. די פאַר־ברעכער דעמאָנסטרירן דערבײַ אַזאַ „הויכן קלאַס", אַז עס וואָלטן זיי געקאָנט מעקאַנע זײַן די קוואַליפיצירטסטע גענגסטערס אין דער וועלט.

און דאָס אַלץ קומט פאָר אָף דער „הייליקער ערד".

אַ פּאַראַדאָקסאַלע זאַך. שוין זײַענדיק אין ייִשׂראָעל, איז מיר אָפט געקומען צו כאַלעם, אַז איך פאָר ערשט אַהין. און ווען איך פלעג זיך אופכאַפּן פון שלאָף אין דעם אומרייִנעם איפּעשדיקן האָטעל, פלעגט מיך אַרומכאַפּן אַ גרויל, איך פלעג פאַרמאַכן די אויגן און אַ קלער טאָן: מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט איך איצט אָן עטעם געטאָן מיט דער לופט פון רוסלאַנד!

רוסלאַנד! אונדזער געבוירן־לאַנד. דאָרט זײַ־נען מיר געגאַנגען אין שול, דאָרט איז פאַר־לאָפן אונדזער קינדהײַט, דאָרט האָבן מיר זיך געכאָוועט, געוואָרן דערוואַקסענע מענטשן. דאָס גוטע, וואָס מיר פאַרמאָגן, האָט מען אין אונדז פאַרפלאַנצט דאָרטן...

די ייִשׂראָעלדיקע פּרעסע סטאַרעט זיך מיט אַלע קויכעס אָפּסאַמען די מויכעס פון די נײַ־געקומענע מיט האַס און מיט פײַנטשאַפט צו רוסלאַנד, צו דעם סאָוועטישן פאָלק. אָף די שפּאַלטן פון דער ציִעניסטישער פּרעסע קאָן מען טרעפן אַזעלכע שורעס: „די ייִדן אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד געפינען זיך בא הײַנטיקן טאָג נאָך אין אַ גרעסערער געפאַר פון פיזישער אויסראָטונג, איידער ווען־ניט־איז פריִער"... דער נאַיִווער קליינבירגער פון אַ מײַרעוו־לאַנד, וועלכער איז קיינמאָל ניט געווען אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, קאָן זיך נאָך לאָזן געכאַפּט צו ווערן אָף אַזאַ ווענטקע, אָבער אין די אויערן פון דעם נײַגעקומענעם אימיגראַנט קלינגט עס ווי דער

ווילדסטער, פּרעכער און עקלהאַפטער שעקער. און דאָ טרעפן מיר זיך מיט אָן אייגנאַרטיקן בומעראַנג. די מענטשן הייבן אָן צו באַגרײַפן, אַז מע נוצט זיי אויס אָף צו פאַנאַנדערבלאָזן די סינע צום סאָוועטנפאַרבאַנד. הייסט עס, ס׳איז געווען גערעכט די סאָוועטישע פּרעסע, ווען זי האָט געשריבן, אַז אין ייִשׂראָעל איז דער אַנטי־סאָוועטיזם דערפירט צו דער מאַדרייגע פון אַ מעלוכע־פּאָליטיק.

מיט ווייטעק אין האַרצן קוק איך זיך צו צו די טויזנטער מענטשן, וועלכע מ׳האָט אַזוי פּרעך אָפּגענאַרט און וועמעס ווילײַנגעאָרדנט לעבן מע האָט צעבראָכן און כאָרעוו געמאַכט. לע־רער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אַרטיסטן, אינ־זשעניערן, טעכניקער האָבן ניט קיין מעגלעכ־קײַט צו אַרבעטן לויט זייער פאַך, צו אָנווענדן זייערע קענטענישן און פּראָפעסיאָנעלע דערפאַ־רונג. זיי יאָגן אַרום פון שטאָט צו שטאָט, זוכנדיק אַוועלכע־ניט־איז אַרבעט. דער פאַרזי־צער פון דער פאַרייניקונג פון די עמיגראַנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד דער ציִעניסט קאַסע האָט היסטעריש דערקלערט עפנטלעך: „גענוג דאָקטוירים און אינזשעניערן! זאָלן אַהער פאָרן שטוקאַטורן!"

די ייִשׂראָעלדיקע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן אין דער פּרעסע און ראַדיאָ געזונגען שוואָכים די גרוזינישע ייִדן, געטײַנעט, אַז זיי זײַנען די סאַמע אָרטאָדאָקסאַל־גלויביקע ייִדן, וועלכע האָבן „אין פאַרביטערטן קאַמף מיט דער סאָ־וועטנמאַכט" פאַרהיט זייער אייגנאַרט; זיי זײַ־נען רעגולער געגאַנגען אין דער סינאַגאָגע און געפּראַוועט אַלע רעליגיעזע יאָמטויווים. דערבײַ איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די גרוזינישע ייִדן האָבן ניט קיין שום געמיינ־זאַמקײַט מיט די „גאָיִם". בא זיי קומען ניט פאָר קיין געמישטע כאַסענעס, זיי האַלטן טײַער די ריינקײַט פון דער ייִדישער ראַסע. דעריבער איז זייער אָרט בלויז אין ייִשׂראָעל, ווו זיי וועלן קאָנען אַנטפּלעקן די פּריוואַטע איניציאַ־טיוו און עפענען אייגענע געשעפטן...

די גרוזינישע ייִדן, וואָס האָבן זיך געכאַפּט אָף אָט דער ווענטקע, באַוויינען זייערע יאָרן. מ׳איז געקומען קיין ייִשׂראָעל מיט גרויסע גע־זינדן. קיינער האָט ניט קיין גאַנגבאַרן פאַך. אַלץ, וואָס מ׳האָט מיט זיך געבראַכט, איז שוין אויסגעפּאַרקויפט, מע איז אַרײַנגעקראָכן אין כויוועס. ס׳איז טאַקע קיין כידעש ניט, וואָס די „סאַמע אָרטאָדאָקסאַל־גלויביקע" ווילן ניט לעבן אָף דער „הייליקער ערד", און זיי האַלטן, אַז מ׳האָט זיי פאַרנאַרט אין אַ פרעמדער לאַנד.

אַ סאַך פון אונדז האָבן נאַיִוו געקלערט, אַז קומענדיק קיין ייִשׂראָעל, וועלן מיר אַרײַנפאַלן

אין אן אטמאָספער פון הארציקער „ייִדישער וואַרעמקײַט״. אינדערעמעסן אָבער האָבן מיר אָנגעטראָפן פונקט ווי אַף אן אנדער פּלאַנעטע, ווו אין דעם גליִענדיק־הייסן קלימאַט באַגעגנט מען מענטשן מיט קאַלטע הערצער און דאָרט לעבט מען לויט דעם פּרינציפּ: האָסטו געלט, ביסטו א מענטש, האָסטו ניט — ביסטו קיין מענטש ניט. פון אונדזער האָפענונג צו לעבן „אין אן אידעאַלער ייִדישער מדינה״ האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך, אָנשטאָט א פּראָגרעסיווער פרײַער דעמאָקראַטישער מלוכה האָבן מיר דאָרט דערזען שרײַענדיקע סאָציאַלע אומגלײַכהײַט, א שווינדלדיקן קאָנטראַסט צווישן רײַכקײַט און אָרעמקײַט, אן אײַנגעקאָרענייעטן קולט פון באַרײַכערן זיך. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן מיטן אָנראַכמאָנעסדיקן באַלעבאָס־עקספּלואַטאַטאָר, מיט רעליגיעזע פאַנאַטיקער־כוליגאַנעס, וועלכע צינדן אונטער רעדאַקציעס פון פּראָגרעסיווע צײַטונגען און דראָען צו דערמאָרדן דאָקטוירים־פּאַטאָלאָגן, מיט פײַנטשאַפט און סינע צווישן די אשקענאַזים און ספרדים, מיט קאָרופּציע און אומדערהערטן דיקטאַט פון די אַבסקוראַנטן.

ניט די היסטאָרישע פאַרגאַנגענהײַט, ניט די רעליגיע, ניט די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקײַט, שוין אָפּגערעדט פון די פּאָליטישע אָנשוויונגען, כאַראַקטעריזירן ניט די אײנהײַטלעכע אינטערעסן פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען אהער פון 94 לענדער און ריידן אַף 70 לעשוינעס. יעדע עטנישע גרופּע שטרעבט דאָ צו אָפּזונדערן זיך, צו קאָנצענטרירן זיך אין איין ראַיאָן, אין א סוויווע, וואָס איז זיי נאָענט, אָפּהיטנדיק די אין מעשעך פון יאָרהונדערטער אויסגעפורעמטע טראַדיציעס און געוווינהײַטן, איזאָלירנדיק זיך פון אנדערע גרופּעס אין אייגנאַרטיקע „געטאָס״: די גרוזינישע ייִדן — באַזונדער, די ייִדן פון מאַראָקאָ — באַזונדער, די שפּאַנישע ייִדן — באַזונדער, די דײַטשישע ייִדן — אויך באַזונדער.

ניין, מיר קאָנען ניט, ס׳איז איבער אונדזערע קויכעס זיך צוגעוווינען צו דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט, שאָלעם מאַכן מיט אירע פּאַראַנדקעס. מ׳האָט אָפּגענאַרט אונדזערע האָפענונגען, מיר האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן און האָבן פאַר דעם טײַער באַצאָלט. דאָס לעבן האָט זיך אָפּגעקערט פון אונדז. מיר האָבן ניט די מעגלעכקײַט צו באַפרידיקן אונדזערע מאַטעריעלע און גײַסטיקע באַדערפעענישן. צווישן אונדז און די ייִסרעיילים שטייט א פּסיכאָלאָגישע מעכיצע־וואַנט. זיי האַסן אונדז, האַלטן פאַר אַזעלכע, וואָס עסן פרעמד ברויט, וואָס נעמען צו בא זיי די מעגלעכקײַט צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלן מאַצעוו.

מיר קאָנען ניט לעבן אין א לאַנד, ווו די גאַנצע פאַרביטערטקײַט און דער האַס איז געצילט קעגן אונדז, ווו די אַלטגעזעסענע זײַנען קעגן די נײַגעקומענע, ווו די אַפּשטאַמיקע פון די מיזרעך־לענדער זײַנען קעגן די אַפּשטאַמיקע פון אנדערע לענדער, און אַלע איינעם זײַנען זיי פײַנטלעך צו די עמיגראַנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

מיר קאָנען ניט לעבן אין א לאַנד, ווו עס געוועלטיקט דער קריגערישער שאָוויניזם און עס איז אײַנגעפּירט א ברוטאַלער ווילקיר אַף די פאַרכאַפּטע אראַבישע שטעטכים. וויפל פרויען, קינדער און אַלטע לײַט, פאַרטריבענע פון זייערע היימען, זײַנען שוין אין רעזולטאַט פון אָט דעם ווילקיר אומגעבראַכט געוואָרן.

אָט אַזוי זעט אויס דער מיף וועגן א האַרמאָניש פאָלק, וואָס לעבט אין שאָלעם און אין אַכדעס.

אין ייִסראָעל האָבן אייניקע מענטשן געטײַנעט צו מיר: „כאָטש דער נאָמען און די פּאַמיליע זײַנען בא דיר רוסישע, ביסטו דאָך פאָרט א ייִד. פאַרוואָס זשע שטייסטו אַף דער זײַט פון די אראַבער און באַשולדיקסט די ייִדן?״

— איך בין ניט קיין אַדוואָקאַט בא די אראַבער און באַשולדיק ניט די ייִדן, — האָב איך זיי געענטפערט. — איך בין געבוירן געוואָרן און געוואַקסן אין באַדינגונגען פון גאָר אן אנדער סאָציאַלער אָרדענונג, און דערפאַר האָב איך מיטגעלײַד ניט נאָר צו די ייִדישע, נאָר אויך צו די אראַבישע קינדער.

ניט ווילנדיק דערמאָנט זיך מיר א ראַדיאָטראַנסליאַציע פון בי־בי־סי. עס איז געגאַנגען א רייד וועגן דעם, פאַרוואָס יעדן יאָר פאַרלאָזן ייִסראָעל אַנערעך 15 טויזנט יונגעלײַט, וועלכע זײַנען דאָרט געבוירן און אויפגעוואַקסן געוואָרן. דער ענטפער פון די יוגנטלעכע איז געוועזן א לאַקאָנישער: „מיר ווילן לעבן אין א נאָרמאַל לאַנד״.

אין די מײַרעוו־לענדער פאַרשווײַגט מען דעם פאַקט, אז א קאָלאָסאַלע צאָל געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועמעס לעבן עס איז מאָראַליש און פיזיש צעבראָכן געוואָרן, וואָלט מיט דער גרעסטער פרייד זיך אומגעקערט צו זיך אהיים און וואָלט שוין מער קיינמאָל ניט געקלערט וועגן ייִסראָעל.

פאַר מענטשן, וועלכע זײַנען געבוירן, אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין די באַדינגונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, איז קרענקלעך־שווער אָנצוהייבן א נײַ לעבן אין די באַדינגונגען פון א קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. ביז זייער לעצטן אָטעם וועט זיי ניט אָפּלאָזן די נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דער סאָציאַליסטישער היים. די דאָזיקע מענטשן וועלן קיינמאָל ניט זײַן אימשטאַנד בײַצוקומען דעם

פּסיכאָלאָגישן באַריער, וואָס עקזיסטירט צווישן
זיי און די ייִסרעיילים.

אונדזער נעגאַטיווע באַציִונג צו דער קאַפּיטאַ־
ליסטישער סיסטעם אין ייִסראָעל פּרווּוט מען
אויסטײַטשן ווי א פּײַנטלעכע באַציִונג צו דער
מעדינע און צום דאָרטיקן פאָלק. מע שטעלט
אף אונדז דעם שטעמפּל „אגענטן פון דער סאָ־
וועטישער פּראָפּאַגאַנדע". דאָס איז בײַזוויליקע
רעכילעס. מיר, יענע סאָוועטישע ייִדן, וואָס
האָבן זיך געלאָזט פארפירן און האָבן פארלוירן
אונדזער היים, זײַנען ניט קיין סאָנים פון ייִס־
ראָעל; מיר ווילן, אז ייִסראָעל זאָל זיך ניט
פּאַרמעסטן אף אונדזערע רעכט צו לעבן אזוי,
ווי ס'איז אונדז צום האַרצן. און דאָס סאַמע
איקערדיקע: ייִסראָעל האָט ניט קיין רעכט
ארויסצוטרעטן אין דער ראָל פון אן אדוואָקאַט
און ריידן אין נאָמען פון די סאָוועטישע ייִדן,
זיי האָבן דערוף די ייִסראָעלדיקע קרײַזן ניט
געגעבן קיין פולמאכטן.

די ייִסראָעל־רעגירונג האָט די גאַנצע קראַפט
פון איר פּראָפּאַגאַנדיסטישן אפּאַראַט קאָנצענ־
טרירט קעגן פּסער, דערבײַ רעכנט זי אויך אויס
אף די עמיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

ייִסראָעל נייטיקט זיך ניט בלויז אין האַר־
מאַטן־פלייש, נאָר אויך אין וואָלוועלע ארבעטס־
הענט. א הויכקוואַליפיצירטער ארבעטער, אן
עמיגראַנט פון פּסער, וואָס פאַרמאָגט דעם
זעקסטן ראַזריאַד, באַקומט אין ייִסראָעל בלויז
דעם צווייטן ראַזריאַד, און ער איז גליקלעך,
ווען מע גיט אים דעם דריטן ראַזריאַד. ווײַזט
זיך ארויס, אז דאָס וויכטיקסטע איז דאָ ניט די
קוואַליפיקאַציע, נאָר דער ארבעט־סטאַזש אף
דער געגעבענער אונטערנעמונג. אונדז האָט
אויסגעזען אומגעלומפּערט אזאַ לאַגע, ווען אן
ארבעטער פון זייער א נידעריקער קוואַליפי־
קאַציע, וואָס פּײַלט בלויז ארום די „זאַוסענ־
צעס" אף דער דעטאַל, באַקומט לויטן זעקסטן
ראַזריאַד, ווײַל ער ארבעט שוין לאַנג אפן זאַ־
וואָד, און זײַן שאָכן, א הויכקוואַליפיצירטער
שלאָסער־אינסטרומענטאַלשטשיק, וואָס מאַכט
שטאַמפּן, באַקומט לויטן פערטן ראַזריאַד, ווײַל
ער איז ניט לאַנג צוריק געקומען פונעם סאָ־
וועטנפאַרבאַנד.

די פּראָבלעם פון אײַנאָרדענען זיך אף אַר־
בעט איז פאַר דעם עמיגראַנט פון סאָוועטנפאַר־
באַנד די סאַמע האַרבסטע. ער קאָן ניט, ווי,
לעמאָשל, דער רײַכער ייִד פון אמעריקע, וועל־
כער איז געקומען מיט א טשעק־ביכל אין קע־
שענע, לאַנג וואַרטן. ער מאָנט טייקעף ארבעט
און א דאַך איבערן קאָפּ. אָבער די מעגלעכקײַטן
צו באַפרידיקן זײַנע פאָדערונגען זײַנען שטאַרק
באַגרענעצט. פונדאַנען קומט פריִער פאַר אלץ
די אומצופרידנקײַט און די אנטוישונג.

פאַר דעם סאָוועטישן ייִדן איז ניט נאָר אומ־
דערטרעגלעך שווער זיך צופּאַסן צו דעם היגן
הייסן קלימאַט מיט די טרוקענע זאַמדיקע ווינטן,
ער ווערט מאַמעש דערשטיקט פון דעם פּאָלי־
טישן קלימאַט. מיר זײַנען דערצויגן געוואָרן
אין א לאַנד מיט גאָר אן אנדער פּאָליטישער
סיסטעם, אין א געזעלשאַפט, ווו אלץ איז דיאַ־
מעטראַל־קעגנזעצלעך צו דעם, מיט וואָס מיר
האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין ייִסראָעל. די
קאַפּיטאַליסטישע זײַטן, וועלכע געוועלטיקן דאָ,
האָבן ארויסגערופן בא אונדז ניט נאָר א אינער־
לעכן פּראָטעסט, נאָר אויך אן עקל־געפיל.

דער ייִד דער קאַפּיטאַליסט און עקספּלואַטאַ־
טאָר איז אף קיין האָר ניט בעסער פון א באַ־
ליביקן אנדערן קאַפּיטאַליסט, און עס איז
צווײַעסדיק־פאַלש די ציִוניסטישע באַהויפּטונג,
אז ייִסראָעל איז, קלוימערשט, א מעדינע פון
גלײַכע מעגלעכקײַטן פאַר אלעמען — דאָ האָט
ניט קיין אָרט דער קלאַסנקאַמף.

איך האָב זיך באַקאַנט מיט א באַיאָרטן אָרע־
מען אמעריקאַנער ייִדן, וועלכער האָט עמיגרירט
קיין ייִסראָעל. א הויכקוואַליפיצירטער זייגער־
מאַכער, איז ער אָנגעקומען אף ארבעט אין דער
פירמע „אמעגאַ־טיסאָט", וואָס מאַכט דעם גאַ־
ראַנטיע־רעמאָנט פון די זייגערס. דער באַלע־
באָס פון דער פירמע, דער מיליאָנער שמועל
ראַזאַנסקי, לעבט אין טעל־אוויוו. א מענטש
שוין אין די עלטערע יאָרן, האָט דער זייגער־
מאַכער, אין פאַרגלײַך מיט די יונגע ארבעטער,
רעמאָנטירט פּאַרן טאָג עטוואָס ווייניקער זיי־
גערס. וויפל אגמעסנעפּעש האָט אים פאַר דעם
פאַרשאַפט דער מײַסטער! און געענדיקט האָט
זיך עס מיט דעם, אז שמועל ראַזאַנסקי האָט
ארויסגעטריבן דעם אלטן מאַן פון דער ארבעט.
און די ציִוניסטן ווילן אונדז אײַנריידן, אז
דער דאָזיקער שמועל ראַזאַנסקי איז אונדזערער
א לײַבלעכער ברודער. ווי געפעלט אײַך אזאַ
ברודערל?!

פאַר דעם ייִדן פון מאָסקווע, לענינגראַד,
קיִעוו איז אין ייִסראָעל אלץ אומבאַקאַנט און
פרעמד. אפילו אין דער נײַער דירע איז ער
ניט פרײַ פון דעם געפיל פון א בעזשעניעץ,
פון אן אומגעבעטענעם גאַסט.

א סאַך פון די, וואָס האָבן דערלאַנגט מעל־
דונגען אף ארויסצופאָרן קיין ייִסראָעל, זײַנען
געוווען פאַרטשאַדעט פון די שיינע, אָבער פאַל־
שע צוזאָגן. איצט, ווען די ייִסראָעל־ווירקלעכ־
קײַט האָט זיך אויפגעשטעלט פאַר זייערע
אויגן אין איר עקלהאַפטער נאַקעטקײַט, איז
געקומען די אויסניכטערונג און ס'האָט גענומען
פּײַניקן די נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דער
עמעסער היים.

די דאָזיקע בענקשאַפט לאָזט ניט אָפּ ניט
באַטאָג, ניט באַנאַכט. עס פּײַניקט דאָס געוויסן,
די שולד פאַר די קינדער, וועלכע מ'האָט אהער

פאַרפירט. וואָס וועט מיט זיי זײַן? די שרעק פאַר זייער צוקונפט פאַרשאַפט אומגעהייערע ליידן. בא אַלץ מער און מער עמיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד עפענען זיך די אויגן, און זיי פילן דעם גרויסן עמעס: היימלאַנד איז ניט קיין געאָגראַפישער באַגריף. דאָס פאַרשטייען איצט ניט בלויז די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם ציִוניסטישן שעקער און האָבן עמיגרירט קיין ייִסראָעל, נאָר אויך יענע, וואָס זײַנען אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל צוליב זייערע, אַזוי צו זאָגן, ציִוניסטישע אַנשויוּנגען — אַזעלכע, ווי בעני טאָוובין, הערש ווערטליב, פּינכאַס שעכטמאַן, וועלכע זײַנען געווען געמישפּעט אויף דעם לענינגראַדער פּראָצעס. זיי האָבן איצט אויך פאַרלאָזט ייִסראָעל, געקומען קיין ווין און בעטן די סאָוועטישע געזאַנדשאַפט, מע זאָל זיי דערלויבן זיך אומקערן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. און ווי לאַנג ערשט האָבן די בורזשואַזע ייִסראָעל־צײַטונגען געטומלט, אַרויסשטעלנדיק די דאָזיקע מענטשן אַלס זייערע העלדן.

אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן זײַנען אָפטע געסט אויף דער מאַלצגאַסע נומ. 1. זיך דערוווּסט, אַז די ייִדן, געוועזענע סאָוועטישע בירגער, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן, לויט זייער אויסוואַל, אין אַ וועלכן־ניט־איז מײַרעוו־לאַנד, וווּ מע זאָגט זיי צו אַ דירע און הילף אײַנעם אײַנאָרדענען דאָס פּערזענלעכע לעבן, און אַז אַלע ווילן זיי נאָר צוריק זיך אומקערן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, — האָט איינער פון די דאָזיקע זשורנאַליסטן זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַ צעטומלטער אויסגערופן: „איר זײַט אַלע אַראָפּ פון זינען! מע האָט דאָך פון רוסלאַנד ניט אַוועקגעשיקט אײַך מיט גוואַלד!”

קיינער איז ניט שולדיק אין אונדזער שווערער לאַגע. מיר אַליין האָבן אָפּגעריסן פון אונדזערע הערצער דאָס סאָציִאַליסטישע היימלאַנד אונדזערס, זיך אָפּגעזאָגט פון דעם סאָוועטישן פאָלק. מיר האָבן אַליין אַוועקגעוואָרפן בא זיך דאָס אייגענע גליק. מ׳האָט אונדז געוואָרנט, איבערצײַגט, אײַנגערעדט, ווי די קליינע קינדער. און מיר? מיר האָבן ספּעקולירט מיט דער דעקלאַראַציע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס וועגן מענטשנרעכט. די עמעסע פרײַנט, וואָס האָבן געוואָלט אונדז טאָן נאָר גוטס, האָבן מיר מיט בייזקײַט געטאַדלט. מיר האָבן מיט די אייגענע הענט כאָרעוו געמאַכט אונדזער אײַנגעפונדעוועט לעבן, אָפּגענומען די צוקונפט בא אונדזערע קינדער און זיך פאַרוואַנדלט אין פּלייטים.

נאָך די אַכצן פּלאָג־כאַדאָשים, וואָס מיר האָבן אָפּגעלעבט אויף מײַרעוו, איז נאָך שטאַרקער אונדזער באַגער זיך אומקערן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. מיר האָבן ענדגילטיק זיך איבערצײַגט, אַז ס׳איז אָן אומזין צו בײַטן דעם סאָוועטישן לעבנס־נוסעך אויף דעם מײַרעוודיקן. אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן מיר געלעבט, דאָ — עקזיסטירן מיר, מישטיינסגעזאָגט.

עס וועט דאָ זײַן צום אָרט ברענגען אַ געצוווּנגענע אָנערקענונג פון אַן אומפּרײַנט פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד — דעם ציִוניסט כאַנאַנימייטיק, וועלכער האָט געשריבן אין אַ מאַפּאַמישער אויסגאַבע:

„וואָס מיר זאָלן ניט שרײַבן און ניט קלערן וועגן דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק אויף דעם נאָענטן מיזרעך, קאָנען מיר ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז דער עמיגראַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז געקומען פון אַ לאַנד מיט אַ הויכן ניוואָ פון אַלגעמיינעם וווילזײַן. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן די אומזיסטיקע בילדונג (אײַנגעשלאָסן הויכבילדונג), די מעדיציניש באַדינונג, דעם פּראָגרעסיוון געזעץ וועגן פּענסיע און פיל אַנדערע זאַכן. ס׳איז פולשטענדיק נאַטירלעך, וואָס קומענדיק אין אַ באַריר מיט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, מאַכט דער עמיגראַנט גאָר איינגיכן דעם אויספיר, אַז אין דער סאָציִאַליסטישער סיסטעם זײַנען אַ סאַך זאַכן געלייזט בעסער...”

ניקאָלײַ פּעטראָוו (יאַקאָוו שטיין).
פּרעזעראָווטשיק פון דעם מאַשינבוי־זאַוואָד אין ווין, עסטרײַך.

ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי

נאטאן זאבארע

אונטער דער הײסער זון פֿון פּראָוואַנס

ראמאן

א פּאָר ווערטער צו דער פּובליקאַציע פֿונעם צווייטן בוך פֿון מײַן ראָמאַן „ס'איז נאָך גרויס דער טאָג"

אין איניקע צײַטונגען פֿון כּוץ־לעאַרעץ האָט מען נאָכן פּובליקירן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" דעם ערשטן בוך פֿון מײַן ראָמאַן „ס'איז נאָך גרויס דער טאָג" אַרויסגעשטעלט א קלאָץ־קאַשע: ווי קומט אזא ווערק צו א סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער און אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"? ס'איז שוין ניט קיין נײַס, אַז בורזשואַזע ייִדישע צײַטונגען, פֿײַנטלעכע צו דער סאָוועטישער ליטעראַטור, מאָלן אויס דעם היסטאָרישן זשאַנער אָפֿן מאַטעריאַל פֿונעם פֿאָלקס־לעבן ווי עפּעס א יוניצע מין האָקלאַל, ווי א פֿענאָמען, ווי א מין „פּרעמד געוויקס" אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

ווײַל איך דאָ זאָגן, אַז אַזעלכע „מעווינים" לעבן אין טאָעס. דער סאָוועטישער שרײַבער, אין וועלכער שפּראַך ער זאָל ניט שאַפֿן, קאָן און דאַרף זיך אָנשפּאַרן אָף די טראַדיציעס פֿון דער גרויסער פֿילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, אין וועלכער עס זײַנען פֿאַראַן אויסגעצייכנטע מוסטערן פֿון טיף נאַציאָנאַלע און איינצײַטיק אַלמענטשלעכע ווערק.

אויך אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן מיר עס ניט איין מאָל געזען. איז דען דעם ניסטערס „די מישפּאָכע מאַשבער", האַלקינס „באַר־קאָכבאַ" און נאָך אַנדערע ענלעכע ווערק ניט אויסגעוואַקסן אָף אונדזער אייגענעם סאָוועטישן באָדן?

אין די ווײַטערדיקע טיילן פֿון מײַן היסטאָריש ווערק פֿאַרנעמט א גאָר אָנגעזעען אָרט דער קאַמף פֿון די אַלביגעזער קעגן דער קאַטוילישער קירך. דאָס איז שוין ווײַט ניט קיין ריין ייִדישע פּראָבלעם. ווען איך האָב זיך געשטעלט פֿאַר א ציל דורך א געשיכטע־פֿענצטערל אַרײַנקוקן אינעם הײַנט און אין אונדזער מאָרגן, קאָן איך זיך ניט באַגרענעצן מיט דער אויסשליסלעך ייִדישער סוויווע (ווי ס'איז צו זען אינעם צווייטן בוך פֿון מײַן ווערק — „אונטער דער הייסער זון פֿון פּראָוואַנס").

וואָס געהער צום שײַכעס פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט מײַן ווערק, זע איך אינעם זשורנאַל אונדזערן דעם געדיכט־אײַנגעוואָרצלטן שטאַס, וואָס ציט די זאַפֿטן נאָך פֿון שאָלעם־אַליכעמס „פֿאָלקס־ביבליאָטעק" און פֿון די „שטראַם"־זאַמלונגען מיטן „אייגנס"; פֿון די אַלמאַנאַכן „אָקטיאַבער" און „נײַ־ערד"; פֿון דער „רויטער וועלט"־און פֿון די זאַמלונגען „סאָוועטיש". דער ייִכעס איז א גאַנץ בעקאָוועדיקער, און באַ אַזא יוירעש איז צו דערוואַרטן, אַז נאָך מערערע און בעסערע ווערק וועלן קומען. אין אונדזער סאָוועטישן באַגריף „בעסערע" גייט אויך אַרײַן א געזונטע אופּאַסונג פֿונעם נאַציאָנאַלן ווערט פֿונעם ווערק.

דער מעכאַבער

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9 — 10 פֿון 1972.

דער גלײַכסטער וועג איז פול מיט שטיינער

מענטשן און באַלעכאַים האָבן אויסגעטראָטן די וועגן צום שלאָס אָפן בארג, מיטן רונג דערפער באַם צופוסנס, צו אַ ניט וויַטער שטאָט באַם ראַנד פון יאַם, צו צענדליקער גרעסערע און קלענערע ייִשווים באַ די טײַך־ברעגן. ווימלט דאָ שטענדיק מיט אָרכע־פּאָרכע, מיט קאָלערליי וואַנדערנדיקע ריטער, לערן־יונגען, קליריקער, פּאַקנטרעגער, טענדלער מיט זייער ביסל סכוירע אָף די בײַנערדיקע אַקסל, און גלאַט מיט מעדינע־גייער.

אָט שלעפּט זיך אַ באָרוועסע קנופּיע, אַן ערעווראַוו פון מענער אין פאַרשיידענעם עלטער, אָנגעטאָנענע אין אַלציינע לײַוונטענע ברייטע פּלודערן, מיט פאַרגאַרטלטע מאַנטלען אָף די הוילע ברוסטן. אָף די קײַלעכיק־שפּיצעכיקע היט זײַנען אָנגעסטריגעוועט ווײַסע און קאָליריקע טײַך־מושלען. אין די הענט — דער וואַנדערשטאָק, אָף די אַקסל — טראָגזעק, און באַ די זײַטן הענגען אײַנגעפלאָכטענע אין רימענדלעך ליימענע אָדער הילצערנע וואַסער־קיילים. דאָס זײַנען גאָט־בעטער פונעם צאָפנדיקן טייל לאַנד. אין די ווינטער־כאָדאָשים שטראָמען זיי אַהער באַזוכן די הייליקע ערטער, צעוואָרפענע איבער אָט דעם גאָטגעבענטשטן זוניקן פּראָוואַנס.

זיי אַנטקעגן קומט אַ גאַנצע פּראָצעסיע פון מעצויראָים אין קרוע־בלוע. די טראַנטעס פאַרדעקן קוים זייערע קרעציקע לײַבער. דאָס האָט מען זיי שוין פון שטאָט אַרויסגעטריבן, נאָכדעם ווי מע האָט מיט זיי אָפּגעריכט די מעסע אינעם קלויסטער פונעם הייליקן יוסטין — דעם שטענדיקן באַשיצער און באַשירמער פון אַלע אָפּגעשטויסענע. אָף אַ היפּשן מעהאַלעך פאַריס פאַר זיי גייט דער גאַלעך אײַנגעהילט אין די טפילע־קליידער, מיט אַ גרויסן שוואַרצן ציילעם אין ביידע הענט, און ווי ער וואָלט דערמיט געוואָרנט די אַנטקעגנקומענדיקע וועגן דער אָנשטעקנדיקער געפאַר, וואָס הינטער אים.

באַ די טרעגער פון אָט דער געפערלעכער קרענק זײַנען די הענט פאַרנומען מיט פולע קוישן עסנווארג, וואָס זיי האָבן נאָרוואָס דעראָבערט אין שטאָט. די גראַגערס, מיט וועלכע זיי לאָזן צו וויסן באַם אַרײַנקומען צווישן מענטשן, מע זאָל זיך צו זיי ניט דערנענטערן, זײַנען איצט פאַרשטעקט און באַהאַלטן צווישן די שמאַטעס אָפן לײַב, אָדער אין די קערב הינטער פאַרטריקנטע שטיקער ברויט. די שטאָטלײַט זײַנען זיי מעהאַנע זעלטן מיט אַ פרישער שטיק לאַכמע. פּאַקט זיך באַ איינעם אַמאָל אַ ווײַך פאַרברוינטע לוסטע, צי אַ ברויט־ריפּטל, וואָס איז נאָך פוכקע־וואַרעם, האַלט מען עס פונעם הימל, פאַר אַ נעס פאַר אַ מאַטאָנע פונעם אייבערשטן. ווײַל אָט די ליידיקע קערב און קוישן לאָזן זיי איבער אָפן שטאָטפּלאַץ לעבן ראָטהויז, און ביז מע ריכט מיט זיי אָפּ די טפילע, דערנאָך אָפן קלויסטער־הויף באַשפּריצט מען זיי מיט הייליקער וואַסער, טראָגט מען דאָ צונויף פאַר זייערטוועגן ווער וואָס ס׳באַוויליקט. ס׳זאָל זיי קלעקן אָף דער טרוקענער כעיונע, ביז מע וועט זיי נאָכאַמאָל דערלויבן, אין אַ באַשטימטן טאָג, ווען ס׳וועט אַדורך ניט ווייניקער פון אַ כוידעש, אַרײַנצוקומען אין שטאָט אַריין.

פירט זיי איצט דער גײַסטלעכער צוריק צו זייערע איינזאַמע, כאָרעווע ווױנונגען, וואָס שטייען אָפּגעזונדערט ערגעץ אָף אַ הויל פעלד, ווײַט פון אַ ייִשעוו, ווו זיי ווערן אָפּגעשניטן פון דער וועלט און מענטשן. קעגניבער דעם פעלד, אָפן מיטן וועג שטייט אַ דעמבענער שוואַרצער ציילעם, די גרייס פון אַ בוים. מענטשן, אַז זיי דערזעען אים, ווייסן שוין, אַז דאָ איז געפערלעך אָפּצוקערעווען, דאָ קען מען אַרײַנפאַלן צו די, וואָס ווערן מיט גוואַלד אָפּגעשיידט און פאַרטריבן, און אַז מע דאַרף זיי אויסמײַדן אָף אַ מײַל, ווען מע באַגעגנט זיך מיט זיי. די קרעציקע זײַנען אַליין מעכוייעוו צו באַשיטן זייערע קעפּ מיט ערד, מענטשן זאָלן זיי גלײַך דערקענען און אָפּגעהיט ווערן פון צו האָבן מיט זיי אַ מאַגעמאַסע.

ניט אַלע אָבער באַמיִען זיך זיי אויסצומײַדן. ס׳טרעפט אַמאָל אַזאַ איינער, וואָס איז שוין גאַרניט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט מיטן האָבן צו טאָן מיט זיי. פאַרקערט, אָט האָט זיך באַוויזן אָף די וועגן אַן אוילערעגל אַ גאָטבעטער, איינער פון די לײַט, וואָס האָבן פירגענומען זיך אָנטאָן קאָלערליי פּוראָניעסן, טראָגן אָפן לײַב וואָס אַ שווערערע וועריגע, און מיט באָרוועסע

פיס, מיט א שטויביקן זאק אפן קאָפּ, מיט אן אָנגעצונדענעם פאקל אין די הענט באווייַזט ער
זיך אומעטום, ווו ס׳איז צונויפגעזאמלט א גרעסערער אוילעם. דאָרט ווארפט ער אלץ אראָפּ
פון זיך, און א נאקעטער ביז די לענדן, בעפארהעסיע פארן גאנצן אוילעם נעמט ער זיך שמייַסן דאָס
הוילע לייַב מיט רעצועסדיקע בייַטש־רימענס, און דערביַי זינגט ער זייַן טרויעריקע טשוווע־
ליד, באקלאָגנדיק זייַנע שווער באגאנגענע כאטאָים אף דער זינדיקער ערד.

פאר אָט אזא מין זעלבסטפייַניקער איז א געווינס אריַינצודרינגען צווישן די גאָטס־גע־
שטראָפטע. באווייַזן די נייַגעריקע, אז ער קען מיט זיי פון איין שיסל עסן. שטילן דעם דאָרשט
מיט וואסער פון זייערס א קריגל, און אפילע צוטוליען די ליפן, אָפן פארן גאנצן פאָלק, צו
זייערע קרעציק־יאטרענדיקע פראנצן. דאָס נעמט אויס בא די גלויביקע נאָך מער ווי זייַנע
פייַניקונגען, און יעדערער פון אוילעם זוכט א מעגלעכקייַט באגנעדיקט צו ווערן דורך אזא
הייליקן מאן מיט זייַנער א טפילע, געבענטשט צו ווערן מיט זייַנע בראָכעס. אויך די וואנדערנ־
דיקע ריטער, און אפילע א שטאָלצער שלאָס־הערשער האָט גרויס אכטונג צו אזא איינעם, און
מיט ערפורכט, מיט גרויס קאָוועד ווערט ער נאָך אזא פאל גענומען אין שלאָס אף נאכטלעגער.

בלויז דאָס גאלעכל פון יאָרק האָט זיך אייַנגעשטעלט אָנצופאלן אף אזא איינעם, און ווען
ניט דער האמוין, וואָלט ער אים צעשלאָגן מאקעס־רעצעך, ער זאָל ניט צעטראָגן די פעסט
צווישן דער געזונטער באפעלקערונג. ער האָט אים שוין אנומלטן אויך געזען דאָרט בלייַבן
נעכטיקן אינעם מעצויראָים־הויז. זיי זייַנען ביידע געבליבן שטעקן אינמיטן וועג, און ס׳איז
מיטאמאָל צוגעפאלן די נאכט. ס׳איז געווען ווייַט פון א יישעוו. ביז זיי וועלן זיך ערגעץ־ווו
דערלאנגען, וועלן שוין די שטאָט־טויערן זייַן געשלאָסן. איז דאָס גאלעכל געבליבן אן איינ־
זאמער, איינער אליין אפן הוילן פעלד און יענער איז אוועק צו די קרעציקע. אָט איבער אזעל־
כע אומלייַט איז שוין באלד ניטאָ קיין מאָקעם, פונוואנען מע זאָל שוין ניט האָבן ארויסגע־
טריבן צו עטלעכע מענטשן, אָנגעשטעקטע מיט אָט דער פראנצעוואטער קרענק.

א סאך פונעם נייַגעריקן אוילעם האָבן זייַנע רייד באגיטיקט. ער האָט עס געזען אין דעם
האסקאָמעדיקן צובאָמקען און צושאָקלען מיט די קעפ. דאָס האָט דעם יאָרקער דערמוטיקט
אים אָנצוכאפן פארן הויזן־גארטל אפן נאקעטן בויך. ווי נאָר אָבער ער האָט דעם אוילערעגל
דערלאנגט די ערשטע עטלעכע בוכענצעס, האָט מען זיך ארופגעוואָרפן אפן גאלעכל פון אלע
זייַטן, און ער איז קוים פון דאָרט אוועק מיט גאנצע ביינער. א גליק, וואָס ער איז א קליינינ־
קער, א דארינקער, האָט ער זיך מאמעש ארויסגעגליטשט פונעם קנויל מענטשן, וואָס האָבן
אים געוואָלט דוירעס זייַן.

ער איז אָפּגעלאָפן די ערשטע פאָר יארד און בא א קרייצוועג זיך אוועקגעזעצט אף א
טרעפל פונעם שטיינערנעם קרוציפיקט אָפצוטעמען. ס׳איז פארבייגעפאָרן א פאָרפאָלק אף א
מויל־אייזל, אפאָנעם פון די שטאָטבירגער, האָבן זיי זיך אָפגעשטעלט. די פרוי איז אראָפּ א
קוש טאָן די פיס פונעם הייליקן יעזוס, און דער מאן האָט פונדערווייַטנס, זיצנדיק אפן אייזל,
זיך איבערגעצײלעמט. אף אים האָבן זיי קיין אכט ניט געלייגט, גלייַך ווי ער וואָלט געווען א
טייל פונעם פאָסטאמענט. אן אנדער רייטעריער האָט ביכלאל ניט קיין קוק געטאָן אין זייַן
זייַט. ווען ער האָט זיך געלאָזט גיין פון דאָרט, האָט ער אָנגעטראָפן אף א בינטל פוסגייער,
וואָס האָבן אים מיט א מין וווילינגערישער האָפערדיקייַט ארומגערינגלט, געוואָלט אריַינעמען
אין קאָן אף צו מאכן א שפאס מיט אים. ער האָט געזען, אז זיי זייַנען רעכט בעגילופן, האָט ער
זיך פון זיי ארויסגעדרייט און איז אוועק גאָר מיט אן אנדער וועג. דאָרט האָט ער זיך אָנגע־
שטויסן אף אן אוילעם מענער און פרויען, וואָס האָבן ארומגערינגלט א גאלעך, וועלכער האָט
פארקויפט אינדולגענציעס פאר די באגאנגענע זינד. האָט ער זיך אויך אָנגעקניפּט אין אָט דעם
געזעמל. זיך דורכגעשטופט נעענטער צום פארשוויצטן גאלעך, וואָס האָט אין איין האנט גע־
האלטן די סכוירע זייַנע און מיט דער צווייטער צעשטעקט דעם פידיען אין די טיפע עפענונגען
פון דער צעפראלטער סוטאנע, פון די פלודערן. אויך אפן טוניק זייַנען בא אים געווען אָנגע־
נייט קעשענעס. ער האָט גענומען דאָס געצאָלטס מיט מאטבייעס און אויך מיט שאָוווע־קעסעף:
ביינערנע צלאָמימלעך, קארעלן, א מעטאלן רויז־קרענצל. א פעטע שטיק שינקע, אָדער א
זיסער קוכן, וועט אויך צונוץ קומען. דאָס פאָטערל איז געווען היפש צעיאָצט, טוענדיק עטלעכע
זאכן מיטאמאָל. ער האָט געארבעט מיט ביידע הענט און דאָס מויל האָט זיך בא אים אויך
ניט צוגעמאכט, האלטנדיק אין איין לויבן און רימען זייַנע זינדפארגעבנדיקע שטיקלעך פאר־
מעט.

— איר דארפט וויסן, — האָט ער ארויסגעזונגען מיטן ניגן פון דער פרימאָרגנדיקער מע־
סע, — אז זיי זייַנען ניט נאָר מעכאפער די אוויירעס, וואָס איר זייַט באגאנגען, נאָר אויך די
כאטאָים, וואָס איר וועט באגיין אף לעהאבע.

דאָס גאַלעכל פון יאַרק האָט זיך מיט מאַטערניש צוגעשלאָגן צו אים נעענטער, זיך קוים דערוואָרט, יענער זאָל בא אים צונעמען די מאַטבייע, און אַז ער האָט באַקומען דאָס גוטע מעכילע־צעטל, האָט ער עס פאַרשטופּט אין דער צעכראַסטעטער פּאַזוכע, און מיט דער צווייטער האַנט איז ער דעם פאַרקויפער פאַרפאָרן אונטערן אויער. באַלד האָט זיך דערהערט א צווייטע כמאַליע. דער דריטער טשמעל איז געפאַלן מיט אַלע פינף פינגער אַפן גלאַנציקן קלייסטער־פּאָנעם, און נאָך איידער דער גאַלעך האָט באַזיניקט, ווו ער איז אין דער וועלט, וואָס טוט זיך דאָ מיט אים, איז ער אָנגעכאַפּט געוואָרן פאַרן גאָרגל און אין די אויערן האָט געקלונגען:

— גיב אָפּ די מאַטבייעס! שוין די מינוט ליידיק אויס די קעשענעס.

אַט די פאַרזעעניש, דאָס דאַרע באַשעפענישל האַלט אים פעסט צונויפגעדריקט די האַלדזאָדערן, און יענער שטייט, ווי אין א הינערפּלעט מיט די אַראָפּגעלאָזטע הענט און טוט גאָרניט. ער וואַרגט זיך בלויז מיט די ווערטער, וואָס רייסן זיך אַדורך מיט א כאָרכל.

— לאָז אָפּ! נא דיר צוריק די מאַטבייע.

— מיט דער איינער מאַטבייע וועסטו ניט אָפּקומען! דאָס גאַנצע מינץ גיב אָפּ, און אַלץ... אַלץ, וואָס דו האָסט אָנגעשלעפּט. — האָט דאָס קליינע גאַלעכל אים אַריינגעשריִען אין פּאָנעם אַריין. דעם דערשטוינטן אוילעם, וואָס אַרום, האָט ער גענומען דערמוטיקן מיט א קלוימערשט געבייזער: — וואָס שטייט איר ווי די גלאָמפּן? — האָט א פריילעך פאַרשייט פּייערל בא אים געשפּריצט פון די אויגן, — צעשלעפּט אַלץ, וואָס ער האָט בא אייך אויסגענאַרט, איצט האָט איר שוין ניט וואָס מוירע צו האָבן.

ווי נאָר עמעצער פונעם אוילעם האָט געפּרוווט אַריינדרינגען אין די אייבערשטע טיפע קעשענעס פון דער סוטאַנע, האָט דאָס גאַלעכל פאַרייגעלאָזט דעם קוימערס האַלדז און גענומען מונטערן די וויינקער דרייסטע.

— וואָס ציטערט איר פאַר אים? וואָס האָט איר אים מוירע אָנצורירן? די אינדולגענציעס ליגן בא אייך טיף באַהאַלטן, און זיי זיינען אייך מויכל פאַרויס אַלע כאַטאָיִם, וואָס איר וועט פון איצט אָן באַגיין. איר האָט דאָך געהערט, וואָס ער האָט אייך אַליין צוגעזאָגט און געפּרייִקט. — ווען ער האָט דערזען, ווי נאָך אַנדערע נעמען זיך צום גאַלעך, איז דאָס ניצאָכן־שמייכעלע ניט אַראָפּ פון זיינע ליפּן. — אויב דאָס איז א זינד, — האָט ער געוויזן אָף דעם, וואָס מע שלעפּט בא יענעם אַרויס פון אַלע קעשענעס, — איז דאָס דער סאַמע קלענסטער כעט, ווייל איר נעמט צוריק אָפּ אייערס.

אויך אַלע איבעריקע האָבן זיך א לאָז געטאָן צום מעוווּלבעלן זינד־פאַרגעבער. ס׳האָט אויך א פולע געהאַט דאָס, וואָס דער, וועלכער רעדט זיי דערצו איין, איז אַליין אויך א קלייריקער, און דעריקער די גאַב, וואָס יעדערער פון זיי האָט נאָרוואָס אוועקגעגעבן פאַרן אויסקויפן די זינד, וועט באַלד אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט, עפּשער אין נאָך מער זינדיקע, ווי זיי זיינען בא אים אַליין.

דער קוימער האָט זיך קוים א לעבעדיקער אַרויסגעפּלאָנטערט פונעם ווילדן מענטשן־קנויל. מע האָט אים אויסגעטאָן ביז אָדעם נאַקעט. די האַלבאָשע זיינע האָט מען געריסן פון די הענט און זי צעדרויבלט אָף פּיץ־פּיצלעך. מע האָט געהאַפּט עפּעס־וואָס געפינען פולווערטיקס אין יעדן פּיצל בעגעד. דאָס יאַרקער גאַלעכל, ווי אָט דער, וואָס האָט זיך זיינס מעסאַקן געווען אַפן בעסטן אויפן, איז נאָך צוגעשטאַנען צום נאַקעטן קוימער.

— אונדזער האַר בא דער פּייסעכדיקער סודע האָט צעטיילט זיין ברויט די טאַלמידים. ער האָט זיי געהייסן עסן זיין לייב. ער האָט דעם קאָס וויין זיי אָפּגעגעבן און געהייסן טרינקען זיין בלוט — זיין אייגן בלוט, וואָס וועט בעקאָרעוו פאַרגאָסן ווערן אָף צו מעכאַפּער זיין די אַלמענטשלעכע זינד. און דו וואָס? דו טרינקסט אוואַדע אַליין אויס דעם סאַקראַמענט־וויין אָף דער געדעכעניש־סודע?

— אונדז צעטיילט מען דאָס פאַרטריקנטע ברויט, און מיט דעם סאַקראַמענט־וויין זשליאָקען זיי זיך אַליין אָן, — האָט דעם יאַרקער אונטערגעהאַלטן איינער פון אוילעם.

— אָט אַזוי זיינען זיי אַלע, די פּריסטער. אונדז באַשפּריצט מען מיט הייליקער וואַסער, און אַליין טרינקט מען דעם גוטן סאַקראַמענט־וויין, — האָט אונטערגעכאַפּט א צווייטער.

— האָסט נאָך איצט געוואָלט זיך מאַכן א פאַרמעגן פון פרעמדע זינד. ניט אַזוי, ווי אונדזער יעזוס, וואָס איז אָף מאָרגן נאָכן אָוונט־מאָלצייט געגאַן אַפן קרייץ פאַר פרעמדע כאַטאָיִם, — האָט דער יאַרקער צוגעגאָסן בוימל צום קליינעם פּייערל, וואָס האָט זיך געהאַלטן באַם צעברענען.

— עך, ווען מע קאָן זיך אַזוי א נעם טאָן צו די גרעסערע העכט, מיט די פולע געלט־בייט־

לען — האָט זיך צעגאַרטלט אַ גוואַר, און אַנגעוויזן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אַרײַנגעקראָכן אין זייער אַן אַנגעשטאָפּטער קעשענע.

— לאָמיר דערווײַל אַרויסטרײַבן די קליינע פּוקסעלעך, וואָס מאַכן אַ טעל פונעם ווײַנגאָרטן, און מיט די גרויסע רויב-פיש... — איז דאָס גאַלעכל פּלוצעם אַנשוויגן געוואָרן. דער אויסגעטאָנענער האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט לויפן קעגן רײַטעריזער, וואָס האָבן זיך באַוויזן פונדערווײַטנס. אין אַ קליינער ווײַלע אַרום איז שוין געווען צו דערקענען, אַז דאָס פּאָרט אַן אַבאַט אין דער באַגלייטונג פון זײַנעם אַ קאַנאָניק. דער אַבאַט אָף זײַן אייזל איז געווען אײַנגעהילט אין אַ פּרעכטיקער מאַנטיע, וואָס האָט אויך צוגעדעקט דעם רוקן און די שענקלען פונעם באַלכיי.

דאָס גאַלעכל פון יאָרק האָט געפּרוווט באַרויקן די יעניקע, וואָס האָבן זיך שטאַרק פאַרלוירן באַם דערנעענטערן זיך פון די רײַטעריזער, דערהויפּט אייניקע פרויען, זיי האָבן געזוכט אַ וועג, וויאַזוי צו אַנטרינען פונדאַנען.

— טוט אַ קוק, — האָט ער כויזעק געמאַכט פון די אַנגעפּאַרענע, — אָף אָט די צוויי באַלעכאַים אונטער איין פּעל. דער אונטערשטער, — האָט ער אָנגעוויזן אָפן אַבאַטס אייזל, — טויג כאָטש צו טראָגן אָף זיך דאָס שווערע געפּעק, און דער באַלכיי, וואָס פון אויבן, טויג אײַנגאַנצן צו גאָרניט. — קעדיי צו איבערצײַגן דעם וואָקלדיקן אוילעם, אַז ער האָט פאַרן אַבאַט קיין טראָפּן דערעכערעץ ניט, פון מוירע איז שוין אָפּגערעדט, האָט ער זיך געווענדט צו אים נאָך איידער יענער האָט אַרויסגעזאָגט דעם לויב צום געקרייציקטן.

— ס'וואָלט גוט געווען, דו זאָלסט אים אָפּגעבן איינעם פון דײַנע מאַנטלען, — האָט ער באַוויזן אָפן אויסגעטאָנענעם קוימער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פונדערווײַטנס הינטער די רײַטער, — דו טראָגסט דאָך צוויי, און יעזוס, גאָטס זון, האָט אונדז געלערנט, דו זאָלסט זיך טיילן מיט דײַן נאַקעטן ברודער.

דער אַבאַט, אַ געפּלעפּטער פון דעם, וואָס דער באַרויבטער גײַסטלעכער האָט אים נאָרדערציילט, איז נאָך מעוווּלבעלער געוואָרן פון די אַזעסדיקע רייד פון אָט דעם גאָטלעסטערער. ער האָט אַרומגעווישט דעם שווייס פון פּאָנעם, און פון אונטער דעם רויטן טיכל האָט זיך געהערט דאָס שטאַמלען זײַנס:

— דאָס האָט געהאַט אַ שײַכעס צום הייסן גאָלעל, ווו די היץ איז אַ גליַענדיקע. אָבער דאָ אין לאַנגעדאָק, באַ אונדז, ווו ס'קאָן זיך מיטאַמאָל בײַטן דער וועטער...

— נו יאָ, פון אַ הונט וועסטו קיין שינקע ניט מאַכן, דאָס איז קלאָר, — האָט זיך געפונען נאָך איינער פונעם האַמוין, וואָס האָט געהאַט די האָזע צו ריידן מיטן אַבאַט. דאָס האָט אַרויסגערופן באַ אייניקע אַ שמייכל. דער ווײַטערדיקער געשפּרעך צווישן דעם אַבאַט מיטן גאַלעכל פון יאָרק האָט געבראַכט צו אַ געלעכטער, וואָס האָט קימאַט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן אוילעם. סאַפּקאַלסאָף האָט דער אַבאַט אַ שפּײַ געטאָן, און מיט אַ קלאַלע אָף די ליפּן זיך אָפּגעטראָגן פון אָט דעם בינטל קויפרים, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם האַלב-נאַקעטן קוימער, וואָס איז שוין געזעסן אָפן אייזל הינטער דעם קאַנאָניק.

דאָס יאָרקער גאַלעכל האָט זיך געלאָזט אין וועג מיטן אוילעם, וואָס איז וואָס אַמאָל שיטערער געוואָרן. באַ יעדן דאָרף אָדער יִשעוו איז ווער אָפּגעטראָטן אָף אַ שמאָל שטעגל, צווישן די לײַנפעלדער, איבערשרעקנדיק די פייגלען, וואָס זײַנען זיך מעפּאַרנעס מיטן בליִעכץ און מיט די איילגעוויקסן. פאַר אָט די זינגפייגל איז דאָס אָרעמע געקרײַזלטע געוויקס אַ פרייד, און פאַר די, וואָס באַאַרבעטן עס, ווי פאַר די פיש אין טײַך, איז עס אַ געמאַטערט לעבן. טוט אַ לײַכט ווינטל אַ צעוויג די שטויבפּעדעמדיקע האַנף-קעפּלעך, בייגן זיי זיך ווי אַטשערעט און דערמאָנען וועגן דעם געשמאַקסטן און איידלסטן מײַכל פאַרן פּראָסטן פאָלק — דעם האַנף-בוימל, וואָס איז קימאַט אַ זעלטנהײַט באַ די, וואָס ברענגען עס אַרויס פון דער ערד. אויך דאָס, וואָס מע שפּינט אויס פון אָט דער מערקווירדיקער פלאַנצונג, פונעם לײַן, איז פאַר די סראָרעס דאָס דינע מיט האָפּט באַפּוצטע ווײַסע העמד, און פאַרן פויערים-פאָלק דער אָרעמער מאַלבעש אָדער אָף טאַכריכים אינעם קייווער. ניט אומזיסט זאָגט מען: די פויערים זײַנען די זעלבע בעהיימעס, נאָר אָן הערנער. אָף זייערע פּלייצעס טראָגן זיי די לאַסט פון די רײַסערײַען צווישן די הערשער, דעם אָל פונעם קיניגס גרויסע באַדערפעענישן. זיי צאָלן פאַרן לוקסוס-לעבן פון די סעניאָרן, פאַר דער זעט פון די גײַסטלעכע. אַלע האָבן זיך אָנגעזעצט אָפן פויערים-פאָלק: דער פעאָדאַל, דער ריטער, דער קלעריקער, אַפילע דער רײַכערער שטאָטבירגער פאָרט אויך רײַטנדיק אָף זײַנע געזונטע בערישע פּלייצעס, וואָס זײַנען בעקויעך אַלץ איבערצוטראָגן.

לאַכט מען אויס דעם פויערס שטייגער-לעבן — זײַנע געיאַרשנטע פון דאָר-דוירעס מינהאָגים, באַ וועלכע ער האַלט זיך פעסט, זײַנע גראָבע עסנס און דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל

ניט קיין פּרוטע בא דער נעשאָמע. א דערדריקטער פון זײַן שווערער האַרעוואַניע, א שטענדיק פּאַריאַכטער און פאַרומערטער, לעבט ער אויף, ווען ער טרעפט זיך מיט אזא, ווי דאָס יאָר־קער גאַלעכל, וועלכער איז אַליין פון גײַסטלעכן שטאַנד, און האַלט זיך מיטן פּויער ווי מיט זײַנס א גלײַכן, רעדט מיט אים וועגן דער ביטערער לאַגע, דער לײַבייגנטימערישער, וועגן גאָט און מענטש, וועגן דער אויסגעלאָסנקײַט און צעלאָזטן לעבן פון די, וואָס דאַרפן דינען ווי א מוסטער פאַר אַנדערע. אז ער גייט נאָך איבער צו פּראָטים און נעמט דערציילן וועגן דער זוילעל־וועסויוועדיקײַט, געלטגיריקײַט, און כאַמערייזלדיקע שטיק פון זײַנע קאָלעגן, די גײַסטלעכע, צעטראָגט זיך דאָס געלעכטער איבערן וועג אָפּן און פרײַ, און רופט אַרויס א שמייכל אַפילע בא דער זון, וואָס שטייט אין דער הייך.

פּאַרט אָן א רײַטעריזער, דערזעט אָט די פריילעך לאַכנדיקע כעוורײַע, און אויב ער איז ניט פון די, וואָס זײַנען בא דער מיינונג: אז „בעסער פון אַלץ איז, ווען דער פּויער וויינט, און ס'איז ניטאָ קיין ערגערס אף דער וועלט, ווי ווען ער פרייט זיך", טרעט ער שוין ניט אָפּ פון זיי. ער איז גרייט אָנלייגן וועג, אַבי ניט אָפּשטיין פון אזא כעדווועדיקער קאַפּעלע.

בא אַן אַנדערן רופט עס אַרויס בייז בלוט, און ס'צעברענט זיך אין אים דער צאָרן, ווען ער דערזעט אזא צעהוליעטע קנופּיע אָפּן מיטן וועג. אז ער דערהערט נאָך די אַפּיקאָרסישע רייד פונעם יאָרקער גאַלעכל, וועלכע רופן אַלעמאָל אַרויס א נײַעם אויסבראָך פון כויזעק און שפּאָט־געלעכטער, איז ער גרייט אָט דעם מענוויל, ווי א פיש צו צערײַסן. גוט איז ווען אָט דער סעניאָר איז איינער אַליין, צי אַפילע מיט נאָך עמעצן פון זײַנע לײַט. האַגאַם ער האַלט זיך פאַרן אײַנגעוואָרצלטן בוים, און אָט דעם גאַנצן ערעוואָראָו פאַרן בלעטער־אָפּפאַל (וואָס פאַר א ווערט, מישטיינסגעזאָגט האָט שוין דאָס אָפּגעפאַלענע בלעטל אף דער ערד), מוז ער זיך איצט רעכענען מיט אָט די בלעטער, וואָס ווען זיי זײַנען צוזאַמען, איז דאָס א געדיכטע גרינע צווײַג, ניט אָפּצוברעכן.

זײַנען דאָך די וועגן לאַנגע, און ניט אַלעמאָל קיין גלייכע. מע מוז אַמאָל אַראָפּטרעטן פונעם דערעך־האַמעלעך, און ס'קומט אַמאָל אויס צו בלײַבן איינער אַליין, אונטער דער געפאַר פון א באַגעגעניש מיט א שטאַרקערן פון זיך — ווערט מען געגעזיקט. די מענטשן זײַ־נען דאָך איצט ענלעך צו די יאַמפּיש, וועלכע לויערן, וויזאָוי אײַנצושלינגען איינער דעם צווייטן. ס'האָט נאָך קיינמאָל אזוי ניט געהערשט די מאַכט פונעם קרעפּטיקערן. דאָס געזעץ פונעם שווערן פויסט, וואָס קען געבן שטאַרקערע קלעפּ. ביפּראַט נאָך, אז ער האָט אָנגעטראָפן דאָס גאַלעכל פון יאָרק, טאַקע דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט־צו, אָפּן פאַרקױפער פון די אינדול־גענציעס, און יענער איז געווען ניט אַליין. ס'האָבן אים באַגלייט צוויי קליריקער פון א נאָענטן מאָנאַסטיר־הויף. צו זיי איז נאָך צוגעשטאַנען א וואַנדערנדיקער ריטער, זײַנען זיי אינפּירען אָנגעפאַלן אף אים, אומגעוואַלגערט אף דער ערד, און געגומען טויטשען ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. איינער איז געלעגן אף אים, ער זאָל זיך ניט וואַרפן, און ניט קאָנען אופשטיין. די איבעריקע האָבן געהאַלטן אין איין בויקערן מיט די פויסטן און מיט די פיס.

טאַנכום האָט דער ערשטער דערזען פונדערווײַטנס, ווי מע נעריקט א מענטשן. יויעל איז געווען אַרײַנגעטאָן אינעם געשפּרעך מיט די לערן־יונגען, וועלכע האָבן געוואָלט וואָס מע־רער וויסן וועגן סאַלערנאָ, וועגן די געלערנטע פון דאָרט, און דאָ באַווײַזט מען זיי, ווי עט־לעכע זײַנען באַפאַלן איינעם, און דער איינער איז אָפּגעם ניט פון די ריזן. זיי זעען אים קוים אַרויס, אַפילע ווען זיי זײַנען שוין צו צו די שלעגער. ער ליגט ווי א בינטל ביינער אין די קלאַמערן פון א געזונטן ווערגעלעץ. האָבן זיי צורעשט פון אונטער די קלעפּ פון די איבעריקע אַראָפּגעשלעפּט פונעם שלימאַזל דעם גוואַר, און דערנאָך איז אַוועק א געשלעג אַד לעמאַוועס. בעהאַדראַגעדיק, אָן געשרייען און גוואַלדן, ווי דאָס וואָלט געווען א מין צײַט־פאַרטרײַב, האָבן די לערן־יונגען מיט טאַנכומען בעסויכאַם געוואָלקעוועט אין די פיר, און יענע האָבן זיך אָפּגעשלאָגן מיט ציין און נעגל, ניט נאָר מיט די פויסטן. יויעל האָט דערווײַל אַרויס־געריסן פונעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל דעם צעגעריקטן. א דאַר־טרוקן, נאָר גאַנץ יאָדערדיק מענטשל. ער האָט אים צוגעשטויסן צו די אייזלען, אַרויסגעפונען אינעם רעפּוע־קאָרב א טראָפּע אף צו האַמעווען דאָס בלוט, וואָס האָט געטריפט פון די דאַרע נאָזלעכער און פון א צעריסענער באַק. באַם אויער אונטערן רעכטן אויג איז אופגעלאָפן, ווי א נוס די גרייס, א בײַל, און אָפּן קאָפּ האָט אויך געבלוטיקט א ווונד אונטער די קלעפּיקע האָר.

— עך, ברודערקע! זיי האָבן דיך גוט צורעכט געמאַכט. ס'האָט זיך דיר געכאַלעמט, אז מע וועט דיך אזוי מעכאַבעד זײַן? — באַטאַפּט יויעל פּאַרזיכטיק די ווונד אָפּן קאָפּ.

— ס'האָט זיך מיר געכאַלעמט. איך האָב עס געוווּסט, — האָט דאָס גאַלעכל א זיפץ געטאָן.

— אז מע וועט זיך אף דיר אזוי אַרופוואַלגערן? אינפּירען? — שפּאַסט יויעל.

— נו יאָ, און דאָס איז שוין געווען א סימען, אז דער ניצאָכן וועט זײַן אף מײַן זײַט.

— איך זע שוין דעם ניצאָכן, וואָס דו האָסט אָפּגעהאַלטן.

— אוודאי האָב איך אָפּגעהאַלטן א ניצאָכן. איך בין מיט מײַנע אייוורים געלעגן אַף דער ערד, און דאָס איז דער בעסטער אַנשפּאַר. דער גאַנצער ערד־קוגל האָט מיך אונטערגע־האַלטן, און דער, וואָס איז געלעגן אַף מיר, האָט ניט געהאַט קיין שום אַנהאַלט. ער איז געהאַנגען מיטן רוקן ווי אין כאַלאַל. ביז צום הימל איז אים געווען גאַנץ ווײַטלעך, — האָט זיך באַוויזן א זויערער שמייכל אַפן צעהאַרגעטן פּאַנעם.

— איך זע, אַז דו ביסט נאָך א ווערטלזאָגער צו די צאַרעס, — האָט יויעל אַף אים א קוק געטאָן. מיט דער אויסגעדאַרטער שמאָלער צעמיימעסטער צורע, מיטן געלבלעך־בלאַנד פאַרבלוטיקטן בערדל, מיט די ליכטיקע גרויס־בלויע טמימעסדיקע אויגן, איז ער איצט ענלעך געווען צום געקרייציקטן יעזוס. ס'איז שווער צו באַשטימען זײַן עלטער. ער קאָן אויסזען אין די דרײַסיקער, און אויך א סאַך יינגער. דער גרויסער ציילעם אַפן האַלדז גיט אויס, אַז ער איז פון די קליריקער, נאָר ער איז אַפּאַנעם פון די ווידערשפּעניקע, ווען ניט, וואָס האָבן געהאַט אָנצופאַלן אַף אים די גײַסטלעכע?

ווען די אָנפאַלער זײַנען אנטלאָפן מיט גוט אָנגעבראָכענע ביינער און די האַריגע האָט זיך געענדיקט, האָבן אייניקע פון די לערן־יונגען דערקענט דאָס צעשלאָגענע גאַלעכל. דאָס איז דאָך דאָס גאַלעכל פון יאָרק. זיי האָבן אים ניט איין מאָל באַגעגנט אַף די וועגן און אַף די שטאָטישע פּלעצער. ווער ווייסט ניט, אַז דאָס איז א מין צווייטער וואַלדען? א גײַסט־לעכער, וואָס האָסט די גאַלאָכים, האַגאַם ער איז אַליין איינער פון זיי. א גאַלעך אָן א פּאַראַפיע, אָן א קלויסטער, ווו ער זאָל האָבן אמאָל אויסגעפּילט דאָס הייליקע גאָטעסדינסט. דאָס איינציק גאַלאָכישע אין אים איז דער הוילער ציילעם אַפן האַלדז און די צעריסענע סוטאַנע. נאָר פאַרוואָס רופט מען אים דאָס יאָרקער גאַלעכל, ווייסט קיינער ניט (זעלטן ווער עס זאָל דאָ האָבן געהערט וועגן אָט דעם ווײַט ענגלישן שטעטל יאָרק אין בריטן־לאַנד). עפּשער דערפאַר, וואָס ער איז לאַכלוטן ניט ענלעך אַף קיין פּראַוואָנסאַלער. האַגאַם ער רעדט אַף אַזא יאָדערדיק עכט פּראַוואָנסאַלער לאָשן, מיט די געפּעפּערטע אויסדרוקן, גלײַך ווי ער וואָלט אַף דער דאָזיקער ערד געבוירן געוואָרן. ער קריכט גוט אַרײַן אין די ביינער מיט זײַן שאַרפער צונג, מיט די ווידערשפּעניקע רייד קעגן אַלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו די הערשאַפטן, צום קלער. מע זאָגט אַף אים, אַז ער איז ענלעך צו יענעם אָרעמאַן, וואָס מע דאַרף לייגן אכט ניט אַזוי אַף דער האַנט, וואָס ער שטרעקט אויס, נאָר אַף דער צווייטער, אין וועלכער ער האַלט גרייט א שטיק קויט.

די כעוורײַע, מיט וועלכער יויעל איז אונטערגעקומען, האָבן ליב אַזא כעוורעמאַן. זיי זײַנען אַליין ווײַט ניט אָפּגעשיידט פון אים. זיי פירן א לעבן פון שטענדיק פריילעכע זאַרגלאָזע לעב־יונגען. ווי עכטע וואַגאַבונדן, וואַנדערן זיי אַף די וועגן מיט א פּאַק אַף די פּלייצעס, מיט א שטעקן אין דער האַנט. אָבער דאָס זײַנען ניט קיין פּיליגרימען, וואָס זײַנען אוילערעגל צו די הייליקע ערטער. זיי זוכן ניט קיין טויטע ביינער אַף זיך בוקן צו זיי. אָדער א לעבע־דיקן הייליקן נאָזיר אַף אים צו באַוווּנדערן. דאָס זײַנען יונגען, וואָס ריידן צווישן זיך א פּליסיקן לאַטײַן, האַגאַם ווי יעדער לומפּ זײַנען זיי גרייט זיך וואַרפן אין א מעסער־געשלעג. זיי האָבן געלערנט פילאָסאָפיע, ריטאָריק, טעאָלאָגיע. ס'איז פאַראַן צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געלערנט מעדיצין, האַגאַם די פּולע דערפון, וואָס מע קאָן זיי גיכער צורעכענען צו די קאָפּשרערער, ווי צו רויפים. די דאָזיקע לערן־יונגען קומען אַרויס פון פאַרשיידענע לענדער, זיי זײַנען דערצויגן געוואָרן אַף קאָלערליי שפּראַכן, אָבער דאָס איינציקע לאָשן, וואָס פאַראייניקט זיי, איז לאַטײַן. ס'איז זיי ניט גרינג געווען צו באַהערשן אָט די שווערע איוורע. אין די לאַטײַן־שולן, ווו אָט די באָכערים זײַנען אויסגעוווּקסן, זײַנען די איבערגע־שריבענע לערן־קסאַוויאַדן אין גרויס יאַקרעס און זייער בעצימצעם. האָבן זיי געמוזט אַלץ דערלערנען און אײַנכאַזערן אַף אויסווייניק פון מויל צו מויל. אויב זיי האָבן נאָר געוואָלט עפּעס קענען און פאַרגעדענקען. דער זעלביקער דורשט אויך נאָך אנדערע ווי̇סנשאַפטן האָט זיי געטריבן פון שטאָט צו שטאָט. ס'האָט זיי געצויגן אַהין, ווו ס'איז פאַראַן א גרעסערע צאָל געלערנטע, און אַז זיי האָבן דערהערט וועגן א גאָר גרויסער באַרימטהײַט, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין אַן אנדער אָרט, איז ווי ווײַט דער וועג זאָל ניט זײַן, זײַנען זיי אַהין אָנגע־פלויגן ווי די טשאַטעס פייגל, קעדיי אים צו הערן, באַנעמען, און ווער ס'האָט פאַרמאָגט א שטיקל פאַרמעט אַף צו פאַרשרײַבן, איז גאָר געווען גליקלעך.

צו יויעלן זײַנען זיי צוגעזאָטן געוואָרן, ווי נאָר זיי האָבן דערשמעקט, אַז ער קומט תּוך דער באַוווּסטער סאַלערנאָ. ווען זיי האָבן זיך נאָך דערוווּסט, אַז ער איז א באַקאַלאַווער פון מעדיצין־וויסנשאַפטן און ער פאַרט איצט אין דער מעדיצין־שול קיין מאָנפּעליע, זײַנען זיי שוין פון אים ניט אָפּגעטראָטן. אייניקע פון די לערן־יונגען זײַנען שוין אפילו געווען אין

פאריזש, אפן לינקן ברעג פון דער סענע, ווו ס׳איז גענוג אריבערצושפאנען דאָס קליינע בריקל, מע זאָל אַרײַנפאלן אינעם לאטײַנישן לאנד, ווי די אָרטיקע פאריזשער רופן אָן אָט דעם אָפּגעזונדערטן שטאָט־קווארטאל. האָט זיי אָבער א צי געטאָן אין אנדערע מעקוימעס, ווו ס׳זײַנען פאראן געלערנטע פון אן אנדער שניט, וועלכע גיבן זיך ווייניקער אָפּ מיט קאזויִסטיק און גאָט־קענטעניש. אָט זאָגט מען, אז אין באָלאָניע איז פאראן א גרויסער וויסנשאפטסמאן אף אסטראָנאָמיע, און מע לייגט דאָרט מערער אכט אויך אף יורידישע קענטענישן. דאָס, וואָס יויעל דערציילט זיי, אז אין דער מעדיצין־שול אין סאלערנאָ דערלערנט מען אויך אסטראָנאָמיע און אפילע ריטאָריק, איז פאר זיי גאָר א נײַס. דאָ אין פּראָוואנס, אין מאנפּעליע צום בײַשפּיל, האלט מען זיך נאָר בא מעדיצין און א קליין ביסעלע אסטראָלאָגיע, ווער ס׳האָט א גוסט דערצו. האָבן זיי טאקע קיין כאראָטע ניט, וואָס זיי האָבן זיך ארויסגעריסן פון זייערע אײַנגעזעסענע לערן־אנשטאלטן. זיי זײַנען דאָס גאנצע יונגע לעבן זייערס געוווינט דערצו, פון זינט זיי האָבן פארלאָזט זייערע היימען, צעשפּרייטע ניט נאָר איבערן פראנקן־לאנד. ווער פון זיי איז פון פּואטו, און ווער פון אנדזשו. איינער איז פון ברעטאָן, און א צווייטער איז פון לוסיר. ס׳איז דאָ אויך פאראן צווישן זיי פון דעם בריטן־אינדזל, פון דער שטאָט מאנטשעסטער. איז וואָס האָט בא זיי פאר א ווערט זיך לאָזן איצט קיין סאלערנאָ? צי קיין באָלאָניע? צי אפילע קיין רוים, אין דער וועלט־שטאָט, אין דער שטאָט פונעם הייליקן פּויפּסט?

יויעל האָט א טראכט געטאָן וועגן טאטן, וועגן זײַן אָפּפאָר קיין רוים. אליין איז ער שוין אויך א פּאָר מעסלעס אין וועג. צוליב טאנכומען, דעם דינער זײַנעם, צוליב זײַנע שיינע מײַסים האָבן זיי זיך געמוזט ארויסגאנוועענען פון נארבאָנע. דעם זעלבן טאָג האָט אויך דער אלטער זאבארע זיך אוועקגעלאָזט אין א ווײַטער נעסיִע, און יויעל האָט אים אפילע ניט געקאָנט באגלייטן ווי ס׳באדארף צו זײַן. מיטפאָרן, אזוי ווי ס׳איז דער מינהעג, א צוויי־דריי טכום־שאבעסן, און דאָרטן, אינמיטן וועג, זיך געזעגענען, דערנאָך ערשט אים נאָכקוקן, ביז ער וועט לאכלוטן פונעם אויג פארשווינדן.

ס׳האָט אים א נאָג געטאָן פארן הארצן. ס׳האָט זיך אים געדוכט, ווען ער טוט איצט א הייב דעם קאָפּ, וואָלט ער פונדערווײַטנס דערזען דעם טאטנס אײַנגעבויגענע פּלייצע מיט די קײַלעכיקע אקסל בייסן זיצן אפן מעיושעוודיק־שפּאנענדיקן מויל־אייזל. האגאם ער אליין פאָרט איצט אין א גאנץ אנדערער קעגנּיבערדיקער ריכטונג.

אָט ווען ער זאָל ניט געווען פארלאָזן סאלערנאָ, וואָלט ער איצט זיכער געווען אין רוים, און ערשט דאָרט וואָלט ער זיך באגעגנט מיטן טאטן. זיי וואָלטן ביידע בײַגעווען אפן אלט־רוימישן יאָמטעוו, בייס די גרויסע פּײַערלעכקייטן, וואָס דארפן באצייכענען דעם אָנקום פון א נײַעם יאָרהונדערט.

— וואָס קען ער אים ברענגען, דער נײַער יאָרהונדערט? — האָט יויעלן א מין זיסער קלעם ארומגעכאפּט. ער דערווײַטערט זיך נאָכאמאָל פון אלע נאָענטע און ליבע: פונעם פאָטער, פון דער מומע זומרע, פון קצינען. ער וואָלט געקענט אף א יאָר אָנדערהאלבן זיך פארהאלטן אָט דאָ אין דער נאָענט, ביז דער טאטע וועט צוריקקומען פון רוים. ארויספאָרנדיק פון נארבאָנע אף מיזרעך, אין א יִישעוו צווישן די דערפער מוזיאן און ריקאנדעל, האָבן אים די דאָרטיקע פארמעגלעכע יִידן געוואָלט איבערלאָזן בא זיך אף א זמאן, אָדער מערער, פאר א רויפע־כוילים. די יִידן זײַנען דאָרט פארגיטיקט. זיי פארמאָגן גרויסע שטאָכים ערד, מיט רײַכע ווײַנקעלערס, מיט אייגענע זאלצגרובנס. די ערד איז דאָרט אויך זייער אייגנטום. ביז הײַנט אנערקענט מען זייער יערושע־רעכט אפן באָדן, פאר וועלכן זיי צאָלן ניט קיין שטײַערן, ווי ס׳האָבן ניט געצאָלט זייערע אָוועס פון דאָר־דוירעס. איז דאָס אָבער מיט דער האנט צו דערלאנגען לעבן נארבאָנע, און ער האָט לעבן זיך טאנכומען. ס׳קאָן זיך אים אמאָל נאָך פארגלוסטן צו דער איישעס־איש זײַנער, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין איינמאָל אָפּגעבריט, און ער וועט בלײַבן אָן א קאָפּ. אכוץ וואָס דער מאן אירער, וויבאלד ער וועט נאָר אָנשמעקן, אז דער מעמאלע־מאָקעם זײַנער געפינט זיך אין אזא נאָענט, וועט ער זיי ניט לאָזן לעבן. ווער ווייסט נאָך, וואָס ער וועט מיט אָט דעם טאנכומען האָבן צו טאָן אין דער פרעמדער מאָנפּעליע? די שטאָט, וואָס טראָגט דעם נאָמען דער בארג פון דער יונגפרוי.

אָט האָט ער געהאט מיט אים אן אייסעק די פאָריקע נאכט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף נאכטלעגער אין א ניט רײַך, נאָר באקוועם הויז. אין דער גערואמער דירע איז געשטאנען באנאנד מיט די באנקבעטלעך דער גרויסער אויוון. אף די בענק האָט זיך אויסגעלייגט די מענערישע העלפט, די פרויען זײַנען געלעגן אף בעטן פארהאנגענע מיט פאָרהאנגען. זיי ביידע האָט מען באלייגט אף דער ליימענער ערד, בישכיינעס מיט די שטוב־אויפעס, וועלכע האָבן געדרעמלט אונטערן אויוון. דער זיס־זויערלעכער גערוך פונעם אויפעס־קויט האָט יויעלן

לאנג ניט געלאָזט אנשלאָפן ווערן. ער האָט געמאַסטן מיט די אויגן די באַלקנס אין דער לענג און אין דער ברייט פונעם סופיט, די אײַנגעגראַבענע פיר קלעצער אין דער מיט פון כיידער, אף וועלכע ס׳איז געלעגן א טישברעט. דאָס קליינע קאַנעצל אין ליימען שיסעלע האָט קוים באַלויכטן א קרײַז ארום זיך. פון די ווינקלען איז וואָס ווײַטער אלץ מער ארויס־געקראָכן די פינצטערניש, וואָס האָט געמאַכט קלענער און אײַנגעשרומפּענער דעם ליכטקרײַז, ביז ס׳איז אלץ מיטאמאָל פארשווונדן געוואָרן. ער האָט זיך אופגעכאַפּט, יויעל, פון א קעלט אין דער זײַט, לעבן וועלכער ס׳איז פריִער געלעגן טאַנכום. דער קנויט אינעם שיסעלע בוימל האָט נאָך געברענט. דעם פּירהויז האָט באַלויכטן א קינשפּענדל, וואָס ער האָט גענומען מיט זיך, און טאַנכום איז אזוי ווי אויסגערונען געוואָרן.

מיט דער הילף פון זײַטיקע מענטשן האָט ער אים געפונען בא די בעגינקעס. דאָס זײַנען די מאָנאַסטיר־שוועסטער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו לעבן אפן מאָנאַסטיר־הויף, אין די פארמאַכטע צעלן מיט די צופּיל טפילעס אפן גאַנצן טאָג. פּונקט ווי פריִער האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון א פאַמיליע־לעבן, פון מענטשלעכע פארגעניגנס. לעבן זיי איצט אָפּגעזונדערטע, צו צוויי־דרײַ אין א קליין שטיבל מיט א גרויסן ציילעם אף דער טיר. די דאָזיקע שטיבלעך רופט מען גאָטס־הײַזער, און זיי, די געוועזענע נאָנעס, גאָטס־שוועסטער. זיי לעבן פון נעדאָ־וועס, און טראָגן נאָך אלץ די לאַנגע ביז דער ערד, נאָר טונקל־גרויע קליידער. אָבער דאָס ווײַסע טיכל אפן קאָפּ גיט צו וויסן, אז זייער אַוודע איז — העלפן די אומגליקלעכע קראַנקע. זיי האָבן שטענדיק צו טאָן מיט די לײַט, וואָס לײַדן פון קרעץ־שווערמעלעך אפן לײַב, אָדער אנדערע מינים צאַראַאַס מיט יאַטרענדיקע ווונדן. זיי קענען צוברענען א ווונד, לאָזן בלוט, ארומוואַשן דעם קויט פון א מאַקע און אפילע אויסדעמפּען די קליידער פונעם קאָ־לערליי אומפלייט. האָט עס אים א טראַג געטאָן אהער, טאַנכומען, אינמיטן דער נאַכט, און מיט איינער פון די בעגינקעס האָט אים יויעל געטראָפן זיך סוידען הינטער א ציילעם־שטיבל. ער האָט אים פאר די האָר אוועקגעשלעפּט פון איר, און יענע האָט יויעלן דורכגעלעכערט מיט אזא בייז־צאָרנדיקן בליק, גלײַך ווי ער וואָלט בא איר אוועקגערויבט דעם טײַערסטן אויצער.

ער טוט איצט א קערעווע דעם קאָפּ, יויעל, און כאַפּט א קוק אפן אויצער. יענער שלעפט זיך הינטן אף זײַן אייזל, וואָס האַלט זיך שטענדיק ווײַטער א ביסל פון יויעלס אָגער. מיט אראָפּגעלאָזטע הענט, זעט ער איצט אויס, טאַנכום, ווי אן אָפּגעשמיסענער, אן אנטוישט־מידער. זאָל עס זײַן נאָכן געשלעג, אין וועלכן ער האָט זיך נאַרוואָס אזוי לײַדנשאַפטלעך ארײַנגע־וואָרפן? ניין! ער טראָגט נאָך אפאָנעם דעם פארדראָס פאר דער נאַכט. ער טוט אפילע ניט א הייב די אויגן אף יויעלן.

מיט וואָס געפעלט ער זיי, אָט די אלע פרויען, וואָס זיי קלעפּן אזוי צו אים? אכוצן הויכן ווּקס און די שלאַנקײַט זײַנע, פארמאָגט ער א ברייטע נאָז מיט גיריקע נאָזלעכער. א פּאָר פולע פליישיקע ליפּן אפן גראָבלעכן פּאָנעם, דאָס איז דער ערשטער סימען פון א באַלזנוס. די געקרײַזלטע שווארצע האָר מיט די געדיכטע ברעמען זאָלן אזוי אויסנעמען? אָט אפּאָנעם די גאַנצקײַט פונעם טאָפּ פּרוווט מען אפן קלאַנג, און זיי, די פרויען, האָבן נאָך, ווײַזט אויס, דערצו א באַזונדערן מין כוש, אף אָפּצושאַצן מיטן ערשטן קוק די עכטע מענערישע ווערט פונעם מאַנצבל. טאַנכום קען זיי אויך פארכאַפּן מיט זײַנע גוט־שיינע ליבלעכע רייד. אף דערויף איז ער מײַדים, פארפיר זיך נאָר מיט אים. ס׳איז גענוג, אז יויעל זאָל אים אין גוטן מוט אמאָל עפּעס א זאָג טאָן וועגן אָט די איניאָנים, איז צעעפנט זיך בא אים א קוואַל פון דיבורים. אזוי איז ער, דוכט זיך, קאַרג אפן וואָרט, קומט אָבער צו רייד וועגן פרויען, קאָן מען אים גאָר ניט אָפּשטעלן.

— גענוג געפּלאַפּלט, — שלאָגט אים דערמלט יויעל איבער, — יעדערער, וואָס טראָגט א פּאָר הויזן, ווייסט דעם טאַם פון אָט די אלע זאַכן.

טאַנכום אָבער פילט טויזנט טאַמען און פארשיידנערליי באַזונדערע מינים פארגעניגנס. אין די אלץ נײַע ערטער, און בא פרויען פון קאָלערליי אומעס, געפינט ער עפּעס אזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט איבערגעלעבט. די סיציליערן, וועלכע ער האָט געהאַט אף שטענדיק אין סאַלערנאָ, די פּולבלעכע רוימערן, וואָס ער האָט באַגעגנט באַם ערשטן ארויספאָר, — יעדע מיט איר כיין און רייץ. הײַנט דער צויבער פון דער ערשטער פראָוואַנסאַלערן, די צוציִענדיקע קראַפט פון דער לאַנגעדאָקער, די פלאַמיקע אויגן פון דער שיפּכע בא אורין, און אכרוין־אכרוין כאַוויוו, ס׳הייסט דאָס לעצטע, דאָס באַליבטסטע — טירצע, די איישעס־איש, מיט איר געשמאַק מויל און שלאַנקע היפטן...

— אז דו ווּעסט ניט אופהערן אזוי צו נויעפן, וועסטו זיך דערשלאָגן, אז איך וועל דיך סאַפּקאָלסאַף פארשלייערן מיט אבי־וועמען, א האַרבאַטע, א לאַמע, א פּאַרזעוניש, — האָט אים

ניט איין מאָל יויעל אין אַ שפּאַס געדראָט. אַ מענטש זאָל זײַן אַזוי אַרײַנגעטאָן אינעם שיקרעס, ניט פֿון װײַן, נאָר פֿון פּרויען. וואָלט ער שוין בעסער אַזוי לאָהעט געווען צום טרונק... איז פֿאַרקערט. צום ביסל מאַשקע איז ער צײַטנווײַז גאַנץ גלײַכגילטיק. ער האַלט אַפֿילע אים, יויעלן, אַמאָל אָפּ פֿון זיך צולאָזן צום קאָס.

אָט האָט ער מיט אַ פּאָר שאָ צוריק זיך אײַנגעשפּאַרט און ניט דערלאָזט, זיי זאָלן פֿאַרפֿאָרן מיט די לערן־יונגען אין אַ נאָענטן שענק „די דרײַ שוואַנען". דאָס ווײַנהויז איז געווען צו זען פֿונעם וועג און דער שענקער האָט נאָך אַרויסגעשיקט אַ פֿריילעכן שאַליִעך, ער זאָל זיי פֿאַרנאַרן אַהין. האָט טאַנכום ביגוואַלד אים אָפּגעריסן פֿון דער קנופּיע, וואָס האָט אַ פֿריילעכע פֿאַרקערעוועט אין שענק אַרײַן.

עפּשער איז בעסער אַזוי, וועט ער זיך גיכער צושלאָגן קיין בעזיע, ווו ער וועט זיך פֿאַרהאַלטן אָף אַ פּאָר מעסלעס באַ זײַנעם אַ באַגלייבטן פֿרײַנט, באַ שלוימע האַספּאַרדי. ער האָט מיט יויעלן צוזאַמען געלערנט אין סאַלערנאָ, איצט וווינט ער אין בעזיע, ווו ער איז דער קעהילע־רויפֿע. ער האָט דאָרט מעכאַבעד געווען און צוגעשיקט זײַנע כאַווײרים קיין סאַלערנאָ דעם „סאַר־האַמאַשקים", — אַ כיבער, מיט וועלכן מע האָט זיך אַרומגעטראָגן אין דער מעדיצין־הויכשול... דאָרט איז באַשריבן צוויי הונדערט צען רעצעפּטן, פֿאַר קאָלערליי מאַשקאָעס, שאַרפֿע און לײַכטערע. אַ סאַך פֿון זיי ברענגט ער ווי אַ טרופֿע צום געזונט און אַ רעפֿוע פֿאַר כאַלאָיִם. ער איז נאָך אין סאַלערנאָ געווען אַ מומכע אָף אָט די זאַכן. ניט אומזיסט האָט ער געטראָגן דעם נאָמען פֿון אַ חומץ בן יין[1]. כאָטש וואָס ער האָט געהאַלטן דאָס ווײַן־טרינקען פֿאַר אַ כאָכמע, אויסער האַנאָע און צוליב געזונט־צילן, איז ער נאָך געווען דער גרויסער מייוון דערוף. באַ יעדן דיספּוט, אַז ס'איז געקומען צו רייד וועגן ווײַן, האָט ער געהאַט דאָס לעצטע און אַנטשיידנסטע וואָרט. דערפֿאַר האָט דער רעגענט זייערער, דער רוימער באַטשילי, וואָס האָט מיט זיי געלערנט דיִעטיק, פֿון אים געהאַלטן אַן אוילעם־אומלויע. דאָס געביט האָט זיי אַזוי דערנעענטערט, אַז זיי זײַנען געוואָרן מאַמעש כאַווײרים. דער רוימער איז אַליין געווען אַ גרויסער אָנהענגער פֿון אָט דער גאָטגעבענטשטער פֿליסיקײַט. אין זײַנע רעפּעראַטן האָט ער שטענדיק געפּרײדיקט, אַז ווײַן — דאָס איז דער בעסטער שוימער פֿונעם מענטשלעכן געזונט. דאָרט, ווו ס'איז ניטאָ קיין ווײַן, מוז מען אָנקומען צו די רעפֿועס פֿון אָנטאַמיקע גראָזן און ביטערע קרײַטעכצער.

— ווײַן, — פֿלעגט ער זיך צעפֿלאַמען, — דאָס זײַנען שטיקלעך זון, וואָס דרינגען אַרײַן אין די ווײַנטרויבן, און דורך זיי ברענגען מיר אַרײַן די זון אין אונדזער קערפּער. אַזוי ווי די מאַמע־ערד דאַרף די זונען־שטראַלן, אַזוי דאַרף דער מענטשלעכער קערפּער, די זון זאָל צעוואַרעמען און רויט מאַכן די געבליטן זײַנע. דערפֿאַר מוז מען באַ אַ שווערן כוילע, באַם אָפּצאַפּן זײַן בלוט, פֿאַרפֿולן דאָס אָפּגעצאַפּטע מיט גוטן לויטערן ווײַן, ווײַל דאָס רויטע דאַרף פֿאַרביטן ווערן מיט רויטס...

דאָס לעצטע — אַזאַ אויבנופּיק בילִיקע באַהויפּטונג, האָט שוין יויעל ניט איבערגעטראָגן, און ער האָט אָף אַ קאָל אויסגעשריִען:

— וועגן דעם איז שוין בעסער געזאָגט געוואָרן נאָך מיט טויזנט יאָר צוריק.

— אָך אַזוי! מיט גאַנצע טויזנט יאָר צוריק? — האָט דער רעגענט זיך קלוימערשט שטאַרק געכידעשט. נאָר מע האָט געזען, אַז ער קלײַבט זיך אָפּשפּעטן פֿון אָט דעם כוצפּעדיקן יונגן באַקאַלאַוור.

— און אויך דאָס איז געזאָגט געוואָרן: בעראָש פֿון יעדן אומגליק איז דאָס אײַזל, און בעראָש פֿון די רעפֿועס איז דער ווײַן, — האָט יויעלן דרייסט אונטערגעהאַלטן שלוימע האַספּאַרדי, וועלכער איז שוין דעמלט געווען ליצענציאַט, און אָט־אָט, אין אַ האַלב יאָר אַרום, געדאַרפֿט באַקומען דעם דיפּלאָם.

— ווו האָט איר זיי געפֿונען? פֿונוואַנען האָט איר זיי אויסגעגראָבן, די כאַכאָמים פֿון פֿאַר טויזנט יאָר צוריק, — האָט דער רעגענט נאָך אַלץ געפּרוּווט אָנהאַלטן דעם שפּאַסיקן טאָן. האַגאַם כויזעקן פֿון זיי ביידע, דערצו נאָך פֿונעם ספּאַרדי, דעם הייסן פּאָלעמיסט און דעם פֿײַיִקסטן פֿון זײַנע צוהערער, האָט זיך אים ניט געוואָלט. ער האָט געפֿילט, אַז ער קאָן דורך זיי אַרײַנגעצויגן ווערן אין אַ לײַדנשאַפֿטלעכן דיספּוט, וואָס קאָן זיך נאָך, ווער ווייסט אָף ווי לאַנג, פֿאַרציִען. האָט ער דעם ספּאַרדי געגעבן דאָס ערשטע וואָרט, קאָלזמאַן זײַנע שפּאַסווערטער האָבן נאָך ניט באַוויזן אַרויסרופֿן באַ די יונגען קיין בייז בלוט.

---

[1] כוימעץ בען יאַיִן: בוכשטעבלעך — עסיק פֿון ווײַן. אַ העברעיִש ווערטל: אַ שלעכטער זון פֿון אַ גוטן טאַטן.

ווי דעם סאַמע עלטסטן פון די לערן־יונגען, ווי איינעם פון זײַנע באַגלייבטסטע רעפערענטן, וועלכער איז זעקס און דרײַסיק כאַדאָשים אָפּגעווען בײַ אים באַקאַלאַוועֶר, ווען ער האָט פאַרטרויט פירן די לימודים און אַרויסהעלפן די לערנער אין אַלע פראַגן פון דיִעטיק, האָט ער איצט אָפּגעטראָטן זײַן אָרט אויף דער קאַטעדרע שלוימע האַספּאַרדין און יענער האָט גענומען דערציילן וועגן איינעם אַ רעב שמועל אַ רויפע, וואָס האָט געלעבט פריִער פאַר גאַלענען, וועגן דער דיִעטיק־לערע פון אָט דעם שמועלן און פון אַנדערע זײַנע מיטצײַטלער. איינער פון זיי, יעהודע בען באַטירע, אַז ער האָט ניט געהאַט אויף קיין ווײַן, פלעגט ער זיך באַנוגענען מיט אויסקוועטשן אַ הענגל ווײַנטרויבן אין אַ בעכער און זאָגן דערבײַ: אין די גאָר אוראַלטע צײַטן איז ניט געווען קיין סימכע אָן פליי ש, און איצט, בעיאָמיינו, איז ניטאָ קיין סימכע אָן ווײַן.

דאָס איז געפעלן געוואָרן דעם רעגענט. ער האָט קיין כאַראָטע ניט געהאַט, וואָס ער האָט אַליין מיטגעווירקט, אַז זײַן רעפעראַט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דיספּוט. אַז ער האָט נאָך דערהערט וועגן אַ צווייטן געלערנטן און הייליקן מאַן, וועגן איינעם אַ רעב אַקיווע, בײַ וועמען די בעסטע און טײַערסטע בראָכע איז געווען: גוטער ווײַן און אַריכאַס יאָמים, האָט עס דעם רוימער פּאָשעט פונעם שטול געהויבן פאַר האַנאָע. ער האָט ניט געוווּסט, אַז אָט דער זעלבער אַקיווע איז געווען אַ דאָס־סוינע די רוימער און אַז ער האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם לעצטן ניט גלײַכן קאַמף מיט זײַנע מעכטיקע אָוועס.

וועגן דעם האָט שלוימע האַספּאַרדי פאַרשוויגן. ער האָט עס אים אויך ניט דערציילט, ווען זיי זײַנען באַלד נאָכן דיספּוט אַוועק אין שענק אַרײַן בעכאַוורוסע עפּעס אויסטרינקען.

דער ווײַנשענקער האָט שוין געוווּסט: בײַ אָט דער כעווריי ע בעראָש מיטן גראַנד באַטשילי איז שטענדיק פּאָתח בכד וסים בחבית[1] — מע הייבט אָן פונעם קריגל און מע ענדיקט מיט דער פאַס. פלעגט ער זיי שוין אויפנעמען בעסייווער־פּאָנעם־יאָפּעס. פאַרן נאָבעלן רוימער האָט ער געהאַט אַ באַזונדער מין העכערן געזעס, אויפן סאַמע אויבנאָן, בײַם גרויסן טיש. די איבעריקע האָבן זיך אַרומגעזעצט אויף די שמאָלע בענק. דער רעגענט אויף זײַן העסע־בעט האָט אויסגעזען ווי אַ גוואַר אינעם סאַמע בלי פון די מיטעלע יאָרן. גוטער ווײַן, — פלעג ער שטענדיק זאָגן בײַם אָנהייבן די ליאַמע, איז דער זיכערסטער אָנשפּאַר, וואָס גיט צו פעסטקײַט דעם גאַנצן קערפּער־געבוי. פאַר זיך, פאַרן אייגענעם געברויך, האָט ער געהאַלטן, איז דער בעסטער ווײַן, וואָס איז אַלט אין יאָרן. אַלטער ווײַן בײַ דעם, וואָס שפּאַנט שוין אַריבער די פערציק, האַלט שלאַנק דעם קערפּער, גלײַכט אויס די קנייטשן אויפן פּאָנעם און מאַכט די פיס זײַנע לייכט, ווי בײַ אַ הירש. פאַר אײַערטוועגן, — האָט ער זיך געווענדט צו די גאָר יונגע לערן־באָכערים, בײַ וועלכע ס׳איז געווען אָן ערע זיך אָנשליסן אין זײַן פאַמאַליע, איז דערווײַל געזינטער צוערשט גוט אָפּעסן, ווײַל אויפן ניכטערן מאָגן, — האָט ער זיך צעלאַכט, — איז דער ווײַן אַ קנאַפּער שוימער פון גלײַכגעוויכט. יעדער איינער, — האָט ער געטײַנעט, — מוז לעכאָלהאַפּאָכעס צען בעכער ווײַן אויסטרינקען. דרײַ ערעוו דעם פאַרבײַסן, אויף צו דערוועקן דעם אַפּעטיט. דרײַ בײַם איבערבײַסן, ביכדיי גוט צו פאַרדײַען די מײַכאָלים. און דרײַ נאָכן עסן, ס׳זאָל זײַן פריילעך און גוט אויפן האַרצן.

— און דער צענטער בעכער? — האָט זיך קוימאַט שטענדיק אַרויסגעכאַפּט אַזאַ איינער, וואָס איז מיט זיי דאָס ערשטע מאָל.

— דעם צענטן קאָס וועלן מיר אויסטרינקען, אַז ס׳זאָל קיינמאָל מער אַזאַ נאַרישקײַט ניט געפרעגט ווערן.

— און אַז מיר זאָלן גלײַך קאָנען אַריבער צום צווייטן צענדליק, — האָט דער ספּאַרדי צוגעגעבן.

נאָר מע האָט פאַרלוירן די צאָל נאָך איידער מע איז געקומען צום צענטן קופּל. מע האָט געטרונקען פאַר דער מעדיצין־וויסנשאַפט און פאַרן רעגענט באַטשילי, דעם פרײַנט און כאַוועֶר פון די קומענדיקע מעדיקער. מע האָט געטרונקען פאַרן קאַנצלער פון דער סאַלערנאָ־שול און פאַר אַנדערע גרויסע געלערנטע. מע האָט נאָכאַמאָל געטרונקען פאַרן הויכגעשטעלטן, וועלט־באַרימטן מאָנסעניאָר רעגענט, דעם באַליבטסטן געלערנטן בײַ דער לערן־יוגנט, וועמעס גוטער שעם דאַרף צעטראָגן ווערן איבער אַלע לענדער. דער רוימער איז צעשמאָלצן געוואָרן פון אַזאַ לויבערײַ און פון אַזוינע געטרײַע טאַלמידים. ער האָט אַזויפיל אַרײַנגעגאָסן אין זיך, אַז מע האָט אים געמוזט סאָפּקאָלסאָף נעמען אײַנרײַבן די קני און די דלאָניעס פון די הענט מיט אַזאַ געמיש פון בוימל און זאַלץ־ראָפּע, ער זאָל זיך אַ ביסל אויסניכטערן.

---

[1] פּאַסאַך בעכאַד וועסיעם בעכאָוויס.

— דו טאַרסט ניט טרינקען, — איז ער אָנגעפאַלן אָף איינעם פון די, וואָס האָבן זיך מיסאַסעק געווען מיט אים, — אַז דו טרינקסט אויס, באַקומסטו דעם אויסזען פון אַן אָפּגעריסע־נעם נאַר. — אַ צווייטן, וואָס האָט גאַנץ פלײַסיק צוגעלייגט קויעך בײַסן אײַנרײַבן אים, האָט ער ביכלאַל געטריבן פון זיך: — דו טאַרסט אויך ניט טרינקען. דו פאַרלאָזט זיך צופיל אָף דײַנע יאַדאַיִם. — און איר וואָס? — האָט ער זיך גענומען צו די אַנדערע, ווען מע האָט אים אַרויסגעלאָזט פון די הענט, — אויך מיר ווײַנטרינקער! רײַבן קענט איר אָףביידע באַקן, און אָנשטאָפּן דעם מאָגן דער רועך ווייסט מיט וואָס. אַן עכטער איבערקער־מײַסטער וועט בלויז מיט אַ קליין ציבעלקעלע פאַרבײַסן נאָכן ערשטן בעכער, און ס'איז גענוג. מער דאַרף מען ניט. — ער האָט דערזען יויעלן בא דער וואַנט. — שפּאַרסט זיך אָן? קענסט שוין אָף די פיס ניט שטיין? די ווענט זײַנען גאַרניט קיין זיכערער אָנשפּאַר. זיי וואַקלען און הוידען זיך הין און הער, הין און הער.

יעדן האָט ער אָנגעריירט, מיט יעדן איינעם האָט ער זיך פאַרפּירט, געהאַט וואָס צו טײַנען, אויסוואַרפן, זאָגן מוסער. אַכוץ דעם ספּאַרדי. אים האָט ער געזען אויסצומײַדן, קעגן אים האָט ער זיך געפילט שאַפלדיק. ווען ער האָט דערזען, ווי אָט דאָס געלע יידל, וואָס איז די גאַנצע צײַט ניט אָפּגעשטאַנען פון אים, טויוולט נאָך איצט אויך די נעשאָמע זײַנע, און שטייט נאָך אַזוי פעסט אָף די פיס, איז ער בעכאַרפע ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן. ער האָט דאָ פאַר זיך דעם עכטן באַכוס־מאַן... און ער איז געווען זיכער, אַז צווישן אָט דעם רײַפלאָזן צווײַגוואַרג איז ער, באַטשעלי, דער איינציקער באַקאַנט.

— וואָס מאַכט דאָרט דער רוימער? — האָט דער ספּאַרדי בא דער ערשטער באַגעגעניש געפרעגט יויעלן.

— דער פּי־תמיד'ניק[1] באַטשעלי? איך האָב ערשט נעכטן געטראַכט וועגן אים, אָבער ניט וועגן זײַנע דיִעטיק־רעפּעראַטן, — האָט זיך יויעל צעלאַכט, און נאָכאַמאָל אַ פריילעכער אַרומ־גענומען זײַן יעדיד. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט דאָ אָנגעטראָפן אָף אים, ניט דערפאַרנדיק קיין בעזיע. לאָזט זיך אויס, אַז מע האָט אים אַרויסגערופן אַהער קיין קאַרקאַ־סאָן, צום קראַנק געוואָרענעם העגמאָן, — וואָס איז מיט אים?

— דער מעכאַבל זאָל אים וויסן, ער האָט באַקומען אַ מיִעסן אויסשלאָג אָפן לײַב. הער אויס, גוטער־ברודער! דו ווייסט דאָך, אַז אַ נאַזיר, וואָס ענדיקט זײַן נעזירעס, דאַרף ברענגען אַ קאָרבן פאַר זײַנע זינד. געדענקסטו, וואָס עליעזער האָט געענטפערט, ווען מע האָט בא אים געפרעגט: פאַר וועלכע זינד?

— פאַר דעם, וואָס ער האָט געפּאַסט טאַנייסים און זיך געפּײַניקט? — האָט יויעל באַלד ניט געכאַפּט, וואָס דער כאַווער וויל פון אים.

— פונדערפון קאָן מען מאַכן אַ קאַלוואָכוימער: מאַ דאָך דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון עסן, באַגייט אַ זינד, הײַנט וואָס פאַר אַ זינדיקער איז דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַ גוט גלעזל ווײַן?

זיי האָבן גלײַך געפונען דעם וועג צום טרינקשטיבל, וואָס האָט דאָ אין קאַרקאַסאָן אַ שעם מיטן רייניסטן ווײַנטרויבן־בלוט. דער ווײַנשענקער, מע זאָל כאַלילע ניט האָבן קיין כשאַד, אַז ער פאַרקויפט געוואַסערטע מאַשקע, שיט אָן די ווײַנטרויבן פאַר אַלעמען אין די אויגן, אין אַ גרויסן שטיינערנעם בוטל, און פיר געזונטע יונגען קוועטשן די טרויבן מיט שווערע הילצערנע קלעצער. דער זאַפט רינט אַרויס דורך אַ צינויר — אַן אָפענע רער אַזאַ, אין אַן אײַנגעגראָבענעם קעסל, די גרייס ווי אַ ציסטערנע. דער קעסל איז אויסגעווײַסט פון אינווייניק מיט קאַלך, און די זײַטן פון אויבן מיט שוואַרצער סמאָלע. די פליסיקײַט, וואָס מע שעפּט פון דאָרט, זײַט מען אַדורך דורך אַ זיפּ און דורך אַ לײַנענער טאַרבע אין די פּעסער אַרײַן. אין אַ צײַט אַרום, נאָכן איבעריירן, צעגיסט מען די פליסיקײַט אין פּעלענע פּענכערס, וועלכע מע טראָגט אַראָפּ אינעם קעלטער, און מע לאָזט דאָרט זיי הענגען אַזוי לאַנג ביז ס'ווערט דערפון דער עמעסער יאַיִן־האַמעשומער, דער ווײַן פון דער צײַט פונעם וועלט־באַשאַף.

שלוימע האַספּאַרדי, נאָכדעם ווי ער האָט באַוויזן יויעלן די גאַנצע פּראָצעדור, האָט ער זיך מיט אים צוגערוקט צום גרויסן שענקטיש, ווו ס'זײַנען שוין געזעסן אַ סאַך לעכאַיִם־מאַכער. ס'איז הײַנט געווען אַ שטיקל יוימע־דעפּאַגרע, דעריקער פאַר די, וואָס לעבן פון מעלאָכע. צוליבן יאַריד־טאָג האָבן זיך דאָ געפונען אָנגעפאַרענע, און אויך היגע, וואָס האָבן שוין עפּעס מעסאַקן געווען, און האַלטן פונעם ווײַן, וואָס מאַכט פריילעך דעם מענטשנס האַרץ. ווער זאָגט זיך עס אָפּ פון אַ קאָס ווײַן? און אַז מע האָט פאַרדינט אָף נאָך אַ בעכער,

[1] מיט אַ מויל פול מיט גלוסטעניש.

איז אוואדע גוט. ס׳זײַנען דאָ פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס וויפל זיי זאָלן ניט אויסטרינקען, ווילט זיך זיי נאָך אַ ביסעלע, כאָטש אַ קליין ביסעלע. באַנאַנד מיט אַ געוויינלעכן קידעש־מאַכער זעט מען דאָ וואַקלען זיך אַ קויסע־באַכער, וואָס איז שוין דערגאַנגען צו דער מאַדרייגע פון הפוך בה והפוך בה,[1] ער האַלט אין איין גיסן אין זיך און פון זיך. אָט אַזעלכן האָבן דעם שענקערס יונגען גענומען אַרויסטראָגן אין הייף־שטאַל.

— דער ווײַן איז באַ מיר גענוג שטאַרק, — באַרימט זיך דער באַלעבאָס, — אָבער דער שלאָף איז נאָך שטאַרקער. ער וועט זיך דאָרט אויסניכטערן, ביז דאָס ווײַב, צי די מוטער וועט זיך דערמאָנען קומען נאָך אים.

זיי ווייסן שוין גוט, די קאַרקאַסאָנער יידענעס, דעם וועג צו אָט דעם ווײַנשענקערס שטאַל. ווײַל וואָס פאַר אַן אומלײַט זייערע מענער זאָלן ניט זײַן, וועלן זיי קיין ווײַן באַ ניט קיין יידן ניט גיין טרינקען, און דאָס איז דער איין־איינציקער יידישער בייס־האַשיקרעס דאָ אין שטאָט. אַ ניט־ייִד קען דאָ אַמאָל דאַפקע יאָ פאַרבלאָנדזשען, האַגאַם די גאַלאָכים האַלטן זיי אין איין דראָען און וואָרענען, זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן פאַרזוכן פונעם ווײַן, וואָס איז ניט אויסגעטראָטן געוואָרן מיט די פיס פון עכטע קריסטן, און זיך אָנגיסן פונעם מעסטל, וואָס איז ניט באַשפּריצט געוואָרן מיט דער הייליקער וואַסער. אָבער די מאַשקע באַ אָט דעם שענקער איז ביליקער און די מאָס איז דאָ אַ ריכטיקערע. זיצט דאָ צווישן אוילעם אַ וואַנדערנדיקער אָרעמער ריטער מיט זײַן שווערד און פײַלנבויגן און וואַרפט פון צײַט צו צײַט אַ שיקערן בליק אַפן אויסגעפּוצטן שלוימע האַספּאַרדי.

נאָך אין סאַלערנאָ, געדענקט יויעל, האָט מען פונעם ספּאַרדי געשפּאָסט: אַז מע דערזעט אים, ווילט זיך צוווינטשעווען טיוולע וועטיסקאַדייש — ער זאָל דאָס באַנײַטע צערײַסן געזונט. אַזוי איז ער פון טאָמעד אָן געגאַנגען אָנגעטאָן אין שפּאָגל־נײַע רײַכע מאַלבושים. מיקאָלש־קיין איצט, ווען ער איז דער איינציקער רופע־מומכע באַ זיך אין שטאָט, און מע רופט אים נאָך אין די מעקוימעס, וואָס אָרום בעזיע. אפילע צום היגן בישאָף איז שוין דערגאַנגען דער שוואַך וועגן אים. אַפּאָנעם דער היגער שענקער ווייסט אויך, ווער ער איז, ער האָט נאָר די האַנט אַ הייב געטאָן, מיטן בורשטינענעם רונג אַפן מיטלסטן פינגער, און ס׳שטייט שוין דער ווײַן אַפן טיש. דער באַלעבאָס הערט ניט אויף צו טראָגן קאָלערליי געקעכצן, גרינסן און פונעם סאַמע טײַערסטן און בעסטן. זיי זײַנען דאָך מער ניט ווי אינצווייען, איז צוליב וואָס דאַרף מען אַזויפיל פליישן? כידעשט זיך יויעל. — ס׳איז ניטאָ קיין סימכע אָן פלייש, — רײַבט אַ האַנט אין האַנט דער ספּאַרדי.

אַ שאָד, וואָס טאַנכום איז נאָך ניטאָ, מיט זײַן הילף וואָלט מען עפּשער בײַגעקומען אָט דאָס אַלץ, וואָס ס׳ליגט פאַר די אויגן. ער האָט אַמאָל ליב אַרײַנאַכלען קעדעבאָע. דער ספּאַרדי איז אויך ניט פון די קליינע זוילעלס. שוין נאָכן ערשטן קופּל ווײַן קײַט ער אַףביידע באַקן און אײַלט צו יויעלן, ער זאָל אויך ניט אָפּשטיין.

— מע רעדט ניט באַם עסן, — לאָזט ער אים קיין וואָרט ניט אויסריידן.

— איך האָב זיך געקליבן אַף אַזאַ יאָמטעוודיקער ליאַמע, — זאָגט יויעל, — אָבער באַ דיר אין דער היים, אין בעזיע, ווו דו האָסט שוין דערגרייכט זיכער אַ שיינע דירע און אַ שיין ווײַב.

— איך האָב אַלץ דערגרייכט. וועסט זײַן באַ מיר, וועסטו זען. נאָר לעסאָטע לאָז מיך איבערכאַפּן. איך בין אַ גאַנצן אינדערפרי געווען באַם בישאָף און האָב נאָך ניט טויעם געווען, וואָס ס׳איז ווערט אַ קעזאַיעס... זאָל זײַן געגעסן און אָפּגעווישט די ליפּן.

ווען טאַנכום איז געקומען צולויפן און גענומען אויסלייגן וויפל ער האָט זיך אָנגעמאַטערט ביז ער האָט געפונען אַ מאָקעם פאַר די באַלעכאַים, האָט יויעל זיך געפילט שוין אַ ביסל מעוויוסעם. דעם דערבײַ זיצנדיקן ריטער, ווען ער האָט נאַרוואָס מעכאַבעד געווען מיט אַ גרויסער שטיק פלייש, האָט ער אַריבערגעזעצט אַף יענער זײַט נאָכן ספּאַרדי, טאַנכום־מען לעבן זיך. ער האָט אים געקוקט אין מויל אַרײַן און ניט געקענט פאַרשטיין דעם מײַ־קאָמאַשמעלאָן פון זײַן פאַרענטפערן זיך. צי דאָס זײַנען טײַנעס, וואָס ער, טאַנכום, האָט צו עמעצן, צי הינטער די רייד באַהאַלט ער עפּעס איס אַזוינס, אין וואָס ער וואָלט זיך געדאַרפט מוידע זײַן און מעכילע בעטן. ער האָט זיך מיט די באַלעכאַים געמוזט אַרומשלעפּן, — באַקלאָגט ער זיך, — אויסערהאַלב דעם יידן־פּערטל. דאָ אין קוואַרטאַל האָט ער ניט געקאָנט געפינען קיין פרײַ שטעלכל, דאָרט אויך ניט. ס׳איז הײַנט אַ מאַרק־טאָג. אַ סאַך אָנגעפאָרענע. ער האָט קוים מיט צאָרעס אָפּגעזוכט, באַ אַן אַלמאָנעכל, אַ פינצטער אײַנגעוואַל־

[1] האַפּויך באָ וועהאַפּויך באָ.

גערטע כורווע. דעם אָגער האָט ער ווי ס'איז אַרײַנגעשלעפּט... און דער כאַמויר האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, און בעשום־אויפן ניט געוואָלט אַרײַן אַהין.

— אָט דער כאַמער?[1] אָט דער, וואָס שטייט אַפן טיש? — האָט דער ספּאַרדי קלוימערשט אַ בייזער, מיט שטרענגע בליקן אַ מעסט געטאָן טאַנכומען, — אַנו, טו אַ פּרוּוו, צי ס'וועט אַרײַן אַהין, — האָט ער אָנגעוויזן אַפן בויך, און גלײַך אָנגעגאָסן פונעם גרעסערן קריגל אַ פול קופּל מיט שוימיקן צימוקים־ווײַן.

— ער איז בא מיר אויך אַ גוטער כאַמויר, — איז יויעלן נימעס געוואָרן האָבן איצט צו טאָן מיט טאַנכומען, — נעם טרינק אויס און פאַרבײַס, — האָט ער אים אונטערגערוקט די שיסלען מיט מײַכאָלים.

— האָבן מיר, הייסט עס, דרײַ מאָל כאַמויר! — האָט זיך צעלאַכט דער ספּאַרדי, אַרופּ־לייגנדיק די האַנט אַף יויעלס פּלייצע.

— און דער קליגסטער צווישן זיי איז דער, וואָס שטייט אַפן טיש, — האָט יויעל מיטגע־כויזעקט, צוקוקנדיק, ווי טאַנכום האָט גענומען קוידעמקאָל טאַמעוואַטע קײַען אַ ציבעלע. מיט־אַמאָל האָט ער אַרײַנגעקערט אין זיך דעם גאַנץ גרויסן קופּל ווײַן און האָט זיך פאַרכלינעט.

— עך, ליבינקער, איך זע, אַז דו קענסט לאַכלוטן ניט שאַסיענען. דו ווייסט אפילע ניט, אַז השותה כוסו בבת אחת הרי זה גרגרן[2] — האָט דער ספּאַרדי דאָס צווייטע מאָל אים אָנגעפּולט דעם קופּל און ניט אופגעהערט צו קיבעצן, — דו פאַרשטייסט כאָטש, וואָס סע הייסט אַ גרגרן? דו גאַרגל־שווענקער. אַ גרגרן איז דער, וואָס גיסט אין זיך ווי אַף אַ שטיין, אָדער אַזעלכער, וואָס באַנוגנט זיך מיטן נאַרישן אַשער־יאָצער־וואַסער. דער טאַטע דײַנער איז אַפּאָנעם געווען אַ גרעסערער בעריע. איך האָב אַ גוטן סימען, ווען איך טו אַ קוק אַף דיר.

— אַף אָט אָ יענער זאַך איז ער אויך ניט קיין קלענער בעריע — האָלט אונטער יויעל דאָס וויצלען זיך, — צו אָט אָ יענעם איניען איז ער פלינק, ווי אַ הירש, און שטאַרק, ווי אַ לייב. נאָר איך וועל איצט גאָרנישט ניט דערציילן, — נעמט ער טאַנכומען אַרום פאַר דער פּלייצע, — מע זאָל ניט זאָגן אַף מיר: נכנס יין יצא סוד.[3]

טאַנכומען גייט שוין ווייניק אָן זייער שפּאַסן איבער אים. נאָכן צווייטן קאָס האָט ער זיך דערלאַנגט צו די געשמאַקע שטיקער פלייש. ער עסט מיט האַנאָע און ניט געײַלט. מיט איין אויער, ווי קילעאַכער־יאַד, הערט ער דעם ספּאַרדי, וואָס רעדט איבער אים, און גיט אים עפּעס צו פאַרשטיין אין הילכעס טרינקען. יויעל האָט זיך פאַרקוקט אַף דער שענקערקע, וואָס האָט זיך נאַרוואָס באַוויזן צווישן די טרינקער. זי העלפט דעם מאַן אונטערטראָגן, צונעמען, אויס־ווישן. אַ דאַרדעקע־באָכערל שלעפּט זיך איר נאָך, און זי טרײַבט אים פון זיך, ער זאָל זיך איר ניט פּלאָנטערן פאַר די פיס. דעם ייִנגל פאַרנאַרט צו זיך אַ יונגערמאַן, וואָס מאַכט אַ קויִ־סע בעיעכידעס, אין אַ ווינקל, אַף אַ באַזונדער טישל. ער איז שוין אַפּאָנעם גוט בעגילופן. ער זאָגט צום קינד:

— דו לאַכסט פון מיר. דו מיינסט איך בין עפּעס אבי־ווער? אַ טויגעניכטס, אַ שלעפּער, אַ שיקאָריסקע... און די מאַמע דײַנע איז מיר אַמאָל געטרײַ געווען, ווי אַ שוועסטער. ווען דו ביסט נאָך אַף דער וועלט ניט געווען... — קוויקט ער זיך אין דער שטיל, מיט אַ באַהאַלטן געלעכטערל, — איז דײַן מאַמע... האָט מיך דײַן מאַמע ניט איין מאָל אַרומגענומען און הייס געקושט. קום אַהער! קום צו, וועל איך דיר ווײַזן, ווי זי האָט מיך צוגעדריקט צו זיך.

דאָס ייִנגעלע האָט זיך איבערגעשראָקן און איז אַנטלאָפן פון די אויסגעשטרעקטע לאַנגע פרעמדע הענט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער מוטערס קלייד און קימאַט ווי אויסגעשריִען:

— מאַמע, דו קענסט אָט דעם ייִדן?

— וועלכן ייִדן? — האָט די שענקערקע נאָכגעקוקט נאָכן קינדס הענטל, — אָט דעם אומליַיט? אקיווע, דעם זון פון אַרן דעם זאָטלמאַכער? גיי אַוועק פונדאַנען, האָסט דאָ ניט וואָס צו טאָן, — האָט זי פאַרן אַקסל געגומען אַרויספירן פונעם ביידער דאָס קינד, — וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— דו קענסט אויך דעם טאַטן זײַנעם? איז דאָס באָכערל נײַגעריק געווען צו וויסן, — און ער האָט מיר דערציילט נאָר וועגן זיך... מיטאַמאָל האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דער מאַמעס הענט און איז צו צו איינעם אַ לעץ אַ פאַרשלעפּטע קרענק, וואָס האָט זיך געקליבן באַווײַזן אַן אויסטערלישע זאַך. דאָס רעדל, וואָס אַרום אים, האָט אים צוגעזאָגט צו באַגיטיקן, אויב ער וועט טאַקע באַווײַזן די קונץ: אויסטרינקען דעם ווײַן פון איין קיילע און דערמיט ליידיק מאַכן

---

[1] אַלטער ווײַן.

[2] האשויסע קויסוי בעוואט אכאס — דער, וואָס קערט אַרײַן זײַן קאָס מיט אײַנמאָל.

[3] נוכנאַס יאַיין יאָצאָ סויד — אַרײַן דער ווײַן, אַרויס דער סאָד.

א גאַנץ אַנדערע קיילע, צו וועלכער ער וועט זיך אַפילע ניט צורירן. דערבײַ פון דער ערשטער קיילע פון אַוועלכער ער וועט טרינקען, וועט קיין איין טראָפּן ניט געמינערט ווערן.

ער האָט שוין געהאַט גרייט אַן אָפענעם פּענכער ווײַן, און דעם צווייטן פּעל־פּענכער, א ניט פולן, א שטײַף פאַרבונדענעם האָט ער אַוועקגעלייגט אַפן טיש און געמאַכט אין אים די פּאַרטיפונג. אַהין האָט מען געגאָסן פונעם צעעפנטן פּענכער דעם ווײַן און אָנגעבויגענערהייט האָט ער, ווי א פערד פונעם שעפל, אויסגעזלשיאָקעט די פליסיקײַט ביזן שפּונט. אַזוי האָט מען אים עטלעכע מאָל אונטערגעגאָסן און ער האָט ביזן לעצטן טראָפּן אויסגעליידיקט דעם פּענכער, פון וועלכן ער האָט ניט געטרונקען. אַפן ליידיקן פּענכער האָבן גענומען פאַלן מאַטבייעס פון קאָלערליי ווערט און גרייס. דער לעץ, א פאַרקנאַקטער פונעם אויסגעטרונקענעם ווײַן און פונעם הויפן מאַטבייעס, וואָס האַלט נאָך אין וואַקסן, האָט אונטערגעהאַלטן דעם אוילעם מיט א שפּאַס־ווערטל, מיט א פריילעכער מײַסע, מיט א רעטעניש, וואָס ער וועט באַלד שטעלן, ביטנײַ, אויב די שענקערקע די באַלעבאָסטע, וועט זיך פאַרהאַלטן אַף א ווײַל, און צוהעלפן צום באַשייד.

— צוויי שפּילן זיך, — האָט ער שטײַף אַרומגענומען די שענקערקע — די זיבן גייען אַוועק. די נײַן קומען אָן. די אַנדערע צוויי גיסן זיך אָן. און דער איינער טרינקט.

— דעם איינעם האָב איך שוין געטראָפן, — רײַסט זיך פון זײַנע הענט די באַלעבאָסטע, — דאָס ביסטו! קיין צווייטער אַזאַ טרינקער איז אַף דער וועלט ניטאָ.

יויעלן האָט זיך געוואָלט אַרײַנמישן. דערנידעריקן, שטעלן אין ביזאָיען אָט דעם וואַגאַבונד, וועלכער איז פייִק צו פאַרקריפּלען און פאַרביליקן א רעטעניש, וואָס איז פאַרבונדן מיט שלוימע האַמעלעך און מיט דער מאַלקע שוואָ. ער האָט זיך נאָר געוואָלט דערוואַרטן, עפּשער וועט זיך געפינען ווער אַן אַנדערער פונעם אוילעם, וואָס וועט אים געבן א גאָב ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. דער לעץ אָבער האָט ניט דערלאָזט דערצו, ווי נאָר עמעצער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט ער געכאַפּט אַליין מעגאַלע זײַן דעם באַשייד. דערבײַ האָט ער זיך נאָך גערייצט מיט דער שענקערקע, אַז זי מוז דאָ בלײַבן שטיין און באַשטעטיקן ווי ריכטיק געניי ער טײַטשט אויס אַלצדינג, מיט אַלע פּינקטלעכקײַטן.

— די צוויי, וואָס שפּילן זיך, זעט איר שוין אַליין, ווער מיר זײַנען. מיט דער צײַט וועט קומען דאָס ווײַטערדיקע...

— עס איז אָבער אין דער רעטעניש ניטאָ וועגן די צוויי, — שלאָגט אים איבער איינער, — האָסט עס אַליין צוגעטראַכט.

— דאָס איז ניט וויכטיק. זאָל זײַן צוגעטראַכט, אַבי עמעס. — האָט זיך דער לעץ ניט פאַרלוירן און מיט א ניגנדיק קאָל אויסגעשריִען דעם ווײַטערדיקן באַטײַט. — די זיבן, וואָס פאַרשווינדן, איז דאָס מאָנאַטלעכע. די נײַן, וואָס קומען אָן, זײַנען די כאַדאָשים פון טראָגן און האָבן. און די אַנדערע צוויי — דאָס זײַנען די צוויי שאָדאַיִם. — טוט ער די שענקערקע א נעם פאַר דער ברוסט, — זיי זײַנען באַ דיר שטענדיק אָנגעגאָסן, — וויל ער זי צודריקן צו זיך. זי שטופּט אים אָפּ, און דער שיקערער אוילעם קײַכט פון געלעכטער. דער לעץ לאָזט זי נאָך אַלץ ניט אַרויס פון די הענט. — דער איינער דאָס בין איך. איך בין א גוט ברוסט־קינד, — רײַסט ער זיך זי א קוש טאָן.

— יויכעוועד, וואָס פאַרנעמסטו זיך מיט נאַרישקײַטן! — שרײַט צו איר דער מאַן דער שענקער. — די יונגען וועלן זיך פריילעך מאַכן אָן דיר. נעם צונויף די ליידיקע קיילים פון די טישן.

יויעל האָט פונדעסטוועגן ניט אויסגעהאַלטן, ער האָט דעם לעץ אָנגעכאַפּט פאַרן לאַץ און בעקויל־ראָם, דער גאַנצער אוילעם זאָל הערן, האָט ער אים אַרײַנגעשריִען אין פּאָנעם אַרײַן:

— אויב דו ביסט יאָ אַזאַ כאָכעם א בעריע, טאָ פאַרענטפער מיר אָט די רעטעניש, — ער האָט ניט מעגאַלע געווען, אַז ס׳איז איינע פון די גערימטע כידעס[1] פונעם באַרימטן מוישע איבן עזרע. ער האָט זי אויסגעלייגט מיט זײַנע ווערטער, אַף דער פּאָשעטער היגער פּראָוואַנסאַלער רייד־שפּראַך: — א שוועסטער פון דער זון, וואָס שײַנט אין הימל. באַנאַכט באַקומט זי א באַזונדערע כשיוועס, באַם פײַער הייבט זי אָן צו גיסן מיט ביטערע טרערן, און דערפאַר, צי ניט דערפאַר, שנײַדט מען איר עטלעכע מאָל אָפּ דעם קאָפּ.

דעם אוילעם געפעלט, וואָס דער לעץ האָט מיטאַמאָל פאַרלוירן זײַן לאָשן גײַווע. אַזוי ווי ער האָט זיך פריִער געהאַלטן קוימעמיעסדיק, אַזוי שטייט ער איצט באָטל, ווי אַן אָפּגעבראָכן שערבל. ער האָט עפּעס יאָ געפּרוּווט אָן עפן טאָן דאָס מויל, נאָר מער ווי מיט א נאַרישן שמייכל אַפן פּאָנעם קאָן ער זיך ניט אַרויסהעלפן. ער לעבט אויף, ווען עמעצער אַן אַנדערער

---

[1] רעטענישן.

נעמט זיך פיר צו טרעפן, ער איז אויך צווישן די אונטערזאָגער. נאָר דערווײַל האָט נאָך קיי־
נער ניט אַרויסגעזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זײַן נאָענט צום ריכטיקן באַשייד.
דער וואַנדערנדיקער ריטער איז באַשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען די האַרץ־דאַמע, נאָר פאַר־
וואָס שנײַדט מען איר אָפּ דעם קאָפּ?
— און דערצו נאָך עטלעכע מאָל, — האָט עמעצער צוגעגעבן.
— מע דאַרף זיך אַליין לאָזן שנײַדן הענט און פיס, — האָט זיך דער ריטער צעהיצט, —
זיך שלאָגן פאַר אירער אַ טרער, ביזן לעצטן אָטעם. דעם אייגענעם קאָפּ אוועקלייגן פאַר אירן
אַ ליכטיקן שמייכל, פאַר אַן איינציקן בליק פון אירע שיינע פאַרטרוימטע אויגן, און עפּשער
אויך פאַר אַ לופטיק לײַכטן קוש פון אירע צאַרט־דופטיקע ליפּן.
צווישן אוילעם האָט אויסגעקנאַלט אַ געלעכטער, ווען טאַנכום האָט זיך אונטערגערוקט
צום היציק־צעפלאַמטן ריטער און אים אַזוי ווי אײַנגערוימט אַ סאָד.
— פון דער דאַמע שמעקט מיט קיילעוו.
— דאָס איז אַ קיילעוונע ליכט, אַ פּאַשעטע קיילעוונע ליכט, — האָבן אויך פיל אַנדערע
געטראָפן.
דער באַשײַמפּערלעכער דורכפאַל האָט באַ יויעלן אַרויסגערופן אַ ווילן אים נאָך מערער
מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט. זאָל אַזאַ מוישעוו־לייצעמניק, אַ בור דעוויר־ײַסע, וואָס איז בע־
קויעך מער ניט ווי צו קיבעצן און שיטן מיט ביליקע וויצן, זיך ניט פאַרנעמען מיט אַזאַ
איידעלן איניען, ווי רעטענישן. די כידע, וואָס איז באַליבט באַם האַמוין אַם, און פאַרנעמט אַ
בעקאָוועדיק אָרט באַ יעדער מעסיבע פון יוידייע־סייפער, פאַרשעמט ער אַזוי גראָב. אַפילע באַ
די מעשוירערים אונדזערע איז זי אַין גרויס כשיוועס, און ס'קומט אים אָפּן צונג יעהודע־האַליי־
וויס כידע וועגן דער נאָדל. ער כאַזערט זי איבער פאַר זיך אינדערשטיל, און וויל זי פּאַרלייגן
דעם לעץ. זאָל ער זי פּרוּוון ניט פאַרענטפערן, וועט ער אים ווי אַ שפּענדל אַרויסוואַרפן פונ־
דאַנען. נאָר קיינער הערט אים שוין ניט. דער אוילעם מאַכט זיך איצט לוסטיק איבערן רײַ־
טער, וואָס איז אַפּאָנעם ניט גאָר קיין איבערגעשפּיצטער. דערצו איז ער נאָך אַ ביסל שיקער־
לעך. ער באַרימט זיך מיטן גרויסן דערפּאָלג, וואָס ער האָט געהאַט אָפּן לעצטן טורניר. ער
פּאַרט טאַקע איצט פונעם טורניקעט. אינעם זאָטל, וואָס אָף זײַן פערד, שטעקט נאָך די בלום,
וואָס די שענסטע פרוי האָט אים דאָרט אונטערגעטראָגן. דער לעץ, דער קאַטאָוועס־טרײַבער,
שטייט שוין איבער אים און טרײַבט אַ כויזעק נאָך אַ כויזעק. מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן
אַ האַמצאָעלע, און דאָס פּאָנעם האָט זיך באַ אים צעלויכטן, אָט דאָ וועט ער, דוכט זיך, דער־
הייבן די מאַראָכע זײַנע, וואָס וועט לאַכלוטן פאַרגעסן מאַכן דעם דורכפאַל, וועלכן ער האָט
נאַרוואָס געהאַט. ער זאָגט דעם ריטער:
— דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ קונץ אָף דײַן יאָג־פערד איבעריאָגן דעם קעגנער, נאָר
אַזעלכע פאַלן זײַנען פאַראַן אָף שריט און טריט. אַ גרעסערער קונץ איז, ווען מע פאַרמעסט
זיך, וועמעס פערד וועט שפּעטער קומען צום ציל.
— אַזוינס האָב איך נאָך ניט געהאַט. אָף קיין שום טורניר בין איך נאָך באַ אַזאַ פאַר־
מעסט ניט בײַגעווען, — צעלאַכט זיך דער ריטער.
— און וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען מע לייגט דיר פאָר אַזאַ געוועט?
— איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געצוימט מײַן אָדלער. איך וואָלט געזען, אַז מײַן ערבער
זאָל גיין טריט באַ טריט.
— און אַז יענער וועט לאָזן זײַן סוס נאָך פּאַמעלעכער?
— איך וואָלט באַם סאַמע אָנהייב צוגעוואַרט, יענער זאָל דער ערשטער זיך אַ לאָז טאָן
אָף זײַן לויף־פערד.
— אַז דײַן קעגנער וועט אויך צוואַרטן? וועט איר אַזויביידע שטיין און אַכטונג געבן
איינער אָפּן צווייטן? און דער אוילעם מיינסטו וועט האָבן געדולד עס צוקוקן?
דער ריטער, ווי אַן אָפּגעבעצוימטער, איז ניט אײַנגעשטאַנען אָף אַן אָרט. ער האָט זיך
געדרייט, אַרײַנגעקוקט אין די פּנעמער, וואָס האָבן אים באַטראַכט וועך מיט נײַגער, ווער מיט
אַ רייץ־שמייכעלע, אָדער מיט שפּאַס אין די בליקן. ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען, צי איז
דאָס אַ כויזעק, צי אַ פראַגע, אָף וועלכער מע זוכט טאַקע אַ באַשייד?
— איז אָט, הער מײַן אייצע, — האָט דער לעץ קלוימערשט ערנסט אים געגעבן צו פאַר־
שטיין. — באַ אַזאַ פאַרוועט, דאַרף מען זיך בײַטן מיט די פערד און דעמלט וועט דיר לוינען
זיך צו באַמיִען אים איבעריאָגן, ביכדיי דער קעגנער אָף דײַן אָדלער זאָל שפּעטער קומען צום
ציל. איז ווער וועט דעמלט געווינען דעם געוועט?
דעם אוילעם איז דער אײַנפאַל ווויילגעפעלען, דער ריטער, אַ באַגײַסטערטער, איז שוין
גרייט צו פאַרמאַשקענען זײַן געווער, פאַרקויפן דעם ריטער־גאַרטל, די קליידער פון זיך און

מעכאבעד זײַן דעם קאַטאָוועסניק מיטן בעסטן טײַערסטן ווײַן. ער שלעפּט אים צום שענקער, וואָס דערציילט איצט דעם ספּאַרדי א מײַסע וועגן דרײַ, וואָס האָבן געגעסן. זיי האָבן אים גע־געבן זייער געלט־בײַטל ביטנײַ, אז נאָך דער סודע וועלן זיי אינדרײַען, אלע צוזאמען, אים אָפּנעמען. בעשאסן עסן איז איינער פון די דרײַ געקומען צו אים נאָכן געלט. ער האלט פונעם קלאַל כבדהו וחשדהו[1]. פרעגט ער בא די איבעריקע צוויי פונדערווײַטנס — זאָל איך אים געבן? מענטשן האָבן געזען און געהערט, ווי זיי האָבן אין איין קאָל מאסקים געווען: יאָ, יאָ, גיט אים. דער דריטער האָט צוגענומען דאָס געלט און איז באלד אנטרונען געוואָרן. לאָזט זיך אויס, אז זיי האָבן אים גאָר געשיקט ניט נאָכן געלט, נאָר נאָך א פרישן פּענכער ווײַן. האָבן זיי אים געשלעפּט צום בעסדן. דער אוו בעסדן האָט זיי אָפּגעגעבן דאָס גערעכט. איך האָב זיך גערארפט נויהעג זײַן קעפּי־האמדובאָר[2]. איך האָב ניט געטאָרט אומקערן דאָס געלט אין איינע הענט, ווען מע האָט אָפּגערעדט, אז זיי מוזן אלע דרײַ זײַן דערבײַ. בין איך אָבער אויך ניט קיין נאַר. אים קיין, זאָג איך צום אוו־בעסדן, טאָ זאָלן זיי קומען מיטן דריטן, וועלן זיי גלײַך באקומען דאָס אײַנגעלייגטע געלט. בין איך ניט גערעכט געווען? האָב איך שלעכט יוי־צע געווען? — צעכיכיקעט זיך דער שענקער, ווי ער וואָלט צעשאָטן ארבעס־שרויט אַף א לאָקשן־ברעט.

— ס'איז א אויסגעטראכטע מײַסע, — טוט אים א באָד אַף דער ספּאַרדי. דעם שענקערס פּאָנעם, וואָס האָט זיך ביז איצט געשמאָלצן, ווי די זון נאָך א רעגן, ווערט פּארוואָלקנט.

— איז דאָס א ליגן? האָב איך אויסגעטראכט גלאַט אזוי א מײַסע?

— ניט איר האָט אויסגעטראכט. ס'איז עפּשער א מײַסע שעהאיאָ, וואָס איר האָט געהערט דערציילן.

— בין איך, הייסט עס, א שאָוו־וועשעקערניק, וואָס דערציילט פּיזמוינעס. מענטשן האלטן מיך פאַר א באגלייבטן. מע גלייבט מיר... איך זאָל עס פּארמאָגן ביז מײַן לעבן... — האָט זיך דער שענקער גענומען שווערן און דערווײַזן, וואָס פאַר א פּארטרויליכער מענטש ער איז.

— אומזיסט די מי, פּעטער, — האָט דער ספּאַרדי ארופגעלייגט די האנט אַפן שענקערס אקסל און אים געזאָגט קימאַט אַפן אויער: — אויב דער ווײַן אײַערער האָט עפּעס א ווערט, זײַנען אײַערע מײַסעס ביליקער פון מאַיִם־אכרוינים־וואסער. גייט בעסער באדינען דעם אוי־לעם. טוט א קוק אין אָט יענעם ווינקל, ווו מע ווארט אַף אײַך... — האָט ער גאנץ געלאסן און ווירדיק אָנגענומען דעם באלעבאָס פאַר דער האנט און אים אָפּגעפירט פון זײַן זיץ־אָרט ביז דער מיט פונעם גרויסן טרינק־זאַל. אליין איז ער אוועק פון אים מיטן גאנג פון א פּאווע, וואָס בלאָזט פון זיך. מיט געמעסיקטע טריט און מיט מאַיעסטעטיש דערהויבענע באוועגונגען האָט ער דורכגעשפּאנט ביז צום ארויסגאנג. ער האלט נאָך אַפּאָנעם בא דער ערשטער מאָד־רייגע פון שיקרעס, האגאם ער האָט שוין אזויפיל אויסגעטרונקען — א סאך מערער פון יויעלן, וואָס האָט שוין, ווי ס'זעט אויס, אריבערגעכאפּט די מאָס. באלד וועט ער אים צונעמען פונדאנען, נאָר דערווײַל זיצט ער דאָרט מיט זײַן דינער.

אָבער יויעל פּילט איצט לעבן זיך ניט קיינעם. ער איז ארײַנגעטאָן אין זיסע הירהורים און איז איבערפולט מיט ווארעמע געפילן צו דעם גרויסן יעהודע האלייווי, וואָס איז געווען א דאם־סוינע די אלע, וועלכע פּריידיקן נעזירעס, סיגופים, פּײַניקונגען, אלץ אזוינע זאכן, וואָס זײַנען קעגן אונדזער גײַסט. פּארקערט — כעדווע, לעבנסלוסטיקער גלויבן, ביטאָכן, ליבע צו מענטשן, צו דער וועלט, צום לעבן. אן עמעסער רעכטפאָרטיקער יִיד, האלט ער, איז ניט דער, וואָס איז מעוואטל דאָס לעבן און אײַלט זיך אַף יענער־וועלט. דער מענטש אליין איז א באלע־באָס איבער זיך, איבער זײַנע מײַסים און שטרעבונגען, און אויך איבער זײַנע קערפּערלעכע פּארגעניגנס. אלץ דארף געטאָן ווערן אַף אײַנצוהיטן דאָס רוכניעסדיקע, ווי אויך דאָס גאשמי־עסדיקע. פּארשטייט זיך, מיט א מאָס, אײַנגעהאלטן, ניט אריבערטרעטן דעם געדער. נאָר אַף אזא אויפן, אויסנוצנדיק די אלע מידעס־טויוועס, און די קערפּערלעכע קרעפטן, וואָס געפינען זיך אין מענטשנס רעשוס, קאָן מען דערגרייכן צום העכסטן שטאפּל, וועלכער פירט צו א שליימעסדיק לעבן. נאָר ער, יויעל, האָט שוין, דוכט זיך, אריבערגעשפּאנט דעם געדער. עפּעס איז אין אים איצט פּאראן פון דער אייגנשאפט פון א מאלפע, א גרייטע זיך מיט יעדערן צו שפּילן, זיך ארומנעמען, זײַן קוצעני־מוצעניו. ער האָט זיך, דוכט זיך, נאַרוואָס געהאט ארומ־גענומען מיט טאנכומען, און איצט האלט אים פאַר די לאָצן א פרעמדער באַיאָרטער ייִד און שלײַדערט אים הארבע דיבורים אין פּאָנעם ארײַן:

— ווען איך בין אין דײַנע יאָרן, איך וואָלט אים דוירעס זײַן, איך וואָלט אים רוק און

---

[1] קאַוודייהו וועכאשדייהו — גיב אָפּ קאָוועד און זײַ דאָך געהיט.

[2] קעפּי־האמעדובאָר — ווי מע האָט אָפּגערעדט.

לענד צעבראָכן, אָט דעם אויכער־ייִסראָעל, דעם מעשומעד. ער רײַסט זיך אַרײַן אין ייִדישע הײַזער מיטן ציילעם און רופט צו שמאַד, אָט דער מאַמזער בען האַנידע, און ס'געפינט זיך ניט, וועער ס'זאָל אים קירצער מאַכן אַף אַ קאָפּ.

שטייט שוין אַרום זיי אַ רעדל, און אַלע ריידן וועגן דעם מעשומעד, וואָס איז געקומען אַהער פון לאַ־ראַשעל כאַפּן נעשאָמעס. שוין דעם צווייטן טאָג, אַז ער טוט אומנאַטירלעכע מײַ־סים. מע האָט פון אים די ברענענדיקע לייד... אַז ער האָט פאַר קיינעם קיין מוירע ניט. אינו דומה שמיעה לראיה,[1] טראַכט זיך יויעל, ער מוז גיין אַ קוק טאָן אַף אים.

— וווהין איז? — פאַרהאַלט אים דער אונטערגעקומענער ספאַרדי.

— די לחכימא ברמיזא, לשטיא בכרומיזא[2] — אויב דעם קלוגן איז גענוג אַ ווונק, איז דעם נאַר דאַרף מען מיטן פויסט. איך וועל גיין דעם מעשומעד אָנברעכן די ביינער.

— דו אים? — צעלאַכט זיך דער ספאַרדי און האַלט יויעלן פעסט צו מיט בײדע הענט. — ער איז אָן אויג מעלעך האַבאַשאָן, דײַן האַנט וועט צו אים ניט דערלאַנגען.

— איך וועל צו אים דערלאַנגען. איך וועל אַרופּקריכן אַף אַ לייטער און וועל צו אים דערגרייכן. איך וועל אים ניט לאָזן שאַלטיקן, אָט דעם יעראָוואָם בען נעוואָט.

— ס'וועט גאָרניט זײַן. וועסט אים גאָרנישט ניט טאָן — דער בישאָף שטייט הינטער זײַנע פּלייצעס.

נאָר יויעלן איז איצט ניט אײַנצורײדן. דאָס אויסגעטרונקענע האָט אים אַזוי צעוואַרעמט, אַז ער פילט זיך איצט שטאַרק, ווי אַ לייב. ס'דוכט זיך אים, ער וואָלט געקאָנט האַקן ווי אין קרויט אַרײַן. די הענט וואָלטן זיך באַ אים לײַכט געהויבן, און געפאַלן וואָלטן זיי שווער האַרט־וואָגיק, ניט נאָר אַף איינעם, אַ שטאַרקערן פון זיך, נאָר אַף די אַלע, וואָס וואָלטן זיך אים קעגנגעשטעלט. פון די צוריקגעכאַפּטע קלעפּ טראַכט ער ניט, גלײַך ווי זיי וואָלטן גאָר ניט מעגלעך געווען. ווען אפילע יאָ, וואָלטן זיי געוועזן קוים פילבאַר און לאַכלוטן אָן ווייטעק. אָט האָט ער מיטן דיך אָנגעטראָפן אַפן פאַרשפּיצטן טיש־ווינקל, באַם אָפּקערעווען זיך פונעם כאַווער, און דער קלאַפּ האָט זיך גאַנץ לײַכט אָפּגערופן מיט אַ טויבן קלעם בלויז אַף אַ רעגע און מער טוט אים ניט וויי.

ער איז שוין ווידער באַם ספאַרדי אין די הענט און יענער לאַכט אים אין פּאָנעם אַרײַן.

— מע דאַרף דיך שוין ניט שטויסן, יויעל, דו שטויסט זיך שוין אַליין גאַנץ גוט אָן, — ס'קוועלט אין אים די האַנאָע, וואָס דער ייִנגערער כאַווער זײַנער האָט שוין דערגרייכט אין דער שיקרעס צו דער מאַדרייגע, ווען מע הייבט זיך אָן צו באַרימען מיטן אייגענעם קויעך. אַליין איז ער בעקויעך אויסצוטרינקען אַ יאַרדן מיט ווײַן, אָבער ער וועט קיינמאָל ניט דערגיין צו אַזאַ צושטאַנד, ווי איצט יויעל, וואָס פאַרופט זיך אַף דאַווידן מיט גאַליעסן. ער וועט אויך דעם סוינע זײַנעם מיט איין פינגער אוועקלייגן און אַ צעהיצטער פון די אייגענע רייד איז ער מוידיע בעקויל־ראָם, אַלע זאָלן וויסן, אַז ער גייט שוין דעם מעשומעד צערײַסן אַף צוויי העלפט. ער וועט פון אים אײַנציקווײַז ציען די אָדערן, ער וועט אים מיימעסן.

אַפן איבעריקן אוילעם אינעם ווײַן־קעלער האָט זײַן כרוז[3] קיין אײַנדרוק ניט געמאַכט. יעדערער איז פאַרנומען מיט זײַן קויסע און מיט די מיטרינקער. אַרום דעם לעץ מאַכט מען איצט דעם עמעסן טרונק און בעסויכאָם איז דאָרט אויך דער באַזויפענער ריטער. ער קוויקט זיך און רימט אַף אַ קאָל דעם עכטן נעקטאַר, דעם עמעסן געטער־געטראַנק. טאַנכום איז זיך צונויפגעגאַנגען מיטן יוגנט־פרײַנט פון דער שענקערן, מיט אָט דעם אקיווע בען אַרן, ווי זי האָט אים אָנגערופן, און באַ פול אָנגעגאָסענע קופלס ווײַן האַלטן זיי זיך אין איין סוידען וועגן עפּעס.

פון צווישן די נײַ אָראָפּגעקומענע פון גאַס האָט איינער, דערהערנדיק, אַז ס'גייט אַ רייד וועגן דעם שמאַד־יונג, זיך פאַרהאַלטן לעבן יויעלן מיטן ספאַרדי. פון זײַן דערציילן האָט זיך יויעל דערוווּסט, אַז אַהער קיין קאַרקאַסאָן איז אויך געקומען דעם מעשומעדס פאָטער. ער יאָגט זיך אַרום איבער דער שטאָט מיט אַ האַק נאָך זײַן בען־סוירער־אומוירע, און דער שמאַד־ניק, מיט אַ גרויסן שוואַרצן ציילעם אין די הענט, איז נאָרוואָס אוועק אין בייס־האַקנעסעס צו די לוימדיי־טוירע.

דאָס לעצטע האָט יויעלן פאַרקאַכט פאַרן האַרצן, און ער איז אַרויס פונעם שענק. שלוימע האַספאַרדי האָט אים אַף אַ ווײַל אַרויסגעלאָזט פונעם אויג. ער האָט זיך פאַרעדט מיטן ייִדן און מיט אַנדערע, וואָס זײַנען שוין געשטאַנען אַרום זײַן טיש, וועגן דעם אומגליקלעכן קאַ־

---

[1] איינוי דוימע שמיִע לערִיע — איין זאַך איז הערן, אַ צווייטע — איז זען.

[2] דײַ לאַכקימאָ בירמיזאָ, לעשאַטיאָ בעכּרומיזאָ.

[3] אויפרוף.

רעטן־מאכער פון לאַ־ראשעל, וואָס איז מיטאמאָל מעפורסעם געוואָרן אין דער גאנצער געגנט. פון זינט דער זון האָט אָנגעהויבן דינען דער אווידעזאָרע גייט ער פון שטאָט צו שטאָט מיט א כיירעם־צעטל, ווי אזא, וואָס איז ארויסגעשטויסן געוואָרן מיכוץ לעמאכנע, און אין יעדן מאָקעם־קאָדעש, בפני כל עם ועדה[1], איז ער זיך מוידע, אז דאָס איז ער דער פאָטער פונעם אויכער־ייִסראָעל, און ער לאָזט זיך דורכן קעהילע־שאמעס אויסציילן אף זײַן לײַב די געוויסע צאָל מאלקעס. דרײַ מאָל אין דער וואָך האָט ער זיך פירגענומען א טאָנעס. אויסער שאבאָסים און יאָמטויווים ניט טויעם זײַן פון קיין פלייש און ווײַן. שטענדיק שלאָפן אף הוילע ברעטער, ניט איבערטאָן קיין העמד אפן לײַב, ניט פארקעמען די באָרד, די האָר אפן קאָפּ, און א גאנץ יאָר, ווי נאָך א רעכטפאָרכטיקן זון זאָגן קאדעש.

דער ספארדי האָט אים דאָס ערשטע מאָל געזען בא זיך אין בעזיע, נאָך א געשלעג מיטן זון. ווי דער שטאָט־רויפע, האָט מען נאָך אים געשיקט פון דער קעהילע. ווען ער איז צוגעקומען צום קאָהאָל־הויז, איז דער ייִד געלעגן באם ארײַנגאנג אף דער שוועל און געשריִען מיט קוילע־קוילעס:

— בניי ייִסראָעל, טרעט אף מיר מיט די פיס. שפּײַט מיר אין פּאָנעם ארײַן. ס׳קומט מיר מיסעס בעסדין, אז איך האָב ארויסגעבראכט אף דער וועלט א זינדיקן, וואָס מאכט זינדיק יענעם. גוואלד, ייִדן, ער איז נאָך דערצו א מאָסער, א מוכן אונדז אָנטאָן דורך מעסירע קאָלערליי פוראָניעסן. העלפט מיר אים אויקער מין האשוירעש זײַן. איך בין אים גרייט צו פארשטיינערן. איך האָב זיך בא זיי געבעטן, — האָט ער, שוין זיצנדיק אף דער זעלבער שוועל, זיך גענומען שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ, — אז ס׳איז בא אונדז א פארשטויסענע שטאָט. העלפט מיר אים צערײַסן, ווי א פיש, מיט איינמאָל און פאָטער. שבור את החבית ושמור את ייִנו[2], פארוואָס קומען מיר אזוינע איימעדיקע יעסורים. אָן אויסכאפּעניש זאָל אף אים געוועזן קומען, און אף די אלע, וואָס האָבן דערלאָזט, אז אָט דער מעטורעף, דער געצנדינער זאָל לעבן בלײַבן, — און ער האָט גענומען שילטן מיט קלאָלעס פון דער טויכעכע די שטאָט לאַ־ראשעל, אירע אײַנוווינער, און רײַסן אף זיך די קליידער זײַנע, — וואָס טויג מיר דאָס קריע רײַסן? איך בין גרייט זיך לאָזן מיימעסן, אז זיי האָבן מיר געבראכט צו אד כאָרמאָ.

מע האָט געהאָלפן דעם ספארדי אופהייבן דעם אלטן, צוהאלטן די הענט. מיט גוואלד האָט מען בא אים צעעפנט די פארשמאכטע ליפּן און געגאָסן ווײַן אין מויל ארײַן. די אויסגעבאָלעכטע אויגן באם ייִדן זײַנען געוואָרן נאָך גרעסער און ס׳האָבן זיך געזען די בוילעט רויטע אָדערלעך אף די ווײַסאפּלען, דערהויפּט פונעם לינקן אויג, וואָס האָט א ביסל געשיקלט. אפן גרויסן שטערן האָט בא אים ארויסגעשלאָגן א שווייס, וואָס האָט באזונדערס אָפּגעגלאנצט אף די קעמוי אויסגעקראָכענע ברעמען. מיט די זעלבע גראָוו־געלבלעכע הערעלעך זײַנען בא אים פארוואקסן געווען די אויערן, האגאם די באָרד אפן אויסגעדארטן פּאָנעם איז נאָך בא אים א שווארצלעכע. דער ספארדי האָט אים געהאלטן באם דויפעק, און מיט דער צווייטער האנט האָט ער דורך די קרוע־בלוע־קליידער זיך דערלאנגט צום נאקעטן הארצן, וואָס האָט האסטיק געשלאָגן אונטער דער הוילער הויט מיט ביינער. אזא קוואר אויסגעדארט באשעפעניש, אז ס׳איז א כידעש, ווי ס׳האלט זיך די נעשאָמע בא אים?

אגעוו דער פון גאָט פארהאסטער, דער קלאָגעדיקער יוירעש זײַנער — דער מעשומעד, איז אין דער הינזיכט ניט ווײַט אָפּגעשיידט פונעם פאָטער. ער האָט זיך נאָר אויסגעצויגן מיט א קאָפּ העכער פונעם טאטן. דאָס מאכט נאָך אויסטערלישער דאָס אויסזען זײַנס. דער נאָמען איז בא אים א קורצער, פון צוויי אויסיעס בלויז, דן (דאָן)... און די לענג — א דארער דראָנג, הויך, ווי א פלאָכט, מיט א פארשפּיצטן קאָפּ. אפן שמאָלן פּאָנעם א שטערן פון א זוינע, מיט א בליק פון אָן אומפארשעמטער בריִע. דער קוק איז בא אים שטענדיק געווענדט אף ארוף צום הימל צו, מיט א פּאָר פארגלאָצטע אָנפארביק גלעזערנע אויגן, אויסגעלאָשן־טויטע, ווי בא א בלינדן. ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אז אזעלכע אויגן קאָנען אמאָל לאָזן א טרער. איבער די דינע ליפּן־פּאסן א לאנגע דארע נאָז, א ביסל א פארקרימטע אף לינקס. דארע באקן, אָן אקשאָנעסדיק פאריסענער קינבאק, און די גאנצע מארע זײַנע איז פון א מענטשן, וואָס פארדינט ניט קיין צוטרוי. עפּעס א מין טעמפּ־פוילע גלײַכגילטיקײַט ליגט אויסגעשפּרייט אף זײַן פּאָנעם. אזוי ווי דער פאָטער זײַנער איז זשוואווע דיק באוועגלעך און שטענדיק אָנגעשטרענגט אומרויִק, אזוי איז דער זון קאלטבלוטיק־נאכלעסיק און ווילנלאָז.

אזא איז ער שוין געוועזן אין די פריסטע באָכער־יאָרן. ווי נאָר ער איז אונטערגעוואקסן,

---

[1] ביפניי קאָל אַם־וואיידאָ — עפנטלעך, פארן גאנצן אוילעם.

[2] שוויר עס האכאָוויס אושמויר עס יוינאָ — צעברעך די פאס און היט אײַן דעם ווײַן.

איז ער געוואָרן א פּורש מן הציבור[1]. פריִער, ווען ער איז נאָך א קינד געווען, האָט מען גע־האַלטן, אַז ער האָט דאַפקע א קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער פאַרמאָגט א גוטע טפיסע אויף צו באַנע־מען און אויפכאַפּן עפּעס א טשיקאַווע איניען אינעם לערנען. ער האָט אַפילע דעמלט אַרויסגע־וויזן א נעטיִע צו כאַכמענען זיך, אָפּשפּעטן פון עפּעס, עמעצן אַרייַנזאָגן. מע דערציילט, אַז דער טאַטע האָט אַנומלטן דערזען, ווי ער לייגט אַוועק א ריפּטל ברויט אויף דער שוועל פון דער אָפענער דרויסן־טיר, האָט ער אים געגומען שמייַסן: א קינד שוין, קיין אייַנהאָרע ניט, א באַרדאַס, זאָל וויסן, אַז מיט קיין ברויט טאָר מען זיך ניט וואַרפן. ביפראַט נאָך לאָזן, ס׳זאָל זיך אויף דער ערד וואַלגערן. האָט דער שנעק זיך פאַרענטפערט. ער האָט געוואָלט, אַז דאָס טרוקענע שטיקל ברויט זאָל זיך אָנזאַפּן מיטן גוטן רייַעך פון דער געשמאַקער יויך, וואָס טראָגט זיך פון דעם שאָכנס קיך. אַזאַ געשעדיקטער יונג איז ער געווען, נאָך פון דער מוטערס בויך.

מיט דער צייַט אָבער האָט ער זיך שטאַרק געענדערט. ער האָט פאַרוואָרפן דאָס לערנען און זיך געגומען אָפּזונדערן פון זייַן גלייַכן, פון כאַווײרים. פון עלטערע פון זיך. וואָלט ער כאַטש וועלן גיין אינעם טאַטנס דראַכים, זיך אויסלערנען די מעלאָכע פון א קאַרעטנמאַכער, צי פון א זאָטלמאַכער, אויב דעם טאַטנס אַוודע געפעלט אים ניט. אייַז אייַנמאָל ניין. ער לאָזט זיך אַפילע ניט ריידן. צו קיין מעלאָכע גוסטירט ער ניט און אויף עפּעס אַנדערש טויג ער ניט. דער טאַטע האָט דערזען, אַז ער קען אַזוי אַרויס לעטאַרבעס־ראָע, האָט ער אים בעאַלקאַרכאָ כאַסענע געמאַכט, באַזאָרגט מיטן ביסל מעזומען געלט פונעם נאַדן און זאָל ער טאָן, וואָס ער וויל. דער אַל מישפּאָכע וועט אים אַרופירן אויפן גלייַכן וועג.

דאָ אָבער האָט זיך עס ערשט אָנגעהויבן. פון לעכאַטכילע איז קלוימערשט אַלץ געווען ווי ס׳באַדאַרף צו זייַן. זי איז צו דער צייַט פאַרגאַנגען אין טראָגן, אים געבוירן צום יאָר א מיידל. דאָס צווייטע קינד איז אויך ניט געווען קיין זאָכער. זי איז שוין מעוברעס דאָס דריטע מאָל. בעוויסוי האַזמאַן האָט ער זיך געמאַכט א טעווע צו שלאָגן דאָס ווייַב. ווי נאָר עפּעס א סיכסעך, האָט ער זיך אויסגעלערנט אַרייַנלייגן אין איר די דיבורים מיט די הענט. מיט די שטעקלדיקע לענגלעך־דאַרע דלאָניעס האָט ער געמעלויצעט, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט: אין קאָפּ, אינעם טראָ־געדיקן בויך, צווישן די בריסט. באַם געוויין פון די קינדער, בייַס אירע גוואַלדן מיט קוילע־קוילעס, האָט ער זיך בעהאַדראָגעדיק געטאָן זייַנס, אָן א וואָרט אויסצוריידן, שווייַגנדיקער־הייט. ער האָט מיט איר ביכלאַל שוין א היפּשע צייַט ווייניק וואָס גערעדט. שאָענוויִי האָט ער געקאָנט אָפּשטיין באַ די גראַטעס פונעם פענצטער, זיך פאַרקוקן אויף דער שכיינעסדיקער טיפּלע, און קיין וואָרט פאַרן מויל ניט אַרויסברענגען. ס׳האָט אים שוין עפּשער דעמלט גע־צויגן צו דער טומע. מיטן טערעץ, אַז זי האָט מוירע, די קליינע קינדער זאָלן ניט כאַפּן א צוקילעכץ, האָט זי מיט א לאָדן אויף טויב פאַרשלאָגן דאָס פענצטער, ער זאָל ניט האָבן פאַר די אויגן דעם שעסי־וועערעוו[2] אויפן דאַך פון קלויסטער. האָט ער זי דעמלט געשלאָגן מאַקעס־רעצאַך, אַז זי האָט באַלד דערנאָך מאַפּל געווען.

ערשט נאָך אָט דעם פאַל האָט מען אים גערופן צום בעסדן, געדראָאַט מיט מאַלקעס, מיט קיירעם, אויב ער וועט אַזוי ווייַטער טאָן מיט זייַן פרוי. די שטאָט ווייַבער האָבן אים פאַרשאָלטן דאָס געביין. מע האָט געשאָלטן דער מאַמעס ברוסט, וואָס האָט אַזוינס אויסגעזויגן, און ער האָט זיך געטאָן זייַנס. וויפל מע האָט אים ניט געשלעפּט צו דער קעהילע, שוין אַפילע געגעבן צו פאַרזוכן מאַלקעס, האָט ער אַלץ געטייַנעט, אַז ער קאָן מיט איר ניט לעבן. ער מוז זי פון שטוב פאַרטרייַבן. ער קאָן אויף איר פאַרצעף ניט קוקן. זאָל זי גיין און אַפילע צונעמען די קינ־דער פון אים. וווהין זי וויל, זאָל זי גיין.

מע האָט זיי סאָפּקאָלסאָף געמוזט צעשיידן, זאָלן זיי דערווייַל לעבן באַזונדער, זייַן איי־נער פון צווייטן פונדערווייַטנס. נאָר מע האָט אים ניט באַפרייַט פונעם אַל מישפּאָכע. ער האָט זיך מיסכייַעוו געווען געבן אויף דער כעיונע פאַר איר און פאַר די קינדערסוועגן, און מיט דער פּולער מאָס, אַזוי ווי ס׳קומט איר לויט איר שטאַנד און אָפּשטאַם. א שטיק צייַט האָט ער עס מעקייַעם געווען. יעדן שאַבעסצונאַכטס האָט ער אַרייַנגעטראָגן אין דער קעהילע־קאַסע אויף זייער וואָך־אויסהאַלט. יידן האָבן זיך געכידעשט, ווו נעמט ער אויף דערויף די מעזומאָנים? די שטאָטלייַט האָבן שוין מיט אים לאַנג ניט קיין מאַגעמאַסע. ער פאַרקויפט עפּעס אַמאָל פון שטוב אַן אָנגעפאָרענעם נויטצרי, איז אויף וויפל קאָן עס קלעקן? אין שטאָט רעדט מען, אַז ער וואָרט אַמאָל פאַרפאַלן אויף גאַנצענע טעג. וווהין, צו וועמען? ער זאָל זיך האָבן אָפּגעזוכט אַן אַנדערע? אַז קיין איידעלערע און קיין גרעסערע יעפעס־טויאַר, ווי זייַן פאַרטריבן ווייַב, וועט ער דאָ אין לאַראַשעל ניט געפינען. אַזאַ מיִעסער ווי ער איז! קעגן אים איז זייַן ווייַב ווי א

[1] פּוירעש מין האַציבור — אַן אָפּגעשיידטער פון מענטשן; [2] ציילעם.

באסמאלקע. זײַנען שוין אוועק קלאַנגען, אַז ער איז געוואָרן אַ מעשומעד, אַז ער פאַרנעמט זיך, באַהיט גאָט, מיט האָמאָסעקסואַליזם. עפּעס צופיל דרייט ער זיך אַרום צווישן די יונגע קליריקער פונעם פראַנציסקאַנער מאָנאַסטירן־הויז, און באַ זיי, זאָגט מען, איז עס פון די טאָגטעגלעכע זאַכן.

מע האָט אַליין געבראַכט דערצו און אים מיטגעהאָלפן, ער זאָל ווערן אינגאַנצן אָפּגעשיידט פון קאָהאָלשע באַדערפענישן. אַז קיינער האָט מיט אים קיין מאַסע־מאַטן ניט. פון דער אייגענער מישפּאָכע: טאַטע־מאַמע, דער ברודער, די שוועסטער זעען אים אויסמײַדן פאַר אַ מײַל. אַפילע די קינדער אין גאַס ווײַכן פון אים. מענטשן האָבן נעוויִעס געזאָגט, אַז ער וועט זיך סאָפּקאָלסאָף דערקײַקלען צו שמאַד. אויב ער איז טאַקע יאָ אַזאַ פּרויען־פּײַנט, פאַלט ער דאָך אַרײַן אין אָט דער קנופיע כמלך בגדוד[1]. זיך אָפּזאָגן פון ווײַב און קינד, לעבן אַזוי ווי ס׳לעבן די קאַטוילישע גײַסטלעכע, מיטדערמיט אַליין קאָן ער דערגרייכן צו גאָר אַ גרויסער כשיוועס באַ זיי.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, די נעוווּע זאָל מעקוּיעם ווערן. צוערשט האָט ער אָנגעהויבן אופהערן אַרײַנטראָגן געלט פאַר ווײַב און קינדער. ווען מע האָט נאָך אים געשיקט רופן, האָט ער אָפן מוידיִע געווען, אַז מער גיט ער קיין פּרוטע ניט אַף זייער אויסהאַלטונג. אויב מע וועט אים צווינגען און ווי ביז אַהער קיין געט ניט געבן, וועט ער גלײַך אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן. באַ די קעהילע־לײַט, וואָס זײַנען געווען דערבײַ, האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן. ווי די שולדיקע אין דעם, צו וואָס מע איז דערגאַנגען, האָט מען זיך געשעמט אַ קוק טאָן איינער אַפּן צווייטן. בלויז דער שטאָט־רויפע סער אַדוראַני איז נאָך געווען בעקויעך אָפּמעסטן דעם אָפּקערער מיט אַ קאַלטן בליק, און געלאָסן אַ זאָג טאָן:

— אויב ס׳איז דיר שוין יאָ געקומען אַזאַ מאַכשאָווע, איז זאָל דיר גאָט העלפן.

די איבעריקע האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט ער דערמיט? וואָס הייסט עס? אויך דער פּוירעץ־געדער[2] איז מעוווּלבל געוואָרן, ביפראַט נאָך, ווען דער רויפע האָט זיך אופגעהויבן און אים די האַנט דערלאַנגט.

— גאָט זאָל דיר העלפן, — האָט ער אים צוגעווינטשעוועט, — זאָלסט זײַן אַן אָרנטלעכער גוטער קריסט. קיין גוטער אָרנטלעכער ייִד וועסטו שוין ניט זײַן, און ביסט עס קיינמאָל ניט געווען...

דאָס אַלץ האָט דער לאַ־ראַשעלער רויפע סער אַדוראַני דערציילט דעם קאָלעגע זײַנעם שלוימע האַספּאַרדי פון בעזיע, אָבער דערמיט האָט זיך די געשיכטע ניט געענדיקט. דער פּישע־ייִסראָעל, וואָס האָט נאָך דעמלט געטראָגן דעם נאָמען דאָן, איז אַוועק פון דאָרט אַ דערשלאָגענער. עטלעכע טעג האָט ער אָפּאָנעם געהאַט כוילע־נעפעש, ביז ער האָט ענדלעך צווויסן געגעבן, אַז ער וועט ניט טאָן די נעוואָלע, אויב מע וועט פון אים לאַכלוטן אַראָפּנעמען דעם אָל פון אויסהאַלטן ווײַב און קינדער. דער אָוו־בעסדן פון דער קעהילע האָט געזען, אַז אַנדערש וועט מען אים שוין ניט אומקערן צום גוטן, האָט ער געלאָזט רופן דעם פּאָטער זײַנעם, יויכענען דעם קאַרעטן־מאַכער, ער זאָל דערווײַל נעמען אַף זיך די כעיונע פון זיין עוועג־טאָווס מישפּאָכע. האָט אָבער אָט דער יויכענען זיך אײַנגעאַקשנט: איינמאָל ניין, ער האָט זײַנע אייגענע ווײַב און קינדער. זאָל אָט דער פאַרשאָלטענער זון ווערן אַ פּעל־שינדער און געבן אַף מעזוינעס, ווי יעדער ייִד איז דאָס מעכויִעוו צו טאָן. ער וויל פון אים ניט וויסן און ניט הערן. האָט מען אין שטאָט דעמלט געזאָגט משרש נחש יצא פּצע[3], אַז מע קומט אַרויס פון אַ שלאַנג, מוז קומען דער ביס. זיי זײַנען ביידע גוטע.

אַליין איז ער דאַפקע, אָט דער יויכענען, אַ גאָטספאָרכטיקער ייִד און אַ באַלפּאַרנאָסע. האָט ער אַ כיסאָרן, וואָס ער באַנוגנט זיך מיט ווייניק. וועגן זײַן קאַמצאָנעס גייען אַרום גוזמעדיקע מײַסעס. אַלע זײַנע יאָרן האָט ער אָפּגעוווינט אין אַ מאַאַפּוילעס־שטיבל, אַ כורווע־שעבעכורווע. צו ווײַב און קינדער איז ער געווען אַן עמעסער נוגש[4], זיי האָבן געליטן פון אים אינויִם־קאָשים און אַלץ צוליב זײַן קאַרגשאַפט. מע האָט געשפּאַסט איבער אים: ער איז אַזוי קאַרג, אַז צוליב דעם, ער זאָל ניט דאַרפן אַרויסוואַרפן אַן ענג מיצל, וואָס ער האָט אײַנגעהאַנדלט בעזיל־האַזאָל, איז ער גרייט זיך לאָזן אויסדאַרן דעם קאָפּ. אָרעמעלײַט האָבן אויסגעמיטן די שוועל פון זײַן הויז. זיי האָבן געוווּסט, אַז קיין נעדאָווע וועט מען באַ אים ניט אַרויסבאַקומען. אַז מענטשן האָבן אים גענומען מוסערן: סטײַטש, די מיצווע פון צדאָקע? מע זאָגט דאָך צדאָקע טאַציל מימאָוועס, האָט ער געהאַט אַ טערעץ: פאַרוואָס זאָל איך אים געבן? אַז גאָט אַליין גיט אים ניט. אַן אוירעך אַף שאַבעס פלעגט ער פונדעסטוועגן יאָ אַמאָל נעמען. דערציילט

---

[1] קעמעלעך ביגדוד — ווי דער קיניג אין זײַן גוואַרדיע; [2] צוים־ברעכער; [3] מישוירעש נאָכאָש יויצע פּעצאָ; [4] נויגעש — אַ באַצווינגער.

מען — דאָס ווײַב באַם דערלאַנגען די יויך צום טיש, האָט א ביסל פארגאָסן דעם אוירעכס האַלבאַשע, האָט יויכענען זיך א כאַפּ געטאָן צום בעגעד, געוואָלט אים רייניקן. — מע דאַרף ניט, — האָט דער אוירעך געזאָגט, — איך זע, אז די יויך איז ניט אזוי פעט, ס׳זאָל כאָלילע פארבלײַבן א פלעק אפן בעגעד. ס׳וועט זיך אויסטריקענען, וועט מען אפילע ניט דערקענען ס׳האָט זיך אמאָל געפונען אן עוויען, א קשיי־אויפעפדיקער[1] ייִד, וואָס האָט געשווירן, אז ער וועט באַ אָט דעם קאַמצן ארויסשלעפן א נעדאָווע. איז ער צוגעשטאַנען צו אים, און יויכענען פרעגט אַלץ איבער: ווער ער איז? פונוואַנען? ווי גרויס איז זײַן מישפּאָכע? דער אָרע־מאַן קלאָגט זיך אַלץ: דאָס ווײַב איז קראַנק, און ער איז א מעטופּל מיט קינדער. זיי זײַנען א מישפּאָכע איצט פון פופצן אירע. באַדויערט אים יויכענען און לאָזט זיך ריידן, נאָר צו קיין מאַטבייע קומט עס ניט. פרעגט אים דער ייִד: אף וואָס זשע נאָך וואַרט איר?

— איך בין דאָס אַלץ מײַריך... וויי־וויי, וויפל רעוועך וואָלטן זיי אײַך געקאָנט ארײַנטראָגן, ווען זיי טוען עפּעס, אָט די אַלע פופצן פארשוין? ווען זיי שפּינען לײַוונט צום בײַשפּיל. וויפל וואָלטן זיי געקאָנט אויסוועבן פאַר א טאָג? אזא ייִדן, קיין אײַנהאָרע ניט... איר קאָנט ווערן א גוויר־אַדיר. איך וועל אײַך קיין פּרוטע ניט געבן.

דאָס זעלבע האָט ער ניט איין מאָל אויסגעוואָרפן דעם אייגענעם ווײַב, די קינדער זײַנע: א שטוב מיט אזויפיל מײַלער צו דער אכילע, און ס׳זאָל עמעצער פארדינען וואָס ס׳איז ווערט א לעק זאַלץ. ער האָט פיר טעכטער, און כוץ דאָנען נאָך א זון א בען־זקונים, וואָס איז אויך געוואָרן א קאַרעטן־מײַסטער. איז אָט, ווען אָט דער בען־זקונים איז נאָך געווען א כיידער־ייִנגל, האָבן אים די קינדער באַם לערנען אויסגעוואָרפן: דײַן טאַטע איז א קאַמצן באַר קאַמצן. ווען ער האָט אנומלטן געפירט פארקויפן זײַנע קאַרעטעס, האָט ער אין וועג זיך אָפּגעשטעלט און צוזאַמען מיט די שמײַסער־ייִנגען זיך גענומען קאָכן פליישׁ אין איין קעסל. האָט דײַן פאָטער איבערגעבונדן זײַן כיילעק רינדערנס מיט א רויטן פאָדעם. דערצו האָט ער נאָך געפאָדערט א גרעסערן טעלער יויך, צוליב פעטן מאַרכביין, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אין זײַן שטיק פליישׁ.

באַלד נאָך דער כאַסענע האָט דער קאַרעטן־מאַכער געהאַלטן א שאָכן. דאָס יונגע פּאָרפאָלק, דערציילט מען, האָט אין די אָפּדערנאַכטן מיט א טיכל פארבונדן אים די אויגן, ער זאָל זיך בעכינאָם, אָן געצאָלטס, ניט באַנוצן מיט דער שײַן פון דער ליכט. ערשט באַם שלאָפן גיין, ווען מע האָט די ליכט פארלאָשן, האָבן זיי אים אופגעבונדן די אויגן.

אָט אזעלכע גוזמע־גוזמאָעס וועגן זייער פאָטערס אומגעהייערע קאַמצאָנעס זײַנען ארומגעגאַנגען איבערן שטעטל און די קינדער האָבן דערפון געליטן בייזיוינעס. זיי האָבן געוווּסט: ס׳איז אן אויסגעטראַכטע זאַך, אז ער פלעגט, קלוימערשט, ווען זיי זײַנען נאָך קליין געווען, ארומגיין באַנאַכט איבער די קינדערס געלעגערס און אכטונג געבן ווי זיי שלאָפן. זײַנען זיי געלעגן אף דער רעכטער זײַט, האָט ער זיי שלאָפנדיקערהייט איבערגעקערט אף דער לינקער, ווײַל אף דער רעכטער, אז מע ליגט, ווערט גיכער איבערגעקאָכט די שפּײַז אין מאָגן, וועלן זיי זיך אופכאַפּן קאַיאָר און גלײַך וועלן עסן. אויך דאָס איז א ווילד צוגעטראַכטע גוזמע: מע דערציילט אין שטאָט, אז ווען צו דער עלטערער טאָכטער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען דער מעכוטן, האָט מען אים מעכאַבעד געווען מיט פּיסנע ברויט מיט וואַסער. דער קאַמצאָנעסדיקער טאַטע האָט געפונען א טערעץ: ער איז געגאַנגען קויפן בוימל, האָט ער געהערט ווי דער בוימל־מאַן לויבט זייער שטאַרק זײַן סכוירע. דער שמען באַ אים איז אזוי דורכזיכטיקריין און לויטער, ווי קוואַל־וואַסער. איז צוליב וואָס געלט פּאַטערן, ווען אומזיסטע וואַסער איז אין אזא כשיוועס און מיט אזוינע מײַלעס?

אין דעם רויפע סער אַדוראַניסעס נאָמען דערציילט מען אויך אן אויסגעטראַכטע מײַסע. ער איז אמאָל גערופן געוואָרן צו יויכענען דעם קאַמצן, ווען יענער איז קראַנק געוואָרן. מע האָט געדאַרפט, דער כוילע זאָל שוויצן. האָט דער רויפע געהייסן אפגיך אָפּבאַקן זיסע קיכעלעך און ער האָט געצווונגען דעם כוילעס ווײַב און קינדער, זיי זאָלן זיך אויסזעצן ארום זײַן בעט און פאַר אים אין די אויגן פארצערן דאָס גאַנצע פרישע געבעקס. דער קאַמצן האָט עס דערזען, האָט אים אין אנגסטן באַגאָסן א שווייס, און ער האָט גלײַך אָנגעהויבן שוויצן. דער רויפע האָט אים דעמלט אויסגעלאַכט און מוסער געזאָגט.

— אבי מע רעדט, אז דו ביסט א קאַרגער. דו ביסט דער גרעסטער פאַזרען און פארשווענדער. דו ווייסט גוט, אז ס׳וועט מוזן קומען א צײַט, ווען דײַן האָב און גוטס וועט ארײַנפאַלן אין די הענט פון אזא מאַכנע זוילעל־וועסויוועניקעס, און גאָרניט... גלײַך ווי ס׳אַרט דיך אפילע ניט.

[1] א האַרטנעקיקער.

די שטאָט ווייסט אָבער, אז ס׳אַרט אים דאפקע יאָ, און אז קיין זיסע קיכעלעך האָט מען קיינמאָל בא אים אין שטוב ניט געבאַקן. אפילע די פליגן, ווייסן זיי, האָבן ניט וואָס צו טאָן מיט אים בא איין טיש, וואָס ווערט אָפט געדעקט פאר א סודע פון געזאַלצענעם רויג מיט ציבעלע. דאָס קאָן אפילע זײַן סודאס צאַהאַראַים[1]. ווי דען אנדערש? זוילעל־וועסויוועגען, גיין אויסגעבן געלט בלויז אף דער אכילע. די הויצאָע איז אזוי אויך גרויס. און יעדע מאטבייע, וואָס דאַרף ליגן אין קאסטן, ווערט אמאָל אויסגעגעבן דער רועך ווייסט אף וואָס. האגאם צו דער קלענסטער פרוטע אפילע, וואָס פאלט אַרײַן צו אים אין די הענט, איז גלײַך ווי ער וואָלט געזאָגט צו איר: זײַ רויִק, בא מיר וועסטו ניט פארפאלן ווערן. איך וועל דיך היטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, ווי דאָס טײַערסטע פונעם טײַערסטן. צוליב דיר האָרעווע איך מיטן בלוטיקן שווייס פונעם מאָרגנשטערן ביז די שטערן פון דער נאכט. צוליב דיר לאָזן זיך באַכערים אין די געפערלעכסטע ווײַטע וועגן. צוליב דיר ווערן מענטשן אין מילכאָמע געהארגעט, און אנדערע צוליב דיר גייען אוועק אין שלעכטע דראָכים...

ווען יויעל איז צוגעקומען צום אוילעם, וואָס האָט באלאגערט דעם בייס־האקנעסעס, און ער האָט זיך דורכגעשטופּט צום סאמע אַרײַנגאנג, האָט ער דערזען דעם מעשומעדס פאָטער, דעם קאַרעטן־מאכער, בא וועמען מע האָט נאָרוואָס ארויסגעריסן די האק פון דער האנט. אָן דעם געוווער איז דער ייִד אף א ווײַל שטיין געבליבן ווי א כושים. ווי ער וואָלט פלוצים פארלוירן די געדאנקען. נאָר באלד האָט די צעשויבערטע באָרד זײַנע אוף און אָפּ זיך צעפלאָטערט באם ארויסלאָזן קוילע־קוילעס אָן ווערטער, ווי א ווילד געוואָי פון א פארוווּנדעטער כײַע. מיטאמאָל איז ער ווידער שטיל געוואָרן, ווען ער האָט פון די קרוע־בלוע־קליידער ארויסבאקומען א געשוואָלענעם מינץ־בײַטל, וואָס ער האָט האסטיק צעבונדן און גענומען ארויסשיטן פון דאָרט די מאטבייעס. די רענדלעך האָבן זיך צעקײַקלט אף א שעטעך, פארקראָכן אונטער מענטשנס פיס, און דער יויכענען מיטן אויסגעליידיקטן בײַטל האָט זיך א וואָרף געטאָן אף דער ערד, ווי ער וואָלט מיט זײַן קערפּער געוואָלט צודעקן דעם צעשאָטענעם אויצער. נאָר ער האָט גענומען שלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין דער שוועל, מיט די פויסטן אין הארצן, רײַסן די האָר פון דער באָרד און גוואַלדעווען:

— גוואלד, ייִדן, העלפט מיר אים פארטיליקן, אָדער מאכט מיט מיר א סאָף. איך קאָן מיט אים אף איין וועלט ניט לעבן, נעמט צו בא מיר דאָס גאנצע פארמעגן. איך דאַרף מער קיין געלט ניט. איך דאַרף גאָרנישט ניט און קיינעם ניט. איך האָב שוין קיין קויעך ניט צו האָבן פון אים קרִיעס יאָרן. העלפט מיר אים דערשטיקן. אָט מיט די פינגער... — באווײַזט ער מיט זיי אפן אייגענעם האלדז — וועל איך אים ווארגן, שטיקן... ביז איך וועל... ביז איך וועל דער...

ער האָט גענומען ארויסלאָזן כאָרכלענדיקע קלאנגען. ייִדן האָבן אים אָפּגעריסן די הענט פונעם האלדז, און געפּרווּוט אים אופהייבן. מע האָט געטראָטן איבערן צעשאָטענעם קעסעף, און קיין איינער האָט זיך ניט אָנגעבויגן אופצוהייבן, וואָס ס׳איז ווערט א שיבעש.

— אבי מע זאָגט קעסעף ווערזאָהאָוו מעטאהער מאמזיירים — האָט אן אלטיטשקער אראָפּגעקוקט צום גאָלדענעם גלאנץ פון די מאטבייעס און מיט א זיפץ — צו אזא מאמזער בען האנידע העלפט אפילע קיין גאָלד אויך ניט.

דאָס בינטל ייִדן ארום דעם אומגליקלעכן האָבן געשטערט יויעלן אַרײַנדרינגען אין מאָקעם־קאָדעש. ער האָט געמוזט אריבערטרעטן דעם נאָך אלץ ליגנדיקן יויכענען באם אַרײַנגאנג, קעדיי זיך אַרײַנרייסן אינוויייניק. אין בייס־האקנעסעס האָט דער מעשומעד מיטן גרויסן ציילעם אין דער האנט זיך געיאָגט נאָך די איינצלנע פארבליבענע ייִדן, וואָס זײַנען געלאָפן פון אים פון ווינקל צו ווינקל. באם אָמעד האָט ער געטראָפן איינעם, ווען ער האָט גענומען ציילעמען. האָט יענער אים א וואָרף געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן די ברענענדיקע מענוירע מיט די זיבן נעסטן אָנגעגאָסענע מיט בוימל. די מענוירע איז געפאלן אף דער פּאַרטיפטער מימאָאמאקים־ערד, וואָס פארן אָמעד. דער צעפלאָסענער בוימל האָט זיך אָנגענומען און געגעבן א גרעסערן פלאם, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן דערלאנגען צו די פרענדזן פונעם מיט גאָלד און זילבער געשטיקטן אָמעד־טישטעך. ייִדן זײַנען צוגעלאָפן און צעטראָטן דאָס פײַער מיט די פיס, נאָר דער מעשומעד מיט זײַן ציילעם איבער זיירע קעפּ איז פון זיי ניט אָפּגעטראָטן. דעמלט האָט יויעל פון הינטן ארום א ריס געטאָן דעם ציילעם פון זײַנע הענט און מאָלעררעציכע, מיטן גאנצן קויעך, האָט ער מיטן ציילעם אים אזוי דערלאנגט איבערן קאָפּ, אז פונעם ציילעם בא אים אין די הענט זײַנען געבליבן צוויי שײַטלעך האָלץ. האָט ער מיט זיי געבויקערט ווו ס׳האָט זיך געלאָזט. דער מעשומעד איז געלאָפן פון די קלעפּ, יויעל מיט די

---

[1] מיטיק־עסן.

העלצער נאָך אים, און האָט זיי געלאָזט פאַלן אויף יענעמס דאַרע פּלייצעס, אויף זײַן פּאָנעם. ער האָט דערזען אויף זײַן צעשראָקענעם פּאַרצוף דעם דינעם נאָז־שפּיץ, וואָס האָט שוין געבלור־טיקט.

אויף קיין שלאַנג איז ניטאָ קיין ראַכמים, האָט ער אים דערלאַנגט איבערן הויכן האַלדז און נאַקן, ווען יענער איז מיט אַ גוואַלד אַרויסגעשפּרונגען פונעם בייס־האַקנעסעס. די מעוווּלבל געוואָרענע ייִדן האָבן געפּרוּווט ווײַלן פאַרשטעלן דעם וועג, אַרויסרײַסן בא אים פון די הענט די געפּערלעכע פאַרומרייניקטע שטעקנס, נאָר ער האָט זיך אַדורכגעריסן און נאָך אַ היפּשע שטיק וועג נאָכגעפאָלגט דעם מעשומעד, ביז ס'איז זיי ניט אַנטקעגנגעקומען דעם בישאָפּס באַוואָפנטע וואַכלײַט. די רײַטער האָבן גלײַך אַרומגעקרײַזט ווײַלען, און, אַ באַדראָטער פון אַלע זײַטן, האָט ער זיך געלאָזט פירן צום בישאָפּס שלאָס. הינטער זיי האָבן דעם בישאָפּס פּוסגייער געפירט דעם צעבלוטיקטן מעשומעד. און אוילעם ייִדן האָט באַגלייט די פּראָצעסיע, קאַלזמאַן זי געפינט זיך נאָך אויף דער ייִדן־גאַס. מע האָט זיך געבראָכן די קעפּ: ווער האָט עס געקאָנט צווישן געבן דעם בישאָפּס מעכאַבלים?

פונעם ווײַנשענק זײַנען אַרויסגעשפּרונגען די באַזוכער און האָבן נאָך גרעסער געמאַכט דעם טומל אַרום דעם געשעענעם. ייִדן האָבן געשריען צו ווײַלען, ער זאָל זען פּאָטער ווערן פון די ציילעם־שטעקנס, נאָר ער האָט זיי פעסט געהאַלטן אונטער דער פאַכווע, ווי עפּעס אַ רעכטע באַשיצונג. מע האָט זיי בא אים מיט גוואַלד אַרויסגעריסן, ווען מע איז צו צום שלאָס, איידער מע האָט אים אַראָפּגעלאָזט אינעם שטיינערנעם קאַזעמאַט.

ווײַעל האָט זיך געגומען אַרומקוקן, ווו איז ער אין דער וועלט? ער געפינט זיך אין אַ טיפער פינצטערער הייל מיט נאַסלעכע ווענט, מיט אַ קאַלטער ערד, אויף וועלכער ס'איז אַזוי שלעכט צו זיצן. ער האָט זיך אופגעהויבן, זיך געגומען אויסצײַען, צוניפגעדריקט מיט ביידע הענט די שטערן־ווינקלען, געוואָלט זיך איבערצײַגן, צי איז ער נאָך פאַרקויסעט, צי אַלץ האָט זיך שוין אויסגעוועפּט. ער ווייסט, אַז ער איז געווען גוט באַטרונקען, האַגאַם ער גע־דענקט אַלע פּראָטים, ווי־אַזוי ער איז אַדורך די אַלע מאַדרייגעס פון שיקרעס, ביז דער לעצ־טער, ווען ער האָט געוואָלט באַווײַזן דער וועלט, אַז ער האָט פאַר גאָרניט און פאַר קיינעם קיין מוירע ניט.

ער האָט דעמלט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער האַמוין ייִדן, וואָס האָבן געליטן, און קלוי־מערשט גלײַכגילטיק צוגעקוקט צו יענעמס סקאַנדאַלן, האָבן פּאַשעט ניט געוואָלט אַרויסרופן קיין אומגליק אויף דער איידע. ס'וואָלטן זיך בא זיי אויך געפונען אַזעלכע, ווי ער, גיבוירים, וואָס וואָלטן פון אים געקענט מאַכן אַ טרוקן אָרט. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך געגומען דער־צו, געטראַכט — אַן אָנגעפּאַרענער, אַ פּרעמדער, וואָס קעהערעף־אײַן קאָן ער אַנטרינען פונ־דאַנען און גיי שיט אים אָן זאַלץ אויפן עק, צודערצו איז ער נאָך אַ מעוווּסעמדיקער, איז זאָלן זיי זען, די אַלע ניכטערע, ווי ער וועט זיך מיט אים צערעכענען, און אַלץ וועט אַדורך בע־שאָלעם. זאָל ער דערווײַל, דער מעשומעד, באַקומען זײַן גאָב און אָן אָנלער אויף ווײַטער. ער זאָל געדענקען און וויסן, אַז מע איז ניט עלנט, אַז ער קאָן באַקומען צעבראָכענע גלידער ניט נאָר פונעם אייגענעם טאַטן. אַ שאָד, מיט אַזאַ מענווול וואָלט גוט געווען זיך באַגעגענען ערגעץ אויף די וועגן, וואָלט ער אים גלײַך אַרײַנגערוקט אַ מעסער אין האַרצן... און ער וואָלט געוואָרן אַ הורג נעפעש[1]. אַ רויפע אַ הורג נפש, לאַכט אין אים אינוויינינק. ער געדענקט ניט, ער זאָל אַמאָל געווען האָבן זיך אַרײַנגעטאָן אין אַ פּאַשעטן געשלעג אַפילע. האַגאַם אַרום אים זײַנען אָפט פּאָרגעקומען געשלעגן, רעציכעס אַפילע, — אין סאַלערנאָ צווישן די לערן־באָכערים, אויף די וועגן בײַס די רײַזעס. וויפל מאָל האָט ער טאַנכומען אָפּגעהאַלטן פון אַרײַנקריכן אין אַ געשלעג? און איצט איז ער אַליין אַזוי מ'יִעס אַרײַנגעפאַלן. זאָל עס טאַקע זײַן צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי געלאָזט ווילגיין און איז דערגאַנגען ביז דער לעצטער מאַדרייגע פון שיקרעס, ווען אַ מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ כאַזער, וואָס וואַלגערט זיך אויס אין דער בלאָטע, אָט אַזוי ווי ער איצט — אינעם קויט, און אין דעם שטיקנדיקן פאַרדעמפּטן רייעך פון אָט דער פינצטערער גרוב. צי וועט ער נאָך הײַנט אַרויסקריכן פון צווישן די מויער־ווענט.

ער נעמט אַרומטראַכטן די אַלע מעגלעכקײַטן און אויפאַנים, פונוואַנען עס קאָן קומען הילף, ווער קאָן אים פונדאַנען אַרויסשלעפּן. טאַנכום וועט ניט רוען, און דער ספאַרדי וועט זיך דאָרט באַמ'ִען פאַר אים. זיי וועלן ניט קאַרגן קיין געלט, פאַרשטייט זיך, ייִדן זײַנען קיינמאָל ניט מעוואַטער אויף דער מיצווע פון באַפרײַען פון טורמע. נאָר דאָס וואָרטן, דאָס האָפן, דאָס אַרויסקוקן אויפן גזאַר־דין, איז ערגער ווי די שטראָף, וואָס מע באַקומט. די צונג

[1] הוירייג נעפעש — אַ מערדער.

קלעפּט זיך צום גומען. אין מויל איז פאַרברענט. דער קאָפּ דריקט, ווי מיט אַ רייף און ווייטעקט. עס רוישט אין די אויערן, בלויז דער איינער מויעך איז אָפאָנעם לויטער קלאָר, אויב ער באַנעמט, ווו ער איז אין דער וועלט. אויב ער איז נאָך טויפעס די ביטערע לאַגע, אין וועלכער ער איז אַרײַנגעפאַלן, הייסט עס, אַז די טפיסע איז נאָך באַ אים אַ גוטע טפיסע. ס'איז נאָר געוועגדט, ווו זי געפינט זיך, די טפיסע? אין מויעך, צי אין אָט דעם שטאָקפינצטערן קײוועִר? — צעלאַכט ער זיך אַף אַ קאָל, און פאַרענדיקט דאָס געלעכטער מיט אַ זיפץ.

בעסער ניט צו קלערן פון גאָרנישט ניט. ווען ער קאָן זיך דאָ ערגעץ צושפאַרן און אַנשלאָפן ווערן — יין ושנה לרשעים, הנאה להם, והנאה לעולם[1]. נאָך איידער ער האָט אָנגעטאַפּט אַ מער טרוקן אָרט אַף זיך צוזעצן און פרוּוון אופהערן צו טראַכטן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט טאַנכומס אַ טויבלעכע שטים, וואָס רופט צו אים: — אַדויני יויעל! אַדויני יויעל!

די קאַפּוצינער אין די לאַנגע שוואַרצע קליידער מיט ווײַסע פּעלערינעס טרײַבן אַף דעם אויילעם פונעם שלאָספלאַץ. זיי האָבן געזען דעם צעמאַזיקטן און דעם, וואָס האָט געשלאָגן, ווי מע האָט אים אַ באַוואַכטן געבראַכט אַהער, און דורך די צעעפנטע מיט אײַזן פאַרקאָוועטע טויערן האָט מען אים אַדורכגעפירט צום בישאָפס טפיסע־קעלער. דעם געליטענעם האָבן שוין דאָ אַף די טרעפּ אָפּגעוואַרט די אַוגוסטינער מאָנאַכן, די, וואָס באַ דער קירך פון דער הייליקער יוסטינע, און זיי האָבן אים גלײַך געשלעפּט מיט זיך אַ פאַרבלוטיקטן צום קראַנקן בישאָף.

דער קאַרקאַסאָנער בישאָף מישעל דע פּטוּאַ וועט אַזאַ זאַך ניט מויכל זײַן, ביפראַט נאָך אַ ייִדן, וואָס האָט געשענדעט דעם הייליקן קרייץ און צעמיימעסט אַ רעכטגלויביקן. אַ מאָנאַך אין אַ לעדערנעם גאַרטל, מיט אַ שפּיציקער קאַפּוצע אַפן קאָפּ, דרייט זיך דאָ אַרום צווישן נײַגעריקן אויילעם און רוימט אײַן יעדן קריסט אַ סאָד אין אויער.

— אינגיכן וועט מען די ייִדן אַרויסטרײַבן פון שטאָט און צונעמען באַ זיי זייער האָב און גוטס.

אייניקע האָבן אים אַפן אָרט אויסגעלאַכט און געטריבן פון זיך, די בײַשטייענדיקע ייִדן זאָלן עס אויך זען און הערן.

— אַף דערויף זײַנען באַ אײַך קורצע הענט, — האָבן זיי דעם אינאָק נאָכגעשריִען, — אויך מיר שטאָט־באַלעבאַטים.

ניט דאָס האָט געשראָקן די ייִדן. דער העגמאָן האָט דאָ ווירקלעך קיין שום מאַכט ניט. אַף זייער שטאָט איז דער באַלעבאָס דער גוטער ריימונד, נאָר ווער ווייסט, וואָס אָט דער ראָשע־מערושע, דער היגער בישאָף קאָן אָפּטאָן מיט אָט דעם פרעמדן יונגנמאַן. יויכעטן דעם מעשומעדס פאָטער האָבן זיי באַוואָרנט — צונויפגעקליבן פון דער ערד דאָס צעשאָטענע פאַרמעגן זײַנס און אים גוט באַהאַלטן, ער זאָל כאָלילע אויך ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די מעכאַבלים. אַ גאָטס ראַכמאָנעס אַף אים. קאַרג נאָך, וואָס ער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ ווידערשפּעניקן זון, האָבן אים נאָך ווײַב און קינדער אָוועקגעוואָרפן. צי פון דער גרויסער כאַרפּע, צי צוליב זײַן אומגעהייערער קאַמצאָנעס, זײַנען זיי אַנטלאָפן אינעם ווײַטן אַשקענאַזי־לאַנד און אים דאָ איבערגעלאָזט אַף העפקער. אָבער נאָך ערגער איז מיטן פרעמדן יונגנמאַן, וואָס איז נעבעך בעשויגעג אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון אַזאַ צוירער־האַיעהודים. ער איז געגאַנגען אַף אַן אײַנשטעלעניש, זיך מאַקריוו געווען, קעדיי ניט דערלאָזן צו כילעל־האַשעם, איז נאָך אָט דער בייזער באַגעגעניש מיטן געצנדינער דאַרף ער נאָך האָבן אַ צושמעלץ, דעם מעטורעפן העגמאָן. אין שטאָט זאָמלט מען איצט אַף אויסלייזן דעם געפאַנגענעם, און מע זוכט קאָלערליי טאַכבולעס ווי אים אַרויסרײַסן פון זיינע נעגל. נאָר צי וועט מען עפּעס פויעלן באַ אַזאַ דאַמסוינע, אַן אַכזער? אָט האָבן ייִדן געזען ווי דער רויפע פון בעזיע האָט זיך אַרײַנגעריסן אַהין אין פּאַלעץ, נאָר שוין אַזויפיל צײַט און ער קומט ניט אַרויס פון דאָרט. ס'זאָל כאָלילע מיט אים אויך עפּעס קיין שלעכטס ניט געשען.

דער בעזיער רויפע, שלוימע דער ספאַרדי, איז איצט פאַרנומען מיט געבן הילף דעם מעשומעד, וועמען מע רופט דאָ אין שלאָס מיט זײַן נײַעם טויפנאָמען דאָניִן. ער לייגט אים פּלאַסטערן אַף די צעשלאָגענע ערטער. ער האָט שוין באַ אים אָפּגעשטעלט דעם בלוט־שטורץ פון דער אויסגעצויגענער דאַרער נאָז. בייסן באַפּלאַסטערן די ראַנצן אַף זײַן קלײַסטער־פּאָנעם, האָט ער זיך באַמיט ניט אָנצוטרעפן אַף די בליקן פונעם אָפּטריניקער. איצט איז אים שוין מער ניכע, ווען דער מענוּוול שטייט פאַר אים מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, און ער טאַפּט

[1] יאַיִן וועשיינאָ לערעשאָים, האַנאָאָ לאָהעם, האַנאָאָ לאָוילאָם — ווײַן און שלאָף פאַר די רעשאָים איז גוט פאַר זיי און גוט פאַר דער וועלט.

ארום זײַנע בײַלן אונטער די הארטע קרײַזלדיק פארפלאָנטערטע האָר. דער פרעסביטער בא דער זײַט האָט עפּעס לאַנג אַרײַנגעקוקט אין זײַן מינצבײַטל, און איצט שטופּט ער דעם ספאַרדי עטלעכע מאַטבייעס אין האַנט אַרײַן. האָט ער זיך אָפּגעשטויסן פון זיי, און די מאַטבייעס האָבן מיט אַ קלימפּער זיך צעקײַקלט אַף די ברעטער פונעם דיל. ער וועט זיך ניט צורירן צו אָט דעם אתנן־זונה[1]־געלט, ווי צו אַ שערעץ־טאָמע.

ווען ער איז נאָר אין זאַל אַרײַנגעקומען, האָט ער צוגעזען ווי אָט דער אַפּאָסטאַט שטייט אַף די קני פאַרן בישאָפּס געלעגער און שיט זידלערײַען אַף די ייִדן, ווי?אַזוי אַ שטאָט מיט ייִדן זײַנען אַף אים אָנגעפאַלן, געוואָלט אומברענגען. ווי?אַזוי דער, וואָס איז אַמאָל געווען זײַן פאָטער, איז מיט אַ האַק אים נאָכגעלאָפן, און דער, וואָס מע האָט אים געבראַכט צו שלעפן אַהער, האָט אין די אײַזנס פון זייער בעלעמער צעבראָכן דעם הייליקן קרייץ.

דעם בישאָפּס רויט פּאָנעם האָט זיך אָנגעצונדן. ער האָט זיך געהויבן פונעם געלעגער. זײַן קורץ־גראָבער האַלדז האָט זיך אָנגעדראָלט און מיט אַ מוירעדיקן קאַס האָט ער מיט די פויסטן געדראָט, אַז ער וועט זיי פאַרטיליקן. ער וועט פון זיי מאַכן טיל־טעל, פון אָט די ווידערשפעניקע. אין אַ האַלב־זיצנדיקן צושטאַנד, מיט האַסטיקע קאָפּ־באַוועגונגען, וואַרפנדיק מיט די נאַקעטע אָרעמס, האָט ער מיט שוים אַף די ליפּן געשאָלטן און געזידלט די קאַר־קאַסאָנער ייִדן, די גאָטספאַרשאָלטענע, וואָס האָבן אַמאָל געקרייציקט גאָטס זון.

— דערלויבט, אײַער הייליקײַט, אײַך אײַיצענען, — האָט דער ספאַרדי זיך דערנענטערט צום קראַנקן בישאָף, — איך זאָג עס אײַך ניט ווי אַ ייִד, ווען גאָט געפילן איר הערט ניט אויף צו באַליידיקן, נאָר ווי אַ מעדיקער, ווי אײַער רופֿא. נאָך וועמען איר האָט געשיקט רופן פון אַ צווייטער שטאָט. איר טאָרט זיך ניט אויפרעגן. אײַער ערגערן זיך, דער קאַס, איז פאַר אײַך אינעם איצטיקן צושטאַנד סאַם־האַמאָוועס. טוט אומיסטן אַ קוק, זאָל אײַער בישאָפּטשאַפּט צעבינדן דעם סקאַפּוליער.

ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אַ צעכראַסטעטע ברייטע ברוסט, אַ באַוואַקסענע מיט געדיכטע האַרטע האָר, וואָס האָבן געפלאַמט און נאָך בולעטער געמאַכט דעם בערגלדיקן אויסשלאָג אויפן לײַב, גלײַך ווי מע וואָלט דאָ נאָרוואָס גוט אָנגעקראַצט. ער האָט געהייסן אַראָפּציִען פונעם בישאָף דאָס לײַנענע גרויסע כאַרהעמד און דערלאַנגען דאָס קריגל מיט בלײַוואַסער, אַף נאָכאַמאָל גוט אײַנרײַבן די רויט־פּיפּקעוואַטע ערטער אויפן ווײַסן לײַב. דאָס האָט געזאָלט געטאָן ווערן ערשט אין אָוונט, פאַרן שלאָפן גיין, ווי מע האָט עס געטאָן נעכטן און אייער־נעכטן, בלויז צוויי מאָל אין טאָג — אינדערפרי און אַפּדערנאַכט. די אָפּרייצונג ווירקט בעמעס זייער שלעכט אַף אָט דער קרענק. ער האָט זיך אין דעם איבערצײַגט נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק.

באַ זײַן אָנוועזנהײַט, עפּשער בעקיוון, האָט זיך דער פרעסביטער באַרימט פאַרן קראַנקן בישאָף מיט די דערפאָלגן פונעם רענעגאַט, ווי?אַזוי ער איז אַרײַן מיטן צײלעם אין אַ בייס־טפילע פון אַ באַלמעלאָכישן צעך, האָט אים עמעצער אונטערגעשטעלט אַ פוס און ער האָט זיך מיטן קרייץ אויסגעשפּרייט אין דער גאַנצער לענג. ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן זײַנען שוין געווען ליידיקע פיר ווענט און ס׳איז ניט געווען, פאַר וועמען די דראָשע צו האַלטן. האָט ער אים דערלויבט, דער פרעסביטער, גיין פון שטוב צו שטוב איבער די ייִדן־הייזער און יעדן איינעם באַזונדער באַאַרבעטן.

די געשיכטע האָט דעם בישאָף אַרויסגעבראַכט פון די קיילים, און פאַר זײַן רופֿא דעם ייִדן האָט ער גענומען פײַנען און מיט שפּאָט דערנידעריקן אָט די גאָטס־פײַנטלעכע אומע, וואָס באַשטייט פון איינע פאַרברעכער, אומווירדיקע פאַרשווערער, לעסטערער, יעזוס־שענ־דער, ווילדע באַשעפענישן, געמיינע הינט, וואָס שטאַמען פונעם טײַוול.

דער ספאַרדי, ווי ניט אים מיינט מען, האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. שווײַגנדיקערהייט האָט ער אינעם קריגל איבערגעמישט די פליסיקײַט, און נאָר באַם דערהערן וועגן דעם אָפּשטאַם פונעם טײַוול, האָט ער זיך צעלאַכט. דער בישאָף האָט אַף אים אַ בייזן קוק געטאָן.

— אײַער עמינענץ האָט אַמאָל געהערט וועגן די?אַגענען? — האָט ער מיט געלעכטער אַ פרעג געטאָן. ער האָט געזען, אַז די נויצרים ווייסן ניט פון וואָס צו זאָגן, — דאָס איז געווען אַ גריך. אַ גרויסער דענקער, אַ פילאָסאָף.

— אַ גריך... די גריכן זײַנען ניט פיל בעסער... אויכעט אָפּטריניקעס. זיי האָבן זיך אָפּ־געשפּאָלטן פון דער הייליקער קירך. זייער גריכיש אָרטאָדאָקסישע פאַרשווערונג איז אַ ווילדע טיפּשעס...

— ס׳מאַכט ניט אויס, — האָט דער ספאַרדי, האַגאַם ס׳איז געפערלעך, געוואָלט זיך אַרויס־

[1] עסנאַן זוינאָ — ניט ריינעם.

זאָגן ביזן סאָף, — אָט דער ד׳אָגען איז שוין געווען ניט פון די טיפּשים. ער האָט אַמאָל געזען, ווי אַ מאַמזער־יונג וואַרפט שטיינער אַף די דורכגייער. זאָגט ער צו אים: — דו הער אויף, דו מאַמזער בען האַנידע. קענסט נאָך אַמאָל אומגערן טרעפן מיט אַ שטיין אינעם אייגענעם טאַטן.

די געפאַר איז פאַרבײַ. דער בישאָף האָט געפינטלט מיט די אויגן. ניט געוואָלט מוידע זיין, אַז ער האָט עס ניט פאַרשטאַנען. נאָכן איבערקוקן זיך מיטן פּרעסביטער, וואָס האָט עס אָפּגענעם יאָ באַנומען, האָט ער אַ שפּרייט געטאָן די הענט און זיך ווידער גענומען קאָכן.

— איך ווייס ניט, עפּשער ערגעץ אַנדערש זײַנען זיי ניט אַזעלכע האַרטנעקיקע, ווי אָט דאָ, אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם קאַרקאַסאָן, — און ער האָט פאַר גרויס צאָרן אַזש אָנגעהויבן צו היקען, פאַר אַזויפיל יאָרן פון זײַן דינסט דאָ אין שטאָט איז קיין איינער ניט געקומען צו דער בוימלונג אונטער די פליגל פון דער הייליקער דרײַ־אייניקײַט, — אָט אין לאַ־ראַשעל האָט זיך דאָך געפונען אַ קלוגער דרייסטער מאַן, וואָס האָט אַליין אָפּגעזוכט דעם וועג צום ריכטיקן גלויבן?

איצט שטייט ער פאַר אים, אָט דער קלוגער און דרייסטער מאַן, אַ בעכאַרפּע צענעריקטער, אין אַ פאַרבלוטיקט אויסזען. דעם ספאַרדי איז אײַנגעפאַלן אים וואָס גיכער צונעמען פונעם בישאָפס אויגן, וואָס האַלטן נאָך אַלץ אין איין פײַערן און פלאַמען. ס׳קען זיך גאָר אין אים ניט אײַנשטילן דער גרימצאָרן אַף די היגע יידן, וואָס האָבן געהאַט די כוצפּע אָנצופאַלן, שלאָגן און צעמאַזיקן אַ מענטשן, וואָס ער האָט אים גענומען אונטער זײַן שוץ. וואָס וועט נאָך זײַן, אַז ס׳וועט דערגיין צו אים, אַז דער איינציקער שולדיקער איז אַ פרעמד־אָנגעפאָרענער און ער איז טאַקע דער ריכטיקער שלעגער, אָט דער, וואָס געפינט זיך איצט באַ אים אין די הענט. ס׳איז אַ ביטערע לאַגע מיט יויעלן. פון בעטן פאַר אים איצט באַם בישאָף, קען גאָר קיין רייד ניט זײַן. סײַדן עפּשער זיך פאַרבינדן מיט דער וואָך... מוז ער נאָך דערווײַל זיך אייסעקן מיטן מעשומעד, אַרומשערן די האָר באַ די בײַלן אַף זײַן קאָפּ, באַזאַלבן די צעריסענע הויט אַפן דאַרן האַלדז־און־נאַקן. ער האָט אים צוגענומען פונעם בישאָף, נאָר וואָס קומט אַרויס? אינעם באַזונדערן כיידער טרעט פון זיי ניט אָפּ דער פּרעסביטער. מע געטרויט אים אָפּגענעם ניט בלײַבן אַליין מיטן מעשומעד, ער זאָל אים כאָלילע ניט איבערריידן צוריק איבערקערן דעם פעלץ. נאָר דער ספאַרדי וואָלט אים קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער האַלט פונעם פּאָסעק כל באיהה לא ישובון[1]. ער דערמאָנט זיך אינעם געזיכטאויסדרוק פונעם מעשומעדס פאָטער, און ער קאָן איצט ניט געפינען קיין איין געמיינזאַמען שטריך צווישן זיי. ניט אינעם אויסדרוק, ניט אין די באַזונדערע טיילן פון פּאָנעם. גלײַך ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געטראָגן דעם נאָמען דאָן בען יויכענען. דאָס איז דאָך אָבער אַלץ ניט קיין סיבע פאַר אַזאַ לײַכטן און ענדגילטיקן איבערגאַנג פון דאָן צו דאָניק. ווען ער זאָל קענען אַרײַנקוקן אין דער נעשאָמע צו אים, וואָלט ער זיך עפּשער דערגרונטעוועט צום איקער־האַדאָוואָר, וואָס האָט אים געבראַכט צום זיך אָפּשווענקען. ערגעץ טיף אינווייניק געפינט זי זיך, אָט די פאַרקריפּלונג, און עפּשער גייט עס נאָך בעיערושע? באַם טאַטן — אומבאַגרענעצטע געלט־גיריקײַט, און אַ קאַמצאָנעס, וואָס דערגייט צו אַן אומבעראַכמאָנעסדיקער ניט פאַרגינערײַ, נאָך מער צו זיך, ווי צו יענעם; באַם זון — די נעטיע צו רישעס, וואָס גרענעצט מיט אַכזאָריעסדיקײַט, און דאָס רופט אַרויס אַ ווילן צו געוועלטיקן, צו אַ מין בייזוויליקן אָנוואַרפן אַ שרעק אַף מענטשן, די שטרעבונג צו זײַן אַ הערשער איבער עמעצן. איז ווי וואָלט ער עס געקאָנט אויספירן, ווען ניט דאָס איבערקערן דעם פעלץ אַף דער לינקער זײַט? ער האָט נאָר אויסגעביטן דאָס רענדל ניט אין דעם געהעריקן מאָקעם. ער זאָל מערער סייכל האָבן, וואָלט ער געדאַרפט זיך לאָזן אַף יענע וועגן צוזאַמען מיט די קרייצטרעגער. דאָרט וואָלט ער זיך געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער רישעסדיקער מאַכט פון אַ באַצווינגער איבער זײַנע שטאַמברידער, פאַרשטייט זיך. אָן שום שטערונגען וואָלט ער זיי דאָרט געקאָנט אָנטאָן צאָרעס־צרורים. דאָ, אין לאַנגעדאָק, וועט ער זיך די הענט ניט צעפירן. כאָטש גיי און זאָג אים אונטער, טוט ער אָן אינוויייניקסטן שמייכל פון אָט דער מאַכשאָוועזאָרע. ס׳קריכן אים אַלץ אין קאָפּ אַרײַן דוואָרים־בעטיילים, קעדיי ניט צו טראַכטן וועגן יויעלן. וואָס וועט זײַן מיט אים? ווי׳אַזוי רעדט מען איצט מיטן בישאָף, ווען יענער איז אין אַזאַ אופגעבראַכטן צושטאַנד? און אַף וואָס פאַר אַן אַנדער אויפן קאָן מען אים אַרויסשלעפּן פון אָט דעם אומגליק?

דאָס אייגענע מאַטערט איצט טאַנכומען. ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. אַ צעוואָרעמטער פונעם אויסגעטרונקענעם, מיט אַ פול אָנגעשטאָפּטן בויך, ווי נאָר ער האָט דערזען

---

[1] קאָל באָעהאָ לוי יעשוווּן — די, וואָס קומען אַהין, קערן זיך ניט אום.

יויעלן ארומגערינגלט מיט באוואָפנטע רײַטער, האָט עס אים ווי מיט א דראַנג דערלאנגט איבערן קאָפּ. ער האָט צוגעמאכט און געעפנט די אויגן, צי איז ער ניט אין הינערפלעט? מיטאמאָל האָט ער זיך א ריס געטאָן דורכן אוילעם באגלייטער און געפרוווט זיך צושלאָגן צו זײַן באלעבאָס, זײַן מיט אים אײנײנעם. ער איז שיר פון די פערד ניט צעטראָטן געוואָרן. ווען ניט די בײַטש־קנאלן איבערן קאָפּ, און דער ספּאַרדי מיט נאָך ייִדן, וואָס האָבן אים אָפּגעשלעפּט, וואָלט ער איצט ניט געקאָנט ארומנישטערן דאָ באם שלאָס און זוכן אָן אייצע, וויאזוי ארײַנדרינגען אהין. ער האָט זיך אָנגעקלאמערט אינעם ספּאַרדי. בייס מע האָט פאר יענעם ברייט געעפנט די פּאראד־טיר, האָט מען אים אף דער שוועל מיט גוואלד אָפּגעריסן, און פון אלע טרעפּ אראָפּגעשלײַדערט. האָט ער אָנגעהויבן זוכן אן אנדער ארײַנגאנג. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פונעם הויף־טויער, דורך וועלכן מע האָט די רײַטער דורכגעלאָזט. ער האָט געפונען א זײַטיק טירל, מיט אן אינווייניקסטן פארוקער, האָט ער געפרוווט ארײַנקריכן דורך אן אָפּגעבראָכן שטיקל פּלויט, איז אים אנטקעגן געקומען א געהויל פון א צענדליק בייזע קלאָווים. ניט ווײַט פון דאָרט האָט ער אָנגעשמעקט א פערד־שטאל. דאָס גערוך פונעם פערד־קויט, און דער זיס טערפּקער רייעך פונעם פערדן־שווייס האָט אים פארשיקערט, און אין די נאָז־הײַטלעך געקיצלט. ער האָט זיך גענומען דראַפּען אף די גלײַכע ווענט, עפּשער וועט ער צום דאך דערלאנגען און פון דאָרט אריבערקריכן אין הויף ארײַן. מע האָט אים מיט בוכענצעס אראָפּגעריסן פון דאָרט. א פארצווייפלטער האָט ער ארומגעשנאָרכט ארום דעם צוים־שטעך. דער שלאָס איז א גרויסער. די צײַט גייט. די מענטשן־רעדלעך ווערן ניט ווייניקער. נאָר קיינער איז ניט בעיעכוילעס עפּעס אופּצוטאָן, אכוץ נאָכאמאָל און ווידעראמאָל ארומריידן דאָס געשעענע. מע ווארט און מע האָפט אפן ספּאַרדיס ארויסקומען. נאָר דאָס פארזאמען זיך דאָרט אף אזוי לאנג איז ניט קיין גוטער סימען. טאנכום האָט דערזען אף אן אָרט די דרויסן־גראטעס הארט בא דער ערד, אפּאָנעם פונעם קעלער, און עפּשער איז עס די געפענקעניש, האָט ער זיך אויסגעצויגן אף דער ערד און גענומען ארײַנשרײַען אהין:

— אדויני יויעל! אדויני יויעל! דאָס בין איך טאנכום. דו הערסט מיך? אדויני יויעל, דאָס רעדט טאנכום.

אײַנהערנדיק זיך אין דער שטילקײַט נאָך יעדן אויסרוף, עפּשער וועט ער עפּעס אופּנעמען, האָט זיך אים געדוכט, אז ער הערט א צאָקען פון פערד־טלאָען. מיטאמאָל האָבן בײַטשן־קנאלן די לופט צעטרייסלט. טאנכום האָט זיך א הייב געטאָן, דערזען די אָנקומענדיקע רײַטער׳ער, וואָס אײַלן אהער צום שלאָס. פאָרויס פאר דער פּאמאליע — א פרוי אף א ווײַס געפינטלט פערד. דער אָגער האָט זיך ווי איבערגעשראָקן פארן צו באוועגלעכן אוילעם, איז ער אף א ווײַל שטיין געבליבן, און גלײַך גענומען גיין אף צוריק, אף די הינטערשטע צוויי פיס. מיט די פאָדערשטע פארהייבן, ווי ער וואָלט זיך אף עמעצן פארמאָסטן, האָט ער געשראָקן די דערבײַשטייענדיקע, וואָס האָבן געהערט דאָס אָטעמען פון זײַן פערדישן בויך, דאָס קלימפּערן פון די צײַמלעך, אויסגעזעצטע מיט קופּערנע און זילבערנע מאטבייעס. זיי האָבן דערזען ווי די רײַטערן האָט זיך א רוק געטאָן אף צוריק — אָט פאלט זי ארויס פון איר פרויען־זאָטל, האָט טאנכום זיך אָנגעכאפּט פארן ברוסט־רימען מיטביידע הענט, א צי געטאָן דאָס פערד צו דער ערד און באלד זיך אָנגעקלאמערט אינעם צוים־געביס. די הייסע פּארע פונעם פערדס נאָזלעכער האָט אים געשלאָגן אין פּאָנעם ארײַן. דער פלינקסטער רײַטער׳ער, וואָס איז אראָפּגעשפּרונגען פון זײַן פערד, האָט שוין געהאָלפן דער רײַטערן. איין פוס איז נאָך בא איר געווען אינעם שטײַג־בייגל, ווען זי האָט א פרעג געטאָן, וואָס קומט דאָ פאָר?

— סעניאָריטע וועטוריע, — האָט זי טאנכום באלד דערקענט און זיך אומגעהייער דערפרייט.

— ווער ביסטו? — האָט די פרוי א פארוווּנדערטע געקוקט אף אים מיט א ווארעמען שמייכל. — רעטער מײַנער, — האָט זי אים א גלעט געטאָן דעם קאָפּ.

— איר געדענקט מײַן סעניאָר? דעם מאגיסטער פון סאלערנאָ?

— פון סאלערנאָ? ווער איז ער דער סעניאָר דײַנער?

— מע האָט אים דאָרט גערופן נאָכן מישפּאָכע־נאָמען — זאבארע. יויעל איז זײַן נאָמען.

— יוליאן? ער איז דאָ? — האָט זי א פריידיק איבעראשטע אים אָנגעכאפּט פאר די אקסל.

— ער איז באם בישאָף, — האָבן טאנכומען געשטיקט די טרערן, און ער האָט פארשעמט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס איז געשען? פארוואָס שווײַגסטו?

טאנכום האָט איר גאָרניט ניט געקאָנט זאָגן. ער האָט זיך געשראָקן פאר א געוויין־אויסבראָך. די טרערן האָבן שוין פארגאָסן די אויגן, און אינווייניק איז ער פארכלינעט געווען מיט אָט דעם פּלוצעמדיקן גליק, וואָס ס׳האָט געבראכט אָט די אומדערווארטע באגעגעניש

מיט דער פּרעכטיקער וועטוריע. ער איז אַזוי זיכער אין אַ באַלדיקער יעשוע, אַז ער וועט זיך באַלד זען מיט יויעלן, ריידן מיט אים...

די ייִדן האָבן דערווײַל אַרומגערינגלט איינעם פֿון אירע באַגלייטער, דעם שטאָט־הערשער זייערן, דעם גראַף ריימונד ראַזשער, און אַלע מיטאַמאָל האָבן זיי דערציילט, און געבעטן פֿאַרן פֿרעמדן יונגנמאַן, וואָס שמאַכט איצט אין אומשולדיקער אינעם הענמאַנס טפּיסע־קעלער.

ווען די פֿרוי האָט ענדלעך אַרויסגעצויגן באַם ווייַנענדיקן טאַנכומען, אַז יוליאַן איז באַם בישאָף אין טפּיסע גאָר, האָט זי קיינעם ניט גערופֿן מיט זיך. ס׳איז איר נאָכגעגאַנגען איר פּריַינט, דער בריט מיכאַיל סקאָט, און אינצווייען זײַנען זיי אַרײַן אין שלאָס, מע זאָל זיי גלײַך פֿירן צום בישאָף.

— דער בישאָף איז זייער קראַנק, דאָרט באַ אים איז איצט אַ מעדיקער, — האָט מען איר געגעבן צו וויסן.

זי ווייסט וועגן זײַן קרענק. אָט דאָס איז זי טאַקע געקומען מיט אירע פּריַינט אים באַזוכן.

אַ געפּלעפּטע איז זי געבליבן שטיין, ווען זי האָט גאָר דערזען דעם מעדיקער פֿון בעזיע באַם בישאָפֿס בעט. נאָך איידער זי האָט זיך געשטעלט אויף די קני, דער הייליקער בישאָף זאָל זי בענטשן, האָט זי קלוימערשט אַ דערשטױנטע געפֿרעגט באַ די אַרומיקע.

— און ווו איז דער מעדיקער?

זי איז דאָ טייקעף געוואָרן די הערשערן. ס׳איז שוין דאָ געווען באַם קוילע אין צימער דער גראַף ראַזשער און די איבעריקע באַגלייטער אירע. אַלע האָבן געוואָרט אויפֿן רופֿע, וואָס מע וועט באַלד אַרויפֿברענגען פֿון דער טפּיסע־צעל.

זי קען אים פֿאַר אַן אויסגעצייכנטן מעדיקער. איינעם פֿון די פֿײַיקסטע אין סאַלערנאָ. דאָרט, ער איז נאָך ניט געווען קיין מאַגיסטער, האָט מען אים שוין פֿאַרטרויט די שווערסטע כאַלאָים.

דער רופֿע פֿון בעזיע באַשטעטיקט עס. ער קען אים אויך פֿון סאַלערנאָ. ער האָט זיך אויך געקליבן פֿאַרלייגן דאָס זעלבע. מע זאָל זײַן קאָלעגע פֿון טפּיסע באַפֿרײַען, און זיי זאָלן ביידע צוזאַמען זוכן אַ הייל־מיטל צו דער קרענק פֿון זייער הויך־הייליקסטן.

אַן אויפֿגעלעבטער דערפֿרעגט זיך דער ספּאַרדי באַ דער פֿרוי, ווען זי האָט פֿאַרלאָזט דעם מעדיקום היפּאָקראַטיקום אין סאַלערנאָ. פֿאַרוואָס קען ער זי ניט? געהערט האָט ער וועגן איר. ער געדענקט אַפֿילע איר נאָמען — וועטוריע די הערצאָגן פֿון פּראָוואַנס. זיי זײַנען דאָך אַזוי ווייניק, די פֿרויען, וואָס זײַנען דאָרט איבערגעווען, און זי איז נאָך פֿון דאָרט אַוועק, פֿאַר דער צײַט דוכט זיך?

מע האָט יויעלן אַרויפֿגעבראַכט, ווי אַן אויפֿגעוועקטן פֿון שלאָף, אין די צעקנייטשטע, מיט ערד אײַנגעריכטע קליידער. וועטוריע האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַ קוש געטאָן אין שטערן און איז טייקעף אָפּגעשפּרונגען פֿון אים.

— יוליאַן, דו ביסט באַזויפֿן, דער וויַין אויף אַ מײַל שלאָגט פֿון דיר, און ווי קוקסט דו ביסט.

יויעל, צורעשט אַ געפּלעפּטער, דערנאָך מיט שמייכלדיקע אויגן באַקוקט די פֿרעמדע מענטשן, וואָס נעמען פֿון אים ניט אָפּ די נײַגעריקע בליקן. ער וויל צוגיין צום ספּאַרדי, וואָס שמייכלט צעהעלט אים אין פּאָנעם אַרײַן, נאָר וועטוריעס שטים פֿאַרהאַלט אים.

— נעמט און וואַשט אים אַרום. טוט אים איבער.

ס׳האָבן אים גענומען באַדינען די אַווגוסטינער מאָנאַכן אין די ווײַסע קליידער. מע האָט אים געפֿירט איבער די צימערן אין וואַש־ביידער, ווו ער האָט אויסגעטאָן די אייבערשטע קליידער, און אַ האַלב נאַקעטער איז ער שוין געשטאַנען אָן אָנגעבויגענער איבער אַ גרויסער ליימענער שיסל און זיך געלאָזט גיסן קאַלטע וואַסער אויפֿן קאָפּ.

אין אַ קליין שטיקל צײַט אַרום איז דער בישאָף געלעגן פֿאַר אים אַן אויסגעצויגענער, מיטן הוילן בויך אויף אַרויף. אויף דער הויט האָט זיך ברייטלעט אָנגעזען אַ ראָז קאַליריקער בראַנדשיט, וואָס איז פֿאַרקראָכן ביז צו הינטער די פּאַכוועס און אויף די פּולבלעכע אָרעמס.

לעבן יויעלן איז געשטאַנען וועטוריע, דער ספּאַרדי פֿון דער צווייטער זײַט און הינטער זיי מיכאַיל סקאָט דער אַלביאָן. די אַלע איבעריקע האָט מען פֿון צימער אַרויסגעשיקט. איידער יויעל האָט זיך מיט אַ פֿינגער צוגערירט צום נאַקעטן בויך, וואָס האָט זיך געהויבן און געאָטעמט, האָט ער אין דער שטיל, פֿאַר זיך, גענומען זאָגן דעם מײַמאָנס שוווע.

דער בישאָף האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אויף צום אויפֿשטיין, דער גראָבער האַלדז איז פֿולער געוואָרן און דער פֿלאַם איז אים אַרײַן אין פּאָנעם.

— ביסט געקומען מיך פֿאַרשילטן? — האָבן זיך באַ אים די אויגן אָנגעצונדן און דאָס מויל האָט אַזש געציטערט.

וועטוריע האָט אים גענומען באַרויִקן, צוריק אָוועקלייגן.

— דאָס איז אַ שווּע אַזאַ, פאַר די רופֿאים, געשאַפֿן געוואָרן דורכן גרעסטן מעדיקער פון אונדזער צײַט, דעם מײַמאָנידס שווּע, — האָט דער ספּאַרדי געוואָלט יויעלן פאַרענטפערן.

— איך דאַרף ניט קיין ייִדישע שווּעס! איך וויל ניט, מע זאָל איבער מיר מאַכן קישעף...

— קישעף? — האָט יויעל איבערגעריסן זײַנע רייד.

— וואָס רעדט איר, הײליקער פאָטער? אַזאַ אומזין... מיך באַליידיקט איר. איך בין אויך אַ מעדיקער. ווי קענט איר גאָר אַזאַ פאַרדאַכט... אַרויסברענגען, — איז וועטוריע רויט געוואָרן פאַר פאַרדראָס.

— דאָס וויל ער זיך נויקעם זײַן אין מיר. מיך דערנידעריקן. זיך אָפּרעכענען פאַר דער טפּיסע, — האָט דער בישאָף זיך אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקן.

— זאָל איך באַגײַסטערט זײַן פול מיט ליבע צו דײַן באַשאַף, אַלמעכטיקער, — איז יויעל אַריבער צום פאַרענדיקן די שווּע אַפֿן פּראָוואַנסאַלער לשון. — און מיט ליבע צו דעם הייליקן פאַך פון אַ רופֿא־כּוילים. היט אין מיר אָפּ די קראַפט פון מײַן קערפּער און פון מײַן גײַסט, איך זאָל בעקויעך זײַן געבן הילף און היילונג ווי דעם רײַכן, אַזוי אויך דעם אָרעמען, ווי דעם גוטן, אַזוי אויך דעם שלעכטן, ווי דעם פרײַנט, אַזוי אויך דעם סוינע, איך זאָל שטענדיק זען אינעם לײַדנדיקן קראַנקן אויסשליסלעך דעם מענטשן און ראַק דעם מענטשן...

דאָס צווייטע קאַפּיטל

יויעל ווערט אַ רופֿא־כּוילים

שוין העכער אַ כוידעש, ווי יויעל האָט זיך דאָ באַזעצט אַלס טוישעוו. נאָכן היילן דעם קאַרקאַסאָנער בישאָף האָט אים וועטוריע פאַרנומען מיטן גאַנצן געפּעק, מיט טאַנכומען, מיט די באַלעכאַזים צו זיך אַהיים, אינעם שלאָס פונעם טולוזער הערצאָג ריימונד דעם זעקסטן.

יעדע מישפּאָכע האָט איר פּעקל צאָרעס. דעם הערצאָגס ווײַב, וועטוריעס מוטער, די הערצאָגן בעלאַדאָנע קרענקט שוין אַ פּאָר יאָר אויף אַ מין פאַרלאָזטער, מיִעס געפערלעכער קרענק, און ס׳איז דערווײַל אוממעגלעך געווען צו געפינען אַ טרופע צו אָט דער אויסטערלישער כאַלאַעס.

וועטוריע, נאָכן אומקערן זיך פון סאַלערנאָ, פונעם קאָלעגיום היפּאָקראַטיקום, ווו זי האָט באַקומען אַ היפּש ביסל וויסן אין כאָכמאַס האַרעפוע, דערהויפּט אין רעפוּעס־נאָשים, קאָן זיך אַליין קיין אייצע ניט געבן מיט דער מוטערס קרענק. אויך רופֿאים פון דער זײַט האָבן גאָרניט געקענט העלפן דערצו. זי האָט יויעלן גענוי דערציילט, דעם גאַנצן וועג פון קאַרקאַסאָן ביז איר היים, די אַלע פּראָטים און סימאָנים פון דער כאַלאַעס, נאָר, ווי זאָגט דאָס ווערטל — אַ רופֿא פונדערווייטנס איז אַ בלינד אויג.

יויעל האָט זיך אָנגעטאָן אין שענסטן און אין בעסטן, ווען וועטוריע האָט אים דאָס ערשטע מאָל געפירט צו דער קראַנקער. הגם ס׳איז ניט דער שטייגער צוצולאָזן אַ זאָכער — אַ רופֿא צו אַ קראַנקער פרוי. ער האָט דערזען פאַר זיך די הערצאָגן אַ צעכראַסטעטע, אין צעפּליקטע בעגאָדים, מיט אַ קנויל צעפּאַטלטע האָר אַפֿן הוילן קאָפּ. זי האָט זיך נאָרוואָס אופגעהויבן פונעם דיל. אַ שלאַנק הויכע, מיט סימאָנים פון שיינקײַט אַפֿן לענגלעכן צימערינגפאָנעם. די אויגן בא איר אויסגעלאָשענע, ווי אין גרויס שיקרעס, ברייט צעעפנטע, נאָר גאָרנישט ניט זאָגנדיקע, ווי בא אַ טויטער. אויף דער טאָכטערס רייד צו איר האָט זי אומפאַרשטענדלעך געפּלאָנטערט מיט דער צונג און זיך געוואַקלט באַם מאַכן אַ פּאָר טריט. יויעל האָט בא איר אָנגעטאַפּט דעם דויפעק. אַ שוואַך, אָפּט קלאַפּן. אויך דער אָטעם ניט קיין טיפער. די שווייסיקע בריסט האָבן אַרויסגעקוקט ווי פאַרגליווערטע.

אין מעשעך פון זײַן געפינען זיך דאָ האָט ער שוין די קראַנקע געזען אין אַלערליי צושטאַנדן. ער האָט זי געטראָפן זיך וואַלגערן צווישן ווילדגראָז, ווו די דערנער־שטעכלקעס האָבן איר געשטאָכן דאָס לײַב, אָבער ס׳אַרט איר גלײַך ווי גאָרניט. ער האָט זי געזען אין אַ טיפן שלאָף, ווען ס׳איז אוממעגלעך געווען זי צו דערוועקן אַפילע ווען ער האָט איר אונטערגערוקט געברענטע פעדערן אונטער דער נאָז... ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט שוין מער ווי אַ מעסלעס גאָרנישט ניט גענומען אין מויל אַרײַן, און ער איז בײַגעווען ווי זי האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן — אַ שאָ נאָכאַנאַנד האָט זי אין זיך געשטאָפּט פילצאָליקע מײַכאָלים,

וואָס די באַדינערנס האָבן איר אַלץ אונטערגעטראָגן. יויעל האָט געמאַכט אַ סאָף דערצו. ער האָט געצווונגען מיט גוואַלד אַרויסרײַסן בײַ איר די גרויסע שטיק פֿלייש פֿון דער האַנט, און צונעמען פֿון אירע אויגן די אַלע אָנגעשטעלטע געריכטן.

— צופֿיל עסן איז אַזוי שעדלעך פֿאַרן געזונט, ווי צופֿיל וואַסער פֿאַר געוויסע פֿלאַנצן, — האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין די פֿרויען, וואָס באַדינען זי און וווינען מיט איר צוזאַמען אינעם פֿאַרוואָרלאָזטן אײַנזאַמען שלאָס.

דער שלאָס האָט שוין געהאַט אַ שלעכטן שעם אין דער סוויווע. מע האָט אים גערופֿן „שאַטאָ וואַלפּורגע", וואָס אַפֿן פּראָסטן פֿאָלקס־לאָשן הייסט עס דער פּאַלאַץ פֿון די מייסים. אינדערעמעסן איז עס געווען אַ מײַסטערהאַפֿט געשניצטער בינין, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל אין דער זײַט פֿון די הויפּט־געבײַען אַפֿן גאַנצן גרויסן שטעטל פֿונעם הערצאָגס שטאַם־גיטער. האַגאַם דאָס איז אויך אַ יערושע־פּאַלאַץ, שטייט ער אַזוי ווי אָפּגעזונדערט און אין דער נידער, אַף אַ היפּשן מעהאַלעך ווײַט פֿונעם ראַוגראַף — דעם באַרגיקן רוקן, אַף וועלכן ס'הייבן זיך די טורעמס פֿון דער פֿעסטונג, וואָס רינגלט אַרום דעם גאַנצן גרויסן אַנסאַמבל פֿון גרעסערע און קלענערע שלאָס־ביניאָנים.

וועטוריע האָט אַנומלטן דורכגעפֿירט יויעלן צו דער מוטער דורך דער. פּאַטערנע, דורך אַזאַ אונטערערדישן פֿינצטערן דורכגאַנג, וואָס ציט זיך פֿון אונטער דעם באַרגיקן שטיין־שלאָס, ווי אַ מין דעפּילע — אַן ענג שמאָל שטעגעלע, וואָס ברענגט אַרויס צו די קעלערן פֿונעם פּאַלאַץ אין טאָל. וועגן אָט דעם געהיימען וועג האָט זי אַ סאַך וואָס צו דערציילן, וועטוריע. אַ מאָדנע זאַך, זי ווייסט, דוכט זיך, גוט, אַז נאָך פֿונעם פֿינפֿטן יאָרהונדערט הערשן די פֿראַנקישע ריטערלעכע געזעצן, וואָס נעמען אָפּ בײַ די טעכטער די רעכט אַף יערושע, און דאָך פֿון יעדן וווּנדער, וואָס זי באַווײַזט אים, שפּאַרט אַרויס דער שטאָלץ פֿון אַן אייביקער אייגנטימערן. ס'וווּנדערט אים שוין ניט, וואָס זי איז אַזוי געטנוי באַהאַוונט אין דער הערעלדיק, אינעם וויסן וועגן די הערבן פֿון אַלע אירע אָוועס, מיט די אַלע פֿירשטלעכע רעגאַליען, אַגעוו דאָס אײַנציקע, אַף וואָס זי האָט אויך אַ רעכט לויט איר אָפּשטאַם. ער האָט ערשט דאָ, בײַ איר אין דער היים, אַנטפּלעקט, וויאַזוי זי גרויסט זיך מיט איר שלשלת היחסון[1], וואָס ציט זיך פֿון מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק. זי באַרימט זיך פֿאַר אים, אַז איינער פֿון אירע אור־אורעלטע אָוועס איז געווען דער מאַיאָרדאָם, דער הויפּט־באַאַמטער בײַ דער פֿראַנקישער דינאַסטיע מעראָווינגען.

אין סאַלערנאָ האָט זי אַזאַ גרויסהאַלטערישקייט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן. יויעל האָט זי דאָרט גוט געקענט. זי האָט זיך מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט פֿון די איבעריקע עטלעכע יונגע פֿרויען, מיט וועלכע ער האָט דורכגעפֿירט אַ ריי דיספּוטן וועגן דעם וולאַד[2] אין דער מוטערס בויך. ער האָט זיי באַקאַנט מיט די אַלע ווידערשפּרעכלעכע האַשאָרעס פֿון די געלערנטע, וועלכע האָבן ניט געקאָנט קומען צו איין מיינונג אין דער פֿראַגע: צי פֿריִער אַנטשטייט דאָס צאַרטע געביין און דערנאָך ערשט די ווייכע טיילן, דאָס פֿלייש, צי פֿאַרקערט. יויעל האָט זיך פֿאַרופֿן אַף די ייִדישע געלערנטע נאָך פֿון די טאַלמוד־צײַטן, וועלכע זײַנען באַשטאַנען, אַז צוערשט קומט דאָס ווייכע פֿלייש, ווען ניט וואָלטן די ביינדלעך, ווי צאַרט זיי זאָלן ניט זײַן, אַרויסגעשטאַרצט און זיי וואָלטן געריגעט דאָס אינווייניקסטע בויך־הײַטל. וועטוריע האָט אים אונטערגעהאַלטן. זי איז אויך געווען אַף זײַן זײַט אין אַ צווייטן וויקועך: ער איז אָנגעפֿאַלן אַף דער לערע פֿון די אַלטע גריכן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער מענער־וולאַד אַנטוויקלט זיך שנעלער, ווי דער ווײַבלעכער. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס זיי האָבן גערעכנט די פֿרוי פֿאַר אַ מער מינדערווערטיק וועזן. דאָס איז קיין סימען ניט, וואָס בײַ די געווינערנס פֿון אַ מיידל קומט שפּעטער דאָס נאָכגעבוירענע אָפּרייניקן זיך. דאָס איז נאָך ניט דערוויזן געוואָרן. פּונקט ווי מע קאָן ניט דערווײַזן, אַז בײַם מענערישן וולאַד ווערן קוים פֿערציק טעג נאָכן געבורט אָנגעצייכנט די באַזונדערע גלידער, דער געשלעכט־אָרגאַן אַפּילע. קיינער האָט עס נאָך ניט געזען. ער האָט זיי דערציילט וועגן אַבו־שאָולן, דעם געלערנטן פֿון דער שטאָט פּומפּעדיסע: ווען זײַן טאַלמיד רעב יעהודע האָט געוואָלט באַשטימען אַף אויסווייניק, נאָך אין דער צײַט פֿון טראָגן, צו וועלכן געשלעכט געהערט דאָס קומענדיקע קינד, האָט אים דער לערער געוואָרנט: מענטשן בריִען זיך אַף הייסן און דו וועסט אין דעם פֿאַל זיך אָפּבריִען אַף קאַלטן.

וועטוריע האָט זיך דעמלט פֿאַרינטערעסירט מיט דער מעדיצין־לערע בײַ ייִדן אין יענע אַלטע צײַטן. דאָס האָט זי דערנעענטערט צו יויעלן. ער האָט איר פֿאָרויסגעזאָגט, אַז זי וועט נאָך זײַן די צווייטע טראָטולע, די באַרימטע געלערנטע פֿון סאַלערנאָ, די ערשטע פֿרוי,

---

[1] שאַלשעלעס־האַיוכסן — ייִכעס־קייט; [2] עמבריאָן.

וואָס האָט אָנגעשריבן א קאָמפּענדיום וועגן פרויען־קראַנקייטן. זי האָט אריבערגעשטיגן אין מעדיצין־וויסן דעם מאַן אירן, דעם מעדיקער יאָהאַן פּלאַטעאַרי. צי וועט אויך וועטוריע דערצו דערגרייכן, קאָן ער דערווײַל ניט זאָגן, נאָר אז זי איז שוין אריבערגעוואַקסן, — האָט יויעל געשפּאַסט, — דעם פרײַנט אירן, דעם אַדיונקט באַם מומחה איבער היל־געוויקסן, ניט אין דער לענג, פאַרשטייט זיך, נאָר מיט איר לײַדנשאַפטלעכן דאָרשט צו אַן אַלזײַטיקן וויסן, — דאָס קאָן ער באַשטעטיקן. די טעווע אירע אין אַלץ ארײַנדרינגען, וועלן ארומכאַפּן און באַנעמען זאַכן ביזן גרונט האָט יויעלן אָפט באַגײַסטערט. אין דעם זין איז זי געווען א יחידה בעמינה — די איינציקע צווישן די אַלע לערנערס, וואָס זײַנען איבערגעווען פאַר זײַן צײַט אין סאַלערנאָ.

וואָס איז שײַעך דעם פרײַנט אירן, דעם אַדיונקט, וואָס איז אין וווּקס, פאַרשטייט זיך, געווען העכער פון איר און דאָס זעלביקע אויך אינעם שטאַנד — ס׳האָט אים געפעלט בעסאַכאַקל איין שטאַפּל צום העכסטן טיטל, וואָס מע קאָן באַקומען אין דער סאַלערנער מעדיצין־שול — איז דאָס געווען א לאַכלוטן פּוסטע קיילע. גערופן האָט מען אים אמאַרי דע אַמיציוס. פון די איבעריקע איטאַליענער, זײַנע שטאַמברידער, האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זײַן שלאַנקן געשטאַלט און מיטן מעיוכעסדיקן אָפּשטאַם. ער איז געווען אַן אָפּצווײַג פון א גענועזישער רײַכער פאַמיליע, וואָס האָט אמאָל געהאַט אין אירע רייען א דאָדזש, דעם הויפּטרעגירער איבער דער רעפּובליק פון גענוע. וועטוריע מיט איר ייִכעסדיקייט, און אזא ווי דע אַמיציוס, — דאָס איז א פּאָר פון גאָט אַליין, האָט מען גערעדט אין דער מעדיצין־שול. אַנדערע האָבן זיי שוין אפילו פאַרקנאַסט. ס׳זײַנען ארומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז זיי האָבן שוין אפילו די בראָכע פונעם פּויפּסט אַליין. דאָס איז גאָרניט, וואָס זיי האַלטן עס נאָך דערווײַל אין געהיים. ס׳וועט קומען די צײַט, און אַלע וועלן זײַן איידעס ווי דער זיווג וועט געשלאָסן ווערן.

מיטאמאָל אָבער האָט דער אַדיונקט אָנגעהויבן טראָגן לאַנגע שוואַרצע קליידער, ווי די לערנער־קלעריקער, וואָס נאָך דער לער ווערן זיי סײַ מעדיקער, סײַ גײַסטלעכע. ווען ער האָט נאָך פּלוצעם אָנגעהויבן באַקומען אָנשטאָט די פיר אונציעס גאָלד פונעם שטאָט־מאַגיסטראַט — דעם קירכן־געהאַלט — די בענעפיציעס פונעם הייליקן וואַטיקאַן, איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דער שידעך איז קיין שידעך ניט. נאָך דער זאַלבונג, נאָכן באַקומען דעם הויכן גײַסטלעכן טיטל, איז ער פאַרפליכטעט אויף אייביק זיך אָפּזאָגן צו האָבן א ווײַב.

וועטוריע איז באַלד דערנאָך אוועק פון סאַלערנאָ. איצט וויל זי איבערצײַגן יויעלן, אַז איר פאַרלאָזן דאָס לערנען איז אויסשליסלעך פאַרבונדן געווען מיט דער מוטערס קראַנק ווערן און ס׳האָט גאָרניט צו טאָן געהאַט מיטן אַנדראָניקער.

יויעלן איז באַקאַנט די לערע פונעם גריך אַנדראָניק, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די אייבערשטע העלפט פון דער פרוי איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָט, און די צווייטע העלפט פונעם טײַוול. ער ווייסט אָבער אויך, אַז אין דער קאַטוילישער וועלט דאַרף מען גאָרניט זײַן קיין אַנדראָניקער אויף צו דערנידעריקן די פרוי. ער רעדט שוין ניט פון די גײַסטלעכע, נאָר אפילו די געוויינלעכע ריטער, דער אַדלשטאַנד. אַזוי אויבנאויף, אַז ווען מע קוקט פונדערווײַטנס קאָן זיך דוכטן, אַז די פרוי איז באַ זיי דאָס אייבערשטע פון שטייסל. מע זינגט וועגן איר באַגײַסטערטע לידער. די ריטער בייגן פאַר איר די קני. ס׳איז ניטאָ צווישן זיי אזא איינער, וואָס זאָל ניט האָבן אויסגעוויילט זײַן האַרץ־דאַמע, פאַר וועלכער ער שווערט זיך אין אייביקער ליבע, שטענדיקער איבערגעגעבנקייט, טרײַהייט, אָפּערווילנקייט. דאָס גייט, פאַרשטייט זיך, פונעם פאַרהייליקן די מאַדאָנע — גאָטס מוטער. פון די ייִנגסטע יאָרן האָט מען פאַר קומענדיקע ריטער געפּריידיקט: ווײַלט זי אויס פאַר א מוטער, פאַר א שוועסטער, פאַר דער בעסטער פרײַנדין! אַז זיי זײַנען עלטער געוואָרן: האָב זי ליב! וועסטו זי נאָר ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן ליב באַקומען, וועסטו ערשט דערפילן דעם עמעסן זיסן טאַם פון ליב האָבן, קיין שום אַנדער פרוי אין דער וועלט וועט זי דיר שוין ניט קענען פאַרבײַטן. זי האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט, די הייליקע ייִדישקע, די יונגפרוי מיריאַם, ווי גאָטס מוטער, און דעם אומגעהייער הויכן פּלאַץ, וואָס זי פאַרנעמט אין די הימלען... און דאָס האָט געווירקט אויף צו דערהייבן דעם קולט פון דער פרוי צו די העכסטע הייכן. אָבער דאָס האָט מער א שײַכעס צו דער פרוי ביכלאַל, צו דעם נאָמען אירן, צו דער, וואָס איז אין דימיען, צו דער רוכניעסדיקער... די גאַשמיעסדיקע, די מאַמאָשעסדיקע פרוי, וואָס אויף דער ערד, די לעבעדיקע, איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי געטראָטן מיט די פיס, אזוי נידערגעשלאָגן ווי באַ דער איצטיקער ריטערלעכער געזעלשאַפט. שוין אָפּגערעדט פון די פּילצאָליקע מאָנאַסטיר־פרויען, פאַרוועלקטע אין די איינזאַמע צעלן, נאָר אפילו דאָס ווײַב אין דער פאַמיליע איז א פאַרקנעכטעט וועזן, ווי דאָס שטיקל פי אין דער באַלעבאַטישקײַט. די ריטערלעכע ליבע, די אויף אייביק געטרײַע, די העפלעך איידעלע באַציונג איז קוידעמקאָל געווענדט צו דער פון דער פרעמד

אויסדערוויילטער דאַמע, וואָס יעדער אַדלמאַן מוז פאַרמאָגן, קעדיי צו האָבן וועמען צו פאַרגעטערן, אַרומריגלען מיט אויסגעטראַכטער באַגייסטערונג, און זי מעהאַנע זײַן ניט טאָמעד מיט בלויז ריין פּלאַטאָנישער ליבע.

אַזוי איז עס שוין אַרײַן אינעם שטייגער. אין די לידער פון די פּראָוואַנסאַלער טרובאַדורן האָט מען עס פּריי באַזונגען. אַף די טורנירן האָבן די סעניאָרן און ריטער אומפאַרשעמט עס אַרויסגעוויזן. אין די שלעסער און פּאַלאַצן האָט מען אָפן גערעדט וועגן דעם. די יונגע שיינע גרעפן דע־פּואַ האָט זיך ניט געשעמט מודיע זײַן, אַז זי שטעלט זיך גאָר ניט פאָר קיין עכט ריינע ליבע צווישן אַ פאַרהייראַט פּאָרפאָלק. די ווירקלעך פאַרליבטע דאַרפן זיך פאַרייניקן אָן שום פליכט און צוואַנג, אין דער צײַט, ווען בײַ פאַרהייראַטע איז די ליבע אַ געצוווּנגענע, אַ באַזירטע אַף די רעכט פון מאַן און ווײַב.

יויעל האָט זי דאָ איינמאָל געזען שוין בײַם פאַרלאָזן דעם שלאָס. אין דער באַגלייטונג פונעם הערצאָג, וועטוריעס פאָטער, האָט די גרעפן באַנאַנד מיט אים אויסגעזען, ווי אַ ווינזלע קעגן אַ העלפאַנד. אָבער דער הערצאָג ריימונד דער זעקסטער האָט געשעמט ניט אַזוי מיט זײַן הויכן וווּקס, ווי מיט זײַן מאַנצבלשער שיינקייט, וועגן וועלכער ס׳זײַנען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס איבער פּראָוואַנס און לאַנגעדאָק. בײַ זײַן מיטליאָריקן עלטער האָט ער נאָך געהאַט באַוווּסט, אַזוי סימען פון דער אַנגעזאַמלטער פּלייסיקייט, מיט אַ מין יוגנטלעכער שלאַנקייט, אָן דעם מינדסטן סימען פון דער אָנגע־ װאָס קומט מיט די יאָרן אַרום בויך העכער די לענגלעך פעסטגעבויטע שמאָלע לענדן. דער בראָוסטקאַסטן — אַ ברייטער, מיט פאַרקײַלעכטע אַקסל־שולטערן, וואָס מע זעט ווי שטײַף זיי האַלטן זיך אָפן גלײַכן הוקן־געשטעל. דער לייבנקאָפּ אָפן ניט פולן האַלדז שטעקט שטאָלץ מיט ווירדע, ווי בײַ אָן אָדלער. די פּעך־שוואַרצע באָרד און וואָנצעס פאַרבאַהאַלטן ניט טאָמעד דעם בלענד פון די צוויי רייען קלוגע ציין, די צעעפנטע שמעק־גריבעלעך פון דער ברייטער נאָז, דעם פלאָם פון די באַקן, ווען ער שטעלט אָן דעם גלאַנץ פון די צעסאַרפּעטע אויגן אַף די געטאָקטע אייוורימלעך פון דער קליינער גרעפן. זי איז אָפּגעם איינע פון די גאָר לעצטע, וועמען ער האָט אויסגעוויילט פאַר זײַנע פאַרווײַלונגען. בײַ אַלע זײַנע מײַלעס, מיט וועלכע ער האָט זיך באַרימט געמאַכט, מע רופט אים דאָך „דער גוטער ריימונד”, ווייסט מען איבערן גאַנצן לאַנד, אַז ער איז אַ לײַדנשאַפטלעכער פרויען־יעגער, דער אַדיולטער פונעם קאַנט, דער באַלטײַוועניק, וואָס איז זייער לײַכטזיניק בײַם האָבן צו טאָן מיט פרעמדע פאַרהייראַטע פרויען.

עמעס, די ייִדן פון פּראָוואַנס זײַנען אים מעכאַפּער די גרויסע זינד פון לעבן מיט אַן איישעס־איש, שלוימע־האַמעלעך האָט אויך געהאַט טויזנט ווײַבער. ער איז אָבער אַ יוישער־דיקער הערשער און ער באַגייט זיך גוט מיט זײַנע אונטערטאַנען, פון וואָס פאַר אַ שטאַנד און אָפּשטאַם זיי זאָלן ניט זײַן. אַרום זײַנע שלעסער געפינען זיך די ייִדישע דערפער בויאַז און רוט. ייִדן פאַרמאָגן אייגענע גיטער אינעם גרויסן דאָרפישן יישעוו, וואָס מע האָט אַ נאָמען געגעבן מאַנזשעביו — דער ייִדן־באַרג.

יויעל איז געווען דאָרטן בײַ אַ ייִדן אַן אַפּטייקער, וואָס פלעגט צושטעלן פאַר די פרויען אין שלאָס קאָלערליי מינים טרופעס פון שיינקייט און אַנדערע געהיימע זאַכן פאַרן ווײַבלעכן קערפּער־באַדאַרף. פאַרב פאַר די האָר, ווײַסע און טונקל־בלוילעכע הויט־שמינקע, וואָס ער פלעגט אַרויסבאַקומען פון וואַסער־פּלאַנצן, האָט ער גלײַך באַוויזן יויעלן און דעם באַגלייטער זײַנעם, דעם בריט מיכאַיל סקאָט. דעם אַפּטייקערס ווײַב האָט עפּעס געריבן אין אַ קופּערן פענדל אַ געמיש פון צוגעטריקנטע שמעקעדיקע גראָזן.

— דאָס איז מין כעלבאָנע פון די זיבן מינים, — האָט דער ייִד געגומען אַ ביסל אַף אַ שפּיץ טײַטל פון העלפאַנדביין און עס אונטערגעטראָגן די געסט, זיי זאָלן אַף טשיקאַוועס אַ נעם טאָן צו דער נאָז, וועלן זיי דערשפּירן דעם רייעך־ניכויעך, וואָס ס׳לאָזט זיך הערן פון אָט דעם געווירץ.

די ייִנגסטע פון די דרײַ טעכטער דעם ייִדנס, וואָס העלפן אים אין דער אַרבעט, האָט זיך אָנגעריבן די באַקן אַף פלאַמיק רויט, און דערנאָך מיט אַ הילצערן שטיפטל געגומען מאָלן די אויגן. אַפן טעמפּן עק פונעם צוגעשניצטן שטיפטל איז געווען אַ לעק שוואַרצע פאַרב. מיט אָט דער שוואַרצקײַט האָט זי צוערשט אָנגעפאַרבט די ברעמען, און דערנאָך זיך גענומען צו די קוים זעבאַרע ווינעס. די אַנדערע צוויי טעכטער: די עלטערע האָט געשטויסן אַ מין זעמלמעל פון צעריבענע פעפער־זוימען מיט אינגבער, קימל און מיט מוסקוט־הערעלעך. די צווייטע, נאָכן אויסלייידיקן דאָס שטייסל, האָט אין אַ ברייטער פאַן באַגאָסן דאָס געמיש מיט אַ מין דורכזיכטיקן בוימל פון ניט רײַפע איילבירטן.

— פון אָט דעם קלייסטער, — דערקלערט זיי דער אַפּטייקער, — וועלן געמאַכט ווערן פּילן, אַף צו באַזײַטיקן אַ שלעכטן מויל־גערוך.

יויעל פרעגט זיך בא אים נאָך אַף שטאַרקע גראָזן, צי וואַקסט דאָ ניט אפן באַרג בא זיי ביטערזוים, אָדער בלינדע קראָפּעווע? צי ווייסט מען דאָ פון אזא פלאַנץ, וואָס מע רופט פּרויען־מאַנטל? דער אַפּטייקער באַנוצט ניט אָט די זאַכן. אַמאָל קאָן ער באַדאַרפן אפן שפּענט א ביסל ביטערע פּיאָלע אָדער פּעפּערקרויט.

— נו, און בייגל־קרויט, אָדער עפּשער ציקוטע? — דערפרעגט זיך אַלץ יויעל.

— דאָס איז דאָך סאַם־האַמאָוועס! — צו דעם רירט ער זיך אַפילע ניט צו. אַרום דעם באַרג־ישעוו וואַקסט צווישן די ווילדגראָזן געפלעקטער קאַניוס, איז דאָס אזא גיפטיקער פלאַנץ, נאָך ערגער פון אַטראָפּיע־בלעטער. מע טאָר עס אַפילע אין שטוב ניט האַלטן. ער היט זיך פאַר דעם, ווי פאַר פייַער. ס'איז דאָ פאַראַן א מאַכשייפע, וואָס האָט עס אים אַמאָל געבראַכט צו טראָגן, האָט ער זי ניט צוגעלאָזט אין די דאַלעד־אַמעס מיט איר ווילדער מעציע.

די געסט ווילן דערגיין בא אים וועגן דער מאַכשייפע, נאָר ער קאָן זיי גאָרניט זאָגן. זי איז ניט קיין היגע. זי באַווייַזט זיך אַמאָל, איינמאָל אין א יויוול, לאָזט מען זי אין קיין ייִדישער שטוב ניט אַריַין. ווערט זי דעמלט פאַרשווונדן שוין אַף א שטיק צייַט. מע באַגעגנט זי אַמאָל אפן שפּיץ באַרג. עפּשער וועט ער זיך דערוויסן, דער אַפּטייקער, ווו מע קאָן זי געפינען, וועט ער זיי טייקעף־אומיאַד מודיע זיַין. פאַר דער הערצאָגן בעלאַדאָנע, זי זאָל האָבן א רעפּוע־שליימע, איז ער זיך גרייט מאַקריוו צו זיַין. זי איז פון די עמעסע כסידיי־אומעס־האָוילאָם, אין דעם זין האָט זי נאָך אַפילע געהאַט אַריבערגעשטיגן דעם מאַן אירן, ווען זי איז נאָך געווען געזונט און שטאַרק. ס'איז אַוואַדע א גאָטס ראַכמאָנעס אַף איר. מע זאָגט, אַז דער הערצאָג האָט זי פאַרטריבן פון זיך. זי האָט בא אים קיינמאָל ניט געהאַט קיין בעסערע מאַראַכע, און דאָס עפּשער איז די איקער־סיבע פון איר כאַלאַעס. זיי מעגן אים זאָגן, דעם קלוגן ריימונדן. אויב דער ייִנגערער פון זיי איז טאַקע בעעמעס דער הויז־רויפע דאָרטן, מעג ער אים לאָזן הערן, דעם הערצאָג, די אַלטע ייִדישע מעמרע: המגרש אשתו הראשונה מזבח מוריד עליו דמעות[1]. דעם אַפּטייקערס ווייַב גיט דערבייַ צו:

— איר מעגט אים טאַקע צוויסן געבן, אַז נאָר דאָס ערשטע ווייַב איז געטרייַ ווי א הונט. דאָס צווייטע — איז ווי א פרומע קאַץ, און די דריטע איז שוין גאָר א כאַזער.

דער בריט מיכאַיל סקאָט, וואָס פאַרשטייט דאָס פּראָוואַנסאַלישע ייִדיש־לאָשן און קען א ביסל אויך די שפּראַך פון דער ביבל, האָט זיך פונדעסטוועגן געמוזט נאָכפרעגן בא יויעלן וועגן די לעצטע רייד פאַרן געזעגענען זיך.

יויעל פאַרטייַטשט אים אויך די צווייטע מעמרע, מיט וועלכער דער אַפּטייקער האָט זיי אַרויסבאַגלייט: — צו אַלץ איז דאָ א פאַרבייַט, — האָט ער זיי נאָכגעשריען, — נאָר ניט צו דעם ווייַב פון די יוגנט־יאָרן. איר זייַט נאָך יונגלייַט, איר מעגט עס אויך וויסן.

— דאָס האָבן אַלץ געוואָרנט אונדזערע כאַכאָמים, מיט נאָך א טויזנט יאָר צוריק, — דערקלערט יויעל סקאָטן. — אויב אַפילע די צעשיידונג איז שוין געווען אומפאַרמייַדלעך, האָבן זיי זיך באַמיט מיט אַלערליי אייַנגרייַדענישן, דורך שאַפן צוימונגען, שטערונגען, דורך אויסזוכן טערוצים, אַפּציִען אַף וואָס ווייַטער און ניט דערלאָזן צו קיין געט. עס איז אַפילע געשאַפן געוואָרן א באַזונדער טראַקטאַט פון די ווויקוכים מעגיני גיטין[2].

— א טראַקטאַט?.. — טוט דער ענגלענדער א ציִ פאַר דעם צום דעם אָגער זייַנעם. — אין די שריפטן פון דער הייליקער קירך טאָר מען דאָס וואָרט „געט" ביכלאַל ניט דערמאָנען. אין דער קאַטוילישער וועלט איז דאָס צעשיידן זיך איינגאַנצן אן אומעגלעכע זאַך. — און ער דערציילט יויעלן ווי צו וועטוריען איז דערגאַנגען וועגן דעם שלעכטן פאַמיליען־לעבן פונעם פראַנקישן קיניג פיליפּ אווגוסט מיט זייַן יונגער פרוי איינגעבאַרג. האָט זיך גאָטס פאַרטרעטער אַף דער ערד דער פּויפּסט אינאָקענטי דער דריטער אַרייַנגעמישט, און ער לאָזט זיי בעשום־אופן ניט צעשיידן זיך. דאָס האָט וועטוריען אַרופגעפירט אפן געדאַנק זיך אויך ווענדן צום הייליקן פאָטער. זי האָט אַפילע געוואָלט זיך לאָזן פאָרן צו אים קיין רוים, אים דערציילן וועגן דעם בייז לעבן צווישן אירע עלטערן, האָבן זיי זי קוים אָפּגעהאַלטן דערפון, ער און זייַן פּרייַנט ריימונד ראַזשער. גוט וואָס זי האָט זיך געלאָזט איבעררייַדן. דער איצטיקער פּויפּסט וויל זיך דערשלאָגן, אַז איבעראַל זאָל הערשן איין גלויבן, איין געזעץ און איין מאַכט. די מאַכט — דאָס איז ער אַליין, דער איין און איינציקער גאָטס געזאַלבטער הערשער אַף דער ערד, וואָס וועט ניט דולדן, אַז עמעצער זאָל אים ווידערשפּעניקן. איז אָט, וועגן אָט דעם האַר פון אַלע האַרן, האָט מיכאַיל סקאָט אַנומלטן געהערט, ווי ס'האָט זיך וועגן אים אויסגעדריקט דער הערצאָג, וועטוריעס פאָטער: ער וועט ליבער, — האָט ער א זאָג געטאָן פאַר א מעסיבע

[1] האמעגאַרייש אישטוי האַרישוינאָ מיזבייעך מויריד אָלאָוו דמאָויס — ווער עס גט אָפּ דאָס ערשטע ווייַב, פאַרגיסט אַף אים דער מיזבייעך טרערן; [2] אַרום געט־איניאָנים.

אדלליַיט, — א קוש טאָן דעם הינטערכיילעק פון אַן אַלטער זוינע, איידער דעם זוים פון דער אַפּאָסטאָליש־פּויפּסטלעכער מאַנטיע.

יויעל האָט א שטיק וועג געלאַכט און מיט פּאַרגעניגן געדעדט וועגן הערצאָג, וואָס געפעלט אים אומגעהייער. זיי זײַנען נאָך וויַיט פונעם שלאָס, האָבן זיי צײַט צו אַרומריידן דאָס פּאַר־פאָלק: דעם שלאָס־אייגנטימער און זײַן אומגליקלעכע העלפט, די קראַנקע בעלאַדאָנע. וועטער־ריע האָט זיי ביידן גלײַך ליב. נאָר ס'וואָלט איר עפּשער גרינגער געווען, ווען דאָס זאָל זײַן פאַרקערט — ניט דער פאָטער, נאָר די מוטער זאָל זײַן די שולדיקע. דער הערצאָג וואָלט פון־דערפון זיכער ניט קראַנק געוואָרן. האַגאַם ס'איז פאַר א מאַן, און אפילו פאַר אזא, ווי ריימונד דער זעקסטער, אויך ניט קיין גרינגער ביסן.

— אָט אין אזא פאַל זײַנען מיר, ייִדן, וויַיט ניט קיין בעניי־ראַכמאָנים, — זאָגט יויעל, און ער נעמט דערציילן וועגן אַן אישע סוטע[1], אַרום וועלכער ס'גייט א רייד אין דער טאַלמודי־שער מעסיכטע נאָשים. וויַאַזוי דער שלימאַזלדיקער מאַן דאַרף זיך באַגיין מיט איר, קעדיי זי אָפּהאַלטן פון זינדיקן מיט פרעמדע מענער, און אויב דאָס העלפט ניט, ברענגט מען זי מיט גוואַלד צום סאַנהעדרין, און מע פּרוּווט דאָרט מיט קאָלערליי טאַכבולעס ווירקן אף איר, זי זאָל זיך אָפּקערן פונעם שלעכטן וועג. אין די גאָר אוראַלטע ביבלישע צײַטן האָט מען אָנ־געגומען נאָך הארבערע מיטלען. וועגן די ביטערע וואַסערן דאַרף ער אליין וויסן, דער סער מיכאַיִל סקאָט, פונעם אַלטן טעסטאַמענט. וויַאַזוי דער קויהען גיט איר ביפניי קאָל אָם וועיידאָ, עפּנטלעך, טרינקען דאָס ביטערע וואַסער, אויסגעמישט מיט ערד, אלע זאָלן שטענדיק פאַר־געדענקען די זינדיקע אומטרײַע פרוי, די פאַרשוועכרן פון דער פאַמיליע... דאָס הייליקסטע, וואָס ווערט ביז הײַנטיקן טאָג אָפּגעהיט באַם פאָלק, דאָס ריינע מישפּאָכע־לעבן.

יויעל וואָלט נאָך געקאָנט א סאַך ריידן דערפון. ברענגען סוואָרעס, פעסטשטעלונגען, לע־בעדיקע בײַשפּילן, וואָס דאַרפן באַשײַמפּערלעך באַוויַיזן, אַז נאָך זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָט מען באַ ייִדן אכטונג געגעבן, אַז דער פאַמיליען־קנופּ זאָל זײַן א פעסטער, א זיכערער און אַף שטענדיק. ס'איז געגונג צו דערמאָנען דעם כיירעם דעראַבייינו גיירשוים, וואָס איז דערקלערט געוואָרן מיט קאַרגע צוויי הונדערט יאָר צוריק. ער טוט עס ניט, יויעל, ניט דערפאַר, וואָס ער האָט א כשאַד, טאָמער וועט עס דער בריט אופנעמען אינעם אַטאָ־בעכאַר־טאָנו־נוסעך. ס'איז דאָך פאָרט קאָרעוו לעעמעס. ער איז עפּשער אנשוויגן געוואָרן גיכער צו־ליב דעם, וואָס ווי מע זאָגט: אינעם הויז פון א געהאַנגענעם זאָלסטו וועגן א שטריק ניט ריידן. עפּעס איז באַם בריט פערזענלעך פאַראַן אין אָט דער הינזיכט א פּגאַם. געגוי אין וואָס ער באַשטייט, איז נאָך פאַר אים ניט אויסגעקלאָרט, האַגאַם ער וויסט שוין אַזויפיל וועגן אָט דעם מיכאַיִל סקאָט.

באַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט ער געמאַכט אַף יויעלן אַן אײַנדרוק פון א ביסל א ווילד־קאָמישער בריִע. דער געלער ראָמאַזן, — האָט אים טאַנכום באַלד געקרוינט מיט א צו־נאָמען. ער איז אים כוישעד געווען אין האָבן א פאַרפירעניש מיט דער שיינער וועטוריע, און דאָס האָט ער אים בעשום־אויפן ניט געקענט מויכל זײַן. אזא מיִעסער נעפעש, רויט ווי א צוויק, מיט א הויט, וואָס איז באַשאָטן מיט געלע שפּרענקעלעך, ווי קלײַען, אפילו אַף די דלאָניעס, אַז ער גייט, האָט ער א טעווע צו האַלטן די הענט צעשפּרייט, ווי די האַלבע רייפן. יויעלן האָט דער איניען וויניקער באַאומרויִקט, ווי טאַנכומען, האַגאַם ער האָט גלײַך דערזען זײַנע מײַלעס, זײַן גרויס באַהאַוונטקײַט אין וועלטלעכן וויסן, דאָס קענען פיל שפּראַכן, זײַן שיינרייִדעריַי מיט שאַרפזין און כאָכמע, קען ער אָבער צו גוט וועטוריען. כוץ דעם, וואָס אָט דער מאַן האָט היפשלעך אריבערגעשטיגן איר עלטער, האָט ער א נייגונג צו ריידן מיט די הענט, און איז א ביסל מער אָנגעלאָדן אין די איוורים מיט די צו פולבלעכע מוסקלען. דאָס איז ניט אין איר גוסט. פונדעסטוועגן האָט זיך יויעל מיט אים נויהעג געווען די ערשטע פּאָר טעג לויטן קלאַל כבדיהו וחשדיהו. א קליינינקער כשאַד האָט זיך דאָך באַ אים פאַרגאַנוועט, אַז אָט דער אַלביאָן האַלט זיך דאָ אוף בלויז צוליב וועטוריען. אפילו ווען ער האָט זיך שוין דערקונדיקט, אַז אַהער אין שלאָס קומט ער, אָט דער סקאָט, שטענדיק אַף א קליינעם מעשעך צײַט. דאָס אָרט, ווו ער איז פאַרבליבן אַף זיך באַזעצן, איז באַם גראַף ריימונד ראַזשער א שיינע פּאָר מײַל פונדאַנען. עמעס, ער קומט אַהער אָפטער, פון זינט יויעל האָט זיך דאָ באַ־זעצט. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט יויעלן געזאָגט:

— דאָ זײַנען פאַראַן א סאַך זאַכן, וואָס באַשײַנען דעם שלאָס: א קלוגער יוישערדיקער הערשער, בלײַענדיקע יישוווים, דער ניט וויַיטער יאַם און די שיינע נאַטור. ס'פעלט דאָ נאָר א

[1] א פרוי, וואָס איז אַראָפּ פונעם ריכטיקן וועג.

פּאַכמענישער רופֿע. ער אַליין האָט אויך דערלערנט מעדיצין, נאָר ער איז מער גענייגט צו אַנדערע וויסנשאַפֿטן.

וואָס ווײַטער האָט זיך יויעל אַלץ מערער צוגעבונדן צו אים. ער האָט אין אים געזען אַ ניכטערן, ניט פֿאַרבלענדעטן מענטשן מיט אַ כוש פֿאַר גערעכטיקייט און מיט אַ קאָפּ פֿון אַ דענקער. ס'איז אים געפֿעלן זײַנע אַ טײַנע:

— דער כיסאָרן פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט איז דאָס, וואָס זי באַלוינט ניט דעם יאַכיד לויט זײַנע פֿאַרדינסטן: אָדער זי גיט אים אַ סאַך מערער וויפֿל ער האָט די ווערט, אָדער זי גיט אים אַ סאַך ווייניקער, וויפֿל ער פֿאַרדינט.

עמעס, אָף זײַן אייגענעם גורל האָט ער זיך דערווײַל ניט וואָס צו באַקלאָגן. דער גראַף ראַזשער גיט אים אַלדאָס נייטיקע פֿאַרן קערפּער, ווי אויך פֿאַרן גײַסט. דער בריט איז פֿון די גע־לערנטע, וועלכע האָבן ליב זיך צו אַלץ דערגרונטעווען, אַליין אויספּרוּוון. זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן, אויספֿאָרשן, פֿאַרשטיין מיטן אייגענעם סייכל. דאָרט האָט ער די מעגלעכקייט זיך פֿאַרנעמען מיט זאַכן, וואָס גיבן זיך אים אַמאָל אײַן, אָבער דאָס טרעפֿט גאַנץ זעלטן, און ער פּאַטערט צופֿיל צײַט דערויף. דער גראַף קאַרגט פֿאַר אים ניט קיין מיטלען אויך אָף צו דעראָבערן אַ מין טײַערן אַלטן קסאַוויאַד, וואָס האָט זיך געקאָנט פֿאַרוואַלגערן ערגעץ־ווו אין אַ מאָנאַסטיר. דאָס איז אַן אָנדײַט אָפּן כיבער וועגן די זיבן פֿרײַע קונסטן, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך דעם כורבן פֿון רוים. ער דערציילט יויעלן וועגן דעם מעכאַבער פֿון אָט דעם שווערוואַ־גיקן און גראָבן קסאַוויאַד. געהייסן האָט ער קאַסיאָדאָר. די באַרבאַרישע הונען האָבן פֿאַר־פֿלייצט די שטאָט. די בעסטע רוימער, אויך די געלערנטע האָבן אָפּגעגעבן זייערע קעפּ אָף די פּלאַכעס. זיי האָבן ביזן לעצטן אָטעם־צוג זיך געשלאָגן מיט די ווילדע גערמאַנער. בלויז דער איינער קאַסיאָדאָר האָט ניט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן. איז ער דען ניט קיין רוימער? איז ער דען ניט געטרײַ געווען זײַן היימלאַנד? האָט ער דען ווייניקער ליב געהאַט, ווי אַלע אַנדערע געלערנטע, די וועלט־שטאָט רוים מיט איר וויסן און קונסט? ער האָט אָבער געהאַט אַ כוש פֿאַר געשיכטע, און אַן אויג אָף צו דערזען דעם גאַנג פֿון דער צײַט. ער האָט פֿאַר־שטאַנען, אַז דאָס אומפֿאַרמײַדלעכע איז שוין ניט אויסצומײַדן, האָט ער זיך באַצײַטנס דער־ווײַטערט פֿון דער אומזיסטער בלוטבאָד, און אין דאָרעם־איטאַליע, אין זײַנע גיטער, האָט ער אויסגעבויט דעם ערשטן וויסנשאַפֿט־טעמפּל אין דער וועלט, וועלכן ער האָט אַ נאָמען גע־געבן וויוואַריום — דאָס הויז פֿון לעבן. אין דעם הויז וועט ער פֿאַרהיטן און פֿאַרלענגערן דאָס לעבן פֿון דער רוימישער קולטור. ער האָט געהאַט געזאָגט צו זײַנע טאַלמידים:

— דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס אונדז איז געבליבן. ס'איז ניטאָ איצט קיין העכערער באַרוף, ווי צו זײַן אַן איינפֿאַכער קאָפּיסט. טאָג און נאַכט אַראָפּשרײַבן און איבערשרײַבן די גייאַרשנטע אויצרעס. נאָר אָף אַזאַ אויפֿן וועלן מיר עפּשער פֿאַרהיטן דאָס געשאַפֿענע דורך די גריכישע און רוימישע געלערנטע.

יויעלן געפֿעלט די פֿאַרליבטע באַגײַסטערונג פֿון אָט דעם בריט צום אַלטן רוימער. מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרזיכט און מיט אַ מין הייליקן יִיראַס־האַקאָוועד ער מישט די פֿאַרמעט־בלע־טער פֿונעם גרויסן קסאַוויאַד. ער באַווײַזט אים:

— דאָ איז געשריבן וועגן דיאַלעקטיק. און די זײַטן זײַנען געווידמעט דער קונסט פֿון ריטאָריק... און אָט גייט אַ גאַנצער מעיף[1] וועגן נעגינע, מוזיק. דאָ באַהאַנדלט ער די קלאָלים פֿון שפּראַך. אָבער די גרעסטע העלפֿט פֿונעם כיבער פֿאַרנעמט די אַסטראָנאָמיע, די כעזשבן־קונסט — געאָמעטריע, און דאָס אַלץ איז געשאַפֿן געוואָרן, ווען ער איז שוין געווען באַ די נײַנציקער, דער רוימער.

יויעל טראַכט איצט וועגן עפּעס אַנדערש. צי האָט ער ניט געוווּסט, אָט דער קאַסיאָדאָר, וועגן יויכענען בען זאַקײַ, וואָס האָט געלעבט מיט אַ שיינע פּאָר הונדערט יאָר פֿאַר אים?.. און פּונקט אַזוי ווי ער, ביכדיי צו ראַטעווען די רוימישע קולטור־ירושע, האָט זיך געמוזט אָפּ־טראָגן פֿון די ווילדע הונען, אַזוי האָט אויך דער ייִד מיט דער זעלבער קאַוואָנע געמוזט פֿאַר־לאָזן די שטאָט, וואָס ס'האָבן געהאַלטן באַם פֿאַרניכטן, ניט די ווילדע, נאָר זײַנע הויך קול־טורעלע אָוועס, די רוימער. צי זעט ער ניט אײַן אין דעם, דער ענגלענדער, אַז ס'איז פֿאַראַן עפּעס אַ מין כעזשבן־צעדעק אינעם גאַנג פֿון דער געשיכטע. ס'האָבן געדאַרפֿט אַדורך אָט די אַן ערעך פֿיר הונדערט יאָר, ביכדיי די צײַט אַליין זאָל ברענגען מיט זיך דעם גערעכטן מיש־פּעט.

מיכאַיל סקאָט האָט אַ ביסל אָנגעוווירן די היספּײַלעס פֿאַר קאַסיאָדאָרס אופּטו, ווען יויעל האָט אים געגומען דערציילן וועגן יויכענען בען זאַקײַ. ער איז געווען אַ גײַסטיקער פֿירער

[1] — פּאַראַגראַף.

פון פאַלק, איינער פון די כּאַשעווסטע מיטגלידער פון סאַנהעדרין, דער לערער פון בייס־היר־לעל, און ער האָט פאַראויסגעזען דעם אונטערגאַנג פון זײַן פאָטערלאַנד. ווען די רוימישע לע־גיאָנען האָבן זיך דערנעענטערט צו יערושאָלאַיִם און די פאַרטיידיקער האָבן פאַרשפּאַרט די טויערן פון שטאָט און קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט, האָט דער גרײַז־גרויער זאַקן זיך געלאָזט אָנטאָן אין טאַכריכים, און ווי א מעס, ליגנדיק אין אַן אָרן, האָבן אים זײַנע טאַלמידים אַרויס־גענאַרט פון דער באַלאַגערונג און געבראַכט צום רוימישן קריגספירער וועספּאַסיאַנוס, בא וועמען ער האָט געבעטן:

— תּן לי יבנה וחכמיה[1]! גיב מיר די קליינע שטאָט יאַוונע מיט אירע געלערנטע.

דער ענגלענדער האָט באַוווּנדערט דעם אויסטערלישן אײַנפאַל. ער האָט גענומען ריידן וועגן פּאַראַלעלן אין דער געשיכטע. ער האָט וועגן ענלעכס געלייענט אין א קסאַוויאַד בא איינעם א סכאָלאַסטיקער, וואָס האָט פיל געשריבן וועגן דעם רוימישן פילאָסאָף פּאָרפירי. ער פאַרמאָגט אויך פּאָרפירס א ווערק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „א בריוו צו מאַרצעלען". די מאַרצעלע איז דעם פילאָסאָפס ווײַב. ער וויל פאַר יויעלן אָפּזוכן אָט דאָס דינע געשריפטס. ער וועט עס אים אפילע קאָנען מיטגעבן. האַלט אים יויעל אָפּ דערפון. ער איז גאָרניט אזוי נײַגעריק אָף אָט די זאַכן. מיט פילאָסאָפיע איז ער זיך קימאַט ווי ניט מיסאַסעק. דאָס איז אזא געביט, וואָס איז מגלה טפח, ומכסה טפחים[2] — עס דערציילט נאָר א טייל און וועגן דעם איבעריקן פאַרשווײַגט עס.

דאָ איז ער שוין מיט אים לאַכלוטן ניט מאַסקים, מיכאַיִל סקאָט. אין א סאַך איניאָנים זײַנען זיי קאָנטעט איינער מיטן צווייטן. אין באַזונדערע פאַלן זײַנען זיי זיך מעמאַלע. זייערע געשמאַקן, האַסאָגעס און מיינונגען פאַלן זיך אָפּט צונויף, און דאָך האָבן זיי שטענדיק וועגן וואָס צו שטרײַטן. ווען ס'קומט אפילע צו א געוויסער פּלוגטע, דערגייט עס בא זיי ניט ביז צו קריגערײַ. אָט אזוי ווי איצט, אשטייגער, אינעם וויקועך איבער כאַכמאַס האַהיגאַיִען[3]. זיי אַמפּערן זיך ווי צוויי כאַווײרים, וואָס אכטן איינער דעם צווייטן, און יעדערער פון זיי שאַצט די גײַסטרײַכע באַהאַונטקײַט פונעם צווייטן.

דעם ענגלענדער געפעלט, וואָס זײַן קעגנער איז אזוי טראַציק שאַרף, און ווי יעדער סע־מיט, וואָס איז קימאַט שטענדיק אַן אויסגעצייכנטער יאַכיד, סײַ אין גוטן, ווי אויך אין שלעכטן, איז אָט דער יוליאַן שוין א פּאַרטיקער אינדיווידוום, האַגאַם ער איז נאָך אזוי יונג, מיט היפּשע עטלעכע יאָר יינגער פאַר אים. נאָר דאָס וווּנדערט אים ניט. ער האָט געהאַט די מעגלעכקײַט צו קענען אויך פיל אַנדערע יידן. ער איז קימאַט אויסגעוואַקסן אין זייער סוויווע.

ווען מיכאַיִל סקאָט איז נאָך א קינד געווען, האָט ער ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער אַרטיקער בישאָף שײַנפעלד האָט פאַרשאָלטן די יעניקע קריסטן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין יידישע סימכעס. ער האָט פאַרווערט בײַזײַן אָף יידישע יאָמטויווים און אָף זייערע כאַסע־נעס. ער האָט געדראָט מיט כיירעם די, וואָס דינגען זיך אָן צו דינען אין א יידיש הויז. אין דער זעלבער צײַט האָבן די פאַרמעגלעכע יידן פון זײַן געבורטס־שטאָט געשענקט די רײַכסטע מאַטאָנע דעם ענגלישן קיניג ריטשאַרד דעם לייבן־האַרץ, ווען ער האָט זיך באַ־פרײַט פון געפענקעניש.

סקאָטס בעסטער פרײַנט און לערער איז געווען דער ייד מוישע בען ייצכאָק, וועמעס פאָטער איז געווען א ייד און די מוטער אַן ענגלענדערן, די געוועזענע גרעפן פון קעמברידזש. אָט דער מוישע איז געווען א גלענצנדיקער גראַמאַטיקער, דער מעכאַבער פון די וויסנשאַפט־לעכע ווערק לשון הלימודים און ספר השוהם[4]. בא אים האָט סקאָט, ביזן פאַרלאָזן די היימ־שטאָט, געלערנט די ביבל־שפּראַך און אַראַביש. אין רוים האָט ער געשעפּט כאָכמע און וויסן פון גאַנץ אַנדערע קוועלן. דאָרט איז דער בריט מיט דער צײַט געוואָרן אַן אַלץ־קענער, וועמען ס'האָבן ליב באַקומען די געלערנטע פון דער וועלט־שטאָט... זיי האָבן געזען אין אים ניט א מענטשן, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט גענאַשטער לאַמדאָנעס, נאָר אזא, וואָס זוכט עפּעס און האָט א קאָפּ אָף צו דענקען, האָבן זיי אים דערנעענטערט צו די העכערע ספערן פון דער קאַטוילישער געזעלשאַפט. בא זײַנע יונגע יאָרן — ער איז דעמאָלט ניט עלטער געווען פונעם איצטיקן יויעלן — איז ער אײַנגעלאַדן געוואָרן צו דער צערעמאָניע באַם זאַלבן דעם נײַעם פּויפּסט, אינאָקענטי דעם דריטן.

באַם קלויסטער פונעם הייליקן פּעטער, אָף דעם הויף אויסגעבויטן באַלעמער פון מירמל־שטיין, האָט זיך אויפגעהויבן דער נאָך דעמאָלטדיקער קאַרדינאַל יאַקוב לאָטאַר און מע האָט בעפאַרהעסיע אַראָפּגענומען פון אים די קאַרדינאַל־מיטרע און אָנגעטאָן אָף זײַן קאָפּ די שאַרפ־

[1] טײַן לי יאַוונע וועכאַכמעהאָ; [2] מעגאַלע טעפאַך ומעכאַסע טפאָכאִים; [3] לאָגיק; [4] לעשוין האַלימור־דים, סייפער האַשויהאַם.

שפּיציקע פֿויפּסטלעכע טיאַרע. מיכאַיל סקאָט האָט גאָר פֿון דער נאָענט באַטראַכט דעם אויסגעצירטן קאָפּ־צודעק, וואָס לויט דער מעסירע האָט דער אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין דעם זעלבן קרוינלעכן לעוווש אַרופֿגעלייגט אויפֿן קאָפּ פֿונעם רוימישן בישאָף סילוועסטער. אָבער דעמלט האָט די טיאַרע אויסגעזען אַ סך אָרעמער און פּאָשעטער. דאָס איז געווען אַ געוויינלעך גאָלדן קרענצל, צוגעפּוצט מיט ווײַסע פּאַווע־פּעדערן. איצט איז ניט איבערצוציילן די דימענטן און איידלשטיינער, וועלכע רייפֿן אַרום פֿון אַלע זײַטן די טיאַרע, אויסער די דרײַ גרויסע דיאַדעמען, וואָס שטעקן פֿונפֿאַרנט און דעם גרויסן רובין, וואָס שפּילט זיך מיט דער זון אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון דער טיאַרע. אונטער די יובל־געשרייען פֿונעם אויפֿגעברויזטן האַמוין האָט דער טיטולאַר־בישאָף מיט אַ לייבן־שטים איבערגעשריִען די קוילע־קוילעס פֿונעם פֿאָלק בייס ער האָט זיך געווענדט צום נײַגעזאַלבטן:

— ווייס, אַז דו ביסט דער פֿאָטער פֿון פֿירשטן און קיניגן, דער הערשער איבער פֿעלקער און לענדער, דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם רעטער אונדזערן יעזוס קריסטוס אויף דער ערד.

מיכאַיל סקאָט האָט אַליין געזען, ווי נאָכן אַראָפּשטײַגן פֿון דער בימע האָט עמעצער פֿון די מעלאָכים געהאָלפֿן דעם נאַרוואָס געבוירענעם פֿויפּסט זיך זעצן אויפֿן ווײַסן פֿערד מיטן פּור־פּור־רויטן איבערדעק. ווען ער איז שוין גוט געזעסן אינעם מיט זילבער באַצירטן זאָטל, האָט אַ צווייטער קיניג אים אַרײַנגעטאָן דעם צווייטן פֿוס אינעם שטײַג־רינג, און פֿאַרן צײַמל האָט ער אַ שטיק וועג געפֿירט דאָס פֿערד מיטן רײַטעריִער פֿאַרויס פֿאַר דער פּראָצעסיע. פֿונהינטן זײַנען נאָכגעפֿאָרן אין די פּאַראַד־קליידער די קאַרדינאַלן, די איבעריקע גײַסטלעכע פֿון רוים און פֿון אַנדערע לענדער, דערנאָך ערשט די רוימישע סענאַטאָרן, באַראָנען, הערצאָגן און די קאַוואַלעריי־ריטער, וואָס געהערן צו דער הייליקער קירך אָדער צו די וועלטלעכע הערשער. עטלעכע שאָ האָט געדויערט, ביז אָט די פֿײַערלעכע פּראָצעסיע מיט געזאַנג און גלאָקן־געקלאַנג איז אַדורך די גאַנצע שטאָט — פֿונעם פּלאַץ באַם קלויסטער פֿונעם הייליקן פּעטער ביז צום לוטעראַנישן שלאָס. דער שלאָס האָט זיך געפֿונען צווישן די רויִנען פֿונעם געצנדינערישן רוים, באַ די אַלטע טריִומפֿאַלע טויערן פֿון די אַמאָל מעכטיקע רוימישע אימפּעראַטאָרן. איצט איז דאָ געשטאַנען אַ נײַ אויסגעבויטער טויער, אַרומגעהאַנגען מיט קרענץ לעבעדיקע בלומען און פֿריש שמעקנדיקע גראָזן. דער האַמוין, וואָס האָט דאָ אָפּגעוואַרט, האָט בעסער געמאַכט פֿון די אַלע, וועלכע האָבן באַגלייט די פּראָצעסיע דעם גאַנצן וועג. דער פֿויפּסט, ווי נאָר ער איז צוגעפֿאָרן צום טויער, האָט ער זיך געווענדט צום פֿאָלק מיט די ווערטער:

— גאָלד און זילבער — דאָס איז ניט פֿאַר מיר. איך דאַרף אויך ניט קיין אַנדערע פֿאַרמעגנס. איך גיב אײַך אָפּ אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ באַ מיר, — און ער האָט גענומען וואַרפֿן איבער די אײַנגעבויגענע קעפּ מינץ־געלט, קליינע מאַטבייעס, וואָס ער האָט געשעפּט פֿון צוויי אָפּענע פֿעל־זעק, וועלכע מע האָט אים אונטערגערוקט פֿון ביידע זײַטן.

דער האַמוין האָט זיך אַ וויג געטאָן, און ס׳איז באַלד געוואָרן איין שטיק מאַסע, וואָס איז צו דער ערד געפֿאַלן און ווי אַ מעכטיקע לעבעדיקע באַשעפֿעניש האָט עס זיך געוויגט און געהוידעט און אַרויסגעלאָזט אַלצײַנע ווילד־באַגײַסטערטע האַלעלויִע־קוילעס.

מיכאַיל סקאָט איז אויך בײַגעווען באַ דער פּרעכטיקער סודע אינעם לוטעראַנישן פּאַלאַץ. נאָכדעם ווי די רוימישע סענאַטאָרן האָבן פֿײַערלעך אָפּגעגעבן די שבֿועה, האָט מען זיך גענומען אויסזעצן באַ די טישן. דער נײַער פֿויפּסט — איינער אַליין באַ אַ באַזונדער טישל. אַרום אים, באַ אַנדערע טישן, די קאַרדינאַלן און פּרעלאַטן. דערנאָך ערשט די סענאַטאָרן און דער גאַנצער אַדל. די פֿאָרנעמסטע פֿון צווישן די געסט האָט מען צוגעלאָזט צום באַדינען דעם הייליקן פֿאָטער. דער קיניג פֿון אַראַגאָן האָט אים צוגעטראָגן דאָס ערשטע געריכט, און אַליין האָט ער זיך באַלד צוגעזעצט באַשיידן אויף זײַן אָרט, אַ סך ווײַטער נאָך די גײַסטלעכע.

דער בריט האָט דאָס אַלץ צוגעזען, און געטראַכט באַ זיך: די קאַטוילישע קירך האָט שוין דערגרייכט צו דער העכסטער מאַדרייגע פֿון זעלבסטהערשונג. אָט דער נײַער געזאַלבטער איז אָפּאָנעם דער אַמערסטן צוגעפּאַסטער מאַן פֿאַר אָט דער שווערער קרוין, וואָס סע דאַרף טראָגן אַ הערשער איבער מעלאָכים און קיניגרײַכן. ער קען שוין, ווײַזט אויס, גוט די קונסט צו צווינגען דעם אַנדערן טאָן דאָס, וואָס יענער וויל ניט, דערבײַ אים איבערצײַגן, אַז ער טוט עס מיטן גוטן ווילן און לאַכלוטן אָן צוואַנג.

דאָס, וואָס ס׳איז באַם ענגלענדער דעמלט געווען בלויז אַ האַשאָרע, אַ ווײַטער קוק פֿון אַ מענטשן, אַ זײַטיקן, אָן אויסוויייניקסטן, איז עס מיט דער צײַט, ווען דער זעלבער מענטש האָט עס אויף דער אייגענער הויט דערפֿילט, גלײַך ווי באַשטעטיקט געוואָרן.

מיכאַיל סקאָט איז שוין צו יענער צײַט געווען דער דערציִער פֿונעם קליינעם פֿרידריך, דעם זון פֿונעם אימפּעראַטאָר היינריך דעם זעקסטן. צוויי יאָר איז אַלט געווען דער פּרינץ

פרידריך, ווען דער פאָטער זײַנער איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט די קרוין פון רוים. די מוטער, די אימפּעראַטאָרן קאָנסטאַנצע, האָט זיך געמוזט ווענדן נאָך שוץ צום הייליקן פאָטער. דער נײַער פּויפּסט, אינאָקענטי דער דריטער, האָט דער אַלמאָנע מיטן קליינעם אימפּעראַטאָר אַזוי פעסט אַרונטערגענומען אונטער זײַנע שוץ־פליגל, אַז צו פיר יאָר איז דער קליינינקער פרידריך געוואָרן אַ קײַלעכיקער יאָסעם. די אויפזיכט איבער אים איז איצט אײַנגאַנצן אַריבער אין די הענט פון דער קירכע. לויט דער קלוימערשטער צוואָע פון דער יונגפאַרשטאָרבענער קיניגן־מוטער איז די אַנפירערשאַפט פונעם קיניגרײַך אויך איבערגעגעבן געוואָרן דעם וואַטיקאַן. אינאָקענטי דער דריטער האָט ניט פאַרשפּעטיקט גלײַך צו שיקן קיין סיציליע דעם נײַעם רעגירונגס־קאַנצלער, מיט אים דרײַ בישאָפן, און דעם קאַרדינאַל טשענסיע, דעם פּויפּסטס ספּעציעלן לעגאַט, וואָס האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דעם קליינעם פרידריכס דערציִונג.

ביז זייער אָנקומען האָט סקאָט מיט האַנאַע זיך פאַרנומען מיטן קיניגלעכן קינד. דאָס יינגל האָט געהאַט געגוג סייכל און ניט קיין בייזן כאַראַקטער. האַגאַם ס׳האָט אין אים געשטעקט פון די אָוועס, פון עטלעכע דוירעס, דער באַגער צו הערשעווען, די אַקשאָנעס אויסצופירן ס׳זאָל זײַן אַזוי, ווי ער וויל. די אַלע, וואָס רינגלען אים אַרום, זאָלן אונטערטעניק געהאָרכזאַם אויספילן דעם מינדסטן ווילן זײַנעם. דער בריט האָט זיך באַמיט אין אַזאַ פאַל אים ניט נאָכגעבן, אָבער אויך ניט דערצערענען. ער האָט שטענדיק געפונען עפּעס אַזוינס, מיט וואָס צו האַמעווען די ווילדע אײַנגעשפּאַרטקײַט זײַנע. דאָס קינד האָט ליב געהאַט דעם קלאַנג פון אַראַבישע ווערטער. ער האָט אים פאַרשפּילט מיטן אויסלערנען אַ לײַכטע קאַסידע אויף אָט דער ווילדפרעמדער שפּראַך, וואָס האָט אַזאַ אָפּגעהאַקטן האַרטן ריטם און ווי אַ סאַך זילבן דאַרף מען אַרויסריידן מיטן גומען. מע האָט אים אויך געקאָנט פאַרכאַפּן מיט אַ מײַסעלע פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיט עמעסע פּריילעכע פּאַסירונגען בא די קיניגן, זײַנע אָוועס, אין די הויפן פון אַנדערע קיניגרײַכן. ער האָט זיך געקוויקט מיט אַ קאָמישער געשיכטע, וויאַזוי דער טײַוול האָט אַמאָל פאַרנאַרט אַ גײַסטלעכן און געמאַכט פון אים אַן אייזל. אייניקע מאָל האָט אים סקאָט באַוויזן קונצשטיק מיט פײַער און וואַסער. ער האָט אים געלערנט דערקענען די שטערן אין הימל, דערציילט וועגן אויסערגעוויינלעכע נאַטור־דערשײַנונגען. בייסן שפּאַציר פלעגן זיי זיך אָפּט פאַרשפּילן מיט קאַלערליי פלאַנצן, מיט די באַשעפעניש, וואָס קריכן איבער זיי אַרום. דאָס קינד האָט געהאַט אַ נייגונג אויסצוהערן, וואָס מע רעדט צו אים, און אַ סאַך פאַרגעדענקען: ס׳האָט זיך אין אים נאַרוואָס אַנגעהויבן אַנטוויקלען אַן אייגענער געשמאַק, און אין זײַן קליין וועלטל האָט ער שוין געקענט מאַכן אַן אָפּקלײַב, וואָס ס׳געפעלט אים און וואָס ער האָט ניט אַזוי גערן. ער האָט לעמאָשל געוויַיכט פונעם קאַפּעלאַן, וואָס האָט אים דערעסן מיט די שטענדיק איינע און די זעלבע טאָג־טפילעס. ער האָט ניט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט, ווען מע האָט אים פאָרגעלייענט קאַפּיטלען פונעם נײַעם טעסטאַמענט.

דאָס איז גלײַך דערגאַנגען צום פּויפּסטלעכן לעגאַט, צום קאַרדינאַל טשענסי, און ער האָט גענומען זוכן דעם שולדיקן דערין. אין אָט דעם פרעמדן ענגלענדער האָט ער שוין לאַנג דערקענט אַן אַפּיקוירעס. האָט ער באַפוילן אַכטונג געבן, אים ניט אַרויסלאָזן פון אויג, און פון טאָג צו טאָג זאָל מען אים אונטערטראָגן, וואָס ער רעדט מיט זײַן קיניגלעכער האַכהײַט, מיטן קליינעם פרידריכן.

גוט, וואָס מיכאַיל סקאָט האָט זיך באַצײַטנס דערוווּסט וועגן דער געפאַר, וואָס לויערט אויף אים, און איז אַנטלאָפן פון דאָרט נאָך איידער מע האָט אין אים אַנטדעקט דעם הערעטיקער. קאָן ער איצט אונטערן פרײַען הימל פון פּראָוואַנס ריידן מיטן ייִדן אַזוי דרייסט און אָפן וועגן דער קאַטוילישער קירך, וועגן אינאָקענטי דעם פּויפּסט, און ביכלאַל וועגן די גײַסטלעכע.

— זיי וואָלטן וועלן, אַז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן אויף גאָטס וועלט, דאָס לעבן פון אַלע פאָלקס־שיכטן, דאָס אויסערלעכע, דאָס אַלגעמיינע, ווי אויך דאָס פּערזענלעכע לעבן פון יעדן יאָכיד, זאָל זײַן אונטערגעוואָרפן די באַדערפענישן פון דער קירך. צודערצו זײַנען זיי געצוווּנגען אַנצוהאַלטן די מאַכט פון דער אייגענער פּערזענלעכקײַט, גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד. ער אייגענער זאָל פאַרשפּרייטן זײַן הערשאַפט איבער אַלץ און אַלעמען. ער זאָל אָנבינדן יעדן איינעם זײַן ווילן, זײַן גלויבן, זײַנע עמעסן, אויב אַפילע ער וועט דעם עמעס אויסגעבן פאַר אַ ליגן און דעם ליגן פאַר אַן עמעס. די אַנטיקע וועלט, די וועלט פון די גריכן און רוימער, האָט אויך געוווּסט פון איין גלויבן, פון אַ הערשערישער רעליגיע, זי איז אָבער געווען אַ טייל פון דער רעגירונג. איצט ווילן זיי פאַרקערט, אַז יעדע באַזונדערע מעלוכע זאָל זײַן אַ טייל פון דער קאַטוילישער קירך, אַן אָפּצווײַג פונעם פּויפּסטס קיניגרײַך. אָט די אַליינהערשאַפט, אָט די אויסשליסלעכע רעכט פון איין גלויבן, פון איין מענטשן צו געוועלטיקן איבער די מענטשלעכע מויכעס, איבערן סייכל און פאַרשטאַנד, איבערן וויסן, וואָס איז דעראָבערט

געוואָרן דורך אַזויפיל הונדערטער יאָרן, איז נויטע צו ברענגען — דער טײַוול ווייסט צו וואָס: צו אַ מין ווילדער אומדערהערטער פאַרגרעבטקײַט, צו אַ פאַרטעמפונג פון די געשמאַקן, צום דערשטיקן די נייגונג צו שיינקײַט און לעבנסלוסט אַפילו באַם פּראָסטן פאָלק, און דאָס סאַמע שרעקלעכסטע: צו נײַע בלוט־פאַרגיסונגען, צו פאַרפאָלגונגען און מילכאָמעס פאַרן גלויבן. אַ זאַך, וואָס פון זינט די וועלט שטייט, האָט מען דערפון ניט געוווּסט, קימאַט ווי ניט געוווּסט, ביז אָט אין אונדזערע יאָרן, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די קרייץ־צוגן.

יויעל האָט אין זײַן קורצן לעבנסוועג זיך אָנגעשטויסן אויף ניט ווייניק ווידערשפּעניקע און אָפּטריניקע פון דער קאַטוילישער קירך. ער האָט זיי געקענט אין סאַלערנאָ, ער האָט זיי באַגעגנט אויף די שטאָט־פּלעצער און אין די ווײַנשענקען. ער האָט געהערט זייער אַפּיקאָרסעס בייסן וואַנדערן איבער די וועגן פון לאָמבאַרדיע און לאַנגעדאָק. נאָר אַזאַ אָפענע טיפע סינע צו די אַלע מינים גײַסטלעכע, און נאָך מערער צום פּויפּסט זעלבסט, דאָס זעט ער ערשט באַם אַלביאָן. ער האָט אָפּאָנעם אַ גרונט דערצו. ער קען זיי בעסער, ווי ווער עס איז אַן אַנדערער, אויב ער איז אַזאַ צײַט געווען צווישן זיי. ער דערמאָנט זיך, יויעל, אינעם פּאָסעק: הקופר בעבודה זרה כמודה בכל התורה כולה[1], ווערט אים אָט דער מענטש נאָך ליבער, און ער פּילט זיך מיט אים ביז גאָר נאָענט־אייגן.

ווי:אַזוי אָבער דולדעט אים ווערטוריע? זי איז דאָך אַזוי פאַרליבט אינעם הייליקן פאָטער — דעם פּויפּסט, אין דער קירכלעכער ליטורגיע, דערהויפּט אין די טפילעס צו דער יונגפרוי מאַריע.

ער איז, אָט דאָ ערשט ניט לאַנג, יויעל, געגאַנגען מיט איר איבער דער עספּלאַנאַדאַ. דאָס איז אַ פּוסט פעלד, וואָס ציט זיך פונעם שלאָס ביז צו די נאָענטסטע יישוווים, די בסולע־ערד האָט דאָ קיינמאָל ניט געוווּסט פון קיין גראָבײַזן און ניט פאַרזוכט דעם טאַם פון אַ פרעמדער זערע. איז דאָ אַ שעפע פון ווילדגראָז מיט קאָלערליי מעשונעדיקע פלאַנצן. די פרילינגדיק־פרימאָרגעדיקע זון האָט זיך נאָך ניט צוגערירט צו די טויען. פון דער טאָג־שײַן באַהעלטע און פריש פּײַכטע האָבן זיי קאַלט־נאַס געמאַכט ווערטוריעס באָרוועסע פיס און יויעלס סאַנדאַלעטן. זיי האָבן זיך אָפּט געבויגן איבערן אומקרײַטעכץ, געזוכט עפּעס צווישן וויוווער, אַרויסגעריסן אַ בינטל שויטנדיקע געוויקסן, עס באַטאַפּט, באַשמעקט, גענומען אויפן צונג און אוועקגעוואָרפן. זיי האָבן זיך אַמערסטן אָנגעשטויסן אויף די אַלע ווילדע פלאַנצן, וואָס מערן זיך אינעם מיסטגראָז: כאַזערישע בעבעלעך, קריכווייץ, מויזנקאָרן, בלינדער רעטעך, און אַ סאַך־אַ סאַך טויב־קאַלטע בר:ענדיקע קראָפּעווע.

ווערטוריע האָט זיך אָפּגעבריט די פינגער, ווען זי האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען פון צווישן די ברענענדיקע גראָזן אַ שטענגל פאַרטעניע. זי בלאָזט און כאַפּט אַרום יעדן פינגער באַזונדער. שמייכלט אומפאַרטרוילעך צו יויעלס באַמי:ען זיך פונדעסטוועגן אַרויסצורײַסן דאָס בלימל, וואָס מע רופט עס אויך „די רוימישע קאַמעליע". אין סאַלערנאָ וואַקסט עס לעראָוו און דאָ האָט זי עס דאָס ערשטע מאָל דערזען. זי פרעגט באַ יויעלן: פאַרוואָס רופט מען עס די „בסולע־בלום"? די מיידלעך פון איטאַליע באַפּוצן דערמיט די הייליקע מאַדאָנע... יויעל האַלט שוין דאָס געוויקס אין דער האַנט און באַטראַכט עס.

— ס'איז פאַראַן פון דעם מין שענערע בלומען, און די איז, דוכט זיך, אײַנגאַנצן אָן אַ דופט, — זאָגט זי ווײַטער. יויעל דערלאַנגט עס איר צו דער נאָז. — אָך, ניין, ס'האָט עפּעס אַ קוים פילבאַרן זויערלעכן רייעך.

— דערפאַר אָבער געהערט אָט דאָס נישטיקע בלימל צו דער מישפּאָכע בסולע־געוויקסן, — שמייכלט יויעל און ער נעמט איר דערקלערן. — דער ריכטיקער נאָמען פון אָט דעם פלאַנץ, דער אַלט־לאַטײַנישער, איז „פּאַרטעניע גענעזיס", דאָס הייסט די איין־געשלעכטלעכע זעלבסטבאַפרוכפּערונג. באַ היפּאָקראַטן איז פאַראַן וועגן דעם: אין דער נאַטור זײַנען פאַראַן פאַלן, ווען אָן דער מענלעכער זערע... באַ די אינזעקטן, באַ אייניקע פון דעם נידעריקסטן מין באַלעכאַ:ים, און אַפילו... ער איז אַנשוויגן געוואָרן און מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל געקוקט פון דער זײַט אויף ווערטוריען.

— וואָס זשע ביסטו אַנשוויגן געוואָרן?

— ווערטוריע! — האָט זיך יויעל צעלאַכט, זי אָנגענומען מיט ביידע הענט און געקוקט אין די אויגן אַרײַן, — מע האָט דאָך אַפילו אויסגעטראַכט אויף עמעצן פונעם מענטשלעכן מין, דעם העכסטן פון צווישן די באַלעכאַ:ים, — האָט יויעל ניט אויפגעהערט צו שמייכלען. האָגאַם ער וואָלט וועלן, זי זאָל אים פאַרשטיין, אַז ער זאָגט עס ניט לעשעם כויזעק, ער מיינט ערנסט,

[1] האַקויפער באַאווידאָ־זאָראָ קעמוידע בעכאָל האַטויראָ קולאָ — ווער עס לייקנט אין געצנדינערײַ, איז ווי ער וואָלט אָנערקענט די גאַנצע טוירע.

אז ס'איז א ווילד נאַרישע אויסטראַכטעניש. און מע האָט זי נאָך פאַרגעטערט, געמאַכט פאַר א הייליקע.

— דו רעדסט וועגן דער הייליקער מאַריע? — האָט וועטוריע פאַרדריסלעך אראָפּגעלאָזט די בליקן.

— באַליידיק זיך ניט, וועטוריע! איך וויל דיך ניט באַליידיקן. און צו אָט דער מיריאַמען האָב איך דאָך אויך א שטיקל שײַכעס... ווי מיינסטו? — האָט יויעל זיך ניט געקענט באַפרײַען פונעם שפּאַסיקן טאָן.

שוין דאָס צווייטע מאָל, אז ער האָט כאַראָטע, יויעל, קילעאַכער האַמײַסע, לעמײַ ער רעדט מיט איר אַזוי אָפן און מיט ביטל וועגן דעם קריסטלעכן גלויבן. ער פאַרגעסט זיך. אים דוכט זיך, אז ער איז דאָ שטענדיק אין א סוויווע פון איינע קויפרים[1]. איר אייגענער פאָטער דער הערצאָג, דער גראַף ריימונד ראַזשער, מע רעדט שוין ניט פונעם ענגלענדער סקאָט, ער היט זיך פאַר זיי ניט אַרײַנצוזאָגן וועגן דער יענער דאָגמע, אָדער אפילע אויסלאַכן אַוועלכן ס'איז קאַטוילישן אַטריבוט. ס'איז, פאַרשטייט זיך, בעסער, ווען זי איז ניטאָ דערבײַ. האַגאַם מע טוט עס אָפּט אויך אין איר אַנוועזנהײַט. זי איז שוין אַזוי צוגעווינט צו דער אַפּיקאָרסעס פון די מענער, אז זי מאַכט זיך צומיינסטן קעלוי־יאָדע. ס'איז אָבער גאַנץ אַנדערש, ווען זיי זײַנען אינצווייען. ס'באַקומט זיך דעמלט, אז דאָס רעדט צו איר ניט אַזוי דער אַפּיקוירעס, ווי דער ייִד, און אַז זײַנע הערעטישע רייד זײַנען געצילט מערער אַף אָפּשפּעטן פון איר, אַף זי דערנידעריקן. זי שווײַגט שטענדיק אָפּ און לאָזט זיך ניט אַרײַנצײַען אין... קריג. אויך דעמלט, ווען זי פילט זיך שטאַרק געטראָפן. אַזוי איז געווען דער פאַל דאָס ערשטע מאָל, באַם נאַרוואַס אַנהייבן צו באַקאַנען זיך מיט דער מוטערס כאַלאַעס.

ער איז מיט וועטוריען דעמלט געווען באַ דער הערצאָגן. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט צו דער קראַנקער דעם מיזיניק אירן, וועטוריעס ברודערל בערטראַן, וואָס ווערט דערצויגן אין א פרעמדן שלאָס באַם גראַף ריימונד ראַזשער. דאָס צוועלפיאָריקע באָכערל אין די קליידער פון א פּאַזש איז צוגעפאַלן צו דער מוטערס אויסגעמאָגערטן האַלדז מיט די פעלדעלעך, זיך אײַנ־געגראָבן אין אים און מיט בלינדע פינגער גענומען באַטאַפּן די קנייטשעלעך באַ איר אָפּן געזיכט, אונטער די אויגן. זי האָט אים צוערשט אָפּגעשטויסן, ווי דאָס וואָלט געווען א פרעמד קינד, וואָס איז איר דערווידער. דאָס ייִנגל האָט זיך ניט געלאָזט אָפּרײַסן פון איר. אָן ווער־טער האָט ער זיך געקלאַמערט אין אירע הוילע אָרעמס, וואָס האָבן אים געשטופּט פון זיך, און מיט פאַרטערטע אויגן, מיט א ראַכמים־שמייכל האָט ער זיך ווי געבעטן, אַרײַנגעקוקט איר גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן. דאָס האָט זי אַפּאָנעם אָפּהענטיק געמאַכט, און מיטאַמאָל... ווי פון א טיף אינערלעכער צערודערונג איז זי אַרײַנגעפאַלן אין א צושטאַנד פון... ווי מע רופט עס אין לאַטײַן, קאַריבאַנטיזם. ס'האָט זי פּלוצעם אַרומגעכאַפּט א ווילדע פרייד. זי האָט אַף א קאָל געלאַכט און געוויינט, געפּליעסקעט מיט די הענט און צוגעזונגען. ווען מע האַלט זי ניט צו, וואָלט זי זיך געלאָזט אין א טאַנץ. זי האָט זיך ניט געוועוערט, ווען מע האָט זי צוריק אומגע־קערט צום בעט, און שוין האַלב ליגנדיק, האָבנדיק לעבן זיך פון ביידע זײַטן וועטוריען און דאָס ייִנגל, איז זי אַריבער צום מאַצעוו, ווי ס'וואָלט זי אַרומגעכאַפּט דער ערגסטער מין פּסי־טאַציזם. ס'האָט זיך איר דאָס מויל ניט צוגעמאַכט. זי איז צוערשט אײַנגאַנצן געווען באַ־הערשט פון אַן אומזיניקער פּלאַפּלערײַ, דערנאָך האָט זי א ביסל מערער אָנגעהויבן ריידן צו דער זאַך.
יויעל האָט באַ איר דעמלט געפּרווּוט דערגיין, וואָס פאַר א רעפּועס זי האָט הײַנט אײַנגע־נומען? אַוועלכע שלאָף־געטראַנקען? און ווער מאַכט זיי איר? פון אַוועלכע קרײַטעכצער, גראָזן?

זי האָט אַף זײַן נאָכפרעגן זיך אײַנגאַנצן ניט געלייגט קיין אַכט. די צונג האָט זיך באַ איר געפּלאָנטערט אין מויל, ווען זי האָט דערציילנדיק זיך געקלאָגט, לעמײַ מע גיט איר ניט די געשמאַקע מײַכאָלים, די גוטע עסנס, וואָס זי האָט ליב, און דאָס, וואָס מע גיט איר, קאָן זי אין מויל ניט נעמען און זי קאָן ניט שלאָפן נאָך זיי, אַזוינע בויכווייטעקן האָט זי.

זי איז נאַרוואַס קימאַט א גאַנצן מעסלעס אָפּגעשלאָפן. די באַדינערנס דערציילן, אז ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי געווען א מענטש ווי אַלע מענטשן, זי האָט גוט אָפּגעגעסן, און נאָכן פאַרבײַסן מיט דעם, וואָס זי באַהאַלט פון זיי, איז זי ווידער געוואָרן אומדערטרעג־לעך. אָט אַזאַ, ווי זיי האָבן זי געטראָפן, ווען זיי זײַנען אינדרײַען געקומען אַהער.
די פרויען, וואָס אַרום דער קראַנקער, זײַנען דאָ אַלע נײַע מענטשן. די פריִערדיקע האָט

[1] אַפּיקאָרסים.

יויעל צעטריבן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט דערשלאָגן בא זיי, וואָס זי נעמט אײַן. און ווי אַזוי זי באַקומט עס? דורך וועמען?

דאָס פּאַנאַצייע־מיטל צו אַלע קראַנקײַטן, מיט וועלכן מיכאיל סקאָט האָט זי געהיילט העכער אַ יאָר, ביז יויעלס קומען אהער, האָט ער לאַכלוטן אָפּגעוואָרפן. דער ענגלענדער האָט זיך געוווּרט: דאָס איז די מאַגיסטעריע — דער וווּנדער־געמיש, מיט וועלכן ער האָט שוין אויסגעהיילט פּיל מענטשן פון פאַרשיידנערליי כאַלאַעסן. ער מאַכט זיי אַליין, די פּילן: פון ביטערע וואָרצלען מיט בלעטער פון אַן איילבירטן־בוים, איבערגעמישט מיט אייער־שאָלעכץ. דאָס אַלץ ווערט באַגאָסן מיט אייזל־מילך און מיטן וואָרעם בלוט פון אַ שוועלבעלע. ווען אָט די אַלע זאַכן ווערן גוט צעשטויסן, איבערגעריבן און אופגעשלאָגן, מישט ער נאָך צו דעם אָפּ־געשאַבענעם שימל פון אַלטגעבאַקן ברויט.

יויעל האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פונעם ספּאַרדיס אײַצע: קריגן די ברייטע אַלאָע־בלעטער, אויסקאָכן פון זיי דעם זאַפט, וואָס איז די בעסטע רעפּוּע קעגן אופּרעגונג און אופטרייסלונ־גען. ער האָט פעסט באַשטימט נאָכן אַרויסבאַגלייטן דעם ספּאַרדי ניט אָנווענדן דערווײַל קיין שום רעפוּעס. די באַדינערנס האָט ער באַפוילן, מע זאָל איר געבן די אַלע מײַכאָלים, וואָס זי וועט נאָר באַגערן. רעפוּעס דאַרף מען צוקלײַבן אַזעלכע, צו וועלכע דעם כוילעס גוף איז נאָך ווייניק צוגעוווינט. מיט מעזווינעס איז פאַרקערט, פאַר אַזאַ קראַנקן איז דאָס, וואָס ער האָט ליב, וועט עס בעסער פאַרדײַעט ווערן. אַ סאַך וויכטיקער איז, אַז ס'זאָל אײַנגעפּירט ווערן אַ רעגלמעסיקײַט אין איר כעיונע: מע זאָל זי ניט אָנשטאָפּן מיט איינמאָל און דערנאָך זאָלן אוועק שאָען, און אַמאָל אפילע מער פון אַ מעסלעס, זי זאָל גאָרניט נעמען אין מויל אַרײַן. דער הונגער איז אַ בייזער באַלעבאָס.

צודערצו האָט זי זיך נאָך גוט אָנגעשלונגען מיט אָט די באַטויבונגס־מיטלען. אפילע אָן די שאַרפע אָנפאַלן, בא וועלכע זיי זײַנען נאַרוואָס בײַגעווען, וואָלט ער געוווּסט, יויעל, אַז זי האָט פון זיי גוט טויעם געווען. דאָס פּאָנעם איז בא איר אַ גוטער מאָסער, דערפאַר איז אָבער דער מאָגן אַ גרויסער באַלסאָד, און ער וויל בעשום־אויפן ניט אויסגעבן, וואָס פאַר אַ צאָרע ס'ליגט דאָרטן.

ביינע־לעביינע האָט זיך אהער אַרײַנגעשטעלט דער הויז־קאַפּעלאַן פון דער שלאָס־קירך. יויעל איז גאָרניט געווען צופרידן פון אָט דעם זײַטיקן און איבעריקן מענטשן. ער באַמיט זיך נאָך אַלץ, עפּשער וועט ער זיך עפּעס דערשלאָגן בא דער קראַנקער, נאָר אירע פאַרגלײַזטע בליקן זײַנען שוין אינגאַנצן געוווּנדט אַף אָט דעם מענטשן אין דער שוואַרצער סוטאַנע. הויך און דאַר ווי אַ שפּענדל, האָט ער פולגעמאַכט דעם קיידער מיט ווײַרעך און מיט אַ רייעך פון מויזנקויט, גלייך ווי ער וואָלט זיך נאַרוואָס אַרויסגעכאַפּט פון אַ פאַרדעמפּטער צעל, און ער טראָגט נאָך מיט זיך די שטיקנדיקע לופט, פון וועלכער די פייגל וואָלטן אַנטלאָפן.

וועטוריע קושט אים די האַנט, מיט דער צווייטער בענטשט ער דאָס קעפּל פונעם קליינעם בערטראַן, וואָס האָט זיך פאַר אים אַראָפּגעלאָזט אַף די קני. ווען ער איז דערמיט פאַרטיק גע־וואָרן, האָט ער גענומען מיט דער קראַנקער טפילע טאָן צום הייליקן בענעדיקט.

די הערצאָגן האָט געהאַרכזאַם אים נאָכגעזאָגט וואָרט בא וואָרט, די שווערע טפילע אַף אַלט־לאַטײַן, ווו ס'ווערט געבעטן, אַז דער הייליקער זאָל זײַן דער באַשיצער קעגן סאַם, וואָס דרינגט אַרײַן אין אירע אייוורים, און ער זאָל זי באַהיטן און באַשירעמען פון אַלע אַנדערע כאַלאַעסן, וואָס באַפאַלן זי און דערלאָזן ניט, זי זאָל זײַן אַ מאַמע פאַר די קינדער און אַ ווײַב פאַר איר ליבן מאַן.

יויעל האָט זיך דערנאָך דערפרעגט: פאַרוואָס עפּעס דער הייליקער בענעדיקט? ער האָט אין סאַלערנאָ בא די קלעריקער פון דער מעדיצין־שול געהערט וועגן אַ סאַך הייליקע, וואָס באַדאַרפן העלפן צו קאָלערליי מינים קרענק, נאָר וועגן אַזאַ נאָמען האָט ער קיינמאָל ניט געהערט.

— ווײַל דער הייליקער בענעדיקט איז דער מעמונע איבער גיפט־קראַנקײַטן, — האָט דער קאַפּעלאַן אַליין אים אָפּגעענטפערט, און מיט אַ זעלבסטזיכערן טאָן, ווי אַ גרויסער ווײַ־סער אין די איניאָנים, האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין, — אָט אַזוי ווי דער הייליקער דאַ־מיאַן איז דער באַשיצער פון די עסקולאַפּן, און דער הייליקער מאַרטין קעגן שיקרעס, און די הייליקע לוטשיע קעגן אויגנוויייטעק, און די הייליקע מאַרגאַריטע העלפט די, וואָס זײַנען אַף דער צייט...

— יאָ, אָבער, — איז אים יויעל אַרײַן אין די רייד, וואָס האָבן זיך בא אים געשאָטן ווי בייס אַ טפילע, — פאַרוואָס עפּעס זײַט איר מיספּאַלעל וועגן גיפט? — האָט ער מיט כשאַד אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָ האָט ער פאַר זיך נאָך אַ רופע־כוילים, אַ נײַעם צוהעלפער.

— ווײַל זי פאַרגיפטעט זיך אַליין דעם גוף, מיט אָט די אַרסעניק־גראָזן.

דאָ איז שוין פון אים יויעל ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט דערזען אין אים איינעם פון די גײַסטלעכע, וואָס זײַנען זייער באַגלויבט באַם האַמוין, וועלכן זיי באַדינען איינצײַטיק אַלס גאַלאָכים און מיט הייל־מיטלען. אָן דעם מינדסטן פאַרשטיין און וויסן אין מעדיצין מאַכן זיי פון קאָלערליי פלאַנצן הייל־געטראַנקען, שמירעכצן, פּלאַסטערן, און זיי האָבן קיין מוירע ניט צו עפענען אַ בלאָטער, אַרײַנקריכן אין אַ יאַטרעדיקער ווונד, אָדער לאָזן אָפּצ׳ען פון אַ קראַנקן דאָס שלעכטע בלוט. צווישן די מעדיקער אין אַ סאַך לענדער גייט אַרום אַ געשיכטע וועגן איינעם אַ קלעריקער, וואָס האָט כ׳טאַמאָל פאַרלאָזט זײַן מעלאָכע צו מאָלן די הייליקע בילדער און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט דער הייל־קונסט. ער האָט געטײַנעט: — אַז איך מאַך אַ פעלער אויפן הייליקן בילד, זעט עס די גאַנצע וועלט, אָבער באַם היילן אַ קראַנקן, אַז איך מאַך אַ פעלער, דעקט עס צו די ערד און קיינער ווייסט דערפון ניט.

יויעל האָט דעם קאַפּעלאַן אַרײַנגענומען צו זיך אין כיידער און גענומען זיך דערפרעגן באַ אים: וואָס ווייסט ער וועגן די גיפטיקע גראָזן, מיט וועלכע ס׳באַנוצט זיך די הערצאָגן? ווער באַזאָרגט זי מיט אָט דעם סאַם? ווו וואַקסן זיי, די גראָזן? דער קאַפּעלאַן האָט פאַרוואָרפן מיט הענט און מיט פיס, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט ניט. ער פאַרנעמט זיך ניט מיט די זאַכן.

אָבער ער קען דאָך וויסן, איז יויעל צו אים צוגעשטאַנען. ער איז דאָך איר גײַסטלעכער. ער קען זי צווינגען זיך מיסוואַדע זײַן.

— די ווידע איז נאָר פאַר גאָט. און ער, דער קאַפּעלאַן, וועט זי פאַר קיין מענטשן ניט אַרויסברענגען. אויסער דעם, — האָט ער זיך פאַרענטפערט, — איז זי קימאַט שטענדיק אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מע קאָן זיך ניט פאַרלאָזן אויף אירע רייד.

— ניט שטענדיק, — איז יויעל אײַנגעשפּאַרט. ער ווייסט דאָך גוט, אַז ס׳זײַנען פאַראַן שאָען, ווען זי איז לאַכלוטן ניכטער. ער קומט דאָך אַלע טאָג צו איר, ווייסט ער, ווען מע קען מיט איר ריידן ווי מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנדיקן מענטשן. וויפל מאָל האָט ער שוין אַליין גע־האַט מיט איר אַזעלכע געשפּרעכן? נאָר אים וועט זי ניט זאָגן דאָס, אין וואָס זי וואַלט געקאָנט זיך מוידע זײַן פאַר איר גײַסטלעכן. ער איז דאָך איר פּאַסטעך, דער נעשאָמע־פאַרזאָרגער, דער הויף־פּריידיקער באַ זיי, האָט אים יויעל אַלץ אײַנגערעדט. נאָר דער קאַפּעלאַן האַלט זיך באַ זײַנעם. ער וועט זיך אין די זאַכן ניט אַרײַנמישן. זײַן זאַך איז טפילע טאָן פאַר גאָט, בעטן פאַר איר געזונט.

דאָ האָט שוין יויעל גענומען דראָען מיטן הערצאָג. ער וועט אים מוזן געבן צו וויסן וועגן דעם דאָזיקן געשפּרעך מיט זײַן הויף־גאַלעך, וואָס וויל מיט גאָרניט צוהעלפן אַרויסרײַסן דעם כוילע פון אָט דער שוידערלעכער קרענק. דער קאַפּעלאַן פאַרשטייט דאָך אַליין, דאָס איז אַזאַ כאַלאַעס... ווען זי זאָל האָבן עפּעס אַ שטענדיקן מום, וואָלט אַ סאַך ערגער געווען אָבער דאָ... מע דאַרף נאָר געפינען דעם מאָקער, פונוואַנען ס׳קומט צו איר... און טאַקע דעם גיפט אַליין, מיט וועלכן זי טוט זיך אָן אומגליקן.

דער קאַפּעלאַן האָט אײַנגעשפּאַרט געשוויגן, און אַזוי זײַנען זיי זיך צעגאַנגען דאָס ערשטע מאָל מיט גאָרניט.

ווען יויעל האָט דערנאָכדעם אַרויסגעזאָגט דעם כשאַד, אַז מעגלעך דער קאַפּעלאַן באַזאָרגט די קראַנקע מיט אָט די פאַרניכטנדיקע הייל־מיטלען, ער גייט אַלע טאָג צו איר, דאַרף מען גוט אַכטונג געבן, וואָס טוט זיך מיטן כוילע נאָך זײַן באַזוך, האָט וועטוריע אויפ־געציטערט. זי איז בלייך געוואָרן, די מויל־ווינקלען האָבן זיך פאַרקרימט און זי האָט מיטאַ־מאָל אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין. יויעל האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס האָט זי אַזוי דער־שיטערט? גאַנץ אומדערוואַרט האָט זי זיך אַרופגעוואָרפן אויף אים מיט אָן אַ שיר טײַנעס און פאַרוואָרפן.

— קיינער האָט זי נאָך אויפן לעבן אַזוי שטאַרק ניט באַליידיקט. זי איז נאָך קיינמאָל ניט אַזוי אומפאַרשעמט אויסגעפּאַטשט געוואָרן, ווי אין אָט דער מינוט. פון קינדווײַז אָן קען זי אָט דעם הייליקן מאַן. ער האָט איר די ערשטע בוכשטאַבן באַוויזן, ווען זי איז נאָך קיין דרײַ יאָר ניט אַלט געווען, ער האָט מיט איר געכאַזערט די טפילעס אויף אויסווייניק. ער איז דאָ באַ זיי אין דער מישפּאָכע ווי אַן אייגענער... און ביכלאַל וויאַזוי קאָן מען אויסטראַכטן אויף אַ גײַסטלעכן אַזאַ אומדערהערט־שוידערלעכע באַשולדיקונג?

נאָך אָט דעם פאַל איז יויעל מיטן קאַפּעלאַן שוין געווען פאַרזיכטיקער. ער האָט מיט אים געפירט געשפּרעכן, נאָר אַלץ זײַטיקע, וואָס האָבן ניט קיין שײַכעס צו דער קראַנקײַט פון דער הערצאָגן. זיי האָבן דיספּוטירט וועגן דער הייליקער שריפט, וועגן דער קריסט־לעכער דרײַ־איינעקײַט, און אַמאָל בעסאָד־סוידעס האָבן זיי אויך אַרומגערעדט די שלאָס־באַלעבאַטים, זייער מישפּאָכע־לעבן. דער קאַפּעלאַן האָט אַלץ אָנגעדײַטעט אויפן הערצאָגס שלעכטער אויפירונג.

— אַז ס׳איז אַ דאָר תהפוחות[1], — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר יויעלן. — אָן מוירע פאַר גאָט, אָן גוטע זיטן. אַלץ איז העפקער. דאָס האָט דער הערצאָגן געבראַכט צו אָט דער מיִעסקײַט פון זיך אַרײַנלאָזן אין די פאַרטויבונגס־מיטלען, אַבי זיך צו פאַרגעסן.

אַנומלטן איז ער געקומען און האָט דערציילט יויעלן, אַז אייערנעכטן איז דאָ געווען אין שלאָס די מאַכשייפע, וואָס קען אָנרופן באַם נאָמען יעדעס גרעזל, יעדעס בלימל, יעדן פלאַנץ. מע האָט עס אים ערשט הײַנט צוויסן געגעבן. זי איז געווען באַ דער הערצאָגן און איז באַלד אַנטרונען געוואָרן.

פון דעמלט אָן האָט יויעל גענומען אַרומזוכן אָט די קישעפמאַכערן. אין שלאָס באַווײַזט זי זיך מער ניט. האָט ער אַרומגענישטערט אין די אַרומיקע יִשוווים, זיך דערפרעגט באַ מענטשן. דאָס האָט אים געבראַכט צום ייִדן דעם אַפטייקער, פונעם שטעטל מאַן־זשעסיו, און צו אַנדערע, וואָס האָבן זי געזען. לאַנד־אַרבעטער האָבן אים דערציילט וועגן די גראָזן, וואָס זי האָט געזוכט אַף זייערע פעלדער. ער האָט זיך דערוווּסט באַ זיי וועגן די אַלע מינים סאַמגעוויקסן און זייער ווירקונג, וועלכע מע קאָן דאָ געפינען אין דער סוויווע. דעם שטאַרק גיפטיקן אַקאָנים־וואָרצל, אַז מע פאַרקאָכט אים און מע טרינקט דאָס וואַסער, קאָן עס פאַרטשאַדען דעם מויעך און פאַרשלעפערן. מע קאָן דאָ זעלטן ווו אויך געפינען וועלפישע בערעלעך, און אַזאַ גיפט־קרויט, וואָס ברענגט דעם מענטשן צו אַ מין זינלאָזן דרימל־צושטאַנד. ס׳איז דאָ פאַראַן נאָך אַנדערע שעדלעכע קרײַטעכצער. ס׳וואַרפט זיך אַמאָל דורך דאָס באַרבאַריס־בלימל מיט די קליינע זויערע בערעלעך. אין אַ דאָרף האָט מען אים געוויזן אַ בינטל ציקוטע־בלעטער, וועלכע ער האָט אָפגעקויפט און מיט זיך מיטגענומען.

אָט די אַלע גראָזן האָט ער דאָ אַרומגעזוכט אין דער נאָענט פון שלאָס מיט וועטוריען, און אַמאָל מיט סקאָטן, נאָר ער האָט דאָ קיינמאָל גאָרנישט ניט געפונען. ער האָט אַפילע טאַנכומען גענומען צוהילף, נאָר טאַנכום האָט זיך אויסגעטויגט אַף גאָר עפּעס אַנדערש. ער איז שוין פאַרקניפט און פאַרבונדן מיט די אַלע שענערע פרויען, וואָס באַדינען און האָבן פריִער באַדינט די קראַנקע הערצאָגן.

יויעל האָט באַגיטיקט דאָס גיין זײַנס אַלע טאָג אַהין אין שלאָס. ער איז אַפילע גרייט אונטערהאַלטן די ליבע־פאַרפירעניש מיט איינער פון די מוידן, וועגן וואָס מע רעדט שוין דאָרט גאַנץ אָפן. ס׳איז אַפילע דערגאַנגען צו וועטוריען און זי האָט עס אונטערגעטראָגן יויעלן, איז ער אָפגעקומען מיט אַ לײַכט שמייכלדיקן זאָג, — אַלץ קומט פון דער פרוי, און האָט מיקויִעך דעם מער ניט געוואָלט ריידן. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל קימאַט, אַז ער מאַכט ניט קיין וועזן פון טאַנכומס שמאַד־שטיק. ער האָט געגלייבט, אַז ס׳וועט קומען דאָס געווונטשענע און צוליב פיקואַד־נעפעש, מעג מען אַמאָל פאַרמאַכן די אויגן אַף אַ זינד פון בין איש לאישה[2]. ביפראַט נאָך, אַז באַ טאַנכומען איז דאָס גאָר קיין נײַס ניט. ס׳איז אַ ווונדער, וואָס ער האָט ביז איצט זיך ניט געלאָזט דערקענען, און ניט אַרויסגעוויזן, ווער ער איז. עמעס, יויעל האָט אים געוואָרנט און אָנגעשראָקן, אַז דאָ וועט ער אים שוין ניט קענען מויכל זײַן, אַפילע ווען ער וועט וועלן. דאָ זײַנען זיי ניט באַ זיך אין דער היים און ניט אין וועג, וואָס הײַנט איז מען דאָ, אָן מאָרגן רוף מיך קנאַקניסל.

דאָס געווונטשענע איז געקומען. טאַנכום איז אין אַ פרימאָרגן געקומען צו לויפן אַ רויט־פאַרשוויצטער, מיט אַ קורצן אָטעם, און מיט אַ ניצאָכן־פײַערל אין די אויפגעלויכטענע אויגן. ער האָט געבראַכט אין אַ פאַרמעט־בײַטעלע אַ ביסל געמעלעכץ, לויטן אויסזען בלאָסגעלבלעך, אַף די פינגער פרוכנע ווי מויהעל־מעל, און אָפן שפיץ צונג זיסלעך־ביטער. ס׳איז נאָך געווען פאַרן אינדערפרי־מאָלצײַט, יויעל האָט עס באַהאַלטן טיף אין טאַש, און איז דערמיט אַוועק צום פרישטיק.

אינעם גרויסן עס־זאַל, ניט געקוקט אַף דעם העל שײַנענדיקן דרויסן, איז נאָך געווען נאַכט. ס׳האָבן נאָך געברענט די סמאָלע־פאַקעלן אַף די ווענט, און דער גרויסער טעלערלאָמפ, וואָס איז אַראָפגעהאַנגען, האָט באַלויכטן די מיט פונעם טיש מיט זיך וויגנדיקע פלעמעלעך פון די קנויטן, וואָס האָבן זיך געטונקען אין בוימל. די שפיל פון ליכט און שאָטן האָט דערלאַנגט צו די ווינקלען, ווו מענטשן האָבן זיך געשטופט צום האַנטפאַס אַף צו וואַשן די הענט. דער לאַנגער טיש איז שוין געווען געדעקט. אָנגעשניטן ברויט אַף הילצערנע טעלער, ליידיקע קופלען באַ טונען ווײַנען. עמעצער האָט אַראָפגענומען פונדרויסן די אײַזן־שווערע פאַרוקערס און צעעפנט די צוויי גרויסע לאָדנס. אַ סימען, אַז דער הערצאָג קומט שוין. פון די צוויי פענצטער, דורכן דורכגעבוימלטן פאַרמעט אין די הילצערנע ברייטע ראַמען, האָט

[1] טאָהאָפוכויס — אַ פאַרדאָרבענער דאָר.

[2] ביין איש לעִישאָ — צווישן מאַן און פרוי.

זיך דורכגעשלאָגן די זונשײַן. נאָכן אויסלעשן דאָס פֿײַער איז נאָך אין צימער סײַווי געווען דעמערלעך, ווי צווישן טאָג און נאכט. דאָס שטערט ניט יעדן איינעם צו געפֿינען זײַן פּלאַץ באַם טיש, דאָרט בלײַבן שטיין, און וואַרטן ביז דער הערצאָג וועט זיך דער ערשטער אוועקזעצן באַם אויבנאָן.

יויעלס באַשטענדיק אָרט איז לעבן וועטוריען, וועלכע זיצט די ערשטע באַ דער רעכטער זײַט, באַלד נאָכן פֿאָטער. דער פּאַזש, וועלכער באַדינט דעם הערצאָג, באַדינט אויך וועטוריען, האַגאַם ס'שטייט הינטער די פּלייצעס איר מיידל, וואָס וואַרט אויף דער מעגלעכקײַט אויסצופֿילן יעדן פֿאַרלאַנג אירן.

די פּאַזשן און מיידלעך האַלטן אין איין אונטערטראָגן די שאַרף געווירצטע מײַכאָלים, אָנגעפּרעגלטע פֿליישן און פֿישן, גרינסן פֿאַרשאָטענע מיט געהאַקטע אייער און באַגאָסענע מיט מילך, פֿאַרבאַקטע מיט כאַזערפֿלייש־קוכנס, וואָס שווימען אין פֿעטס. די פֿעט־שאַרפֿע עסנס דערוועקן אַ דאָרשט, פֿאַרגיסט מען די היפּשע ביסנס מיט היימישן ווײַן, און מע שטאָפּט ווידער אָן די מײַלער.

יויעלן באַדינט טאַנכום. ער גרייט און קאָכט פֿאַר אים די אַלע מײַכאָלים, וועלכע ער מוז איצט אַליין אונטערטראָגן, און נאָך באַם טיש צודינען. דאָס עסן זײַנס איז ריין פֿון טאַרפֿעס. פֿאַרזוכט אַמאָל פֿון זײַנע געריכטן וועטוריע, און אַפֿילו דער הערצאָג איז אָפּט עפּעס טועם פֿון טאַנכומס מאַאַדאַנים[1], לויבט ער אים ביזן הימל, ער וואָלט אים געמאַכט פֿאַרן הויפּט־קוכער באַ זיך אין שלאָס. צעלאַכט זיך דער נויסע־קיילים, ס'הייסט דער געווער־טרעגער, וואָס זיצט באַ דער זײַט לעבן הערצאָג פֿון לינקס.

— ער וואָלט אײַך גיך נימעס געוואָרן, דער ייִדן־טשאָלנט.

יויעל האָט אים דאָס מאָל אָפּגעשוויגן. ער האָט שוין מיט אים געהאַט ניט איין מאָל אַ צוזאַמענשטויס. דאָס איז אַ יונג אַ גוואַר, מיט ברייטע טריט און מיט אַ מעכטיק געשטעל. די הענט זײַנען באַ אים שטענדיק אין באַוועגונג בייסן גיין, און דער קאָפּ שטאָלץ אויף די גראַמע אַקסל, נאָר אַ פּאָנעם האָט ער פֿון אַ גריכישן פּראַגנאַט. דאָס מויל און די קינבאַקן זײַנען אַרויסגערוקט אויף פֿאָרויס, די געזיכט־ביינער זיינען באַ אים אַנטוויקלטער ווי דער שאַרבן. די אָנפֿאַרביק ווײַסלעכע אויגן אונטערן נידעריקן שטערן זאָגן איידעס וועגן אַ מין אונטערטעניקײַט. מע זעט אין אים די קנעכטישע נאַטור. ער איז נאָך דערווײַל מער ניט, ווי דער געווער־טרעגער באַם הערצאָג, ער גרייט זיך ערשט צו דער ווידמונג, אויף צו ווערן אַ פֿולקומער ריטער, נאָר ס'שפּאַרט שוין פֿון אים מיט די ריטערלעכע האַנהאָגעס און זיטן. וועטוריען איז ער איבערגעגעבן ביז צו מעשוגאַעס. זי רופֿט אים מײַן צערבער. ער היט איר די טריט, ווי דער דרײַקעפּיקער הונט לויטן גריכישן מיטוס מיטן נאָמען צערבער היט דעם אַרײַנגאַנג אין גענעם.

ס'זיצן דאָ באַם טיש נאָך געווער־טרעגער מיט זייערע סעניאָרן די ריטער. ס'זיצן דאָ אויך די דאַמען פֿונעם שלאָס. הינטער זיי שטייען די באַדינער מיט לײַנטוכן אויף אָפּווישן דאָס עסן פֿון פּאָנעם, די פֿעטע הענט, נאָר מע האָט קיין צײַט ניט אויסצוקערעווען דעם קאָפּ. מיט די פֿינגער פֿון די הענט, מיט וועלכע מע עסט, טוט מען אַ וויש אָפּ די לעפֿצן, די מויל־ווינקלען, און די גלאַנציקע הענט רײַבט מען אָפּגיך אָפּ אין די קאַנטן פֿונעם טישטעך.

אַ גראָב־בײַכיקער סעניאָר נעמט שנײַדן אַ לאַבן ברויט, וואָס ער האַלט צוגעדריקט צו דער ברוסט. דער שאָכן זײַנער צעלאָזט דעם גאַרטל אויפֿן בויך, ער זאָל קאָנען פֿרײַער אָפּעטעמען און ווי ס'באַדאַרף צו זײַן אָפּגרעפּצן. די דאַמע, וואָס קעגן אים, האָט נאָרוואָס מיט קליינע זופּן אויסגעטרונקען דעם בעכער ווײַן, איצט לעקט זי אַרום מיטן צונג די ליפּן אירע און קוקט מיט שמאַלציקע אויגן אויף איר ריטער, וואָס קריכט מיט אַלע פֿינף פֿינגער אין דער שיסל מיט גרינס. עמעצער האָט נאָרוואָס אַרײַנגעוואָרפֿן אַהער אַן אָפּגעהריזעטן ביין, נעמט ער אים אַרויס אויף צו באַלעקן.

יויעל האָט איצט קיין געדולד ניט געהאַט אויסזיצן ווי שטענדיק ביזן סאָף פֿון דעם אַרוכאַס האַבויקער. דאָס עסן בעמעסיבע נעמט דאָ צו באַ אים דעם גרעסטן טייל טאָג. ווען ער האָט די ערשטע צײַט זיך געפּרוווט אָפּזונדערן, עפּעס איבערכאַפּן בעיעכידעס באַ זיך אין צימער, האָט מען אים גלײַך אָנגעהויבן באַריידן. דער הערצאָג אַליין האָט אים פֿירגעוואָרפֿן:

— באַ מיר אין שלאָס עסן אַלע באַ איין טיש. אַלע זײַנען באַ מיר גלײַך כאָשעווו. ווער ס'טרעט נאָר אַריבער דעם טויער פֿון מײַן פֿעסטונג אַלס מײַן גאַסט, איז ער שוין דערמיט אַליין געגליכן צום העכסטן אַדלמאַן.

---

[1] איידעלע עסנס.

פונעם הערצאָגס זאָג האָט יויעל זיך געפילט געטראָפן, נאָר ס׳האָט קיין זין ניט געהאַט צו פאַרפירן איצט א רייד וועגן דעם. ער האָט נאָר געפרוווט אָנדײַטן אף דער באַזונדערקײַט פון זײַנע מינים עסנס, ער איז ניט בלויז א מעדיקער — א מומכע אף ד׳עטיק, ער איז נאָך דערצו א ייִד.

— מײַנע שפּײַזקאמערן זײַנען פאר אײַך שטענדיק אָפן, — האָט אים דער הערצאָג ברייטהארציק פאַרגעלייגט.

— איר ווילט זאָגן פאר מײַן באַדינער, הער סעניאָר! — האָט יויעל מיט נאָכגיביקן שמייכל געוואָלט א סאָף מאכן צו אָט דעם פּכיסאס־האקאָוועדיקן געשפּרעך.

מיט דעם זעלבן שמייכל האָט ער זיך איצט אנטשולדיקט פאר וועטוריען, פארן הערצאָג, פאר אנדערע נאָענט־זיצנדיקע הויכגעשטעלטע געסט, וואָס ער מוז זיי הײַנט פארלאָזן א סאך פריִער ווי ער וואָלט וועלן.

אין כיידער בא זיך, אפן דריטן שטאָק, האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּהאלטן פון נאָכאמאָל באטראכטן די מעציִע, וואָס טאנכום האָט אים געבראכט. ניט אזוי גיך האָט ער צוגעלאָזט דעם געדאנק, אז ער האָט דאָ אן אומגעבעטענעם שוטעף צום פּראָצעס פון היילן די קראנקע הערצאָגן, און אז דער דאָזיקער שוטעף איז א ניסטער, קימאט א רואה ואינו נראה[1], וואָס וועט זיך אזוי גרינג ניט לאָזן, מע זאָל אים מעגאלע זײַן. דערנאָך, אז עס איז שוין געקומען דערצו, איז וויפל האָט ער געפּאטערט צײַט אף ארומזוכן די מאכשייפע? געפינען די ארומלויפער אירע, וואָס טראָגן אונטער דער הערצאָגן אָט דעם סאם־האמאָוועס?

אין די שאָען, ווען בא דער קראנקער איז געווען א דורכלויכט אף צו באַזיניקן, וואָס מע רעדט צו איר, האָט איר יויעל געזאָגט:

— מיר זײַנען דאָ מיט אײַך אינדרײַען. איך, איר און די קרענק אײַערע, וועט איר זײַן אף מײַן זײַט, וועלן מיר זי בײדע בײַקומען, אײַער קרענק. ווען ניט, וועט מיר אליין שווער זײַן אײַך בײדע — אײַך און די שלאפקײַט אײַערע — צו באַזיגן. — האָט זי זיך צעלאכט ווי אין א קאדאָכעס־טראנס, מיט אָט דעם היסטעריש קרענקלעכן געלעכטער פון א כוילע־נעפעש[2].

אן אנדערשמאָל, אין א גוטער מינוט אפילע, איז אין איר ארײַן דער רועך־שטוס: זי איז אָנגעפאלן אף וועטוריען, ס׳האָט פון איר געשפּארט מיט סינע און עקל צו דער איין־איינציקער טאָכטער. ביפראט נאָך, ווען יענע האָט זי גענומען ארומזוכן: עפשער וועט זי פּאָרט עפּעס געפינען פונעם פארדארבלעכן, וואָס זי נעמט אײַן אלע טאָג און וואָס זי באהאלט אזוי קונציק אויס, אז קיינער קאָן זיך ניט דערקלײַבן צו דעם. זי איז אינגאנצן דול געוואָרן, ווען וועטוריע האָט גענומען איבערוואַרפן איר געלעגער. ווי א מעשוגענע האָט זי זיך געוואָרפן אף דער טאָכטער מיט די פויסטן, זי גענומען שילטן און שרײַען מיט קוילע־קוילעס, גלײַך ווי מע וואָלט זי דאָ געוואָלט קוילען.

איצט איז אָט דער גיפט־פולווער בא יויעלן אין די הענט. ער האָט עטוואָס אראָפּגעשאָטן אף א ברעטעלע, און דאָס צווייטע מאָל שוין האָט ער גענומען א לעק אפן שפּיץ צונג. דאָס שפּיל־פויגעלע אינעם שטײַגל האָט דערפון איין פּיק געטאָן און ס׳האָט אים א בליץ געטאָן א געדאנק: ער האָט דערנענטערט דאָס ברעטעלע צום שוועלבעלעס שנאָבל, צוויי פּיק, און יויעל האָט עס אוועקגעכאפּט, איצט באטראכט ער דאָס פייגעלע... ווי ס׳וואָלט צוגעשלאָגן געוואָרן. ס׳האָבן זיך דעם אונטערגעהאקט די פיסלעך, און ס׳איז געבליבן זיצן אפן גאנצן קערפּער מיט א פארוואָרפן קעפּל. אין א פּאָר מינוט ארום האָבן זיך צעשפּרייט די פליגעלעך. דאָס שוועלבעלע שטייט שוין אף די פיס, און מיט א צוויטשערן רײַסט עס זיך פון דער שטײַג, די פליגל קלאפּן זיך אָן אין די ווענטלעך, און דאָס צימער האָט נאָך אזא הילכיק טרעלן ניט געהערט. אָט באלד וועט צעטראָגן ווערן דאָס שטײַגל. יויעל האָט געעפנט דאָס טירל, און דאָס שפּילפויגעלע איז מיט א שמוצערן ארויס גלײַך צום אָפענעם פענצטער, פון דאָרט אונטערן פרײַען הימל, העט־העט אין דער הייך, ביז צום אינגאנצן פארשווינדן ווערן פונעם אויג.

דער כיידער איז ווי עפּעס פוסטער געוואָרן. ווען ער האָט דאָ איצט סקאָטן, צי אפילע וועטוריען, וואָלט ער מיט זיי פארפירט א געשפּרעך וועגן רעפועס־האגוף און רעפואס־האנעפעש. דאָס לעבן איז צו קורץ פאר א רויפע־כוילים, אויב אפילע נאָר אף צו באהערשן דאָס גענויע וויסן וועגן מענטשלעכן קערפּער. הײַנט ווו איז דער קאָפּ? דער מויעך? דער געמיט־צושטאנד? ער ווייסט, ווי׳אזוי צו דערווײַטערן די פּסוילעס פונעם מאָגן. ער קען אויך אָפּטרײַבן דאָס שלעכטע בלוט פון די דאם־געפעסן. מע האָט זיך אויסגעלערנט פארציִען א ווונד, אפילע ווען מע דארף זי נאָך אָפּרייניקן פונעם אייטער. מע קאָן סאָפּקאָלסאָף אראָפּ־

---

[1] א רויע ווערנע נירע — אזא, וואָס זעט, נאָר אים זעט מען ניט; [2] א פּסיכיש־קראנקע.

געמען א קרעציקן אויסשלאָג אף דער הויט... און אַט איז ער שוין דאָ אַזויפיל צײַט, און ער קאָן מיט גאָרנישט ניט העלפן דער הערצאָגן. ער ווייסט נאָך אפילו ניט רעכט די סיבע פון איר כאַלאַעס, און אויב אַט דאָס, וואָס ער האַלט איצט אַף דער האַנט, איז טאַקע דער מאָקער פון איר שוועכן צושטאַנד, דאַרף ער עס אויספּרוּוון, ער מוז אַליין. דערפילן, וואָס פאַר א פּולע ס'האָט אַפן אינגעווייד? ווי ס'ווירקט אַפן קאָפּ? ערגער ווי ס'איז מיט איר, וועט אים ניט ווערן. עמעס, ער ווייסט, וואָס עס איז געשען אין דער אַנטיקער וועלט, באַ די גריכישע הערשער. א רויפע, וואָס איז אַליין קראַנק געוואָרן, האָט מען זיך גלײַך אָפּגעזאָגט פון אים. גראָד דאָס לעצטע, שרעקט אים ווייניקער פון אַלץ. אַט די געפאַר דראָט אים דאָ ניט. ער קען נאָר האָבן אומאַנגענעמלעכקײַטן מיט וועטוריען, דאַרף ער עס אָפּטאָן נאָך איידער זי וועט אַרײַנקומען. ער וואָלט ניט וועלן, אַז אפילו טאַנכום זאָל זיך אונטערכאַפּן.

באַם אַראָפּשלינגען די גאַנצע דאָזע, וואָס איז געווען באַ אים, איז צווישן די ציין געבליבן א מין אײַליקײַט, ווי פון ניט רײַפע פּרוכטן. אַף די יאַסלעס — אָן עסעריק־ביטערער בײַטאַם מיט א רייעך פון רעוווען־גראַזן. ס'האָט ניט געדויערט קיין סאַך, און ער איז באַרוישט געוואָרן מיט עפּעס א שווערקײַט אין קאָפּ. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער א צעכושטער פון ווינקל צו ווינקל. איצט וואָלט ער דאַפּקע א באַלן געוווּן, עמעצער זאָל אַרײַנקומען. אים דוכט, אַז די צונג ווערט אָנגעשוואָלן באַ אים אין מויל, זי איז ווי גרעסער געוואָרן. ער פּרוּווט עפּעס זאָגן, קאָן ער ניט אונטערשיידן, צי די צונג־זילבן קומען באַ אים אַרויס גענוג דײַטלעך. עפּעס פאַרהאַקט זיך דאָרט. שיט ער מיט ווערטער, ווו ס'זײַנען פאַראַן גענוג צונג־און גומען־אויסיעס, און ס'דוכט זיך אים, אַז די געדאַנקען זײַנען אים צעמישט געוואָרן. עפּעס רעדט ער ניט צו דער זאַך. באַפאַלט אים א מאָרעשכוירע, און ער ווערט אַנשוויגן. ווײַזט זיך אים אויס, אַז ער פאַלט אַרײַן אין א זינלאָזן דרעמל־צושטאַנד. ס'באַהערשט אים א מין קרענקלעכע שלעפעריקײַט, און דער מויעך הערט באַ אים אוף צו אַרבעטן.

פונדעסטוועגן דענקט ער נאָך. ער טראַכט, אַז ער דאַרף זיך מיט גוואַלד אַרויסרײַסן פון אַט דעם ווילנלאָזן צושטאַנד. אינדרויסן אַף דער לופט, צווישן מענטשן, וועט עפּשער אַזוי ניט דריקן אַף אים דער קאָפּשווינדל. נאָר ס'פּלאָנטערן זיך אים אָפּאַנעם אויך די פיס. זיי זײַנען עפּעס צו לײַכט געוואָרן פאַר די שווערע שטיינערנע טרעפּ. דאָס אַראָפּשטייגן פון יעדן טרעפּל באַזונדער ווײַזט זיך אים אויס ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אין א טהאָם.

ער איז שוין אַפן ערשטן שטאָק. אַט איז די אַרויסגאַנגס־טיר. מיט א גענדריקט דערשלאָגן געמיט, אין א צושטאַנד פון א פּולקומער אַדעמאַניע קוקט ער דאָ אַף די מענטשן. אַט איז דעם הערצאָגס וואַפנטרעגער מיט א פּריילעכער כעוואַריע. זיי קומען ערשט פונעם עס־זאַל, ווו זיי האָבן נאָרוואָס פאַרלאָזט דעם סודע־טיש.

— סעניאָר עסקולאַפּ, ווו זײַט איר פאַרשווונדן געוואָרן — שטעלט אָפּ יויעלן דער גוואַר, דער וואַפנטרעגער, און די איבעריקע, וואָס גרייטן זיך לוסטיק מאַכן, בלײַבן אויך שטיין דערבײַ. — איך האָב זיך אַזוי אָנגעגעסן, — מאַכט ער א פאַרקרימט ווייַנענדיק פּאָנעם, — אַז ס'גרימט מיר אין בויך, איך האָב שוין קיין קויעך ניט איבערטראָגן דאָס גרימעניש.

די לאַכערײַקע האָט יויעלן קימאַט ווי ניט געאַרט. ער האָט זיי איצט טיף אין דער אַדאָמע. ער שטייט שוין, דוכט זיך, זיכער אַף די פיס. אַט איז די טיר, צוויי־דריי שפּאַן און ער איז אין דרויסן. דער גוואַר אָבער שטייט ניט אָפּ פון אים. ס'געפעלט אים אַט די כויזעק־שפּיל. ער האַלט זיך באַם בויך און בעט זיך באַ יויעלן:

— ערן־וואָרט, ס'האָט מיך שוין פאַרמאַטערט אַט די שטעכעניש־ברעכעניש, איך וועל עס ניט איבערטראָגן אַזאַ בויך־גרימעניש.

— ס'איז דאָ אָן אייצע, — האָט יויעל מיט זײַן שטרענגן זאָג שטיל געמאַכט די כאַכעניש פון דער קנופּיע. — פּרוּוו צעקײַען די שטעכלקעס פון א דאָרן־בוים...

די אַרומיקע האָבן פונדאַסנײַ אויסגעפּלאַצט מיט א געלעכטער. דאָס כאָכמען זיך האָט שוין מער אָנגעווירט דעם גוואַר. ער איז איצט געבליבן דער אָפּגעכויזעקטער. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך געפּרוּווט מיט א לאַקריץ שמייכעלע אַפן פּאָנעם ראַטעווען די לאַגע.

— וואָס הייסט די שטעכלקעס פון א דאָרן? ווי קאָן מען דען?

— יאָ, מע קאָן. די שטעכלקעס פון א ווילדן דאָרן, צוזאַמען מיט א ביסל האָבער, — האַלט זיך יויעל באַ זײַנס.

— נאָך מיט האָבער? — האָט דער גוואַר קלוימערשט מיטגעשפּאַסט, און ניט געוווּסט, וויאַזויאַרום אַרויסקרַײכן פון אַט דער שפּאַס־שפּיל. שוין אָן א מינדסטן סימען פון נאָכקריר־מעניש האָט ער א טײַנע געהאַט, — וועגן דעם האָט איר צוערשט ניט געזאָגט, ניט דערמאָנט אפילו וועגן האָבער.

— איך האָב צוערשט ניט געוווּסט, אַז דער סעניאָר, דעם הערצאָגס געוועטערטרעגער, איז אַזאַ... אַזאַ אייזל.

דאָ האָט זיך יויעל אַ ביסל פאַרהיקעט און גערעדט ווי מיט אַ געשוואָלענער צונג. נאָר קיינער האָט ניט באַוויזן צו לייגן אַכט דערויף. זײַנע ווערטער זײַנען באַגלייט געוואָרן מיט הילכיקע שפּאַס־געלעכטערן.

דער גוואַר, אַ צונטער־רויטער, האָט פאַרלוירן אַרומגעטאַפּט דעם שווערד־גאַרטל, און מיטאַמאָל האָט אַ בלענד געטאָן די דין בויגעוודיקע שאַרף פון דער ראַפּירע, מיטן טעמפּן קײַלעכל אָפן שפּיץ. עמעצער האָט זי הינטנאַרום פאַרכאַפּט פאַרן קלינגל, האַגאַם ער האָט זי פעסט געהאַלטן.

— איך וועל זיך ניט לאָזן מאַכן צום נאַר, — האָט דער גוואַר געטומלט און זיך געריסן צו יויעלן, וועמען ס'האָבן אַרומגערינגלט די נאָך אַלץ כאַכענדיקע פריילעכע גאַלאַ־יונגען, צווישן וועלכע ס'זײַנען געווען פאַזשן, געווער־טרעגער און שוין אייניקע געזאַלבטע ריטער. זיי האָבן ערשט איצט פון דער נאָענט באַמערקט, אַז מיטן מעדיקער איז עפּעס ניט אַלץ קעשורע. ס'הערט זיך ניט, אַז ער זאָל זײַן אָנגעטרונקען, נאָר ער רעדט, ווי ס'וואָלט זיך אין אים שוין געבויטעט אַ פּאַס מיט ווײַן, און דעריקער ער רײַסט זיך מיט אַלע קויכעס צו דער געפאַר. עמעצן איז אײַנגעפאַלן, מע זאָל אים אויך געבן אַ ראַפּירע אין די הענט, און זאָל ער זיך אַליין פּרווון פאַרטיידיקן, אויב ס'ציט אים אַזוי שטאַרק צום געפעכט.

די ראַפּירעס האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל איבערגעקרייצט מיטן קלינגג־געקלאַנג פון דינעם אײַזן. נאָר ניט דאָס האָט אַזוי צוגעצויגן וועטוריען אַהער. ווען ניט די פערדישע געלעכטערס, ווען ניט די הירזשערײַ, וואָס האָט באַגלייט יעדן ניט געלונגענעם האַנט־באַוועג, דערהויפּט, פאַרשטייט זיך, פון יויעלן, וואָלט זי פאַרבײַגעגאַנגען.

ער האָט דערזען וועטוריען, ווען בײַ אים אין זײַן קעגנער איז אַרויסגעפאַלן די ראַפּירע פון דער האַנט. יויעלן האָט זיך אויסגעדוכט, צי ער האָט טאַקע דערהערט דעם הילכיקן געפּלעסק פון קאַפּלשמוינעדיקע פעטש אָפן גוואַרס ברייטן פּאָנעם. ער האָט נאָר באַוויזן צו זען, ווי יענער פאַרשטעלט זיך די באַקן מיט די הענט, און וועטוריע טוט זיך אַ דריי אויס צו אים און אומרויִק־דערשטוינטע און נעמט אים גלײַך באַשיטן מיט פראַגן. מע מוז איר, פאַרשטייט זיך, עפּעס ענטפערן. נאָר אַ סאַך אַנדערע ריידן דאָ שוין פאַר אים. שווײַגט ער אָפ דעם גאַנצן וועג, ביז זיי בלײַבן אַליין, באַ אים אין זײַן ביידער־מעיוכעד. אויך דאָ שמייכלט ער נאָך אַלץ צו איר מיט אָט־אָ יענעם געטרײַ נאַרישן שמייכל פון אַ שולדיקן, און אַז ער פּרוווט איר, ענדלעך, עפּעס זאָגן און ס'פאַרפּלאָנטערן זיך באַ אים די ווערטער אין מויל, ווערט זי נאָך צעטומלטער.

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס מיט דיר איז, — ציטערן באַ איר די ליפּן. — זאָג, וואָס איז געשען? גיב מיר צו פאַרשטיין, יוליאַן.

ער נעמט זי פאַר ביידע הענט. מיט איין האַנט וויל ער זי זאָל באַ אים אָנעמען דעם דויפּעק, און מיט דער צווייטער זאָל זי באַ אים אָנטאַפּן דאָס הוילע האַרץ זײַנס און הערן ווי ס'קלאַפּט אומרעגלמעסיק...

נאָך איידער זי פּרוווט עפּעס דערהערן, טוט ער זיך האַסטיק מיטאַמאָל אַ ריס פון אירע הענט, שלעפּט אַרויס פון דער מיט קעשענע דאָס קליינע פאַרמעט־זעקעלע, צעעפנט עס און וויל פון דאָרט אַרויסטרייסלען כאָטש עטלעכע שטויבעלעך אָף דער דלאָניע. נאָר ס'באַקומט זיך גאָרנישט ניט.

— אָט דאָ, — באַווײַזט ער אָפן זעקעלע, — איז געווען דײַן מוטערס פּאַנאַצייע, וואָס זי פּראָפּט אין זיך אַרײַן טאָג־טעגלעך, וועד ווייסט אין וועלכע דאָזעס. איך האָב נאָר פאַרזוכט דערפון און זעסט ווי איך פּיל מיך? אָט בין איך נאַרוואַס געווען אַ געפּעכט־מײַסטער, און איצט בין איך... איצט ביסטו דער ריטער מײַנער... דער ריטער און דער רעטער... די רעטערן מײַנע, שוין דאָס צווייטע מאָל, אַז דו נעמסט מיך אונטער דײַן שוץ... — וועטוריע ברעכט זיך די הענט און פּאַרוואַרפט אים מיט פראַגן. נאָר אירע רייד דערגייען צו אים ניט. ער וויל זי ניט הערן, ער וויל בעסער אַליין ריידן. זי וויל אים צומאַכן דאָס מויל מיט דער האַנט, און אַז ער לאָזט זיך ניט, קערעוועט זי אָן אומצופרידענע אָף דעם קאָפּ פון אים. בעט ער זיך באַ איר.

— ווײַז מיר ניט דײַן אומגענאָד, וועטוריע. איך בין אויך אַן אַדלמאַן... יאָ, יאָ, אַן אַדלמאַן... און ניט נאָר דערפאַר, וואָס איך בין דער גאַסט אײַנעם רײַכסטן שלאָס פון לאַנגע־דאָק. דײַן פאָטער, דער גוטהאַרציקער האַר ריימונד דער זעקסטער, האָט עס מיר אַנומלטן געגעבן אָנצוהערן. אים האָב איך עס פאַרשוויגן, און דיר וועל איך זאָגן, וועטוריע. איך

בין עפשער אַליין פון די גאָר־גאָר קליינע אצילים[1]. געגליכן מעגלעך צו אַן אָרעמען וואַנ־דערנדיקן ריטער, וואָס פאַרמאָגט גאָר זײַן אייגנס דאָס איינע רײַטפערד, דעם שוץ־פאַנצער אויפן לײַב און א שווערד אין דער שייד. אָבער מײַן שטאַם... אונדזער אַדל, וועטוריע, איז פון דער ערשטער פּראָבע. אונדזער גאָלדענע קייט פון אצילעס, מיט קיניגן און פירשטן, מיט קרוין־יאָרשים ביז צו די רײַכסטע מאַגנאַטן מיטן שענסטן און בעסטן רײַכטום אין דער וועלט. איין איבן־טיבן פאַרמאָגט מער אויצרעס, ווי דאָס גאַנצע אַדלטום פון פּראָוואַנס און לאַנגעדאָק. איך בין געווען בא אים אין שלאָס. איך האָב געזען דאָס פאַרמעגן זײַנס. עמעס. דער שלאָס איז אַן א פעסטונג, דער פּאַלאַץ זײַנער איז מער ניט ווי פון דער ערד ביזן סופיט. איינשטאָקיק און נידעריק. אויך אַן א ייכעס־הערב אויפן טויער, דערפאַר אָבער אין די שרענק. אין וויפל שרענק! און אויף די הילצערנע געשטעלן ענג צוזאַמענגעדריקט שטייען די פּעלענע טאָוולען, אין וועלכע ס'זײַנען פאַרבאָרגן די טײַערסטע איידלשטיינער. אזא צירונג, וואָס קיין שום קיניגלעכע קרוין איז נאָך דערמיט קיינמאָל ניט באַצירט געוואָרן.

וועטוריע האָט אים גלײַך ניט פאַרשטאַנען. זי האָט עס אויפגענומען ווי גלאַט א פּלאַפּלערײַ. ווען ער איז שוין באַלייגט געוואָרן, און זי איז געבליבן זיצן לעבן אים, האָט זי ערשט באַנו־מען, אַז ער רעדט וועגן ביכער־אויצרעס... וועגן די טײַערסטע פּערל אין אַלטרוימישע און גריכישע יעקאָר־האמציעסן, אין די אַראַבישע און יידישע קסאַוויאַדן, אַלץ וועגן אזא האָב און גוטס, וואָס דאָ אין שלאָס איז עס ניט בענימצע. מיטאַמאָל איז ער אַריבער צו מײַכאָלים גאָר. ער באַרעדט דעם פּרישטיק. דעם שטייגער עסן פון די באַזונדערע טיש־געסט. פּלוצעם צעלאַכט ער זיך. ער דערציילט איר וועגן געפּעכץ, און לאַכט אויס דעם קעגנער זײַנעם, וואָס האָט באַקומען פון איר די הילכיקע פּעטש.

צוליב וואָס דאַרף ער עס אַלץ איבערקײַען, טראַכט וועטוריע. אָט אַזוי איז מיט דער מוטער, ווען זי הייבט אָן פּלאַפּלען און שווער באַוועגן מיט דער צונג. האַגאַם ס'איז איר ניט לײַכט, קאָן זי אַזוי אָן אויפהער שטאַמלען ביזן אײַנזינקען אין א טיף פאַרמאַטערטן לאַנגן שלאָף.

יוליאַן וועט עפשער אויך באַלד אײַנשלאָפן. זי גלעט אים צאַרט די האָר פון קאָפּ, דעם גלאַט־הויכן שטערן, און לייגט שוין קיין אכט ניט אויף זײַנע פּלאָנטער־רייד. ער האָט איצט האַנאָע פון עפּעס אַן אייגענעם אײַנפאַל. ער וויל, אַז וועטוריע זאָל אים קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן און אים אויסהערן. ער רעדט מיט איר וועגן די דרײַ געפאַרן, וואָס לויערן אויפן רויפע א מאַנצבל, אויב מע געטרויט אים אַמאָל אויסהיילן א יונגע פרוי. ער דאַרף זיך היטן מיט זײַנע הייל־מיטלען, זי ניט ברענגען צו קיין אקאָרעס[2]. ער דאַרף אָבער אויך זײַן זאָהיר וועזאָהיר, ער זאָל זי ניט מאַכן פאַר אויס אקאָרע. ער זאָל ניט דאַרפן דערנאָך אַרויס־קוקן אויפן מאַפּעלע... און די דריטע — די דריטע געפאַר? שטייט ער צו צו וועטוריען, און שפּאַרט זיך אײַן, זי זאָל אים נאָר ענטפערן.

וועטוריע ווייסט ניט, וואָס צו זאָגן אים. איר דוכט זיך, אַז אָט דאָ, זיצנדיק לעבן אים, וועט זי באַלד אַליין אָנהייבן ריידן ווילדע נאַרישקײַטן. זי ווייסט שוין בכלל ניט, וואָס מע רעדט צו איר, און וואָס וויל ער פון איר האָבן?..

ס'זײַנען אַוועק א פּאָר טעג נאָך אָט דעם פאַל, און וועטוריע האָט אָנגעהויבן צו באַנע־מען, אַז יויעל האַלט פאַרבאַהאַלטן א פאַרדראָס אויפן פאָטער, צי עפשער אויך אויף איר א סאַך אַן ערנסטערן, ווי ער האָט אַרויסגעוויזן בייס ער איז געווען באַטויבט פון אָט דעם גיפט־פּולווער. עפשער דערפאַר, וואָס סקאָט איז די לעצטע פּאָר טעג מיט זיי, פּירט ער זיך מיט איר אויף א ביסל צוריקגעהאַלטן. דעם נעכטיקן טאָג איז ער צוגעשטאַנען צו איר, זי זאָל אים נאָר אומקערן דאָס רעשט ביסל גיפט, וואָס ס'איז נאָך קלוימערשט פאַרבליבן אינעם פּאַרמעט־בײַטעלע. ער האָט עס מוירע איר צו געטרויען. ס'קען זיך איר אויך פּאַרוועלן אים באַכטאָן, און עס אויספּרווון אויף זיך, און דאָס טאָר ער ניט דערלאָזן.

מיכאל סקאָט איז גלײַך פאַרפאַרן אהער, ווי נאָר וועטוריע האָט געשיקט נאָך אים, אינעם זעלבן טאָג, ווען יויעל האָט פאַרזוכט פונעם סאַם־האַמאַוועס. אָבער ערשט הײַנט, אויפן דריטן טאָג פון זײַן געפינען זיך דאָ, האָט ער זיי באַוויזן א בריוו, וואָס ס'האָט געבראַכט דער פּויפּסטלעכער לעגאַט צו זײַן סעניאָר, צום גראַף ריימונד ראַזשער. דער בריוו איז פונעם פּויפּסט אייגנהענטיק געשריבן. דער גראַף ווערט דאָרט געזידלט, לעמײַ ער דערלאָזט באַ זיך אין דאָמענען יידן זאָלן בויען זייערע געבעט־הײַזער אין דער גאָטיק־פאָרם, זיי טוען עס, קעדיי אַריבערצושטײַגן מיט זייער הויך די קלויסטער־שפּיצן. ער ברענגט אין דעם בריוו א פאַל, ווי אין איינער א שטאָט, וואָס געהערט צום גראַף, האָבן זיי אויסגעבויט זייערע

[1] אַריסטאָקראַטן; [2] ניט קענען האָבן קיין קינדער.

א טפילע־הויז א סאך שענער און העכער פונעם שכיינעסדיקן קלויסטער, און מיט זייערע הילכיק שאלנדיקע טפילעס רייצן זיי די גאָטספּאָרכטיקע קריסטלעכע באפעלקערונג. ניט דאָס איז אָבער די הויפּט־זאך אינעם פויפּסטס בריוו. ער פאלט אָן און זידלט דעם גראף מיט די ערגסטע זילזולים: פארוואָס ער פארשטאָפּט די אויערן צו גאָטס רוף. ניט ער און ניט זײַנע וואסאלן און ריטער האָבן נאָך קיין איין מאָל ניט אָנטיילגענומען אינעם צוג אַף צו באפרײַען די ביינער פונעם געקרייציקטן, און אויסלייזן די הייליקע ערד און גאָטס שטאָט יערוזאלעם פון די אומריינע סאראצינער.

סקאָט איז געוואָרן אופגעבראכט נאָכן איבערלייענען דעם בריוו. מיט שוים אַף די ליפּן האָט ער גערעדט וועגן די רויב־גיריקע קרייץ־צוגן, וועגן דער צוויִעסדיקייט פונעם איצטיקן פויפּסט אינאָקענטי, וועלכן ער קען זייער גוט. אָט די אלע הערשער, די קיניגן... די גרויסע פעאָדאלן, מער פון אלץ לאָקט זיי דער שימער פון די גרויסע רײַכטימער אפן מיזרעך. זיי לאָקערן נאָך די ריזיקע אויצרעס, וואָס זיי האָפן ארײַנצובאקומען צו זיך אין די הענט. זייער טרוים איז צו דעראָבערן דאָרט נײַע גרויסע גיטער אַף די ברייטע שעטעכן פרוכטבארע ערדן. אפילע דער אָרעמסטער ריטער האָפט דאָרט רײַך צו ווערן אפן כעזשבן פון די „פאר־דאָרבענע” מוסולמענער. טרײַבן זיי דעריבער דאָס פינצטערע פאָלק, די אויסגעמאטערטע פויערים, וועלכע קומען דאָ קוים אויס מיט דער כעיונע, און דאָרט וועלן זיי אין בעסטן פאל באקומען א מעכילע אַף די ניט באגאנגענע זינד, אויב ניט קיין הילצערנעם קרייץ אפן אינדערפרעמד־פארלאָזטן קייווער.

וועטוריע קאָן מאמעש ניט אריבערטראָגן די אופגערעגטקײַט זײַנע. זי האָט געוואָרט, אז דאָס פײַער זאָל קומען פון יויעלן, און דאָ שפּריצט גאָר פונעם ענגלענדער מיט אזא סינע, גלײַך ווי ער וואָלט קיין קריסט ניט געוועזן. צודערצו זײַנען זײַנע בייזוויליקע רייד דורכויס אויסגעטראכט און פאלש. זי ווייסט, אז מע טרײַבט קײ־נעם ניט... אָט צווינגט דאָך קיינער ניט דעם פאָטער אירן און די אנדערע הערשער פון פּראָוואנס אָנטיילנעמען אין אָט דעם הייליקן קריג: ס'זײַנען פאראן גענוג, וואָס טוען עס אייגנוויליק און מיט די בעסטע קאוואָנעס. ניט ווי ער דערציילט דאָ און ניט נאָר אין די קאטוילישע לענדער. אָט רעדט מען וועגן ביזאנץ...

— ביזאנץ? — לאָזט איר סקאָט ניט דערזאָגן. — ביזאנץ האָפט ארײַנעמען די קרייץ־טרעגער צו זיך אין די הענט. זי מיינט אפילע ניט די הייליקע ערד. זי דארף זיי איצט האָבן אַף זיך צו באשיצן פון די סעלעדזשוקן און פעטשענעגן, וועלכע באדראָען זי פוןביידע זײַטן.

— נו און די איטאליענישע שטעט? זיי באדראָט דאָך קיינער ניט?.. און זיי העלפן מיט אלץ, וואָס זיי קענען נאָר...

— פאר זיך זעלבסט! — שרײַט קימאט אויס דער ענגלענדער. — זיי האָפן פאָטער צו ווערן אי פון די מוסולמענישע, אי פון די ביזאנטישע סאָכרים. קעדיי צו פארכאפן דעם גאנצן מיזרעכדיקן האנדל צו זיך אין די הענט ארײַן... און דער פויפּסט אליין? ער מיינט מיט דער הילף פון די קרייץ־צוגן דערשטיקן די אָפּגעשפּאָלטענע ביזאנטישע אָרטאָדאָקסאל־קריסטלעכע קירך, וואָס מע קאָן זי ניט באצווינגען שוין עטלעכע הונדערט יאָר.

— איך פארשטיי ניט... — איז שוין וועטוריע גאָר ארויס פון די קיילים, און זי קאָן גאָר ניט געפינען קיין ווערטער אַף אויסדריקן איר צאָרן. — קומט אויס, אז אומעטום... אז אלע, זײַנען נאָר אויסן דער טײַוול ווייסט וואָס... מע איז גאָר קיין קריסטן ניט...

— מ'איז קריסטן, נאָר בא אָט די קריסטן סטארטשען ארויס די וועלפישע אפעטיטן פון רויב און פארכאפּונג, די גיריקע שטרעבונג בארײַכערט צו ווערן און באהערשן דעם גאנצן מיזרעך, מיט זײַנע האנדלס־וועגן, מיט זײַן האָב און גוטס.

וועטוריע האָט דורכן פענצטער דערזען יויעלן. ער איז געשטאנען מיט די הויף־לײַט בא די אײַזערנע שטײַגן, ווו הינטער די גראטעס האָט ארומגעשפּאנט א צערייצטער דער לעבעדיקער וואָלף. אָט די כײַע האָט שטענדיק פאר די אויגן די מישפּאָכע ווילדע כאזיירים, וואָס האלטן זיך אין איין ארומרײַסן, דעם פוילן בער, וואָס ליגט און דרעמלט בא דער ביט מיט וואסער. די מענטשן האָבן איצט אַף אָט די כײַעס קיין אכט ניט געלייגט. דער סענעשאל מיט זײַנע באדינער זײַנען פארנומען אין א געשפּרעך מיט די צוויי רײַטערִער, וואָס זײַנען געקומען אין הויף ארײַן מיט זייערע אויסגעדרעסירטע רויבפייגל. זיי האָבן א כיישעק אָנ־טיילצונעמען אינעם הערצאָגס פרילינג־יאגד. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, אז זיי שטייען אין דינסט בא פארשיידענע סעניאָרן. זיי זײַנען אויסגעפּרווטע יעגער, און זייערע פייגל זײַנען פון דער בעסטער אָדלער־ראסע.

דער יינגערער איז אָנגעטאָן, ווי ער וואָלט נאָרוואָס געקומען פון א ריטער־טורניר. דער

קאָפּ איז בא אים אין א מעטאַלענעם העלם, וואָס דעקט אויך צו א טייל פּאָנעם. פון די צוויי ברייטע שפּאַלטן קוקן ארויס א פּאָר יונגע פרייליכע פארשײַטע אויגן, און דורך דער עפענונג פאָרן מויל באַווײַזט ער אלע מאָל צוויי רייען לאַכנדיקע ציין. ער איז אָנגעטאָן אין אן אײַזערן רינג־העמדל, מיט א פּאָר פלודערן ווי זיי וואָלטן געווען געשטוקעוועט פון בלעכענע מאַטבייעס, אזוי אז ער איז קימאט אינגאנצן פארקאָוועט אין אײַזן. ס׳פעלט אים נאָר די שווערד אין דער האנט, ער זאָל זיך קאָנען לאָזן אין א געפעכט מיטן סאַמע מוטיקסטן ריטער.

יויעל האָט שוין גערעדט מיט אים אפן פראָוואַנסאַלן ייִדיש־לאָשן. ער קען אויך ספּאַרדיש. זיי שטאַמען פון די פּירענייען־בערג, וואָס ערגעץ לעבן ספּאַראַד. דער צווייטער רײַטער, דער פּאָטער זײַנער, מיט א גאנץ פריידלעכן אויסזען, אָנגעטאָן אין א לעדערנעם קאַמזויל אף דער ברייטער ברוסט, האָט יויעלן דערציילט אף דער כומעש־שפּראַך, אז זיי זײַנען די גאנצע מישפּאָכע זייערע אנשי צידה[1], און ניט דער געיעג איז בא זיי דער איקער. זייער ווילן איז כאַפּן דעם ווילדן פויגל א לעבעדיקן, און אים צוגעוווינען צו היימישקײַט. ווי רויבעריש־גיריק דער פויגל זאָל ניט זײַן, קאָן מען אים פּאַרוואַנדלען אין א היימישן. זיי האָבן שוין אמאָל אויסגעדרעסירט א בערייטיס־פויגל, און פון א יאַם־אָדלער האָבן זיי געמאַכט א טורעם־שוואַלב, אזוי שטיל און געהאַרכזאַם האָט ער זיך דערנאָך אופגעפירט.

— אָט האָט איר א בארגיקן פאַלק־אָדלער — באַווײַזט ער אף זײַן פויגל, וואָס זיצט בא אים אפן אקסל, — אן עמעסער מערדער־פויגל, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען אלץ צו פאַרצוקן אף אָנצושטאָפּן זײַן גזיילע־בויך, און זעט, — טוט ער א גלעט דעם פויגל און מיט א געשמאַקן שמייכל קוקט ער, ווי אָט דער באַר־יוכאָני האַלט זיך רויִק, נעם און שפּיל זיך מיט אים, ווי מיט א טערקלטויב. ער נעמט דעם פויגל פאַרביידע קורצע און גראָבע פיס און הייבט אים אוף הויך איבערן קאָפּ. דאָס גוטמוטיקע פּאָנעם באַם ייִדן איז האַנאָעדיק צעהעלט, האַגאַם ס׳איז ניט גרינג פאַר זײַנע יאָרן צו האַלטן אָט דעם לעבעדיקן שטיק געפליגל אף די אויסגעצויגענע הענט. מע זעט לויטן שווייס, וואָס שלאָגט ארויס אפן גרויסן געקנייטשטן שטערן, אף די באַקן, וואָס זײַנען מיטאַמאָל צארט באַפאַרבט געוואָרן, ווי בא א קינד, אז די גוטע מידע אויגן בא אים שטראַלן מיט פאַרגעניגן.

וועטוריען איז געפעלן געוואָרן דער פויגל, וואָס באַם זון אין די הענט. דאָס איז א פאַלק, וואָס איז ענלעך צו א שטיין־אָדלער פון דער מישפּאָכע אַלצפרעסער. אָט די פאַלקן נעסטן זיך אין די הויכע פּירענייען־בערג. דער שפּאַרבערישער אויסזען פון זײַן קורצן און שטאַרקן שנאָבל, א פאַרבויגענער אף אראָפּ, ווי א שאַרפער האקן, דאַרף אָנוואַרפן א פּאַכעד אף גאָר דער געפליגל־וועלט. דער נײַגעריקער אוילעם באַטראַכט די אלע איבעריקע מײַלעס פון אָט דעם לופט־יעגער. ער איז באַדעקט מיט קליינע און געדיכטע טונקל־גרויע פעדערן, נאָר אף זײַן קאָפּ זײַנען פאַראַן הוילע ערטער. דערהויפּט בא די גרויסע שאַרפע אויגן. שטאַרק באַפּעדערט זײַנען די גראָבע פיס בא אים. מע זעט קוים ארויס די פאַרשפּיצטע ארומגעשלײַפטע בעגאַל אף די אויסגעקרימטע פינגער.

דער יונג ענטפערט צוריקגעהאַלטן און ניט גערן אף די אלע פראַגן פון די הויפלײַט, דערהויפּט ווען וועטוריע פרעגט עפּעס. קומט דעמלט צוהילף דער טאַטע:

— דאָס איז אן „ער" מיט א „זי" — באַווײַזט ער אף דער „זי", וואָס בא אים אין די הענט. — ווען זיי וואָלטן זײַן איצט בא זיך אין די בערג, וואָלטן זיי ביידע אין די פרילינג־כאַדאָשים געוואַרעמט אין דער נעסט בא זיך די אייעלעך.

די אָדלערס פון דעם מין נעסטן זיך אף די בארג־שפּיצן, אינעם פעלדזיקן באָדן, ווו זיי זוכן אָפּ די עפענונגען אין די גרעסטע שטיין־שפּאַלטן. זיי קענען אויך פאַרכאַפּן א פרעמדע נעסט, א גרייט פאַרטיקע, און דאָרט לייגט די „זי" צו צוויי, ניט זעלטן אויך פיר ווײַסע, ברוינלעך באַשפּריצטע לענגלעכע אייער. ביז ס׳טיילט זיך ניט אויס דאָס קליינוואַרג, זײַנען זיי ביידע צוזאַמען. אויך דערנאָך פליִען זיי שטענדיק נאָר פאַרווײַז אָדער אין גאָר קליינע טשאַטעס. איר וועט זיי זעלטן טרעפן צווישן א גרויסער מאַכנע. און נאָך א זאַך: אויב איר כאַפּט בלויז איינעם פון דער פּאָר, וועט זיך אײַך קיינמאָל ניט אײַנגעבן אים צוויגענען, אזוי צוגעבונדן זײַנען זיי איינער צום צווייטן. וועטוריעס יאַגד־אָדלער איז גאָר פון אן אנדער מין גזעז. בא איר איז אן איידעלער פאַלק מיט א טונקל־ברוינעם געפעדער, מיט א שלאַנקן גוף ווי בא א גריף, און מיט א זעלטן שאַרף געהער. עמעס, דער כוש־האַרייעך איז בא אים זייער א פאַרטעמפּטער. ער קאָן זיך שאָענווײַז גראָבן אינעם קויט פון אן אוווערדיקער נעוויילע, וואָס איז שוין צעפוילט געוואָרן פון לאַנג ליגן אפן פעלד, און ער האָט קימאט אינגאנצן קיין שטים ניט. פאַר דער צײַט, וואָס דער פויגל איז בא איר, האָט זי עפּשער א פּאָר מאָל אים געהערט ארויסלאָזן

---

[1] אנשי צידה — יעגער.

אזוינע אומאָנגענעמע קורץ־מעגושעמדיקע קלאַנגען. זי וויל וויסן, צי אַט דעם ייִדנס פויגל קאָן א געשריי טאָן?

דער עלטערער ייִד האָט זײַן „זי" געזומען פּאַטשן איבערן שנאָבל, וואָס אמאָל האָסטיקער און שטײַפער. אירע אויגן זײַנען שאַרפער און גרעסער געוואָרן. ס'האָט פון זיי ארויסגעקוקט אזא קלוגער פארשטאַנד מיט א מין געהאַרכזאמער אונטערטעניקײַט. דערפאַר דער „ער" באַם ייִנגערן האָט א שפּרייט געטאָן די פליגל, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ארויסרײַסן, און מיט א צוויי־דריי אָפּגעהאַקטע קלאַנגען האָט ער זיך געצויגן מיטן שנאָבל צו זײַן פּאָר. די צוקוקער האָבן האַנאָע געהאַט פונעם פויגלס ראַנגלען זיך אינעם באָכערס שטאַרקע הענט, און ווי די „זי" האָט כיטרע געטרײַ אים האָסקאָמעדיק נאָכגעקוקט. דער ייִד האָט זי ארויסגעלאָזט פון די הענט. אלע האָבן געמיינט, אז זי וועט זיך א לאָז טאָן צו איר באַשערטן, נאָר זי איז אוועק אין דער הייך, און דאָ האָט מען ערשט דערזען, בעשאַסן פלאַטער, די שטאָלצע שיינקײַט פון אַט דעם פליִענדיקן באַלכײַ. דער שנעלער פּאָך פון די פליגל האָט זיך קימאַט ווי ניט אָנגעזען. די גרייס אירע האָט אָנגעהויבן ווערן געשרומפּענער און קלענער. א שווארץ פּינטל האָט עטלעכע מאָל אדורכגעשניטן דעם בלויען כאַלאָל אהין און צוריק. מיטאמאָל האָט זיך דאָס פּינטל א ריס געטאָן נאָך העכער, און דאַפקע דאָרט איז דער טונקעלער פלעק פלוצעם געוואָרן געדיכטער און פולער. מיט ארופגעהויבענע קעפּ האָבן די מענטשן נאָכגעשפּירט, ווי די שווארצקײַט האָט זיך געשפּאָלטן, און שוין צוויי קײַלעכלעך קרײַזן ארום העכער און נידעריקער. אין דעם שווינדלדיקן פרײַען אָדלער־פלי פון דיביידע פייגל האָט מען גלײַך געקאָנט דערקענען, ווער וועמען עס באַדאַרף. דעם ייִדנס „זי" האָט זיך אומופהערלעך אזוי אזעסדיק־זעלבסטזיכער געיאָגט, ווי זי וואָלט דאָ געפירט א שפּיל. אַט פלאַטערט זי דרייסט איבערן קעגנער, און אַט איז זי ווידער הינטער אים. דער געיאָגטער פויגל טוט זיך א הייב אין די הייכן. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז ער האָט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער פארפאָלגערן. דאָס אויג האָט ניט געכאַפּט דעם גיריקן שווּנג, מיט וועלכן זי האָט זיך א ריס געטאָן צום קאָרבן, און דאָס געראַנגל דאָרט בייס זי איז אים בײַגעקומען. א ביסל אין דער נידער האָט מען שוין געזען ווי זי טראָגט איר רויב אין די פעסט אײַנגעקלאַמערטע נעגל. דאָס איז געווען א יאַסטער, ניט קיין סאַך קלענער פון דער באַצווינגערן. זיי האָבן זיך ביידע, ווי אראָפּגעפאַלענע, א זעץ געטאָן אין דער ערד. דער אוילעם האָט זיי באַלד ארומגערינגלט, און מיט נײַגער צוגעקוקט, ווי איין פויגל רײַסט אוף באַם אנדערן, מיט די שאַרפע נעגל, מיטן שנאָבל־שפּיץ, דעם נאָך אָטעמענדיקן בויך. ווי גיריק זי שלינגט גאַנצע שטיקער פלייש צוזאַמען מיט די ביינער און מיט די פארבלוטיקטע פעדערן. וואָס סע לאָזט זיך ניט פארדײַען, גיט זי קנוילנווײַז גלײַך אָפּ צוריק פונעם מויל. דער „ער", א באַפרײַטער פונעם ייִנגערן ייִדנס הענט, האָט זיך צו איר אראָפּגעלאָזט, געזומען ארומפירן מיטן שנאָבל איבער אירע פעדערן, זוכן באַ איר וווּנדן, זיי ארומלעקן. מיט גרויס ווירדע נעמט ער דערנאָך ארומשפּאַנען, ארום דעם געשמאַקן זאַק־רויב, שלײַדערט אָפּ מיט די פיס די ארויסגעמייקעטע קנוילן פון זײַן „זי", און ער האָט נאָך אָפּאָנעם מוירע זיך צורירן צום פרישן פייגער־פלייש.

די צוויי רויבפויגל האָבן גלײַך אָפּן אָרט באַקומען די העכסטע אָפּשאַצונג. איבערהויפּט די „זי". דעם טאַטן מיטן זון האָט מען געלאָזט בלײַבן אין שלאָס. זיי וועלן אָנטיילנעמען אינעם פאַלקן־געיעג, און אף ווײַטער וועלן זיי באַזאָרגן דעם הערצאָגס יעגער מיט גוט אויסגעדרעסירטע פויגלפאַנגער. צוליב די צוויי ייִדן איז יויעל מאַסקים געווען זיך אויך אָנשליסן אינעם פריילינגדיקן יאַגד.

די האַכאָנעס צו אַט דער וויכטיקער געשעעניש — צו דער פײַערלעכער צערעמאָניע פון עפענען דעם געיעג־סעזאָן זײַנען שוין געווען אין פולן ברען. אפן הויף האָט עס זיך אָנגעזען אף שריט און טריט. דער שטאַל־מײַסטער מיט אלע זײַנע רײַט־קנעכט זײַנען שוין דעם ווײַפלטן טאָג פארהאווּעט באַ די פערדשטאַלן. מע האָט צעהאַנגען אין דרויסן דאָס שפּאַן־געצײַג: די שווערע זאָטלען מיט די נאָכהענגער, ארומגעשמידטע מיט אײַזן, דעם גאַנצן געשלידער פון רימענע און מעטאַלענע לייצעס, שלייעס, בויך־גאַרטלען, שולטערן־רימענס, שטײַג־רינגען. די פערד האַלט מען אין איין רײַבן מיט די שאָב־אײַזנס, רייניקן און פּוצן. מע הייבט באַ זיי די פיס און מע קוקט אדורך די טלאָען: ווו מע קאָן זיך באַנוגענען מיט צופאַריכטן די טלאָען און ווו מע דאַרף פונדאָסנײַ אונטערשמידן.

א געוויסן מין פון די געיעג־הינט האָט מען שוין פון נעכטן אָן געלאָזט הונגערן. דערטראָגט זיך פון די בײַדלעך א יאָמערלעך געהויל, ווי פון א טשאַטע וועלף. צווישן זיי די מיצראַיִם־הינט, וואָס קענען ניט בילן, רײַסן זיך פון די קייטן און קריכן אף די ווענט מאַמעש. פארקערט, די לויער־ און לאָקער־הינט האָדעוועט מען איצט אונטער בעסער ווי אלע מאָל.

דערהויפּט קעכלט מען זיך מיט די טעריערס. מיט די קליינע פּאַלאַטע הינטעלעך, וועלכע זײַנען פּייַיק צו אַרויספּאַקן דאָס געווילד פון די טיפסטע באַהעלטענישן.

די פייל־ און בויגן־שיסער און די ציל־טרעפער קריכן ניט אַרויס פון די יעגער־שטיבלעך. דאָרט קלייַבט מען איבער די בויגנס. מע פּרוּווט, צי ס'זייַנען געגוג שטייף אָנגעצויגן אַף זיי די טעטיוועס פון די אָקסן־אָדערן. צי ס'איז ניטאָ קיין פּגאָם אין דער ראַם. מע פּילט אָן די פייַלנטאַשן מיט פונדאַסנייַ פאַרשפּיצטע פייַלן, מיט פריש אָנגעשלייַפטע וואַרף־שפּיזלען.

דער הערצאָג אַליין גייט איבער די שמידערייַען, ווו ס'ווערן אויסגעשטאָלט די געיעג־מעסערס, די קורצע שווערדן מיט די שפּיזן, און קאַלערלייַ אַנדערע מינים יאַגד־קליינזייַען. ער איז אומעטום אויסן. ער גיט אַף אַלץ אַכטונג. ער פּרובירט איבער אַליין די יעגער־האָרנס, דאָס שאַלן פון די טראָמפּייטן, דאָס געפּויק פון די פּייַקלען. ער פאָדערט, אַז אַף די קעפּ פון די יאַגד־פערד זאָלן פלאַטערן די שלאַכט־פעדערן.

ער באַטראַכט דעם צושטאַנד פון די פאַנג־פייגל, וועלכע מע האָט נאַרוואָס צעפּענטעט, געגעבן די מעגלעכקייַט אויסצוציען אין דער גאַנצער ברייט די פליגל. ער זעט, אַז די גאַנצע הויז־דינערשאַפט זאָל איצט זייַן פאַרנומען אויסשליסלעך מיט דער צוגרייטונג צום געיעג.

ער האָט הייַנט פאַרטאָג, ווי נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג אַפן הויף, פאַרמאַכט די שלאָס־קאַפּעלע, זאָל דער אוילעם ניט פאַטערן קיין אומזיסטע צייַט אַף דער מאָרגן־טפילע. דעם פאַרומערטן קאַפּעלאַן האָט ער געזאָגט.

— מע דאַרף איצט ניט האָבן דעם יעזוס קריסטוס, איצט דאַרף מען בעטן באַם אַלטערויר־מישן וואַלד־גאָט פּיקוס, ס'זאָל זייַן אַ געלונגען געפאַנג, און דער וועטער זאָל אונדז צושפּילן.

— דאָס איז געצנדינערייַ, — האָט זיך אָנגעבאַרויגעזט דער קאַפּעלאַן, און דאַך האָט ער צוגעווינטשעוועט, די הייליקע דרייַ־איינִיקייַט זאָל דעם הערצאָג באַשירמען און באַשיצן פון שלעכטס, ער זאָל זיך גאַנץ און געזונט אומקערן אַהיים מיט אַ רייַך געווילד. אין האַרצן באַ זיך האָט דער קאַפּעלאַן זיך געפרייט, און ער האָט געדאַנקט און געלויבט דעם דערלייזער, ווען אינעם ערשטן טאָג, ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזט דעם שלאָס, איז דער וועטער קאַליע געוואָרן. ס'איז געווען אַ העל־שייַנענדיקער פרימאָרגן אין אָנהייב מייַ, ווען וועטוריע איז צו אים צוגעפאָרן מיט דער גאַנצער קאַוואַלקאַדע רייַטער. זי איז איינע פון צווישן די אַלע מענער און פרויען אַראָפּ פונעם פערד און איז געבעטן, ער זאָל אופּשליסן די קאַפּעלע. זי וויל קניִען און טפילע טאָן צו דער הייליקער יונגפרוי, און זאָל דער קאַפּעלאַן זי בענטשן.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען, און אין דער טונקעלער דעמערונג פונעם געבעט־הויז זייַנען זיי געווען בלויז אינצווייען. זי אַף די קני פאַרן בילד פון דער יונגפרוי מאַריע, און דער קאַפּעלאַן האָט זי געציילעמט און געשעפּטשעט אַ בענטשונג. נאָך דער טפילע האָט זי אים געקושט די האַנט, און געבעטן, ער זאָל יעדן טאָג זייַן באַ דער מוטער. ער זאָל זי צוזען מיט גאָט־בעטן, און מיט גוטע רייד... זי זאָל זיך וויינִיקער פייַניקן מיט אירע סאַם־האַמאַוועס־פילן.

דער קאַפּעלאַן האָט זי אַרויסבאַגלייט ביזן פערד, וואָס האָט געוואַרט אַף איר. געהאָלפן זיך אַרופזעצן, און אַז זי האָט שוין פאַרקערעוועט אַף אָפּצופאָרן, האָט ער דערזען ווי ס'איז צו איר צוגעריטן אַ באַאַבערדיקטער, ניט קיין הויכער, נאָר אַ גאַנץ היפּש אָנגעבעטער מיט אַ סאַך לייַב, יידלאַש.

— פונוואַנען האָט ער זיך געגנומען אַהער? שוין דער צווייטער דאָ אין שלאָס. — האָט דער קאַפּעלאַן באַדויערט.

באַם יידן האָט זיך געקנייטשט די הויט אַרום דער גראָבלעכער נאָז. דאָס באַוואַקסענע מויל מיט טשיקאַווע פאַריסענע ליפּן האָט זיך מיט האַנאָע צעעפנט.

— דערלויבט אייַער שלאַנקע גנעדיקייַט, — האָט ער געשמאַק געשמייכלט אין דער געדיכטער באָרד, בייס ער האָט מאַיעסטעטיש־פייַערלעך איר איבערגעגעבן אין די הענט אַרייַן איינעם פון די צוויי אָדלער, וואָס ער האָט געהאַלטן אַף די אָרעמס. זי איז מיט איר פאַלק גלייַך פאַרשוווּנדן נאָך די איבעריקע רייַטער.

פון יענער זייַט שלאָס האָט זיך שוין געהערט דאָס הילכיקע שאַלן פון די האָרנס. דאָס רופט מען צונויף די יעגיקע, וואָס לעבן אין די אַרומיקע יישווּוים און דערפער אויסערן הויף, נאָר זיי זייַנען דעם הערצאָגס פרייַע אונטערטאַנען, און באַ יעדן צערעמאָניאַלן אויספלוג זייַנען זיי די באַשטענדיקע מיטבאַגלייטער, אַף צו פאַרגרעסערן און אימפּאָזאַנטער מאַכן די מאַכנע.

יויעל האָט זיך געהאַלטן פאַרוקט העט־ווייַט אין די לעצטע רייען. צווישן די רייַטער אַף אויסגעיידלטע באַצירטע צוכטפערד וואָלט ער אויסגעזען אַף זייַן צו קרעפּטיקן, פראָסט ראַ־סיקן אָגער מיטן באַשיידענעם זאָטל, צו וואָכעדיק. די קליידונג, וואָס אַף אים, איז אויך ניט זייער צוגעפּאַסט פאַרן געיעג איבער באַלעכאַים און געפּליגל. ער איז אָנגעטאָן ווי ער וואָלט

געפאָרן אַף א גרויסן עפּנטלעכן דיספּוט אין א געפּעכט מיט לײַט פון וויסן. באמיט ער זיך
דעריקער זײַן פונדערווײַטנס, ווו ס'איז אים מער ניכע צווישן דער הויפּדינערשאַפט און אנ־
דערע מיטהעלפער, לײַבייגענע פון די נאָענטע דערפער. ער האָט שוין דאָ לעבן זיך אויך דעם
עלטערן פון די בארג־יײדן, וועמען ער האָט א נאָמען געגעבן נימרעד, לויטן ערשטן יעגער
נאָך אָדאָם־הארישענען. איצט פאָרט ער שוין מיטביידע בא די זײַטן: מיט נימרעד דעם פאָטער
און מיט נימרעד דעם זון. פאָרויס פאָר זיי רײַטן די ריטער, וועלכע בלענדן דאָס אויג מיט דער
פּילפאַרביקײַט פון זייערע בגאָדים. דאָרט איז אויך מיכאיל סקאָט. אין דער ברייט גרויער
מאַנטיע אַף זײַנע אקסל, וועלכע פאַרדעקט אויך די צווייטע העלפט פערד ווי מיט א דעקע,
זעט ער אויס צווישן די ריטער ווי די ווײַסע ראָב. ער איז ניט אזוי, ווי זיי, געענגט אין די
באוועגונגען, צוליב דעם צופיל אָנגעפּרענדעטן שמאָלן אָנטועכץ. אלץ, וואָס דער ריטער טראָגט
אַף זיך, מוז זײַן שטרענג צו דער מאָס, און וואָס שטײַפער אָנגעצויגן. דער טוניק, וואָס טוט
זיך אָן דורכן קאָפּ, דארף קוים־קוים אדורכלאָזן דעם קאָפּ מיט די אויערן. די באַזוימטע קאָל־
נער־שפּיצן פון דער אויבער־קאָפּטע דארפן זײַן ווי צוגעקלעפּטע צום האלדז. אזוי אויך די
רײַטער־הויזן, די שטיוול מיט די אומגעהייער לאנגע און שמאָלע נעזער. דער רימען אַף די
לענדן. כוצן געווער איז ער באהאנגען מיט מעטאלענע שאלעמויזן, און אָפּטמאָל מיט זילבער־
נע אָדער קופּערנע גלעקלעך, וואָס לאָזן זיך הערן באם מינדסטן ריר פון אוועלכן ס'איז איי־
ווער. די פאַרמעגלעכערע טראָגן נאָך א האלדזבאנד פון דורכגעלעכערטע מאטבייעס, באצירטע
מיט פאַלשע און אמאָל אויך מיט עכטע איידלשטיינער. אָבער מער פון אלץ שרײַט פון זיי
אראָפּ די בונטפאַרביקײַט. ס'הוידען זיך די פעדערן אַף די הויכע היט איבער די קעפּ. בא ווע־
מען אן אײַנפאכער פעדער פון א טורקלטויב, און בא וועמען א רעגנבויגנדיקער פון אן אויס־
טערליש טײַערן פויגל. יעדער מין בעגעד אַף זיי מוז האָבן צוויי אָדער מער קאָלירן. אָט
שווינדלט פאַר די אויגן א שארלעך רויט יעגער־רעקל מיט גרינע אומגעוויינלעך ברייטע
ארבל, וועלכע שמעלערן זיך פון אויבן אראָפּ און ציִען אײַן די געלענקען הארט בא דער דלאָ־
ניע. בא א צווייטן, וואָס לעבן אים, איז איין העלפט וויזיטקע קופּער ברוין און די צווייטע
העל־בלוי. יעדער פלודער פון די הויזן מוז האָבן זײַן קאָליר. אויב איין הויז איז זשאַווער
רויט, מוז שוין דער צווייטער זײַן זאפרען געל, צי פון אוועלכן ניט־איז־אנדער קאָליר. אפּי־
לע דאָס שוכווארג מוז יעדע פּאָר זײַן פאַרשיידנפאַרביק. דאָס זעט מען אָפּט בא די רײַכערע
בירגער און באם מיטעלן ריטערטום. דער וואנדערנדיקער ריטער, וועמעס פאַרמעגן עס באַ־
שטייט פונעם איינעם פערד און דאָס געווער, וואָס ער טראָגט אַף זיך, איז ווײַט פון אָט דעם
פּראַנטישן גלאַנץ און אויספּוצעכץ. אויך דער העכערער אדל האָט זיך נאָך ניט אונטערגעגעבן
אָט דער קאָלירנארטיקער מאָדע.

די קאָהאָרטע, וואָס פאָרט בעראָש ארום דעם הערצאָג און זײַנע וואסאלן, באשטייט פון
דורכויס הויכגעשטעלטע סעניאָרן. זיי זײַנען שטרענג געקליידט, לויטן דאָר־דוירעסדיקן גוסט
פון זייער שטאנד, אפילע די יעגער־קליידער אַף א טייל פון זיי זײַנען פון דעם מין, ווי ס'האָבן
געטראָגן אין אלע קריסטלעך־קאטולישע לענדער די אָוועס זייערע.

דאָרט איז איצט ווענטוריע. יויעל האָט זי א קליינע ווײַלע געזען אַף איר ווײַסן קיטל־
פערד, זי איז געווען פּראַכטפול. זי האָט נאָך קיינמאָל אין זײַנע אויגן ניט אויסגעזען אזוי
באטאמט און שטאלטיק יונג ווי דאָס מאָל: אין די שמאָלע רײַטער־הויזן, אינעם ריטערישן
וועסטל־שפּענצער, אונטערן אײַנגעהיל פון א מאט גרינעם שאל־מאנטל. אַף אירע גאגאט־
שווארצע צעלאָזענע האָר, וואָס דארפן סימבאָליזירן די פרײַהײַט, האָט זיך צירלעך־מאַנירלעך
געהאלטן דער הויכער הוט מיט די ברייטע קאנטן, מיט א לאנגן שטרוי־פעדער, וואָס האָט גע־
פלאַטערט אפן שפּיץ. זי האָט מאיעסטעטיש און גראציעז געהויבן דעם פאלק אין איין האנט,
און מיט דער צווייטער אָנגעצויגן דאָס דין זילבערנע פּרענדזל־קייטעלע אַף צו צוימען דעם
פערדס הייסן שווונג. זי איז געפאָרן מיט קורצע גאלאָפּ־טריט, מיט קליינע אופשפּרינגען פונעם
פערדס אלע פיר פיס, און זיך אײַנגעקוקט אין די שורעס רײַטער־ער. עפּעס אפגיך האָט זי א
רעד געטאָן מיט סקאָטן און איז שנעל אוועק אַף פאָרויס, צו די פאָדערשטע רייען.

יויעל קוקט איצט אויך אַף פאָרויס, און אין דער ווײַט. ער פאָרט א פאַרטראכטער, ווי
מיט גאָרניט זעענדיקע בליקן, אינגאנצן ארײַנגעטאָן אין זיך. פאַר אים די שווינדלדיקע הינ־
טער־טיילן פון מענטשן און פערד, בא די זײַטן נאקעטע שטומע פעלדער, פון אויבן א זון,
וואָס קילט מער ווי זי ווארעמט. אין דעם איז עפּשער שולדיק דאָס שטײַף שארפע ווינטל,
וואָס פלאָנטערט זיך צווישן די אומרויִק געוואָרענע רײַטער. ס'האָט זיך א רודער געטאָן אין
די רייען. מע ווארפט זיך איבער מיט א וואָרט, מע דרייט מיט די קעפּ. דער עלטערער נימ־
רעד האָט אויך יויעלן א טאָרע געטאָן, ער זאָל כאפּן א קוק אַף דער רעכטער זײַט, אפן רײַ־
טער־פּאָרל, וואָס דערווײַטערט זיך מיט לאנגזאם־מעסיקע טריט, אַף דער סעניאָרינע.

ווערוריע האָט אַ קוק געטאָן אַף צוריק און דערזען יויעלן. איר פערד האָט אַ האַסטיקן קאַראַקאָל געמאַכט, אַ מין רונדיקן אויסקערעווען זיך, און זי איז צו צו אים. יויעל איז שוין אויך אַרויס פון דער ריי. ביידע פערד זײַנען שטיין געבליבן. זיי האָבן זיך געטויפּעט מיט די טלאָען אַף איין אָרט און געוואַרט אַפן באַגער פון זייערע רײַטער. ווערוריע האָט גלײַך אָפּגעשיקט דעם רײַט־קנעכט אירן, דעם טאַטנס געווער־טרעגער, דעם גוואַר. פאַריכט דאָס לעדערן אויגן־דעקל אַף איר פערד, האָט זי ווי אײַנגעלאַדן יויעלן, ער זאָל מיטפאָרן מיט איר. דער פאַשעטער אוילעם, באַ וועמען יויעל איז צוגענומען געוואָרן, האָט געגאַפט, נאָכקוקנ־דיק דאָס אָפּגעריטענע פאַרל. זיי זײַנען צוערשט געפאָרן ניט געײַלט. ווערוריע האָט זיך אַפן פערד געהאַלטן מיט אַן איבערבויג פון איר אייבערשטן טייל קערפּער אַף דער זײַט געווענדט צו יויעלן, יויעל האָט רײַטנדיק פאַריכט דאָס אײַזערנע קייטעלע אונטערן מויל באַ זײַן אַגער, טיפער ארײַנגערוקט דאָס צײַמל צווישן די ציין, דער אוילעם האָט געזען ווי זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין קאַריער, אינעם שנעלסטן געלויף, ווי זיי וואָלטן געוואָלט עמעצן איבעריאָגן און לאָזן הינטער זיך די גאַנצע רײַטער־פּראָצעסיע.

ווען זיי זײַנען שוין געווען אַף אַ היפּש ווײַטן מעהאַלעך פון דער רײַטנדיקער קאַלאָנע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעמווינט. צוערשט האָט אָנגעהויבן ווירבלען דער שטויב אונטער די פיס. אַ קעגנווינט האָט געשלאָגן אין פּאָנעם ארײַן, פאַרפאַראָשעט די אויגן. די פערד האָבן אָנגעהויבן פירקען מיט די נאָזלעכער, און ס׳איז שוין ניט געווען צו זען קיין שפּעלטעלע צום בלויען הימל, האַגאַם די זון האָט נאָך אַ פּאָר מאָל מיט אַ בלינדן בליק אַ קוק געטאָן דורכן וואָלקן־הײַטל. דעמלט האָט זיך נאָך געקענט דוכטן, אַז דאָס געוויטער וועט זיך אײַנשטילן. זיי האָבן דערווײַל ניט געטראַכט פון זיך אומקערן צו די אַלע איבעריקע. דאָס געוויטער איז דאָרט פּונקט דער זעלבער ווי דאָ.

אַפילע ווען ס׳האָט זיי פאַרכאַפּט אַ שטויבערעגן, וואָס האָט געדיכט און דין זיך אײַנגעגעסן אין די ביינער, האָבן זיי אויך ניט פאַרקערעוועט אַף צוריק. פאַרקערט, דער קאַלטער ווינט איז אַזוי ווי לעבלעכער געוואָרן. ווען ניט דער וואָלקן־געברעך מיט די אָפּטע בליצן, באַגלייטע מיט אַ מין נעבעכדיק געקנאַל, וואָלט גאָרניט שלעכט געווען זיך אַזוי טראָגן אַלץ פאָרויס און פאָרווערטס. אָט האָבן זיי שוין דערגרייכט צום שיטערן וועלדל. די אויסגעצוואָגענע ביימער מיט אָנגעשוואָלענע צווײַגן, פון וועלכע ס׳האַלטן אין איין טריפן געדיכטע טראָפּנס, דערציילן, אַז דאָ איז געווען אַ פּלייצרעגן. די פערדישע טלאָען צאָקען הילכיק אינעם כליאָפּ און וואַרפן אָפּ פון זיך קויטיקע שפּריצן. די רײַטערזער זײַנען שוין גוט אויסגעווייקט, ניט אַזוי פונעם רעגן ווי פון דעם רינען פון די ביימער־בלעטער, און פון דער נעץ אַף דער ערד, וואָס באַ־שפּריצט זיי. דאָס וועלדל ווערט וואָס ווײַטער געדיכטער, און דער הימל איבערן קאָפּ ווערט אויך טונקעלער און שווערער. מיטאַמאָל האָט אַ בלענד געטאָן דער שניט אַפן הימלס בויך באַגלייט מיט אַ דונער, ווי ס׳וואָלטן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד געקראַכט דער גאַנצער וואַלד מיט ביימער. דערצו האָט נאָך אַ פּלייץ געטאָן ווי פון אַ דורכגעבראָכענער פאַס. פון גיסנדיקן רעגן אַ שוץ אָט דאָ אַפן אָרט האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. ווי ס׳האָט געמאַבלט פון אויבן, אַזוי האָט געשטראָמט צווישן די ביימער, און פאַר די פיס איז געשטאַנען אַ פליסנדי־קער טײַך. די פערד האָבן קוים דעם אויסגעטראָטענעם וועג אָנגעטאַפּט. אָן די לייצעס וואָלטן זיי בעסער אַזוי שטיין געבליבן אונטערן וואַסער־שטראָם און זיך פון אָרט ניט רירן, נאָר דאָס איז קיין אייצע ניט. מע דאַרף זיך אַדורכרײַסן דורך אָט דעם פליוך־רעגן. עפשער ווײַטער פונעם וואַלד אַרויס צעבערט ניט אַזוי, און דאָרט וועלן זיי מעגלעך געפינען אַ באַהעלטעניש אַף איבערצוווארטן, ביז זיי וועלן זיך דערלאַנגען צו די יעגער־שטיבלעך.

אַ גאַנצן טאָג האָט שוין אַזוי געגאָסן ווי פון עמערס. אויסגעווייקטע, מידע, האָבן זיי שאָענווײַז קיין וועג ניט געקאָנט געפינען אין אָט דער פאַרטרינקעניש. דאָס געוויסער איז ארײַנגעדרונגען אין די אייוורים. ס׳זײַנען שווערער געוואָרן די קליידער אַפן לײַב. די פערד מיט פאַרפלאָסענע אויגן, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן געגומדזשעט אין עפּעס אַ פליסיקן שליים, ביז ס׳האָט שוין גוט אָנגעהויבן צו דעמערן. ווערוריען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ערגעץ ווײַט פונדאַנען זעט זי ווי ס׳מינען זיך פײַערלעך. עפשער זוכט מען זיי שוין אַרום מיט שטורקאַצן, מיט אָנגעצונדענע פאַקעלן? אָבער ווי קאָן זיך האַלטן דאָס פײַער אין אַזאַ גאָס?

יויעלן דוכט זיך אויך, אַז עפּעס אַ העלקײַט טוקט זיך דאָרטן אין איין ווינקל. זיי האָבן אַ טרײַב געטאָן אין יענער ריכטונג די אויסגעמאַטערטע פערד, און וואָס ווײַטער זיי האָבן גענומען אין אַלאַכסן, האָט זיך די שײַן בוילעטער אָנגעזען. זיי האָבן מער מיטן כוש געפילט ווי געזען מיט די אויגן, אַז זיי דערנעענטערן זיך צו אַ דאַך איבערן קאָפּ. ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווײַזן די קאָנטורן פון אַ באַרג־שלאָס.

דאָס איז געווען די היים פונעם גוואַר, דעם הערצאָגס וואָפן־טרעגער, וואָס איז ווערוריען

געטרײַ איבערגעגעבן ווי דער צערבער־הונט, און יויעלן איז ער אומאַנגענעם דערווידער. ערשט דאָ האָט ער זיך דערוווּסט, יויעל, דעם עכטן נאָמען זײַנעם, אַז ער הייסט עווראר. אָט דעם עווראַרס מוטער, א הויכ־שלאנקע פרוי, נאָך אין פרײַען עלטער א פרעכטיקע שיינהײַט, האָט די אויסגעצוואָגענע וועטוריען באלד צוגענומען צו זיך. מיט יויעלן האָט זיך פארנומען דער מאַן אירער, דער שלאָס־אייגנטימער, א געזעצטער סעניאָר, מיט א קאָפּ נידעריקער פון זײַן פרוי. אונטער א הויכן שטערן האָבן בא אים ארויסגעקוקט צוויי אָקסן־אויגן געדיכט באַ־ברעמטע. אפן פּאָנעם דער שמייכל האָט זיך בא אים ניט אָפּגעטאָן די גאנצע צײַט בייס יויעל האָט זיך איבערגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין טרוקענע שוין היפּשלעך געטראָגענע קליידער. דער סעניאָר האָט געשמאק געלאכט און מיט האנאָע זיך געריבן דעם פליך אפן קאָפּ, ווען יויעל האָט באַם עסן דערציילט וועגן דעם שפּאציר אונטערן מאבל.

— האָט איר זיך ניט געקאָנט באהאלטן ערגעץ אין א בײַדל? א שמאָלע הייל געפינען, ווו מע קאָן זיצן נאָר ארומגענומען... און מיט א שיינער וועטוריען... — האָט זיך די באָרד בא אים געהוידעט פון געלעכטער, און א שעלמישער גלאנץ האָט צוגעמאכט און געעפנט די טאמעוואטע אויגן זיינע.

דאָס איינציקע, וואָס דער זון האָט געקאָנט בא אים יארשענען, טראכט דערבײַ יויעל, איז די ביליקע כאָכמע. דער הויכער וווּקס דעם זונס איז פון דער מוטער, און בא דעם, דאָס לאכנ־דיק ברייטע מויל מיט די נארישע לעפצן, און עפשער אויך די גוורע? ניין, דאָס אוואדע ניט. ווי קומט גוורע אין אזא מין פעסט אָנגעבעטן טרעלבויך? ער פילט עס, יויעל, אינעם אָנטור־עכץ אַף זיך. דעם סעניאָרס גאנץ ברודיקע פלודערן זײַנען אים ביז... א ביסל נידעריקער פון די קני. דערפאר אָבער אין דער ברייט באַם בויך וואָלטן געקאָנט ארײַן נאָך צוויי יויעלס. דאָס זעלבע מיטן רעקל. אַף די פיס האָט ער אים גאָרניט געקאָנט צוזוכן. עפּעס א פּאָר אלטע פוישטן האָט מען אים דערלאנגט, איז ער ארײַן אין זיי ווי אין א פּאָר באק־דייזשעס. האָט ער זיך שוין בעסער געלאָזט פירן באָרוועסערהייט דורך עטלעכע שמאָלע לאנגע כאדאָרים, ווו פון די שטיינערנע דילן האָט געבלאָזן א קעלט, און פון די ווענט האָט געשמעקט מיט נילע און שימל. דער פלאם פונעם אָנגעצונדענעם פאקל באַם סעניאָר אין די הענט האָט באלויכטן די רונדע שפּינוועבס־נעצן אין די ווינקלען, די נאקעטע הילצערנע בענק, בא די זײַטן די באנק־בעטלעך צום שלאָפן. אין איין כיידער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אפן לאנגן טראפּעזע־טיש. ער האָט געזען שווערע מיט אײַזן ארומגעקאָוועטע קאסטנס בא די ווענט. באנאכט, אין דער פינ־צטער, דארפן דאָ די פלעדערמײַז זיך פילן גאנץ היימלעך, אזוי ווי די שפּינען, וואָס לעבן דאָ. קיינער שטערט זיי אפּאָנעם ניט פרײַ אויסשפּינען זייער געוועב.

ער איז ענדלעך ארײַנגעפירט געוואָרן אין א גרעסער צימער, ווו ס'האָט געברענט א מעכ־טיקער קאמין. דערצו האָבן נאָך געשטעקט אין די ווענט ברענענדיקע שטורקאצן. באַם קאמין־פײַער האָבן זיך געוואַרעמט מענער, וואָס האָבן זיך באלד צערוקט און געמאכט א גוט אָרט פארן נײַצוגעקומענעם. סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך דערלאנגט, יויעל, צום סאמע נייטיקסטן און באקוועמלעכסטן, וואָס ס'איז פאראן אין אָט די אלע ניטגעמיטלעכע שלאָס־כאדאָרים. די אומ־היימלעכקײַט, וואָס ער האָט דאָ ביז איצט געפילט, איז אזוי ווי מיט דער האנט אָפּגענומען געוואָרן דורך דער וואַרעם, וואָס שלאָגט אַף אים און צעגייט זיך אין אלע איווורים. אפן פײַער־פלאץ גליט, דוכט זיך, ניט אזא גרויסער פלאם, נאָר דער קאמין־כאָלאָל איז אזוי ברייט און הויך, אַז מע וואָלט געקענט אהער ארײַנרוקן א גאנצן פילוואָרצלדיקן שטאם פון א בוים און ער וואָלט דאָ גאנץ פײַן אויסגעברענט. מיט די באָרוועסע פיס זיצט ער צוגערוקט ביז דער סאמע קוילן־רעשעטע, איבער וועלכער ס'הענגט דער פײַער־שירעם. מיטן שאר־אײַזן רודערט ער דעם פריסעק, און די פונקען ציִען זיך אין דער הייך צום קוימען־צוג, בייס אנדערע זיפּן זיך אראָפּ צום אויסגעלאָשענעם אש.

די מיטזיצער זײַנען אלע פארטאָן אין א געשיכטע, וואָס איינער דערציילט: וויִאזוי זיי האָבן אָפּגעבראָטן א לעבעדיקן שטרויספויגל צוזאמען מיט די פעדערן. דערנאָך האָבן זיי אים צעריסן אַף אזויפיל כאלאָקים, וויפל ס'זײַנען געווען ריטער, און בא אָט דער טראפּעזע האָבן זיי זיך געשווירן אין אייביקער טרײַהײַט און פרײַנטשאפט.

יויעל האָט ערשט איצט אָנגעהויבן זיך ארומקוקן, מיט ווע‌מען איז ער דאָ בעכאוורוסע? ער האָט פארשטאנען, אז דאָס דארפן זײַן דעם סעניאָרס וואסאלן, אָדער ווער פון די ריטער, וועלכע ער האלט אויס בא זיך אין שלאָס. מעגלעך, אז ס'זײַנען דאָ אויך פאראן אָנגעפאָרענע, צופעליק פארבלאָנדזשעטע, אָט אזעלכע ווי ער, צום בײַשפּיל, וואָס איז אזוי אומגעלומפּערט, אומגעריכט ארײַנגעפאלן אהער.

אָט דער, וואָס רעדט איצט, איז זיכער איינער פון די וואנדערנדיקע ריטער, וואָס האָבן שטענדיק אָן א שיר אומגעווייגלעך אויסטערלישע געשיכטעס וועגן מענטשן און כײַעס. אָפּט

אומזיניק־נארישע, ווי אשטייגער אָט די, וואָס ער דערציילט איצט וועגן דעם הייליקן בראנדאנע מיט זײַנע באגלייטער, וויִאזוי זיי זײַנען געפאָרן איבערן יאם און דערזען אן אינדזל. דעמלט זײַנען זיי אראָפּ פון דער שיף און האָבן דאָרט צעלייגט א פײַער. האָט דער אינדזל מיטאמאָל א פליעסקע געטאָן מיטן עק, און איז מיט זיי אָפּגעשווומען אין די גרויסע וואסערן. ווײַל דאָס איז געווען א מעכטיקער וואלפיש.

פריִער פאר אים האָט א צווייטער נאָך א מער ווילדע שטוסערײַ אונטערגעטראָגן. מיט א מינע פון א מענטשן, וואָס האָט דאָס אליין געזען, האָט ער גערעדט וועגן אומגעהייער גרויסע לעמפּערטן, וועלכע קאָנען זיך ניט לייגן, ווײַל די קני בייגן זיך בא זיי ניט. ווען אזא כײַע וויל שלאָפן, שפּארט זי זיך אָן אין א בוים, און אָט אזוי שטייענדיק שלאָפט זי אײַן. דעמלט זעגן אונטער די יעגער דעם בוים, און די כײַע צוזאמען מיטן בוים טוט זיך א וואלגער אף דער ערד. אופהייבן קאָן זי זיך שוין ניט. צעטראָגט זיך איבערן וואלד דאָס ברומענדיקע געהויל, וואָס רופט צונויף נאָך לעמפּערטן, נאָר זיי קאָנען מיט גאָרנישט ניט העלפן. ווערט א געברום איבערן וואלד, אז די ערד טרייסלט זיך. דעמלט קומט צו לויפן א קליין העלפאנדל און רוקט ארונטער זײַן האָרן־נאָז, וואָס איז לאנג און שפּיצעכיק, אונטערן שווערן לעמפּערט, און אָן איבעריקער מי, נאָר לאנגזאם בעהאדראָגעדיק הייבט ער אונטער אָט די מעכטיקע כײַע. קיינער פון די צוהערער האָט ניט ארויסגעוויזן קיין מינדסטן סימען פון אומגלייבן, נאָר ס׳האָט זיך פונדעסטוועגן געפילט א באדערפעניש אריבערצוגיין צו מער גלייבלעכע געשיכטעס, צו זאכן, וואָס זײַנען נעענטער און אייגנטימלעכער פאר די, וואָס רינגלען דאָ ארום דאָס פײַער.

דער, וואָס האָט געבראכט אהער יויעלן, האָט גענומען דערציילן וועגן דרײַ ריטער, וואָס האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן די ליבע פון זייער סעניאָרס פרוי. דער דערציילער איז נאָך אליין זייער יונג, ער רעדט מיט א נעגינע־טאָן און די שטים איז בא אים א ווארעמע, א הארציקע, וואָס דערגייט צײַטנווײַז ביז דווייקעס. אזוי ווי ער וויל ניט, מע זאָל מיינען, אז ער איז טאקע איינער פון די דרײַ ריטער, ציט ער אָן אף זיך פון מאָל צו מאָל א מין בעקיוונדיקע גלײַכגילטיקײַט. ער מאכט עס אינעם מאניר פונעם דערציילן, אינעם צוקלײַבן די ווערטער און אויסדרוקן, מיט וועלכע ער וויל באוואָרענען, מע זאָל אין זינען האָבן, אז דאָס האָט ניט צו טאָן מיט זײַן סעניאָר, מיטן פעאָדאל פון דעם שלאָס, אין וועלכן זיי געפינען זיך איצט.

— די פרוי, — לאָזט ער אראָפּ די אויגן ווי צום מיסוואדע זײַן זיך, — האָט ניט געוווסט, וועמען אָפּגעבן איר הארץ. ווער האָט עס מער די ווערט. האָט זי באשטימט אויספּרוּוון די דרײַ ריטער. ערעוו א טורניר האָט זי דעם שטאָל־מײַסטער אוועקגעגעבן איר נאכט־העמד, און זאָל ער זיי פאָרלייגן: ווער וועט אײַנגיין ארויסצוטרעטן אינעם גערעגנגל אין א פרויען־העמד אָנשטאָט א פאנצער. דער ערשטער, דערזעענדיק די באפאנצערטע קעגנער זײַנע, האָט זיך גלײַך אָפּגעזאָגט. דער צווייטער האָט מאסקים געווען אָנטאָן דאָס העמד, נאָר אונטערן העמד זאָל בלײַבן אף אים דער פאנצער, און דער דריטער... — האָט דער דערציילער מיט שטאָלץ אופגעהויבן דעם קאָפּ און טיף טרויעריק, ווי ער אליין וואָלט עס נאָכאמאָל איבערגעלעבט, מיט רעגונג אין דער שטים גענומען באמאָלן, וויִאזוי דער דריטער איז דערוף אײַנגעגאנגען.

— ער איז ארײַן אין געפעכט אין דעם איינעם נאכט־העמד אפן הוילן קערפּער. ער איז, פארשטייט זיך, אָפּגעגאָן מיט בלוט, און מיט א צעהאקט און צעבראָכט לײַב האָט מען אים קוים א לעבעדיקן אראָפּגעטראָגן פון דער שלאכט־ארענע, ער האָט אָבער געהערט, — איז אנציקט דער דערציילער און פארכלינעט זיך אזש פון היספּײַלעס, — ווי די דאמע האָט בייסמײַסע פארן טורניר־אוילעם עפנטלעך געמאָלדן, אז זי גיט אים אָפּ איר הארץ. דאָס האָט אף אים זייער גוט געווירקט. וויִאזוי ער איז ניט געווען צעהארגעט, האָט ער זיך אין א גאנץ קורצער צײַט אויסגעהיילט. דער סוזערען זײַנער, דער מאן פון דער דאמע, האָט פאר זײַן קאָוועד וועגן געמאכט א גרויסע סודע. דאָ האָט דער ריטער זיך געוואָלט איבערצײַגן און אויספּרוּוון די הארץ־דאמע זײַנע: אף וויפל זי איז געטרײַ דעם צוזאָג אירן. דורך זײַן געווער־טרעגער האָט ער זי געבעטן, זי זאָל אָנטאָן דאָס צעפּיצלטע פארבלוטיקטע נאכט־העמד, אין וועלכן ער האָט זיך געשלאָגן, און אָט אזוי זאָל זי זיך באווײַזן פאר די געסט. אין אָט דעם הוילעך זאָל זי אָפּזיצן די גאנצע סודע באם טיש...

דער דערציילער איז אנשוויגן געוואָרן. די צוהערער האָבן אף אים געקוקט מיט גרויס אָפּשײַ. ער האָט ניט געאײַלט צו דערציילן ווײַטער. נאָר ער האָט געזען דעם ברענענדיקן נײַגער אף די געזיכטער, און ווי אכפּערנדיק זיי קוקן ארויס, ער זאָל פון מויל ארויסברענגען: מיט וואָס ס׳האָט זיך געענדיקט, האָט ער זיי צוליב געטאָן.

— די דאמע האָט זיך קיין מינוט ניט געוואקלט — און מיט טריִומף האָט ער באטאָנט די לעצטע ווערטער. — זי האָט גענוי אויסגעפילט דעם ריטערס באגער. דאָ האָט זיך צעפלאקערט א וויקועך. ווער ס׳האָט מיט באגײַסטערונג געלויבט דעם ריטערס דרייסטקײַט, און

ווער ס׳האָט מיט היספּײַלעס גערימט די דאמע. מע האָט זיך היציק און מיט ברען געאַמפּערט. ס׳איז געגאַנגען א רייד, ווער פון די צוויי האָט אַרויסבאַוויזן א גרעסערן העלדנטאַט?

— דער מאַן! דער דאַמעס מאַן... — האָט זיך יויעל צום ערשטן מאָל אַרײַנגעמישט אין דער אַמפּערניש, און ער האָט לײַדנשאַפטלעך גענומען דערווײַזן די נאָבעלע גרויסמוטיקײַט פונעם מאַן, וואָס האָט ניט געלעקט און ניט געשמעקט ניט פון קיין רום און קאָוועד, און ניט פון אייגנליבע. פון שטאָלץ זײַן מיטן געפיל, אַז דו ווערסט אַזוי געליבט און געאַכטעט...

ער האָט זיך שוין אייגנטלעך געקליבן, יויעל, גיין אַף זײַן געלעגער, ער איז שוין געווען גוט צעפּריִעט פון דער וואָרעם, וואָס האָט געזעצט פונעם קאַמין און נאָך מערער פון אָט די אומגעלומפּערט נאַרישע מײַסע־ניסים, וואָס ער האָט זיך דאָ פאַר די פּאָר שאָ אָנגעהערט פון אָט די ריטער־לײַט. זיי לעבן נאָך ווי די בערן אין די הײלן. זייער גאַנצע דרויסן־וועלט באַ־שטייט נאָר פון דעם מעהאַלעך־וועג, וואָס זיי האָבן אַליין דורכגעמאַכט. עמעס, זיי ווייסן, אַז ס׳איז פאַראַן א הייליקע שטאָט ירושלאָיִם, וואָס שטייט אין צענטער פון דער וועלט, און אַז דאָרט איז דער קייוועր פונעם געקרייציקטן. זיי ווייסן אויך פון רוים, די שטאָט פון גאָטס שטעלפאַרטרעטער אַף דער ערד. פון אַנדערע מעקוימעס, וווּ זיי אַליין זײַנען ניט געווען, האָבן זיי קיין מינדסטע פאָרשטעלונג ניט. זיי גלייבן, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן ערגעץ אין עק וועלט א לאַנד, וווּ ס׳שײַנט קיינמאָל ניט די זון, און וווּ די מענטשן זײַנען מיט הערנער אַף די קעפּ. זיי קענען דערציילן פון א צויבער־לאַנד, ווו די מענטשן וואַקסן אויס ריזן. דערפאַר פירן זיי דאָרט א שטענדיקן קאַמף מיט דראַקאָנען, וואָס באַפאַלן זיי אַף די וועגן. אָט די דאָזיקע לײַט ווייסן, אַז א סייפער — א געשריבענעם קסאַוויאַד, קאָן מען זען נאָר אין די מאָנאַסטירן, און אַז די הייליקע שריפט איז פאַרווערט צו לייענען אַפילע די מאָנאַסטיר־ברידער, וועלכע פאַר־שטייען גוט אין די שוואַרצע אויסיעס, און דאָך ווייסן זיי וועגן אַלץ אין דער וועלט. דערפאַר, אַז זיי באַקומען אַמאָל אַרײַן א וואַנדערנדיקן מאָנאַך צי גלאַט אַזוי א גאָט־בעטער, א בעט־לער, גלויבן זיי אים אַפן וואָרט, וואָס ער זאָל זיי ניט דערציילן. אַפילע יעדן סכוירע־פאַרקוי־פער זײַנען זיי גרייט אויסצוהערן, ווי אַזוי ער זאָל ניט צופוצן דאָס, וואָס ער האָט געזען און געהערט, די סאַמע ניט געשטויגנסטע אומזיניקײַטן. ביפראַט נאָך, ווען ס׳פאַלט צו זיי אַרײַן עמעצער פון די קרייצטרעגער, וואָס איז אויסגעווען א וועלט, און ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די גלענצנדיקע מיזרעך־טעמפּלען, די ווונדערלעך שיינע פּאַלאַצן.

ער שטעלט זיך פאָר, יויעל, די לאַנגע ווינטער־נעכט אין אָט אַזאַ מין שלאָס, ווען די ווינטער־שטורעמס און בייזע ווינטן דרינגען אַרײַן אַהער דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס, וועלכע מע האָט אויפגעהערט צו עפענען אַפילע אינמיטן באַטאָג. פון דער קעלט ווערט אײַנגעשרומפּן דער באַבוימלטער פאַרמעט אין די פענצטער, און ס׳ווערט פון אים א טונקעלער גלימער, וואָס לאָזט ניט דורך קיין מינדסטע שײַן פונעם דרויסן. איז אין די כאַדאָרים — ווי אין א פאַרבאָר־גענער הייל. ס׳איז ניט אונטערצושיידן פון טאָג און נאַכט. צי די לאָדנס זײַנען אָפן, צי פאַר־מאַכט, פײַפט אַהער גאַנץ כוצפּעדיק אַרײַן דער ווינט און טרײַבט צוריק דעם אוילעם צום קאַמין־פײַער, וואָס קאָן בעשום־אויפן ניט דערוואַרעמען ניט נאָר דעם כאָלאָל, נאָר אויך די פוסטקײַט — די אַמעראַצעס פון די מענטשן, וואָס א גאַנץ לעבן האַלט מען אין איין באַטלע־נען, און אָן שום קימער פאַרפולט מען די צײַט מיט פאַרלייגטע הענט. אָט דאָ ווערן געבוירן די ניט־געשטויגענע מײַסע־ניסים, די אויסגעטראַכטע קו, וואָס איז געפלויגן איבערן דאַך, און נאָך אַזעלכע ענלעכע איבערוווּנדערלעכע מײַסע שעהאָיאָס.

אָבער זעלטן ווען פאַרבלאָנדזשען אַהער אויך וואַנדערנדיקע זינגער, האָקוס־פּאָקוס־מאַכער, זשאָנגליאָרן. דאָס איז דער איינציקער ליכט־שטראַל, וואָס רײַסט זיך אַמאָל דורך די גראָב געמויערטע שטיינערנע ווענט פונעם שלאָס. זיי צעווייען א ביסל דעם פאַרדומפּענעם לאַנגווײַל מיט זייערע פרישע מונטערע קלאַנגען און פריילעך דרייסטע באַוועגונגען. ווען ס׳זאָלן נאָך זײַן אַזעלכע, וואָס זאָלן ברענגען מיט זיך א וואַסער־שטראָם אַף אָפּצושווענקען דעם שמוץ פון די ווענט און דעם קויט פון די מענטשלעכע קערפּערס!

אָט טוט זיך אויס לעבן יויעלן איינער פון די, וואָס האָבן נאָרוואָס מיט אַזאַ קעלבערנער היספּײַלעס באַוווּנדערט די עכט־ריטערלעכע שטאַרקע און שיינע ליבע צו א האַרץ־דאַמע, און אַף זײַן הוילן לײַב טראָגט ער א העמד, וואָס איז שוואַרץ און צעפוילט פון אַלטקײַט. ער איז געווינט דערצו, און ער שעמט זיך גאָרניט פאַר א ווילד־פרעמדן מענטשן עס איבערצוקערן און אַרומזוכן אַף דעם קינים און אַנדערע מינים אינזעקטן.

(סאָף קומט)

איך קום צו די פֿרײַנט

אָפּן זיבעטן הימל

ס׳קען אויסקומען עפּשער, — כ׳וויל גלאַט זיך באַרימען, —
נאָר איך בין געווען אָפּן זיבעטן הימל.
— אַהאַ! אָפּן זיבעטן? — וועט מען נאָך לאַכן, —
מיט וועלכע געקומען אַהין ביסטו שליאַכן?
צופֿוס? צי געשווומען ביסטו? צי געפֿלויגן?
— באַם יאַם האָב איך איינמאָל פֿאַרזשמורעט די אויגן —
איך ווייס ניט — פֿון גליק, צי פֿון בלויע אָנענדן,
צי גאָר פֿון קאַיאַריקער זון א פֿאַרבלענדטע,
צי עפּשער — דערהערט פֿון א ליד כ׳האָב דעם צאַפּל...
ווען בלויקײַט האָט ווידער פֿאַרפֿלייצט די שוואַרצאַפּלען,
דערפֿילט כ׳האָב, ווי האַרבלעכן דופֿט פֿונעם קימל,
אַז איך בין געווען אָפּן זיבעטן הימל.

ווי אָפּט ביזן זיבעטן שווייס כ׳פֿלעג זיך מיִען.
א וויגל געוויגט ביז ס׳פֿלעגט נעמען שאַריִען,
באַטאָג פֿון קיין רו ניט געוווּסט אַף קיין רעגע,
צומאָל ניט באַמערקט: ס׳האָט געשנייט, צי גערעגנט.
נאָר מיינט ניט — ווילד־פֿרעמדע די ווערטער מיר זײַנען:
„דעם זיבעטן קיין האָסטו, טײַערע מײַנע!"
און מיינט ניט — ניט הערן כ׳פֿלעג שוועס צעהיצטע,
די שוועס, וואָס יונגע זיי הערן נאָך איצטער.
די זיבעטע מאָס: כּיין, און שווייס, און דער הימל...
איך היט, ווי א גאָב אינעם קיִעם־געווימל,
א טרייסט: מײַנע יאָרן — און גוטע — אויך זיבן
איז אַלץ נאָך דאָס לעבן מיר שולדיק געבליבן.

איך ווייס ניט פֿאַרוואָס — נאָר אײַנמיטנדערינען —
א גראַם ניט קיין גראַם קומט אַרוף אָפּן זינען
און פֿרעגט מיך: — דו האָסט ניט געהערט דען, אַז זיבן
איז שטענדיק א ליגן, איז שטענדיק א ליגן?..
איך ענטפֿער: אָ, ניין! — וואָס זשע, כ׳וויל זיך באַרימען?
איך בין דאָך געווען אָפּן זיבעטן הימל...

מיט דיר

אָן דיר בין איך גאָרניט — מיט דיר בין איך אַלץ.
אָן דיר, ווי דאָס וואַסער וואָלט זײַן ביזן האַלדז.
מיט דיר איז אַפֿילע א יאַם ביז די קני.
אָן דיר איז א שווערע מײַן שטענדיקע
מי.

מיט דיר — זײַנען זיכער און גרינג מײַנע טריט.
אָן דיר ניט קיין מייוון בין איך אַף מײַן ליד.
אָן דיר, ווי דאָס וואַסער וואָלט זײַן ביזן האַלדז.
אָן דיר בין איך גאָרניט, מיט דיר — בין איך
אַלץ.

די רעדקאָלעגיע און די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באגריסן הארציק די דיכטערין דאָרע כײַקינע אין צוזאמענהאנג מיט איר 60־טן געבורטסטאָג.

מיר ווינטשן דאָרע כײַקינע פיל געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

ווען כ׳קום צו די פרײַנט פון מײַן יוגנט

איך קום צו די פרײַנט פון מײַן יוגנט,
ווי כ׳קום צו מײַן יוגנט אליין.
דערשרעק זיך פאר מיר ניט, מײַן יוגנט,
אנטוישט לעבן מיר בלײַב ניט שטיין.
כ׳בין פאָשעט געקומען א מידע,
דער וועג איז צו דיר — פאָלג א גאנג.
געקומען בין איך אף א רעגע,
געגאנגען צו דיר בין איך לאנג.

איך וויל, זאָלסט מיר קוקן אין אויגן,
ניט אָפווענדן וועל איך מײַן בליק.
כאָטש כ׳ווייס אף געוויס — מע זאָל קענען,
כ׳וואָלט עפעס־וואָס כאפן צוריק.
און עפעס כ׳וואָלט אָפגעבן טאקע,
וואָס איך האָב מיסטאמע געבאָרגט.
און עפשער פאר עמעצן זאָרגן,
נאָך מערער, ווי איך האָב געזאָרגט.

און טאקע... ס׳קען זײַן... ס׳קען זיך מאכן...
נאָר כ׳קום צו דיר, יוגנט, אצינד
מיט ליבע, מיט לידער, וואָס צאפלען,
ווי זעגלען אנטקעגן דעם ווינט.
מיט קינפטיקע אייניקלעך מײַנע,
מיט יענע, וואָס וועלן ערשט זײַן.
מיט קינדער איך קום, מיט אן אייניק,
איך קום מיט א טײַערן פרײַנט.

אײַ, שפעטלעך איך קום צו דיר, יוגנט?
כ׳האָב זילבער־באשפרענקלטע האָר?
איז וואָס בין איך שולדיק, וואָס יאָרן
צערינען, ווי נעפלען קאיאָר?
דערשרעק זיך פאר מיר ניט, מײַן יוגנט,
אנטוישט לעבן מיר בלײַב ניט שטיין.
איך קום צו די פרײַנט פון מײַן יוגנט,
ווי כ׳קום צו דער יוגנט אליין.

אין שלאָפלאָזע נעכט

אין שלאָפלאָזע נעכט
קומען לידער צו מיר.
מע פרעגט: „ס׳איז דיר שלעכט? —
בלײַבט דאָן איינע מיט דיר..."

און ס׳קוקט אף מיר טרײַ
יענע ליד, וואָס וועט זײַן.
איך הײַע קיין צײַט
און איך צינד אָן די שײַן.

ווערט ליכטיק ארום,
נאָר ס׳אנטלויפט ניט מײַן ליד.
זי וואַרט אף מיר שטום —
זי פארשטייט מײַן געמיט.

זי שטייט און זי זעט,
ווי א בלײַער איך נעם.
צו זיך אליין כ׳רעד,
און איך שעפטשע פארשעמט.

זי גייט ניט אוועק,
קוקט ארײַן אין פאפיר,
ס׳באפאלט מיך א שרעק —
פון דערעכערעץ צו איר.

די שרעק איך באהאלט
הינטער שלעסער א סאך.
א בלײַער איך האלט...
פליסט מײַן שלאָפלאָזע נאכט.

דעם בלײַער איך פיר...
נאָר ווי קנאפּ כ׳האָב געזאָגט.

די שויבן בא מיר
פאַרבט אין גרויען דער טאָג.

אין שלאָפלאָזע נעכט
קומען לידער צו מיר,
און אויב ס׳איז מיר שלעכט —
לאָזט מען איינע מיט מיר.

אלצײַנע בלעטער און אלצײַנע שטאמען

איך ווער אלץ מערער ענלעך אף מײַן מאמען —
אלציינע בלעטער און אלציינע שטאמען.

ס׳איז מײַן אנטדעקונג ניט פון קיין דערפינדער.
אף מאמעס זײַנען שטענדיק ענלעך קינדער.

אף יונגע מאמעס אָבער — קינדער קליינע.
דערנאָך? דערנאָך — א זקיינע אף א זקיינע.

און קיינער וועט די וועלט ניט איבערמאכן —
כאָטש וויין, כאָטש לאַך. וועל איך שוין בעסער לאכן,

און ווארטן אף דער צײַט, וואָס איז פארלאָקערט —
מײַן טאָכטער זאָל זיך אָנקוקן דערשראָקן,

אָן ענלעכע אף מיר, ווי כ׳בין אצינדער.
זי ווייסט: אף מאמעס זײַנען ענלעך קינדער.

אף יונגע מאמעס אָבער — קינדער קליינע.
דערנאָך? דערנאָך — א זקיינע אף א זקיינע.

איך וואָלט... איך וואָלט...

איך וואָלט... איך וואָלט... כ׳וואָלט כ׳וויס וווהין געפאָרן,
געפלויגן גיך, צי ווײַט צופוס אוועק.
נאָר ס׳לאָזן מיך ניט — כ׳וויס ניט, צי די יאָרן,
צי עפּשער פראָסט און פאָשעט — מײַנע טעג.

איך וואָלט... איך וואָלט... איך וואָלט זיך וועלן פרייען,
ווען ס׳רעגנט גרוי, ווען בלענדנדיק עס שנייט.
נאָר ס׳לאָזן מיך ניט יאָרן, וואָס פארגייען,
צי עפּשער גאָר א שטילע ווײַלע לייד?

איך וואָלט... איך וואָלט... די הענט כ׳וואָלט וועלן מײַנע,
ווען עמעץ פאַלט — זיי אונטערלייגן גיך.
ניט צו די גיכע יאָרן איז מײַן טײַנע,
צו מײַנע הענט — ווי קנאפּ זיי פאָלגן מיך.

איך וואָלט... איך וואָלט... ווי גוט, ווען איך וואָלט קענען
דעם „כ׳וואָלט״ פארבײַטן אף א שטרענגן „כ׳האָב״.
נאָר כ׳טו א טראכט, פארקלערט כ׳הייב אוף די ברעמען —
איך וואָלט... איך וואָלט... „איך וואָלט״ איז אויך א גאָב.

אייביק

אַז אייביק די מאַטעריע איז — איך גלויב.
מיט די געלערנטע איך קום ניט שטרײַטן.
איז עפּשער אָפּן וועג דער גרויער שטויב
גאָר ניט קיין שטויב געווען אין אַלטע צײַטן?

געוועזן ווילדגראָז, מיאַטע, צי פּאָלין,
ווײַל די מאַטעריע ווערט דאָך ניט פאַרפאַלן, —
צעמאָלט האָבן דאָס ווילדגראָז צײַט און ווינט
אָף שטויבעלעך, וואָס אָף מײַן קלייד איצט פאַלן.

צי ווען איך זע אַ כמאַרע ראָזלעך־בלוי
פאַרלוירן אינעם ווײַטן הימל שוועבן,
איך זע אָף ציטעריקע גראָזן טוי —
די כמאַרע אין איר פריִערדיקן לעבן.

און ווען עס קלאַפּט אַ רעגן אין מײַן דאַך,
און פּוצט מיר אויס מיט זילבער אַלע שויבן,
איך זע אַ סאָד, אוןביימער כ׳זע אַ סאַך,
מיט צווײַגן צו די גראָזן אָנגעבויגן.

ס׳איז אייביק די מאַטעריע. כ׳פאַרשטיי.
איר אייביקײַט איז טיף און קלוג באַשריבן.
איז וואָלט איך וועלן וויסן — און מײַן ווײ,
אין וואָס אַשטייגער וועט דערנאָך אַריבער?

איך בעט דיך, ווײ, מעגולגל ווער אין טוי,
אין גראָזן אָף די לאָנקעס, צי אין בלומען,
אַפילע אין די גרויע זײַלן שטויב,
נאָר גאָט באַהיט דיך — ווערן מענטשנס אומעט!

צוליב דעם קישעף־לייטער

אַ לייטער וועל איך בויען,
נאָר ניט אין הימל שטײַגן,
און ניט אָף בערג פאַרשנייטע,
צי אָף אַ הויכן בוים.
מײַן לייטער כ׳וועל מיט טויען
באַצירן, און מיט צווײַגן,
נאָר זאָל עס זײַן אַ לייטער
פאַר יעדן איינעמס טרוים.

דעם לייטער וועל איך בויען — ..
אַ גרינעם, ווי דער זומער,
און ווי אַ טײַך אַ ברייטן,
ווו ס׳האַלט זיך ניט קיין בריק.

אָנשטאָט די צוועקעס בלויע,
כ׳וועל נעמען רעגעס אומעט,
נאָר זאָל עס זײַן אַ לייטער
פאַר יעדן איינעמס גליק.

און אויב ס׳וועט עמעץ קלערן:
ווו וועט איר קויעך סטײַען?
איר לעבן — טעג צעזייטע,
ווי זוימען אין אַ פעלד...
כ׳וועל בעטן מיר ניט שטערן
צו קלײַבן פונקען פײַער.
צוליב דעם קישעף־לייטער
איך לעב דאָך אָף דער וועלט!

שירע גאָרשמאַן

כאַנעס שאָף און רינדער

(דערציילונג. צווייטער טייל)

ווען נעכעמיע וואָלט איינצײַטיק געקאָנט זײַן אין מאָסקווע און אין דער קאָמונע, וואָלט ער געוועזן געפּלעפּט דערפון, וואָס כאַנע איז אַזוי פאַרביטן געוואָרן: איר פּאָנעם, אירע באַוועגונגען, איר שטימע איז ווי אויסגעלאָשן. זי האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך, עס האָט ניט איין מאָל געטראָפן, אַז די שטאַל־אַרבעטער פרעגן עפּעס און זי ענטפערט ניט, זי הערט ניט זייערע ווערטער. עס זײַנען געווען טעג, אַז ווען ניט די אַרבעט, וואָלט כאַנע זיך ניט אויפגעהויבן פון געלעגער. דער סטעפּ, דער הימל האָבן ניט געוועקט איר פרייד, ווי אַמאָל, פאַרקערט, באַם באַטאָגיקן געמעלק האָט זי די אויגן ניט אויפגעהויבן צום הימל, אַזוי גלײַכגילטיק האָט איר אויסגעזען די בלויע קלאָרקײַט, די זון, וואָס האָט ווי פריִער געשײַנט און געבלענדט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט נעכעמיעס אומגעוואַגטע פראַגע: „כאַווערטע בריגאַדיר, עפשער קאָנט איר דאָ פאַרהאַלטן די טשערעדע?", און גלײַך דערנאָך ווידער דער באַלויכטענער סטעפּ, ווידער די בעהיימעס, ווידער די אַלטעגלעכקײַט...

באַ די סילאָס־טורעמס, אין הויף פון קאָמונע, באַם ברונעם האָט כאַנע שטענדיק גע־וואַרט — אָט־אָט וועט ער אונטערקומען. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס איז אַוועק אַן אייביקײַט, זינט ער איז אַוועקגעפאָרן. אינדערעמעסן זײַנען אַוועק קאַרגע צוויי וואָכן, זינט זי האָט אים באַגלייט קיין סאַקי.

יענער טאָג טרעט ניט אָפּ פון איר, זי הערט נאָכאַנאַנד דער אומבאַקאַנטערס ווערטער: „שוועסטערקע, ביסט א גליקלעכע באַבע, כאַפּ דאָס גליק פאַר דער פּאָלע, לאָז עס ניט אַרויס פון דײַנע הענט!", „כאַפּ" — טראַכט כאַנע — „ווּ איז ער? געוויס מאָלט ער, און ער איז אַזוי אַרײַנגעטאָן אינדערוף, אַז ער האָט ניט אין זינען אָנצושרײַבן עטלעכע ווערטער..."

עס איז גוט, וואָס נעכעמיע איז ווײַט פון כאַנען, וואָרעם קוים וואָלט ער געווען דאָ, וואָלט ער געדאַרפט אויסהערן ביטערע ווערטער. מיט א פּאָר טעג צוריק, בייס כאַנע איז נאָך וואַרמעס אַרויסגעגאַנגען פון עסצימער, האָט זי אָפּגעשטעלט דער פּאָרזיצער.

— האָסט ניט קיין בריוולעך? פאַרשטייסט, ער איז א אינטעליגענט, א פאַרנומענער מענטש. ער האַלט ניט פון אַזעלכע קלייניקײַטן.

— האָב קיין יעסורים ניט, איך וועל קריגן בריוו. איך בין דיר זייער דאַנקבאַר, וואָס דו טרייסט מיך, — האָט כאַנע געזאָגט און האַסטיק אַוועקגעגאַנגען צו דער פערד־שטאַל — עס איז געווען די צײַט פון באַטאָגיקן געמעלק.

אָנגעזאָטלט באַרעכן, איז זי אַוועקגעריטן אין סטעפּ. ווי אַלעמאָל, אויסגעמאָלקן די קי, געהייסן די פּאַסטעכער טרײַבן די טשערעדע צו די באַלקעס, און דערנאָך אַוועקגעריטן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. ווען דאָס פערד וואָלט געקאָנט ריידן, וואָלט עס געוויס כאַנען געזאָגט האַרציקערע ווערטער, איצט האָט עס עטלעכע מאָל א הירזשע געטאָן, אויפגעפּעכערט דעם עק,

---

זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 7, 1973.

מיט א טלאַ פונעם פּאַדערשטן פוס א גראַב געטאָן די ערד און אוועק גאַלאָפּ, ווי עס וואָלט מיט דעם געוואָלט צעשטרייען כאַנען.

אָבער יענעם טאָג איז כאַנען ניט אויסגעקומען צו פאַרגרינגערן איר געמיט. ביז פאַרנאַכט איז זי ארומגעריטן אין סטעפּ, זי איז אויך צוגעפאָרן א קוק טאָן, ווי די בעהיימעס פּיטערן זיך. שוין שפּעט פאַרנאַכט, ווען עס איז קיל געוואָרן, איז זי אוועקגעריטן צו דער קאָמונע. „סטאָי!" — האָט זי דערהערט א שטילן באַפעל. זי האָט ניט געזען דעם, ווער עס האָט איר געהייסן זיך אָפּשטעלן, אָבער זי איז לאַכלוטן ניט געניגט געווען צו פאָלגן. זי האָט אָנגעצויגן דאָס צײַמל און אזוי געפּויקט מיט די פּיס באַרעכס זײַטן, אז ער איז אוועק. אָבער יענער, וואָס האָט געשריִען „סטאָי!", האָט כאַנען דעריאָגט און איז, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגע־וואַקסן לעבן „באַרעכס" מאָרדע. ער האָט מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט דאָס צײַמל און שטיל געזאָגט: — „סלעזײַ!". כאַנע האָט זיך אײַנגעבויגן, אָפּגעריסן דעם מענטשנס הענט פונעם צײַמל, און באַרעך איז ווידער אוועק, ווי א ווינט. זי האָט אָבער געהערט, ווי יענער איז נאָכ־געלאָפן און געשריִען:

— דאָס פערד וועט זײַן מײַנס! עס איז געווען מײַנס און וועט עס זײַן! א פּאַסקוד־ניאַק האָט אַף מיר אָנגערעדט, מע האָט מיך אַרויסגעשיקט, ווי א באַלעגוף. אָבער איצט בין איך ווידער דאָ!

בײַס כאַנע איז צוגעריטן צו דער פערד־שטאַל, האָט שימקע געפרעגט:

— כאַנטשע, וואָס האָט געטראָפן? דו האָסט דאָך קיין בלוט־טראָפּן ניט אין דער צורע.

— גאָרניט. באַרעך האָט זיך א ביסל צעיאָגט, — האָט כאַנע געזאָגט און איז אוועק צו דער קו־שטאַל.

די מעלקערנס האָבן אויך באַמערקט, אז כאַנע איז צעטראָגן.

— ביסט ניט געזונט? — האָט טויבקע געפרעגט.

— וואָס פעלט דיר אײַן? איך בין פּאַשעט פאַרמאַטערט.

— מיר האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס דו ביסט ניט געקומען צו דער צײַט, מיר מעלקן שוין די דריטע קו.

— קיין בייז ניט, כ'וועל אײַך דעריאָגן, — האָט כאַנע קימאַט רויִק געזאָגט.

נאָך וועטשערע איז כאַנע געגאַנגען מיט כאַיעלען און זי האָט איר דערציילט, וואָס עס האָט געטראָפן.

— ס'קאָן זייער זײַן, — האָט כאַיעלע געזאָגט, — ווינציק אויסוווּרפן זײַנען דאָ?! עס האָט זיך געפונען אזעלכער, וואָס האָט אים געמאַסערט. און דאָס פערד איז טאַקע געווען זײַנס, — האָט כאַיעלע ערנסט געזאָגט. — פאַרגעס וועגן דעם, — האָט זי צוגעגעבן.

אָבער פאַרגעסן האָט עס כאַנע ניט געקאָנט. א גאַנצע נאַכט האָט זי קיין אויג ניט צוגע־מאַכט. עס איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן דער מענטש אין צעפליקטן וואַטניק, מיט א נאַ־קעט־האָריקער ברוסט, און זי האָט געהערט זײַן שטילן באַפעל — „סלעזײַ!".

נאָכן אינדערפרײַיקן געמעלק איז זי אוועק צו דער פערד־שטאַל. זי האָט גלײַך דערזען, אז באַרעך איז אַף זײַן שטענדיקן אָרט ניטאָ. לעבן דער שטאַל איז שימקע איר אַנטקעגן געקומען.

— דו האָסט עמעצן געגעבן באַרעכן?

— א נײַע נײַס. כ'האָב געמיינט, דו האָסט אים גענומען. אָבער ווען כ'האָב דערזען, אז דער זאָטל ליגט אַף אַן אָרט, האָב איך פאַרשטאַנען מײַן טאָעס.

— דריי מיר ניט קיין קאָפּ, דו האָסט דאָך אים עמעצן געגעבן.

— דריי יאָ, דריי ניט. ס'האָט גענומען טאָגן בין איך אוועק עפּעס איבערבײַסן, איך קום צוריק — באַרעך איז ניטאָ!

— ביז דו ביסט געגאַנגען איבערבײַסן איז ער יאָ געווען?

— וואָס פרעגסטו אזוינע קאַשעס?

— כ'ווייס, אמאָל כאַפּט מען א דרעמל?

— אמאָל כאַפּט מען און דאָס מאָל ניט. מע דאַרף מעלדן אין מיליציע. נאָר מיר ווײַזט זיך אויס, אז מע קאָן אָנשיטן זאַלץ אַפן עק.

— מירן זען, — האָט כאַנע באַמערקט, אָבער זי האָט גוט פאַרשטאַנען, ווער עס האָט אוועקגעפירט באַרעכן.

דאָס פערד איז ווי אין וואַסער אַרײַן. צום באַטאָגיקן געמעלק איז כאַנע געפאָרן מיט די איבעריקע מעלקערנס אין דער מאַזשאַרע. אלע האָבן גערעדט וועגן דער גנייווע, כאַנע האָט געשוויגן. כעווער, מיט וועלכער כאַנע האָט געוווינט אין איין צימער, איז אַרײַנגעלאָפן מיט א קאָנווערט אין דער אופגעהויבענער האַנט. זי איז צוגעלאָפן צו כאַנען, האָט אויסגעשריִען: —

„אַ בריוו פאַר דיר!‟ כאַנע האָט שטיין געלאָזן די טעלער, געגומען דעם בריוו און איז אַוועק צו די סילאַס־טורעמס. דאָס האַרץ אירס האָט אַזוי געצאַפּלט, אַז זי האָט קוים אופגעריסן דעם קאָנווערט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן אונטערשטן טרעפּל פונעם ערשטן שטאָק, וואָס האָט געפירט צו די באַלקאָנטשיקעס פונעם סילאָס־טורעם, פאַרמאַכט די אויגן און אַזוי אַ ביסעלע געזעסן, דערנאָך ערשט אַרויסגענומען דעם בריוו פון קאָנווערט.

„מײַן וווּנדער, מײַן לעבן, מײַן כאַנוקעלע! אָט איז הײַנט דער צוועלפטער טאָג ווי איך בין אַליין. איך האָב זיך אַפילע ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך זאָל אַזוי בענקען. די אַרבעט פאַלט פון מײַנע הענט. און אַרבעטן דאַרף מען דאָך. נעכטן בין איך שיר ניט אַוועק אַפן קורסקער וואָקזאַל קויפן אַ בילעט, אָבער איך האָב דאָס ניט געטאָן, און כ׳האָב זיך פונדעסטוועגן גע־זעצט אַרבעטן. איך האָף, אַז אָנהייב נאָיאַבער וועל איך ענדיקן די באַשטעלונג, און אין אַפּ־רעל וועל איך קומען דיך נעמען מיט די קינדער. איצט איז סאָף סענטיאַבער, צייל מיט מיר אײנײנעם: אָקטיאַבער, נאָיאַבער, דעקאַבער, יאַנוואַר, פעוורואַל, מאַרט! אַפּרעל צייל ניט, ווײַל די ערשטע וואָך פון אַפּרעל וועל איך אַרויספאָרן צו דיר. איצט הער מיט קאָפּ. איך האָב פאַר מײַן אַוועקפאָרן אונטער דײַן מאַטראַץ געלאָזט פאַר דיר אַ דין ביכעלע, דאָס רופט זיך אַק־רעדיטיוו. ווען דו וועסט זײַן אין סאַקי, זאָל דאָס ביכעלע זײַן מיט דיר. וועסט אַרײַנגיין אין סבעראַקאַסע, וועט מען דיר דאָרט געבן אַ פּאַפּירעלע, וועסט פרעגן, וויאַזוי מע דאַרף עס אָנ־שרײַבן. דערנאָך וועסטו אַוועקגעבן דאָס קוויטעלע און מע וועט דיר געבן געלט. דער אַקרע־דיטיוו איז אַף דרײַ הונדערט רובל. קאָנסט מיט דעם טאָן וואָס דו ווילסט, נאָר איך אײַצע, דו זאָלסט קויפן אַ וואַטניק, שיך און אַ וואַרעם שאַלעכל. איך האָב דיר ניט געגעבן דעם אַקרעדי־טיוו אין האַנט, ווײַל איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט ניט נעמען. איך בין דאָך זיכער, אַז דו האָסט מיך ליב, וועסטו טאָן, ווי איך בעט דיך. אין קרים איז שוין אויך געוויס קילבלעך, און דו ביסט באָרוועס און נאַקעט. אין דעם בריוו האָב איך אַרײַנגעלייגט אַ קאָנווערט מיט מײַן אַדרעס. שרײַב מיר גלײַך אָן. איך האָב דאָ אין מאָסקווע באַקאַנטע יידישע שרײַבער, רייד איך מיט זיי יידיש. איך האָב אַפילע אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער און געוויזן דאָבראָשינען. דו דאַרפסט אים קענען, ער איז דאָך מיט נאָך שרײַבער געווען אין קאָמונע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען דיך. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז איך שרײַב יידיש גאַנץ פײַן, נאָר איך דאַרף ניט אַרײַנמישן אַזויפיל רוסישע ווערטער. איך בעט דיך זייער, זאָלסט גלײַך אָנ־שרײַבן. איך קוש דיך אַ סאַך מער ווי דאַן, ווען איך בין געווען מיט דיר. איך קאָן ניט לעבן אָן דיר, מײַן קינד, מײַן „פּרעלעסט‟. אין צווייטן בריוו וועל איך דיר אָנשרײַבן, וואָס איך טראַכט צו טאָן, אַז דו זאָלסט וואָס גיכער מיט די קינדער זײַן מיט מיר. דײַן עלנטער נעכע־מיע‟.

פאַרשטייט זיך, אַז כאַנע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו ניט איין מאָל. זי האָט זיך מאַ־מעש דערשראָקן, ווען זי האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטײַט דאָס וואָרט אַקרעדיטיוו. און גלײַך האָט זי באַשלאָסן, וואָס זי וועט טאָן. אַף מאָרגן האָט כאַנע גראַד געדאַרפט זײַן אין סאַקי. געקומען אַהין, האָט זי מיט פיאָדער פעטראָוויטשן געמאַכט דעם כעזשבן פאַר דער מילך און ער האָט צוגעזאָגט, אַז סאָף וואָך וועט דער קוראַרט אַריבערשיקן דאָס געלט אין באַנק אַף דער קאָנטע פון קאָמונע. ער האָט אויך, ווי אַלעמאָל, אײַנגעלאַדן כאַנען אַף מיטיק. זי האָט זיך אָבער, ווי שטענדיק, אָפּגעזאָגט. ער האָט דערפילט, אַז כאַנע איז עפּעס צערודערט. האָט ער איידל, אַף זײַן שטייגער, ניט געפרעגט, נאָר ווי באַמערקט:

— מיר דוכט, אַז איר זײַט עפּעס אומרויק.

— איר האָט קיין טאָעס ניט, הײַנט בין איך געקומען צופוס.

— די פאַרוואַלטונג האָט צוגענומען דאָס פערד?

— דאָס פערד האָט מען צוגעגאַנוועט.

— איר האָט געמאָלדן אין מיליציע?

— יאָ, דערווײַל האָט מען קיין שפּורן ניט געפונען.

— איר זײַט עמעצן כוישעד?

— ניין.

— אַ טשיקאַווע געניוועט. מער האָט דער גאַנעוו גאָרנישט ניט געגומען?

— אַפילע קיין צײַמל ניט, קיין זאָטל ניט, כאָטש דאָס אַלץ ליגט הינטערן וועגטל, אַ שפּאַן פון דאָרטן, ווו די פערד שטייען, — האָט כאַנע געזאָגט.

— ס׳איז ניט גרינג צו וויסן, ווער דאָס האָט געטאָן, אָבער די צײַט איז זייער אומרויק, דאָ דרייען זיך אַרום אַנטלאָפענע פון פאַרשיקונג. עס זײַנען געווען פאַלן, ווען מע האָט פאַר־שיקט ניט קיין באַלעגופים אויך. קאָן זײַן, אַז איינער פון זיי האָט עס געטאָן.

— פונוואַנען ווייסט איר, פיאָדער פּעטראָוויטש, אַז דאָ דרייען זיך אַרום אַזעלכע? און צי דען זײַנען טאַקע געווען אַזוינע טאָעסן?

— אַז איך זאָג, ווייס איך. און איר, כאַנע דאַווידאָוונע, זײַט שוין אויך ניט קיין קינד, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז אין יעדן דאָרף געפינט זיך אַזאַ איינער, וועמען עס געפעלט דעם שאָכנס שטוב, דעם שאָכנס געשפּאַן. שרײַבט ער אָן, וואָס ער וויל, און יענער איז שוין ווײַט פון דאָרף. די צײַט איז זייער און זייער הארב. ביז די נײַע אָרגאַניזירטע קאָלווירטן וועלן אַרײַן אין דער קאָליע, דאַרף געדווערן, — האָט פיאָדער פּעטראָוויטש ערנסט געריגדט.

ווי כאַנע איז ניט געווען צערודערט פון זײַנע ווערטער, האָט זי דאָס ביכעלע ניט פאַר־געסן. זי האָט עס אַרויסגענומען פון אונטער דער פאַטשיילקע און עס אים דערלאַנגט, ווי עפּעס אַן אומציכטיקע זאַך. ער האָט באַטראַכט דאָס ביכעלע, פאַרוואונדערט אָנגעקוקט כאַנען און גע־זאָגט:

— איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס גיט איר עס מיר?

— אַ מענטש, מיט וועלכן איך האָב זיך די לעצטע צײַט נאָענט באַקאַנט, האָט עס מיר איבערגעלאָזט, אָבער איך קאָן עס ניט נעמען. איר פאַרשטייט, איך ווייס ניט, וויאַזוי דאָס אָפּ־צושיקן און איך האָב פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט, אַז עמעצער פון די קאָמונאַרן זאָל וויסן וועגן דעם. האָב איך אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט אַזוי גוט זײַן און צוגיין מיט מיר אויף פּאָטשט דאָס אָפּשיקן.

— דעם אַדרעס האָט איר?

— יאָ.

— גייען מיר.

אָפּגעשיקט דעם אַקרעדיטיוו מיט אַ רעקאָמענדירטן בריוו, פאַר וועלכן דער פאַרוואַלטער פון קוראָרט האָט באַצאָלט, איז כאַנען אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

— איך בין אײַך אַזוי דאַנקבאַר, איר קאָנט זיך דאָס גאָר ניט פאָרשטעלן. עס איז מיר אָבער...

— כאַנע דאַווידאָוונע, איך פאַרשטיי אײַער „אָבער". מײַנע עטלעכע קאָפּעקעס? דאָס איז אַ קלייניקײַט. איך ווינטש אײַך, איר זאָלט אַלעמאָל זײַן אַזאַ, ווי איר זײַט, און ווײַטער איז גאָרנישט ניט וויכטיק.

— זײַט געזונט, איך מוז לויפן. ביז וואָס־ווען וועט זײַן צײַט צום אָוונטיקן געמעלק, ווײַל איצטער בין איך דאָך אַ פוסגייערן.

כאַנע איז טאַקע געקומען צו דער צײַט. נאָכן אָוונטיקן געמעלק, ווען מע האָט געענדיקט די אַרבעט אין דער קו־שטאַל, איז זי אוועקגעגאַנגען אין קינדערהיים. פאַרבראַכט מיט די קינדער העכער אַ שאָ, און דערנאָך אַוועק צום סעקרעטאַר פון דאָרפסראַט. ער האָט איר אָנט־לײַען טינט־און־פעדער, אַ צוויי זײַטעלעך ריין פּאַפּיר און אַן אַלטע צײַטונג.

— קאָנסט זיך אַ ביסל צולייגן אין קעלבער־שטאַל, — האָט זי געזאָגט צום נאַכט־סקאָט־ניק, — דאָרטן האָט מען געבראַכט פרישע שטרוי. — ווען דער נאַכט־סקאָטניק איז אַוועק כאַפּן אַ שלאָף, האָט כאַנע אויפגעזוכט אַ ברעטל און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון אַ קאָרעטע, אַנטקעגן דער שײַן פון לאַמטערן. די צײַטונג האָט זי פאַרשפּרייט אויפן ברעטל, גוט אָפּגעווישט די הענט מיטן פאַדאָלעק פון סאַראַפאַן, אויף דער צײַטונג אַוועקגעלייגט די ריינע זײַטעלעך פּאַפּיר, וואָס דער סעקרעטאַר האָט איר געגעבן, און זי האָט גענומען שרײַבן.

„נעכעמיעלע, נעכעמיעלע! דײַן בריוו האָט מיך זייער דערפרייט, מײַן טײַערער. אָבער נאָך מער וואָלט איך זיך געפרייט, ווען איך קריג אים פריִער. עס טרעפט דאָך אַפילע, אַז מע קלאַפּט אַ טעלעגראַמע בייס מע פּילט ווי יענער קימערט זיך. עלף טעג, ווי איין שאָ, האָב איך געוואַרט. מער זאָלט איר אַזוי קיינמאָל־קיינמאָל ניט טאָן! איך זאָג „איר", ניט „דו", וואָ־רעם אַ ווילד־פרעמדער מענטש האָט זיך מיט מיר אַזוי געקאָנט באַגיין! איצט דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז איך האָב אָפּגעשיקט דאָס ביכעלע, ווי איר רופט דאָס, דעם אַקרעדיטיוו. ווי איר וועט עס קריגן, זאָלט איר מיר גלײַך אָנשרײַבן. איך וווּנדער זיך, ווי אײַך איז דאָס אײַנגעפאַלן. ווי איז אײַך אַזוינס געקומען אויפן זינען? צי דען ווייסט איר ניט, אַז איך בין רײַך, צי דען פאַר־שטייט איר ניט, אַז רײַכער וויל איך ניט זײַן?.. פאַרוואָס שרײַבט איר מיר ניט, וואָס פאַר אַ זאַקאַז איר מאַכט? איר מיינט, אַז איך וועל ניט פאַרשטיין? זאָג איך אײַך, אַז איר האָט אַ טאָ־עס. שרײַבט מיר אָן גענוי, וואָס און פאַר וועמען איר מאַכט אים, וועל איך גלײַך פאַרשטיין. איצטער וויל איך אײַך דערציילן, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן, ניט מיט מיר אַליין, מיט מיר און מיט די שעפסן. יענע וואָך בין איך געווען אין סטעפּ, די שעפסן האָבן זיך גראָד געפּיטערט ניט ווײַט פון די קי. פּלוצעם האָבן שוואַרצע וואָלקנס פאַרדעקט דעם גאַנצן הימל און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ שטורעמווינט, אַז די קי האָבן אָנגעהויבן רעווען און די שאָף האָבן אויך

ניט געשוויגן. מיטן קוק האָט אַ פּלייץ געטאָן אַ רעגן, עס האָט געגאָסן עמערוויַז, און די שעפּסן האָבן זיך אַלע ווי איינער געלאָזט אין אַ מוירעדיק געלויף. אַלע טשאַבאַנעס, די פּאַסטעכער און איך האָבן די שאָף ניט געקענט אָפּהאַלטן. ביז דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט. אַלע זיַנען מיר געקומען אין קאָמונע דורכגעווייקט ביזן לעצטן פאָדעם. אַ פּאָר צענדליק שאָף זיַנען צעטראָטן געוואָרן, אָבער דאָס האָב איך דערזען ערשט אַף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אין סטעפּ צום באַטאָגיקן געמעלק. איך האָב נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט געזען און איך האָב ערשט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מע זאָגט: נאַריש, ווי אַ שעפּס.

וויַטער בין איך זייער אין קאַס, וואָס איר שריַבט מיר עפּעס מאָדנע, רעכן ניט דאָס, רעכן ניט אַפּרעל, איַך איז גרינג צו זאָגן, אָבער מיר איז יעדער טאָג, ווי די זיבן יאָר, וואָס יאַנקעוו האָט זיך געפּיַניקט באַ לאַוואַנען. איר ווייסט געוויס ניט, וואָס דאָס איז, ווער איר פרעגן באַ דאָברושינען, ער וועט איַך שוין זאָגן. געוויס קען איך אים, און איך געדענק אים, גריסט אים פונמיַנעטוועגן גאָר הארציק. איך גיי אַרום, ווי אַ כוילע. איך בענק אַזוי, אַז איך קען איַך דאָס גאָר ניט זאָגן. כוץ דערוף האָב איך גרויס הארצווייטעק, מע האָט צוגעזאָגט באַרעכן. ווען מיר וועלן זיך זען, וועל איך איַך דערציילן, וואָס און וויאַזוי. איך וואַרט מיט אומגעדולד אַף איַערע בריוו, זאָל זיַן קנאַפּער „טיַערע, פרעלעסט״, אַבי אָפּטערע סימאָנים, אַז איר ווייסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. איַער עלנטע גינציקע כאַנע״.

ווי נאָר כאַנע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם בריוו אין פּאָטשט־קעסטל באַ דער קאָנטאָר, האָט זי שוין גענומען וואַרטן אַף אַן ענטפער. איר גליק איז געווען, וואָס די אַרבעט האָט זי אונטערגעיאָגט און פון גאַנצן מעסלעס איז איר געבליבן אַ פיר־פינף שאָ אַף צו שלאָפן. דערוויַל איז אין קאָמונע געשען אָט וואָס: מע האָט אַראָפּגענומען דעם אַלטן פאָרזיצער און מע האָט צוגעשיקט אַף זיַן אָרט אַן אַנדערן. די קאָמונאַרן האָבן געשמועסט, אַז מע האָט יענעם אַראָפּגענומען דערפאַר, וואָס עס האָט אים ניט געאַרט ווי די קאָמונאַרן לעבן. וועגן ניַעם פאָרזיצער האָט מען דערציילט פּילע־פּלאָ:מדיקע מיַסעס. די קאָמונאַרן פון פעלד־בריגאַדע האָבן געזאָגט, אַז דער ניַער פאָרזיצער ווייסט ניט דעם כילעק צווישן האָבער און ווייץ. שיפּרעלע די מעלקערן האָט דערציילט אין עסצימער, אַז דער ניַער פאָרזיצער איז אַריַנגעגאַנגען אין שטאַל, באַקוקט די בעהיימעס, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו די ביקעס און זיך געוווּנדערט, וואָס זיי האָבן אַזוינע קליינע איַטערס. די קאָמונאַרן האָבן געלאַכט ביז טרערן. מע האָט געלאַכט און זיך געוווּנדערט, וואָס מע האָט גראָד צוגעשיקט אַזאַ מענטשן, מע האָט זיך דערווּסט, אַז אין סימפּעראָפּאָל איז ער געווען אַ דירעקטאָר פון אַ שניַדער־פאַבריק. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז שוין גאָר ניט אַזאַ לויַ־יוצלעך, ער האָט אָנגעהויבן באַנעמען עפּעס אין דער באַלעבאַטישקיַט, און דאָס אויסקומעניש אין דער קאָמונע איז געוואָרן גאָר אַנדערש. כאַנע וואָלט זיך איצט ניט געדאַרפט שעמען פאַר געסט. דאָסמאָל האָט זי אַף קיין בריוו לאַנג ניט געוואַרט. נעכעמיע האָט געשריבן:

„מיַן טיַערסטע, מיַן איינציקע כאַנוקע, כ׳האָב געקראָגן דעם אַקרעדיטיוו און דיַן בריוו. איך האָב געקאָנט וואַרטן אַף אַ סאַך זאַכן, נאָר אַף אַזוינס?.. איך האָב דאָך געוואָלט, דו זאָלסט זיַן וואַרעמער אָנגעטאָן, און דו זאָלסט ניט גיין באָרוועס. וואָס זשע קאָן איך מיט דיר טאָן? דיַן גליק איז, וואָס איך קאָן אַף דיר ניט זיַן באַרויגעז, אָבער מיך האָסטו ניט געטאָרט אַזוי באַליידיקן. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט מיַן וויַב און איך בין דיַן מאַן. לאָזט זיך אויס, אַז איך האָב געהאַט אַ טאָעס. ווען איך וועל קומען אין קאָמונע, וועל איך דיר גוט אָנבייקערן די ביינער דערפאַר. און גענוג וועגן דעם. דו פרעגסט, וואָס פאַר אַ זאַקאַז איך מאַך, איך מאַך איליוסטראַציעס צו אַ רוסיש לערנבוך. איך וועל שוין אינגיכן אָפּגעבן די אַרבעט. גליַך האָב איך דיר ניט געשריבן פאָדראָבנע, וויַל איך האָב געמיינט, אַז דאָס אינטערעסירט דיך ניט. איצט וועל איך דיר שטענדיק שריַבן וועגן אַלץ. און דו, מיַן „פרעלעסט״, זאָלסט מיר אויך שריַבן מערער וועגן זיך און וועגן די קינדער, וועגן די קי און וועגן די שעפּסן מעגסטו מיר אויך שריַבן. וואָס האָב איך געדאַרפט פרעגן באַ דאָברושינען? כ׳האָב דאָך געלערנט כומעש! און אַז דו האָסט אָנגעשריבן וועגן יאַנקעוון, האָב איך זיך דערמאָנט די גאַנצע מיַסע. לאָוואָן איז געווען אַ פּאָדלעץ, ניט גענוג וואָס ער האָט עקספּלואַטירט יאַנקעוון, האָט ער אים נאָך אונטערגערוקט זיַן טאָכטער לייע מיט די קראַנקע אויגן, אָבער מיך וועט קיינער ניט אָפּנאַרן. און די, וועלכע איך האָב מיר אויסגעקליבן, וועט זיַן מיַנע אַף אייביק. ניט אַזוי, מיַן לעבן? איצט דאַרף איך דיר זאָגן, אַז איך האָב גענומען נאָך אַ זאַקאַז. וויַל ווען איך וועל דיך מיט די קינדער נעמען אַהער, וועט דאָס געלט ניט איבעריק זיַן. אומזיסט מיינסטו, אַז איך האָב ניט געווּסט, ווי רײַך דו ביסט, פאַרקערט, דו וועסט נאָך מיר געבן פון דיַן רײַכקיַט. ווען איך וואָלט ניט געווּסט, ווי רײַך דו ביסט, וואָלסטו מיַן וויַב ניט געוואָרן. איך האָב גענומען דעם צווייטן זאַקאַז דערפאַר, וואָס עס קאָן טרעפן, אַז אַ לענגערע ציַט זאָל איך קיין באַשטעלטע

ארבעט ניט האָבן. ליידיק וועל איך ניט זיצן. ווי איך האָב געארבעט אין קאָמונע, געדענקסטו? אזוי קאָן איך ארבעטן אויך דאָ. עמעס, דאָ זײַנען ניטאָ קיין קי, און קיין סטעפּ, אָבער עס זײַנען דאָ מענטשן, שטיבער, גאסן — און דאָס איז אויך נאטור. איך מיין, אז דו פארשטייסט, ווי וויכטיק מײַן ארבעט איז פאר מיר. איך דארף נאָר צוגעבן, אז וויכטיקער און ערנסטער פון מײַן ארבעט איז אַף דער וועלט פאר מיר גאָרנישט ניטאָ! און איך וויל, אז דו זאָלסט עס וויסן. אָט איז שוין באלד סאָף אָקטיאבער, באלד וועלן זײַן די נאָיאבער־יאָמטויווים, פאר מיר ציִען זיך אויך די טעג זייער לאנג און נודנע. ווי דערלעב איך שוין די מינוט, איך זאָל ארויס פון וואגאָן באם סאקער וואָקזאל און איך זאָל דיך ארומנעמען. איך שיק דיר ארויס א ביסל געלט, וועסט קויפן פאר די קינדער וואָס דו ווילסט, פאר זיך זאָלסטו גאָרניט קויפן, גיי באָרוועס! דאָברושין האָט געבעטן, איך זאָל דיר איבערגעבן א גרוס, מײַן איינציקע, מײַן ליבסטע מאדאם ראָטשילד! דײַן נעכעמיע".

כאנע האָט טאקע געקראָגן דאָס ביסל געלט פון נעכעמיען, און אזויווי די נאָיאבער־טעג האָבן זיך שוין צוגערוקט, האָט זי געקויפט צוקערקעס און זי האָט צעטיילט צווישן קינדערהיימס פון קאָמונע און דעם קינדערהיים פון קאָלווירט „ייִדישער פויער". דאָרטן האָט כאנען קיין ארבעט אויך ניט געפעלט, ווער רעדט נאָך איצט, ערעוו יאָמטעוו. דער נײַער פאָרזיצער האָט פון ערגעץ געבראכט ברעטער, מע האָט געמאכט פּאָדלאָגעס אין עסצימער, ער האָט אויך פון ערגעץ געבראכט צעראטעס אַף די טישן. מע האָט געקוילעט זעקס שאָף, וועלכע וואָלטן בעמיילע ניט לאנג באלעסטיקט די זינדיקע ערד. אַף יאָמטעוו האָט דער בעקער אויסגעבאקן אזעלכע גרויסע געפלאָכטענע קוילעטשן, אז מע האָט זיי געבראכט אין עסצימער אַף נײַע טראָג־ברעטלעך. מע האָט אויך געקראָגן אין יעווּפּאטאָריע צאפּלדיקע קאמבאלעס. און די קעכן האָט געמאכט עמעסע געפילטע פיש. כאיעלע די גערטנערן האָט געגעבן די לעצטע אויסגעקרימטע בלייכע אוגערקעס. ס'זײַנען אויך געקומען געסט פון דער קאָמונע „רויטע גווארדיע". זיי האָבן געבראכט א גוזמע היימישן כאזער־ווורשט און צוויי היפּשע פעסעלעך ווײַן. פיאָדער פעטראָוויטש איז אויך געקומען. ער האָט געבראכט גרויסע קרענץ טרוקענע בייגל, פולע טוטלען מיט צוקערקעס און א קאסטן עפל פארן קינדערהיים. נאָך די ערשטע רעדעס וועגן די דערפאָלגן פון ראטנלאנד און וועגן קראך פון קאפּיטאליזם האָט פיאָדער פעטראָוויטש אָנגעזאָגט, אז ער האָט געבראכט שטיוול פאר דער שטאל־בריגאדע. ער האָט אויך געפונען פאר נייטיק צו זאָגן, אז אזויווי ער קען כאנע דאווידאָווונע מער ווי אנדערע קאָמונארן, גיט ער איבער די דאנקבארקײַט צו איר און צו דער קאָמונע פאר דער מילך, וואָס איז גענוג פעט און איז נאָך קיין איין מאָל ניט זויער געוואָרן פאר די גאנצע צוויי יאָר זינט דער קוראָרט אין סאקי באקומט מילך.

נאָך דער פײַערלעכער פארזאמלונג איז אוועק די יאָמטעוודיקע וועטשערע. אזוינע געגרייטע טישן האָבן די קאָמונארן ניט געזען אַף די געוועזענע יאָמטויווים. די געפלאָכטענע קוילעטשן, די געפילטע פיש, דער פעטער כאזער־ווורשט האָבן געצויגן צו זיך די קאָמונארן, ווי מיט צוואנגען. די וועטשערע האָט זיך פארצויגן ביז ווײַסן טאָג ארײַן און בייס כאנע האָט באגלייט פיאָדער פעטראָוויטשן, האָט ער זיך צו איר אראָפּגעבויגן פון וועגעלע און געפרעגט:

— איר האָט געלייענט אין צײַטונג דאָס ארטיקל „קאָפּשווינדל פון דערפאָלגן"?

— יאָ.

— איצט וועלן ניט ווינציק אראָפּפליִען פון די ערטער, — האָט ער ערנסט באמערקט.

אין פלוג האָט כאנע ניט פארשטאנען זײַן מיין, נאָר דערנאָך האָט זי עס גוט באנומען...

נאָכן אינדערפריִקן געמעלק האָט כאנע זיך געזעצט שרײַבן א בריוו.

„די ערשטע זאך וויל איך אראָפּנעמען פון דײַן הארצן די שטיינער, מײַן טײַערער, מײַן איינציקער נעכעמיעלע. דו זאָלסט וויסן, און וויסן זײַן, אז בייס איך וועל קומען צו דיר, וועל איך ניט זיצן און ווארטן ביז דו וועסט פארדינען. דו האָסט דאָך געזען מיט דײַנע אויגן, אז איך בין ניט ניט קיין פוילערקע, אין מאָסקווע זײַנען טאקע ניטאָ קיין בעהיימעס און קיין סטעפּעס, עס זײַנען אָבער דאָ זאוואָדן, פאבריקן און נאָך אנשטאלטן, וווּ מע דארף האָבן ארבעטער. דו שרײַבסט, אז ווען מיר וועלן זײַן אינאיינעם, וועט געלט ניט זײַן איבעריק. כאָטש עס איז שוין דרײַ יאָר ווי איך האָב קיין קאָפּעקע ניט געזען אין די אויגן, פארשטיי איך, אז דו ביסט גערעכט. ס'איז גוט, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן, אז דײַן ארבעט איז וויכטיקער פאר דיר ווי אלץ אַף דער וועלט. איך פארשטיי דאָס, אָבער עס קומט מיר אפילע א האָר ניט אין זינען, אז א קינסטלער מיט זײַן מישפּאָכע דארף לעבן בעסער, גרינגער, ווי אנדערע האָרעפּאשניקעס. ווײַטער ווײַזט זיך מיר אויס, אז דו האָסט מיך א ביסעלע געוואָלט דערשרעקן. זאָלסטו וויסן זײַן, אז איך בין ניט פון די שרעקעדיקע. אָבער טאָמער מיינסטו, אז צוליב מיר און צוליב מײַנע קינדער איז דײַן ארבעט אין ריזיקע, זאָג איך דיר גלײַך אַף אן אָרט, אז ווי

אומגליקלעך און עלנט איך זאָל ניט זײַן אָן דיר, ביסטו פרײַ! דו ביסט ניט מעכויעוו צו ריזי־קירן מיט דײַן ארבעט, וועלכע איז פאַר דיר אזוי וויכטיק. דאָס געדענק! צולעצט זאָג איך דיר, אז וואָס א טאָג ווײַטער, האָב איך דיך אַלץ מער ליב, אז אָן דיר איז מײַן לעבן קיין לעבן ניט. דײַן געטרײַע גוטווינטשנדיקע כאנע".

אָנגעשריבן, ארײַנגעלייגט אין קאָנווערט, אראָפּגעלאָזט דעם בריוו אין פּאָטשט־קעסטל לעבן דער קאָנטאָר, איז כאנע אוועק מעלקן. און אָף מאָרגן, אָף איבערמאָרגן, ווי נעכטן און הײַנט. ארבעט און ארבעט און צווישן דערין די פרייד פון נעכעמיעס בריוו. און זײַנע בריוו זײַנען געקומען אַלץ אָפּטער און אָפּטער, און כאנע האָט פון דעם געהאַט ניט נאָר פרייד... אָט האָט נעכעמיע געשריבן:

„מײַן איינציקע, מײַן טײַערע, דײַן לעצטן בריוו האָב איך איבערגעלייענט עטלעכע מאָל. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דו האָסט מיר פּאָשעט געוואָרפן א שטיין אין קאָפּ מיט דײַנע צווי ווערטער „ביסט פרײַ". ווען דו ווייסט, ווי דאָס האָט מיך געטראָפן, וואָלסטו קיינמאָל אזוינס פון דײַן מויל ניט ארויסגעבראַכט. איך האָב דיך ניט געוואָלט באַליידיקן, ניט שרעקן, כ'האָב געוואָלט, זאָלסט וויסן, אז א קינסטלער גייט אָף שטעכעדיקע דערנער. איך דאַרף דיר זאָגן נאָכאמאָל, אז קונסט איז מיר טײַערער פון אַלץ אין דער וועלט. און אז מײַן ארבעט איז די הויפּט־זאַך. איך זאָג דיר דאָס נאָכאמאָל. ווײַל מער וועל איך קיינמאָל וועגן דעם ניט ריידן. פארוואָס ענטפערסטו ניט גלײַך אָף מײַנע בריוו, וואָס טוסטו אין די אָוונטן? עס בלײַבט דאָך דיר די גאַנצע צײַט, וואָס איך פלעג בא דיר צונעמען. די טעג זײַנען איצטער קורץ, אָבער די נעכט זײַנען אזוי אומעטיק און צעצויגן. איך קוש דיך פאַר אַלע טעג און נעכט, זינט מיר זײַ־נען צעשיידט. דײַנער און דײַנער, ווייסט שוין אליין ווער".

דאָס מאָל האָט כאנע קימאַט דרײַ וואָכן קיין בריוו ניט געהאַט. זי איז געוועזן זיכער, אז מער קיין בריוו וועט זי שוין פון אים ניט קריגן. עס איז דאָ א ווערטל „גאָט שיקט צו די רעפּוע פאַר דער מאַקע". גראָד דאָס יאָר האָבן די קי אָנגעהויבן זיך קעלבן אינמיטן דעקאַ־בער. כאנע איז דורך די נעכט געוועזן אין קו־שטאַל, וואָרעם זי האָט זיך ניט געקאָנט פארלאָזן אָפן נאַכט־סקאָטניק, שלוימע דעם זשמערינקער, וואָס האָט קיינמאָל אפילע קיין ציג ניט געהאַט.

עס איז שפּעט באַנאַכט. „וועגערע" קעלבט זיך. זי שטייט, שטייט, מיטאמאָל טוט זי זיך א וואַלגער אָף דער ערד, ציט אויס דעם האַלדז, פאַרוואָרפט דעם קאָפּ און גלעט מיט א באַק די ערד. איר בויך בערגלט זיך, דאָרטן קײַקלט זיך קעסיידער עפּעס איבער. פּלוצעם שטעלט זי זיך אוף, רעוועט טויב און באַנגלעך, קוקט מיט א ווייטיקלעך־פאַרווונדערטן בליק אָפן בויך, ווי זי וואָלט וועלן דערזען דאָס, וואָס ברעכט אָף שטיקער איר כוטהאַשעדרע. כאנע האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מע דאַרף, און עס דוכט זיך איר, אז עס וועט צו דעם קיין סאָף ניט נעמען... זי גלעט און רײַבט דער בעהיימעס בויך, פון דער לאָפּעטקע ביז צום בעקן אראָפּ, שוויס פאַלט פון כאנעס פּאָנעם אָף „וועגערעס" הייסער פּײַכטער פעל. כאנע פילט אזא מידקײַט, עס גייען איר אויס די קויכעס. די בעהיימע טוט א פאַל אָף דער ערד, אַלע פיר פיס גיבן זיך א שטרעק מיטאמאָל, כאנע שפּרינגט אוף, עס דערהערט זיך א שווער־פּאַטשנדיקער כליופּ און כאנע כאַפּט אונטער מיט די לעצטע קויכעס א שוואַרץ־גלאַנצנדיק פּײַכט ביקל. זי ווישט אויס דאָס ביקל מיט אַן אויסגעוואַשענעם זאַק. „מאַזלטאָוו", — זאָגט שלוימע, — ער הייבט אוף דאָס ביקל, טוט אזש א קרעכץ און לאָזט וויסן: „דער רוטעך האָט עס ניט געגומען, ס'איז שווער, ווי בלײַ" — און ער טראָגט עס אוועק אין קעלבער־שטאַל.

כאנע שפּאַנט הין און צוריק איבערן דורכגאַנג צווישן די בעהיימעס, ביז זי גייט צו צו דעם ווינקל, ווו עס שטייען ביידע טאַטעס פון אַלע קעלבלעך. „אַמור", א העל־גראָוער „שוועד", ליגט. „מישקע", א טונקל־רויטער „דײַטש", שטייט און מרוקעט. כאנע פילט, אז ער מרוקעט פון הונגער. נעמט זי אָן א פולן שופל מיט האָבערנע קלײַען, גייט הינטער־ארום „מיש־קעס" קאָרעטע און ווי זי שיט אויס די האָבערנע קלײַען, טוט זיך יענער א לאָז, און כאנעס ברוסט־קאַסטן איז מאַמעש לעבן זײַנע הערנער. א נעס, וואָס זי האָט ניט ארויסגעלאָזט דעם אײַזערנעם שופל פון די הענט. זי האָט זיך ניט פארלאָרן און א זעץ געטאָן מיטן ראַנד פונעם שופל „מישקען" גלײַך אין די ליפּן ארײַן. ער האָט זיך א ריס געטאָן אָף צוריק, א טויט־שרעק האָט כאנען ארויסגעשטויסן פון צווישן דער וואַנט און קאָרעטע. א מוירעדיק געשריי האָט קעגן איר ווילן ארויסגעפּראַלט פון איר. עס האָט געדויערט ביז זי האָט דערהערט, וואָס שלוימע האָט געפרעגט.

— וואָס, וואָס זאָגסטו מיר, ווער האָט געשריִען? כ'האָב זיך דאָך אופגעכאַפּט ניט טויט, ניט לעבעדיק, — האָט ער איבערגעכאַזערט צעטומלט.

— שלאָף ווײַטער, ס'האָט זיך דיר געכאָלעמט, — האָט כאנע קימאַט קאַלטבלוטיק גע־

זאָגט. אָבער אינגיכן האָט זי באַם פּאַרזיצער געפּויעלט, אַז מע זאָל „מישקען" אוועקגעבן אַף פלייש־פּאַרגרייטונג.

קיין שום זאַך, קיין שום פליכטן האַלטן ניט אַזוי דעם מענטשן באַם גאָרגל, ווי אייגענע טיפע איבערלעבונגען. כאָטש כאַנע איז געווען ניט פון די, וועלכע האָבן אין זינען נאָר זיך, איז איר איצט געווען אַזוי אומדערטרעגלעך ביטער, אַז זי האָט זיך מאַמעש קיין אָרט ניט געפונען. אַפילע די קינדער האָבן ניט גרינגער געמאַכט איר געמיט. דער קרימער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט לינדע וועטערן, אַפילע נאָך אַ שניי מיט אַ רעגן האָט די זון ווידער געשײַנט און געוואַרעמט דורך די קורצע טעג. איצט איז געווען ווינציקער אַרבעט, מע האָט געמאָלקן נאָר צוויי מאָל אַ טאָג. אין סאַקי איז כאַנע געגאַנגען איין מאָל אין צוויי וואָכן. מיטן קוראָרט האָט פאַרוואַלטעט איצינד אַ נײַער מענטש. יעדעס מאָל בײַס כאַנע איז אַהין געקומען מאַכן די מילך־כעזשבוינעס, האָט זי פאַרגליכן פיאָדער פּעטראָוויטשן מיט דעם נײַעם פאַרוואַל־טער, און דאָס האָט איר ווייטעק ניט געמינערט.

■

ניט געווען, ניט געווען קיין בריוו פון נעכעמיען, און אָט האָט זי געקראָגן אַ טעלעגראַמע: „באַגעגן דעם 25 דעקאַבער, וואָגאָן פינף, איך קוש דיך. דײַן נעכעמיע".

דעם טאָג האָט זיך כאַנע צונויפגערעדט מיט די מעלקערנס, זיי זאָלן אויסמעלקן „אירע" קי, און נאָך האַלבער נאַכט איז זי מיט אַ פּאָר אָקסן, געשפּאַנט אין אַ מאַזשאַרע, אַוועקגע־פאָרן, ריכטיקער אַוועקגעקראָכן באַגעגענען נעכעמיען. די אָקסן זײַנען געגאַנגען פּאַוואָליע, די רעדער האָבן געסקריפּעט, די צעפלאָכטענע מאַזשאַרע האָט געקרעכצט מיט יעדן שטיקל האָלץ. כאַנע איז געזעסן, ווי אַף אַ הייסער סקאָווראָדע. די נאַכט איז געווען אָן אויסגעשטערנ־טע, אָבער כאַנע האָט ניט געזען גאָרנישט. באַטאָג איז דער סטעפּ אויך געווען גענוג אײַנטאָניק. איצט זײַנען אַלע פּראָטים געווען צוגעדעקט מיט פינצטערניש. כוץ דעם באַדאַכטן שפּאַנען פון די אָקסן, סקריפּען און קרעכצן, האָט זי גאָרנישט ניט געהערט, כוץ די ביינערדיקע העלד־זער און רוקנס פון די אָקסן, האָט זי גאָרנישט ניט געזען. די קאַלטע נאַכט האָט כאַנען אַלע מאָל אויפגעהויבן פון דער מאַדזשאַרע, זי איז געגאַנגען פּאַזע דער דראַבענע, די אויגן האָט זי צום הימל ניט אויפגעהויבן, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט אַזוי גיין, גיין, גיין מיט די אָקסן און וועט פאַרשפּעטיקן צו באַגעגענען נעכעמיען. צײַטנווײַז איז זי האַסטיק געלאָפן, אַריבערגעיאָגט די אָקסן, דערנאָך געלאָפן צוריק. צום סאַקער וואָקזאַל איז זי אָנגעקומען מיט צוויי שאָ פאַר דעם ווי דער צוג האָט געזאָלט קומען. זי האָט ניט פאַרגעסן, אַז אין „זאַגאָטזערנאָ" דאַרף ליגן מאַקוכע פאַר די קי. האָט זי געלאָזן די אָקסן מיט דער מאַדזשאַרע הינטערן וואָקזאַל און אַוועק אין „זאַגאָטזערנאָ".

אין הויף זײַנען געשטאַנען מאַדזשאַרעס פון דער קאָמונע די „רויטע גוואַרדיע", פון קאָל־ווירט „ייִדישער פּויער", פון דער קאָמונע „יונגוואַלד". אַף אַ מאַדזשאַרע זײַנען געזעסן צוויי קאָמונאַרן פון דער „רויטע גוואַרדיע" און האָבן אַזוי צוגעביסן, אַז כאַנען איז געוואָרן ניט גוט. איינער פון די קאָמונאַרן האָט זי דערקענט און אַ געשריי געטאָן:

— קום אַהער, עס וועט קלעקן פאַר דיר אויך! — און ער האָט דערלאַנגט כאַנען אַ היפּשע שטיק כאַזער־פלייש און אַ שטיק ווייצן ברויט. ווי נאָר כאַנע האָט אַראָפּגעשלונגען די ערשטע ביסנס, איז איר געוואָרן אַזוי וואַרעם, אַז זי האָט צעשפּיליעט דעם וואַטניק.

— ס'איז גאָר אַן אַנדער זאַך, אַז מע לייגט אַרײַן הייץ־מאַטעריאַל. ניטאָ וואָס צו דאַנקען. זעץ זיך אויך צו אַף דער מאַדזשאַרע. פון „זאַגאָטזערנאָ" ווערט מען אַזוי גיך ניט אויסגעלייזט. וועסט עסן מיט אונדז וואַרמעס אויך. מיר זײַנען ניט אַזוי איידל געפּאַצקעט, ווי אַנדערע, מיר עסן אַלע טאָג דרײַ מאָל. — האָט זיך געכאָכמעט דער קאָמונאַר און צוגע־פּינטלט צו כאַנען.

— וואַרמעס־צײַט וועל איך זײַן זאַלבעצווייט. — האָט כאַנע אָנגעזאָגט.

— וואָס טויג דיר זאַלבעצווייט. גיי ניט אַוועק, וועלן מיר זײַן זאַלבעדריט, — האָט זיך יענער ווידער געוויצלט.

אָבער כאַנע האָט עס שוין ניט געהערט. זי איז האַסטיק אַוועק צום וואָקזאַל — עס האָט זיך איר פּלוצעם אויסגעוויזן, אַז נעכעמיע וואַרט שוין דאָרטן.

ווי פון פעך, האָבן זיך געצויגן די לעצטע מינוטן. כאַנע האָט אַזוי געוואַרט, אַזוי אַרויס־געקוקט, אַז בײַס דער צוג איז שטיין געבליבן, איז כאַנע פאַרבײַגעלאָפן דעם פינפטן וואַגאָן. אָן אָטעם איז זי געלאָפן צוריק און אַרײַנגעפאַלן גלײַך אין נעכעמיעס צעשפּרייטע אָרעמס. ער האָט זיך מיט איר איינגענעם אַ דריי געטאָן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ קינד אַף די הענט.

דערנאָך זי אָפּגעלאָזט, אָנגעקוקט, צוגעפאַלן, זיך אײַנגעגנורעט אין איר וואַטניק, זיך אָפּגע־ריסן פון איר, ווידער זי אָנגעקוקט און דערשראָקן געפרעגט:

— כאַנוקל, דו ביסט געזונט? איך דערקען דיך ניט, דו ביסט בלייך און אַזוי אויסגע־מאָגערט.

כאַנע האָט אים זייער געוואָלט באַרויִקן, זי האָט זיך אָבער אַזוי צעוויינט, אַז זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט זאָגן.

— וויינסט? וואָס טוסטו? מער וועלן מיר זיך ניט צעשיידן. — האָט ער שטיל געריידט און אויסגעקושט אירע אויגן און אירע נאַסע באַקן.

...שפּאַנען זיך אַזוי די אָקסן באַדאַכט און פּאַמעלעך. סקריפּען די רעדער, קרעכצט די מאַדזשאַרע, ס'וואַרעמט די זון, ס'צאַפּלען די פּאַרוויאַנעטע גרעזער פון גרינגן ווינט, און אויפן דעק פון מאַדזשאַרע זײַנען צוויי זונופגעצווילינגט. „מײַן נעשאָמע, מײַן טײַער קינד, מײַן גליק" — פּליסטערט נעכעמיע. „מײַן זונעלע, מײַן כאַלעם, מײַן אָטעם און מײַן לעבן" — פּרעפּלט כאַנע גלײַך אין נעכעמיעס אויער אַרײַן. דערנאָך קוקן זיי לאַנג איינער אויפן אַנדערן. זיי קוקן אין מעסיקעסדיקן שווײַגן. און ס'דוכט זיך, אַז זייערע שוואַרצאַפּלען פּלאַטערן אַרײַן פון איינעם אינעם אַנדערן.

די שטומע אײדעס, די אָקסן, דער הימל, דער סטעפּ, דער ליכטיקער הימל־גורט טוליעט זיך ווייך צום טונקעלן ערד־זוים, אַלץ איז אַזוי אומפּאַרמײַדלעך, ווי נעכעמיעס און כאַנעס באַגעגעניש. עס שפּאַנען די אָקסן באַדאַכט און פּאַמעלעך, זייערע בידנע אַנגלען פון די קינען רײַבן די קאַרגע אַראָפּגעשלונגענע און צוריק אַרופגעבראַכטע האַרטע שטרוי. אַזוי מאַלעגיירען זיי גלײַכגילטיק און רעגלמעסיק און הייבן ניט אָן צו וויסן, וואָס געשעט איצט אין מאַדזשאַרע.

■

געקומען אין קאָמונע, האָט זיך כאַנע דורכגערעדט מיטן פּאַרזיצער און געפּועלט, אַז מע זאָל אירע שכיינעס — כעוועדן מיט ריווקען — אַרײַנזעצן אין דער פּרויען־צוזאַמענוווינונג. און אויף מאָרגן איז זי מיט נעכעמיען געוואָרן באַלעבאַטים פון אַן „אייגענעם" צימער.

אין יענער צײַט, פּונקט ווי אין אונדזער צײַט, איז גאָר קיין סוואַרע ניטאָ, אַז מע זאָל קאָנען זײַן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט. באַם אָוונטיקן געמעלק האָט כאַנע אויסגעזען ביז גאָר יאָמטעוודיק. די מעלקערנס און די סקאָטניקעס, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, זײַנען געווען צו איר גוט און צוגעלאָזט, די אַרבעט איז געגאַנגען, ווי אויף פּוטער. נאָכן געמעלק און נאָך דער איבעריקער אַרבעט איז זי געלאָפן צו נעכעמיען. ער האָט אַרויסגענומען פון טשעמאָדאַן אַ בלוי קלייד, עס צוגעלייגט צו כאַנעס אַקסלען און אײַנגערעדט:

— זע אַליין, וווּנדערלעך!

דערנאָך האָט ער אַרופגעוואָרפן אויף אירע אַקסלען אַ קרעמעווע געפּרענדזלטע דיגע פּאַטשיילע און אָנגעקוואָלן, קוקנדיק אויף איר. פאַר די קינדער האָט ער אויך געבראַכט קליי־דעלעך און שיכעלעך, נאָר דאָ האָט כאַנע דערוווידערט.

— מײַנע קינדער וועלן גיין אין עסיק און אין האָניק?

— פאַרוואָס עפּעס דײַנע? אונדזערע! כ'האָב געבראַכט פאַר די איבעריקע אויך. דאָס איז ערשטנס, צווייטנס, וועלן מיר דאָך אוועקפאָרן. וואָס קוקסטו אויף מיר? אוואַדע, וועלן מיר אוועקפאָרן. קום, זעץ זיך לעבן מיר אויפן בעטל.

אַזוי זײַנען זיי געזעסן אויפן בעטל און אַ רעכטע ווײַלע געשוויגן. פּלוצעם האָט זיך כאַנע דערמאָנט און געפרעגט:

— נעכעמיעלע, דו ביסט ניט הונגעריק?

— און דו?

— ס'איז מיר אַזוי גוט, אַז איך וויל אַפילע ניט עסן.

— ווילסט יאָ, ווילסט ניט, אָבער מע דאַרף גיין, — האָט ער געזאָגט.

דאָס עסצימער האָט איצט אויסגעזען גאָר אַנדערש. די העלע צעראַטעס, וואָס דער פּאַר־זיצער האָט געבראַכט אויף די נאָיאַבער־טעג, זײַנען געלעגן אויף די טישן, די הילצערנע פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעוואַשן, קיין קראָקוועס האָבן שוין אויך ניט געסטאַרטשעט — זיי זײַנען געווען באַהאַלטן אונטער אַ סופיט פון אָפּגעהובלטע ברעטער. די פענצטער און די טירן זײַנען געווען אויסגעפאַרבט מיט העלער פאַרב. דאָס עסן איז שוין אויך געווען ניט דאָס, וואָס זומער: אויף די טישן זײַנען געשטאַנען געזײַערטע פּאָמידאָרן, ברינדזע, פריש ברויט און בײַ יעדן אַליומינעווע קווערטל מיט טיי איז געלעגן אַ ציגעלע צוקער. די מערהײַט קאָמונאַרן האָט

שוין אָפּגעגעסן. אָבער די, וועלכע זײַנען נאָך געזעסן בא די טישן, בײס כאַנע מיט נעכעמיען זײַנען ארײַנגעגאַנגען, האָבן אויסגעשריִען:

— כאַנע, שטעל לעכאַים! כאַוועד כוראָזשניק, קוקט זי אָן, איר האָט ארײַנגעבלאָזן אין איר א נײַע נעשאָמע.

— אין וועמען אין איר, אין מײַן כאַנען? — האָט נעכעמיע געלאַסן געפרעגט. זײַנע ווערטער האָבן געמאַכט דעם געהעריקן אײַנדרוק — עס איז שטיל געוואָרן.

נאָכן עסן האָט כאַנע מיט נעכעמיען אוועקגעטראָגן די קליידעלעך, די צאַצקעס, די צו־קערקעס, וואָס ער האָט געבראַכט פון מאָסקווע פאַר די קינדער.

וואָס ס'האָט זיך געטאָן אין קינדערהיים, איז שווער איבערצוגעבן. דעם אוונט האָבן זיך די קינדער געלייגט שלאָפן מיט צווײ שאָ שפּעטער, ווי געוויינלעך.

בײס כאַנע מיט נעכעמיען זײַנען נאָכן באַזוך אין קינדערהיים צוגעגאַנגען צו דער טיר פון זײער צימער, האָבן זײ דערהערט פריילעכע שטימען. געעפנט די טיר, האָט כאַנע ארויס־געלאָזט א פריידיק געשרײ — ניט אַזוי דערפון, וואָס דאָ איז געווען כאַיעלע, שימקע, עפ־ראַים דער טשאַבאַן, ניט אַזוי דערפון, וואָס דאָ איז איצט געווען א טיש, עטלעכע בענקלעך, — דאָס געשרײ האָט כאַנע ארויסגעלאָזט, ווײַל דאָס צימער איז ניט געווען צו דערקענען. דאָס פענצטער איז געווען פאַרפּוצט מיט א פאָרהאַנג פון געלער מארליע. דער טיש — פאַרשפּרייט מיט רויטן ציץ, און אין א קאָנסערוון־פּושקע זײַנען געשטאַנען קווײטן, לעבעדיקע בעז־סמערטניקעס. זײ קאָנען שטיין אָן וואַסער יאָרנלאַנג און בלײַבן באַם קאָליר. דאָס עלעקטרישע לעמפּל האָט גראָד אויך געברענט. באַקוקט די דאָזיקע גרויסאַרטיקײַט, האָט כאַנע אופגע־וואָרפן כאַיעלען:

— דאָס איז דײַן ארבעט? ווו האָסטו גענומען אקרעכין פאַר דער מארליע?

— אָבער ס'איז שיין? — האָט כאַיעלע געפרעגט און זיך צעלאַכט.

די טיר האָט זיך געעפנט, און עס האָבן זיך באַוויזן לײבקע דער טראַקטאָריסט, שאַכנע דער שמיד און רוווקע דער פאַרקויפער.

— רוווקע, אַף דיר לײגן מיר הײַנט גרויסע האָפענונגען, — האָט כאַיעלע צו אים געזאָגט. רוווקע האָט אַף איר א קוק געטאָן און איז נעלעם געוואָרן. מע האָט שוין אויסגעזונגען א היפשע צאָל לידער, מע האָט שוין ניט איין מאָל געזאָגט נעכעמיען „מאַזלטאָוו”. כאַיעלע האָט שוין געבראַכט א טשײַניק מיט געזאָדענער וואַסער, און ערשט דאַן האָט זיך באַוויזן רוווקע. ער האָט געבראַכט א לײמען שיסעלע קאַמסאַ, א לעבל ברויט און אין א שקאַרמיץ צוניפּגעקלעפּטע ראָז־בלייכע צוקערקעס. ערשט איצט האָט זיך צעברענט א מוירעדיקע סודע, עס איז געוואָרן אַזוי היימלעך, טאַקע נאָר ווי אַף א כאַסענע, אָבער פריילעכער פון אַלעמען איז געווען כאַנע. זי האָט דאָס מאָל געזונגען אַזוי הארציק, אַזוי דווייקעסדיק, אַז נעכעמיע, וואָס איז לעכאַטכילע געזעסן אָפּן בעטל לעבן איר, האָט זיך אופגעהויבן, שטיין געבליבן אַנטקעגן און די גאַנצע צײַט קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון איר.

— ווען וועט מען גיין צו דער כופּע? — האָט כאַיעלע געוואָלט וויסן.

— ערשטנס, איז שוין לאַנג נאָך דער כופּע. צווייטנס, וועלן מיר גיין צו דער כופּע, ווען מײַן כאַנעלע וועט וועלן, — האָט נעכעמיע געשטילט אַלעמענס נײַגעריקײַט.

ווײַט נאָך האַלבער נאַכט זײַנען אַלע אוועקגעגאַנגען. ענדלעך האָט כאַנע געפרעגט:

— נעכעמיעלע, פאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג ניט געשריבן און וואָס ביסטו אַזוי פּלוצעם געקומען?

— שרײַבסט מיר אָן ניט מער און ניט ווינציקער, אַז איך זאָל לאַשטשען מײַנע געמעלן... איצט ווייסטו שוין, פאַרוואָס איך בין אַזוי פּלוצעם געקומען, איז גיי אהער און גיב מיר א קוש.

— איי, האָסטו גוט געטאָן, איך קאָן דיר גאָר ניט זאָגן, וואָס פאַר א מאַלאָדעץ דו ביסט. אָבער אײַל זיך ניט אַזוי, כ'וועל דיר שוין געבן א קוש.

די צײַט איז געגאַנגען ווי אַלעמאָל. האָרעוואַניע האָט זיך ניט געמינערט. כאַנע פלעגט קומען פון דער ארבעט אַזא מידע, אַז זי איז מאַמעש געפאַלן פון די פיס. און אין איינעם אַן אוונט, ווען זי איז ארײַנגעגאַנגען אין צימער, האָט זי דערזען נאָך א געלעגער.

— פונוואַנען האָסטו דאָס גענומען? — האָט זי געפרעגט בא נעכעמיען.

— איך בין אוועק צו דער נײַער שטוב; כ'האָב געבעטן בא די סטאָליערס, האָבן זײ מיר געגעבן עטלעכע אָפּגעהובלטע ברעטער, זעסט, כ'האָב זײ אוועקגעלייגט אַף ציגל. א

סעניק האָט מען מיר געגעבן אין צוזאַמענוווינונג, לײַלעכער האָב איך געבראַכט, ווערסטו טאַקע איצט קענען אַפּרוען עטלעכע שאָ, — האָט נעכעמיע דערקלערט.

ס׳פּלעגט אָבער אָפּט טרעפֿן, אַז כאַנע האָט זיך צוגעזעצט צו נעכעמיען אַף זײַן געלעגער און ווי פֿון זיך אַליין געגומען דערציילן וועגן שטעטל, וועגן דער קינדהײט. אזוי ווי כאַנע האָט אַלצדינג אויסגעצייכנט געדענקט, איז איר דאָס ניט שווער אָנגעקומען. איצט האָט זי טאַקע דערציילט: „קיין טאַטן האָב איך ניט געהאַט, דעם שטיפֿטאַטן וויל איך אַפּילע ניט געדענקען. פֿונדערוויַיטנס האָב איך מײַן מאַמע האַלט, אָבער קינדווײַז האָב איך זי ניט געקאָנט אָנקוקן. זי האָט דאָך געוווּסט, אַז דער שטיפֿטאַטע שלאָגט מיך, און זי האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגענומען פֿאַר מיר. איינמאָל האָט די באָבע דערזען, ווי ער מײַמעסט מיך, האָט זי מיך אַרויסגעריסן פֿון זײַנע הענט און פֿון דעמלט אָן בין איך געבליבן בא דער באָבען מיטן זיידן. מײַן זיידע איז געווען אַן א גאַל און ער האָט געהאַט סמיכעס״.

— וואָס איז דאָס סמיכעס?

— ער האָט געקאָנט זײַן א ראָוו. איך געדענק, ווי עס זײַנען געקומען די שענסטע באַלעבאַטים און זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל ווערן ראָוו אין שטעטל. אָבער דער זיידע האָט צו זיי געזאָגט: גייט אײַך געזונטערהייט, א דאַנק פֿאַרן קאָוועד, איך וועל שוין בעסער לעבן פֿון מײַן מעלאָכע, פֿון מולירעַײ, וואָרעם איך האָב קיין וואָג ניט פֿאַר מײַנע אייגענע אוויירעס.

— וואָס איז עס אוויירעס, כאַנעלע?

— נעכעמיע, דו לאָזט ניט דערציילן. געדענק די ווערטער, וואָס דו פֿאַרשטייסט ניט, און נאָכדעם ווערסטו מיך פֿרעגן. הער זשע ווײַטער. זומערצײַט פּלעגט מען דעם זיידן אוועקפֿירן אַף א גאַנצער וואָך. ער האָט געמאַכט בא פּריצים קאַמינען און קאַפּלנע אויוונס. די באָבע האָט זיך אויסגעלערנט פּאַרבערײַ, דעריבער האָט זיך דער זיידע אָפּט געבייזערט. עס פֿעלט דיר אַף דער וואָך, צי, כאָלילע, אַף שאַבעס? וואָס דאַרפֿסטו אײַנרײַסן ווערלטן ווי איך ווייס ניט וועָר! אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפֿן. די באָבע האָט זיך געטאָן, ווי זי פֿאַרשטייט. און מיך האָט זי קיינמאָל ניט געלאָזט זיצן א מינוט ליידיק. איך האָב געדאַרפֿט יעטן דעם גאָרטן, ראַמען די שטוב, העלפֿן טראָגן וואַסער, וואָרעם צו פֿאַרבערײַ דאַרף מען האָבן א סאַך וואַסער. געוויס האָב איך בעסער געוואָלט אַרומלויפֿן ווי אַלע מיידעלעך, אָבער איך האָב קיין צײַט דערויף ניט געהאַט. אַז איך פֿלעג זיך צעקריגן מיט דער באָבען, פֿלעג איך אַנטלויפֿן צום פּעטער הירשע דעם מילנער, דערנאָך... דערנאָך איז לאַנג צו דערציילן. צו פֿערצן יאָר בין איך אַנטלאָפֿן פֿון שטוב און צו אַכצן יאָר בין איך אָנגעקומען אין קאָמונע.

— איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס דו האָסט מיר געשריבן אַזוינע בריוו. איך בין גאָר ניט אַזאַ, ווי דו. איך בין א שטילער, א פּאַסלושנער, כ׳האָב זיך געלערנט אין שול און געמאָלט אַלץ, וואָס איך האָב געזען, און ווו עס האָט זיך געלאָזט. איך האָב דערפֿאַר אַרײַנגעכאַפּט א פֿײַן פּעקל קלעפּ, וואָרעם איך האָב געמאָלט מיט קוילן אַף די ווענט, מיט קרײַד אַפֿן טיש, האָט עס די מאַמע ניט געקאָנט לײַדן. דער טאַטע איז געשטאָרבן פֿון טשאַכאָטקע. ס׳איז געווען בא אונדז א פּולע שטוב קינדער, מײַן עלטערע שוועסטער האָט זיך אויסגעלערנט אַף פּראָוויזאָר און איז אוועקגעפֿאָרן קיין קאָסטראָמאַ. זי האָט דאָרטן געאַרבעט אין אַן אַפּטייק, האָט זי צוגעשיקט עטלעכע רובל און איך בין אוועקגעפֿאָרן צו איר. אין קאָסטראָמאַ זײַנען אין צוואַנציקסטן יאָר געקומען א סאַך אינטעליגענטן פֿון פּעטראָגראַד און פֿון אַנדערע שטעט, איז אַהין אויך געקומען איינער א מאָלער — ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש קופּרעיאַנאָוו. מיט איין וואָרט, מײַן שוועסטער האָט אוועקגעטראָגן צו אים מײַנע געמעלן. ער האָט דעמלט גראָד געעפֿנט א מאָלער־שול, האָט ער מיך אַהין צוגענומען. אין צוויי און צוואַנציקסטן יאָר איז ער אוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע און געוואָרן א פּראָפֿעסאָר אין „וווכוטעמאַס״ און דעמלט האָט ער מיך אַהין אַרויסגעפֿאָדערט. מײַן שוועסטער האָט מיר געגעבן אַפֿן וועג צוויי הערינג, א האַלב לעבל ברויט און דערמיט בין איך אוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. כ׳האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַף אויסגעצייכנט. ווי דו זעסט, בין איך געוואָרן א מאָלער. אָבער ס׳איז דאָך שוין זייער שפּעט, און מע דאַרף זיך לייגן שלאָפֿן.

ניט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. כאַנע האָט זיך קוים אַרויסגעגליטשט פֿון זײַנע הענט, און אין א קורצער ווײַלע אַרום איז זי געלאָפֿן איבערן הויף צו דער קר־שטאַל. אייניציקע בלייכע, קאַלטע שטערן האָבן געקוקט אין הימל. כאַנע איז געלאָפֿן אין צעשפּיליעטן וואַטניק, זי האָט ניט געפֿילט, ווי די קילקײַט טוליעט זיך צו איר. אין שטאַל האָט זי ניט געהערט, וואָס די מעלקערנס ריידן, זי האָט אַפּילע ניט געהערט, ווי די בלעכענע עמערס און די בידאָנעס קלימפּערן, ווײַל זי איז געווען באַטויבט, ווי פֿון גלעקער־געקלאַנג, פֿון די אופּגעקומענע, אַזוי געגאַרטע געפֿילן, וואָס האָבן זי אײַנגאַנצן באַהערשט.

כאנעס טעג זײַנען איצט געפֿלאָסן אין קעסיידערדיקער פֿרייד. קוים האָט זי געענדיקט די אַרבעט אין קו־שטאַל, איז זי געלאָפֿן צו „איר" צימער, וואָרעם דאָרטן זײַנען אַלע טאָג אופֿגעקומען ווונדערלעכע זאַכן. נעכעמיע האָט דאָך איצט ניט געקאָנט מאָלן אין סטעפּ, האָט ער געמאָלט אַקוואַרעל־פּאָרטרעטן און בלײַשטיפֿט־פּאָרטרעטן פֿון די קאָמונאַרן. ווי נאָר כאַנע פֿלעגט אַרײַנגיין אין צימער, האָט ער אויסגעלייגט דאָס, וואָס ער האָט געמאַכט פֿאַרן טאָג, אויף די געלעגערס, און כאַנע איז געוועזן אויסער זיך. ניט איין מאָל האָט זי געבעטן:

— נעכעמיעלע, כאַפּ ניט צו. לאָז, דאָס איז דאָך לייבקע־טשאַרלי, ער איז ווי אויסגעגאָסן.

נעכעמיע האָט געשמייכלט, אַמאָל שטיל באַמערקט:

— כאַנוקעלע, דו פֿאַרשטייסט נאָך ניט, דערפֿאַר לויבסטו.

— ביסט גערעכט, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס געפֿעלט מיר פֿאָרט.

— עס געפֿעלט דיר? קוק און שווײַג.

האָט זיך טאַקע כאַנע אויסגעלערנט קוקן און שווײַגן.

אין די אָוונטן איז זי מיט נעכעמיען אָפֿט געגאַנגען צו די קינדער. ער פֿלעגט צוגרייטן פּירקאַנטיקע שטיקעלעך פּאַפּיר און מאָלן פֿאַר די קינדער פֿערד, לאָשעקעס. ניט זעלטן האָבן זיך די אָוונטן געענדיקט מיט טרערן, ווײַל די קינדער האָבן ניט געוואָלט, אַז נעכעמיע מיט כאַנען זאָלן אוועקגיין.

וואָס אַ טאָג ווײַטער, האָט כאַנע אַלץ מער געפֿילט, אַז זי קאָן ניט לעבן אָן נעכעמיען. זי האָט אָבער גוט געזען, אַז ער קאָן אויך ניט זײַן אָן איר. טאָמער האָט זי זיך צוליב עפּעס פֿאַרהאַלטן אויף דער אַרבעט, איז ער שוין געוועזן אין שטאַל. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז כאַנע האָט פֿאַר אים געקראָגן אַ וואַטניק און ער האָט געהאָלפֿן רייניקן דאָס מיסט, פֿאַנאַנדערלייגן מאַקוכע אין די קאָרעטעס. אויב ניט דאָס, איז ער געשטאַנען מיט אַ בלאָקנאָט און מיט אַ בלײַקע און האָט געצייכנט די מעלקערנס, די בעהיימעס. דעריבער האָט שלוימע דער נאַכט־סקאָטניק צו אים געזאָגט:

— ס'איז בעסער אַ פֿויגל אויפֿן צווײַגל, איידער צוויי אין שטײַגל. איר דאַרפֿט שוין ניט פֿאָרן אין אײַער מאָסקווע, די קאָמונע פֿאַליובעט אײַך.

— די קאָמונע איז טאַקע גוט, — האָט נעכעמיע געזאָגט.

אין די טעג, ווען כאַנע פֿלעגט פֿאָרן קיין סאַקי, איז נעכעמיע מיטגעפֿאָרן מיט איר. איינמאָל האָט כאַנע ניט געוואָלט, ער זאָל מיטפֿאָרן. עס איז געווען קאַלט, ס'איז אויסגעפֿאַלן אַ שניי, און זי האָט געפֿילט בײַ אים, ער זאָל בלײַבן אין דער היים. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט און פֿאַרנאַכט אוועק באַגעגענען כאַנען. נאָר ס'איז אוועק אַ געדיכטער שניי, און ער האָט זיך אומגעקערט. בייס כאַנע איז געקומען פֿון סאַקי, האָט זי געטראָפֿן נעכעמיען אין דרויסן בײַ דער שטובל. ער האָט פֿאַנאַנדערגענומען די פּאָלעס פֿון זײַן מאַנטל, זי צוגעטוליעט צו זיך און מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם געפֿרעגט:

— וווּ ביסטו געווען אַזוי לאַנג?!

— דו האָסט שוין געגעסן, נעכעמיע?

— וואָס פֿרעגסטו נאַרישקייט, וואָס עסן? כ'האָב געמיינט, אַז איך ווער משוגע.

— איך האָב גראָד יאָ געגעסן. קום, כ'האָב גוטע נײַס, — האָט כאַנע געזאָגט פֿול מיט פֿרייד, אַזוי, אַז ער האָט זיך אַזש געפֿילט געטראָפֿן.

אָבער הערנדיק וואָס כאַנע דערציילט, האָט ער זיך אויך געפֿרייט ניט ווינציקער פֿון איר.

— איך ווייס ניט, צי דו ווייסט, וואָס איז געשען מיט פּיאָדער פּעטראָוויטשן. ער איז זייער אַ גוטער מענטש, דאָס האָט ער מיר געהאָלפֿן אָפּשיקן דעם אַקרעדיטיוו. וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברײַען, איך קום הײַנט אין סאַקי, גיי אַרײַן אין דער קאָנטאָר, פּיאָדער פּעטראָוויטש איז דאָ! ער האָט מיר דערציילט, אַז מע האָט אים אַראָפּגענומען פֿון דער אַרבעט דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהייסן די אויפֿעס מיט די געגנדז אַרײַנעמען אין דער קאָלווירטישער באַלעבאַטישקײַט. מיט איין וואָרט, מע האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז אַ טאָעס, און מע האָט אים אופֿגעשטעלט. איך האָב הײַנט ניט נאָר געגעסן וואַרעמעס אויפֿן קוראָרט, כ'האָב אויסגעטרונקען אַ גלעזל בראַנפֿן אויך.

— פֿאַר אַזאַ זאַך קאָן מען אויסטרינקען!.. איצט טו אַ קוק, וואָס איך האָב הײַנט געמאַכט.

— אָט די געפֿעלט מיר און אָט די געפֿעלט מיר, אָבער דו זאָגסט דאָך, איך זאָל שווײַגן.

נעכעמיע האָט געקוקט אויף איר און געשמייכלט — ער האָט האַנאַ געהאַט, וואָס זי האָט

טרעפלעך געווירן אַף די בילדער, וואָס ער אַליין האָט אויך גערעכנט, אַז זיי זײַנען אים געראָטן.

איצט, אַז נעכעמיע איז געווען מיט כאַנען אײַנײנעם אַ סאַך מערער, ווי פֿאַר זײַן אוועקפֿאָרן, האָט ער גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ מענטש זי איז. ס'זײַנען אָבער אויך געווען סיבעס, וואָס האָבן אַ ביסל פֿאַרשאָטנט זײַן געמיט. ער האָט געזען, אַז כאַנע איז ניט אײַנגאַנצן די, וואָס זי איז געווען. ער האָט איצט ניט געהערט פֿון איר קיין פּעפּערדיקע ווערטער בײַ דער אַרבעט, זי האָט ניט געמוסערט די מעלקערנס, זיך ניט געבייזערט אַף די סקאָטניקעס, שוין אָפּגערעדט דערפֿון, אַז מיט אים, מיט נעכעמיען, איז זי געווען אַזוי נאָכגיביק, פֿאָלגעוודיק, און גראָד דאָס פֿלעגט אים אָפּט פֿאַרומערן. נעכעמיע האָט עס ניט געוואָלט, אים איז בעסער געווען צום האַרצן איר ווידערשפּעניקייט, און ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי געביטן. ניט איין מאָל האָט ער זיך דערמאָנט דעם מישפּעט, דערפֿאַר וואָס כאַנע האָט געשלאָגן די פֿאַסטעכער, און ער איז געווען זיכער, אַז איצט וואָלט זי אַזאַ זאַך ניט געטאָן.

אַנומלטן האָט ער זי אַ פֿרעג געטאָן:

— כאַנוקעלע, פֿאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַזאַ פֿאַדאַטליווע, אַזאַ שטילע?

— ווי זאָל איך דיר דאָס זאָגן? פֿאַרשטייסט, איך זע, אַז דו אַליין ביסט אויך אַ שטילער. דו טוסט זיך דײַן אַרבעט און דו שווײַגסט. עמעס, איך ווייס, אַז ניט אַלץ, וואָס מע זאָגט אײַנדערשטיל, איז קלוג, און ניט אַלץ, וואָס מע זאָגט אין דער הייך, איז נאַריש. אָבער איך זע דאָך, אַז איך זאָג אַפֿילע אײַנדערשטיל, פֿאָלגט מיך די בריגאַדע ניט ערגער ווי פֿריִער. אַף דיר זאָל איך שרײַען? ווי פֿאַרשטייסטו דאָס ניט? איך בין גאָר ניט פֿאַדאַטליווע. כ'וויל זײַן אַזאַ גוטע און אַזאַ שטילע, ווי דו. בייס איך הער, ווי ס'רײַסט זיך אַרויס פֿון מיר אַ געשריי, קאָסט עס מיך געזונט. און איך גיב זיך אַ שוווּע, אַז איך וועל קיינמאָל־קיינמאָל מער ניט שרײַען.

— אוי, טײַערינקע, וואָס פֿאַרא „פּרעלעסט" דו ביסט! — האָט נעכעמיע דאָס מאָל גראָד יאָ אויסגעשריִען.

כאַנע האָט געזאָגט, אַז ווען זי שרײַט ניט, פֿאָלגט איר אויך די בריגאַדע. אָבער דאָס איז געווען ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס זי איז געוואָרן שטילער, עס איז געווען אַ וויכטיקע און ערנסטע סיבע, און די סיבע האָט אַ נאָמען — גליק. די מעלקערנס, די פֿאַסטעכער, די סקאָטניקעס — אַלע האָבן געזען און געפֿילט, אַז אַף כאַנען רוט די שכינע, זיי האָבן געזען, אַז זי איז אײַנגעהילט אין עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט זי דערהויבן, און קיין איינער פֿון זיי וואָלט כאַנען ניט געקאָנט אָנטאָן קיין האַרצווייטעק.

און די צײַט איז זיך דערווײַל געפֿלאָסן. נײַיאָר האָבן עטלעכע קאָמונאַרן און קאָמונאַרקעס באַגעגנט מיט כאַנען און נעכעמיען. לייבקע־טשאַרלי האָט געשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער און אויסגעזונגען:

— אַלע נעכט פֿון אַ גאַנץ יאָר איז טרוקן אין האַלדז, ווו זשע נעמט מען עפּעס אין דער דאַזיקער נאַ־אַ־כט?..

— דאָרשטיקע זאָלן דערקוויקט ווערן, הונגעריקע זאָלן געזעטיקט זײַן, — האָט פֿראַיִם דער טשאַבאַן אויסגערופֿן.

— אוי ציט אונטערן לעפֿעלע, — האָט זיך פֿלוצעם דערמאָנט כאַיעלע.

— גיי נעם אַ לעק שניי אַף דײַן גאָרטן, — האָט זיך געוויצלט שאַכנע דער שמיד.

בײַ די ווערטער האָט זיך געעפֿנט די טיר און שימקע דער קאָניוך האָט זיך באַוויזן. די רעכטע פֿאָלע פֿון זײַן וואַטניק איז אָפּגעשטאַנען, ער האָט אַרויסגענומען פֿון דאָרטן אַ קײַלעכדיק לעבל ברויט און אַ פּירקאַנטיק היפּש פּעקל אין אַ שמאַטקע.

— ווו האָסטו דאָס גענומען? — האָבן אַלע מיטאָמאָל אויסגעשריִען.

— בעריעס, גייט נעמט! איך שטיי מיר אַזוי מיט דער בײַדאַרקע און מיטן פֿערד בײַ סאַקער וואָקזאַל און איך וואַרט אָפּן פּאַרזיצער, זע איך עס שפּאַנט מיט אַ פּאָרטפֿעל דער לערער שאַפּירע פֿון טשעבאָטאַרקער לאַנדווירטשאַפֿטלעכן טעכניקום. זאָגט ער צו מיר: וואָס שטייסטו דאָ, קום. און ער פֿירט מיך צו צום וואָגן, וואָס וואַרט אַף אים. בעקיצער, דער באַלעגאָלע פֿון טשעבאָטאַרקע האָט מיר געגעבן די מאַטאָנע.

— לעקיש איינער, האָסט אַליין אויך געמעגט צובײַסן, — האָט כאַיעלע באַמערקט.

— אַ פֿאַרשפּעטיקטע אייצע איז אַ שטיין אָפּן האַרצן. אַ מעסער האָט איר דאָ, ייִדן? — האָט שימקע זיך געכאַכמעט.

כאָטש מע האָט ווייניק צוגעביסן און כוץ וואַסער האָט קיינער קיין אַנדער געטראַנק ניט פֿאַרזוכט, איז מען געזעסן ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן. מע האָט זיך געווונטשן, אַז דאָס איינ־

און־דרײַסיקסטע יאָר זאָל זײַן אַ גליקלעכס און אַ גרעאַטנס, ס׳זאָל זײַן אַ גוטע גערעטעניש און ס׳זאָלן געבאָרן ווערן אַ סאַך קאָמונאַרלעך. פּאַרוואָס איז כאַיעלען באַפאַלן אַזאַ געלעכ־טער, איז געווען אומפאַרשטענדלעך, אָבער זי האָט אַזוי געקײַכט, אַז זי האָט אַזש גענומען שלוקערצן.

— לאָך ניט, כײַטשע, גיב בעסער אַ גרינע אוגערקע, — האָט שימקע אומעטיקלעך געזאָגט. אָבער קײנער האָט עס שוין ניט געהערט, ווײַל כאַנע האָט געזונגען „גיי איך מיר אַרויס אַפּן גאַנעקל" און „שטערנדל, שטערנדל, בלײַער שטאָפּעטעלע..." זי האָט געזונגען ביזן אײַנ־דערפֿרײַיקן געמעלק. בײס זי איז נאָכן געמעלק אַרײַנגעגאַנגען אין צימער, האָט זי געזען ווי נעכעמיע שלאָפֿט אין אָנטאָן. זי האָט אים אײַנגעדעקט מיט זײַן מאַנטל און מיטן אַנטלײַענעם וואַטניק, שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען און איז אינגיכן צוריקגעקומען מיט אַ שיסעלע אַר־בעסענע קאַשע. נעכעמיע איז שוין ניט געשלאָפֿן. כאַנע האָט זיך געזעצט אַפֿן בעטל לעבן אים און זיי האָבן בײדע געגעסן — אַ לעפל קאַשע זי, אַ לעפל קאַשע ער.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נײַער פּאַרזיצער איז גאָר ניט אַזאַ שלימאַזל, ווי די קאָמונאַרן האָבן לעכאַטכילע געמיינט. ניט קוקנדיק אויף דער גאַנצער באַלעבאַטישקײַט, האָט ער געפונען צײַט אַרויסצורופן אַ דעזינפעקציע־בריגאַדע פֿון יעװפּאַטאָריע און אין קאָמונע איז ניט געווען צו געפינען אַ וואַנץ אויף אַ רעפּוע. אויף די רו־טעג האָט מען געקוילעט צוויי שאָף אָדער אַן עקסל. אַלע קינדער האָבן געהאַט שיכעלעך און מאַנטעלעך. דאָס אויסקור־מעניש איז געוואָרן געמיטלעכער, גרינגער, אָבער עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פֿון דער קאָמונע וועט ווערן אַ קאָלווירט. קאָמונאַרן האָבן אָנגעהויבן דערלאַנגען מעלדונגען, אַז זיי פֿאַרלאָזן די קאָמונע.

כאָטש כאַנע האָט געוווּסט, אַז זי וועט אינגיכן אוועקפֿאָרן מיט נעכעמיען, האָט זי נאָך דערווײַל קײן מעלדונג ניט אָנגעגעבן, זי האָט געאַרבעט, ווי פֿריִער. בײַ נעכעמיען זײַנען אויך די טעג ניט אַוועק אומזיסט, ער האָט שוין געהאַט צענדליקער אַקוואַרעל־פּאָרטרעטן און צייכענונגען. אַנומלטן האָט כאַנע צו אים געזאָגט:

— נעכעמיעלע, ווילסט וויזן דײַנע געמעלן, וועלן מיר אַריבערפֿירן די קעלבער אין קאַשאַרע צו די שאָף, די קעלבער־שטאַל וועלן מיר אויסראַמען און אויסקאַלכן, וועסטו דאָרטן קאָנען אויסהענגען דײַנע בילדער.

— וואָס פֿאַלט דיר אײַן? ערשטנס, איז קײן גלאָז ניטאָ; צווייטנס, ווייס איך ניט, צי די קאָמונאַרן דאַרפֿן דאָס.

— ערשטנס, ווײַל איך וויסן, צי דו דאַרפֿסט דאָס. ווײַטער איז דאָך איצטער ניט זומער, קײן פֿליגן זײַנען ניטאָ. וואָס וועט שאַטן דײַנע בילדער, אַז זיי וועלן הענגען אויף די ווענט אַ צוויי־דריי טעג?

— איך וואָלט זייער וועלן זען מײַנע אַרבעטן אויף די ווענט, אָבער ווי וועט עס אויסזען אין קעלבער־שטאַל? — האָט נעכעמיע שטיל און פֿאַרטראַכט געזאָגט.

מער האָט כאַנע מיט נעכעמיען וועגן דעם ניט גערעדט, אָבער זי האָט אַלץ געטאָן, ווי זי האָט געזאָגט. און ווען נעכעמיע איז אַרײַנגעגאַנגען אין קעלבער־שטאַל, האָט ער זיך געוווּנדערט, ווי ליכטיק און ריין דאָרטן איז. דער ראַט פֿון קאָמונע האָט אויסגעטײלט צוויי קאָמונאַרן און אין נאָענטסטן זונטיקדיקן טאָג איז די אויסשטעלונג געעפֿנט געוואָרן.

די ערשטע זײַנען געקומען די דערציִערנס מיט דער עלטערער גרופּע קינדער. די קאָמו־נאַרן האָבן זיך פֿון אָנפֿאַנג אַרומגעדרייט שטיל, אַקוראַט ווי זיי זײַנען שוין ניט איין מאָל געווען אויף אַן אויסשטעלונג. נאָר פּלוצעם האָט זיך געלאָזט הערן: „דאָס איז דאָך שימקע, גוואַלד, זע נאָר, פֿראַים? און אָט איז כאַיעלע!"

דער פּאַרזיצער האָט אַ געשריי געטאָן:

— שטיל זאָל זײַן! — און ער האָט געבעטן, אַז נעכעמיע זאָל דערציילן, צי האָט ער זיך אויסגעשטעלט אין מאָסקווע, צי זײַנען זײַנע בילדער דאָ אין אַ מוזיי...

נעכעמיע האָט געענטפֿערט אויף דעם, וואָס דער פּאַרזיצער האָט געפֿרעגט, דערציילט וועגן זײַן אַרבעט. קימאַט אַ וואָך זײַנען געהאַנגען די אַרבעטן און עס זײַנען געקומען ניט נאָר די קאָמונאַרן. די סטודענטן פֿונעם טשעבאָטאַרקער לאַנדווירטשאַפֿטלעכן טעכניקום זײַנען געקומען, אויך מענטשן פֿון די דערבײַיִקע קאָלווירטן, עס זײַנען אַפֿילו געקומען באַזוכער פֿון סאַקער קוראָרט. אַנומלטן האָט דער פּאַרזיצער געזאָגט צו נעכעמיען:

— אויב איר ווילט, קאָן מען מאַכן אַן אויסשטעלונג אין סימפּעראָפּאָל. דאָרטן איז אַ קולטורעלער אוילעם. סימפּעראָפּאָל איז מײַן שטאָט, און דאָס קאָן מען מאַכן איינס און צוויי.

— אַ גרויסן דאַנק, אָבער אַז כאָטשנע האָבן, אַז פֿאָרן מיט אַן אויסשטעלונג קיין סימ־פּעראָפּאָל איז שווערלעך, — האָט נעכעמיע געשמייכלט.

— עס האָט ניט געהאָלפֿן, וואָס כאַנע האָט אים אויך צוגערעדט:

— איך פֿאַרשטיי ניט, דו מאָלסט דאָך ניט פֿאַר זיך. סימפּעראָפּאָל איז אַ גרויסע שטאָט, איצט איז ווינטער. איך קאָן נעמען עטלעכע טעג אורלויב, וועסט מיר ווײַזן, ווּאַזוי, וועל איך דיר העלפֿן, וויפֿל איך וועל קאָנען.

אָבער נעכעמיע איז געשטאַנען אויף זײַנעם. אַ גאַנץ לעבן האָט כאַנע דערנאָך זיך גע־וווּנדערט, וואָס זי קאָן נעכעמיען ניט איבעריידן. אַזוי ווי ער באַשליסט, אַזוי טוט ער.

די צײַט איז ניט געשטאַנען, כאַנע האָט ווי פֿריִער געאַרבעט, און ווי פֿריִער האָט זי אָפּט געטראַכט, אַז די קאָמונאַרן זײַנען ניט קיין אומגעוויינלעכע מענטשן, אָבער צומאָל פֿלעגט איר מאַמעס ווייטאָן דאָס האַרץ, וואָס זי וועט אינגיכן פֿאַרלאָזן די קאָמונע און וועט זיך דאַרפֿן צוגעוווינען צו גאָר אַנדערע מענטשן, צו אַ נײַער סוויווע, וועלכע זי האָט לאַכלוטן ניט געקענט און ניט געוווּסט. כאָטש ניט אַלע קאָמונאַרן זײַנען צווישן זיך געווען פֿרײַנטלעך, זײַנען אָבער אויך געווען שטאַרק נאָענטע, האַרציקע כאַווײרים, ווי, לעמאָשל, כאַיעלע גרינשטיין, שימקע דער קאַניוך, לייבקע־טשאַרלי, פּראָים דער טשאַבאַן. עס זײַנען אויך געווען אַזוינע, וואָס כאַנע האָט ניט געקאָנט אָנקוקן. איינע פֿון זיי — פֿייגע דימענשטיין, וועלכער כאַנע האָט געגעבן אַ צונעמעניש „פֿייגע די רעבעצן״, און דער נאָמען איז אַזוי צוגעשטאַנען צו יענער, אַז אויב פֿייגע האָט אַף אַ פֿאַרזאַמלונג געבעטן אַ וואָרט, פֿלעגן די קאָמונאַרן גאַנץ הויך אויסשרײַען: „שטילער, די רעבעצן וויל דאַבערן״. פֿייגע איז געווען אַ הויכע, מיט גרויע אויגן, מיט העלע שיטערע גלײַכע האָר. זי האָט געהאַט אַ מיידעלע, אָבער ווער דעם מיידעלעס טאַטע איז געווען, האָט קיינער ניט געוווּסט. נאָר איין מאָל נאָך וועטשערע האָט שימקע דער קאַניוך אַרײַנגעטראָגן קלאָרקייט אין דער זאַך:

— הערט אויף, כעווערע, וואָס איז אײַער דײַגע? אָן אַ טאַטן פֿאַר איר מיידעלע איז די רעבעצן זיך ניט באַגאַנגען.

האָט מען געלאַכט, אָבער כאַנע האָט געלאַכט העכער פֿון אַנדערע. פֿייגע האָט עס פֿאַרגע־דענקט, ווײַל מע האָט עס איר פּינקטלעך איבערגעגעבן. איצט, בײַס כאַנע האָט מיט נעכעמיען געוווינט אין איין צימער, איז פֿייגע געווען פֿלאַם־פֿײַער. זי האָט כאַנען פֿון מויל ניט אַרויסגעלאָזט, און ווי אומעטום, האָבן זיך געפֿונען אַזוינע, וואָס האָבן עס אונטערגעטראָגן כאַנען מער און געדיכטער, ווי פֿייגע האָט געזאָגט.

ווען נעכעמיע האָט געמאָלט פֿייגען, האָט יענע געפֿונען אַ גינסטיקע מינוט און געזאָגט:

— כאַווער נעכעמיע, אין מאָסקווע דאַרף מען מיסטאָמע זוכן מיידלעך באַטאָג מיט ליכט? אויב ניט, וואָלט איר דאָך דאָ זיך ניט אויסגעקליבן קיין קאַלע?

נעכעמיע האָט זי אָנגעקוקט און שטיל באַמערקט:

— כאַווערטע קאָמונאַרקע, פֿאָרט צו קיין מאָסקווע, וועט איר אַליין זען.

מער האָט נעכעמיע ניט געמאָלט פֿייגען.

— איך האָב געענדיקט, — האָט ער איר געזאָגט.

— מאָרגן איז באַ מיר אַ פֿרײַער טאָג, זאָל איך קומען? — האָט פֿייגע געפֿרעגט.

— אַ דאַנק. מע דאַרף ניט.

■

כאַנע האָט איצט לאַכלוטן קיין צײַט ניט געהאַט און ס׳איז איר אין קאָפּ ניט געלעגן צו טראַכטן וועגן זײַטיקע זאַכן. נעכעמיע האָט געוואָלט, זיי זאָלן אוועקפֿאָרן אין פֿעוורואַל. כאַנען איז אַפֿילו ניט אײַנגעפֿאַלן צו פֿרעגן, „ווו וועלן מיר וווינען?״. וואָרעם ווײַבאַלד נעכעמיע זאָגט פֿאָרן, ווייסט ער דאָך, וואָס ער טוט. זי איז געווען זייער פֿאַרווּנדערט, ווען נעכעמיע האָט צו איר געזאָגט:

— כ׳האָב שוין דערלאַנגט אַ מעלדונג אין דאָרפֿסראַט, מיר וועלן זיך פֿאַרעגיסטרירן און וועלן גלײַך אוועקפֿאָרן.

— אַף אויסווייניק ווייסטו ניט, ווועמען דו האָסט ליב? צו וואָס דאַרף מען גיין אין דאָרפֿסראַט?

— איך ווייס און דו ווייסט, אָבער איך האָב דערלאַנגט אַ מעלדונג און עס וועט זײַן אַזוי, ווי איך וויל.

אזוי איז טאַקע געווען. דעם פופצעטן יאַנואַר פון איין און דרײַסיקסטן יאָר האָט כאַנע געמוזט אָנטאָן דאָס קלייד, וואָס נעכעמיע האָט געבראַכט פון מאָסקווע, די קרעמעווע גע־פרענדזלטע פאַטשיילע האָט איר נעכעמיע אויך דערלאַנגט, און די פרענדז זײַנען גרויסאַרטיק געפאַלן אפן וואַטניק. שימקע און לייבקע־טשאַרלי זײַנען געווען די איידעס. קיין מעכוטאָנים האָבן אויך ניט אויסגעפעלט. אין פולן באַשטאַנד איז געקומען די שטאַל־בריגאַדע, כאַיעלע, דער פּאַרזיצער. נעכעמיע האָט זיך אָפּגעגאָלט, אויסגעבונדן א שניפּס, די מעכוטאָנים האָבן געהייסן כאַנען אויסטאָן דעם וואַטניק, דאָס בלויע קלייד האָט איר זייער געפּאַסט.

קיין זאַגס־פּאַלאַץ איז דעמאָלט ניט געווען, דער דאָרפסראַט האָט געמעגט זײַן גערוימער — די מעכוטאָנים זײַנען געווען צונויפגעפרעסט, ווי סאַרדינקעס אין א שאַכטל.

— שטילער! — האָט באַפוילן דער סעקרעטאַר פון דאָרפסראַט. און האָט אַזוי פּאַמעלעך און ערנסט צוגעשטעמפלט דאָס פּאַפּיר פונעם נײַעם פּאַרפּאָלק, אז אלע האָבן זיך צעלאַכט.

— געפונען ווען צו לאַכן! — האָט דער פּאַרזיצער זיך געבייזערט.

פון דאָרפסראַט האָבן די מעכוטאָנים אוועקגעפירט דאָס פּאַרפּאָלק אין עסצימער, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א סימכע. פּראַיִם האָט געקערט וועלטן מיט זײַן מויל־האַרמאָניק, כאַנע האָט מיט אלעמען געמוזט טאַנצן, אפילע נעכעמיען האָט מען אויך אַרײַנגעדרייט אין א פּאָלקע. ערשט שפּעט באַנאַכט האָבן כאַנע מיט נעכעמיען פאַרלאָזט דאָס עסצימער.

סאָף יאַנואַר איז לעבן קינדערהיים געשטאַנען די איינציקע לאַסט־מאַשין, וואָס די קאָמונע האָט פּאַרמאָגט. שימקע האָט געטראָגן צו דער לאַסט־מאַשין כאַנעס „פּאַרמעגן", וואָס איז אַרײַנגעגאַנגען אין איין הילצערנעם געלבלעך־געפאַרבטן טשעמאָדאַן. פון קינדער־היים האָט מען אַרויסגעפירט כאַנעס קינדער און כאַיעלע איז געגאַנגען הינטער זיי מיט א ווײַס פּעקל אין די הענט, אין וועלכן עס זײַנען געלעגן צוויי קישעלעך. אלע זײַנען געקומען באַגלייטן די מישפּאָכע. ס׳איז זיך ניט באַגאַנגען אָן טרערן, אָן געזעגענונגס־ווערטער, אָן אויסגעשרייען „פּאָרט געזונטערהייט", „קומט צוגאַסט"... באַם וואָקזאַל אין סאַקי איז שוין געשטאַנען פיאָדער פעטראָוויטש. ער האָט געבראַכט אין א ציכל צוויי לעבלעך ברויט און עטלעכע פּושקעס קאָנסערוון. ער האָט אויך געהאָלפן אַרײַנטראָגן די זאַכן און געזעסן אין וואַגאָן ביז דער צוג האָט גערירט.

נעכעמיע האָט באַזעצט די קינדער, באַוואָרנט די זאַכן, געכאַפּט א קוק אף כאַנען און אומרויִק געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו אזוי אומעטיק, כאַנעלע?

— כ׳ווייס אליין ניט פאַרוואָס.

— דו פאַרגעסט, אז דו פאָרסט מיט מיר?

— איך געדענק, אָבער עס קלעמט דאָס האַרץ.

— עפּשער האָסטו כאַראָטע?

— זאָל גאָר אזא טאָג ניט אויסטאָגן.

מער האָט נעכעמיע גאָרנישט ניט געפרעגט. אים איז אויך געוואָרן אומעטיקלעך. ניט קוקנדיק אף דעם, האָט ער געצייכנט פאַר די קינדער אלערליי צאַצקעס. דאָס עלטערע מיידעלע, פערעלע, איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן. די יינגערע צוויי זײַנען געזעסן נאָר לעבן דער מאַמען.

און די מאַמע, די מאַמע איז געווען ניט צו דערקענען. נעכעמיען האָט זיך אפילע אויסגעוויזן, אז זי איז אָפּגעצערט געוואָרן. אף די סטאַנציעס פלעגט ער אַרויסלויפן פון וואַגאָן עפּעס קויפן, אָבער אין יענער צײַט איז געווען גאַנץ ליידיק אין די וואָקזאַל־בופעטן, אזוי אז דאָס ברויט און די קאָנסערוון, וואָס פיאָדער פעטראָוויטש האָט געבראַכט, איז זייער צונוץ געקומען. ערשט אין כאַרקאָוו האָט נעכעמיען אָפּגעגליקט: ער האָט געקויפט פּירעזש־קעס מיט פּאָווידלע און צוויי געוויכערטע הערינג. כאַנע האָט קימאַט ניט געגעסן, אף איר קוקנדיק האָט נעכעמיע אויך פאַרלוירן דעם אפּעטיט. קימאַט פיר מעסלעס האָט געדויערט די רײַזע ביז מאָסקווע. כאַנע האָט זייער ווייניק גערעדט. פלוצעם פלעגט זי א זאָג טאָן צו נעכעמיען:

— ס׳איז שוין פינצטערלעך, מע האָט שוין אויסגעמאָלקן די קי.

באַנאַכט פלעגט נעכעמיע אַראָפּקריכן פון דער אייבערשטער באַנק און אלעמאָל טרעפן כאַנען א וואַכנדיקע.

— כאַנעלע, פרעלעסט מײַנע, טו א שמייכל, איך קאָן ניט זען, ווי אומעטיק דו ביסט. רייד, זאָג כאָטש א וואָרט.

— איך האָב דיך אזוי האָלט, און דיר פעלט א וואָרט. זאָרג ניט, עס וועט איבערגיין. אלץ דאַרף זיך אָפּשטיין. איינס־און־צוויי ווערט קיין זאַך ניט.

פריילעך זײַנען געווען נאָר די קינדער. ס'איז אַף זיי אַרוף אַ נײַע הויט. אַלע ווײַלע זײַנען זיי צוגעפאַלן צו כאַנען, געשריִען „מאַמעלע" און זיך פאַרגאַנגען פון פרייד און פון געלעכטער.

■

אַפן פערטן מעסלעס אין אָוונט זײַנען זיי ענדלעך אָנגעקומען קיין מאָסקווע. דער פעראָן איז געלעגן אין הורבעס־שניי. נעכעמיע איז אַוועק נאָך אַ באַלעגאָלע און האָט זיך היפּש געזאַמט. דערנאָך איז כאַנע מיט די קינדער געזעסן אין אַ שליטן, וואָס האָט זיי געפירט דורך לאַנגע־לאַנגע גאַסן, אויך פאַרשאָטענע מיט שניי, און ווען כאַנען האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט אַזוי פאָרן און פאָרן און אין ערגעץ ניט קומען, האָט דער שליטן פאַרקערעוועט אין אַ הויף, און נעכעמיע האָט געזאָגט:

— כאַנעלע, נעם די קינדער, מיר זײַנען געקומען.

ווי כאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, האָט נעכעמיע זייער לאַנג געדרייט מיטן שליסל אין אַ טיר, דערנאָך האָט ער געעפנט נאָך אַ טיר אָן שום שליסל און האָט אַרײַנגעפירט כאַנען מיט די קינדער אין אַ קליין צימערל. עס האָט היפּש געדויערט ביז ער האָט אַרײַנגעטראָגן אַלע זאַכן און דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן אַ פּרימוס. ווען די קינדער האָבן אויסגעטרונקען טיי, האָט נעכעמיע אויסגעשפּרייט צײַטונגען אַף דער פּאָדלאָגע. אַף די צײַטונגען האָט ער אָנגעוואָרפן אַלטע מאַנטלען, כאַנע האָט אַוועקגעלייגט די קישעלעך, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט. זי האָט אויך פאַרשפּרייט מיט אַ לײַלעך די מאַנטלען, און די קינדער זײַנען אײַנגעשלאָפן, ווי איר האָט זיך געדוכט, איידער זייערע קעפּלעך האָבן זיך צוגערירט צו די קישנס. נאָך אַ געלעגער האָט נעכעמיע געמאַכט אַף אַ צעפּאָרענער סאָפע. אָבער אַפילע ווען די סאָפע וואָלט געווען ווייך און די פּרוזשינעס וואָלטן ניט געטאַנצט, וואָלט כאַנע אויך ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. נעכעמיע איז גראָד יאָ אַנשלאָפן געוואָרן, און גאַנץ פעסט.

כאַים־נאַכמען ביאַליק

דרײַ לידער

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטערט

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטערט מיט גרינס און
מיט בלומען,
ווו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצן פון שטראַלן,
ווו ס׳ציטערט די לופט פון דעם גרילצן און
זשומען —
און איך בין פאַרקישעפט צו דר׳ערד צוגעפאַלן.

ס׳איז הייס, ס׳איז שיין, ס׳איז גוט! — אפילע
די האלב דערוואָרגענע געפילן —
זיי וועלן אויך די זון דערלאַנגען,
און צאַפּלען ווייכע, גרינגע, שטילע,
און שטעקן קעפּלעך, ווי די שלאַנגען,
זיך צײַענדיק אַלץ העכער, העכער
מיט האלבן גוף פון שווארצע לעכער.
דאָס האָט אַף מיר א קוק געטאָן
גאָטס מילדע זון.

ס׳איז הייס, ס׳איז גוט! גאָטס וועלטל גלאַנצט,
אין טיפן גראָז — דאָרט שמיצערט, טאַנצט,
דער סטעפּ מיט בלימעלעך געצירט,
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפלאַנצט,
פאַרשפּרייט זיך ווײַט און גייט אוועק
גאָר אָן אָן אָנהייב, אָן אָן עק.
און איינזאַם דאָ צעווישן גראָז
שפּיר איך אין מיר א גאַנצע וועלט —
דאָס האָט געטאָן אַף מיר א בלאָז
מיט פרײַען פעלד.

ס׳איז שאַ, ס׳איז שטיל... אָט דאָ געשווינד
איז דורכגעפלויגן, ווי א פײַל,
אזוינס, וואָס האָט געשמעקט מיט קינד,
און ליגט שוין ווײַט פאַר טויזנט מײַל.
דאָס האָט געטאָן א גלאַנץ, א בליץ,
און גלײַך אין אויג דערלאַנגט א שפּריץ
מיט טראָפּנס טוי פון זיסן גליק,
פון יונגן גליק, וואָס ווערט ניט אַלט, —
דאָס האָט אַף מיר געטאָן א בליק
דער גרינער וואַלד.

מײַן גאָרטן

ווילט איר, עפּשער, זײַן א באַלן
אָנקוקן מײַן שיינעם גאָרטן —
זײַט זשע מוכל, קומט אַרויס,
קוקט אים אָן — אָט שטייט ער דאָרטן.

אָן אײַנהאָרע גרויס און רײַך —
כ׳זאָג אײַך, איינער אינעם שטעטל.
זעט נאָר, ווי עס קוועלט אין אים
יעדער בוים און יעדעס בלעטל...

אויסגעצוואָגן פון דעם טוי,
פון די שטראַלן אויסגעבאָדן,
שטייעןביימער אַלערליי
מיט די פּיירעס אָנגעלאָדן.

שווערע עפּל, רויטע עפּל
בייגן צו דער ערד די צווײַגן,
און די באַרן — זעט נאָר באַרן —
הענגען שטיל זיך דאָרט און שווײַגן.

שוואַרצע ווײַנשל בלינצלען עפּעס
מאַמזעריש גנייוויש, ווי מיט אויגן...
נו און פלוימען, אָט די פלוימען
מיט א בלויען הויך באַצויגן...

הײַנט די פערשקעס — איינמאָל
פערשקעס!
פּוכלע, האַריק, פריש און איידל,
פונקט ווי קײַלעכדיקע בעקלעך
פון א פּופּצניאַריק מיידל...

יאָ, א דאַנק זײַן ליבן נאָמען,
כ׳האָב א רײַכן, שיינעם גאָרטן!
אָן אײַנהאָרע אָנגעפּאַקט
פּיירעס, פּרוכט מיקאָל האָסאָרטן.

כ׳האָב אים, אָט דעם שיינעם גאָרטן,
זאָל אים קיין בייז־אויג ניט שאַטן,
ליב דאָס לעבן; שײַעך ליב?
כ׳זאָג אײַך: עפּעס ווי א טאַטן...

זומער־לעב נאָך מיטיק. הײַנע:
נאָך א יויך און נאָך געבראָטנס
נעם איך און פאַרשטעק זיך טיף
און צעלייג זיך דאָרט אין שאָטנס —
ברייטלעך אָט־אָ דאָ, לעמאָשל,
אונטער בארנבוים דעם גרויסן....
מײַנע פּייגל אלערליי
שיידים ווייסן, ווי זיי הייסן —
הם... קאַנאַריקלעך, אשטייגער,
זינגען, קלינגען, קנאַקן, שאַלן,
און דאָס שיט זיך אָף מײַן קאָפּ
מיט געזיפּטע ברעקלעך שטראַלן...

טוט זיך נאָר דער בוים א טרייסל —
באַלד צעלויפט זיך אָף דעם שאָטן,
גיך, ווי מײַזלעך, פלעקן גאָלד —
און איך ווער מיט גאָלד באַשאָטן...

און זיי פלאָנטערן זיך אין באָרד,
און זיי קריכן אין די אויגן,
קינדלען, ראַנגלען זיך — פרעגט וואָס?
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן...

מאַכן כויזעק פון א מאַן,
כ׳ווייס ניט, וואָס זיי ווילן האָבן:
הוידען, גליטשן זיך אָף מיר,
טפו, א רוח אין זייער באָבען!

ליגנדיק אזוי און זען,
ווי עס ציטערט יעדעס בלעטל —
דוכט זיך מיר, איך וויג זיך שטיל
אין א גאָלד־געפלאָכטן בעטל...

און פאַרקוק זיך גלאַט אזוי
אָף די פּיצלעך שטיקלעך הימל...
און עס וועבט זיך אָף די אויגן
זיס און ווייך און שטיל א דרימל...

ווייסט איר: ווייך און זיס אזוי...
עפּעס מײַסע יעצרהאָרע...
יאָ, וואָס זאָגט איר, דאַנקען גאָט —
ס׳איז א גאָרטן אָן אײַנהאָרע.

טרעף זשע, וואָס איך בין א באַלן
טאָן אשטייגער מיט מײַן גאָרטן?
באַלד, אימירצעשעם, נאָך טאַמעז
נעם איך — רײַס אַרום די פּרוכטן...

ריישיס, ווען איך אָט די ווײַנשל
פון דעם בוים מעכילע בעטן,
און וועל האַלב מיט בראָנפן „שטעלן"
און מיט צוקער האַלב אָנשיטן —

ווישניאַק, הייסט עס, ווי איר ווילט —
ווילט איר זיסן, ווילט איר שטאַרקן...
כאַפּט זשע ניט, איצט לאָמיר נעמען
אָט די פערשקעס, וואָס באַם פאַרקן...

אָט די פערשקעס, ווי איר זעט זיי,
באַלד נאָר ווי זיי ווערן פאַרטיק,
פּרעגלט „מײַנע" אײַנגעמאַכטס —
אָבער אײַנגעמאַכטס גרויסאַרטיק!
ס׳איז קעדײַי אים אָנצוקוקן,
יאָ, איך מעג דאָס אײַך פאַרגינען...
פון דעם בוימלדיקן סיראָפּ
שײַנען פערשקעס, ווי בורשטינען...

האָב איך אײַך געזאָגט גרויסאַרטיק —
מעגט איר זיך אָף מיר פאַרלאָזן,
„מײַנע", דאַנקען גאָט, פאַרשטייט,
ווי מע טוט מיט אבריקאָסן...

נאָכדעם גייט א סעדרע פלוימען...
כאַפּט זשע ניט און לאָזט זיך ריידן —
פון די פלוימען ווערט פאָווידלע —
און פאָווידלע — טאַם גאַניידן!

צוויי מעסלעס געפּרייט אין אויוון
אין איין עמער־טאָפּ א גרויסן
מיט געווירצן, רײַבט מען נאָכדעם...
ניט דאָס אָבער בין איך אויסן.

כ׳זאָג אײַך: ס׳איז א מײַכל — הײַנע:
ברויט, לעמאָשל, צו באַשמירן...
איצטער — יאַאַמויד רעב בערל!
באַרן, הייסט עס, אײַנמאַרנירן...
ווילט איר פון מאַרנירטע באַרן
זײַן, ווי זאָגט מען, עכט צופרידן,
זאָלט איר טאָן אזוי, ווי „מײַנע":
פּריִער דעם עסיק איבערזידן...

און, פאַרשטייט זיך, אז מיט צוקער,
מיט געווירץ און לאַרבער־בלעטער!
נאָר די באַרן גופא זאָלט איר
דאָרט אַרײַנלייגן ערשט שפּעטער...

גאַנצערהייט, נאָר אָפּגעשיילטע,
מיט די שטעקעלעך אפילע —
און איר מעגט שוין זײַן באַוואָרנט
ס׳וועט ניט צוקערן, כאַלילע...

אָפּגעטאָן די באַרן זייערס,
הייבט אויך אָן די עפּל רײַסן;
און פון עפּל האָט איר צימעס,
קוגל, קנישעס צום פאַרבײַסן.

מיינט איר, עפשער, דאָס איז גאָר?
פע, אזוי איז מײַסע־פּרעסער!
דאפקע פון די שענסטע עפּל
שטעל איך עפּל־קוואס דרײַ פעסער...

ווייסט איר, שאבעס נאָכן שלאָף
אין אן אָסיען־טאָג א מיִעסן,
ווען סע ווילט זיך, נאָר מע קאָן ניט
ניט קיין גענעץ טאָן, ניט ניסן...

און סע גלוסט זיך, נאָר מע ווייסט ניט
זיס צי זויערס? עפּעס ווײַניקס...
דעמלט איז א ביסל קוואס
מיט א קיסליצע — א טײַנעג!

דאכט זיך — גאָרנישט, קלייניקײַטן,
נאָר די אלע זיבן זאכן
ווערלן, מירצעשעם, מײַן שטוב
זומערדיק אום ווינטער מאכן.

אין די ווינטער־נעכט די גרויסע
קומען גוטע־ברידער שמיעסן,
מיך מעהאנע זײַן, דערווײַל
טאקע עפּעס גוטס געניסן...

זיי ארומזעצן באַם טיש,
וועל איך א געשריי טאָן: פּאני!
„מײַנע״ הייסט דאָס — נו באווײַז זיך,
זײַ מעכאבעד די קאָמפּאני!

מיילע, רעדט מען ניט פון טיי,
קיכלעך, קאָרזשעס, פלאָדן, טאָרטן
און קעדוימע דאָרט געבעקסן —
נאָכדעם יאאמויד מײַן גאָרטן!

און אין איין מינוט וואקסט אויס
אַף מײַן טיש אינמיטן ווינטער
בארן, פלוימען, פערשקעס, ווײַנשל —
און סע ווערט, ווי זאָגט מען, מינטער...

בארן — מיינט מען אײַנמארנירטע,
ווײַנשל — מיינט מען ווישניאק שווארצן;
פלוימען, פערשקעס — הייסט פּאָווידלע
און קעדוימע אײַנגעמאכטסן.

און דער אוילעם כאפּט זיך צו —
שטערנס שוויצן, פּיסקעס קנאקן,
און מע ארבעט לאנג, געשמאק,
און מע רײַבט אַףביידע באקן.

עפּעס אויך די ליכט, די ווארעם
ווערן פריילעכער, געשמאקער,
און מײַן בליצלאָמפּ, דוכט זיך, ברענט ניט
מיט א פלאם, נאָר מיט א פלאקער...

אויך די ציגגלעך ווערן שארפער
און סע בליצט א שפּיציק ווערטל,
באלד, ניט אויסגעדאכט זאָל זײַן,
גייט מען איבער צו א קערטל...

און פארטיפט מיט זיי אינײַנעם
אין געווינסן און אין שאָדן —
הער איך איינער, ווי סע קלאפּט מיר
שטילערהייט א בוים אין לאָדן:

„באלעבאָס, אוי מיר איז פינצטער!
באלעבאָס! אוי מיר איז ביטער!
נאקעט בין איך, און דער ווינט שמײַסט
מיך אליין מיט מײַנע ריטער״...

כאפּט מיך אָן באַם הארץ און טו,
מישנדיק דאָס טעשל קאָרטן,
א קליין קרעכצל: נעבעך, נעבעך,
א ראכמאָנעס אַף מײַן גאָרטן!...

ערעוו פרילינג[1]

עפּעס איז די לופט מעוּבערעס,
און אפּאָנעם מיט א צווילינג:
כאפּט א פרעסטל — דוכט זיך: ווינטער,
בלאָזט א ווינטל — דוכט זיך: פרילינג.

כ׳שטיי אוף פרי — דער דאך געזילבערט,
און א בעלמע אַף די שויבן;
דאָך אין דרויסן פליִען העכער
צו דעם הימל ווײַסע טויבן.

און די צעפּלעך אײַז, ווי ליכטלעך,
אָנגעצונדן מיט א העלן
שטראל, צעשמעלצן זיך און טריפן —
צי זיי ווײנען, צי זיי קוועלן?

נעמט דעם לועך! — וואָס, א פרילינג?
ווייס איך, וואָס ער בעבעט דאָרטן!
ציגן זאָלן אזוי וויסן
שפּרינגען אין דעם רעבנס גאָרטן!

מאָל דיך, פרילינג איז נאָך ניט,
ס׳איז לעסאטע ערעוו פרילינג,
און לעסאטע בלײַב פארשפּיליעט,
קאָנסט נאָך כאפּן א פארקילונג.

אָבער איך — איך הער קיין וועלט ניט,
איך צעשפּיליע די קאפּאָטע,
און איך לויף אַף גאָטס באראָט
טאנצן מיט א שטראל אין בלאָטע.

[1] געשריבן אין יאָר 1905.

מיר געפעלט דער ערעוו פרילינג
דאפקע ווי ער ש ט ײ ט א ו ן ג ײ ט,
אָנגעטאָן אין שמאטעס — וואָלקן
מיט א גאָלדנעם שטראל באַנײט.

איך האָב ליב זײַן קאלטן ווינט,
וואָס ער פאטשט אין האלדז און נאקן,
ווען פון פאָרנט קושן, הלובען
זיסע ווינטלעך מײַנע באקן.

מיך אנציקט זײַן פיצל הימל,
וואָס אנטבלויזט זיך פריש און אײדל,
ווי דאָס יונגע פרומע לײַב
פון א קאָשער יִדיש מײדל.

כ׳ווער צעשמאָלצן, כ׳קוועל פאר טײַנעג,
ווען א ברען, א שטראל א פרײַער
טאנצט און שפּילט זיך מיט דעם שאָטן
און דער שאָטן שפּילט מיט פײַער...

יאָ, כ׳האָב ליב זײַן אײדל שפּילן
פון די דינסטע, רײנסטע גאמען,
ליכט און שאָטן... עפּעס האָט דאָס
טויזנט כײנען, טויזנט טאמען;

עפּעס מינעט זיך די לופט,
ווי א קאלע באם אײַנעמען...
טוט א שײַן און ווערט פארשעמט,
שטראלט — און לאָזט אראָפּ די ברעמען...

אָט ווערט ליכטיק, אָט ווערט טונקל,
און אָט גיסן זיך צוזאמען
ליכט מיט שאָטן — יאָ, דאָס האָט
טויזנט כײנען, טויזנט טאמען...

און דער טײַך, איר הערט זײַן קרעכצן
און זײַן סקריפּען פונדערווײַטן?

עפּעס נעצט דאָרט, עפּעס פּלאצט דאָרט,
עפּעס שפּארט דאָרט אין די זײַטן!

עפּעס רודערט זיך דאָרט אונטן,
באלד, אָט באלד וועט זיך באוויַזן,
וואָס דערשטיקטע קרעפּטן קאָנען,
ווי די נויט ברעכט אײַז און אײַזן...

אלע שטראָמען שטילע וואסער,
ווי מיט אײן געדאנק און אײַצע,
וועלן זיך א נעם טאָן „ראזאָם"
און א שפּאר טאָן מיט אײן פּלײצע —

„ראזאָם, ברידערו!" און צעבראָכן
מוז די גראָבע אײַז־דעק ווערן,
די, וואָס האָט פון זײ פארשטעלט
הימל, זון, לעוואָנע, שטערן.

און באפרײַטע ברײטע כוואליעס
וועלן טרײַבן דורך די בריקן
גאנצע מאכנעס שטיקער אײַז —
זײ צום שווארצן יאם פארשיקן:

„גײט צו אלדי שווארצע יאָרן!"
און צעבראָכענע אָף פּיצלעך,
וועלן זײ אין וועג באקומען
קאלטע פּעטש מיט הײסע שמיצלעך.

פּאטשן וועלן שטרענגע כוואליעס,
שמײַסן וועלן ריטער — שטראלן;
פיש אין וואסער וועלן זינגען,
שטומע שטײנער וועלן שאלן...

און דער טײַך, באפרײַט און גליקלעך,
וועט זיך ברײט און ווײַט צעגיסן,
און דעם ליבן שײנעם פרילינג
מיט א שמײכעלע באגריסן...

כאַים ביידער

אמורזעטער באַגעגענישן

1

הייסט עס, פאָרן מיר קיין אמורזעט. דער דאָזיקער דאָרעמדיקער ראַיאָנישער צענטער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, וואָס האָט זיך צעשפּרייט לענגויס דעם אמור, האָט מיך שוין לאנג געצויגן צו זיך מיט זײַן ניט געוויינלעכקייט און סוידעספולער ווײַטקייט.

איך האָב זיך דערמאָנט קאָלערליי געשיכטעס, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון מענטשן, וואָס האָבן נאָך סאָף צוואנציקער — אָנהייב דרײַסיקער יאָרן קימאט די ערשטע באַטראָטן אָט די ערד. א מײַסע, לעמאָשל, פון א געוועזענעם אינסטרוקטאָר פון ביראָבידזשאנער קולטפּראָסוועט, וואָס האָט גענומען אף די פּלייצעס א זאק מיט געלט — דעם געהאלט פאר עטלעכע כאדאָשים פאר די לערער און קולטארמייצעס, צו וועלכע קיין פּאָטשט איז נאָך דעמלט ניט געגאנגען, און זיך געלאָזט צופוס מיט א באגלייטער, א היגן נאנײַער, דורך א נאָך קיינמאָל ניט באטראָטענעם, אין זומפּן פארלוירענעם, מיט קאָטשקעס און ווילדוואלד פארוואקסענעם וועג. זײַן קאָמאנדיראָווקע איז, אייגנטלעך, באַשטאנען אין גיין אהין און צוריק. אין א גרויסער פארלעגנהײַט איז געווען דער פינאנץ־אָפּטייל — אדעראבע, פּרוווט אונטערעכענען, וויפל דארף מען אויסצאָלן פארן גיין אהין און צוריק, וויפל צאָלן מעסלעס־געלט, אז דורך דער טײַגע גייט ניט קיין שום טראנספּאָרט און נעכטיקן דארף מען אונטערן הוילן הימל, דערצו נאָך מיט אָפענע אויגן און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, עס זאָל, כאָלילע, עפּעס אן אומבאוווסטע כײַע־ראָע אף דיר ניט אָנפאלן...

— נו, און וויאזוי איז עס פאָרגעקומען? — האָבן מיר זיך אינטערעסירט.

— גאָרניט, — האָט אָפּגעענטפערט דער שאָליעך. — עס איז טאקע געווען ניט לײַכט, די טײַגע האָט דעמלט, שטעלט זיך פאָר, אויסגעזען עטוואָס אנדערש, ווי, אשטייגער, די הײַנטיקע שאָלעם־אלייכעם־מאגיסטראל אין ביראָבידזשאן אָדער ווי די אספאלטירטע קרופּסקע־גאס אין אמורזעט, נאָר קיין שלענג און קיין פּיפּערנאָטערס, ווי איר זעט, האָבן מיר ניט באגעגנט, א סימען האָט איר: איך בין לעבן געבליבן, קעדיי אײַך אויסצומאָלן, וואָס עס איז געווען דאָ אמאָל, מיט א יאָר פערציק צוריק...

שוין אליין דער נאָמען פון אָט דעם ווײַטן ייִשעוו אף דער גרויסער ווײַטמיזרעכדיקער וואסער־מאגיסטראל איז סוידעספול. „אמור זעט“ — האָט פארטײַטשט איינער פון אונדזערע הײַנטצײַטיקע שרײַבער, וואָס האָט געמאכט אהער א רײַזע מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק. נו, געוויס האָט עס געדארפט אזוי טאקע הייסן: אמור זעט, ווי אף אָט דעם געוועזענעם פארוואָרפענעם און ניט בארירטן ברעג האָבן מענטשן אָנגעהויבן א נײַ לעבן, פול מיט אימפּעט און גלויבן, און ארײַנגעאָטעמט אין אים די וואַרעמקײַט און ברויז פון זייערע יונגע, הייסע הערצער. יענער שרײַבער האָט עפּשער געוווּסט די עמעסע עטימאָלאָגיע פונעם נאָמען, וועלכן מע האָט אמאָל געגעבן דעם נײַ־געגרינדעטן ייִשעוו, נאָר אים האָט זיך, ווײַזט אויס, געוואָלט דורך זײַן אייגענער אויסטײַטשונג איבערגעבן די ראָמאנטיק פון יענעם אָרט, וואָס האָט שוין הײַנט א שפּאן געטאָן אין דער לענג און אין דער ברייט און וועט אמאָל ווערן א גאנצע שטאָט.

די ערשטע 120 איבערוואַנדערער זײַנען געקומען אהער מיט דער שיף „דזורזשינסקי" פון כאַבאַראָווסק. דאָס איז פאַרגעקומען מיט העכער פיר צענדליק יאָר צוריק (די געקומענע האָבן אפילע ניט געקאָנט אראָפּשטײַגן, ווײַל קיין פּריטשאַל איז אָפן ברעג ניט געווען, זיי האָבן געמוזט זיך ארויסזעצן א קילאָמעטער צוועלף פונדאַנען, אין אלטן רוסישן דאָרף יעקאַטערינאָ־ניקאָלסקאָיע).

יעדער אומבאַקאַנטער וועג רופט ארויס א געפיל פון אומרויִקײַט, מעגלעך צוליב דער אומבאַוווּסטקײַט. דער דיכטער מוישע כאַשטשעוואַצקי, וועלכער האָט פאַרגענומען א רײַזע קיין ביראָבידזשאַן אין 1936 יאָר, האָט דערציילט, וויאַזוי ער האָט געפּרוּווט ארויספּאָרן פון אמורזעט און וויפל מאַטערנישן אים איז אויסגעקומען אויסשטיין ביז ער האָט זיך אָף א פּאָטשט־מאַשין דערקליבן מיטן צעגראָבענעם און צעוויייקטן וועג צו דעם שכיינישן ראַיאָנישן צענטער, פון וועלכן איצט איז שוין אפילע קיין זייכער ניט געבליבן. שמועל גאָרדאָן, וואָס האָט געמאַכט א נעסיִע איבער דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אין צען יאָר ארום נאָך כאַשטשעוואַצקין, איז פון ביראָבידזשאַן קיין אמורזעט געפלויגן אָף אן אָפּענעם עראָפּלאַן. דעמלט האָט עס שוין געהייסן „מיט קאָמפאָרט".

און אצינד טראַגט אונדז פײַל־אויסן־בויגן די „וואָלגע" פון דער רעדאַקציע „ביראָבידזשאַנער שטערן" איבער א פּראַקטיק אויסגעפּלאַסטערטן וועג קיין זשאָלטי יאָר, א קילאָמעטער דרײַסיק פון ביראָבידזשאַן, צום עראָפּאָרט. און איזי אײַגעל, דער יונגער שאָפער און פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט, זיצט זיך באַם רודער פון דער מאַשין מיט אזא בענימעסדיקײַט און געמיטלעכער רויִקײַט, פונקט ווי ער וואָלט באַ זיך אין דער היים זיך אײַנגעמאָסטעט אין פאָטעל אָף צו קוקן א טראַנסלירונג דורכן טעלעוויזאָר.

— א וועג, ווי א ווירע, — זאָגט ער, — און איך געדענק נאָך, ווי מײַן טאַטע, אויך א שאָפער, אָבער פון א לאַסטמאַשין, פלעגט זיך עס מוטשען אָט אָ־דאָ. וויפל מאָל האָט ער געבוקסעוועט! אָף צו דערקלײַבן זיך ביז וואָלדהיים האָט מען געדאַרפט פאַטערן א האַלבן טאָג, אויב ניט מער, און ביז זשאָלטי יאָר — פאַרשפּאַרט מען שוין צו פרעגן.

דאָס זאָגט ער עס מיר, א נײַעם מענטשן אין אָט די ערטער, איך זאָל, כאַלילע, ניט מיינען, אז אזא גלײַכער, אספאַלטירטער שליאַך איז דאָ שטענדיק געווען.

מיט מיר אין מאַשין זיצט נאָך איין פּאַסאַזשיר — שנייער קאָניק, דער מיטאַרבעטער פון „ביראָבידזשאַנער שטערן". קיין אמורזעט פאָרט ער, קעדיי ארויסטרעטן אין ספּעקטאַקל „צוויי קונילעמלעך", וועלכן דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער פירט אהין אָף צו באַווײַזן פאַר די אמורזעטער צושויער. אײַגנטלעך, האָב איך פאַרגענומען אָט די רײַזע טאַקע צוליב דעם טעאַטער, וועגן וועלכן איך האָב נאָך מיט א וואָכן צוויי צוריק, פאָרנדיק מיטן שנעלצוג „ראָסיאַ" פון כאַבאַראָווסק קיין ביראָבידזשאַן, זיך אָנגעהערט פון מײַנע שכיינים אין קופּע — א יונגן פּאָרפּאָלק, עכטע פּאַטריאָטן פון זייער ביראָבידזשאַן און זייער טעאַטער.

— ווען ער גיט א פּרעמיערע, — האָבן זיי מיר דערציילט, — טוט זיך אָף טיש און אָף בענק, אלע בילעטן קויפט מען אויס א וואָכן צוויי פאַרויס, מע זאָל, כאַלילע, ניט בלײַבן אָן אָרט, פונקט ווי, לעהאַוודל, באַ אײַך דאָרט, אין לענינגראַדער גאָרקי־טעאַטער.

נו, ווי זשע קאָן מען דורכלאָזן אזא געלעגנהײַט און ניט זען סײַ דעם ספּעקטאַקל, סײַ דעם אוילעם, וואָס קומט אים קוקן?

קיין אמורזעט האָט דער טעאַטער זיך געקליבן פאָרן מיטן אויטאָבוס פונעם ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ, און בעטיִע גערשקאָוואַ, איינע פון די אַקטריסעס און די פאַרוואַלטערן מיטן רעקוויזיט, האָט מיך שוין געהאַט אַרײַנגעשריבן אין צעטל פון די פּאַסאַזשירן, נאָר אין רעדאַקציע האָט מען מיר געייצעט פלײַען קיין אמורזעט מיטן עראָפּלאַן. ערשטנס, וועט עס זײַן א סאַך זיכערער, איידער זיך פאַרלאָזן אָפן אויטאָבוס פונעם קולטור־פּאַלאַץ, וועלכער האָט א טעווע זיך אָפּשטעלן אינמיטנדערינען ערגעץ אין וועג און, ווי אן אײַנגעשפּאַרט אייזל, זיך לאַנג לאָזן בעטן, ער זאָל זיך אָפּרײַסן ווידער פונעם אָרט. צווייטנס, וועל איך אײַנשפּאָרן צײַט און ביזן ספּעקטאַקל עפּשער נאָך באַוויַזן זיך טרעפן מיט מענטשן, וועלכע אינטערעסירן מיך. עמעס, אויסרעכענען אָף א באַזונדערן דערפאָלג, האָט אָפּגעמערקט דערבײַ מײַן מיטפאָרער, איז ניט שײַעך: הײַנט איז שאַבעס, אלע אנשטאַלטן זײַנען פאַרמאַכט, מענטשן רוען אָפּ, סײַדן עפּעס וועט זיך פאַרלאָזן אָף אים טאַקע, אָף שנייערן, ער קען דאָרט, זאָגט ער, אלעמען און וועט מיך צונויפירן מיט וועמען מע דאַרף אפילע אין דער היים. פאַר דער דאָזיקער מעגלעכקײַט כאַפּ איך זיך אָן, ווײַל ווו עפּענען מענטשן זייערע הערצער, אויב ניט אין דער היים?

דרײַסיק קילאָמעטער איז פאַר איזי אײַגעלס „וואָלגע" ניט קיין מעהאַלעך. אָט האָט זיך שוין דורכגעטראַגן „פּעטיטשניק" — דער ערשטער ייִשעוו פונעם בײַשטאַטישן קאָלווירט „אילײַטשעס געבאָטן". דערנאָך — אליין וואָלדהיים, דער צענטער פונעם קאָלווירט, נאָך אים — פראַנקינאָ, באַלד וועלן מיר אָנשפּאָרן אין זשאָלטי יאָר. דאָ, נאָענט צום געגנטלעכן צענטער, פרייען דאָס אויג ברייטע, מיט גרינע טעפּיכער באַדעקטע פעלדער — אן אָנזאָג פון א גוטער גערע־

טעניש, וואָס די דאָזיקע ראַכוועסן דאַרפן האַיאָר ברענגען.

באַ מיר אין בלאָקנאָט זײַנען פאַרשריבן אַ סאַך נעמען און אַדרעסן פון אַמורזעטער טוישווים, מיט וועלכע עס ווילט זיך באַגעגענען. מיר האָט זיך זייער געוואָלט באַגעגענען מיט איינעם פון די ערשטע איבערוואַנדערער, מיט איינעם פון די אַבאָריגענען פון אָט די מעקוימעס, וואָס האָט איבערגעטראָגן אַף זײַן פּלייצע קאָל־האַמינים ניסיוינעס, געהאַקט און געקאָרטשעוועט די טײַגע, אויסגעבויט פאַר זיך און פאַר זײַנע אייניקלעך אַ נײַע היים און געלאָזט דאָ טיפע וואָרצלען, — דאָס וואָלט געווען פּאָשעט אַ געווינס, ביפּראַט, האָב איך געטרוימט, ווען אַזאַ איינער וואָלט ביז איצט נאָך געשטאַנען פעסט אַף דער דאָזיקער ערד און פאָרגעזעצט זיך מיִען.

לאָזט זיך אויס, אַז טרעפן אין אַמורזעט אַזאַ מענטשן איז גאָר ניט קיין שווערע זאַך, און אויב שוין זײַן פינקטלעכער, קאָן מען דאָרט באַגעגענען ניט איינעם אַזאַ.

דערווײַל דערנעענטערן מיר זיך צו „זשאָלטי יאַר", ניט פאַרפאָרנדיק אין דאָרף, פאַרקערעווען מיר אַף לינקס און שטעלן זיך אָפּ באַם סאַמע אַעראָוואָקזאַל, וואָס הייסט „ביראָבידזשאַנער", כאָטש פון ביראָבידזשאַן טיילן אים אָפּ גאַנצע דרײַ צענדליק קילאָמעטער. מיר טוען אַ קוק אַפן זייגער — פינף און צוואַנציק מינוט האָט געדויערט אונדזער רײַזע אַהער. איזי אייגעל אײַלט צוריק אַהיים, און מיר פאַלן אַרײַן אין רעשוס פון די ביראָבידזשאַנער אַוויִאַטאָרס. אין עטלעכע מינוט אַרום ליגן שוין אין אונדזערע קעשענעס בילעטן אַפן אַעראָפּלאַן, וועלכער דאַרף אָט־אָט אָנקומען פון כאַבאַראָווסק. קאָן מען דערווײַל אַ שפּאַציר טאָן אַרום אַעראָוואָקזאַל, זיך מעכײַע זײַן מיט דער פרימאָרגנדיקער זון, וואָס זאָגט צו אַ גוטן פרילינגדיקן טאָג, און עפּשער אַפילע זיך דורכשמועסן מיט אונדזערע קינפטיקע מיטפאָרער.

נאָר שאַט, אָט דערטראָגט זיך פונדערווײַטנס אַ הודען. אַפן פלי־פעלד, גאָר נאָענט צו דער געבײַדע פונעם אַעראָוואָקזאַל, לאָזט זיך אַראָפּ אַ זילבערדיקער „אַנ־2" און רודערט צו צו דער גרופּע אַעראָפּלאַנען, וועלכע שטייען אויסגעשטעלט אין אַ גלײַכער ריי, ווי אַף אַ פּאַראַד. עפּשער איז עס טאַקע אונדזערער? נאָר ניין, דאָס איז געקומען צו פליִען פון אַן אָרדנטלעכן רייס איבער די פעלדער פון לענינער ראַיאָן איינער אַן עקיפּאַזש פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַוויִאַציע. אָן די פּילאָטן פון די זילבערדיקע „אַנען" קאָנען זיך די היגע ערדאַרבעטער שוין איצט ניט באַגיין.

— שטיין עדוואַרד איסאַקאָוויטש, — שטעלט זיך פאָר איינער פונעם אָנגעקומענעם עקיפּאַזש.

עדוואַרד איסאַקאָוויטש שטיין איז דער קאָמאַנדיר פון אַ רינג אַעראָפּלאַנען, וועלכע באַדינען די סאָווירטן און קאָלווירטן פון דער געגנט.

— וואָס טוען מיר דאָרט? — שטיין הייבט אָן איבערצורעכענען: — ערשטנס, צעזייען מיר מינעראַלע באַגיטיקונג, צווייטנס, באַשטויבן מיר מיט הערביצידן דעם פאַרזיי. האַיאָר, לעמאָשל, שטייט אונדז פאָר באַאַרבעטן אַף אַזאַ אויפן הונדערט טויזנט העקטאַר ווייץ, קוקורוזע און סאָיע אַף די פעלדער פון דאָברינסקער, בידזשאַנער, סאַמאַרער, אָקטיאַבערישן און אַנדערע סאָווירטן. דריטנס, פירן מיר אויך אַריבער פּאַסאַזשירן און קאָלערליי פראַכטן... האַקלאַל, אַרבעט איז דאָ גענוג.

געוויינלעך, אַעראָפּלאַנען, וואָס פליִען איבער פעלדער, איז שוין לאַנג ניט קיין כידעש, אָבער דאָ, אַפן ווײַטן מיזרעך, ווו עס איז נאָך גרויס דער מאַנגל אין אַרבעטס־הענט, איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַוויִאַציע פּאָשעט אַ גרויסער געווינס, און אין יעדער ווירטשאַפט, ווי מיר האָבן שפּעטער געהאַט אַ מעגלעכקײַט זיך איבערצײַגן, וואַרט מען אַף די „מאַלאָכים פון הימל" מיט אומגעדולד און מיט צעשפּרייטע אָרעמס.

שוין זיצנדיק אין „אַנ־2", לאָז איך ניט אַראָפּ די אויגן פונעם לאַנדשאַפט, וועלכער שפּרייט זיך אונטער אונדז מיט אַלע זײַנע קאָלירן. איך זיץ לעבן סאַמע פענצטערל און קוק פאַרגאַפט, ווי די קאָלירן בײַטן זיך, ווי אין אַ קאַלײַדאָסקאָפּ. בלויִלעכע אָדערן פון פּילצאָליקע טײַכעלעך שלענגלען זיך צווישן גרינע, ברוין־געלע, טונקל־ראָזעווע, העל־גרויע ראַכוועסן. די באַהערשטע שטאָכים אַקער־ערד טיילן זיך אויס צווישן די אומענדלעכע זומפּן. אָט די אויסגעקעמפּטע באַ דער טײַגע באַצירקן האַקן זיך פּלוצעם אָפּ, נאָר אין אַ צײַט אַרום שווימען זיי אַרויס אין אַן אַנדער אָרט. עס זעען זיך באַוואַקסענע סאָפּקעס, גרינע לאָנקעס, און ווײַט איינס פונעם אַנדערן — דערפער, ייִשוווים.

— און אָט איז בידזשאַן, — באַווײַזט מיר שנייער קאָניק.

מיט דער בירע האָב איך זיך שוין באַקאַנט אין ביראָבידזשאַן, אָבער וועגן בידזשאַן האָב איך קיין אַנונג ניט געהאַט. פון דער הייך זעט אָט דער טײַך אויס ווי אַ דיִנינקער שנור, וואָס מע האָט פון ערגעץ אַראָפּגעוואָרפן אין דער סאַמע מיט פון דער טײַגע־געדיכטעניש. אָט ציט ער זיך גלײַך, ווי אַ ווירע, טוט זיך פּלוצעם אַ בייג אַף לינקס, דערנאָך אַף רעכטס, אָט מאַכט ער אַ האַלבן קרײַז, ווי ער וואָלט וועלן אַרומכאַפּן באַם גאַרטל די געדיכטעניש, נאָר, זעענדיק, אַז דאָס איז ניט מעגלעך, גלײַכט ער זיך ווידער אויס, קעדיי איבערכאַזערן דאָס זעלבע

א ביסל ווײַטער. און אזוי — ביז ער גיסט זיך ניט ארײַן אינעם אמור.

און אָט איז ער אליין, דער „אמור־באטיושקא", ווי מע רופט אים אפן ווײַטן מיזרעך. ער האָט א בלענד געטאָן מיט זײַן בלויער ברייט פונדערווײַטנס, ערגעץ אף א פּאָר רעגעס פארשווונדן פון אונדז, דערנאָך ווידער ארויסגעשווומען פון אונטער די פליגל פונעם אעראָפּלאַן. אונדזער „אנ־2" מאכט א קרײַז ארום א היפשן באפעלקערטן פונקט, וואָס ליגט צעלייגט באם סאמע טײַך, און, אראָפּלאָזנדיק זיך אלץ נידעריקער און נידעריקער, רירט ער לײַכט אָן מיט די רעדער די ווייכע ערד. מיר זײַנען געקומען.

2

אמורזעט האָט אונדז באגעגנט מיט א גוט אָנגעגליטער זון, מיט א וואַרעם ווינטל, מיט שטילקײַט און געמיטלעכקײַט, וועלכע כאַפט ארום יעדן איינעם, וואָס קומט אין אָן אָרט, וואָס איז אים נאָענט און טײַער, זאָל זײַן אפילע ווען געקומען איז ער אהער דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. פונוואנען זשע קומט זי, די דאָזיקע געמיטלעכקײַט, — האָט זיך געוואָלט באגרײַפן. עפשער קומט עס דערפון, וואָס מיר האָבן זיך א סאך אָנגעהערט וועגן אָט דעם ייִשעוו און וועגן זײַנע מענטשן? צי דערפון, וואָס אמורזעט איז ניט ענלעך אף קיין שום אנדערן ראיאָנישן צענטער: ניט געקוקט אפילע אף די סטאנדארטע מויערן, וועלכע זײַנען ענלעך איינער אפן אנדערן, האָט אמורזעט ניט פארלוירן זײַן אייגנארטיק פּאָנעם, זײַן כיין. און כיין גיט אים צו, ווײַזט אויס, דאָס, וואָס די גאסן זײַנען אײַנגעהילט אין גרינס: לעבן יעדן הויז — סעדער און גערטנער, אף די גאסן — אליען דעקאָראטיווע ביימער. דאָ האלט מען אין איין בויען און פלאנצן. און די דאָזיקע טראדיציע גייט איבער פון דאָר צו דאָר. אפילע דעם פּאָרזיצער פונעם ראיויספירקאָם וואלענטין פאוולאָוויטש בורדינען האָבן מיר צום ערשטן מאָל געטראָפן ניט אין זײַן קאבינעט, נאָר אין גאָרטן. אין אן ארבעטס־אָנצוג, מיט פארקאטשעטע ארבל האָט ער זיך געוואָזיעט מיט יונגע פלאנצונגען.

— הײַנט האָב איך באשלאָסן א ביסל זיך פארנעמען מיט מײַן באליבטער זאך, — האָט ער געזאָגט, ווי פארענטפערנדיק זיך, — אז מע האָט קיינמאָל ניט קיין צײַט...

אפן וועג פונעם אעראָדראָם צום ייִשעוו האָבן מיר יענעם שאבעס געזען אזעלכע ליבהאָבער קימאט לעבן יעדן הויז. געפּאָרעט האָט זיך אין זײַן סאָד אויך אווראָם גאָטליב — איינער פון די פּיאָנערן פון סעדערײַ אין אמורזעט. די ליבע צו סעדערײַ איז בא אים פון קינדווײַז אָן, אָבער איבערגעבן זיך איר מיטן גאנצן הארצן האָט ער געקענט בלויז דאָ, אין אמורזעט, וווהין ער איז געקומען צו פארן סאָך פערציקער יאָרן.

ווען מיר זײַנען געווען אינדערלופטן, האָבן מיר געהאט א מעגלעכקײַט גאנץ בוילעט זען דעם אמור, איצט אָבער, ווען מיר זײַנען אף דער ערד און לאָזן זיך פונעם פלי־פעלד מיטן ברייטן אספאלטירטן וועג צום ייִשעוו, האָט דער טײַך זיך פון אונדז באהאלטן. לענגאויס דעם וועג שטייען, פון אָנהייב שיטערלעך, דערנאָך געדיכטער, צוויי רייען באלעבאטיש אײַנגעפונדעוועטע דאָרפישע שטיבער, ארומגערינגלטע מיט סעדער. אזוי זעען אויס די דערפער אין דער טיף פון אוקראַיִנע. שפעטער, ווען מיר גייען שוין ארויף אפן טראָטואר פון דער צענטראַלער גאס — זי הייבט זיך אָן פונעם אעראָדראָם און ציט זיך ביזן אמור, — קומען אָן אנטקעגן די ערשטע פילגאָרנדיקע הײַזער. און דאָ טוט ער ווידער א שעמעריר, דער בארימטער טײַך, רייצנדיק זיך פונדערווײַטנס מיט זײַן פינקלדיק בלויער שײַנקײַט.

שניידער קאָניק פירט מיך מיט דער הויפט־גאס צום האָטעל. נאָר ווען מיר קומען צום הילצערנעם הויז, ווו דער האָטעל האָט זיך געפונען פיל יאָרן נאָכאנאנד, ווײַזט זיך ארויס, אז מיר האָבן אומזיסט געשפאנט אהער. שניידער פילט זיך ניט באקוועם. אומזיסט האָט ער זיך בארימט פאר מיר, אז ער ווייסט דאָ יעדער שטיינדל.

— איך פארשטיי ניט, — זאָגט ער, — ערשט ניט לאנג האָב איך דאָ גענעכטיקט...

— דעם האָטעל זוכט איר? — קומט אונדז צוהילף א פרוי, וועלכע באמערקט אונדזער פארלעגנהײַט. — ער איז שוין אין אן אנדער אָרט. פארקערעוועט אף צוריק, נעמט זיך אף רעכטס, וועט איר דערזען א צווייגאָרנדיקן מויער מיט ברייטע פענצטער — אָט דאָס איז דער נײַער האָטעל.

די טענדענץ צו באנײַען זיך, ווי מיר האָבן זיך אינגיכן איבערצײַגט, איז געוואָרן די אייגנשאפט ניט נאָר פון אמורזעט, נאָר אויך פון אלע דערפער פונעם אָקטיאבערישן ראיאָן. טאקע וועגן דעם איז בא אונדז געגאנגען א רייד מיטן פּאָרזיצער פון ראיויספירקאָם וואלענטין פּאוולאָוויטש בורדינען.

— פאר די לעצטע יאָרן, — האָט ער דערציילט, — האָט מען אין ראיאָן־צענטער אויסגעבויט דרײַ גרויסע מאגאזינען, א קינדער־גאָרטן, א וועשערײַ, העכער זעכצן טויזנט קוואדראטעמעטער וווינונגען. האיאָר וועט פראווען כאנוקאס־האבאַיִס די אָרטיקע מיטלשול. אקוראט קעגן די פענצטער פונעם ראיויספירקאָם האָבן זיך שוין אופגעהויבן אלע פיר שטאָקן פון איר נײַער געבײַדע — א שול פאר טויזנט קינדער.

— בויער זײַנען בא אונדז די כאָשעווסטע מענטשן, — זאָגט ווײַטער דער פּאָרזיצער, —

נאָר ווו נעמט מען אַזויפיל מענטשן? מיר קענען זיך שוין ניט דערוואַרטן, ביז עס וועלן זיך אָנהייבן די סטודענטישע קאַניקולן. פאַראַיאָרן האָט דאָ געאַרבעט אַן אָטריאַד פון קיִעוו, האַיאָר וואַרטן מיר אויף אַן אָטריאַד פון כאַבאַראָווסק.

סטודענטישע אָטריאַדן — דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גוטע זאַך, נאָר אַ צײַטווײַליקע. מע קאָן אויף זיי אויסרעכענען בלויז זומער־צײַט.

— אַמורזעט, דערציילט וואַלענטין פּאַוולאָוויטש, האָט שוין ניט ווייניק אייגענע ספּעציאַליסטן. אָט נעמט, אַשטייגער, ליפּע קרימערן. דאָס איז אַ מענטש מיט גאָלדענע הענט.

— בײַ ליפּען, — דערציילט ער, — איז ניטאָ קיין אײַנגעשטעלטער אַרבעטס־טאָג, ער אַרבעט אַזויפיל, וויפל מע דאַרף און ווו מע דאַרף. הײַנט הערשל מאַזור. אין אונדזער בוי־פאַרוואַלטונג איז ער דער איינציקער שמיד. אַלע דעטאַלן, וועלכע מע דאַרף האָבן, מאַכט ער אַליין, אָט דער מאַזור... איך וואָלט אײַך געראַטן באַקענען זיך מיט די דאָזיקע מענטשן פּערזענלעך, — זאָגט וואַלענטין פּאַוולאָוויטש, — איר וועט קיין כאַראַטע ניט האָבן.

אין קאַבינעט קומט אַרײַן אַ יונגערמאַן און לייגט אַוועק אויפן טיש פונעם פּאַרזיצער אַ פּעקל פּאַפּירן.

— זײַט באַקאַנט, — זאָגט בורדין, — דאָס איז אונדזער אַרכיטעקטאָר, פּיאָטער פּאָגרעבנאָי. ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג אומגעקערט פון מאָסקווע, פון אַ סעמינאַר, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די פּראָבלעמען פון דאָרפס־בויונג.

אין אַמורזעט אַן אַרכיטעקטאָר! אַליין דער דאָזיקער פאַקט איז אַ פריידיקע זאַך.

פּיאָטער פּאָגרעבנאָי פירט אונדז אַוועק אין זײַן צימער און דערציילט וועגן דעם, וויִאַזוי עס בויט זיך אַמורזעט. דער מענטש רעדט מיט באַגײַסטערונג וועגן די פּלענער, וועגן דעם, וואָס איז שוין אויפגעטאָן. ער האָט אַ נאָענטע שײַכעס צו אַלע נײַבויונגען פונעם ראַיאָנישן צענטער. אַכט יאָר וווינט ער דאָ. אָנגעהויבן ווי אַ פּאָשעטער מולער, איז ער דערנאָך געוואָרן אַ מײַסטער, אַ פּראָראַב, און איצט האָט ער אַ שײַכעס צו אַלע בויונגען. פון אים טאַקע, פונעם אַרכיטעקטאָר, דערוויסן מיר זיך, אַז אין אַמורזעט זײַנען שוין איצט פאַראַן עלף גרויסע גאַסן און זעקס קלענערע, און צו הײַנטיקן טאָג האָבן זיך שוין אויסגעשטעלט אין דאָרף זעכצן פיר־און פינפשטאָקיקע הײַזער.

— איר זײַנט שוין געווען אויף אונדזער טעלעסטודיע? — פרעגט ער, פּאָגרעבנאָי.

יאָ, אַמורזעט האָט אַן אייגענע טעלעסטודיע, וואָס האָט אָנגעהויבן די ערשטע טראַנסלירונגען אין דאָרף, ווען אין מאָסקווע האָט זיך געעפנט דער XXIV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. דרײַ מאָל אין וואָך שליסן אײַן די אַמורזעטער אײַנוווינער זייערע טעלעוויזאָרס און זיצן עטלעכע שאָ בײַ די בלויע עקראַנען.

מיכאַיִל איליטש אָקסורד, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט די איניאַנים פון קינאָ, זאָגט מיט אַ שמייכל:

— די טעלעוויזיע איז טאַקע אונדזערער אַ קאָנקורענט, נאָר נישקאָשע, קיין גרויסע טײַנעס האָבן מיר ניט. צושויער וועלן קלעקן פאַר ביידע.

אונדזער שמועס רײַסט איבער אַ קלונג פונעם טעלעפאָן.

— נו, יאָ, אַוואַדע, — זאָגט אָקסורד אין טרײַבל, — איך וועל קומען.

ער אַנטשולדיקט זיך פאַר אונדז:

— אין אָזיאָרנאָיע פאַרענדיקט מען בויען אַ נײַעם קלוב, דאַרף מען אַ קוק טאָן, וויִאַזוי מע האָט דאָרט אויסגעשטאַט די קינאָ־אַפּאַראַטור. און פאַרייִנוועגס אויך זיך אַראָפּכאַפּן קיין קאַזאַטשע סאַד, לעבן יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק — מע פאַרענדיקט דאָרט בויען אַ פּיִאָנער־לאַגער.

וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט דער דאָזיקער קינאָ־טוער צו דעם פּיִאָנער־לאַגער, פאַרשפּאָרט מען פרעגן. אויב ער פאָרט אַהין — הייסט עס, אַז אָן אים קאָן מען זיך ניט באַגיין.

אַמורזעט, איבערצײַגן מיר זיך, איז גאָרניט אַזאַ פאַרוואָרפענער העק, כאָטש ער שפּאַרט אָן אין סאַמע ווײַטן ווינקל פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

גייענדיק מיט איינעם פון די היגע טוישווים איבער דער גאַס, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן; אונדזער באַגלייטער טוט אַ ווײַז אויף אַ מעלדונג, וואָס הענגט אויף אַ טאָוול: „מאָרגן פירט דורך אונדזער גאָרקיך אַן אָוונט פון דעגוסטירן קרעפּלעך און וואַרעניקעס. קומט אויף אונדזער אָוונט, טײַערע כאַווייִרים!” — „נו איז וואָס, — טראַכטן מיר, — וואָס מיינט ער, דער ייִד, אַ נאָוועגע קרעפּלעך מיט וואַרעניקעס?..”. „מיר באַווײַזן נאָך ניט צעקײַען, וואָס האָט אין זינען אונדזער באַגלייטער, וועלכער האָט אונדז אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער מעלדונג, ווי ער צײַגט אָן אויף אַ צווייטער: „אַמורזעטער אַפּטייק לאַדט אײַן אויף באַשטענדיקער אַרבעט אַן אָקוליסט”.

— נו, — שמייכלט אונדזער אַמורזעטער טוישעוו, — איצט האָט איר שוין פאַרשטאַנען? אָנגעהויבן פון לײַוונטענע בײַדלעך, הילצערנע באַראַקן און פון אַ געקעכץ, וואָס האָט געשמעקט מיט רויך און מיט גנוס, און איצט האָבן מיר דערלעבט צו אָוונטן פון קרעפּלעך און וואַרעניקעס בײַ געדעקטע טישן און פאַרגינען זיך פאַרמאָגן אייגענע אָקוליסטן — איז עס דען ניט קיין שפּרונג, ווי פון דער ערד צום סאַמע קאָסמאָס?

שפּעטער האָבן מיר אויף דער פּאָטשט באַמערקט אַן אויפשריפט: „שטעט, מיט וועלכע

אמורזעט האָט א דירעקטע טעלעפאָן־פאַרבינדונג, — אנגארסק, בארנאול, בראטסק, ביראָבידזשאן, אירקוטסק, קויבישעוו, נאכאָדקא, נאָוואָסיבירסק, אָמסק, אולאן־אודע, טשיטא...״ איז ווי געפעלט אײַך אזא פאַרוואָרפן ווינקל?

3

דער טעאטער האָט געדאַרפט שוין קומען. אָף דער צענטראַלער גאס זײַנען געהאנגען אפישעס, וועלכע האָבן מיטגעטיילט, אז שאבעס וועט ער געבן א קאָנצערט און זונטיק — באווײַזן דעם ספּעקטאַקל „צווי קונילעמלעך". מענטשן האָבן שוין אײַנגעשאַפן בילעטן, גאָר נײַגעריקע און אומגעדולדיקע, כאָטש צו אָונט איז נאָך גאַנץ ווײַט, כאַפּן זיך ארײַן אין קולטור־הויז און לאָזן ניט צורו דעם קאסיר:

— די ארטיסטן זײַנען שוין דאָ?

לויט דער צײַט, וואָס עס דאַרף אן אווטאָבוס, קעדיי דורכמאַכן דעם וועג פון ביראָבידזשאן קיין אמורזעט, וואָלט ער שוין געדאַרפט זײַן אָפן אָרט. אָבער ער איז נאָך אַלץ ניטאָ. מיר האָבן שוין באוויזן צווי מאָל זיך אומקערן אין האָטעל, וווּהין די ארטיסטן דאַרפן פאַרפאָרן, זיך דורכשמועסן מיט מענטשן, וועלכע אינטערעסירן אונדז, נאָר דער אווטאָבוס איז ווי אין וואַסער ארײַן.

צום דריטן מאָל, ווען מיר זײַנען געקומען, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אז דער שאָדן האָט זיך, ענדלעך, אָפּגעזוכט, ס'הייסט, דעם אווטאָבוס אליין האָבן מיר ניט געזען, אָבער די ארטיסטן האָבן שוין אָנגעפּילט מיט ראַש און געלעכטער ביידע שטאָקן פונעם האָטעל און נאָך א קורצן אָפּרו זיך געלאָזט צום קולטור־הויז.

— פונדעסטוועגן, — האָט אונדז געזאָגט דער קינסטלערישער אָנפירער, פאַר וועלכן יעדער ארויסטרעטונג פונעם טעאטער איז א פּערזענלעכער יאָמטעוו, — מעגט איר כאַראָטע האָבן, וואָס איר זײַנט ניט געווען מיט אונדז אין בויד. איר וואָלט שוין געמעגט הערן, וויפל לידער מיר האָבן באוויזן אויסצוזינגען אין וועג. עמעס, גאַליע?

גאַליע אדאַמאָווא, א רוסישע פרוי, וואָס איז געקומען אינעם יידישן פאָלקס־טעאטער פון די ערשטע טעג פון זײַן עקזיסטענץ, האָט באַשטעטיקט:

— נו, געוויס... עס האָט אים קיינער ניט גענויט — ער האָט זיך אליין געמאכט דעם טויט...

די דאָזיקע צווי שורעס פון דער באוווסטער ליד וועגן דעם, ווי „איציק האָט כאַסענע געהאַט", איז פעסט ארײַן אין גאַליעס רעפּערטואר, מיט וועלכן זי איז ניט איין מאָל ארויסגעטראָטן אָף קאָנצערטן. אָט די שורעס האָט זי ניט געזאָגט, נאָר מיט באַזונדערן כיין אויסגעזונגען.

מיר האָבן איבערגעלאָזט די ארטיסטן און זײַנען אוועק צו ליפע קרימערן, איינעם פון די כאַשעווסטע מענטשן אין אמורזעט, וועלכן מע האָט דאָ ניט לאַנג באַלוינט מיט אן אָרדען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

ס'איז געווען נאָך מיטיק־צײַט, דערצו נאָך שאבעס, האָבן מיר געטראַכט, אז ליפע דאַרף איצט זײַן אין דער היים. בא דער קאַליטקע האָט אונדז באַגעגנט א הונט. ער האָט זיך געריסן פון דער קייט און בייז, מיט א הייזעריק־וואָיענדיק קאָל אונדז באַהאַווקעט, פּאָשעט אײַנגעריסן וועלטן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז אָף קיין שום פרידלעכע אונטערהאַנדלונגען וועט דער קעלעוו ניט אײַנגיין, און געמוזט וואַרטן, ביז עמעצער וועט זיך באווײַזן. און קאַכהאַווע: עס האָט זיך געעפנט די טיר, אָבער ניט פונעם גאַנעקל — פון א שטאַל, און עס האָט זיך דערהערט דאָס קאָל פון אן עלטערער פרוי.

— טוזיק, שטילער! — האָט זי באַפוילן.

עס איז געווען עפּעס מאָדנע, וואָס אזא גערונטן און בייזן קעלעוו רופט מען טוזיק. דער הונט איז ניט ווילנדיק אוועק צו זײַן בײַדל.

— האָט ניט קיין מוירע, — האָט די פרוי זיך געווענדט צו אונדז, — ער איז ניט אזוי געפערלעך, ווי ער מאַכט זיך, ער וועט באַלד שטיל ווערן.

ניין, מיר האָבן שוין ניט מוירע געהאַט. איצט האָט אונדז פאַרינטערעסירט דער יידענעס לאָשן, וואָס האָט זיך געגאָסן פון איר מויל, גלײַך ס'וואָלט פאַרשריבן געווען אָף א פּלאַט.

— מײַן מאַן ווּ איז? ווּ זאָל ער זײַן? ער איז אָף דער אַרבעט איז ער. ער איז געקומען אָף וואַרמעס און נאָכאַמאָל אוועק אָף זײַן פּילאָראַמע. הײַנט איז זונטיק, א רו־טאָג? נו, איז וואָס? אז מע דאַרף אַרבעטן, אַרבעט מען. איר מיינט אוואַדע, אז אן אָרדען גיט מען אינמיצקעדעריינען אזוי פּראָסט ווען מע וויל? אויב איר מיינט אזוי, האָט איר א טאָעס, ווײַל ליפע איז ניט פון די, וואָס אַרבעטן פון סמענע צו סמענע, ער האָט עס בעפּיירעש פאַרדינט, דאַרף איך אײַך זאָגן...

ליפעס קרימערס פרוי איז א פאַרגעניגן צו הערן. מיר האָט זיך געדאַכט, אז אָט באַלד וועט אָפן גאַנעקל, ווו מיר שמועסן, עמעצער א זינג טאָן די באוווסטע ליד:

„— עפּשער וועט איר, פּייגע־סאָסיע, אין
גאס מיט מיר גיין גולײַעווען?
— אָך, פּאַזשאַלוסטע, פּיוּוקע־יאַסקע, מיט
אײַך וועל איך זיך ניט סאַפּראָטיווליַעווען!״

פּאָשעט און נאַיוו־קאָמיש, ניט איבערקלײַבנדיק קיין ווערטער, שיט זי אין איין אָטעם אַלץ,

וואָס איר קומט אַף דער צונג. מיר דערפילן זיך מיט דער דאָזיקער פרוי באלד היימיש.

אינגיכן דערוויסן מיר זיך, אַז זי, ליפּעס פרוי, איז שטענדיק פאַרטאָן מיטן סאָד און מיטן אײַנגעמאַכטס, וואָס זי פּרעגלט יעדן זומער עמערווײַז פון די אייגענע יאַגעדעס און פּרוכטן, וועלכע וואַקסן טאַקע דאָ, בא איר אין סאָד.

— פינף און צוואַנציק סאָטקעס האָב איך לעבן דער שטוב, — דערציילט זי, — ווײַמפּערלעך, ווײַנשל, פלוימען, באַרן — עמעס, קליינע, מאַך איך פון זיי קאָמפּאָט, קאַרטאָפליעס — צוואַנציק זעק פאַראיאָרן אויסגעגראָבן. און פּאָמידאָרן אָן א שיר.

און אים, דעם מאַן אירן, קען די גאַנצע געגנט: א פּאָשעטער סאָלדאַט, האָט ער געבראַכט פונעם פראָנט אָן אָרדען פון אלעקסאַנדער ניעווסקי, צוויי אָרדענס פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, צוויי פונעם „רויטן שטערן", א סאַך מעדאַלן. דאָרטן טאַקע, אפן פראָנט, איז ער געוואָרן א קאָמוניסט, און דעם פּאַרטיי־בילעט האָט ער באַקומען אין א זעמליאַנקע ערגעץ הינטער זשלאָבין, אין אָן איבערײַס צווישן צוויי אָנגריפן, ווען אונדזערע סאָלדאַטן האָבן געטריבן די היטלעראָווצעס פון ווײַסרוסלאַנד. אים, ליפּע קרימער, דעם פּאָשעטן בוי־אַרבעטער, האָט מען אויסגעוויילט אלס מיטגליד פונעם ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אלס פאָלקס־בײַזיצער אין ראַיאָנישן געריכט, אין ראַיאָנישן קאָמיטעט פון פאָלקס־קאָנטראָל...

אָבער מיינט ניט, אַז שיינדל קרימער איז אינגאַנצן א פּאָשעטער באָסערוועדאָם און זי האָט ניט קיין שום כיילעק אין דעם, וואָס אַמורזעט, זייער דאָרף, איז געוואָרן אזא, ווי ס'איז אצינד.

— אין קאָלכאָז האָב איך געאַרבעט, און גוט געאַרבעט, ביזן וואַרמעס א נאָרמע, און נאָכן וואַרמעס א נאָרמע, איך בין געווען א שלאָגלערן. עמעס, קיין שטוב האָבן מיר ניט באַוויזן צו שטעלן. ווען ליפּע איז אוועק אַף דער מילכאָמע, האָב איך געקויפט א זעמליאַנקע, דאָס האָט ער שוין נאָך דער מילכאָמע דאָ אויסגעבויט אונדזער הויז, אליין, מיט די אייגענע הענט אלץ געטאָן, פונעם פונדאַמענט ביזן דאַך. א קליינינקײַט — פיר צימערן! עמעס, די זין זײַנען שוין דעמלט געווען אונטערגעוואַקסן — האָבן זיי אים געהאָלפן. גאָלדענע הענט בא מײַנע קינדער, געזונט זאָלן זיי מיר זײַן. דער עלטערער, גרישע, איז א מאָליער טאַקע דאָ אין אַמורזעט — די מעלאָכע האָט אים דער טאַטע אויסגעלערנט. סאַשע האָט אויך צוגעלייגט א האַנט, אין אַרמיי איז ער איצט. אַנקע, די ערשטע מײַנע, אַרבעט אין קינאָפיקאַציע, דער מאַן איריער, וואָלאָדיע מאַמינסאָן, איז א לייטענאַנט פון דער מיליציע, לערנט זיך אין אינסטיטוט, אַף אָן אויספּאָרשער. בראָניע איז געווען א קאַסירשע אין קינאָ און לערנט זיך איצט אַף קורסן פון קינאָ־טעכניקער. און בעטיע וווינט אין בירָאָבידזשאַן, זי אַרבעט אין א קינדער־גאָרטן.

שיינדל האָט נאַכעס פון אירע קינדער, וועגן יעדערן פון זיי רעדט זי ניט נאָר מיט ליבע, נאָר אויך מיט אָפּשײַ.

— איצט לעבן מיר, אַף אלע ליבע געזאָגט געוואָרן, אָבער איר ווייסט דען, — וויפל מיר זײַנען אויסגעשטאַנען. איך מיין ניט נאָר זיך אליין. איר זעט אָט די גאַס? ווען מיר זײַנען געקומען אהער, זײַנען דאָ געווען אינגאַנצן דרײַ שטיבער. וויפל מאָל האָט זיך דער אַמור צעגאָסן און מ'האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי ער האָט אײַנגעשלונגען די האָרעוואַניע פון א גאַנץ יאָר...

דערציילן וועגן דעם, וואָס עס איז געווען אין די ערשטע יאָרן און וואָס עס איז געוואָרן, איז ניט נאָר אין אַמורזעט, נאָר אויך אין בירָאָבידזשאַן געוואָרן א מין גאַדלעס פון יעדער עלטערן טוישעוו.

— איר זעט אָט די גאַס? אַף איר אָרט איז געווען אָן אָזערע, מיר האָבן אַמאָל אין איר געכאַפּט פיש...

— טוט א קוק אַף אָט דעם אויסגעפּלאַסטערטן פּלאַץ — ס'איז דאָ געווען א פּאָשעטע „סוואַלקע"...

ווען מיר קלײַבן זיך שוין געזעגענען מיט שיינדל קרימער, טוט זי פּלוצעם א זאָג.

— נו, און אונדזערע „פּערעדאַטשעס" דורכן טעלעוויזער האָט איר שוין געזען?

4

זומער־צײַט איז דער געמיטלעכער אַמורזעטער פּאַרק פול מיט מענטשן. ער ליגט אין דער סאַמע מיט פונעם ראַיאָנישן צענטער, צווישן פיר גאַסן. מיט וועלכער גאַס דו זאָלסט ניט גיין, וועסטו דעם פּאַרק בעשום־אויפן ניט אויסמײַדן.

באַם צענטראַלן אַרײַנגאַנג אַף דער קראָפּסקע־גאַס זײַנען דאָ אוועקגעשטעלט צוויי האַרמאַטן, געבראַכטע אהער, ווי מע דערציילט, פון יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק. אויב גוט אָנשטרענגען די ריִע, קאָן מען איבערלייענען, אַז אָט די האַרמאַטן האָט מען אויסגעשמאָלצן אַפן קאַמענסקער זאַוואָד אין 1853 יאָר. איינער פון זיי וועגט 206, און דער צווייטער — 219 פּוד. ווי־אַזוי זײַנען זיי געקומען אַפן ברעג פון אַמור, אָט די צוויי האַרמאַטן, וועלכע האָבן קיין פּולווער אפילע ניט געשמעקט, און צוליב וואָס האָט מען זיי געדאַרפט שלעפּן פון יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק, אהער

קיין אמורזעט, ווייסט דאָ קיינער ניט. ווײַזט אויס, עפּעס אַ גרויסער ליבהאָבער פון עקזאָטיק האָט באַשלאָסן אַז אָט די צווײ סטראַשידלעס קאָנען באַצירן דעם ייִשעוו, וואָס איז ייִנגער פון זיי מער ווי אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט...

דערפאַר שטייט אין דער טיף פונעם פּאַרק שוין אַ הײַנטצײַטיקער דענקמאָל, צו וועלכן עס ווערן מיט גרויס אָפּשײַ אַלע טאָג געלייגט לעבעדיקע בלומען. אויף אים זײַנען אויסגעקריצט די נעמען פון קנאַפּע פינף צענדליק היגע טוישווים, אומגעקומענע אין די שלאַכטן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע:

„קאַגאַן ג. יאַ., קאַמענעצקי ג. מ., סווירינאָווסקי אַ. ס., סווירינאָווסקי ש. ס."...

זיצנדיק אין פּאַרק, האָבן מיר זיך דערמאָנט, ווי נעכטן האָט אונדז ליפּע קרימערס פרוי, שיינדל, געזאָגט:

— דרײַ ברידער מײַנע, אווראָם, שימען און הענעך, האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע. סווירינאָווסקי איז זייער פאַמיליע, איך בין אויך פון די סווירינאָווסקעס, וועלכע זײַנען געקומען אהער נאָך אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן...

ליפּע קרימער זיצט לעבן אונדז טאַקע דאָ אין פּאַרק, און צום אונטערשייד פון זײַן ווײַב, דאַרף מען פון אים מיט גוואַלד אַרויסשלעפּן אַ וואָרט. ליפּע דערציילט וועגן זיך אָן כיישעק, נאָר מיר האָבן אויף אים ניט קיין פאַריבל — מיר ווייסן שוין אָן זײַן הילף אַ סאַך וועגן אים. און דאָס, וואָס מע דאַרף מיט גוואַלד פון אים אַרויסשלעפּן אַ וואָרט, איז עס ניט פון די גרויסע כעסרוינעס — ער איז פון די מענטשן, וואָס אים איז אַ סאַך גרינגער לייגן ציגל, איידער ריידן.

— איר האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף כאַיִם בערגערן, — כאַפּט ער זיך פלוצעם אָן פאַר אַ געלעגנהײַט איבערצורײַסן דעם שמועס וועגן זיך אַליין, — אָט גייט ער.

כאַיִם בערגער, דער מעכאַניקער פון דער אמורזעטער עלעקטראָסטאַנציע, האָט דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנט לעבן. מיט פערציק יאָר צוריק האָבן דאָ, אויפן ברעג פונעם אַמור, זיך אַרויסגעזעצט צען ייִנגלעך און צען מיידלעך, וועלכע זײַנען געקומען פון אוקראַיִנע, פון ווינניצער געגנט, מיט קאָמיוגישע פּוטיאָווקעס. צווישן זיי איז געווען אויך ער, כאַיִם בערגער.

מיט וואָס נאָר איז אים ניט אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך פאַר אָט די פיר צענדליק יאָר! האָט מען געדאַרפט זײַן אַ טראַקטאָריסט — איז אַ טראַקטאָריסט, אַ סטאָליער — איז אַ סטאָליער. שפּעטער האָט מען אים אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דאָרפסאָוועט. בײַס דער מילכאָמע איז ער געווען אַן אַרטילעריסט. אַצינד — מעכאַניקער פון דער הײַגער עלעקטראָסטאַנציע.

אַן אַכצניאָריקער איז בערגער געקומען אויפן ווײַטן מיזרעך און האָט פעסט זיך אײַנגעוואָרצלט אויף אָט דער ערד, דאָ אויסגעצאָוועט קינדער און אייניקלעך. זײַן פרוי ראָכל ניי־סענהאָלץ, אַ געבוירענע פון אומאַן, האָט געאַרבעט אין קאָלווירט, די לעצטע יאָרן געווען אַ קעכן אין קינדער־גאָרטן, אַצינד איז זי אויף פּענסיע. שיינע, די עלטערע טאָכטער זייערע, וווינט אין דאָרף פּאָלעוואָיע, איז אַ דערציִערן פון אַ קינדער־גאָרטן. פראַיִם, דער עלטערער זון, איז אַ מײַסטער אויפן אַספאַלט־זאַוואָד. פרידע, די ייִנגערע טאָכטער, אַרבעט מיטן טאַטן אויף דער עלעקטראָסטאַנציע. זינע, די מיזינקע, איז בריגאַדיר אויפן ציגל־זאַוואָד. בײַ די בערגערס וואַקסן שוין פינף אייניקלעך.

מיר שטייען באַם אָבעליסק, וואָס איז געשטעלט אין אָנדענק פון די אַמורזעטער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַרן היימלאַנד.

— אַ שאָד, וואָס זיי, — כאַיִם ווײַזט אויפן אָבעליסק, — האָבן ניט דערלעבט צו דער צײַט, ווען אַמורזעט טוט זיך אָן אין אַספאַלט און בעטאָן. געדענקסט, ליפּע, ווי מיר האָבן דאָ געפלאַנצט די ערשטע ביימער? — ווענדעט ער זיך צו ליפּע קרימערן.

— יאָ, ס'איז געווען אין 1935 יאָר. אינעם שאַבעסניק, וועלכן מיר האָבן דעמאָלט אָרגאַניזירט, האָט אָנטיילגענומען דער גאַנצער ייִשעוו און זיי אויך...

— און זיי אויך, — זאָגט בערגער און קוקט אויף די נעמען, וואָס זײַנען אויסגעקריצט אויפן אָבעליסק.

5

כײַקל גידזון האָבן מיר דאַפקע געטראָפן אין דער היים. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק אין שאָטן פון ברייט צעצווײַגטע ביימער לעבן זײַן הויז און וועגן עפּעס געשמועסט מיט זײַנע שכיינים. אַפילע אין דער היים זיצט זיך אים ניט אין צימער — ער האָט ליב צו כאַפּן אַ שמועס און דערבײַ טאַקע כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.

— איך בין דאָ גאַנץ צופעליק, — האָט ער אונדז דערקלערט, — מע האָט מיך באַפרײַט צוליב דעם טעאַטער. ווען קיין אמורזעט קומט שפּילן אַ טעאַטער, וועט ער בעשום־אויפן זיך ניט באַגיין אָן מיר. און איך אָן אים אוודע ניט.

מיר זעצן זיך צו אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס איז אויסגערעכנט, אַפּאָנעם, פאַרן גאַנצן

הויף שכיינים, און פארפירן א שמועס. אָבער לאנג זיצן לאָזט מען אונדז ניט.

— כײַקל, פארוואָס פארבעטסטו ניט די מענטשן אין שטוב ארײַן? — גייט צו אונדז צו א ייִדענע. — אזוי נעמט מען אויף געסט?

מיר לאָזן זיך נאָך דער באלעבאָסטע, נאָך כײַקל גודזס פרוי, אין שטוב ארײַן.

כײַקל גודז געדענקט, ווי ער האָט זיך ארויסגעזעצט פון דער שיף אָט דאָ, אפן ברעג פון אמור (געווען איז עס דעם 9 יון 1934 יאָר), און אפן אנדערן טאָג האָט ער שוין געארבעט אפן היי־שניט. דערנאָך איז כײַקל געוואָרן א טראקטאָריסט. ס'איז ניט געווען אזא מאשין, וועלכע ער האָט ניט געהאט געפירט איבער די פעלדער פונעם קאָלווירט. אויך אפן פראָנט האָט ער געהאט צו טאָן מיט פארשיידענער טעכניק. און וועגן דעם, אז ער האָט ניט שלעכט געטאָן די מעלאָכע, זאָגן איידעס צוויי אָרדענס פון רום און א סאך אנדערע באלוינונגען.

איצט זיצט ער שוין ניט באם רודער פונעם טראקטאָר — ער פאָרט ארום אף א פערד, און עס פּאסט אים צו זײַן א רײַטער, ווי אמאָל — א טראקטאָריסט. כײַקל איז א פי־אופזעער, און אין זומער־לאגער אפן טײַך סאמארע, ווו עס געפינען זיך די סאָווירטישע בעהיימעס („אָסטריאק" הייסט אָט דאָס אָרט), האָט ער נאָך צוויי אייגענע מענטשן — די טאָכטער און דעם איידעם.

— ווי געפעלט אײַך מײַן מישפּאָכע? — שמייכלט כײַקל און הייבט אָן דערציילן, ווי אזוי עס גייט דאָרט די ארבעט, אינעם זומער־לאגער, וועלכער ליגט אן ערעך 60 קילאָמעטער פון אמורזעט.

אויב שוין ריידן וועגן דער „מישפּאָכע", מעג מען אהער צורעכענען אויך כײַקלס עלטערן זון וואלערי, וואָס איז א לערער אין דער אמורזעטער מיטלשול (ער אונטעריכט שפּראך און ליטעראטור), ער קומט אָפט אף דער סאמארע מיט די שילער פון נײַנטן קלאס, ווו ער איז קלאסן־אָנפירער. וואלערי איז א לײַדנשאפטלעכער פישפאנגער און האָט ליב פארברענגען מיט זײַנע דערצויגלינגען אף קאָלערליי עקסקורסיעס. אָט אצינד, ווען מיר שמועסן מיט כײַקלען און מיט זײַן ווײַב זיסל, איז צו וואלערין געקומען נאָכעם נאָוויקאָווס זון דימע, אויך א לערער פון דער היגער שול. ביידע האָבן שוין אָנגעטאָן הויכע גומענע שטיוול, אָן וועלכע עס קאָן זיך ניט באגיין קיין שום עכטער פישער.

זיבן קינדער האָבן כײַקל און זיסל אויסגעכאָוועט, און מיט קיינעם פון זיי וועלן זיי ניט פארשעמט ווערן. אין שטוב איז דאָ שטענדיק פריילעך — די טיר פארמאכט זיך ניט.

אָט איז געקומען צוגאסט דער ייִנגערער זון דאָוויד מיט זײַן טעכטערל וויטע, און די באָבע הייבט אָן טאנצן ארום דעם אייניקל. דערבײַ האלט זי אין איין קוקן אפן טעלעפאָן, וואָס דארף אָט־אָט זיך צעקלינגען: זיסל ווארט אף א ידיִע פון קאָמסאָמאָלסק, ווו גאליע, דאָס עלטסטע אייניקל אירס, איז אף א סעסיע אין טעכניקום פון לײַכטער אינדוסטריע און האָט געדארפט הײַנט האלטן דעם ערשטן עקזאמען.

— איך בין שוין אזוי צוגעוווינט צום טעלעפאָן, — זאָגט זיסל, — אז אָן אים ווייס איך ניט, וואָס כ'וואָלט געטאָן. אלע טאָג קלינג איך אָדער מע קלינגט צו מיר. קאָמסאָמאָלסק, ביראָבידזשאן, כאבאראָווסק — אומעטום האָבן מיר מיט וועמען צו ריידן.

גאליע, כײַעס טעכטערל, איז דער באָבעס גרעסטער נאכעס:

— זי לערנט זיך אף א צושנײַדערקע און וועט זיך אומקערן ארבעטן טאקע אהער, קיין אמורזעט, אין שטייגער־קאָמבינאט, ווו מע ווארט שוין אף איר. אלע שאבעס רעדן מיר דורכן טעלעפאָן. דערהער איך נאָר איר קאָל, דארף איך שוין מער גאָרניט.

בעשאס מיר זיצן בא כײַקל גודזן אין שטוב, הייבט זיך אָן א טראנסלירונג פון ייִדישע לידער. דערהערט א ייִדישן קאָנצערט, כאפּט זיך זיסל און מאכט העכער די ראדיִאָ. אין שטוב ווערט שטיל, אפילע די קליינינקע וויטע טומלט ניט. ווען שולמאן זינגט „די מיזינקע אויסגעגעבן", כאפּט זיסל אונטער דעם ניגן און זינגט שטיל איניינעם מיטן ארטיסט.

— אוי, האָב איך ליב, — זאָגט זי, — ווען מע זינגט, קיין איין קאָנצערט לאָז איך ניט דורך, און קינאָ אויך. וואָדען, אז מע לעבט, ווילט זיך האָבן טײַנעג.

מאלקע, וואָס ארבעט צוזאמען מיטן פאָטער בא דעם פי, וווינט אין אן אנדער עק פונעם ייִשעוו, אָבער קומען אָנקוקן דעם טעאטער האָט זי שוין ניט געקאָנט — עמעצער דארף דאָך בלײַבן בא די קי.

— און ביכלאל, — האָט אונדז געזאָגט דער פארוואלטער פון דער ערשטער אָפּטיילונג פונעם אמורער סאָווירט יוינע באָנדארעוו, — מאלקע איז בעעמעס די „מאלקע" פון אונדזער פערמע, און איר „טראָן" פארלאָזט זי ניט. סײַדן ווען בא איר איז אן אָפּרו־טאָג און ווען אף איר אָרט פארבלײַבט דער „מיילעך", איר מאן הייסט עס.

דעריבער האָבן מיר געמוזט אָפּלייגן אונדזער באגעגעניש מיט דער „מאלקע" אף מאָנטיק.

און אָט זיצן מיר מיט דער כאָשעווער מעלקערן פון אמורער סאָווירט בא איר אין שטוב. א געראמע דירע, אן אויסגעשטאטע מיט מאָדערנע מעבל. אין צימער דרייט זיך ארום

אונדז א מיידעלע פון א יאָר נײַן — מאַלקעס עלטער טעכטערל אַליע. פאַר אַליען איז, אפּאַנעם, ניט קיין נאָווינע זען אין דער היים אָנגעפּאַרענע מענטשן. ווען עס גייט אוועק א רייד וועגן די אויסצייכענונגען, וועלכע איר מאמע האָט באַקומען פאַר די לעצטע יאָרן, ברענגט אַליע צו טראָגן א פּאַק ערן־גראַמאָטעס און צײַגעניש, לייגט זיי אוועק אפן טיש און קוקט מיט נײַגער, וואָס פאַר אן אײַנדרוק מאַכן אָט די דאָקומענטן אף די געסט.

„צײַגעניש נומ. 3. ארויסגעגעבן טשמוטינא מאַלקע כײַקעלעוונא, דער מעלקערן פונעם אמורער סאָווירט, וועגן דעם, אז לויטן באַשלוס פון דער אָטעסטיר־קאָמיסיע איז איר צוגעייגנט דער טיטל „מײַסטער פון פּיצוכט פונעם ערשטן קלאַס".

אַליעס געזיכט שײַנט. זי איז צופרידן, וואָס נאָך עמעצער האָט זיך דערוווּסט, וואָס פאַר א מאמע זי האָט.

בײַס אונדזער שמועס איז אַרײַנגעקומען מאַלקעס מאַן. זי האָט אים אונדז פאָרגעשטעלט און געזאָגט מיט א שמייכל:

— מײַן געוועזענער שילער.

דאָס איז געווען מיט פינף יאָר צוריק. איוואַן טשמוטין האָט געאַרבעט אלס מאָטאָריסט אף דער פערמע. עס האָבן אויסגעפּעלט מעלקערנס, האָט מען באַשטימט רעקאָמענדירן אף אָט דער אַרבעט מאַנצבלען. דער ערשטער האָט דערצו ארויסגעוויזן א פאַרלאַנג איוואַן טשמוטין. דער דירעקטאָר פון סאָווירט האָט דעמלט געזאָגט צו מאַלקען:

— נעם אים.

— איך האָב אים שוין איין מאָל גענומען, — האָט יענע געענטפערט.

— פריער האָסטו אים גענומען פאַר א מאַן, — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר, — און איצט נעם אים פאַר א שילער.

אזוי איז איוואַן געוואָרן א מעלקער.

— פאַראַיאָרן, — דערציילט ער, — האָב איך זיך באַטייליקט אינעם ראַיאָנישן קאָנקורס צווישן די מעלקערס און פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט.

ער ווײַזט אָן אף א שיינעם טיש און צוויי פאָטעלן, וואָס שטייען אינעם אנדערן צימער:

— אָט דאָס האָב איך באַקומען אלס פּרעמיע אפן קאָנקורס.

אגעוו, געהערט דאָס פּאָרפּאָלק שוין צו יענע, וועלכע ציִען זייער ייִכעס־צעטל שוין פון אמורזעט. מאַלקע איז געבוירן געוואָרן אין 1939 יאָר און קאָן זיך אפילע ניט פאָרשטעלן, ווי עס האָט געדאַרפט אויסזען דאָס שטעטל פון דער קיִעווער געגנט, פונוואַנען עס איז אהער געקומען איר טאַטע כײַקל גודז.

אפן קאָנצערט, וואָס איז פאָרגעקומען שאַבעס, האָבן מיר באַמערקט אף איינע פון די ערשטע רייען פונעם קולטור־הויז כײַקלען מיט זײַן מישפּאָכע. שײַנענדיקע, אין יאָמטעוודיקע קליידער, זײַנען זיי געזעסן און געשמועסט מיט די שכיינים. ווען דער קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט און דער אוילעם האָט גענומען פאַרלאָזן דעם זאַל, האָב איך פאַרלוירן פון אויג די גודזס.

ס'איז געווען ציקאַווע צו וויסן, ווי־אזוי די אמורזעטער צושויער האָבן אופגענומען די ארויסטרעטונגען פון די בירעבידזשאַנער אַרטיסטן.

— ס'איז אוואַדע גוט, נאָר עס וואָלט ניט געשאַט, ווען מע וואָלט אונדז באַוויזן עפּעס א נײַע זאַך, — האָט אן אומבאַקאַנטער ייִד געזאָגט.

— וואָס זשע, — האָט עמעצער אים דערווידערט, — שאָלעם־אַלייכעם טויג שוין ניט?

דער קריטיקער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן:

— א מאָשל! שאָלעם־אַלייכעם קאָן קיינמאָל ניט נימעס ווערן, נאָר מיר לעבן דאָך אין א נײַער צײַט, ווילט זיך הערן עפּעס טאַקע וועגן אונדזער לעבן. נעמט, אשטייגער...

און דער ייִד האָט גענומען אויסרעכענען ספּעקטאַקלען, וועלכע ער האָט געזען אָדער וועגן וועלכע ער האָט געהערט.

פונוואַנען קומט אין אמורזעט אזא טעאַטראַל, וואָס איז באַהאַוונט אין הײַנטצײַטיקן רעפּערטואַר?

לאָזט זיך אויס, אז דער מאַשיניסט פון דער אמורזעטער עלעקטראָסטאַנציע שמואל זוועניאַצקי האָט צו טעאַטער גאָר א נאָענטע שײַכעס — ער האָט אים געגעבן אן אַרטיסט.

— זײַנט איר, הייסט עס, יעפים זוועניאַצקיס פאָטער?

יאָ, דאָס איז ער, דער פאָטער פון דרײַ זין, איינער פון וועלכע עס שפּילט אין וולאַדיוואָסטאָקער דראַמאַטישן טעאַטער.

אויב אזוי, וואָלט קעדײַ געווען זיך באַקענען מיטן טעאַטראַל א ביסל נעענטער.

זונטיק אינדערפרי, ווען מיר זײַנען צוגעקומען צו זײַן שטוב, וואָס שטייט אין סאַמע צענטער פון אמורזעט — אנטקעגן דער היגער גאָרקיך, האָבן מיר געטראָפן דעם באַלעבאָס אין דרויסן — ער האָט געהאַלטן באַם פאַרענדיקן א נײַעם פּלויט, וואָס ער האָט אופגעשטעלט אַרום זײַן הויז. געאַרבעט האָט ער באַלעבאַטיש, גיך, און געבליבן איז אים צוקלאַפּן די לעצטע טעלעכע ברעטער.

און אָט זיצן מיר שוין מיטן פּאָרפּאָלק זוועניאַצקיס אין א ליכטיקן צימער, אפן טיש לייגן זיך אוועק איינער נאָכן אנדערן אַלבאָמען, קאָנווערטן מיט פאָטאָ־בילדער. פאַיִנע אראָ־

נאָוונע, די מוטער פונעם יונגן אַרטיסט, קאָ־מענטירט:

— אָט דאָס איז פּימע אין ספּעקטאַקל „ראָז־לאָם“, און אָט איז ער אין דער ראָל פון אַ לייטענאַנט...

פון איר מויל שיטן זיך נעמען פון פּיעסן, ראָלן, — זי וויל אין איין אָטעם איבערעכענען אַלע ספּעקטאַקלען, אין וועלכע איר זון האָט שוין באַוויזן צו שפּילן. דער מאַמעס פּאַנעם פלאַמט פון גאַדלעס. מיר דערמאָנען זיך, וואָס עס האָט אונדז דערציילט יעווגעניע סאַמוי־לאָוונא אײַזענשטאַט, דער שעף פון דער אָר־טיקער אָפּטיילונג פון „סאָיוזפּעטשאַט“ און איינע פון די עלטסטע אָנטיילנעמער פונעם פאָלקס־טעאַטער.

יעפים זוועניאַצקי איז געקומען צו זיי אין טעאַטער נאָך אַ שילער פונעם זיבעטן קלאַס און אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אָף דער בינע אין קינדער־ראָלן. פּאַינע אַראָנאָוונע, פּימעס מו־טער, האָט דעמלט שיר ניט אײַנגעלייגט די וועלט — זי האָט מוירע געהאַט, אַז איר זון וועט איבער דעם טעאַטער פאַרלאָזן די שול. עס איז אויסגעקומען גוט אײַנטײַנען מיט דער מאַמען, זי זאָל ניט אָפּרײַסן איר קינד פון דער זאַך, וואָס ער האָט ליב באַקומען. איצט זאָגט זי, די גליקלעכע מאַמע:

— נו, יאָ, אין דעם, וואָס מײַן פּימע איז געוואָרן אַן אַרטיסט אין אַזאַ בעקאָוועדיקן טעאַטער, האָט ניט קיין קליינעם כיילעק מײַן אַרבעט. איך בין דאָך אַ קאַסיר פונעם קולטור־הויז, פלעגט ער ניט דורכלאָזן קיין איין פילם...

מיר אינטערעסירן זיך, צי האָבן שוין די זוועניאַצקיס געזען זייער זון אָף דער בינע.

— צום באַדויערן, — זאָגט דער טאַטע, — איז עס אונדז נאָך ניט געלונגען. אויב ניט רעכע־נען דאָס, וואָס מיר האָבן אים עטלעכע מאָל געזען אַרויסטרעטן דורך טעלעוויזיע און גע־הערט אין ראַדיאָ. נאָר אָט וועט זײַן טעאַטער קומען אָף גאַסטראָלן קיין כאַבאַראָווסק, און פון דאָרטן וועט ער זיך מיסטאָם אַראָפּכאַפּן אויך קיין ביראָבידזשאַן — וועלן מיר אים שוין זען.

נאָר דער מאַמען געפעלט ניט אַזאַ פּלאַן:

— וואַרטן, ביז דער טעאַטער וועט זײַן אין ביראָבידזשאַן? ניין, איך וועל עס ניט אויס־האַלטן. ווײַבאַלד ער וועט קומען קיין כאַבאַ־ראָווסק, זעצן מיר זיך אָפן טעפּלאָכאָד און פאָרן גלײַך אַהין!

דער טאַטע שמייכלט:

— נו, יאָ, אויב פּאַינע אַראָנאָוונע וויל, וועט עס אַזוי טאַקע זײַן.

און דאָס פּאָרפּאָלק הייבט אָן צו דערציילן וועגן דעם, וויאַזוי זיי זײַנען געקומען אַהער, קיין אַמורזעט: ער פון אַ שטעטל פון דער וויניצער געגנט אין עלטער פון 15 יאָר, און זי פון לעטיטשעוו — מיטן גאַנצן קלאַס נאָכן פאַרענדיקן די זיבניאָריקע שול. וויפל צײַט איז שוין פאַרפלויגן!

פּאַראַיאָרן האָבן זיי אָפּגעמערקט דעם 30־יאָריקן יובילײַ פון זייער כאַסענע. דרײַ קינדער האָבן זיי אויסגעכאָוועט. דער בכאָר אַרקאַדי האָט פאַרענדיקט אַ בוי־טעכניקום און אַרבעט אָף סאַכאַלין. וועגן דעם מיטלסטן זון, פּימען, וועלכער האָט פאַרענדיקט אַ קונסט־אינסטיטוט, ווייסן מיר שוין. דער מיזיניק סעמיאָן לערנט זיך איצט אָפן דריטן קורס אין בלאַגאָווע־שטשענסקער פּעדינסטיטוט. ער שטודירט פראַנצויזיש און דײַטש. דאָס איז אַ געוויינ־לעכע מישפּאָכע אין אַמורזעט...

לעבעדיקע גרוסן

מיט נאָטע לוריעס פאַרצײכענונג „צוגאַסט בא די קיִעווער שרײַבער" („סאָוועטיש הײמלאַנד" נומ. 3, 1973) האָבן מיר אָנגעהויבן פּובליקירן אַ סעריע דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, וועלכע דערצײלן וועגן דעם ליטעראַרישן און קולטור־לעבן אין פֿאַרשײדענע שטעט פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. הײַנט פֿאַרעפֿנטלעכן מיר די פֿאַרצײכענונג פֿון שמועל גאָרדאָן.

שמועל גאָרדאָן

אין ווילנע

דאכט זיך, איך געדענק שוין באַלד אַלײן ניט, וויפֿל מאָל איך בין פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר געווען אין ווילנע, נאָר ביז הײַנטיקן זומער איז מיר קײן אײן מאָל ניט אויסגעקומען זיך אויפֿצוהײבן מיט די פּילצאָליקע שטײנערנע טרעפּ אויפֿן הויכן בופֿאָלער באַרג, פֿונוואַנען עס קוקט אַראָפּ אויף דער שטאָט דער ליכטיקער פּאַלעץ פֿון די פּראָפּאַרײנען — די גאַסטפֿרײַנטלעכע הײם פֿון די פֿאָלקס־טעאַטערן פֿון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק, די גאַסטפֿרײַנטלעכע הײם אויך פֿון דעם ווילנער ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער. ס'האָט זיך עפּעס ווי בעקיוון אַזוי געהאַט געמאַכט, אַז ווען איך זאָל ניט האָבן אַראָפּגעפֿאָרן קײן ווילנע, איז דער טעאַטער אָדער געווען ערגעץ אונטערוועגנס אויף גאַסטראָלן, אָדער געגרײט אַ נײַע פֿאָרשטעלונג. עמעס, אײנמאָל האָט מיר יאָ אָפּגעגליקט, און ווי אַזוי נאָך אָפּגעגליקט: איך בין בײַגעווען אויף דער פּרעמיערע פֿון „פֿרײלעכס", אויף וועלכער קריגן אַ בילעט אַפֿילע אָן אָן אָרט אויף צו זיצן, — און בלויז אַזאַ ביילעט האָט זיך מיר אײַנגעגעבן דעמלט צו קריגן און איך בין די גאַנצע פֿאָרשטעלונג אָפּגעשטאַנען אויף די פֿיס לעבן אַ זײַטיקער וואַנט, — אַפֿילע אַזאַ בילעט צו קריגן איז אויך געווען אַ גרויסער טרויִם. אָבער געווען איז עס, אַנערעך, מיט אַן אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר צוריק, ווען דער אַנסאַמבל האָט נאָך ניט געהײסן פֿאָלקס־טעאַטער און ער האָט נאָך געשפּילט ווו ס'האָט זיך געמאַכט.

צוליב דעם, אַז איך זאָל פֿונדעסטוועגן פֿאַרטזען דעם פֿאָלקס־טעאַטער, איז מיר אין אַ הײסן לאַנגן זומער־טאָג, מיט אַ יאָר דרײַ צוריק, אויסגעקומען זיך שלעפּן צוזאַמען מיט די אָנטײלנעמער פֿון „מאַסאָעס בינימין האַשלישי" אין אַ פֿול־געפּאַקטן אווטאָבוס אַזש קײן פּאַלאַנגע — אַ מעהאַלעך פֿון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער.

וועגן יענער נעסיִע האָב איך אין קורצן דערצײלט אין מײַן אַרײַנפֿיר צו די נאָך ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע רײַזע־בילדער איבער די שטעט און שטעטלעך פֿון ליטע. „נײן, ניט די לעצטע" האָט געהײסן דער דאָזיקער אַרײַנפֿיר מײַנער, וועלכן דער לײענער קאָן געפֿינען אין דעם הונדערטסטן יובילײ־נומער פֿון אונדזער זשורנאַל.

„זײ האָבן אַוודע פֿאַרדינט, די אָנטײלנעמער פֿונעם ווילנער ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער, — האָב איך געשריבן אין דעם דאָזיקן אַרײַנפֿיר, — איך זאָל איטלעכן פֿון זײ ווידמען כאָטש צו עטלעכע שורעס. שוין דערמיט אַלײן האָבן זײ עס פֿאַרדינט, וואָס אין אַזאַ מעסוקן הײסן טאָג שלעפּן זײ זיך מיט אַן אווטאָבוס עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, און באַנאַכט, גלײַך נאָך

דער פאָרשטעלונג, לאָזט מען זיך צוריק אין וועג, מע זאָל ניט פארשפעטיקן אינדערפרי צו דער ארבעט. און ניט שטענדיק האָבן אלע אינעם אווטאָבוס וווּ צו זיצן. טייל קומט אויס היפשע עטלעכע שאָ פאָרן שטייענדיק. און צווישן די, וואָס נעמען עס אלץ אָן פאר ליב, זײַנען פאראן אויך אזעלכע, וואָס זייער גאנצע ראָל באשטייט פון א פאָר געציילטע ווערטער...״

ווען איך זאָל געוועזן דעמלט שרײַבן וועגן דער פאָרשטעלונג, וואָס כ׳האָב געזען אין פאָלאנגע, וואָלט איך זיכער דערציילט ניט נאָר וועגן די, וועמען דער צושויער זעט אף דער בינע, נאָר אויך וועגן יענע, וועלכע די צושויער זעען ניט, אָנהייבנדיק פון דעם, וואָס הייבט אוף און לאָזט אראָפ דעם פאָרהאנג, און ענדיקנדיק מיט די, וועלכע קלײַבן צונויף די דעקאָראציעס און שלעפן זיי אף זיך צו דער מאשין. נאָר וועגן דער פאָרשטעלונג „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי״ אין ווילנער פאָלקס־טעאטער האָט מען צו יענער צײַט שוין אזויפיל געשריבן, אז מיר איז, אייגנטלעך, ניט געבליבן באזונדערס וואָס צוצוגעבן. אזויארום בין איך געבליבן א באלכויוו די אלע, וועמען די רעצענזענטן האָבן ניט דערמאָנט אין זייערע אָפרופן און וועלכע האָבן זיכער פארדינט דערמאָנט צו ווערן.

ווי לאנג אָבער קאָן מען עס בלײַבן א באלכויוו, ביפראט אז וועגן דעם דאָזיקן כויוו מײַנעם האָב איך אליין עפנטלעך געמאָלדן?

איז ניט קיין ווּנדער, וואָס קוים נאָר כ׳האָב זיך דערוווּסט, אז מאָרגן באווײַזט דער טעאטער זײַן נײַע פאָרשטעלונג, האָב איך אלץ אָפגעלייגט אָן א זײַט און בין אף מאָרגן שוין געוועזן אין ווילנע. מיר איז דערבײַ, דעם עמעס געזאָגט, קימאט ניט אָנגעגאנגען, וואָס איך וועל בײַזײַן אף א פאָרשטעלונג פון א פיעסע, וועלכע איך קען, ווי פיל אנדערע פון מײַן דאָר, שוין שיר ניט אף אויסווייניק. אמאָל פופציק האָב איך גאָלדפאדענס „קישעפמאכערן״ זיכער שוין געזען, מיינסטנטייל אינעם מאָסקווער מעלוכע־טעאטער, וווּ האָצמאכן האָט געשפילט שלוימע מיכאָעלס, די באָבע יאכנע — ביניאָמין זוסקין, און מיטן דיריזשאָרישן צויבער־שטעקעלע באם פולט איז געשטאנען לייב פולווער. איך בין געקומען, אייגנטלעך, זען ניט די „קישעפמאכערן״. איך בין געקומען זען דעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאטער, נאָכדעם, ווי ער האָט געהאט דערמאָנט מיט זיך, א קורץ שטיקל צײַט, א שיף אף ברויזנדיקע כוואליעס.

וועגן דעם, אז די שיף איז בײַגעקומען אלע אָנגעלאָפענע כוואליעס און אין ווילנע איז געוועזן און ס׳איז דאָ א ייִדישער פאָלקס־טעאטער, זאָגן אָן די אפישן אף די קײַלעכיקע טעאטראלע טומבעס, וועלכע מע דערזעט גלײַך באם ארויסגיין פון וואָקזאל. עפעס יאָמטעוודיקס און דערהויבנס איז פאראן אין די גרויסע פארביקע אויסיעס אף די אפישן, און די דאָזיקע יאָמטעוודיקע דערהויבנקײַט גיט זיך מיר איבער, פונקט ווי ס׳וואָלט מיר צום ערשטן מאָל אין לעבן פאָרגעשטאנען זען טעאטער.

צווישן די פינף אויסיעס, פון וועלכע עס שטעלט זיך צונויף דער נאָמען פון דער שטאָט — וו־י־ל־נ־ע, — געהערט בלויז דער „נון״ צו דער מוזיקאלער גאמע, וואָס טיילט זיך אויס אינעם אלעפבייס מיט איר באזונדערער זינגעוודיקײַט. די קלאנגען פון די איבעריקע אויסיעס: דער וואָוו, דער לאמעד, דער אײַען, אפילע דער יוד, זײַנען גאנץ געוויינלעכע, טיילווײַז אפילע הארבלעכע, נאָר אינעם וואָרט „ווילנע״ באקומען די זעלבע אויסיעס עפעס גאָר אן אנדער קלאנג, ווי די אויסיעס אין די נעמען פון די שטעט און שטעטלעך, וווּ מע איז געבוירן געוואָרן. אינערגעץ ניט, ניט אין מײַן געבורטסשטאָט קאָוונע, ניט אין פאָגרעבישטשע און פאָלטאווע, וווּ ס׳איז דורכגעגאנגען מײַן קינדהײַט און יוגנט, באהערשט מיך אזוי ניט דער זיקאָרן, ווי אין ווילנע, כאָטש ווילנע האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען, שוין זײַענדיק אין די מיטעלע יאָרן.

כ׳קאָן אליין ניט באנעמען, וווּ און ווען האָט עס דער זיקאָרן מײַנער זיך אזוי אָנגעשעפט מיט ווילנע, וואָס ער קאָן מיר דערציילן אָן א שיר פראָטים וועגן יעטווידער גאס און וועגן יעטווידן געסל. ער פירט מיך צו דעם בופאָלער בארג, אָנלייגנדיק דערבײַ היפש וועג. אף צו דערציילן מיר וועגן ווילנע דארף ער גאָר קיין סאך ניט, דער זיקאָרן מײַנער. ער דארף מיר בלויז אונטערזאָגן, וויאזוי ריכטיק איבערצוזעצן אף ייִדיש די נעמען פון די גאסן און געסלעך, אז „מיאסאָ־גאס״ אף ייִדיש איז „יאטקעווער גאס״, „סטעקאָלנע״ — „גלעזער־גאס״... און קוים האָב איך דעם דאָזיקן שליסל צו דעם ניט ווײַטן אמאָל, דארף איך שוין ניט קיין באגלייטער, וואָס זאָל מיר אָנווייזן, וווּ איז דאָ גיטקע טײַבלס זאווולעק, צי מיך אוועקפירן צו די פינצטערע מיטלאלטערלעכע הויפן, וווּ ס׳האָבן געלעבט דער געניאלער סקולפטאָר מאָרדכע אנטאָקאָלסקי און דער פריילעכער קאסריליק מאָטקע כאבאד, וועלכער האָט געשעמט אין ליטע ווי הערשעלע אָסטראָפאָליער אף אוקראינע. אָן א וועגווײַזער טרעף איך אויך צום בארימטן הויף, וועלכן ס׳האָבן פארייביקט אף זייערע לײַוונטן אזויפיל ייִדישע מאָלער — דעם טיפן שמאָלן הויף, וואָס האָט אף די שווארצע פארויכערטע ווענט פון זײַנע גרויע הײַזער מיט די אָנגעפיקעוועטע איינער

א סצענע פונעם ערשטן אקט פון דעם ספעקטאקל „די קישעפמאכערן“.

אפן אנדערן פארשימלטע באלקאָנדלעך און אף די צעקרישלטע שטיינערנע טרעפּ פארהיט אלע אנטיקלעך פונעם אמאָליקן ייִדישן דאלעס.

די שמאָלע גאסן און געסלעך, איבער וועלכע איך דריי מיך אום, אָנעטעמענדיק זיך מיט אלט ווילנע, פירן מיך ארויס אף דער ברייטער רוישיקער מוזיי־גאס. אין שכיינעס מיט איר איז אמאָל געווען דער בארימטער שול־הויף מיט זײַנע עטלעכע צענדליק באָטעמעדראָשים און קלויזן.

ווי טרעפלעך צוגעפּאסט פאר דער דאָזיקער גאס ס׳איז דער נאָמען אירער — מוזיי־גאס, כאָטש זי איז בלוט אָרעם אין מוזיי־עקספּאָנאטן. דער איינציקער שאָליעך פון דעם ניט ווײַטן אמאָל איז דער גרויער שטיין פון דער גרויסער שול, וואָס איז געבליבן ווי א מאָציוועס, לעזייכער דעם שול־הויף, וועלכער איז פארשוווּנדן אין רויך און אין פלאמען צוזאמען מיט די ארומיקע גאסן און געסלעך פון דער געטאָ.

אָט אזוי באגייט זיך מיט מיר ווילנע יעדעס מאָל, ווען איך קום אהין אראָפּ. איידער זי אנטפלעקט פאר מיר אירע ווונדערלעך־שיינע גאסן, מויערן און סקווערן אין צענטער שטאָט און אין די נײַ־אויסגעבויטע ראיאָנען, שיקט זי מיך פריִער אוועק זיך דורכגיין איבער אירע שמאָלע קרומע געסלעך פון אלטשטאָט, וואָרעם אָן דעם קאָן מען ניט ווערן קיין שטיקל ווילנער, און ווערן לעכאָלהאָפּאָכעס כאָטש א שטיקל ווילנער איז מיר אומבאדינגט נייטיק, אנדערש וועל איך א סאך ניט באנעמען פון דעם, וואָס מיר שטייט הײַנט פאָר צו זען און צו הערן אפן בופאָלער בארג.

ווײַזט זיך אָבער ארויס, אז קעדיי פארשטיין און באנעמען, וואָס עס קומט הײַנט פאָר אפן בופאָלער בארג, איז ניט גענוג צו זײַן א שטיקל ווילנער. מע דארף דערצו, אפּאָנעם, זײַן אינגאנצן א ווילנער. עמעס טאקע, ס׳איז הײַנט א ווונדערלעכער זומערדיקער פארנאכט און די זון שטייט נאָך גאנץ הויך, אָבער ס׳איז פאָרט דאָך געווען שוין דאָס אנדערע גלעקל, און באלד דארף אָט זײַן דער דריטער קלונג, נאָר עפּעס זעט מען ניט, דער אוילעם זאָל איבעריקס אײַלן אין זאל ארײַן. ניט קיין ווילנער קאָן מיינען, אז דער אוילעם פארהאלט זיך באם ארײַנגאנג, קעדיי זיך טרעפן מיט באקאנטע. איז אָבער ווילנע, ווי גרויס און ברייט זי זאָל ניט זײַן, דאָך ניט די שטאָט, וואָס מע זאָל צוליב דעם זיך דארפן פארקלײַבן אזש אהער. ס׳איז גענוג זיך דורכשפּאצירן איבערן לענין־פּראָספּעקט, זיך ארײַנכאַפּן אין איינעם פון די פילצאָליקע סעדלעך, אז מע זאָל דאָרטן אָנטרעפן אף באקאנטע. א צווייטן קאָן זיך אויסווײַזן, אז אָט די אלע פארזאמלטע זײַנען, אָט ווי ער, אָנגעפּאָרענע, און פונוואנעט זעט זיך נאָך אזוי די שיינקײַט און פּרעכטיקײַט פון אָט דער גרינער שטאָט, ווי פון דעם דאָזיקן בארג, וועלכער קאָן מיט דער הייך זײַנער זיך, דאכט זיך, פארמעסטן מיטן שלאָס־בארג. נאָר אָנגעפּאָרענע מענטשן וואָלטן זיך אזוי ניט פארקוקט און אין זייער בליק וואָלט די אײַנגעליבטקײַט אין דער שטאָט ניט געווען

דער פרויען־כאָר פון דער וואָקאַלער גרופּע באַם ווילנער פאָלקס־טעאַטער.

אויסגעמישט מיט אומעט און נאָגנדיקער בענקשאַפט...

אַז נאָכן דריטן קלונג ווען א היפּש ביסל מענטשן בלײַבן שטעקן אין דרויסן, האָט מען זיך לײַכט געקאָנט פֿאָרשטעלן, וואָרעם ס׳איז ניט געווען, דאַכט זיך, דער מענטש מיט א בילעט אין קעשענע, וואָס עס זאָלן אים ניט געווען אָפּשטעלן אי אונטן, אי אויבן אַף די טרעפּ, אי באַם ארײַנגאַנג, אָן א שיר מענטשן און ניט פרעגן אים, צי האָט ער ניט צופּעליק קיין איבעריקן בילעט. ס׳איז א סוואָרע, אַז אַף די קינפּטיקע צוויי פֿאָרשטעלונגען פון דער „קישעפמאַכערן", וועגן וועלכע ס׳איז שוין געמאָלדן, וועט אויך ניט זײַן אזוי פּאַשעט צו קריגן א בילעט, כאָטש דער זאַל קאָן באַ א נויט ארײַנעמען א אַנדערהאַלבן טויזנט מאַן. קאָלזמאַן מע האָט נאָך אינעם יאָמטעוודיקפֿײַערלעכן זאַל ניט אויסגעלאָשן די שײַן, באַווײַז איך צו באַמערקן, אַז ס׳איז דאָ פול און פיל מיט יוגנט. איך זאָל ניט געווען וויסן, אַז ניט איבעריקס לאַנג צוריק האָט דער מאָסקווער יידישער אַנסאַמבל באַוויזן אין ווילנע „די קישעפמאַכערן", וואָלט מיך עפּשער ניט געוווּנדערט, וואָס איך זע דאָ הײַנט אזויפיל יוגנטלעכע. נאָר קוים איך ווייס עס, איז מיר ביז גאָר טשיקאַווע צו דערגיין, וואָס האָט די יוגנט אַזעלכעס געפונען אין דער סענטימענטאַלער מעלאָדראַמע וועגן אַן אָרעמער אומגליקלעכער יעסוימע און א בייזער שטיפמוטער, וואָס מע איז געקומען זי זען א צווייט, צי עפּשער א דריט מאָל. און דאָס, וואָס מענטשן פונעם על־

טערן דאָר, וועלכע געדענקען שוין מיסטאָמע אליין ניט, וויפל מאָל אַף זייער לעבן זיי האָבן געזען „די קישעפמאַכערן", פעלן אויך ניט אויס אין זאַל, האָט דאָך זיכער וואָס צו זאָגן!

נאָר גענוג וועגן דער שטאָט, וועגן זיך און וועגן די צושויער. צײַט אופהייבן דעם פאָרהאַנג און דערציילן וועגן די, וואָס האָבן פאַרדינט, מע זאָל וועגן זיי דערציילן, אויב ניט וועגן אלע, איז כאָטש וועגן אייניקע פון זיי.

דעם לייענער וואָלט זיכער פאַרוווּנדערט, ווען איך נעם אים דערציילן דעם סיפּער־האַמײַסע פון דער „קישעפמאַכערן" — וועגן א בייזער שטיפמוטער, וואָס האָט געשיקט די אָרעמע יעסוימע, נעבעך, מירעלען, אין מאַרק ארײַן אײַנקויפן פלייש פארן געלט, וואָס זי האָט איר קלוימערשט ארײַנגעלייגט אין קעשענע; וויאַזוי אַף מירעלעס געבעט „אוי, יידן, בניי־ראַכמאָנים", האָט זיך אָפּגערופן די באָבע יאַכנע, וואָס האָט דורך א מעסירע ארײַנגעזעצט מירעלעס פאָטער אין אָסטראָג און איצט האָט זי זיך ארויסגעגעבן פאַר מירעלעס א מומע און מיט זיסע רייד זי פאַרנאַרט צו זיך אַהיים; און וויאַזוי עליאָקום האָט מירעלען פאַרקויפט צו די טערקן, פון וועמעס הענט עס האָט זי אויסגעקויפט איר טרײַער כאָסן מאַרקוס. אפילע די, וואָס זײַנען קיינמאָל אין טעאַטער ניט געווען און קיינמאָל די „קישעפמאַכערן" ניט געזען, וואָלטן אויך געקאָנט איבערדערציילן, און נאָך מיט מער פּראָטים, דעם סיפּער־האַמײַסע פון דער סענטימענטאַלער מעלאָדראַמע און דערבײַ אויסזינגען די געהערטע ניט פון

דער בינע לידער, ווײַל הויפּטזאַכלעך צוליב די לידער האָט זיך פאַרהיט די „קישעפמאַכערן", וועלכע אווראָם גאָלדפאַדען האָט פאַרפאַסט מיט קאַרעוו הונדערט יאָר צוריק.

נאָר איך בין געקומען, ווי שוין געזאָגט, זען דעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער און ניט די „קישעפמאַכערן", און דעם עמעס ריידנדיק, איז מיר ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען, ווער פון די פאַרשוינען אין דער שטאַרק פאַרקירצטער און איבערגעאַנדערשטער „קישעפמאַכערן" עס איז ארויסגעפאַלן פון וואָגן און ווער פון די פאַרשוינען, וועלכע קערן זיך קלאַל ניט אָן צו דער „קישעפמאַכערן", האָבן זיך ניט נאָר ארופגעכאַפּט, נאָר אויך גאַנץ ברייטלעך זיך צעלייגט אינעם וואָגן. מיר איז עס קנאַפּ וואָס אָנגעגאַנגען אויך דערפאַר, ווײַל איך בין שוין געוווינט דערצו, אַז פון אַ פיר־פינף־אַקטיקער פּיעסע זאָל ווערן אַ צווייאַקטיקע, צומאָל אפּילע אַן איינאַקטיקע, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס „די קישעפמאַכערן" און „דער צענטער געבאָט", וועלכע זײַנען אזויפיל יאָרן געשפּילט געוואָרן באַ פולגעפאַקטע זאַלן אינעם מאָסקווער מעלוכע־טעאַטער, זײַנען אויך געווען ניט אינגאַנצן גאָלדפאַדענס. אַלע ייִדישע טעאַטערן האָבן אַזוי צי אַנדערש זיך אַרײַנגעמישט אינעם טעקסט פון גאָלדפאַדענס פּיעסן, ניט נאָר דערפאַר, ווײַל די שפּראַך האָט זיך גענייטיקט אין אַ געוויסער ליטעראַרישער באַאַרבעטונג. די ווערט פון גאָלדפאַדענס דראַמאַטישע ווערק באַשטייט דעריקער אין זייער סצענישקײַט, מוזיקאַלישקײַט, פאָלקסטימלעכקײַט, און ניט אין דער פאַבולע, וואָס אין גרונט איז זי אַ סענטימענטאַל מעלאָדראַמאַטישע.

דאָס קומען צום הײַנטיקן צושויער מיט אַ סענטימענטאַלער מעלאָדראַמע וועגן אָן אַרעמער יעסוימע, נעבעך, און וועגן אַ שלאַנג אַ שטיפמוטער קאָן בלויז ארויסרופן שטויינונג. נאָר ווען אָף דער בינע זײַנען רעאַליסטיש אָנגעצייכנט די הויפּט־געשטאַלטן — דער פאָלקסמענטש האָצמאַך, וואָס שפּרודלט מיט כאָכמע און אײַנפאַלן, און די באָבע יאַכנע, אַ געשטאַלט, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך העסלעכקײַט, פאַלשקײַט, געלטגיריקײַט, — און דערבײַ ווערט פאַרהיט די פאָלקסטימלעכקײַט, מוזיקאַלישקײַט און די הויפּט־אידיי, אַז „ווער עס גראָבט אַ גרוב אָף יענעם, פאַלט אַליין אַרײַן", — דאַן פאַרכאַפּט עס דעם צושויער, ווי דאָס איז געווען אָף דער פּרעמיערע, כאָטש די מערהײַט אין זאַל ווייסט און געדענקט טיילווײַז גאָר אַן אַנדער „קישעפמאַכערן".

וועגן דעם, אַז „די קישעפמאַכערן", וואָס ווערט געשפּילט אין ווילנער פאָלקס־טעאַטער, שיידט זיך ערטערווײַז אונטער, און גאַנץ באַדײַטנד, פון גאָלדפאַדענס, דערמאָנט דעם צושויער אונדזער מיטצײַטלער, דער פרײַ־פאַרשטאָרבענער טאַלאַנטפולער סאָוועטישער דיכטער יויסעף קאָטליאַר, וועמעס פּאָעטישע סטראָפן, וועלכע באַגלייטן יעדעס בילד פון דער פּיעסע און מישן זיך אָרגאַניש אַרײַן אין דער האַנדלונג, לייענט טאַלאַנטפול פאָר די שוישפּילערן העניע לעוו. מיט איר פילמאָליקן אופטריט בײַס דער האַנדלונג, אָנגעטאָן אין אַ ליכטיקער אויסגעהעפטער קלייד, ווי אַ געהויבענע מעכוטענעסטע אָף אַ געהויבענער כאַסענע, און מיט איר פּרעכטיקער אויסשפּראַך, מיט וועלכער ניט נאָר זי ברענגט ארויס יעדן זילב פון קאָטליאַרס פּאָעטישן טעקסט, נאָר שפּילט אים מײַסטעריש אויס, אַז דער צושויער זאָל טיפער דערזען די שרעקלעכע פאַרגאַנגענהײַט, טראָגט זי אַרײַן אָף דער בינע יאָמטעוודיקע פרייד — די יאָמטעוודיקע פרייד פונעם זיכערן הײַנט און פונעם זיכערן מאָרגן.

שוין פון די ערשטע בילדער ווערט קלאָר דער פאַרטראַכט פון דער פאַרשטעלונג אין דער רעזשי פונעם אָנפירער פון דעם פאָלקס־טעאַטער, דעם אָנגעזעענעם בינע־מײַסטער באָריס לאַנדאו, וועלכער האָט צענדליקער יאָרן מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט אין כאַרקאָווער, אָדעסער, טאַשקענטער ייִדישע מעלוכע־טעאַטערן. זײַן פאַרטראַכט איז — באַווײַזן די יאָמטעוודיקײַט פונעם הײַנט דורך דעם נעכטן, וועלכן דער עלטערער דאָר ווילנער האָבן נאָך ניט אינגאַנצן פאַרגעסן. זיי געדענקען נאָך דעם האַנדל־וואַנדלדיקן מאַרק מיט זײַנע פאַרשוינען, וואָס זיי זעען איצט פאַר זיך אָף דער בינע. וועגן דעם נעכטן דערציילן די נידעריקע אויסגעקרימטע הײַזלעך אין הינטערגרונט פון דער בינע. וועגן דעם הײַנט — דער פאַרביקער יאָמטעוודיקער פאָרהאַנג מיט די פרענדזלעך אין פאָדערגרונט.

קיין מער צוגעפּאַסטן פּלאַץ אָף צו באַווײַזן דעם אָוואַר, ווי דער מאַרק, צו וועלכן עס האָבן אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך געפירט אמאָל אַלע וועגן, איז ניט מעגלעך צו געפינען. און באָריס לאַנדאו, וואָס האָט פאַרייניקט אַלע אַקטן פון דער פּיעסע אין צוויי בילדער, האָט, פאַרשטייט זיך, געטאָן ריכטיק, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר דער האַנדלונג דעם באַרימטן מאַרק, אריבערטראָגנדיק אהין יענעם טייל געשעענישן, וועלכע זײַנען נייטיק צו שאַפן אַ פאַרגאַנצט בילד פון דער „קישעפמאַכערן".

אָף דעם דאָזיקן ביז צום טויב ווערן טומלדיקן מאַרק טרעפן מיר זיך מיט אונדזערע אַלטע באַקאַנטע — מיט דער באָבע יאַכנע, מיט האָצמאַכן, מירעלען, עליאָקומען.

די באָבע יאַכנע שפּילט באָריס לאַנדאו, ער שפּילט זי אַזוי, אַז דער צושויער זאָל פון דער

ערשטער רעגע דערזען אין איר ניט קיין טרע־פערן, ניט קיין קישעפמאַכערן, נאָר די פאַרקערפּערונג פון פאַלשקײַט, צווייפּנעמדיקײַט, געלטגיריקײַט און אַנדערע העסלעכע זײַטן, מיט וואָס מיר באַגעגענען זיך נאָך ליידער צומאָל אין לעבן און קעגן וואָס מיר פירן אַן אומראַכמאָנעסדיקן קאַמף. דאָס געשטאַלט פון דער באָבע יאַכנע אין דער אויספילונג פון באָריס לאַנדאַו איז ווי ס׳וואָלט אַראָפּ צו אונדז פון די זײַטלעך פון א סאַטירישן זשורנאַל. און ווײַל אזא איז דער פּאָרטראַכט פונעם אויספילער, רופט ניט ארויס באַם צושויער קיין דערווידערונג דער גראָטעסק פון זײַן שפּילן. אין דער זעלבער צײַט האָט דער באַגאַבטער אַקטיאָר פאַרהיט די פאָלקסטימלעכקײַט, וואָס איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן געשטאַלט, ווי די באָבע יאַכנע איז געגעבן בא גאָלדפאַדענען, באַזונדערס, ווען זי האָט צו טאָן מיט דער טאַבאַקערקע, ווען זי באַווײַזט דער הײַנטיקער יוגנט, וויאַזוי מע האָט אַמאָל געטאַנצט...

דעם פריילעכן קאַפּצן האָצמאַכן, „דער רועך זאָל מיך נעמען", שפּילט איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם טעאַטער און איינער פון זײַנע עלטסטע שוישפּילער יודל קאַץ. ער שפּילט די דאָזיקע ראָל לײַכט, פֿאַשעט, שאַפֿנדיק אַן עכט רעאַליסטיש געשטאַלט. יודל קאַץ טוט לאַכלוטן גאָרניט צוליב דעם, אַז דער צושויער זאָל לאַכן, נאָר קוים באַווײַזט ער זיך אַף דער בינע, ברעכט גלײַך אויס א געלעכטער. ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אָט דער קלוגער, פאָלקסטימלעכער, לעבנסלוסטיקער האָצמאַך, ווי סע שפּילט אים קאַץ, זאָל באַלד ניט זאָגן אַזוינס, צי ניט אָפּטאָן אַזוינס, וואָס זאָל ניט ארויסרופן קיין געלעכטער.

פאַר דער באָבע יאַכנעס שוטעף, עליאָקומען, איינעם פון די הויפּט־געשטאַלטן פון דער „קישעפמאַכערן", האָט דער רעזשיסער איבערגעלאָזט געציילטע ווערטער. עליאָקום באַווײַזט זיך אין מעשעך פון דער פאָרשטעלונג בלויז צוויי מאָל, און ביידע מאָל צו צוויי־דרײַ מינוט. נאָר די דאָזיקע עטלעכע מינוט פאַרגעדענקען זיך דעם צושויער, ווײַל די עטלעכע מינוט איז געווען אַף דער בינע מאָטל קאַנאָוויטש — אויך איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם טעאַטער און איינער פון זײַנע עלטסטע שוישפּילער. פאַרן צושויער, וואָס איז געוווינט זען מאָטל קאַנאָוויטשן אין אַזעלכע „דערשלאָגענע" געשטאַלטן, ווי סענדערל די ייִדענע, איז דאָס שפּילן פון אַזא טײַוולאָניש דורכגעטריבענעם יונג, ווי עליאָקום, געווען לאַכלוטן אומדערוואַרט.

הערציק אומיטלבאַר שפּילט מירעלען מענע גאָרנשטיין. בא איר איז א פײַנע שטים, אַן אויסדריקלעכע שפּראַך.

דער אַרטיסט באָריס לאַנדאַו אין דער ראָל פון דער קישעפמאַכערן

צו גאָלדפאַדענס געשטאַלטן, וועלכע פאַרגעדענקען זיך דעם צושויער הויפּטזאַכלעך לויט די לידער, וואָס זיי זינגען, געהערט בעליסאָפּעק אויך דער קאַצעוו. די דאָזיקע ראָל שפּילט געלונגען בינימין צוויזאָן. עס פלעכטן זיך אָרגאַניש אַרײַן אין דער פאָלקסשפּיל פון דער „קישעפמאַכערן" סאָניע זשעלעזניאַק אין דער ראָל פון דער בלינדער, כאַיע לעווינאַ — די קלאָגערן, ראָזע יאַדײַטי — די זינגערן, וועלוול שאַלקינסקי — דער גוויר...

ס׳איז ניט אָנגענומען, אַז אין א פּיעסע זאָל אַן אַקטיאָר ביסירן, איבערכאַזערן זײַנעם א מאָנאָלאָג, צי א ליד, און כאָטש אַלע אין זאַל ווייסן עס, דאָך האָט מען לאַנג ניט אָפּגעלאָזט פון דער בינע מאַשע פלאָטקין און סאָפיע גורוויטש, כאַנע יאַדײַטע און אַליע פיילים, נאָכדעם ווי זיי האָבן מיט אַזויפיל קינסטלערישן געשמאַק און כיין אויסגעזונגען „באַבקעלעך" און „פּאַפּיראָסן".

אויסרעכענענען אַלע אַנטיילנעמער פון דער פאָרשטעלונג, אין וועלכער ס׳איז פאָרטראָטן קימאַט דער גאַנצער דראַמאַטישער טייל פונעם פאָלקס־טעאַטער, וואָס באַטרעפט עטלעכע און פערציק מאַן, איז, פאַרשטייט זיך, אומעגלעך, כאָטש יעדערער פון זיי האָט בעליסאָפּעק פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן. נאָר איין אַנטיילנעמער קאָן איך ניט פאַרבײַגיין, און גראָדע דעם, וועמען דער צושויער זעט קיינמאָל ניט אַף דער בינע, נאָר אָן וועמען עס באַגייט זיך ניט קיין איין פאָרשטעלונג: דאָס איז דער עטלעכע־און־זיבעציק־יאָריקער שמואל ראָזענטאַל, א געוועזענער לערער פון ייִדישער שפּראַך און

ליטעראַטור אין די קאָוונער פאָלקסשולן. פונקט ווי ער האָט אין דער יוגנט געמײַסטרעוועט שפּילעכלעך פאַר די קינדער־גערטנער, אָפּ־געבנדיק פאַר דעם די גאַנצע פרײַע צײַט זײַ־נע, אַזוי גיט ער אָפּ אויך איצט פיל צײַט און קויכעס דעם טעאַטער, שאַפנדיק פאַר אים די בוטאַפאָריעס.

די „קישעפמאַכערן", וואָס איז בעלי־סאָפעק א באַדײַטנדיקע דערגרייכונג פונעם ווילנער פאָלקס־טעאַטער, איז ניט פרײַ פון אייניקע שוואַכע ערטער, ווי צום בײַשפּיל די מאַסן־סצענע אינעם בילד „זאָל די קרעטשמע ברע־נען". דער מוזיקאַלער טייל פון דער פאַרשטע־לונג לײַדט ערטערווײַז בלויז איבער דעם, וואָס עס שפּילט א געדונגענער אָרקעסטער.

א טעאַטער, ביפּראַט נאָך א פאָלקס־טעאַטער, וואָס באַשטייט אין גרונט פון ליבהאָבער און ניט פון פּראָפעסיאָנאַלן, קאָן זיך ניט באַגיין אָן אן אייגענעם אָרקעסטער, און אז דער ווילֿ־נער פאָלקס־טעאַטער האָט אַלע מעגלעכקײַטן צו שאַפן אים, — דערצו איז דער בעסטער באַווײַז די אַרויסטרעטונג פונעם סטרונע־אָר־קעסטער אין צווייטן טייל פונעם אָוונט.

אייגנטלעך, וואָלט דער צווייטער קינסטלע־רישער טייל אַליין געקאָנט פאַרנעמען א גאַנצן אָוונט, און אין דעם טאַקע איז דעריקער זײַן הויפּט־כיסאָרן. ער איז צופיל איבערגעלאָדן, באַזונדערס איז ער איבערגעלאָדן מיט סקעטשן. ווי גלענצנד עס שפּילן ניט העניע לעוו אין ביניאָמין ריסקינדס סקעטש „די ליטוויטשקע" און באָריס לאַנדאו מיט העניע לעוו אין יויסעף קאַטליאַרס „פּענסיאָנערן", דאָך דערגייט ניט דער טעקסט צום צושויער, ער איז שוין פאַ־שעט מיד פונעם רייד־זשאַנער. פון די דאָזיקע צווי סקעטשן וואָלט מען צײַטווײַליק געדאַרפט באַפרײַען די פּראָגראַם, צײַטווײַליק — ווײַל דער וואָקאַלער אַנסאַמבל, די טאַנץ־גרופּע און דער סטרונע־אָרקעסטער האָבן מיט זייער אָנ־טייל אין אָוונט באַוויזן, אז זיי קאָנען אַליין פאַרפולן מיט זיך א גאַנצע פּראָגראַם, פונקט ווי דאָס האָט ביז אהער געטאָן און קלײַבט זיך עס טאָן אָף ווײַטער די דראַמאַטישע גרופּע פונעם טעאַטער, וועלכע פּלאַנירט צוגרייטן אין דער נאָענטסטער צײַט שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו", ליפּע רעזניקס „דאַניע" (דער כאָסן פון אַמעריקע), און אויך הײַנטצײַטיקע פּיעסן.

די איבערלאָדונג פון דער פּראָגראַם אינעם צווייטן טייל פונעם אָוונט לאָזט זיך לײַכט דערקלערן. מע שפּילט דאָך ניט אַלע טאָג, און ניט יעדע וואָך גרייט מען א נײַע פּראָגראַם. און פאַר די אָנטיילנעמער פונעם טעאַטער, וועלכע זשאַלעווען ניט קיין מי און קומען נאָך א טאָג אָנגעשטרענגטער אַרבעט אָף די זאַ־וואָדן, פאַבריקן, אַנשטאַלטן, נאָך די לימודים אין די שולן און אינסטיטוטן, אָף די רעפּעטי־ציעס, איז ביז גאָר נאַטירלעך דער פאַרלאַנג אַרויסטרעטן אָף דער בינע.

דער וואָקאַלער אַנסאַמבל, די טאַנץ־גרופּע און דער סטרונע־אָרקעסטער שליסן אײַן אין זייער באַשטאַנד קאַרעוו פופציק מאַן. אויב איך רוף דאָ אָן בלויז אייניקע פון זיי — דעם טענצער אַרקאַדי קרופּ, די זינגער פײַוול קוי־ראַס, ווערע פּריש, פאַינע רעוזאָן, די אויס־פילערן פון דער „אייביק קראַנקער" טאַניע גאָרעליק — איז עס בלויז אָף צו באַווײַזן, וואָס פאַר א באַגאַבטע אַרטיסטן עס פאַרמאָגט דער טעאַטער, ווי רײַך ער איז מיט טאַלאַנטן.

א באַזונדער דערפאָלג האָט געהאַט די אַרויס־טרעטונג פון דעם יוגנטלעכן דאַוויד קאַפּלאַן. זײַן אויספירן א. סאַבאַלעווס „בוכענוואַלדער גלאָק" אין בער האַלפּערנס געלונגענער איבער־זעצונג האָט אופגעשטורעמט דעם צושויער־זאַל. דאַוויד קאַפּלאַן פאַרמאָגט א שטאַרקע, שיינע שטים, און יעדעס וואָרט, וואָס ער זינגט, ברענגט ער אַרויס דײַטלעך, קלאָר, וואָס עס טרעפט ניט אָפט אַפילע בא דערפאַרענע זינגער.

...אינעם פאָלעץ האָט מען שוין אומעטום אויסגעלאָשן די שײַן, נאָר אָפן בופאָלער באַרג איז נאָך אַלץ פול מיט מענטשן. מע שטייט און מע קוקט אָף דער העל־באַלויכטענער צע־וואַקסענער שטאָט, וואָס ווינקט זיך איבער פון אונטן מיטן הויכן זומערדיק־אויסגעשטערנטן הימל. די לעוואָנע איז אויך דאָ. זי איז הײַנט אויך א יאָמטעוודיק ליכטיקע, ווי די ליוסטרעס אין צושויער־זאַל. און ווידעראַמאָל דוכט מיר אויס, אז די פאַרליבטקײַט, מיט וועלכער די פאַרזאַמלטע קוקן אַראָפּ פונעם באַרג אָף זייער היימשטאָט, איז אויסגעמישט מיט אומעטיקער נאָגנדיקער בענקשאַפט...

שיר ניט איטלעכער פון די פאַרזאַמלטע דאָ אָפן באַרג גיט אָף שאָלעם־אַלייכעם, ווי מע גיט אָף מאַזלטאָוו, דעם שטילן, באַשיידענעם יאַנקל וויניצקין, גלײַך מע וואָלט גיין פון א כאַסענע, אָף וועלכער ער איז געווען דער הויפּט־מעכוטן.

פאַר מיר איז עס געווען אינגאַנצן אומדער־וואַרט, כאָטש עפּעס וואָס פון יאַנקל וויניצקיס ביאָגראַפיע האָב איך שוין געהאַט געוווּסט — געוווּסט, אז ער איז אן אַלטער אַקטיווער פּאַר־טייטוער, געווען פיל יאָרן אָף אונטערערדישער אַרבעט אין דער סמעטאָנישער ליטע, א צײַט איז ער געווען סעקרעטאַר פונעם ווילנער שטאָט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. נאָר אז דער דאָזיקער באַיאָרטער מענטש, וועלכער איז ביז איבערן קאָפּ אָנגעלאָדן אין מיניסטעריום, אין וועלכן ער אַרבעט, גיט אָף די גאַנצע פרײַע צײַט דעם טעאַטער, אז ער איז די נעשאָמע

7—522

פונעם פאָלקס־טעאַטער, אַז צו אים קומט מען זיך באַראַטן וועגן איטלעכער קלייניקייט, — דאָס האָב איך ניט געוווּסט.

איצט אָבער, ווען איך ווייס עס שוין, ווונ־דערט מיך ניט, וואָס צו אים גייען צו טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס, און בעטן, ער זאָל פאַרשרײַבן זייערס אַ קינד צי אַן אייניקל אין טעאַטער. און יאַנקל וויניצקי פאַרשרײַבט, פאַרשרײַבט און קוקט דערבײַ אָף די פאַר־זאַמלטע רעדלעך מענטשן אָפן הויכן בופאָלער באַרג מיט אַ בליק, וואָס באַטײַט: ווילנע, מײַנע טײַערע, — איז ווילנע! פאַראַן בא אונדז, קיין אײַנהאָרע, ווער עס זאָל שפּילן ייִדיש טעאַטער, און פאַראַן בא אונדז, קיין אײַנהאָרע, ווער עס זאָל גיין קוקן ייִדיש טעאַטער. ווילנע איז ווילנע.

אוורהם גאַנטאַר *

ווי אַן איידלשטיין

ס'איז ניט דערפאַר

איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ —
אויך פאַר דער טרער, וואָס שטיקט דײַן האַלדז.
עס פאַלט אַף מיר די שולד פאַר דעם,
וואָס ס'האָט מיט ווייטעק זיך דײַן ברעם
א הייב געטאָן,
געטאָן א פּלי
און גלײַך אין זעלבן אויגנבליק
געפאַלן מאַכטלאָז אַף צוריק.

איך בין פאַראַנטוואָרטלעך —
נאָר שפּעט,
וואָס קאָן שוין העלפן מײַן געבעט?
דו וועסט פאַרגעבן מיר,
איך ווייס,
און, מעגלעך, אופריכטיק און הייס
געפינען פאַר מײַן זינד א טרייסט.
און זאָגן צאַרט:
„נו, שאַ, נו, שטיל...
ס'איז ניט קיין שולד,
ס'איז נאָר א שפּיל.
דו אַלטער נאַר,
דו אַלטער שעד,
ס'איז אויך מײַן שולד,
ס'איז אויך מײַן כעס...“

איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם,
וואָס וועט ערשט זײַן,
וואָס איז געוועזן.
און ס'איז געוועזן!
אוי, איז געוועזן!
אַזוינס פאַרגעסן טאָר מען דען?!
דאָס גאָלד פון דײַנע שוואַרצע האָר
האָסט אויסגעטוישט אַף זילבער גאָר.
און ווער איז שולדיק?
כ'ווייס, איך ווייס.
נאָר דו געפינען וועסט א טרייסט,
און טײַנען אופריכטיק און הייס:
נו, שאַ, נו, שטיל,
ס'איז ניט דערפאַר...
דו אַלטער שעד,
דו אַלטער נאַר...

דער הימל זאָל ניט פאַלן צו דער ערד

אַז ווי אַן אויסיעלע,
אַז ווי א וואָרט,
באַדאַרף עס שטייען
אַף זײַן עמעס אָרט.

פונקט ווי אַן איידלשטיין
געפּאַסט אין רינג,
ס'זאָל שפּילן שפּילעוודיק,
ס'זאָל קלינגען גרינג.

פונקט ווי א וואָלקנדל,
וואָס פּאַסט צום בלוי.
פונקט ווי די שוואַנגערשאַפט,
וואָס פּאַסט דער פרוי.

ווען ס'שטייט דאָס אויסיעלע
ניט אַפן אָרט,
ווען אַפן אָרט
איז ניט דאָס וואָרט,

דאַן קאָן דער הימל
פאַלן צו דער ערד.
אַזוי, אַז פאַלשעוועזן
איז שטרענג פאַרווערט.

שטילקייט

דער שלענגלדיקער שטעג איז קלוג —
ער רופט צו זיך און נאַרט.
נאָר ס'אײַלט און אײַלט דער שנעלער צוג
און טראָגט זיך אײַנגעשפּאַרט.

אין שאָטן־טיף דער שטעג פאַרהאַלט
זײַן שלענגלדיקן גאַנג.
אַנטלויף,
אַנטלויף אַהין אין וואַלד —
עס וווינט דאָרט דײַן געזאַנג.

די וועלט פון שטילקייט דאָרטן שאַלט
אין שאָטן אײַנגעהילט.
דער דינסטער קלאַנג זיך דאָרט באַהאַלט,
פאַרטײַעט, אײַנגעשטילט.

דעם זיסן טרויער אף א בוים,
די טרייסט באַנאַנד מיט אים
געפינען וועסטו,
אָבער קוים
עס הערט זיך זייער שטים.

א שפּרונג טאָן כ'וואָלט געדאַרפט
פון צוג —
אין טיף פון וואַלד אוועק,
ווען איך וואָלט זײַן אַזוי־אָ קלוג,
ווי אָט דער פלינקער שטעג.

א דאַנק דער קוקאַווע

איך קום נאָר אַרײַן אינעם וואַלד,
דערהער איך, ווי ס'ציילט די קוקאַווע.
און מיר איז בעפייַרעש ציקאַווע
צו וויסן גענוי, ווו איך האַלט.

זי ציילט מיר די יאָר אָן א שיר —
איך ווייס, אז ס'איז פּאַשעט א ליגן,
נאָר קוים ווערט זי פלוצעם אַנשוויגן,
ווערט אומרויִק, טרויעריק מיר.

איך בעט ניט, איך דאַרף גאָרניט פיל,
און ס'איז שוין קיין סאַך ניט פאַרבליבן.
קוקאַווע, א דאַנק פאַרן ליגן,
א דאַנק פאַר דער פריילעכער שפּיל.

מײַסעלער פאַר מײַן אייניקל סאַשע

וועגן זון און רעגן, וועגן דעם בערעלע בורמיש און דער לעוואָנע

1. א מאַטאָנע

אז ס'וועט ווערן פינצטער
אף דער גאַס,
וועל איך ברענגען
א מאַטאָנע דיר —
א פאַס...
דאָס איז
ניט קיין פּאַשעטע
מאַטאָנע —
אין דער פאַס
האָב איך געפאַנגען
די לעוואָנע.

2. הענגט א שטערן אף א בוים

ס'שלאָפט דאָס פּיקסל אינעם
וואַלד,
און אין טײַך דער פיש,
און מײַן ייִנגעלע וועט באַלד
אײַנשלאָפן געוויס.

ס'הענגט א שטערן אף א בוים —
פינקלט בלוילעך־גרין.
איז מײַן שטיפערל אין טרוים
שוין מיסטאָם מיט אים.

ערגעץ אין די הויכע
בערג,
צווישן דעם גראַניט,
האָט מײַן ייִנגעלע געהערט,
איז א העלד פאַרשמידט.

און א שטערן קאָן דאָך גרינג
אויסקוקן די וועלט,
זאָל ער טייקעף פליִען פלינק
אויסלייזן דעם העלד.

ס׳ווייסט דער שטערן אפן בוים,
וואָס מײַן שטיפער וויל.

האָט ער אויסגעכאַפּט זײַן טרוים
און פארשווונדן שטיל.

שלאָף שוין, שלאָף, א גוטע נאכט!
שלאָף שוין רויק אײַן.
אויב דו האָסט אזוי פארטראכט,
וועט אזוי שוין זײַן.

3. דער פרילינג ווארט באַם טויער

ס׳האָט דער רעגן פײַנט צו שפּאסן —
מיט זײַן לעקער מיט זײַן נאסן
האָט ער ציכטיק אויסגעוואשן
אלע פלעצער,
אלע גאסן.

האָט א ווינט גענומען בלאָזן
אפן הימל אפן ראָזן
און פאַריאָגט די לעצטע כמארע,
פאר דער זון געמאכט א ווארע.

האָט די זון איר פענצטער אופגעשלאָסן,
פון א גאָלדן עמערל
די שײַן אירע צעגאָסן.

אז אין גאָרטן זאָלן נעמען שפּראָצן גראָזן,
אז אף צווײַגן
זאָלן בליטן זיך צעלאָזן.

איז א בלויערל געקומען — אָנגעפלויגן
און זײַן פריילעך לידעלע פארצויגן.
האָט צעקלונגען זיך מײַן ייִנגעלע,
מײַן שנעקל,
ווי א גלעקל,
און גענומען פונעם שלאָף מיך וועקן,
מיר אַרײַנגעשריגן אינעם אויער:
— זיידע, קום,
דער פרילינג ווארט באַם טויער!

4. פאַרוואָס האָט געלאַכט די לעוואָנע

ווען עס שלאָפט דער וואלד —
די יעלן און די קליאָנעס,
דאַן גייט ארויס
אין הימל די לעוואָנע —
דערוויסן זיך, צי שלאָפט
אין קוסט דער האָז,
צי ווארעם איז דער מורעשקע
אין גראָז.
צי האָט דאָס בלויערל
באַוואָרנט גוט די נעסט
פון ניט געבעטענע
און בייזע געסט.

פונדאנען לאָזט זי זיך
צו דעם קאָלוירט.
צו דעם קאָלוירט
פון בינענצוכט.
באַקוקט די בינשטאָקן
די פילקאָלירטע,
די פעסלעך האָניק
די געדיכטע.

ס׳האָט איינמאָל זיך באַנאכט
דעם בערעלע בורמיש
פארגלוסט
א גוטן נאַש טאָן זיס.
געכאָלעמט האָט זיך אים
א פאַס מיט האָניק —

ער שטייט און זופט
מיט א פאָלאָנעק.

זיך אופגעכאַפּט,
האָט ער פארטראכט
זיך צוכאַפּן אין פּאסעקע
באַנאכט...
דערווײַל האָט ער געגעבן אלעמען צו
וויסן,
אז מאָרגן וועט ער טיילן
האָניק זיסן.
איז זאָל מען גרייטן
טעלער,
טעפּ,
א מאַקרעטע,
א שיסל,
ווײַל קיינער האָט נאָך ניט געלעקט,
נאָך ניט געשמעקט,
נאָך ניט פארזוכט
א האָניק אזא פרישן.

פון גאנצן וואלד,
פון גרויסן וואלד
געקומען זײַנען
יונג און אלט.
באַיאָרטע בורע בערן
אליין די נײַס צו הערן.

פון נאָרע איז אַרויס בורמיש,
זיך פריילעך מיט די געסט געגריסט.
— אַ שאָד, — געזאָגט האָט ער
צום בער, —
אָט דיר
וואָלט איך געגעבן מער,
איז גראָד באַ דיר
אַ קליינער טאָפּ!
— און מיר? —
געפרעגט האָט אים אַ שנעק.
— דיר אַ לעק!
— דיר אַן עמער!
— דיר אַ פּאַס!
— דיר כ'וועל געבן נאָר אַ נאַש
פון הילצערנעם פּאָלאָנעק
מײַן זיסן פרישן האָניק.

בורמישקע האָט די ריי צעשטעלט
אין אָרדענונג אין שטרענגער,
אַליין געלאָזט זיך אינעם וועג
די בערן האָניק ברענגען.

אָט זעט זיך אָפּן באַרג שוין
דער קאָלווירט,
און ווײַט אַהינטער
איז דער וואַלד דער גרינער.
נאָר פּלוצעם
האָט בורמיש דערשפּירט:
עס בײַסן אים די בינען.

דער באָכער האָט גענומען רעווען
פון דערשרעק:
— כ'האָב נאָך אַפילע ניט געטאָן קיין לעק!
קיין קאַפּעלע
באַ אײַך נאָך ניט גענומען.
כ'בין בלויז צוגאַסט
צו אײַך געקומען!

און אַ צעביסענער אין וואַלד אַוועק,
אַוועק זיך לייגן שלאָפן.

עס שטייט די ריי,
מע וואַרט אַ נאַכט,
מע וואַרט אַ טאָג
און נאָך אַ נאַכט...
וואָס האָט געטראָפן?
און דאָ האָט די לעוואָנע זיך צעלאַכט!..

עס כראָפּעט דער באַרימער זיך געשמאַק,
מיט ביידע לאַפּעס אונטער באַק.
די בערן האָבן אָנגעהויבן רוישן:
באַשטראָפן אָט דעם ליגנער
אָט דעם גרויסן!

בורמישקע איז אַרויסגעקראָכן פויל,
פון געגעצן צעריסן שיר דאָס מויל.
גענומען אויסצי:ען די גלידער:
— וואָס שרײַט איר, ברידער?
מײַן צוזאָג האָב איך ניט פאַרגעסן,
ווי נעמט מען אָבער האָניק באַ די בינען?..
נאָר אָט וועל איך אַ מיטל אויסגעפינען,
ווי אָט די שנעקעס אָפּצונאַרן,
און דעמלט וועט זיך האָניק גיסן,
אַז אַלע פון מײַן גוטסקײַט זאָלן וויסן.
נאָר איצטער שטערט מיר ניט
צו שלאָפן. —
און דער באַרימער
אין זײַן נאָרע איז אַנטלאָפן.

ס'האָט די לעוואָנע
האַלב די אויגן צוגעמאַכט,
אַראָפּגעקוקט אַף דר'ערד
און האָט געלאַכט.
איר קאָנט אַליין אַ קוק טאָן,
קינדער,
עס לאַכט נאָך די לעוואָנע
ביז אַצינדער.

זיכרוינעס

אוראַן גוראַלניק

נעכטן, הײַנט, מאָרגן

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט ג. אי. באָגראָוו פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע באַוווּסט געוואָ־רענע „שריפֿטן פֿון א ייִדן“, וועלכע זײַנען געווען טיפּיש פֿאַרן גורל פֿון א ייִדישן אינ־טעליגענט אין צאַרישן רוסלאַנד. אוראַן גוראַלניקס „אויטאָביאָגראַפֿישע נאָטיצן“ גיבן א געוויסע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם גורל פֿון א ייִדישן אינטעליגענט אין די באַדינגונגען פֿון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. געבוירן אין דער סוויווע פֿונעם אמאָליקן טכום, אָבער שוין נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אין שווערן 1921 יאָר, האָט גוראַלניק דורכגעמאַכט א קאָמפּליצירטן און ניט קיין גרינגן וועג.

די רוסישע קולטור און ליטעראַטור האָט שטענדיק צוגעצויגן צו זיך די באַגאַבטע ייִדישע אינטעליגענץ. דער וועג אָבער צו די הייכן פֿון דער דאָזיקער קולטור איז אַלס קלאַל געווען א פּײַנפֿולער.

דער סאָוועטישער ייִד אוראַן גוראַלניק ווייסט ניט פֿון קיין פּראָצענט־נאָרמעס, פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, קולטור־ און בילדונג־באַגרענעצונגען. אים איז ליב און טײַער די פּראָגרעסיווע קולטור פֿון דער גאַנצער מענטשהייט, צו וועלכער ער איז געקו־מען דורך דער ייִדישער, אוקראַיִנישער און רוסישער קולטורן.

אין די באַדינגונגען פֿונעם צאַרישן רוסלאַנד איז דאָס געווען אוממעגלעך. אָבער אין די סאָוועטישע באַדינגונגען איז דער טרוים פֿון די פֿאָרגעשריטענע ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן פֿולשטענדיק פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די ייִדישע קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד דער־גרייכט אַזאַ הויכע שטופֿע, וועלכע זי האָט ניט דערגרייכט אין קיין איין לאַנד אין דער וועלט. אָבער די ייִדישע יוגנט האָט ניט געקאָנט און ניט געדאַרפֿט זיך באַגרענעצן בלויז מיט ייִדיש. דער וועג צו דער רוסישער קולטור און צו דער פּראָגרעסיווער וועלט־קול־טור האָט ברייט זיך געעפֿנט פֿאַר דער ייִדישער יוגנט.

אָט די דאָזיקע פּראָצעסן זײַנען אָפּגעשפּיגלט אין אוראַן גוראַלניקס אויטאָביאָגראַפֿי־שע נאָטיצן, און אין דעם איז זייער באַטײַט.

זיכרוינעס שרײַבן ניט הײַנט בלויז יענע, וועלכע האָבן זיי שוין אָנגעשריבן. ווי נאָר מע גייט אוועק אף פּענסיע, פֿאַרגרייט מען גלײַך פּאַפּיר און טינט, מע פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און מע זעצט זיך שרײַבן מעמואַרן. זיכרוינעס זײַנען איצט, מעגלעך, דער סאַמע פֿאַרשפּריי־טער ליטעראַרישער זשאַנער. מיט זיכרוינעס זײַנען פֿאַרוואַלגערט די פֿאַרלאַגן און די רע־דאַקציעס פֿון די זשורנאַלן.

איבעריקנס, מיין איך, איז ניטאָ וואָס צו איראָניזירן איבער דעם. אונדזער דאָר האָט וואָס צו דערציילן זײַנע מיטצײַטלער און אויך די קומענדיקע דורות. א ווערטעלע אויסצוריידן — איבערלעבן אַזעלכע יאָרן, אַזאַ מילכאָמע, זײַן אַן איידעס און אַן אָנטיילנעמער פֿון גראַנדיעזע געשעענישן, וואָס האָבן אַן אַלוועלטלעך־היסטאָרישן באַטײַט...

אָבער, ווי עס זאָל ניט זײַן, האָב איך, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אויך זיך אוועקגעזעצט שרײַבן. אויב ניט קיין זיכרוינעס, איז עפּעס ענלעכס. אינמיטנדערינען האָט עס מיך אַ צי געטאָן! אַף פּענסיע קלײַב איך זיך נאָך ניט — נאָך אַ ביסל פּרי: ערשט ניט לאַנג צעביטן דעם זעקסטן צענדליק. דרינגענדיקע אַרבעט — אָן אַ שיר. נאָר וואָס קאָן מען טאָן? זיך צוגעהערט צו גוטעפרײַנט און צוגעטראָטן שרײַבן אָט די אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, עטיודן, נאָוועלן (רופט זיי, ווי איר ווילט, ניט אין דעם גייט עס).

— ווער דאַרף דאָס? — האָב איך געפרעגט בײַ אָט די פרײַנטלעכע אײַצע־געבערס מײַנע. — וועמען קאָנען אינטערעסירן די עפּיזאָדן פון מײַן לעבן? וואָס פאַרא „נוצן" וועט באַקומען דער לייענער, באַזונדערס דער יונגער לייענער, פון מײַן באַשריבענער דערפאַרונג? און צי האָב איך בִּכלל רעכט אַף זיכרוינעס?

פראַגן, ספֿייקעס און ווידער פראַגן.

אָבער, ווי איר זעט, האָט מען מיך איבערצײַגט.

איך לייג צײַטווײַליק אַוועק אין אַ זײַט דעם מאַנוסקריפּט פון אַ קימאַט פאַרענדיקטן בוך, וואָס איך דאַרף צושטעלן דעם פאַרלאַג „פּראָסוועשטשעניע", כ׳נעם אורלויב אין אינסטיטוט, ווו איך אַרבעט, כ׳בעט אין שטוב, מע זאָל מיך ווייניקער באַאומרויִקן; אַפילו דעם טעלעפאָן טראָג איך אַרויס פון מײַן קאַבינעט. און איך פאַרטיף זיך אין זיכרוינעס וועגן פאַרגאַנגענע טעג, וועגן געשעענישן, וועלכע זענען שוין איצט אויס ווײַט, אָבער וועלכע האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט אין האַרצן, וועגן מענטשן, וועלכע האָבן מיך אַמאָל אַרומגערינגלט, ווי דער דיכטער האָט געזאָגט — *«Иных уж нет, а те далече»*[1]

אין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו שרײַבן ניט בלויז ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, נאָר אויך פּאָפּולערע אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען, אַפילו פעליעטאָנען און פּאַראָדיעס. אָבער אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן איז, זעט אויס, אַ באַזונדער מין זשאַנער. דאָס איז ביז גאָר ווייטעקלעך און פריידיק. אָבער איך, ווי אַ מענטש, וועלכער איז געוווינט צו דענקען פּראַקטיש, וואַרף אָפּ די עלעגיש־לירישע שטימונגען און פּרוּוו קלאָר מאַכן פאַר זיך די, אַזוי צו זאָגן, טיפּאָלאָגישע באַדײַטונג פון די „געשיכטעס", וועלכע איך וויל דאָ אופשטעלן פאַרן לייענער. עס לאָזט זיך, פאַרשטייט זיך, פילן די לאַנגיאָריקע געוווינהײַט פון אַ פאָרשער, וועלכער פאַרנעמט זיך פריִער פאַר אַלץ דערמיט, וואָס ער באַטראַכט אַנאַליטיש פאַקטן, קלאַסיפיצירט זיי, באַזיניקט און שאַצט זיי אָפּ אין שײַן פון טעאָרעטישע קאַטעגאָריעס.

„גוט, — זאָג איך צו זיך אַליין, — עס קאָן זײַן, אַז דײַן וועג — דער וועג פון אַ יוגנטלעכן, וועלכער האָט ביז דער מילכאָמע געענדיקט אַ ייִדישע סאָוועטישע מיטלשול און האָט דערגרייכט צו די הייכן פון דער רוסישער פילאָלאָגישער וויסנשאַפט (זאָל מען מיר מוכל זײַן אָט דעם עטוואָס פּאַטעטישן סטיל) — וועט עמעצן פאַרינטערעסירן. עס איז אַוודע באַלערעוודיק צו זען, וויאַזוי אין די סאָוועטישע באַדינגונגען איז אַ ייִדיש ייִנגל פון אַן אַרבעטער־פאַמיליע, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין אַן אוקראַיִנישער שטאָט, געוואָרן אַ ספּעציאַליסט איבער דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור און פונעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק.

אָבער וואָס איז פאָרט דער זין פון אָט דער דערשײַנונג?

אויב ריידן לאָגיש, איז אין דער ווירקלעכקײַט דאָך ניט יעדער צווייטער און אַפילו ניט יעדער פינפטער, וואָס האָט געענדיקט אָט די שול צוזאַמען מיט מיר, געוואָרן מיט דער צײַט אַ דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, אַן אויטאָר פון געדרוקטע אַרבעטן וועגן דאָסטאָיעווסקין און פּיסאַרעוון, פּלעכאַנאָוון און לונאַטשאַרסקין. ס׳זײַנען ניט געוואָרן קיין וויסנשאַפטלער מײַנע דרײַ ייִנגערע ברידער: איינער איז געוואָרן אַ בוכהאַלטער, דער צווייטער אַ פאַבריקמאַכער, דער דריטער אַן אינזשעניער.

אָבער, פון דער צווייטער זײַט, צי איז דען ניט פאַראַנען קיין טיפער זינען אין דעם, וואָס דאָס אוריינִיקל פון כאַצקל דעם באַלעגאָלע, דאָס אייניקל פונעם טרעגער יוקל, דער זון פונעם שוסטער אַווראָם, וועלכער האָט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט זיך געבויגן בײַ זײַן וואַרשטאַט, איז געוואָרן אַן עלטערער וויסנשאַפט־טוער פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אַף גאָרקיס נאָמען בײַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר?

נו, מיר הײבן אָן... אָבער פון וואָס הייבט מען אָן? איך קלײַב זיך דאָך ניט שרײַבן ניט קיין היסטאָרישע כראָניק, ניט קיין בעלעטריזירטע אויטאָביאָגראַפיע. אָבער אויך קיין טרוקענע אָפיציעלע אַנקעטע קלײַב איך זיך ניט אונטערטראָגן דעם לייענער. זאָלן דאָס זײַן באַזונדערע זײַטלעך פון אַ לעבנס־געשיכטע. זייער אינטערעס באַשטייט, מיין איך, אין דעם, וואָס, ווי עס האָט געזאָגט בײַ אַן אַנדער געלעגנהײַט, איינער אַ סאָוועטישער שרײַבער, דאָס וועט זײַן די געשיכטע פון אַ געוויינלעך לעבן אין אַן אומגעוויינלעכער צײַט.

איך וועל גאָרניט אויסטראַכטן: די ווירקלעכקײַט איז די בעסטע אויסטראַכטערן. זי טוט

[1] אייניקע זײַנען שוין ניטאָ, און יענע זײַנען ווײַט.

אָפּט אָפּ אַזעלכע שטיק, אַז ס׳איז נאָר צום באַווונדערן. און אין אונדזער צײַט וועסטו מיט אויסטראַכטענישן ווײַט ניט פאַרפאָרן: דער לייענער פאָדערט פאַקטן, אויספירן וועט ער שוין אַליין מאַכן.

מײַן ייִכעס

ווען מענטשן פון אונדזער קרײַז, סאָוועטישע אינטעליגענטן, געלערנטע און שרײַבער, הייבן אָן דערציילן וועגן זייערע עלטערן (וועגן זיי, אָפּן גערעדט, דערמאָנט מען זיך שוין גאָר ניט אַזוי אָפּט — ניטאָ קיין צײַט), דערגייט מען אַלס קלאַל ניט ווײַטער ווי ביז צו דעם דריטן דאָר. מיר שטאַמען קימאַט אַלע פון אַרבעטער און פּויערים, און יעדערער פון אונדז האָט זיך זײַן ייִכעס־בריוו. אָבער אָט דעם ייִכעס־בריוו האָט קיינער ניט פאַרשריבן, קיין גענעאַלאָגישע ספֿאָרים האָט מען ניט געשאַפן; קיינער האָט ניט געזאָרגט, אַז די פאַמיליע־לעגענדעס זאָלן אָפּגעהיט ווערן פאַר דער אייביקײַט. אונדזערע עלטערן רוען ניט אין קיין סקלעפּן, באַפּוצטע מיט העראַלדישע צייכנס. נאַטירלעך, אויך איך ווייס ניט די ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט פון מײַן מישפּאָכע. איך ווייס ניט — ווען און פונוואַנען זײַנען מײַנע אורעלטערן געקומען צו דער רעכטברעגיקער אוקראַיִנע, האַגאַם אומקלאָרע פאַרשטעלונגען וועגן זייער לעבן האָב איך יאָ.

איך ווייס אָבער אָפּ זיכער, אַז איך האָב געהאַט דאָס גליק צו ווערן דער ערשטער גראַמאָטנער מענטש בײַ די וויניצער גוראַלניקס (פונעם טאַטנס צאַד) און בײַ די ליטינער אַכאַטניקס (פון דער מאַמעס צאַד). אַפילע די סאַמע אופגעקלערטע פאַרגייערס מײַנע זײַנען אין בעסטן פאַל געגאַנגען אין כיידער ניט מער ווי אַ האַלב יאָר. דער פעטער זעליק האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן בײַ אַ שנײַדער צו זיבן יאָר; מײַן טאַטן האָט מען אָפּגעגעבן זיך לערנען אַ מעלאָכע צו נײַן יאָר. ווען זיי האָבן שוין אָנגעהויבן פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן, זײַנען זיי, ווי אַלע אַנדערע באַלמעלאָכעס, אַקוראַט געגאַנגען אין בעסמעדרעש מיט די טאַלייסים און סידורים אין די הענט, נאָר אַרײַנקוקן אין די סידורים האָבן זיי ניט געדאַרפט, זיי האָבן דאָרטן פאַרשטאַנען ניט מער, ווי אַ האָן אין בעניי־אָדאָם.

מײַן עלטערזיידע איז געווען באַוווּסט אָפּ דער פּאָדאָליע אונטערן נאָמען זיידע דער באַלעגאָלע. ער האָט געלעבט הונדערט מיט פיר יאָר, אָבער קיין איוורע האָט ער זיך ניט אויסגעלערנט — ער האָט דערויף קיין צײַט ניט געהאַט, און אין טאָך האָט ער דאָס ניט געדאַרפט האָבן; ער איז געווען אַ מעכטיקער ברייטפּלייציקער בינדיוזשניק מיט אַ שיינער ווײַסער אויסגעקעמטער באָרד פון אַ צאַדיק. ווי מע גיט איבער, האָט ער פאַרמאָגט אַ הויך אַנטוויקלט געפיל פאַר הומאָר. אַלע מײַנע עלטערע קרויווים, אַפילע דער קריטיש־געשטימטער, אין אַלץ צווייפלענדיקער פעטער הערשל, האָבן דערציילט, אַז דער עלטערזיידע כאַצקל איז געווען איינער פון די פּראָטאָטיפּן פונעם לעגענדאַרן הערשעלע אָסטראָפּאָליער. ביז צו אונדזערע צײַטן זײַנען דערגאַנגען מײַסעס און אַנעקדאָטן וועגן פריילעכע, ניט שטענדיק אומשולדיקע שטיק פונעם עלטערזיידן. געלעבט האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט גאָר פאַרמעגלעך, געווען, ווי עס האָט זיך דעמלט געפירט, אַ מעטופּל מיט אַ גרויסער מישפּאָכע און, יאָגנדיק זיך נאָך פּאַרנאָסע, האָט ער טאָג און נאַכט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די שטעטלעך און דערפער פון דער באַרגיקער פּאָדאָליע. דער עלטערזיידע האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר קליאַטשעס און אַ צעטריקנטע ברישקע, וועלכע האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער אוקראַיִנע נאָך פון באָגדאַן כמעלניצקיס צײַטן אָן.

אָבער, ווי עס זאָל ניט זײַן, אין זיקאָרן פון די מענטשן, וועלכע האָבן געקענט דעם אַלטן, איז ער פאַרבליבן אַ לעבנסלוסטיקער אָפּטימיסט. כאַראַקטעריסטיש איז די געשיכטע, וואָס האָט מיט אים געטראָפן אָפּ די עלטערע יאָרן. ער איז שוין אַלט געווען בײַ די נײַנציק, ווען אין אָנהייב 900־ער יאָרן איז ער אַוועקגעפאָרן צו דער עלטערער טאָכטער קיין אַמעריקע. אָפּ יענער זײַט אָקעאַן איז ער אָבער געווען ניט לאַנג. עס האָט אים געצויגן צום היימלאַנד, קיין אוקראַיִנע. איינער אַליין האָט ער זיך געלאָזט צוריק אין ווײַטן, אין יענע צײַטן ניט גרינגן וועג. ער האָט זיך אומגעקערט בעשאָלעם אַהיים, ווו מע האָט אים באַהאַלטן אין דער ערד, וואָס האָט אים געגעבן דאָס לעבן.

מײַן זיידע יוקל האָט אויך ניט געקענט לייענען. דאָס איז געווען בעעמעס אַ הייליקער מאַן. הונדערטער טאָן מאַסעס האָט ער איבערגעטראָגן אָפּ זײַן פּלייצע. זײַן שיינער ביבלישער קאָפּ איז שטענדיק געווען אײַנגעבויגן, די אַקסל — אַ ביסל אונטערגעהויבן. דער זיידע איז געווען אַ גוטער און אַ שווײַגנדיקער. דער שולדיקער אומזיכערער שמייכל האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזט דאָס פּאָנעם פון אָט דעם געזונטן אַרבעטסמאַן. בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז ער קאָנטוזיעט געוואָרן און האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן פאַרלירן דאָס געהער.

דער זיידע יוקל האָט ניט געקענט לייענען, נאָר ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט ביכער און האָט געפילט גרויס ייִראַס־האַקאָוועד פאַרן געדרוקטן וואָרט. ווי נאָר איך האָב

זיך אויסגעלערנט לייענען, פלעג איך אפדערנאכט אים פאַרלייענען שאָלעם־אַלייכעמען. וואָס ווײַטער האָב איך אלץ העכער געדאַרפט לייענען. ביז הײַנטיקן טאָג האָב איך זיך ניט אויסגעלערנט ריידן שטיל, אפילע פאַר ניט קיין גרויסע אאודיטאָריעס... איך האָב געדאַרפט זיך אָנשטרענגען, קעדיי מײַן באַליבטער מענטש זאָל דערהערן די ווערטער פון זײַן באַליבטן שרײַבער. אָבער דער זיידע איז וואָס ווײַטער אלץ מער טויב געוואָרן. אין דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן האָט ער שוין גאָרניט געהערט, כאָטש ער האָט זיך געסטאַרעט דאָס אויסבאַהאלטן פאַר די אייגענע. וועגן הער־אַפּאַראַטן האָט מען נאָך דעמלט ניט געוווּסט. אפן גאַנצן לעבן האָב איך פאַרגעדענקט דעם זיידנס אומעטיקע אויגן. ער פלעגט מיר אלץ ברענגען נײַע ביכער און זשורנאַלן, וואָס ער האָט געקויפט בא א באַקאַנטן פאַר די שווער פאַרדינטע גראָשנס. ווי פריִער, פלעגט ער זיך אוועקזעצן און אופמערקזאַם נאָכשפּירן נאָך די באַוועגונגען פון מײַנע ליפּן און צושאָקלען מיטן קאָפּ. און איך האָב געשלונגען א זײַטל נאָך א זײַטל.

ערשט דעמלט, ווײַזט אויס, האָב איךווירקלעך פאַרשטאַנען, ווי רײַך ס'איז דער מענטש, וועלכער קאָן צונויפלייגן פון אויסיעס ווערטער.

קיינער האָט מיר ניט נאָכגעקוקט, קיינער האָט מיך ניט געצוווּנגען לערנען. ס'איז פּאַשעט ניט געווען, ווער עס זאָל איבער מיר האָבן האַשגאָכע. מײַן טאַטע האָט געלעבט מיט זײַן מישפּאָכע; פון 1922 יאָר אָן, נאָכן טויט פון מײַן מאַמען, האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו די אַלטע, צום זיידן מיט דער באָבען. איך בין פאַר זיי געוואָרן דער איינציקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן דער גרויסער וועלט, וועלכע האָט אונדז אַרומגערינגלט. ראַדיאָ איז דאָך דעמלט געווען א נאָווינע, און וועגן טעלעוויזיע האָט מען נאָך ניט געוווּסט. און עס האָט אַזוי געטראָפן, אַז אָף מיר איז שיר ניט פונעם ערשטן קלאַס אַרופגעלייגט געוואָרן די בעקאָוועדיקע, אָבער אויך שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע „צו זײַען דאָס קלוגע, דאָס גוטע, דאָס אייביקע".

שאַבעס אפדערנאַכט געוויינלעך פלעגט זיך אין אונדזער קעלער צונויפנעמען די גאַנצע מישפּאָכע. דער פעטער פיניע פלעגט ברענגען א פרישן נומער פון דער מאָסקווער צײַטונג „דער עמעס", דער פעטער הערשל האָט מער ליב געהאַט דעם כאַרקאָווער „שטערן". איך פלעג מיט א יונגער זיך ברעכנדיקער שטים לייענען אָף א קאָל די וויכטיקסטע נײַסן, פאַרצייכענונגען און אַנדערע מאַטעריאַלן. אַמאָל פלעג איך אויך איבערדערציילן דעם אינהאַלט פון לימודים אין שול אָף געשיכטע, געאָגראַפיע און נאַטורוויסנשאַפט. צום סאָף האָט מען מיך נאָך געצוווּנגען דעקלאַמירן לידער; נאָר מער פאַר אַלץ האָט מען ליב געהאַט הערן שאָלעם־אַלייכעמס מאָנאָלאָגן. איך האָב דעמלט זיי געקענט אָף אויסווייניק.

די ראָליע פון אַן „אופקלערער" איז מיר געפעלן. צו 11 — 12 יאָר האָב איך שוין באַנומען די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וואָס איך טראָג פאַר אָט די פּראָסטע וויסנגיריקע מענטשן. קיין מער אופמערקזאַמע און גוטוויליקע אאודיטאָריע האָב איך ניט באַגעגנט.

אין זעקסטן אָדער אין זיבעטן קלאַס, גענוי געדענק איך שוין ניט, האָבן מיר לויטן אופטראָג פונעם פּיאָנערן־ראַט פון אונדזער שול דורכגעפירט ליטעראַרישע אָוונטן אָף דער אַזויגערופענער „יערוסאַלימקע". ליטעראַרישע אָוונטן — איז עפּשער צו הויך געזאָגט, אָבער עפּעס ענלעכס איז דאָס געווען. דאָ, אין דעם סאַמע אָרעמען ייִדישן קוואַרטאַל פון אונדזער שטאָט (איצט איז שוין פון אים אפילע קיין שפּור ניט געבליבן) איז אין דער געבײַדע פון דעם געוועזענעם בעסמעדרעש געשאַפן געוואָרן א מין קלוב — מיר האָבן עס דעמלט גערופן „לייענשטיבל". דאָס איז געווען איינע פון די ערשטע נעסטן פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור. דאָ איז געווען א ביבליאָטעק, וואָס האָט וואָס ווײַטער אלץ מער זיך צעוואַקסן, א קינדער־צימער, א זאַל פאַר מאַסן־פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, טעאַטער־פאָרשטעלונגען. די שרײַבער פון דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע, וועלכע פלעגן קומען צו אונדז אין שטאָט, פלעגן אַלס קלאַל זיך באַגעגענען מיט זייערע פּאָטענציעלע לייענער אין אָט דעם נעבעכדיקן לייענשטיבל, וואָס האָט זיך אָבער אונדז פאַרגעדענקט אָף שטענדיק. די פּיאָנערן האָבן געהאַלטן שעפטום איבערן לייענשטיבל. מיר פלעגן אַרויסטרעטן מיט טעמאַטישע מאָנטאַזשן פון מענדעלעס, פּערעצעס און שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, מיט האָפשטיינס, מאַרקישעס, פעפערס, כאַריקס לידער. מיר זײַנען געווען יונג און אומדערפאַרן. אָבער אונדזערע ליטעראַרישע אָוונטן האָבן געהאַט א גראַנדיִעזן דערפאָלג.

מיר איז שפּעטער אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן פאַר די סאַמע פאַרשיידענע אאודיטאָריעס: אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, אין טאַשקענטער „הויז פון וויסן", אין סאָלדאַטישע קאַזאַרמעס, אָף די בוי־פּלעצער פון דער איצטיקער קויבישעווער הידראָסטאַנציע, אין פאָיע פון קינאָטעאַטערס און פון די הויכע טריבונעס פון אַקאַדעמישע קאָנפערענץ־זאַלן. ס'איז ניט קיין לײַכטע קונסט — צוציִען די אופמערקזאַמקײַט פון די צוהערער און האַלטן זיי א שאָ־אָן דערהאַלבן אין דײַן רעשוס. די דאָזיקע באַשיידענע דערפאַרונג פון א לעקטאָר האָב איך אין א באַדײַטנדיקער מאָס באַקומען בייס מײַנע אַמאָליקע אַרויסטרעטונגען אין וויניצער לייענשטיבל.

די דריטע ייִדישע מוסטער־מיטלשול

מע זאָגט, וואָס עלטער דער מענטש ווערט, אַלץ מער איז ער גענייגט צו אידעאַליזירן די פֿאַרגאַנגענהייט, מאַלן זײַנע יוגנט־יאָרן מיט ראָזעווע פֿאַרבן. מיסטאָמע איז אין דעם פֿאַראַן אַ געוויסער עמעס. פֿונדעסטוועגן ווילט זיך מיר זאָגן, ניט מוירע האָבנדיק צו באַשולדיקט ווערן אין היפּערבאַליזאַציע, אַז וועגן ווינניצער דריטער ייִדישער מוסטער־מיטלשול וואָלט מען געקאָנט און געדאַרפֿט שרײַבן לויב־געזאַנגען, אָדעס און מאַדריגאַלן, פֿײַערלעכע הימנען.

„דאָס גרויסע זעט זיך פֿונדערווײַטנס״ — האָט געזאָגט דער מערקווירדיקער רוסישער דיכטער סערגיי יעסענין. איך האָב פֿאַרלאָזט די שול אין יאָר 1938. אין יענע, שוין איצט ווײַטע, יאָרן וואָלטן ניט איך, ניט מײַנע כאַווײרים פֿונעם אַרויסלאָז געקאָנט ריכטיק אָפּשאַצן אונדזער «Alma mater». ווי נאַרישע לאָשעקעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן אויף דער פֿרײַ, האָבן מיר זיך געפֿרייט: ענדלעך, האָבן מיר אַריבערגעשפּאַנט די שול־יאָרן. אָבער שוין דעמלט האָבן אַ סאַך פֿון אונדז שטאָלצירט, וואָס זיי האָבן פֿאַרענדיקט די דריטע ייִדישע מוסטער־מיטלשול! אויף וויפֿל איך קאָן איצט אורטיילן, דערמאָנען נאָך איצט די געוועזענע אַרויסלאָזניקעס, וועלכע זײַנען שוין לאַנג זיידעס און באָבעס, מיט די בעסטע געפֿילן די יאָרן, וועלכע זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין די ווענט פֿון אָט יענער שול. איך בעט אײַך, לאַכט ניט, איך פֿיר ניט קיין שום פּאַראַלעלן, אָבער ווען איך לייען וועגן פּושקינס ליציי, וועגן זײַנע יוגנט־פֿרײַנט, דערמאָן איך זיך ניט ווילנדיק אין אונדזער שול, אין מײַנע כאַווײרים.

וואָס איז שײַך צו ריידן — קיין „צאַרסקאָסעלסקע״ פּאַרקן זײַנען בײַ אונדז ניט געווען. די צײַט איז געווען אַ קאָמפּליצירטע, אַ שווערע — ס׳איז געווען אי הונגער, אי קעלט. דאָס לאַנד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שטעלן אויף די פֿיס, געמאַכט די ערשטע טריט. ס׳האָט ניט געקלעקט קיין לערנביכער, בעסויכאָס אויף אַסטראָנאָמיע, געאָלאָגיע, מינעראַלאָגיע, וועלכע מע האָט פֿאַר אונדז געדרוקט אויף ייִדיש אין כאַרקאָוו און אין קיִעוו. מע האָט געשריבן אויף פּאַפּיר, וואָס האָט געקלעקט און זיך צעשווומען פֿונעם טינט; וועגן גוטע העפֿטן האָט מען געקאָנט בלויז טרוימען. די שול־לאַבאַראַטאָריעס פֿאַר פֿיזיק, כימיע, ביִאָלאָגיע זײַנען ניט געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט קיין איבעריקער אַפּאַראַטור. און אַפֿילע די קלאַסן, אויב אורטיילן לויט די הײַנטצײַטיקע סטאַנדאַרטן, האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערער קאָמפֿאָרטאַבלקײַט: אַלטע פּאַרטעס, אַ בלאַס־שוואַרצער טאָוול, אויסגעריבענע געאָגראַפֿישע קאַרטעס, אַ באַשיידן בענקל פֿאַרן לערער... און דאָך איז דאָס געווען אַן עמעסער פּאַלאַץ פֿון וויסן. פֿאַר אַ סאַך פֿון אונדז איז די שול געווען טײַערער פֿון דער היים, און די לערער זײַנען געוואָרן נעענטער פֿון די אייגענע עלטערן. אָבער וועגן דעם אַלעמען וועל איך דערציילן אין אַ באַשטימטן סיידער.

ביזן אַכטן קלאַס האָבן די קינדער, וועלכע האָבן געוווינט אויפֿן רעכטן ברעג פֿונעם בוג, זיך געלערנט אין 2 ייִדישע זיבניאָריקע שולן. די זיבעטע זיבניאָריקע שול, וווהין מע האָט אונדז אין 1928 איבערגעגעבן גלײַך פֿונעם קינדער־הויז, האָט פֿאַרנומען ניט קיין גרויס הויז פֿון צוויי שטאָק אויף דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס. די דריטע שול איז געווען אין זאַמאָסטיע; גיין אַהין איז לויט די ווינניצער באַגריפֿן פֿון יענער צײַט געווען ווײַטלעך. נאָר ווער פֿון אונדז האָט דעמלט זיך גערעכנט מיט אַזעלכע קלייניקײַטן. מיר זײַנען געלאָפֿן אין שול, ווי אויף אַ יאָמטעוו. פֿרילינג פֿלעגט דער בוג זיך צעגיסן. די אײַז־קריע פֿלעגט אַמאָל אַראָפּטראָגן איינע פֿון די בריקן, וועלכע האָט פֿאַרבונדן דורך אַן אינדזעלע, וואָס האָט געהייסן „קעמפּע״, זאַמאָסטיע מיטן צענטראַלן טייל פֿון דער שטאָט. ס׳איז שווער צו גלייבן — מיר האָבן געבענקט נאָך די לימודים, נאָך די לערער. ווי נאָר די רויטאַרמייער־סאַפּיאָרן האָבן אײַנגעריכטעט אַ צײַטווײַליק פּאָנטאָן־בריקל, זײַנען די שילער די ערשטע אַריבער אויף יענעם ברעג און געיאָגט אין שול אַרײַן.

מיינט ניט, אַז אין דער דריטער שול איז גרינג געווען זיך צו לערנען, אַז מע האָט זיך געניאַנטשעט מיט ליידיקגייער און פֿויליאַקעס, אַז מע האָט פֿאַרמאַכט די אויגן אויף ברעכן די שול־דיסציפּלין, דעם שול־סיידער. אַפֿילע בלויז דאָס אויסזען פֿונעם פֿאַרוואַלטער פֿונעם לערנטייל, דער שטרענגער מאָנומענטאַלער דאַמע מיט די פּענסנע, וועלכע פֿלעגט אונדז אײַנדערפֿרי באַגעגענען באַם צענטראַלן אַרײַנגאַנג, האָט אַרופֿגעוואָרפֿן אַ פּאַכעד אויף די, וועלכע האָבן ניט געוויסנהאַפֿט צוגעגרייט די לימודים. מיר האָבן געגלייבט אונדזערע לערער און זײַנען געווען זיכער, אַז זיי האָבן אונדז ליב.

לידיאַ יעפֿימאָוונאַ אָזעריאַנסקאַיאַ, אַ קלייניניקע, שטענדיק מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, פֿלעגט אַלע מאָל פֿאַריכטן די קורצע ייִנגלש געשוירענע האָר, האָט אונדז געלערנט די אוקראַיִנישע שפּראַך און ליטעראַטור. זי האָט קיינמאָל ניט געהעכערט די שטים — מיר דוכט, אַז זי האָט ניט געוווסט, וויאַזוי טוט מען דאָס. מיר האָבן זי פֿאַרגעטערט און אייִנצײַטיק שטאַרק פֿאַר איר מוירע געהאַט. גאָט באַהיט אַרײַנפֿאַלן צו איר אין מויל אַרײַן. אָט די פֿלעגמאַטישע שלעפֿעריקע באַשעפֿעניש האָט געקאָנט האַרגענען אויף טויט מיט איר שאַרפֿזין; מיר האָבן זיך שטאַרק געהיט צו ווערן אַן אָביעקט פֿון אירן אַ גראָבלעך־געשמאַקן שפּאַס. זי האָט

אײַנגעפּלאַנצט אין אונדז ליבע צו שעוטשענקאָס און טיטשינעס קלינגעוודיק לשון, צו קאָטליאַרעווסקיס און אָסטאַפּ ווישניעס שאַפונג. די שריפטלעכע אַרבעטן אַף אוקראַיִנישער ליטעראַטור, וועלכע עס האָבן געשריבן די שילער פון דער דריטער ייִדישער שול, פלעגן ניט זעלטן דעמאָנסטרירט ווערן אַף יערלעכע שטאָטישע לערער־קאָנפערענצן.

ערגער איז געווען מיט ראַיִסע יעפימאָוונע דעסנער, וועלכע האָט אונטעריכטעט דײַטש. קיינער האָט זיך ערנסט ניט באַצויגן צו אָט דעם לימעד, אַלע האָבן מיר געמיינט, אַז דײַטש איז אַ מין געפּאַטערט ייִדיש...

די סאַמע קאָלאָריטפולע פיגור צווישן אונדזערע לערער איז געווען דער מאַטעמאַטיקער און פיזיקער לעכטוז, אונדזער קלאַס־אָנפירער. דער כאַווער לעכטוז, ווי מיר פלעגן אים רופן, האָט זיך ניט פאַרלוירן אַפילו אין די סאַמע דראַמאַטישע סיטואַציעס. אים פלעגט זיך אײַנגעבן, פירנדיק דעם לימעד און אויפמערקזאַם שפּירנדיק נאָך אונדז, זיך אײַנצײַטיק געפינען אין אַן אַנדער וועלט. דעריבער איז ניט קיין וווּנדער, וואָס ניט זעלטן פלעגט ער זיך שטאַרק פאַרפּלאָנטערן אין די איקסן, איגרעקן און דזעטן. עס פלעגט טרעפן, אַז דער קרײַד איז שוין אינגאַנצן געווען צעדריבלט, דער גאַנצער טאָוול פאַרשריבן מיט מאַטעמאַטישע צייכנס, און די אויפגאַבע האָט זיך ניט געריכט פונעם אָרט. שוועבנדיק אין די הימלען, האָט לעכטוז ערגעץ דערלאָזט אַ פעלער.

דעמלט פלעגט לעכטוז אַרויסרופן צום טאָוול אַראָן קערפּעלן, אַ ייִנגל מיט אַ גרויסן קאָפּ. פּאַמעלעך, עטוואָס פוילבלעך גייט ער, אַראָן, צום טאָוול פון דער „קאַמטשאַטקע", ווו ער זיצט שטענדיק פאַר שלעכטער אויפירונג. אָפּשלײַדערנדיק אין אַ זײַט די קוטשמע רויטע האָר, ווישט ער שווײַגנדיק אָפּ דעם טאָוול, און טייקעף ווערט אַפן סאַמע פּאַשעטן אויפן געלייזט די פאַרדרייטע אַלגעבראַיִשע אויפגאַבע.

— וואָס זאָגט איר עפּעס, איך בעט אײַך, מאַמעש אַן אַקאַדעמיקער, — זאָגט לעכטוז, און מילד אונטערשטופנדיק אַראָנען אין דער פּלייצע, שיקט ער אים צוריק אָפּ אַף דער „קאַמ־טשאַטקע".

צום באַדויערן, האָב איך אַראָן קערפּעלן אַרויסגעלאָזט פונעם אויג, קיין אַקאַדעמיקער איז ער, ווײַזט אויס, ניט געוואָרן, אָבער פרײַנט האָבן דערציילט, אַז ער איז געוואָרן אַ גוטער ספּעציאַליסט און האָט באַוויזן אַרײַנצוטראָגן אַ היפּשן בײַטראָג אין דער טעכניק.

כאַוועד לעכטוז האָט בײַ אונדז אַלעמען דערצויגן אַכטונג צו מאַטעמאַטיק און פיזיק, אַפילו בײַ די, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו ווערן ליריקער...

דער לערער פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור איז געווען כיטערמאַן. דאָס איז געווען אַ קליין מענטשל, שטענדיק ריין אויסגעגאָלט, עלעגאַנט אָנגעטאָן. ער האָט פאַרמאָגט פאַנ־טאַסטישע אַרבעטספייִקייט, הגם ער איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פופציק. מיר אַלע האָבן אים שטענדיק געפאָלגט, ווײַל מיר האָבן געפילט, אַז דאָס איז אַ פערזענלעכקייט. איך מיין, אַז ער האָט געשריבן און אַמאָל ערגעץ זיך געדרוקט, מיסטאָם אָן אַ באַזונדערן דערפאָלג. וועגן זײַן שעפערישער דערפאַרונג האָט ער אַלנפאַלס ניט גערעדט אַפילו מיט זײַנע באַ־ליבטע שילער.

כיטערמאַנס אויטאָריטעט איז געווען אויסער יעדן צווייפל: ער האָט גוט געקענט זײַן קעגנשטאַנד, איז געווען אַן ענציקלאָפּעדיש געבילדעטער מענטש. אונדזער מוטערשפּראַך ייִדיש האָט ער באַהערשט ווירטואָזיש. צו הערן אים איז געווען אַ פאַרגעניגן. יעדעס וואָרט האָט ער אַרויסגעבראַכט אַזוי, ווי ער זאָל עס פאַרוויקלען אין אַ צעלאָפאַן־זעקעלע. בײַ אים האָבן די ווערטער געגלאַנצט, ווי אָפּגעשליפענע ראַנדן פון קרישטאָל.

ווען איך הער אַמאָל, אַז ייִדיש איז קלוימערשט ניט קיין פאַרפאָלקומטע שפּראַך (וועגן דעם ווערט פון אַזעלכע ריידערײַען, וואָס לעבן נאָך, אַגעוו, ביז הײַנט, האָט ניט לאַנג צוריק אויסגעצייכנט געשריבן דער אויטאָר פון דער מיניאַטור „ייִדיש־לשון" י. שרײַבמאַן אַף די זײַטלעך פונעם מאַרט־נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", 1973), דערמאָן איך זיך כיטערמאַנס לימודים. ייִדיש קאָן קלינגען — און בײַ מײַן אַלטן לערער האָט עס געקלונגען — ווי עכטע מוזיק, אינהאַלטסרײַך, בילדעריש, מעלאָדיש, פאַרביק, ניואַנסנרײַך.

כיטערמאַן האָט דערצו נאָך געהאַט אַ וווּנדערבאַר שיינע האַנטשריפט, און ער האָט בײַ די שילער אײַנגעוואָרצלט ליבע צו קאַליגראַפישער קונסט. ווי אַן עמעסער קינסטלער, האָט ער אַפן טאָוול אויסגעפּוצט יעדן אָס. מײַן פרײַנט אַרקאַדי באָריסאָוויטש בראָנשטיין, אַן עקאָ־נאָמיסט, וואָס האָט געענדיקט אין מאָסקווע דעם פּלעכאַנאָוו־אינסטיטוט פון פאָלקסווירט־שאַפט און האָט זיך אומגעקערט אַהיים קיין ווינניצע, באַהערשט ביז איצט אָט די קאַליגראַ־פישע קונסט, וועלכע ער האָט איבערגענומען בײַ אונדזער לערער.

דעם גרעסטן אײַנדרוק האָט געמאַכט כיטערמאַנס לייענען.

אין יענע צײַטן פלעגט מען אַף די לימודים פון ליטעראַטור אַ סאַך ריידן וועגן שרײַבער אַלס פּראָדוקט פון דער עפּאָכע און פון דער סאָציאַלער סוויווע און גאָר ווייניק אַלס קינסט־לער פון וואָרט. איצט פאַרשטיי איך, אַז אונדזער לערער האָט מיסטאָמע אויוועד געווען אַף אייניקע אָנווײַזונגען פון די שטרענגע מעטאָדיסטן, וועלכע האָבן אַלס קלאַל זיך געהאַלטן בײַ די דאָגמעס פונעם וווּלגאַרן סאָציאָלאָגיזם, און איז פאַרבײַגעגאַנגען אייניקע רעגלאַמענ־

טאַציעס. ער האָט אָבער בעסער, מער פילבאַר אופגענומען דעם גײַסט פון דער עפּאָכע, איך שעפערישן אופבוויזן.

אַרײַנקומענדיק אין קלאַס, פלעגט ער זיך אוועקזעצן אַפן בענקל, אַרויסנעמען פונעם פּאָרטפעל א ביכל און אָנהייבן שטיל לייענען. פון אָנהייב מיט א גלײַכגילטיקער פאַרבלאָזער שטים. ער האָט געקאָנט מיט קאַרגע אויסדריקלעכע מיטלען אופדעקן די טיפקײַט פונעם ווערק. דער קלאַס פלעגט ביסלעכווײַז פאַרהיפּנאָטיזירט ווערן בלויז פונעם לייענען. ווי איך מיין איצט, איז אים נעענטער פון אַנדערע געוועז דער שפּעטער יִיצחק־לייבוש פּערעץ. פון די סאָוועטישע דיכטער איז אים טײַער געווען דאָוויד האָפשטיין.

די ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערס גוטע כאַראַקטערן, פלעגן קומען צו־זיך ערשט נאָכן קלונג. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי־אַזוי ציטערמאַן האָט געלייענט „דאָס פּוילישע ייִנגל”. די דערציילונג פון אונדזער בען־איר לינעצקי האָט, ווי מיר דאַכט, פאַרנומען א צווייטראַנגיק אָרט אין די שול־פּראָגראַמעס אַף ייִדישער ליטעראַטור. נאָך אָט דער טרויעריקער געשיכטע פונעם ייִדישן ייִנגל האָבן מיר, די שטעטלדיקע קינדער פון באַלמעלאָכעס, אָנגעהויבן קוקן מיט אַנדערע אויגן אַף זיך אַליין; ס׳איז גאָר שרעקלעך צו פאָרשטעלן זיך, וואָס האָט אונדז דערוואַרט אין „טכום”, ווען ניט די רעוואָליוציע.

ציטערמאַן האָט צײַטווײַליק געלערנט מיט אונדז אויך די רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור. וועגן דער קוואַליטעט און דעם ניוואָ פון זײַן אונטערריכטן רוסיש און רוסישע ליטעראַטור קאָן מען אורטיילן לויט דעם, וואָס א סאַך פון אונדז האָבן געשריבן קאָמפּליצירטע רוסישע דיקטאַנטן קימאַט אָן גרײַזן. נאָכן פאַרענדיקן די דריטע ייִדישע מיטלשול בין איך אָנגעקומען אַף דער רוסישער אָפּטיילונג פונעם מאָסקווער מעלוכישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף וו. אי. לענינס נאָמען. איך האָב אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס און בין געוואָרן א „קײַלעכ־דיקער” אָטליטשניק, דערין אַף אַזעלכע קעגנשטאַנדן, ווי די הײַנטצײַטיקע רוסישע שפּראַך, סלאַווישע שפּראַכן, דיאַלעקטאָלאָגיע.

ציטערמאַן האָט פאַר אונדז אופגעדעקט די וועלט פון פּושקינס אידייען און געשטאַלטן. דאָס לאַנד האָט דעמלט אָפּגעמערקט הונדערט יאָר, זינט עס איז אומגעקומען דער גרויסער רוסישער נאַציאָנאַלער גאָען. צו אָט דער דאַטע האָבן מיר, אין אונדזער ייִדישער שול, זיך געגרייט מיט גרויס ליבע. מיר האָבן אינסצענירט „דאָס מײַסעלע וועגן דעם קייסער סאַלטאַן”. איך האָב געשפּילט די ראָל פונעם פירשט גווידאָן.

אין שטאָט האָט מען דורכגעפירט א קאָסטיומירטן פּושקינישן באַלמאַסקאַראַד. אין אַמאָליקן זיידעשן לאַפּסערדאַק און אין ווײַסע הענטשקעס, וואָס די באָבע האָט געהאַלטן אין נאַפטאַלין נאָך פון איר כאַסענע אָן, האָב איך פאָרגעשטעלט אַלעקסאַנדער סערגייעוויטשן אַליין. אַפן וועג צום טעאַטער, אין וואַגאָן פון א מיניאַטורן בעלגישן טראַמווײַ, וואָס האָט דעמלט קורסירט בלויז איבער איין וויניצער גאַס, האָבן די פּאַסאַזשירן מיר געמאַכט אַן אָוואַציע. אין יענער צײַט האָב איך געהאַט א שיינע קוטשעראַווע שעוועליורע, א טונקל פּאָנעם און כ׳האָב געקוקט אַף דער וועלט מיט ברייט צעעפנטע אויגן. מײַן פרייד האָט צעשטערט בלויז די לינקע באַקנבאַרד — מע האָט זי שלעכט צוגעקלעפּט און ס׳איז געווען א סקאַנדאַל, אַז אָט־אָט פאַלט זי אַראָפּ. דעם גאַנצן אָוונט האָב איך מוירע געהאַט א ריר טאָן מיט דער באַק. מײַנע פרײַנט פון דער שול האָבן זיך אָנגעטאָן ווער ווי־אַזוי ס׳האָט געקאָנט. עס זײַנען געווען אָניעגינס און טאַטיאַנעס, דובראָווסקיס און גערמאַנס, איוואַן פּעטראָוויטש בעלקין און די ניאַניע אירינאַ ראָדיאָנאָוונאַ.

אין דער פּיאָנערישער צײַטונג „זײַ גרייט” האָט מען געדרוקט מײַנע לידער וועגן פּושקינען, וועלכע עס האָט אָפּגעמערקט אין איבערזיכט פון דער יוביל־ליטעראַטור דער דיכטער ה. בלאָשטיין. די לידער זײַנען נאַיִווע, אָבער אופריכטיקע:

שוין הונדערט יאָר עס איז פאַרגאַנגען,
פון זינט דו האָסט פאַרלאָזט די וועלט,
נאָר מיט די פלאַמיקע געזאַנגען
האָסטו די גאַנצע צײַט געהעלט.

שוין הונדערט יאָר עס איז פאָריבער,
פון זינט דו ביסט געפאַלן טויט,
נאָר וואָס א יאָר דו ווערסט אונדז ליבער,
באַליבט אין לאַנד, וואָס וואַקסט און בויט.

ציטערמאַנס צוויי שילער — מוישע פּענס און איך — זײַנען אין דעם זעלבן 1937 יאָר געוואָרן לאַורעאַטן, ווי מע זאָגט איצט, פונעם אַלוקראַיִנישן קאָנקורס פון יונגע ליטעראַטן.

די דריטע שול! וועגן איר וואָלט מען געקאָנט דערציילן אָן א סאָף. נאָר ווי־אַזוי דערמאָנט מען ניט אונדזער דירעקטאָר אַבראַם איליטש יעווניןֹ? ער האָט אונטערריכט כימיע אין די עלטערע קלאַסן. א סאַך זאַכן פאַרגעסן זיך, ווערן אויסגעמעקט פונעם זיקאָרן — דאַטעס,

פּאַרמולעס, קלאָלים... אָבער וועקט אונדז אויף אינמיטן נאַכט, און מיר, יעווגינס שילער, וועלן האַלב־אויטאָמאַטיש אָנשרײַבן די קאָמפּליצירטסטע אָרגאַנישע פֿאַרבינדונגען. צווישן אונדז, מעגט איר מיר גלייבן, וועט איר קיין שיכורים ניט געפֿינען, אָבער מיר געדענקען פֿעסט די פֿאָרמולע פֿון ספּירט: C_2H_5OH

ער האָט גערעדט גיך, אײַלנדיק און פֿאַרכלינענדיק זיך, געשלונגען באַזונדערע טראָפּן, אַמאָל אויך גאַנצע ווערטער, מיר האָבן אים גערופֿן «Борьба за существование».

דאָס איז געווען זײַן באַליבטער אויסדרוק אויף די לימודים פֿון דאַרוויניזם, וועלכע ער האָט געפֿירט אין נײַנטן קלאַס. די עלטערן האָבן אים אָפּגעגעבן קאָוועד פֿאַר זײַן פּרינציפּיעלקייט און אינטעליגענטקייט.

הינדלעך, זאָגט דאָס רוסישע ווערטל, ציילט מען אין האַרבסט. די שילער פֿון דער דריי־טער שול האָבן זיך געלערנט אין די בעסטע אינסטיטוטן פֿון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו. אַ סאַך פֿון זיי האָבן אוועקגעלייגט זייערע קעפּ אין די יאָרן פֿון דער מילכאָמע, קעמפֿנדיק אויף אַלע פֿראָנטן — ווי סאָלדאַטן, אָפֿיצערן, זיי זײַנען געווען מיליטערישע דאָקטוירים, קאָ־מענדאַנטן פֿון גרויסע אײַזנבאַן־סטאַנציעס און ראַטגעבער אין די אַרמייען פֿון אונדזערע פֿאַר־בינדעטע. דאָס לעבן, ווי געוויינלעך, האָט אונדז צעוואָרפֿן איבער אַלע קאַנטן פֿון אונדזער אומענדלעכן היימלאַנד. און ווו מיר זאָלן ניט זײַן און ווער מיר זאָלן ניט זײַן, טראָגט יעדע־רער פֿון אונדז אַרײַן זײַן צושטײַער אין דער בויונג פֿון דער נײַער וועלט. מײַנע מיטשילער אַרבעטן איצט אין די מאָסקווער וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישע אינסטיטוטן, אין מעלוכישע אַנ־שטאַלטן, אויף די גרעסטע אונטערנעמונגען, אַזעלכע, ווי לוואָווער טעלעוויזיע־זאַוואָד און גאָר־קער אויטאָזאַוואָד, אין טעכניקומס און מיטלשולן...

איך שטאָלציר דערמיט, וואָס איך האָב געענדיקט די דריטע ייִדישע מוסטער־מיטלשול. איך האָב אָנגעשריבן און פּובליקירט אַ גרויסע מאָנאָגראַפֿיע, עטלעכע ביכער און בראָשורן, הונדערטער אַרטיקלען. אָבער עס ווילט זיך גלייבן, אַז מײַן „הויפּט־בוך" וועט ערשט געשאַפֿן ווערן. און אָט דאָס הויפּט־בוך מײַנס וועט זײַן געשענקט דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון מײַנע לערער, די ייִדישע, אוקראַיִנישע, רוסישע, די סאָוועטישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן דעמאָלט, אין די דרײַסיקער יאָרן, אָפּגעגעבן אונדז ניט בלויז זייער וויסן, נאָר אויך די וואָ־רעמקייט פֿון די הערצער.

צופֿוסנס פֿונעם אָלימפּ

ווען איך האָב אין 1968 יאָר געהאַלטן אין דער האַנט מײַן בוך „די רוסישע ליטעראַטור און די סאָוועטישע קינאָ", וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט פֿרישער טיפּאָגראַפֿישער פֿאַרב, בין איך, נאַטירלעך, געווען אויפֿגערודערט. אָט דאָס געפֿיל איז באַקאַנט קימאַט יעדן אויטאָר. נאָר, אָפֿן גערעדט, אַפֿילו דאָס דערשײַנען פֿון מײַן מאָנאָגראַפֿיע, וועלכע האַלט 432 זײַטן, איבער וועלכער איך האָב געאַרבעט קנאַפּע פֿינף יאָר, און וועלכע אַנטפּלעקט, לויט דער מיי־נונג פֿון ספּעציאַליסטן, עפּעס נײַס אין געביט פֿון ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט און קונסטקענטע־ניש, אַפֿילו אָט דאָס בוך, וואָס האָט מיר געבראַכט דעם טיטל דאָקטאָר פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן, האָט מיך ווייניקער איבעראַשט, ווי מײַן נאָטיץ אין דער פּיאָנערישער צײַטונג „זײַ גרייט", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין האַרבסט 1934 יאָר. איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אָפּגעדרוקט מײַן נאָמען, און דאָס איז געווען ניט קיין כאָלעם!

אין דער נאָטיץ פֿונעם יונקאָר א. גוראַלניק האָט זיך גערעדט וועגן אונדזער זעקסטן קלאַס, וועלכער האָט צונויפֿגעזאַמלט עטלעכע רובל צוהילף די קינדער פֿון די אַנטיפֿאַשיסטן אין עסטרײַך. דער אויטאָר איז דעמאָלט אַלט געווען קוים דרײַצן יאָר. זײַן אויטאָריטעט איז טייקעף אויסגעוואַקסן. מיידלעך האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט אינטערעס. איינע האָט אַפֿילו צוגעשיקט אַ צעטעלע מיט אַזאַ מין פֿאַרשיפֿרירטן טעקסט, וועלכן איך האָב דעמאָלט נאָך ניט געקאָנט פֿאַרשטיין. אַפֿילו דער לערער פֿון געשיכטע, וועלכער האָט זיך ניט אויס־געצייכנט מיט איבעריקער ליבלעכקייט, האָט צו מיר פֿרײַנטלעך אַ שמייכל געטאָן. די פּיאָנער־וואָזשאַטע פֿון דער שול, אַ לײַכט־שוועבנדיק אַכצניאָריק ווײַסהאָריק מיידל מיט פֿולע רויטע באַקן, האָט גלײַך אַרויסגערוקט מײַן קאַנדידאַטור אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער וואַנטצײַ־טונג. פֿון דעמאָלט אָן, אַגעוו, גייט מיר אין דעם געביט ניט שלעכט: אין שול, אין אינסטיטוט, אין דער אַרמיי, און נאָך דער מילכאָמע — ביז ערשטן אינפֿאַרקט — האָב איך רעדאַגירט און אַרויסגעלאָזט וואַנטצײַטונגען, קריגסבלעטלעך, ביולעטענען. און אויך איצט פֿיר איך, בעסאַד, דעם הומאָריסטישן אָפּטייל פֿון דער אינסטיטוטישער צײַטונג „פֿאַר אַ פֿאָרגעשריטע־נער וויסנשאַפֿט".

פֿון דעמאָלט אָן זײַנען שוין אוועק באַ פֿערציק יאָר. עס זײַנען אַדורך די סטודענטישע יאָרן, די אַרמיי, דער אינסטיטוט פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, ווו איך אַרבעט שוין זיבן און צוואַנציק יאָר. מײַנע ליטעראַטור־היסטאָרישע פֿאָרשונגען דערשײַנען אין סאָלידע אַקאַדע־

מישע אויסגאַבעס, אַזעלכע, לעמאָשל, ווי „די געשיכטע פון דער רוסישער קריטיק", „דאָסטאָ־יעווסקי אַלס קינסטלער און דענקער", „דער אידעאָלאָגישער קאַמף און די הײַנטצײַטיקע קולטור". אָבער פון יענעם טאָג אָן, ווען איך האָב מיט ציטערנדיקע הענט געהאַלטן די קינדער־צײַטונג „זײַ גרייט" מיט מײַן מיני־נאָטיץ, האָב איך שוין זיך געהאַלטן פאַר אַן עכטן זשורנאַליסט. מײַנע געטער נאָך אין די שול־יאָרן זײַנען געוואָרן די באַוווּסטע שרײַבער און פובליציסטן עגאָן ערווין קיש, דזשאָן ריד, איליאַ ערענבורג און מיכאַיִל קאָלצאָוו. מײַן באַגײַסטערונג פאַר די גרויסע זשורנאַליסטן פון אונדזער צײַט האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דעם מאָנאָגראַפישן קאַפּיטל וועגן קאָלצאָוון, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין צוויי אופלאַגעס פון דער ערשטער אַקאַדעמישער „געשיכטע פון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור".

קיין פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט בין איך ניט געוואָרן, כ'האָב זיך פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. כ'האָב אָבער אויך זיך ניט אָפּגעזאָגט פון צײַטונגס־אַרבעט. טעג און נעכט האָב איך פאַרבראַכט אין דער אינסטיטוטישער פילטיראַזשקע „פּעדוווזאָוועץ". אַף דער מילכאָמע, זײַענדיק אַן אָפיצער, האָב איך אויסגעזוכט צײַט צו שרײַבן און דרוקן אין די אַרמייִשע צײַטונגען נאָטיצן, רעצענזיעס, אַפילו סאַטירישע דערציילונגען קעגן פאַשיזם. נאָך דער מילכאָמע האָב איך געלערנט אין אַספּיראַנטור און מיטגעאַרבעט אין „ליטעראַטור־נאַיאַ גאַזעטאַ", אין „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ", „טרוד", „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ". דורך „סאָווינפאָרמביוראָ" און „אַפּנ" בין איך אַרויסגעטראָטן אין דער דעמאָקראַטישער פּרעסע פון אייניקע אייראָפּעיִשע לענדער און אין דער פּרעסע פון קאָרייע, וויעטנאַם, אינדיע, פּאַקיסטאַן, אינדאָנעזיע, בירמע.

אָבער דער אָנהייב איז פאָרט געווען מײַן קלייניניקע נאָטיץ אין „זײַ גרייט".

ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק זײַנען לײַבלעכע שוועסטער. בײַ אונדז אין דער דריטער שול האָבן די קינדער אַ סאַך געליינט, און לידער האָבן געשריבן, דאַכט זיך, אַלע. קיין איין פײַערלעכער אָוונט, קיין איין פאַרזאַמלונג פון דער פּיִאָנער־מאַכנע איז ניט דורכגעפירט געוואָרן אָן לידער, געווידמעט דער געהעריקער דאַטע. מע האָט דעקלאַמירט אויך די ווערק פון די גרויסע ייִדישע דיכטער אָשער שוואַרצמאַן, דאָוויד האָפשטיין, איציק פעפער, איזי כאַריק, פּערעץ מאַרקיש און אַנדערע אָנערקענטע אויטאָרס. אָבער ווי האָט מען זיך געקאָנט באַגיין אָן „אייגענער שאַפונג", אָן סאַטירישע אָפּקלאַנגען אַף אַקטועלע טאָג־פראַגן, אַף די שטורמישע געשעענישן פונעם שול־לעבן?

מיט דער צײַט האָבן זיך בעשאָלעם אויסגעהיילט פון גראַמען־מאַכערײַ מײַנע יוגנט־פרײַנט. זיי האָבן אָבער אײַנגעהיט די ליבע צו עכטער דיכטונג. די דאָזיקע ליבע האָבן בײַ אונדז דערוועקט און אַנטוויקלט די קלוגע לערער.

צופוסנס פונעם אַלימפּ האָבן לענגער זיך פאַרהאַלטן צוויי פון אונדזער שול — מײַן כאַווער מוישע פענס און דער אויטאָר פון אָט די מעמואַרישע נאָטיצן. וועגן מוישען, וועלכער איז ביז איצט געבליבן טרײַ דער מוזע, וועל איך דערציילן ווײַטער, ער האָט דאָס ערלעך פאַרדינט. איך, ווי איר שטויסט זיך אָן, בין קיין פּאָעט ניט געוואָרן. פונדעסטוועגן, מיין איך, לוינט צו דערציילן וועגן איינעם אַן עפּיזאָד פון מײַן „פּאָעטישער ביִאָגראַפיע".

ווי באַוווּסט, איז אין 1934 דערטרונקען געוואָרן אין דער אַרקטיק די סאָוועטישע שיף „טשעליוסקין". די העלדישע עפּאָפּיי פון דער עקספּעדיציע בעראָש מיטן אַקאַדעמיקער אָטאָ שמידט האָט אופגעטרייסלט די גאַנצע וועלט. וועגן די פּליִערס — די ערשטע העלדן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, — וועלכע האָבן געראַטעוועט דעם „טשעליוסקין"־עקיפּאַזש, האָט מען אומעטום גערעדט און געשריבן. פאַרשטייט זיך, אויך מיר, שילער, האָבן אין יענע טעג גערעדט און געטראַכט וועגן דעם אופּטו פון די טשעליוסקינצעס און זייערע רעטער. צי דאַרף מען זיך וווּנדערן, וואָס מיך האָט באַזוכט די מוזע און האָט מיך באַגײַסטערט צו שאַפן ניט קיין לידער, נאָר אַ גאַנץ גרויסע עפּישע פּאָעמע?

דער פאַרטראַכט איז געווען אַ גראַנדיִעזער: עס האָט געזאָלט באַשריבן ווערן די געשיכטע פון באַהערשן די אַרקטיק, אירע פאָרשער בערינג, דעזשנעוו, נאָרדענשעלד, נאַנסען, סעדאָוו, אַמונדסען. איך האָב געהאַט בעדייע צו וואַרפן אַ בליק אין דער צוקונפט, ווען דער גרויסער צאָפנדיקער וועג וועט זײַן אַ מין נעווסקי פּראָספּעקט און אַף אים וועלן אַ גאַנץ יאָר קורסירן אין דער באַגלייטונג פון מעכטיקע אײַז־שפּאַלטערס פּראַכט־ און פּאַסאַזשיר־לײַנערס.

צו דרײַצן־פערצן יאָר אַרבעט די פאַנטאַזיע גאַנץ אינטענסיוו, און זיכערקײַט אין די אייגענע שעפערישע מעגלעכקײַטן דאַרף מען אין ערגעץ ניט זוכן און בײַ קיינעם ניט אַנטלײַען.

איך האָב זיך גענומען צו דער פּאָעמע, פּונקט ווי איצט צו אָט די זיכרוינעס. איך האָב אופגעהערט גרייטן די לימודים, גיין אַף די זיצונגען פון די קרײַזלעך אין פּיִאָנערן־פּאַלאַץ, אַפילע ניט באַזוכט קיין קינאָ.

ווי אַזוי ס'איז געגאַנגען דער „שעפערישער פּראָצעס", — געדענק איך ניט. מיר האָבן דעמאָלט געלעבט אין אַ טיפן קעלער פון אַ דרײַגאָרנדיק הויז. ווינטער איז דאָרט געווען גאַנץ

טונקל. עס איז מיר אויסגעקומען ארופצוקריכן ביז דער הויכער פענצטער־ברעט און, ארונ־טערנעמענדיק אונטער זיך די פיס אפן טערקישן אויפן, גיך שרייבן די שורעס, וועלכע האָבן זיך געריסן פון די טיפעניש פון דער נעשאָמע, ווי צעגליטע מאגמע פון אַן אופגע־וואכטן ווולקאַן.

ווי געוויינלעך, האָב איך געלייענט מײַן פּאָעמע פריִער פאַר אלעמען דער באַבע ראָכל. פאַרלאָזן זיך אף איר איז אָבער געווען געפערלעך: זי איז שיר ניט פונעם ערשטן טאָג פון מײַן געבוירן פעסט געווען איבערצײַגט אין דער סופער־געוויינעס פון איר אייניקל. דעריבער האָב איך זיך געווענדט צו רוועלע נירענבערג. ער איז געווען מײַן וויסאריאָן בעלינסקי און פאריינס — דמיטרי פיסאַרעוו. אָט דער כעוורעמאַן האָט פאַרמאָגט ניט בלויז ניכטערקײַט פון געדאנק און שאַרפקײַט פון וואָרט, נאָר אויך א דינעם און פײַנעם געשמאַק. דאָס האָט זיך געפילט אין אלץ — אין דער עלעגאַנטקײַט, מיט וועלכער ער האָט געטראָגן דאָס פאַר־וואשן העמדל, אין דעם גראַציעזן גאַנג, אין דער סינע צו באַנאַליטעט (דער סטודענט פונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט ר. נירענבערג איז אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע אוועק אפן פראָנט און איז אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַר לענינגראַד).

אָנגעשריבן א דרײַ הונדערט שורעס, בין איך אוועק צו רוועלען. ער האָט געוווינט לעבן וואָקזאַל, א קילאָמעטער פינף פון אונדז. דער וועג האָט זיך אויסגעשפּרייט לענגויס דעם בולוואַר. איך האָב פון צײַט צו צײַט זיך צוגעזעצט אף א באַנק און פיבערהאַפּט פאַריכט די גראַמען, איבערגעשטעלט די סטראָפעס, אפילע צוגעשריבן שטיקלעך טעקסט.

רוווען האָט אופגענומען מײַן פּאָעטישע באַשעפעניש גאַנץ פּאָזיטיוו. נישקאָשע, — האָט ער געזאָגט, — מע דרוקט ערגערע זאכן. אָבער אײַלן זיך מיטן פאַרעפנטלעכן די פּאָעמע איז ניט קעדײַ. עמעסע שרײַבער און דיכטער באַהאַלטן זייערע קסאוויאַדן אין אײַזערנע קאסטנס, זיי זאָלן זיך דאָרט אויסליגן...

רוווענען האָב איך געגלייבט, אָבער אוועקלייגן מײַן ווערק אין אַן אײַזערנעם קאסטן איז געווען איבער מײַנע קויכעס. וועגן דרוקן איז קיין רייד ניט געגאַנגען, נאָר דעם ערשטן טייל פון דער פּאָעמע וועגן „טשעליוסקינען" האָב איך געלייענט מיט דערפּאָלג מײַנע קרויווים און באַקאַנטע, פּיאַנערן און שילער, אפילע אינגאַנצן פרעמדע מענטשן, אויב נאָר בא זיי האָט געקלעקט געדולד מיך אויסצוהערן.

דערנאָך זײַנען אוועק וואָכעדיקע טעג. דאָס העפטל מיט דער ניטפאַרענדיקטער פּאָעמע איז פאַריאָסעמט געלעגן אפן אלטן בײַכיקן קאָמאָד, און קיינער וואָלט מיסטאם אין דעם זיך ניט דערמאָנט, ווען אין א יאָר אַנדערהאַלבן ארום זאָלן צו אונדז קיין וויניצע ניט געווען אראָפּגעקומען א בעקאַוועדיקע גרופּע יידישע שרײַבער פון קיִעוו. דער רעדאקטאָר פון „זײַ גרייט" איציק גרינזײַד, מיט וועלכן איך אלס יונקאָר האָב זיך איבערגעשריבן, איז אויך געקומען מיט אָט דער גרופּע און טאַקע ער האָט מיר געראַטן זיך פאָרשטעלן מיט מײַן שאַפונג פאַר לייב קוויטקאָ און ליפע רעזניק. אפגיך צונויפגענומען אלע מײַנע פּאַפּירן און דאָס אלטע העפטל מיט דער פּאָעמע, האָב איך אין איינעם א פרימאָרגן זיך באַוויזן פאַר זייערע אויגן.

אָט דער עפּיזאָד איז אין מײַן זיקאָרן פאַרבליבן ווי פאַרדעקט מיט א לײַכט רויכל. מע דאַרף פאַרשטיין דעם צושטאַנד פון א פּופּצניאַריק באַכערל, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אויג אף אויג זיך געטראָפן מיט לעבעדיקע דיכטער. און מיט וועלכע! עס איז פאָרגעקומען, ווי עס האָבן ליב צו זאָגן אייניקע מײַנע געלערנטע קאָלעגן, „א מאַטעריאַלי־זאציע פון טרוים". אין זיקאָרן האָבן זיך ווי פאַרקריצט באַזונדערע קינאָ־קאַדרען.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען גאַנצפרי. קוויטקאָ און רעזניק האָבן זיך נאָרוואָס אופ־געכאַפּט און זײַנען נאָך געלעגן יעדערער אף זײַן סקריפּענדיקן אלטן דיוואַן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ניט אינעם האָטעל „סאַוואָי", נאָר אין דעם דירעקציע־הויז פונעם מעמאָריאַל־מוזיי אף מ. קאָציובינסקיס נאָמען.

קוויטקאָן האָב איך געזען אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ליפע רעזניקן האָב איך מער ניט באַגעגנט. ער האָט אין מײַנע אויגן אויסגעזען ווי א גרויסער מאַנצבל מיט א שטאָלצן לייבן־קאָפּ און מיט א דונערדיקער שטים. און עפּשער האָט זיך מיר בלויז אזוי געדאכט. קוויטקאָ האָט די גאנצע צײַט געשוויגן. ביידע זײַנען האַלב געלעגן, ווען איך בין ארײַנ־געקומען אין צימער.

רעזניק האָט מיך עפּעס געפרעגט, איך האָב געענטפערט, אָבער וואָס געדענק איך ניט, נאָר, ווײַזט אויס, וועגן מײַנע לידער. אז איך האָב אים געגעבן מײַנע קסאָווים, דערין דאָס העפט מיט דער פּאָעמע, האָט ער זיך עפּעס א קנייטש געטאָן.

— וואָס איז דאָס בא דיר דאָרט, אין די העפטן? — האָט ער מיך א פרעג געטאָן.

— א פּאָעמע...

— ווי געפעלט ער אײַך? — האָט רעזניק זיך א קער געטאָן צו קוויטקאָן. — א פּאָעמע! א האָר ניט וויינעקער.

ער האָט א שמייכל געטאָן און ליבלעך מיר געזאָגט:

— מיינסט, ס'איז גרינג צו הערן פּאָעמעס פאַרן עסן?

דעם עמעס געזאָגט, בין איך אין אָט דעם „פײַערלעכן מאָמענט" ניט געווען אופגעלייגט צו שפּאַסן. רעזניק האָט אָבער מיט א ברייטן זשעסט מיר פאָרגעלייגט זיך צוזעצן צו אים אפן ראַנד פונעם דיוואַן. און ווײַטער האָט געטראָפן אזוינס, וואָס אפילע מײַן באָבע ראָכל האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן: צוויי גרויסע ייִדישע דיכטער האָבן מיט עכטן אינטערעס געהערט די „פּאָעמע", וועלכע עס האָט אָנגעשריבן א נאַיווער דרײַצניאָריקער שילער:

ברייט צעוואקסן ליגט די ארקטיק — קיינע וואסער,
פון דעם פּאָליוס ביז סיביר, — קיינע שפּײַז.
פון דעם פּאָליוס ביז אליאסקע — שווארצע יאַם־פערד,
קילאָמעטער אָן א שיר. — ווײַסע בערן.
אײַז און אײַז — ווײַטע ערד
און שניי און אײַז — און ווײַטע שטערן...

איך האָב געלייענט אָף אויסווייניק און מיט א זײַטיקן קוק אָנגעשטרענגט נאָכגעשפּירט נאָך רעזניקס אויסדרוק אָפן פּאָנעם. קוויטקאָ איז געלעגן אָף זײַן דיוואַן מיט האַלב־צוגע־מאַכטע אויגן. ליפע רעזניק האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע און אופמערקזאַם מיך באַטראַכט. ווען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אָף איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט ער א זאָג געטאָן:

— ווײַטער!

און איך האָב איבערגעלייענט אלע דרײַ הונדערט אָדער דרײַ הונדערט פופציק שורעס. דאָס העפט איז פארפאַלן געוואָרן, ווען מײַנע קרויווים זײַנען אוועק פון ווינניצע מיט די טײַלן פון דער רויטער ארמיי. דעמלט איז אויך פארפאַלן געוואָרן מײַן „ארכיוו" פון די שול־יאָרן. מער פון אלץ זײַנען מיר טײַער געווען די אויסשניטן פון די ייִדישע און אוקראַי־נישע צײַטונגען מיט מײַנע פריִע פּובליקאַציעס.

רעזניק און קוויטקאָ זײַנען אוועקגעפאָרן. איך בין אריבער אין נײַנטן קלאַס. די פּאָעטן האָבן, ווי־זט אויס, אין מיר זיך דערמאָנט אין א יאָר ארום. איך מיין, אז לויט זייער רעק־אָמענדאַציע בין איך אין 1937 ארויסגערופן געוואָרן אין פּאָלקאָמבילד פון אוקראַיִנע קיין קיִעוו אָף אָנטיילצונעמען אין רעפּובליקאַנישן קאָנקורס פון יונגע ליטעראַטן אין צוזאַמענהאַנג מיטן הונדערטסטן יאָרטאָג פון א. ס. פּושקינס אומקום. צוזאַמען מיט מיר זײַנען קיין קיִעוו געפאָרן סאָניע זשאַווטיס פון דער נײַנטער שול און מײַן שול־כאַווער מוישע פּענס. אלעק־סאַנדער לאַזאַרעוויטש זשאַווטיס איז איצט א מיטגליד פונעם שרײַבער־פארבאַנד פון פססר, א דאָצענט, א ליטעראַטור־קענער, דער אוטאָר פונעם לערנבוך איבער אַלטרוסישער ליטעראַטור און איבערזעצער פון קאַריייִש און אַנדערע מיזרעך־שפּראַכן. וואָס איז שײַעך מוישע פּענס, פאַרדינט ער א באַזונדער קאַפּיטל.

מײַן כאַווער מוישע

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל געזאָגט, אז די וועלט באַשטייען טשודאַקעס.

די כעוורע דאַן־קיכאָטן איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסע אין דער צאָל, נאָר זי האָט קיינמאָל ניט אויסגעפּעלט, אַנדערש וואָלט די וועלט געווען אָרעמער, אייַנפאַרביקער. קאָן זײַן, איך אידעאַליזיר מײַן ייִנגערן שול־כאַווער מוישע פּענס. ער איז שוין גאָר ניט געווען אזוי הילפלאָז, שלימאַזלדיק, אומפּראַקטיש, ווי עס קאָן זיך דאַכטן. ס'איז אָבער אין אָט דעם מענטשן פאַראַן עפּעס אזוינס, וואָס דערמאָנט דעם באַרימטן העלד פון סערוואַנטעסן אָדער נאָך מער — דעם קאָרעוו פונעם שפּאַנישן אידאַלגאָ ביניאַמינען — אונדזער מענדעלע מויכער־ספאָרימס טרוימער.

אָנהייבן וועל איך פונעם סאָף. אָט ליגט פאַר מיר א דינע לידער־זאַמלונג „די שײַן פון וונדערלעכער פרײַנטשאַפט", ארויסגעגעבן מיט א יאָר דרײַ צוריק אין מאַכאַטשקאַלאַ — דער הויפּטשטאָט פון דאַגעסטאַנער אוטאָנאָמער ראַטן־רעפּובליק. גאָר ניט לאַנג צוריק האָב איך פון דאָרטן טאַקע באַקומען א נומער פון דער אינסטיטוטישער צײַטונג פון 14 פעוראַל 1973 יאָר. דאָס ליטעראַרישע זײַטל פון דעם נומער איז אינגאַנצן געווידמעט דער שאַפונג פונעם לערער פון דער קאַטעדרע פון פּעדאַגאָגיק און פּסיכאָלאָגיע אין דאַגעסטאַנער מעלו־כישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט מיכאַיל מאַטוויייעוויטש פּענס. דאָ זײַנען אָפּגעדרוקט זײַנע לידער „פון לירישן העפט" — „א בושעל־נאַכט", „דער דעמב", „היימלאַנד" און אַנדערע. לידער ווי לידער — פאַראַן בעסערע און ערגערע. אָבער הינטער יעדער שורע, א ביז גאָר אופריכטיקער, הינטער יעדן בילד, אַמאָל א ביסל א צוגעפּוצטס, זעט מען דעם אוטאָר. דאָס

איז אַ מענטש מיט אַן אָריגינעלן כאַראַקטער, מיט אַ זעלטן אייגנאַרטיקן וועלט־באַנעם און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ביאָגראַפיע.

ער איז געווען אַף צוויי קלאַסן ייִנגער פון מיר. ניט קיין הויכער אין וווקס, אַ ברייט־פּלייציקער, האָט מוישע קיינמאָל ניט געמאַכט קיין אײַנדרוק פון אַ קראַנק קינד, האַגאַם ער איז פון געבוירן אָן געווען קימאַט אַ האַלבער אינוואַליד — אַפילע איצט הינקט ער אונטער. ער איז געוואַקסן אין אַ גרויסער מישפּאָכע מיט אַ סאַך קינדער, די קראַנקע מוטער האָט ניט געאַרבעט; דער איינציקער פאַרדינער איז געווען דער פאָטער, אַ קרישטאָל־ריינער מענטש, נאָר אַ שלימאַזל. ער איז געווען אַן ערשטראַנגיקער ספּעציאַליסט אַף פּרוקט־וואַסער, האָט שטענדיק זיך אַרומגעטראָגן מיט אָריגינעלע רעצעפּטן פון לימאַנאַדן. און די קינדער האָבן געטרוימט וועגן אַ גלאָז מילך.

מוישע איז אַן עכטער פּאָעט. און ניט בלויז דערמיט, וואָס ער שרײַבט לידער. מע קאָן שרײַבן לידער און ניט זײַן קיין פּאָעט. מוישע האָט געזען די וועלט, ווי אַ דיכטער. ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער און אַן אָפּטימיסט.

איך בין געווען עלטער פון אים, זיך שוין „געדרוקט". טאַקע דערפאַר, ווײַזט אויס, האָט מוישע זיך געהאַלטן לעבן מיר. פאַרענדיקט, ווי איך, די מיטלשול אַף אויסגעצייכנט מיט צוויי יאָר נאָך מיר, איז ער טייקעף געקומען קיין מאָסקווע און געוואָרן אַ סטודענט אין דעם זעלבן אינסטיטוט און אַף דעם זעלבן פאַקולטעט, וווּ איך האָב געלערנט. ער האָט שוין דעמלט אָפּגעדרוקט עטלעכע פײַנע לידער. די ערשטע ליד זײַנע איז, דאַכט זיך, געדרוקט געווען אין דער זאַמלונג „קינדער־שאַפונג", וועלכע עס האָבן צונויפגעשטעלט קוויטקאָ און גרינזײַד. די קיִעווער צײַטונג „דער שטערן" האָט צום נײַעם 1940 יאָר פּובליקירט מײַנע מיט מוישעס אַ מײַסעלע „צוגאַסט באַם דיעד־מאָראָז".

בייס דער מילכאָמע האָבן מיר פאַרלאָרן איינער דעם צווייטן. פון דער אַרמיי האָב איך זיך אומגעקערט ערשט אין 1946. דאָס ערשטע מאָל האָט פּענס געלאָזט הערן וועגן זיך אין 1956, — אין דער אַלפאַרבאַנדישער ראַדיאָ האָט מען איבערגעגעבן מײַנעם אַ שמועס וועגן פּלעכאַנאָוון. פונעם ווײַטן דאַגעסטאַנישן אַאול אַקושאַ האָט פּענס זיך געווענדט אין ראַדיאָ־קאָמיטעט מיט אַ באַקאָשע, מע זאָל אים שיקן מײַן אַדרעס. פון דעמלט אָן האָבן זיך באַנײַט אונדזערע פאַרבינדונגען.

אין די באַהויכטע מיט ראָמאַנטישע לעגענדעס קאַווקאַזער באַרג־יִישוּווים האָט מוישע געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער פונעם לערנטייל אין אַ מיטלשול, ער האָט געלערנט די רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור אַווארישע, קומיקישע, דאַרגינישע קינדער פופצן יאָר נאָכאַנאַנד. די מילכאָמע האָט אים געשטערט צו פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט אין מאָסקווע. נאָך לאַנגע אויסקומענישן, צאָרעס, אומדערמידלעכן זוכן די פאַמיליע, וואָס איז צעוואָרפן געוואָרן אין די יאָרן פון דער מילכאָמע, האָט ער זיך באַזעצט אין צאָפן־קאַווקאַז. געענדיקט דעם פּיאַטיגאָרסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. באַקומען אַ דיפּלאָם פון אַ פּאָלקסלערער און האָט געבעטן, מע זאָל אים שיקן אַרבעטן אַפן שווערסטן באַצירק.

פונעם אַאול האָט מען אים אין פופצן יאָר אַרום אַרויסגערופן אין דער הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק. דאָרט זײַנען שוין באַוווּסט געווען זײַנע אַרטיקלען וועגן אונטעריכטן די רוסישע שפּראַך און די רוסישע ליטעראַטור אין ניט רוסישע נאַציאָנאַלע שולן. ער האָט די גאַנצע צײַט געשריבן לידער אַף ייִדיש און אַף רוסיש. אייניקע לידער האָט ער פּובליקירט אונטערן פּסעוודאָנים מיכאיל אַקושינסקי. איצט אונטעריכט ער אין אינסטיטוט, שרײַבט אַ דיסערטאַציע וועגן דער ראָליע פון קינסטלערישער ליטעראַטור אינעם פּאַטריאָטישן דער־ציִען די לערן־יוגנט, אינעם דערציִען דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר אין גײַסט פון פּראָלע־טאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. אין דאַגעסטאַן, ווו עס ווינען זײַט באַ זײַט עטלעכע צענדליק נאַציאָנאַליטעטן און פעלקערשאַפטן, ווו ביז ניט לאַנג צוריק זײַנען נאָך געווען שטאַרק די רעשטן פון שוואָטים־ און שטאַם־פּסיכאָלאָגיע, איז אָט די טעמע זייער אַקטועל.

אַמאָל באַגעגענען מיר זיך. מוישע קומט קיין מאָסקווע אַף קורסן אַף צו העכערן די קוואַליפיקאַציע, אַף מעטאָדישע באַראַטונגען, אַף קאָנפערענצן. ער איז שוין לאַנג גראָוו געוואָרן. הײַנטיקס יאָר ווערט ער אַלט פופציק יאָר. דער עלטערער זון האָט זיך שוין אומגעקערט פון דער אַרמיי. די טאָכטער איז אַ סטודענטקע. נאָר ער אַליין קוקט אַף דער וועלט, ווי ער האָט געקוקט מיט פערציק יאָר צוריק: אָפן און פול מיט גלויבן, און זײַן האַרץ איז ווי אַמאָל אָפן צו אַלדאָס ליכטיקע, פּאָעטישע, עמעס גוטע...

אין 1937, ווען מיר זײַנען אין דער באַגלייטונג פונעם לערער פון פיזקולטור געקומען קיין קיִעוו, האָט מען אונדז גלײַך געבראַכט אין רעפּובליקאַנישן פּאָלקאָמבילד, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אַפן שעווטשענקאָ־בולוואַר. מיר האָבן פאַרשפּעטיקט אַף אַ פּאָר טעג — צווערשט האָט מען, אַפּאַנעם, אין אונדז פאַרגעסן. די קאָנקורס־אויספּרוּוון זײַנען שוין גע־גאַנגען צום סאָף. אין דעם פּרעכטיקן קאָנפערענץ־זאַל פונעם אוקראַיִנישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט איז ניט געווען ווו אַ פליג זאָל דורכפליִען. איך האָב דערקענט טיטשינען, פּער־וואָמײַסקין, סאָסיורען, דעם פּאָלקסקאָמיסאַר דעם אַקאַדעמיקער וולאַדימיר זאַטאָנסקין.

אין יענעם טאָג האָבן דאָרט הילכיק געקלונגען די שטימען פֿון קינדער, וואָס האָבן געלייענט לידער אַף אוקראַיִניש, אַף רוסיש. איך מיט מוישען זײַנען אַרויסגעטראָטן אַף ייִדיש. איך געדענק ניט, וואָס פֿאַרא לידער עס האָט געלייענט מײַן כאַווער, איך האָב גע־לייענט פֿראַגמענטן פֿון א פּאָעמע וועגן פּושקינען. אַזויווי איך בין געווען א קלײנוווּקסיקער און די טריבונע — צו הויך פֿאַר מיר, האָט עמעצער מיך אַוועקגעשטעלט אַפֿן טיש פֿונעם פּרעזידיום. געהערט האָט מען אויפֿמערקזאַם, האַגאַם פֿאַרשטאַנען האָבן, מיסטאַמ, ניט קיין סאַך.

אין אָוונט האָט מען אונדז געפֿירט אין טעאַטער. און פֿונעם טעאַטער אין האָטעל. דאָס ערשטע מאָל האָב איך גענעכטיקט אין א האָטעל.

אַפֿן צווייטן טאָג האָט דער צוג אונדז אַוועקגעפֿירט קיין לענינגראַד. פֿאַר מיר איז דאָס אַלץ געווען, ווי איך וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין א מײַסעלע.

אַהיים האָבן מיר זיך אומגעקערט אין דרײַ וואָכן אַרום.

די ערשטע אײַנדרוקן זײַנען די סאַמע בוילעטע. אין די רײַפֿע יאָרן איז מיר אויסגעקו־מען צו זײַן קימאַט אין אַלע ערטער, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט פּושקינס לעבן און שאַפֿן, נאָר ווי קאָן מען פֿאַרגעסן די ליכטיקע טעג און די ווײַסע נעכט, וועלכע מיר, באַגײַסטערטע ייִנגלעך און מיידלעך פֿון אוקראַיִנע, האָבן באַם אָנהייב באַהעפֿטן זיך צו די קוואַלן פֿון הויכער פּאָעזיע פֿאַרבראַכט אין צאַרסקאָיע סעלאָ און אין מיכײַלאָווסקאָיע?

אַנומלטן, ווען איך בין געווען אין מאָראַנאָוואַ, אין „הויז פֿון פּאָעטן”, וואָס איז פֿאַר־בונדן מיט טיטשעוווס און באַראַטינסקיס, מײַקאָווס און פּאָלאָנסקיס נעמען, ווען איך בין געגאַנגען איבער די זאַלן, ווו עס איז אַמאָל געגאַנגען גאָגאָל, האָב איך באַזונדערס קלאָר פֿאַרשטאַנען, אַז גראָד אָט די ערשטע עקסקורסיע איבער די פּושקין־ערטער אין 1937 יאָר האָט באַשטימט מײַן לעבנס־וועג. עמעס, קיין דיכטער בין איך ניט געוואָרן, ניט קיין ייִדישער, ניט קיין רוסישער, ניט קיין אוקראַיִנישער, האַגאַם איך האָב ווײַטער פֿאַרגעזעצט שרײַבן לידער און אַפֿילע דרוקן. איך האָב פֿאַרשטאַנען די באַדײַטונג און די גרויסקײַט פֿון דער רוסישער ליטעראַטור און האָב געווידמעט מײַן לעבן דעם אויסשטודירן און אַרײַנדרינגען אין אירע טיפֿענישן. די רוסישע ליטעראַטור, אירע אידייען און געשטאַלטן, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיט הויכער מענטשלעכקײַט, האָבן פֿולשטענדיק מיך געפֿאַנגען. אײַנגיכן בין איך אָנגעקומען אַפֿן פֿאַקולטעט פֿון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור פֿון א מאָסקווער הויכשול. נאָך דער מילכאָמע האָב איך פֿאַרגעזעצט אַרבעטן איבער דער יערושע פֿון טשער־נישעווסקין, פּיסאַרעוון, דאָסטאָיעווסקין, אַפּאָלאָן גריגאָריעוון. אין דעם זע איך דעם זין פֿון מײַן לעבן.

און דער אָנהייב דערפֿון איז געלייגט געוואָרן דעמלט, אין די יאָרן פֿון מײַן קינדהייט און פֿון מײַן יוגנט.

מײַנע פֿרײַנט — ביכער

איבערפֿראַזירנדיק אַן אַלט ווערטל, וואָלט מען געקאָנט באַהויפּטן: זאָג מיר, וואָס דו לייענסט, וועל איך דיר זאָגן, ווער דו ביסט.

ניט בלויז ביכער, נאָר אויך ביבליאָטעקן האָבן זייער גוירל. מיט א געפֿיל פֿון דאַנק־באַרקײַט דערמאָן איך די וויניצער שטאָטישע קינדער־ביבליאָטעק. אין יענע יאָרן האָט זי פֿאַרמאָגט איין־איינציקן צימער אַפֿן ערשטן שטאָק פֿון אַן אַלטער שטוב לעבן דעם הויז פֿונעם מעלוכע־באַנק. איצט פֿאַרמאָגט אָט די ביבליאָטעק א גרויסע ספּעציעל צוגעפּאַסטע געבײַדע, א ליכטיקן לייענזאַל.

דאָס ערשטע ביכל, וואָס איך האָב דאָ באַקומען, ווען איך בין צו זיבן יאָר געוואָרן א פּאָלבאַרעכטיקטער אַבאָנענט, איז געווען קיפּלינגס מײַסעלע „ריקי־טיקי־טאַווי”, פֿאַרשטייט זיך, אַף ייִדיש. א דין ביכל פֿון גרויסן פֿאָרמאַט מיט איליוסטראַציעס. שפּעטער בין איך דערגאַנגען אויך צו דעם „דזשונגל־בוך”: מאַוגלי און זײַנע ברידער — וועלף האָבן זיך מיר געכאָלעמט דורך די נעכט.

אַלס ביבליאָטעקער האָט געאַרבעט א דאַרע פֿרוי פֿון מיטעלע יאָרן מיט גוטע מוטער־אויגן און מיט א גוטן שמייכל אַפֿן פּאָנעם. ס'איז מיר אָנגענעם געווען צו דערקענען באַ דעם יונגן מיידל, וואָס האָט געענדיקט די ראָמאַניש־גערמאַניסטישע אָפּטיילונג פֿונעם מאָסקווער אוני־ווערסיטעט, וועלכע איך האָב באַגעגנט אָנהייב 70־ער יאָרן, די שטריכן פֿון יענער ליבער פֿרוי, וועלכע האָט מיר געגעבן דאָס ערשטע ביבליאָטעק־ביכל. איר אייניקל האָט מיר דערציילט, אַז בייס דער מילכאָמע איז אומגעקומען די ביבליאָטעק, וואָס איר באָבע האָט מיט אַזויפֿיל ליבע געזאַמלט.

מײַן ערשטע פּערזענלעכע ביבליאָטעק האָב איך אָנגעהויבן זאַמלען צו נײַן יאָר. „ביב־ליאָטעק” איז עפּשער צו הויך געזאָגט. אַפֿילע אין אַכט יאָר אַרום, ווען ס'איז געקומען די צײַט זיך צו געזעגענען מיט דער היים, ווו איך בין אויסגעוואַקסן, האָב איך פֿאַרמאָגט ניט

מער ווי פיר הונדערט ביכער. אָבער אין יענער צײַט האָט דאָס אויסגעדאַכט — ניט בלויז מיר — אַן אויצער. און טאַקע — ניט אין דער צאָל גייט עס דאָך. יעדעס בוך איז ווי אַ לעבעדיקער מענטש...

אין אונדזער קעלער איז ניט געווען ניט קיין ביכער־שראַנק, ניט קיין עטאַזשערקעס, אַפילע קיין פּרימיטיווע ביכער־פּאָליצעס זײַנען ניט געווען, נאָר איך מיט דער באָבע ראָכל האָבן אַזוי צעשטעלט די ביכער, אַז זיי זײַנען שטענדיק געווען אונטער דער האַנט און האָבן ניט איבעריק געשטערט. ערגער איז געווען מיט די זשורנאַל־קאָמפּלעקטן, וועלכע איך פלעג, צוליב וואָס ווייס איך אַליין ניט, זאַמלען, זאַמלען (עס איז פּאָשעט אַ שאָד געווען אַרויס־וואַרפן), און מיט די פּאַפּקעס אויסשניטן פון צײַטונגען, מיט אַלבאָמען־איליוסטראַציעס, וועלכע עס האָט זיך אויך אָנגעקליבן ניט ווייניק.

מיט צײַטונגען און זשורנאַלן פלעגט מיך באַוואָרענען דער זיידע. דער אַלטער האָט ניט געקענט לייענען, נאָר ער האָט זיך מיט גרויס קאָוועד באַצויגן צום געדרוקטן וואָרט. פון זײַן באַגרענעצטן בודזשעט פלעגט ער, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, אויסטיילן באַשטימטע סומעס צו קריגן פאַרן אייניקל דעם ווילקענער איליוסטרירטע זשורנאַלן און צײַטונגען — ייִדישע, אוקראַיִנישע, רוסישע. אַמאָל פלעגט ער ברענגען אויך דײַטשישע און פּוילישע צײַטונגען, וואָס פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן אין קיִעוו. אַ באַקאַנטער קיִאָסקער האָט פאַר אים אָפּגעלייגט וויכטיקע אויסגאַבעס. אַפּדערנאַכט האָט דער אַלטער ליב געהאַט אָנטאָן אױף דער נאָז עפּעס אַ פּאָר ברילן, אומבאַוווסט, ווו ער האָט זיי געקראָגן, און אופמערקזאַם בלעטערן מיט זײַנע אָנגעהאָרעוועטע הענט די זשורנאַלן, אײַנטראַכטן זיך אין די געמעלן און פאָטאָגראַפיעס. פאַרשטענדלעך, אַז דער קאָמענטאַטאָר בין איך געווען.

ביכער פאַר מײַן „ביבליאָטעק” האָב איך אײַנגעשאַפן דורך פאַרשיידענע מיטלען. אַ באַדײַטנדיקע צאָל פון אָט די ביכער האָב איך געקראָגן אין שול פאַר גוט לערנען זיך, פאַר גוטער אויפירונג, פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט. וועגן מײַן לײַדנשאַפט צו ביכער האָבן געוווּסט אַלע אונדזערע שכנים. אונדזערע קרויווים, די פאַמיליע פונעם דאָקטער ראַבינאָוויטש, פלעגן מיר שענקען אַלטע, צעריסענע ביכער, פון וועלכע זיי האָבן געדאַרפט פּאָטער ווערן. מיר האָבן אָט די ביכער פאַריכט, אײַנגעבונדן און געשטעלט צווישן די נײַע פרישע בענדער. אונדז האָט דעמלט, דעם עמעס געזאָגט, ווייניקער אינטערעסירט די עסטע־טישע, די אויסערלעכע זײַט פון בוך — דער איקער איז געווען דער אינהאַלט.

מיט דער צײַט האָב איך אײַנגעשטעלט אַן ענגערע פאַרבינדונג און אַן אומבײַט פון ביכער מיט די שטאָט־ביבליאָפילן: ביכער האָבן ליב מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער. קיין שפּילעכלעך האָב איך קימאַט ניט געהאַט, די, וואָס איך האָב אַליין געמאַכט, פלעג איך אויסבײַטן בײַ באַקאַנטע ייִנגלעך אױף אַלטע אויסגאַבעס פון דעטעקטיווער ליטעראַטור. אַ פאַרזשאַווערט צוויירעדערדיק וועגעלע האָב איך אָפּגעגעבן פאַר עטלעכע בענדער פון זשול־ווערנען. אייניקע ביכער, בין איך זיך מוידע, האָב איך געקראָגן אױף אַ ניט־גערעכטיקן אופן. פון דער קינדער־סאַנאַטאָריע הינטער אָדעס האָב איך אוועקגעפירט סטעפאַן זלאָבינס ראָמאַן וועגן סאַלאַוואַט יולײַעוון. די דאָזיקע זינד מײַנע האָב איך שפּעטער אויסגעקויפט דערמיט, וואָס איך האָב אוועקגעשענקט דעם פּיאָנערן־לאַגער, צוזאַמען מיט אַנדערע ביכער, אויך אַ ראָמאַן פון דעם זעלבן אַוטאָר וועגן סטעפאַן ראַזינען...

מײַן ערשטע ביבליאָטעק האָב איך אָנגעהויבן זאַמלען מיט דרײַ און פערציק יאָר צוריק. מײַן צווייטע ביבליאָטעק האָב איך איבערגעלאָזט דעם 26 יוני 1941 אין צוזאַמענ־ווינונג און בין פרײַוויליק אוועק מיט אַן אָטריאַד סטודענטן אױף דער בויונג פון אַ באַפעס־טיקטן ראַיאָן אין סמאָלענסקער געגנט. אױף אָט די ביכער איז אוועק אַ דריטל פון מײַן סטיפּענדיע. דאָ זײַנען געווען אוניקאַלע עקזעמפּליאַרן, וועלכע איך האָב געקויפט בײַ בוקיניסטן. עס איז אויסגעקומען זיך מיט ברויט און טיי, קעדיי אַרויס פונעם דעפיציט נאָכן אײַנשאַפן, לעמאָשל, אַ זעלטענע אויסגאַבע פון אַלעקסאַנדער בלאָקס לידער. די דריטע ביבליאָטעק מײַנע באַשטייט הויפּטזאַכלעך פון וויסנשאַפטלעכע אויסגאַ־בעס, ענציקלאָפּעדיעס, ווערטערביכער און האַנטביכער. דאָס איז מײַן קלאַפּערגעצײַג, מײַנע פּראָדוצירן־מיטלען. עס זײַנען בײַ מיר אויך פאַראַן אַ סאַך ביכער, געשענקטע פון אויטאָרן — שרײַבער, פּאָעטן, ליטעראַטור־פאָרשער, קריטיקער, פון מײַנע רוסישע און אוקראַיִנישע, גרוזינישע און ייִדישע, אוזבעקישע און קומיקישע קאָלעגן. פון איבעריקע ביכער קומט אויס זיך צו באַפרײַען, האַגאַם געזעגענען זיך מיט אַ בוך איז קימאַט אַזוי שווער, ווי געזעגענען זיך מיט אַ גוטן פרײַנט, אָבער עס קלעקט קיין אָרט ניט אױף די סטעלאַזשן און אין די שאַפעס.

מײַן ערשטע ביבליאָטעק איז אינגאַנצן פאַרפאַלן געגאַנגען אין די יאָרן פון דער היטלער־אָקופּאַציע. פאַר פיר מיט אַ האַלבן צענדליק יאָר האָב איך אין מײַנע הענט איבערגעהאַלטן הונדערטער, אויב ניט טויזנטער ביכער — מײַן פּראָפעסיע איז דאָך אַזאַ: קיין איין טאָג ניט אָן אַ בוך. ווי נאָר אָבער איך פאַרמאַך די אויגן, אַזוי זע איך מײַנע ביכער — די ערשטלינ־גען, מערסטנטייל שוין צעטריפּעטע, אָבער אַזעלכע נאָענטע און אייגענע.

דאָס איז געווען א פרײַנטלעכע פאַרשיידנשפּראַכיקע מישפּאָכע. אין איין רײ איז געשטאַנען די וואָגיקע אויסגאַבע פון גאָגאָלס „טויטע נעפּאַשעס" און מענדעלע מויכער־ספאָרימס „פּישקע דער קרומער". דאָ האָבן פאַרנומען אן אָרט די ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמס „מאַסן־ביבליאָטעק". באַזונדערס געדענקט זיך מיר „דאָס טעפּל", אָפּגעדרוקט אַף געל געוואָרן וואָלוול פּאַפּיר. ביכלאַל האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרנומען דעם אויבנאָן אין מײַן ביבליאָטעק — ער איז געווען פאַרגעשטעלט רײַך און פילזײַטיק ניט בלויז מיט סאָוועטישע, נאָר אויך מיט אויסלענדישע אויסגאַבעס. טאַראַס שעווטשענקאָס פּראַכטיקער „קאָבזאַר" איז געשטאַנען בײַשכיינעס מיט אַפּאַטאָשוס ראָמאַן „1963", און וואַרשאַווסקיס ראָמאַן „שמוגליאַרעס" מיט א. האַלאָווקאָס באַוווּסטער דערציילונג „בוריאַן" — וועגן קלאַסנקאַמף אין אוקראַיִנישן דאָרף. ל. קוויטקאָס „ליאַם און פּעטריק" אין אויסגעפּוצטע טאָוולען האָט זיך דאָ געכאַווערט מיט די ביכער פונעם אוקראַיִנישן שרײַבער טרובלאַיִני, דעם באַזינגער פון די העלדן־פּאַליאַרניקעס; א. קאָפּילענקאָס שול־דערציילונגען זײַנען געבליבן באַנאַנד מיט קאַמפלעקטן פונעם זשורנאַל „די רויטע וועלט"; איוואַן פראַנקאָס „באָריסלאַוו לאַכט" — מיט בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער"; איך בין געווען פאַרכאַפּט מיט פּאַנאַס מירניס ראָמאַן „צי רעווען דען די אָקסן, ווען די יאַסלעס זײַנען פול", און כ'האָב אים געהאַלטן אויבן־אויף צוזאַמען מיט דזשעק לאָנדאָנס „מאַרטין אידען", מיט וויקטאָר הוגאָס „די פאַרשטויסענע".

איבער אָט דעם ראָמאַן פון הוגאָ האָב איך דאָס איינציקע מאָל פאַר אַלע יאָרן געבראָכן די שול־דיסציפּלין — צוויי טעג בין איך ניט געגאַנגען אין קלאַס, — איך האָב אָן אן איבעררײַס געלייענט „די פאַרשטויסענע". זשאַן וואַלזשאַן, קאָזעטאַ האָבן גערעדט מיט מיר אַף ייִדיש. אַף דער שפּראַך פון מײַנע עלטערן האָב איך געלייענט אויך אַנדערע ווערק פון רוסישע און מײַרעוו־אייראָפּעיִשע קלאַסיקער: פּושקינס מײַסעלעך, באַלזאַקס „פּאָטער גאָריאָ". אין כאַרקאָוו איז דעמלט אַף ייִדיש אַרויסגעגעבן געוואָרן אן אויסגעצייכנטע סעריע פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער. איך געדענק, אַז פאַר די שכיינים און קרויווים האָב איך געלייענט ו. אַרסעניעווס „דערסו אוזאַלאַ", פריטיאָף נאַנסענס בוך וועגן דעם אַרקטישן מאַרש אַף „פראַם".

א מין סומבור, — וועט איר זאָגן, — סאַראַ מעשונעדיקער געמיש פון נעמען, מענטשן און ווערק! אוואַדע קאָן אַזאַ מין אַרט לייענען אויסזען ניט געוויינלעך. הײַנט לוי בוסענאַר, מאָרגן — דאָסוויטניס „אַמעריקאַנער", נעכטן איוואַן מיקיטענקאָס „אורקאַגאַנען" און בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען", איבערמאָרגן — מוישע נאַדירס ווערק (פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען אין מײַן ביבליאָטעק געדענק איך ניט). שאָלאָכאָווס ערשטער באַנד „אופגעאַקערטע רויערד" און א באַנד מאַיאַקאָווסקי. כאַאָס?!

איצט, אין א האַלבן יאָרהונדערט אַרום, פאַרשטיי איך, אַז אין אָט דעם געדאַכטן כאַאָס, אין אָט דעם שפּראַך־געמיש, אין אָט דעם ניט אָפּגעזעצטן געשמאַק איז געווען א באַשטימטע אָביעקטיווע לאָגיק, א פּאָזיטיווער אינהאַלט.

דער מענטש, אַלס פּערזענלעכקײַט, ווערט אויס מענטש, ווען עס לאָזט זיך אויס זײַן וויסנגיריקײַט.

עס איז געגאַנגען א פּראָצעס, קאָן מען זאָגן, פון דער אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג פון וויסנשאַפט און פון עסטעטישע אײַנדרוקן, א פּראָצעס פון אויסלעבן די טראַדיציעס פון שטעטלדיקער כאָכמע, פון באַגרענעצטער אָפּגעשטאַנענקײַט. די סאָוועטישע אָרדענונג האָט אַנטדעקט פאַר אונדזער דאָר די ווײַטסטע האָריזאָנטן, ס'האָט אַזש דעם אָטעם פאַרכאַפּט. דאָס אומבאַגרענעצטע גלייבן אין דעם געדרוקטן וואָרט, דער ניט גענוגנדיקער קריטיציזם, די היפּערטראָפירטע אופנעמבאַרקײַט וואָלטן זיכער געקאָנט היפּש פּאַטערן דעם איניען. אָבער דאָס לייענען אונדזערס האָט דאָס לעבן אַליין קאָרעגירט. עס איז געווען די שול, די לערער, וועלכע האָבן אַרײַנגעטראָגן קלאָרקײַט און א סיסטעם אין דעם וועלט־באַנעם, אינעם יוגנטלעכן באַוווּסטזײַן, עס איז געווען די פּיאָנעריע און די פרײַנט פון קאָמיוג. זיי וואָלטן ניט דערלאָזט פאַרבלאָנדזשען אין לאַבירינט פון קאָמפּליצירטע, ווידערשפּרעכיקע צומאָל אידייען און ליטעראַרישע געשטאַלטן. גרענעצלאָז ליב האָבנדיק ביכער, בין איך אָבער ניט געוואָרן קיין ספאָרים־קנעכט.

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר יענע ערשטע באַשיידענע ביבליאָטעק מײַנע מיט איליטשס בענדער, מיט די ביכער וועגן די העלדן פון דער פּאַריזשער קאָמונע, וועגן דעם „בלוטיקן זונטיק", וועגן די ריטערס, וועלכע האָבן געשטורעמט דעם ווינטער־פּאַלאַץ און פּערעקאָפּ, — האָבן מיר גוט געדינט. באַנאַנד מיטן טאָגבוך פונעם קאַפּיטאַן סקאָט, וואָס איז אומגעקומען אין די ווײַטע מידבאָריעס פון דער אַנטאַרקטיק אַפן וועג צום דאָרעם־פּאָליוס, און מיט עדיסאָנס לעבנס־באַשרײַבונג זײַנען אין מײַן ביבליאָטעק געווען ביכער וועגן סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ און ראָזע ליוקסעמבורג, וועגן ניקאָלײַ באַומאַנען און וועגן דעם פירער פון די אופגעשטאַנענע קנעכט ספּאַרטאַק.

סוועטלאָווס „גרענאַדע" האָט וווּנדערבאַר פּינקטלעך אויסגעדריקט די וועלט־שפּירונג פון יענע דוירעס, וועלכע זײַנען געוואַקסן אין דער אַטמאָספער פון עכטער אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט. דאָס גליקלעכע „געפיל פון דער איינהײַטלעכער מישפּאָכע", וואָס עס וועט

שפּעטער באַזינגען פּאָולאַ טיטשינאַ, איז אונדז באַקאַנט געווען פון פריִער קינדהייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אַלץ, אין ווינקטיקן און אין אומבאַדײַטנדיקן. באַזונדערס איז אָט דאָס געפיל פאַרשאַרפט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דער געפאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף דער וועלט מיטן קומען פון די נאַציסטן צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד. וואָס איז אַזויגס נאַציזם, האָב איך גוט געוווּסט ניט בלויז פונעם „ברוינעם בוך". ניט ווײַט פון אונדז האָט געוווינט אַ ייִדישע פאַמיליע, וועלכע האָט זיך דורך אַ נעס אַרויסגעריסן פון היטלערישן דײַטשלאַנד. איך בין געווען באַפרײַנדעט מיט הערבערטן — דעם יוגנטלעכן פון ערפורט.

דאַרף מען זיך דען וווּנדערן, וואָס אין 1937 יאָר איז בײַ מיר אויפגעקומען אַ געדאַנק צו אַנטלויפן קיין שפּאַניע?

כּעוורע, וועלכע האָבן זיך אָנגעלייענט מיט פעניִמאָר קופּערס און זשול ווערנס ווערק, טרוימען וועגן ווײַטע רײַזעס אין עקזאָטישע לענדער. זיך לאָזן קיין אַפריקע האָט מיך נאָך אין פינפטן קלאַס אונטערגעשטויסן רויט. אַנטשפּרעכיק דער פאַמיליע, — איז רויט געווען אַ צעשויבערט, פײַערדיק־געל יאַטל מיט אַ היפּנאָטיזירנדיקער קראַפט אין די אויגן. ער איז שטענדיק געווען פאַרכאַפּט מיט פאַנטאַסטישע פּלענער. אין זיבעטן קלאַס האָט ער געדאַרפט אַ צווייט מאָל אָפּגעבן עקזאַמענעס אויף מאַטעמאַטיק און פיזיק, ווײַל ער האָט אַ האַלב יאָר געפּאַטערט אויף פּראָיעקטירן אַן אייביקן באַוועגער. ער האָט אויך מיך אַרײַנגעצויגן אין אַן אַוואַנטורע — איך האָב אים געהאָלפן שאַפן אַ דאַמף־אויטאָמאָביל, ווו אַלס מאָטאָר האָט געזאָלט דינען אַ סאַמאָוואַר.

קיין אַפריקע מיט רויטן זײַנען מיר ניט געלאָפן, אָבער שפּאַניע — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. אויפן פּירענייִשן האַלבאינדזל האָט געפלאַקערט דער בירגערקריג. איך בין געווען באַקאַנט מיט אַלץ, וואָס איז געדרוקט געווען וועגן די העלדן פון אָט דער אַנטיפאַשיסטישער מלחמה. די שפּאַנישע קאָמיוגיסטקע לינאַ אָדענאַ האָט אָפּגעגעבן איר לעבן פאַר אונדז, סאָוועטישע מענטשן, — אַזוי האָב איך דאָס פאַרשטאַנען. אויסשניטן מיט קאָלצאָווס און ערענבורגס אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען, שפּעטער — יורי קאַראַלקאָווס, מיכאַיִל ראָזענפעלדס, אָוואַדי סאַוויטשעס און אַנדערע סאָוועטישע זשורנאַליסטן, קאַרטעס פון שפּאַניע, פאָטאָגראַפיעס פון די שלאַכטלײַט פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס — דאָס אַלץ האָב איך צונויפגעזאַמלט אין דרײַ גראָבע אַלבאָמען. איך מיט רויטן האָבן באַשלאָסן, אַז אונדזער אָרט איז דאָרטן.

אין איינער אַ סענטיאַבער־נאַכט האָבן מיר געדאַרפט זיך לאָזן אין וועג. דעם פּלאַן האָבן מיר אויסגעאַרבעט גענוי, מיט אַלע דעטאַלן: אויף אַ שיפל איבערן בוג ביז כערסאָן; פון דאָרט איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען קיין אָדעס; פון אָדעס — אויף אַ סאָוועטישער אָדער שפּאַנישער שיף ביז באַרסעלאָנע, וואַלענסיע אָדער אַליקאַנטע... מיר האָבן זיך געגרייט צו דער אָפּעראַציע ווי עמעסע קאָנספּיראַטאָרס. נאָר אַלץ איז אומגעריכט אַרונטערגעריסן געוואָרן: דער באַלעבאָס פונעם שיפל, אויף וועלכן מיר האָבן געהאַט אַן אויג, האָט אומדערוואַרט פאַר אונדז עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ שלאָס. דערווײַל איז אָנגעקומען דער האַרבסט. אונדזער רײַזע איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביזן קומענדיקן זומער.

קומען קיין שפּאַניע האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן. איך בין אָבער זיכער, אַז יעדערער פון אונדז האָט אַרײַנגעטראָגן זײַן צושטײַער אין קאַמף קעגן פאַשיזם. פאַר מאַדריד האָבן מיר זיך אָפּגערעכנט אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה.

נאָכן פאַרענדיקן די שול האָב איך פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט רויטן. כאַוויירים האָבן דערציילט, אַז ער איז אומגעקומען אין אַ שלאַכט בײַ בערלין.

אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן, וועל איך אַ צווייט מאָל דערציילן גענויער וועגן די יאָרן, ווען איך האָב זיך געלערנט אין אינסטיטוט, וועגן די מלחמה־יאָרן און וועגן די נאָכמלחמה־צײַטן, וועגן מײַנע פרײַנט, כאַוויירים און קאָלעגן, וועגן דעם כאַראַקטער און דער ריכטונג פון מײַנע וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינטערעסן און וועגן די פּלענער אויף ווײַטער. דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, אויב דעם לייענער וועלן מיט עפּעס פאַרינטערעסירן אָט די נאָטיצן מײַנע.

דאָס, וואָס איך האָב ביז איצט דערציילט, איז אַן אַרײַנפיר, אַ „פאָרגעשיכטע". איידער איך לייג אַוועק די פען און מאַך אַ האַפּסאָקע, ווילט זיך מיר ווידער דערקלערן, פאַרוואָס איך נעם אויף זיך די דרייסטקייט צו דערציילן אויף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" די געשיכטע פון מײַן פּערזענלעך לעבן.

איך בין אַ רוסישער סאָוועטישער אינטעליגענט. מיר ריידן אָפט און שרײַבן גערן וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן טאָך פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, וועגן דער אויסבילדונג פון אַ נײַער היסטאָרישער מענטשן־געמיינשאַפט — דעם סאָוועטישן פאָלק, וועגן אַ דויערנדיקן קאָמפּליצירטן פּראָצעס. פאַר אויסלענדישע באַאָבאַכטער, אַפילו פרײַנטלעכע צו אונדז, איז דאָס ניט מער ווי אַן אַבסטראַקטער באַגריף. פאַר מײַן דאָר, ביפראַט פאַר אַזעלכע סאָוועטישע ייִדן, ווי איך, איז ניטאָ קיין מער רעאַלער, האָפענונגספולער, באַגײַס־

טערנדיקער אינהאַלט, ווי אַט די „נײַע היסטאָרישע מענטשן־געמיינשאַפט — דאָס סאָוועטישע פֿאָלק". מיר באַטראַכטן זיך אַלס אָרגאַניזשער באַשטאַנדטייל פֿון אַט דער היסטאָרישער געמיינשאַפֿט. איך מיין, אַז מײַן ביאָגראַפֿיע (איך האָב אויף די דאָזיקע זײַטלעך דערוויזן צו דערציילן וועגן מײַנע ערשטע טריט) איז אַ באַווײַז, אַז אַזוי איז עס טאַקע.

אַלס סאָוועטישער אינטעליגענט, אַלס געלערנטער און ליטעראַט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין די באַדינגונגען פֿון סאָציאַליזם, בין איך דערצויגן געוואָרן אויף דרײַ ברידערלעכע נאַציאָנאַלע קולטורן. אינעם באַוווּסטזײַן פֿון מײַן דאָר „סטיקעווען" זיי זיך צונויף, דאָס הייסט עס פֿלעכטן זיך איבער אַפֿן בעסטן אופֿן די אוקראַיִנישע, רוסישע, ייִדישע קולטורן. יעדע פֿון זיי, אַ באַנײַטע אין דער סאָוועטישער עפּאָכע, איז אונדז טײַער, יעדע פֿון זיי נעמען מיר אויף, ווי אַן אייגענע. צוזאַמען דערמיט, אין אַט דער נײַער שמעלצונג פֿון די בעסטע עלעמענטן פֿון די קרויוויש געוואָרענע נאַציאָנאַלע קולטורן, אַנטפּלעקט זיך יעדע פֿון זיי אין אַן אַנדער מין העכערער גײַסטיקער קוואַליטעט. אַזאַ איז די דיאַלעקטיק פֿון דער אַנטוויקלונג.

דאָ איז ניט דאָס אָרט פֿאַר אַבסטראַקטער טעאָרעטיזירונג. איך רייד וועגן דעם, ווי איך פּערזענלעך פֿאַרשטיי דעם אינטערנאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס אין דער אַנטוויקלונג פֿון די סאָציאַליסטישע קולטורן. אַט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן ניט נעכטן און וועט זיך פֿאַרענדיקן ניט מאָרגן. ער וועט אָבער אומפֿאַרמײַדלעך ברענגען צו דעם טריומף פֿון די אידייען פֿון עכטער פֿרײַנטשאַפֿט צווישן די פֿעלקער. אין דעם איבערצײַגט מיך מײַן באַשיידענע לעבנס־דערפֿאַרונג.

באַשטעלט לייענער און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"

דער ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט פֿאַר די צוועלף יאָר פֿון זײַן עקזיסטענץ איבערגעגעבן אין רעשוס פֿון אונדזערע לייענער אַ היפּשע צאָל נײַע ווערק פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אויך אין קומענדיקן 1974 יאָר ווערן דאָס צענטראַלע אָרט אין זשורנאַל פֿאַרנעמען די בעסטע שאַפֿונגען פֿון די סאָוועטישע שרײַבער.

גלײַכצײַטיק וועט „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרהיטן און פֿאַרטיפֿערן אַזעלכע אינטערעסאַנטע אָפּטיילן, ווי „אונדזער ליטעראַרישער אוצר", „אויף די שפּורן פֿון געשעענעס", „פֿונעם ייִדישן קולטור־לעבן", „מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל", „קאָמענטאַרן פֿון רעדאַקציע", „פּאָלעמיק" אאַז"וו.

אַבאָנירן זיך אויף אונדזער זשורנאַל אויפֿן 1974 יאָר קאָן מען אין אַלע פּאָסט־אָפּטיילונגען און בײַ די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער אויף די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן. דער אינדעקס פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער איז אָנגעוויזן אין דעם אַבאָנירן־קאַטאַלאָג, איז 70821.

„סאָוועטיש היימלאַנד" דערשײַנט 12 מאָל אַ יאָר.

אַבאָנעמענט־פּרײַז: אויף אַ יאָר — 6 רובל, אויף 6 חדשים — 3 רובל.

לייענט און פֿאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד"!

מאַטל שטורמאַן *

איך גיי מיט מײַן פרילינג

קינד

אײַ א מיידעלע —
א גליק.
אײַ א מאזיק,
אן אנטיק.

ס׳דאכט זיך אויס:
די שיינע וועלט
פונעם וויגל
צו אונדז קוועלט.

האָט געלעבט אמאָל
א מומע,
אין אָשווענטשים
אומגעקומען.

אזא זויבערע
נעשאָמע,
טראָגט דאָס טײַער קינד
איר נאָמען.

שמייכלט ליב
צו יעדן איינעם —
צו די קרויווים,
צו די שכיינים.

אײַ א מיידעלע —
א גליק.
אײַ א מאזיק,
אן אנטיק.

קישעלעך

קישעלעך אין וויגעלע,
קישעלעך אין בעט.
טאָג און נאכט קישעלעך
מײַן קינדהייט זעט.

מײַן יוגנט, ווי א פויגל,
איז אוועקגעפלויגן.
געבליבן איז די עלטער
מיט קישעלעך
אונטער די אויגן...

• • •

פון יענער זײַט
וואָלקנס,
פון יענער זײַט שניי,
פון יענער זײַט אומרו,

פון יענער זײַט ווײ —
מײַן סימכע,
מײַן פרילינג,
ווי קומט מען צו זיי?

• • •

אלץ האָט אַן אָנהייב,
אלץ האָט א סאָף.
כ׳בין ניט איין מאָל געווען
מיט אומרו געשטראָפט.

א ווייטעק קומט אָן,
א ווייטעק פארגייט,
איך גיי מיט מײַן פרילינג
אפסנײַ זאלבעצווייט.

אין הימל די שטערן

האלבנאכט.
עס דונערט.
די וואסער־בערג יאָגן,
די וועלן זיך טראָגן,
עס שטײַגן און פאלן
די שוואַרץ־גרויע וואלן.

זיי דונערן, שאלן
אין וואסער־געראנגל
אין שוימיקן, שווערן.
עס הענגען בלויז רויִק
אין הימל די שטערן.

פון דער ליטעראַטור־געשיכטע

לייב ווילסקער
וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער
פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק

די נײַ־געפֿונענע סירישע ווערסיע פון עזאָפּס מעשאָלים, געשריבענע מיט העברעיִשע אויסיעס

דער קסאָוויאַד, וועגן וועלכן איך שרײַב איצט, גייט אַרײַן אין באַשטאַנד פון אַ קאָדעקס[1], וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ זאַמלונג פון פֿאַרשיידענע ווערק, איבערגעשריבענע דורך איין סויפֿער (שרײַבער). דער קאָדעקס באַשטייט פון 153 בלעטער, געשריבענע, אויסער דעם לעצטן בלאַט, פון ביידע זײַטן. די שריפֿט איז אַ קורסיווע, אַ כאַראַקטעריסטישע פֿאַר די איטאַליענער ייִדן, און באַשטייט פון זייער קליינינקע אויסיעלעך (עטוואָס מער פון אַ מילימעטער די הייך).

אין קאָדעקס זײַנען פֿאַראַן קאָלאָפֿאָנען[2]. פון דעם קאָלאָפֿאָן אויפֿן בלאַט 112, זײַט 2, ווערט באַוווּסט, אַז דאַניִעל בען ייִצחאָק — אַזוי רופֿט מען דעם סויפֿער — האָט פֿאַרענדיקט שרײַבן דעם טעקסט מאָנטיק, דעם 23־טן טאָג פונעם כוידעש אָדאָר, יאָר רצו (=296, דה. אין ערעך אין אַפּרעל 1536 יאָר). און אויף דעם בלאַט 149, זײַט 2, ווײַזט אָן דער קאָלאָפֿאָן די דאַטע פון שרײַבן דעם ווײַטערדיקן טעקסט — דינסטיק, דעם 7־טן טאָג פון כוידעש מאַרכעשוועָן, יאָר רצז (=297, דה. אין ערעך אָנהייב נאָיאַבער פון דעם זעלבן 1536 יאָר).

דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז געווידמעט דעם קסאָוויאַד, וואָס איז טיטולירט „מילי דטופוס" און געפֿינט זיך אין קאָדעקס אויף דעם בלאַט 149, זײַט 2, ביז דעם בלאַט 152, זײַט 2.

אין קסאָוויאַד טרעפֿן זיך אייניקע שרײַב־פֿעלערן. צווישן זיי דער פֿאַרגרײַזטער טיטל אַליין. ס'איז קיין סאָפֿעק ניט, אַז אויפֿן אָרט פון „מילי דטופוס" דאַרף שטיין: „משלי דאסופוס", וואָס באַטײַט: „די מעשאָלים פון עזאָפּוס".

עזאָפּ איז, ווי באַוווּסט, אַ האַלב־לעגענדאַרע פּערזענלעכקײַט. לויט געוויסע לעגענדעס זאָל ער זײַן דער ערשטער מעשאָלים־שרײַבער אין דער וועלט. געלעבט האָט ער, לויט די זעלבע קוועלן, אין 6־טן יאָרהונדערט פֿאַר אונדזער צײַטרעכענונג. ער איז געווען אַ באַפֿרײַטער קנעכט. שוין אין דער אוראַלטער צײַט זײַנען באַוווּסט געווען עטלעכע ביכער־זאַמלונגען פון מעשאָלים, געשריבענע אין פּראָזע און אין פּאָעזיע, וועלכע האָבן געטראָגן עזאָפּס נאָמען אַלס אוּטאָר. די אַלטע גריכישע קסאָוויאַדן זײַנען מיט דער צײַט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. די אייראָפּעיִשע אויסגאַבע פון עזאָפּס מעשאָלים שטאַמט פון אַ זאַמלונג, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אין XIV—XV יאָרהונדערט.

אייניקע געלערנטע האַלטן[1], אַז די סירישע איבערזעצונג פון עזאָפּס מעשאָלים איז אַנטשטאַנען ניט פֿריִער פונעם IX און ניט שפּעטער פונעם XI יאָרהונדערט, דה. אויף עטלעכע יאָרהונדערטער פֿריִער, איידער ס'האָט זיך פֿאָרמירט די ווערסיע פון עזאָפּס מעשאָלים, וועלכע ליגט אין יעסאָד פון די אייראָפּעיִשע איבערזעצונגען. אַזויאַרום שפּילט די סירישע רעדאַקציע נאָך אַ ראָל פון האַשאָוואָס אווײדע פֿאַר דער וועלט־ליטעראַטור. די סירישע וואַריִאַנטן פון די מעשאָלים זײַנען זײַנערצײַט אויסגענוצט געוואָרן נאָך אין מיטלאַלטער מיצאַד שרײַבער פון פֿאַרשיידענע פֿעלקער. דעם עמעס געזאָגט, האָט יעדער איבערזעצער זיי אַ ביסל איבערגעמאַכט, אַזוי ווי אים האָט צוגעהאָלפֿן די פֿאַנטאַזיע און זײַן נאַציאָנאַלע קולטור. עס האָט זיך ניט איין מאָל געטראָפֿן, אַז ס'האָבן זיך געביטן די העלדן פון די מעשאָלים און אַפֿילע זייער מוסער־האַסקל.

אונדזער סירישער קסאָוויאַד פון עזאָפּס מעשאָלים, געשריבן מיט העברעיִשע אויסיעס, איז געווען, זעט אויס, אַדרעסירט אויסשליסלעך דעם ייִדישן לייענער.

די סירישע שפּראַך האָט, אייגנטלעך, זיך אַנטוויקלט אויף דער באַזע פון איינעם פון די דיִאַלעקטן פון אַראַמעיִש, וואָס פֿאַרנעמט אַ גאָר וויכטיק אָרט אין דער קולטור־געשיכטע בא ייִדן. ווי באַוווּסט, זײַנען פֿיל באַדײַטנדיקע ייִדישע ווערק געווען גע־

---

[1] קאָדעקס — אַ קסאָוויאַד, אָדער אַ זאַמלונג פון קסאָוויאַדן, וואָס איז אויסגעפֿאָרמירט ווי אַ בוך.

[2] קאָלאָפֿאָן — אַ טעקסט, וואָס שטאַמט פון סויפֿער גופֿע וועגן דעם טיטל און די אַרויסגאַנגס־אָנגאַבן; אַנטהאַלט אויך אייניקע ידיעס וועגן סויפֿער.

[1] זע:
В. Райт. Краткий очерк истории сирийской литературы. СПб, 1902, стр. 173-174



איינע פון די בלעטער פונעם קאָדעקס

שריבן אף פארשיידענע דיאַלעקטן פון דער אראַ־
מעיִשער שפּראַך (אייניקע קאַפּיטלען פון טאַנאַך, די
אראַמעיִשע טיילן פון טאַלמוד באַוולי און טאַלמוד
יערושאַלמי, פון דעם זויהאַר (זוהר), אייניקע טפֿי־
לעס, טויזנטער דאָקומענטן: קסובעס, געטן אאַוו.
אאַוו). אדאַנק דעם האָט די אראַמעיִשע שפּראַך מיט
אירע פארשיידענע דיאַלעקטן שטאַרק באַאײַנפלוסט
די העברעיִשע. וועגן דער ראָל פון דער אראַמעיִשער
שפּראַך באַ ייִדן און איר אײַנפלוס אף העברעיִש
האָט זיך געהאַט ארויסגעזאָגט ביאַליק אין זײַן אַר־
טיקל, וואָס איז געווידמעט דעם העברעיִשן בוך
(„הספר העברי"): „די וואַכעדיקע שפּראַך באַ ייִדן
איז בעמעשעך פון העכער טויזנט יאָר געווען די
אראַמעיִשע. פונקט ווי א גוטע און איבערגעגעבענע
ניאַניע, איז זי געשטאַנען לעבן איר געפאַלענער
כאַווערטע אין צײַט פון איר נויט און האָט איר
איבערגעגעבן די לעצטע גראָשנס פון איר אָרעמען
טײַסטער"[1].

אגעוו, שפּורן פון דעם טיפן אײַנפלוס פון דער
אראַמעיִשער שפּראַך געפינט מען אויך אין ייִדיש.
פאַרלייגנדיק פאַר אונדזער לייענער א טייל פון
דער ניי־געפונענער סירישער ווערסיע פון עזאָפּס
מעשאָלים, בעטן מיר אים, ער זאָל זיך ניט כידעשן,
וואָס ער וועט צווישן די מעשאָלים געפינען אייניקע
שוין באַקאַנטע לויט דער איבעראַרבעטונג פון קריי־
לאָוון, און א טייל פון זיי איז אפילע באַוווסט אין
דער איבערזעצונג פון קרילאָווס מעשאָלים אין ייִדיש.
ס'זײַנען דאָ אָבער אויך פיל אזוינע, וואָס דער לייע־
נער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועט אנטדעקן פאַר
זיך צום ערשטן מאָל און וואָס לויט זייער ליטעראַ־
רישער ווערט זײַנען זיי מוסטערן פון איינעם פון די
באַליבטע ליטעראַרישע זשאַנערן — די מעשאָלים.

דער מענטש און דער טויט

א מענטש איז געגאַנגען אין וועג מיט א
שווער בינטל האָלץ אָפן רוקן. א פאַרמאַטער־
טער, האָט ער אָפּגעלייגט דאָס בינטל און גע־
רופן אף זיך דעם טויט. יענער האָט זיך גלײַך
באַוויזן און געפרעגט:

„צו וואָס האָסטו מיך גערופן?"

„קעדיי דו זאָלסט ארופליגן אף מיר דאָס
בינטל האָלץ", — האָט געענטפערט דער
מענטש.

דאָס לערנט אונדז:

א מענטשן איז ליבער דאָס לעבן, איידער
דער טויט, כאָטש דאָס לעבן איז פול מיט צאַ־
רעס.

די וואָראָנע און דער פאַסטעך

א וואָראָנע האָט געזען, ווי אן אָדלער האָט
ארויסגעכאַפּט א שעפעלע פון דער טשערעדע
און מיט אים אוועקגעפלויגן. האָט זיך דער וואָ־
ראָנע שטאַרק פאַרגלוסט נאָכטאָן דעם אָדלער.
אז זי האָט באַמערקט א שאָף, איז זי גלײַך
ארופגעשפּרונגען אף איר, קעדיי זי צוריבן.
אירע נעגל האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אינעם
וואָל פון דער שאָף. דאָ האָט דער פאַסטעך זי
געכאַפּט און געהארגעט.

פונקט אזוי זײַנען די יעניקע, וועלכע גלײַכן
זיך צו שטאַרקערע פון זיי. ס'קומט אָבער אויס,
אז זיי קומען ארויס נאָך שוואַכער ווי געווען.

דער הירש און דער יעגער

א הירש, וואָס האָט געליטן פון דאָרשט, האָט
זיך אראָפּגעלאָזט צו א קוואַל, קעדיי זיך אָנ־
טרינקען מיט וואַסער. דערזעענדיק אין קוואַל,
ווי קליין ס'זעען אויס זײַנע פיס, האָט ער באַ־
קומען אגמעסנעפעש. ער האָט אָבער געקוועלט
און געשעפּט נאַכעס פון דער גרויסקײַט און
פּראַכט פון זײַנע הערנער. פּלוצלינג זײַנען אָף
אים פון דער הייך אָנגעפאַלן יעגער. ס'האָט
זיך אָנגעהויבן א געיעג נאָך אים. קאָלזמאַן
דער הירש האָט זיך געפונען אין פעלד, האָבן
אים די יעגער ניט געקענט דעריאָגן. ווען אָבער
ער איז ארײַן אין וואַלד, האָבן זיך זײַנע הער־
נער פאַרפּלאָנטערט צווישן די צווײַגן פון די
ביימער, און די יעגער האָבן אים געכאַפּט און
דערהארגעט.

פאַרן שטאַרבן האָט דער הירש זיך אָנגערופן:
„אז אָך און וויי איז דעם אומגליקלעכן! פון
דעם, וואָס איך פלעג שעפּן נאַכעס, בין איך
אומגליקלעך געוואָרן!".

דאָס לערנט:

זאָל א מענטש לויבן נאָר דאָס, וואָס אין
צײַט פון נויט קען עס אים ארויסהעלפן.

[1] זע דאָס ארטיקל „ארמית" (די אראַמעיִשע שפּראַך) אין בוך פון י. אבינרי, יד הלשון, תל־אביב, 1964, ז. 51־54.

דער הונט און דער שמיד

דעם שמידס הונט פלעגט שטענדיק שלאָפן, ווי לאַנג זײַן באַלעבאָס האָט געהאַלטן אין שמידן. ווי נאָר דער שמיד פלעגט זיך נעמען צום עסן, אַזוי האָט דער הונט זיך גלײַך אופגעכאַפּט און געלאָזט זיך גיין צום טיש. באַמערקנדיק די טעווע פונעם הונט, האָט אים דער שמיד געזאָגט:

„אַך דו, נידערטרעכטיקער קעלעוו וואָס דו ביסט! דאָס קנאַלן פונעם האַמער וועקט דיך ניט אוף, אָבער ווען די ציינער הייבן אָן צו קנאַקן, ביסטו גלײַך דאָ“.

פונקט אַזוי:

פאַראַן מענטשן, וועלכע הערן דאָס, וואָס זיי געפעלט, אָבער דאָס, וואָס זיי געפעלט ניט, הערן זיי ניט.

דער הונט און דאָס שטיקל פלייש

א הונט האָט איינמאָל אַרויסגעכאַפּט א שטיק פלייש פון דער יאַטקע און מיט אים געלאָזט זיך שווימען איבערן טײַך. דאָ האָט ער באַמערקט, אַז דאָס אָפּגעשפּיגלטע שטיק פלייש אין וואַסער איז גרעסער איידער דאָס פלייש, וואָס ער האַלט אין מויל. האָט ער אַוועקגעוואָרפן דאָס פלייש פון מויל, און געלאָזט זיך כאַפּן די אָפּשפּיגלונג אין טײַך.

דערווײַל האָט א וואָראָנע אויסגעכאַפּט דאָס פלייש. אומקערנדיק זיך מיט גאָרנישט, האָט דער הונט צו זיך אַליין געזאָגט:

„א מיצווע אוף מיר! איך האָב געוואָלט באַקומען א סאַך, האָב איך אָנגעווירן דאָס ווייניקע, וואָס איז געווען אין מויל“.

דאָס איז א לערע קעגן די, וועלכע זײַנען זשעדנע צו אַזוינס, וואָס זיי ווייסן ניט, וואָס דאָס איז.

דער לייב, די מויז און דער פוקס

א לייב, ווען די זון האָט שטאַרק געברענט, איז אַוועק אין א הייל אָפּצורוען. און ווען ער איז אַנשלאָפן געוואָרן, איז איבער אים איבערגעשפּרונגען א מויז. דער לייב האָט זיך אופגעכאַפּט און איז דערפון אופגעבראַכט געוואָרן. מיט א גרויזאַמען לייבישן קויעך האָט ער אָנגעהויבן וואַרפן זיך אַהין און אַהער און שפּרינגען.

דאָס האָט באַמערקט דער פוקס און האָט דעם לייב אויסגעלאַכט.

דער לייב האָט אים געזאָגט:

„ניט אויס מוירע בין איך אַזוי אויסער־זיך געוואָרן, נאָר פון עקל“.

דער מוסער־האַסקל דערפון איז:

עקל און פאַראַכטונג איז פאַר גרויסע לײַט שווער, ווי דער טויט.

דער לייב און דער אָקס

א לייב האָט געוואָלט אופעסן א געזונטן אָקס, נאָר ס'האָט דעם לייב ניט געסטײַעט קיין קויעך אים צו באַזיגן. האָט ער דעם אָקס אײַנגעלאַדן צו זיך אוף א סודע. „איך האָב א שעפּעלע געהאַרגעט, — האָט ער אים געזאָגט, — קום צו מיר, וועלן מיר דאָס צוזאַמען אופעסן“.

דער אָקס איז געקומען צום לייב. דאָ האָט ער דערזען א סאַך האָלץ און גרויסע קעסלען, וואָס זײַנען געווען פאַרגרייט און געשטאַנען איינע לעבן אַנדערן. האָט גענומען דער אָקס זיך אומקערן צוריק. האָט אים דער לייב געפרעגט:

„פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרקערעוועט אוף גיין צוריק?“

האָט אים דער אָקס געענטפערט:

„ווײַל איך זע, אַז די צוגרייטונגען זײַנען געמאַכט געוואָרן ניט אוף צו קאָכן א שעפּעלע, נאָר פאַר א גרויסן אָקס“.

די קאַוואָנע איז:

זאָל קיין מענטש ניט האָבן קיין צוטרוי צו זײַן סוינע.

די פלעדערמויז, די מעווע און דער דאָרנבוים

א פלעדערמויז, א מעווע און א דאָרנבוים, וואָס וואַקסט אין גאָרטן, זײַנען אין א געוויסער צײַט געווען שוטפים, געמיינזאַם געפירט האַנדלס־איניאָנים. די פלעדערמויז האָט אָנגעבאָרגט א סאַך זילבער, די מעווע האָט געבראַכט א מענגע קופּער, און דער דאָרנבוים פון גאָרטן האָט אַרײַנגעטראָגן אָן א שיר קליידער און אָנטועכץ. זיי האָבן אַלץ אַרופגעלייגט אוף א שיף און זײַנען אָפּגעשווומען פון ברעג. אונטערוועגנס איז זיי באַפאַלן א שטאַרקער שטורעם, וואָס האָט געוואָרפן די שיף אין אַלע זײַטן און האָט זי אַזוי צעטרייסלט, אַז ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען אַלץ, וואָס מע האָט אין איר אַרײַנגעלייגט.

אָט דערפאַר טאַקע באַווײַזט זיך ניט אַדרײַעם די פלעדערמויז באַטאָג, ווײַל זי האָט מוירע פאַר די קרעדיטאָרן, בא וועמען זי האָט זיך אָנגעבאָרגט; די מעווע שטייט ביז הײַנט־צו־טאָג אין וואַסער און הערט ניט אוף צו זוכן דאָס פאַרלוירענע קופּער; דער דאָרנבוים זוכט נאָך אַלץ די פאַרלוירענע בגאָדים, ער טשעפּעט זיך צו צום געוואַנט פון יעדן דורכגייער, ווײַל ער טראַכט, אַז עפּשער איז דאָס זײַנס א קלייד.

דאָס לערנט:

א סאַך מענטשן היטן זיך אין שווערע צײַטן פון עפּעס, און אַפילע דערנאָך, ווען די צײַטן ענדערן זיך, הערן זיי ניט אוף צו היטן זיך פון אַזוינס, וואָס קאָן ניט געמאָלט זײַן.

א הונט און א בער

א הונט האָט פאַרפאָלגט א בער און שטאַרק באַרימט זיך מיט דעם אייגענעם קויעך און מיט דער שנעלקייט פון זײַנע פיס. אים האָט זיך געדוכט, אז צוליב זײַן גווורע אַנטלויפט פון אים דער בער.

האָט זיך דער בער צו אים אָנגערופן:

„ניט פאַר דיר האָב איך מוירע, נאָר פאַר דײַן באַלעבאָס, וואָס פאַרפאָלגט מיך צוזאַמען מיט דיר״.

דאָס לערנט:

זאָל קיינער מיט פרעמדער קראַפט זיך ניט באַרימען.

דאָס ייִנגעלע און דער סקאָרפּיאָן

א ייִנגעלע איז געשטאַנען אף יענער זײַט שטאָט־מויער און געכאַפּט היישעריקן. אז ער האָט דערזען א סקאָרפּיאָן, האָט ער אים אויך אָנגענומען פאַר א היישעריק און אויסגעשטרעקט די האַנט, קעדיי אים צו כאַפּן. דער סקאָרפּיאָן האָט אופגעהויבן זײַן שטאַכעל און געזאָגט צו אים:

„ווען דו וואָלסט מיך געכאַפּט, וואָלט איך אזוי געמאַכט, אז דו וואָלסט אָפּגעלאָזט אַלע היישעריקן, וואָס דו האָסט ביז אהער געפאַנגען״.

דער מוסער־האַסקל איז:

היט זיך פאַר אזא סוינע, אף וועלכן דו האָסט ניט געוואָרט.

די מורעשקע און דער שמעטערלינג

א מורעשקע פלעגט ווינטער עסן דאָס ווייץ, וואָס זי האָט צונויפגעזאַמלט פאַר זיך זומער. איינמאָל, נאָך א רעגן, האָט זי אַרויסגעלייגט דאָס ווייץ זיך טריקענען אף דער זון. ווען דאָס האָט באַמערקט דער שמעטערלינג, האָט ער געבעטן א ביסל ווייץ פאַר זיך.

דערויף האָט אים געענטפערט די מורעשקע:

„פאַרוואָס האָסטו זומער פאַר זיך ניט פאַר־גרייט קיין שפּײַז?״

„דעם גאַנצן זומער האָב איך קיין צײַט ניט געהאַט. כ׳האָב געהאַלטן אין איין זינגען״, — האָט געענטפערט דער שמעטערלינג.

ווען די מורעשקע האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך שטאַרק צעלאַכט. זי האָט באַהאַלטן דאָס ווייץ און געזאָגט:

„א גאַנצן זומער האָסטו געהאַלטן אין איין זינגען, גיי זשע טאַנץ א גאַנצן ווינטער״.

דער מוסער־האַסקל איז קעגן די, וואָס ווילן גאָרנישט ניט טאָן און זיי פאַטערן די צײַט אומזיסט.

די ציג און דער וואָלף

א ציג האָט זיך געפּאַשעט אף א פעלדז. ווען א וואָלף האָט זי דערזען, האָט ער געוואָלט זי כאַפּן און אופעסן. ער האָט אָבער ניט באַ־שלאָסן בא זיך אַרופצודראַפּען זיך אפן מעשוּ־פּעדיקן פעלדז, האָט ער געזאָגט:

„פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזט דעם פּרוכטבאַרן טאָל? מיטאָמאָל האָט זיך דיר גאָר פאַרגלוסט זיך פּאַשען אפן פעלדז. דאָרט איז דאָך סאַקאָ־נעס־נעפּאָשעס!״

האָט די ציג אים געענטפערט:

„מיר איז גאַנץ גוט באַוווּסט, וויִאַזוי דו קיי־מערסט זיך צוליב מיר מער ווי וועגן זיך אַליין. אינדערעמעסן טראַכסטו דאָך, אז וויבאַלד נאָר איך וועל זיך אַראָפּלאָזן אין טאָל, וועסטו מיך גלײַך אופעסן״.

די קאַוואָנע איז קעגן די מענטשן, וועלכע גיבן אייצעס אַנדערע — ניט ס׳זאָל יענע גוט זײַן, נאָר קעדיי באַקומען נוצן פאַר זיך אַליין.

די טשערעפּאַכע און דער האָז

א טשערעפּאַכע און א האָז האָבן זיך אַמאָל געוועט, ווער פון זיי עס לויפט גיכער. פאַר א ציל, וווּהין מע דאַרף לויפן, האָבן זיי באַ־שטימט א געוויס אָרט. דער האָז, זײַענדיק זיכער אין זײַן פלינקײַט, האָט זיך נאַכלעסיק באַצויגן צום געוועט, זיך געלייגט שלאָפן. אַנ־דערש האָט געהאַנדלט די טשערעפּאַכע. זי האָט גוט געוווּסט, ווי שווער ס׳באַוועגן זיך אירע פיס, און איז געלאָפן אָן אופהער, אויך דעמלט, ווען דער האָז איז געשלאָפן.

צום ציל איז די טשערעפּאַכע געקומען די ערשטע.

דער מוסער־האַסקל איז:

זאָרגזאַמקײַט און באַשטענדיקײַט זײַנען בע־סער, איידער זעלבסטצופרידנקײַט און זאָרגלאָ־זיקײַט.

די זון און דער צאָפן־ווינט

די זון האָט פאַרפירט א געוועט מיטן צאָפן־ווינט: ווער פון זיי וועט אַראָפּצִיען גיכער די קליידער פון א מענטשן.

ווען דער צאָפן־ווינט האָט אָנגעהויבן שטאַרק בלאָזן אף א דורכגייער, האָט דער מענטש זיך בעסער פאַרדעקט און זיך געהיט, אז דער ווינט זאָל ניט אַראָפּצִיען פון אים דאָס אָנטאָן. דאַן האָט אָנגעהויבן די זון שטאַרק צו וואַרעמען. ס׳איז דעם מענטשן געוואָרן הייס. האָט ער זיך אויסגעטאָן און דאָס אָנטאָן אוועקגעלייגט אף דער ערד.

דאָס לערנט:

אַלץ קאָן מען מאַכן אָן א באַזונדערן טומל.

דער פוקס און דער לייב

א פוקס האָט געזען א געפאנגענעם לייב אין א הייל. האָט זיך דער פוקס אוועקגעשטעלט פארן ארײַנגאנג אין הייל און האָט געזידלט דעם לייב אַף וואָס די וועלט שטייט. דאן האָט דער לייב זיך אָנגערופן:

„ניט מיך זידלסטו, נאָר מײַן אומגליק”.

פונדאנען איז געדרונגען:

ווען אן אומגליק טרעפט הויכע לײַט, ווערן זיי געזידלט פון די סאמע נידעריקע.

דער הונט און דער האָז

א הונט האָט דעריאָגט א האָז, צעביסן אים און געלעקט זײַן בלוט. דער האָז האָט געמיינט, אז דער הונט קושט אים, האָט ער געזאָגט צו אים:

„איינס פון די ביידע: אָדער קוש מיך, ווי א גוטערפרײַנט, אָדער בײַס מיך, ווי א סוינע”.

די קאוואָנע איז קעגן די פאלשע ברײַעס, וואָס ווײַזן איינצײַטיק ארויס סײַ פאלשקײַט, סײַ ליבע.

דער כאזער

איינער א מענטש האָט ארופגעלייגט אַף אן אייזל א ציג, א שעפעלע און א כאזער. געפירט האָט ער זיי אין מארק ארײַן, קעדיי צו פאר־קויפן אַף יאָמטעוו. דאָס שעפעלע און די ציג האָבן געשוויגן. דער כאזער, פארקערט, האָט געהאלטן אין איין כריוקען און איבערקערן וועלטן. האָט אים דער באלעבאָס געפרעגט:

„אָ, דו ערגסטער פון אלע באשעפענישן! פארוואָס שווײַגן די ציג און דאָס שעפעלע, און נאָר דו האלטסט אין איין כריוקען?”

האָט אים דער כאזער געענטפערט:

„יעדערער ווייסט, וואָס אים טוט ווײ. וואָס דערוואַרט די ציג? מע מעלקט זי אויס און מע שיקט זי צוריק צו די ציגן. וואָס דערוואַרט דעם שעפעלע? מע שערט עס אָפּ און מע שיקט עס צוריק צו די שאָף. מיך פירט מען איצט ניט אַף צו אָפּשערן דאָס וואָל און ניט אַף צו אויסמעלקן, נאָר אין בוינע ארײַן”.

ס'איז דאָך באוווּסט, אז מענטשן, כאָטש זיי זײַנען ניט שולדיק, און קיינער האלט זיי ניט פאר קיין שולדיקע, פארשטייען גאנץ גוט, פאר־וואָס זיי דארפן דײַגען און וואָס פארא צאָרעס עס שטייט זיי פאָר.

דער מענטש און דער הונט

איינעם א מענטש האָט א הונט א ביס געטאָן. דער מענטש איז געגאנגען און געזוכט א רוי־פע. באגעגנט אים א כאווער און גיט אים אן אייצע:

„באשמיר מיט דײַן בלוט א שטיקל ברויט און וואַרף עס דעם הונט, וואָס האָט דיך א ביס געטאָן”.

„וואָס? — האָט זיך אָנגערופן דער געליטע־נער. — ס'וועלן זיך דערוויסן אלע איבעריקע הינט פון שטאָט און וועלן אלע מיך בײַסן”.

ס'איז באוווּסט:

א שלעכטן מענטשן וועסטו מיט קיין שום גאָב ניט מאכן בעסער.

דער מענטש און דער לייב

א מענטש און א לייב זײַנען צוזאמען גע־גאנגען און דיסקוסירט וועגן קויעך: ווער פון זיי איז שטארקער?

נאָכדעם, ווי דער לייב האָט מיט רייד גע־וואָלט דערווײַזן, אז ער איז שטארקער, האָט דער מענטש געוואָרפן א בליק אַף א שטיינער־נער סקולפטור. דאָרט איז געווען אויסגעהאקט א לייב, וואָס א מאן ווארגט אים. דער מענטש האָט געקוקט אַף דער סקולפטור און גע־שמייכלט.

רופט זיך אָן דער לייב:

„וואָלטן מיר, לייבן, געהאט אייגענע מאָלער און סקולפטאָרן, וואָלסטו ניט געזען א מענטשן, וואָס ווארגט א לייב, נאָר, פארקערט, א לייב, וואָס ווארגט א מענטשן”.

דאָס לערנט:

עס פאסט ניט, אז א מענטש זאָל רופן זײַנע שטוביקע אלס איידעס.

דער פישער און די מאלפע

א פישער האָט געכאפט פיש. ווען דאָס האָט באמערקט א מאלפע, האָט זי געוואָלט זײַן ענ־לעך צום פישער.

די זון האָט דאן שטארק געברענט, איז דער פישער ארײַן אין א הייל, קעדיי א ביסל אָפּ־קילן זיך. און די נעץ האָט ער געלאָזט באם טײַך. דאן איז געקומען די מאלפע און גענומען די נעץ. און אז זי האָט געוואָלט די נעץ אויס־שפרייטן, האָט זי זיך אין איר פארפלאָנטערט און זיך שיר ניט דערוואָרגן.

ווען דאָס האָט דערזען דער פישער, האָט ער געזאָגט צו דער מאלפע:

„דײַן אומזין האָט דיך אומגעבראכט, ווײַל דו האָסט זיך געיאָגט נאָך פוסטע זאכן”.

דער מיין איז קעגן די, וועלכע ווילן זײַן ענלעך צו אנדערע מיט אזוינס, וואָס איז קעגן זייער טעווע.

■ ■ ■

פּאָלעמיק

מי וואָמי האַהוילכים?[1]

פאַר די סאַכאַקל 12 יאָר פון זײַן לעבנסוועג האָט „סאָוועטיש היימלאנד" שוין באַוויזן צו אופהייבן און דרייסט באַהאנדלען א היפּש ביסל פראַגן און פּראָבלעמען — ליטעראַרישע, געזעלשאפטלעכע, אפילע וויסנשאפטלעכע. די וויסנשאפטלעכע פּראָבלעמען באַלאַנגען, צווישן אַנדערס, צו פילאָלאָגיע — צו שפּראַך־פראַגן. וועלכע זײַנען אופגעקומען און באַהאנדלט געוואָרן אף די זײַטן פונעם זשורנאַל מיט גענוג טעמפּעראַמענט אין צוזאַמענהאַנג מיטן גרייטן צום דרוק דאָס קאַפּיטאַלע רוסיש־ייִדישע ווערטערבוך (דער מאַנוסקריפּט פונעם ווערטערבוך איז צוערשט אָנגעשריבן געוואָרן מיט יאָרן צוריק, איצט האָט עס איבערגעאַרבעט און צוגעגרייט צום דרוק א גרופּע לינגוויסטן אונטער דער אָנפירונג פון מוישע שאַפּיראָ). די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל האָט אין גאַנג פון דער אַרבעט איבערן ווערטערבוך (אין נאָיאַבער 1966) צונויפגערופן א ספּעציעלע שפּראַך־באַראַטונג, וועלכע האָט אַלזײַטיק באַהאַנדלט די געהעריקע שפּראַך־פראַגן. די מאַטעריאַלן פון דער באַראַטונג האָבן זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד" און האָבן געהאַט א גרויסן רעזאָנאַנס צווישן די ליבהאָבער פון ייִדיש. נאָך ביז איצט פאַרנעמען זיי א בעקאָוועדיק אָרט אין דער אַרבעט פון די ייִדישע לינגוויסטן.

טאַקע דעם דאָזיקן ווערטערבוך איז געווידמעט דאָס גרעסערע אַרטיקל פון מוישע שאַפּיראָ „אייניקע נאָרמאַטיווע פראַגן פון ייִדיש", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן הײַנטיקס יאָר אין די נומערן 4 און 5 פון „סאָוועטיש היימלאנד". דער אווטאָר אינפאָרמירט די לייענער, וויאַזוי אינעם ווערטערבוך זײַנען פאָרגעשטעלט די לעקסיק און גראַמאַטיק פון ייִדיש, ער דערציילט, וויאַזוי עס זײַנען געלייזט די פראַגן פון אויסלייג. ווי מיר ווייסן, וואַרטן די לייענער אופן ווערטערבוך מיט אומגעדולד. דערווײַל האָבן זיי אָבער גאָר א קנאַפּע פאָרשטעלונג וועגן זײַן פאָנעם און קאָנסטרוקציע. דערפאַר טאַקע האָט דאָס אַרטיקל פון מ. שאַפּיראָ גאָר א גרויסן ווערט.

מע דאַרף דאָ באַמערקן, אַז דער וואָרט פורנעם אַרטיקל וואָלט געווען אָן א שיר גרעסער, ווען עס וואָלטן אין דער אַרבעט איבערן ווערטערבוך פולשטענדיק אָפּגעהיט געוואָרן די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, וועלכע זײַנען א געזעץ פאַר אַלע ווערטערביכער, וואָס עס גיט אַרויס דער פאַרלאַג „סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע", צי דער פאַרלאַג פון אויסלענדישער ליטעראַטור, אָדער אַנדערע סאָוועטישע פאַרלאַגן. דער טאָך פון אָט דער דעמאָקראַטיע באַשטייט דערין, וואָס גלײַכצײַטיק מיט דער אינערלעכער רעדאַקציע־אַרבעט איבער א ווערטערבוך ווערט צוגעגרייט א רעשימע, אויב ניט פון אַלע, איז לעכאָלהאַפּאָכעס פון די וויכטיקסטע ווערטער, וועלכע וועלן אַרײַן אינעם בוך (אין רוסיש הייסט אַזאַ רעשימע „סלאָווניק"). די רעשימע ווערט באַצײַטנס פאַרשפּרייט צווישן די לינגוויסטן, זשורנאַליסטן, ליטעראַטן, שפּראַך־אַקטיוויסטן און אַלע אַנדערע קינפטיקע געברויכער פונעם ווערטערבוך. אַזויאַרום ווערט היפּש פאַרברייטערט דער קרײַז אומדירעקטע און דירעקטע מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע. די שטרײַט־פראַגן ווערן געלייזט קאָלעקטיוו, אף א דעמאָקראַטישן אופן, ניט בלויז לויטן ווילן פון באַזונדערס הויכגעשטעלטע פערזענלעכקײַטן. לײדער איז אין געגעבענעם פאַל פון דעם אַלעם קיין זייכער ניט געווען, צו קיינעם, אפילע צו די סאַמע אַקטיווע קינפטיקע געברויכער פונעם בוך, האָט מען זיך ניט געווענדעט נאָך הילף באַם לייזן ערנסטע ספייקעס, וועלכע שפּילן די וויכטיקסטע ראָליע אין אַזאַ בוך. אַלץ האָט זיך געדרייט אין דעם ענגן קרײַז פונעם קאָלעקטיוו, וואָס האָט געגרייט דאָס ווערטערבוך צום דרוק. אין בעסטן פאַל זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן הויך־טעאָרעטישע און ענלעכע אַרטיקלען, וועלכע האָבן אָבער קיין קאָנקרעטע שטרײַט־פראַגן ניט געלייזט. אינעם דערמאָנטן אַרטיקל פון מוישע שאַפּיראָ ווערט טאַקע אַזוי געזאָגט וועגן די ספייקעס: „מיר" האָבן באַשלאָסן, „מיר" האָבן איבערגעלאָזט די אָדער יענע פאָרם, „מיר" האָבן דאָס אָפּגעוואָרפן, דאָס אָנגענומען, — מיר, מיר, מיר...

ווער איז דער „מיר"? מי וואָמי האַהוילכים?

דער קינפטיקער געברויכער פונעם ווערטערבוך וועט, ווי מיר זעען, געשטעלט ווערן

---

[1] בוכשטעבלעך — ווער זײַנען די מיטגייער? דאָ: ווער מיינט מען מיטן וואָרט „מיר".

פאַר אַ געשעענעם פאַקט, מעגן אים געפעלן ווערן די אַנגענומענע קלאָלים פון לעקסיק, גראַמאַטיק, דער אויסלייג, אָדער ניט געפעלן ווערן.

ווען מע לייענט דאָס דערמאָנטע אַרטיקל פון מוישע שאַפּיראָ, דערפילט מען אָבער, אַז פיל קינפטיקע לייענער פונעם ווערטערבוך וועלן ניט מיט אַלץ זײַן מאַסקים. דאָס איז קלאָר כאָטש שוין דערפון, וואָס די צונויפשטעלער און רעדאַקטאָרן פונעם ווערטערבוך זײַנען מענטשן, וועמען עס איז אַמערסטן נאָענט דער דיאַלעקט פון ייִדיש, וואָס איז אַנגענומען אין אוקראַיִנע, און זיי באַציִען זיך נעגאַטיוו צו די דיאַלעקטן פון די „ליטוואַקס צײלעם־קעפּ".

אין ווײַסרוסיש־ליטווישן ייִדישן דיאַלעקט נוצט מען, ווי באַוווּסט, דעם מין די קאָפּ, אָבער אין דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע, וואָס פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן אין מינסק, איז שטענדיק געווען דער קאָפּ, ווי עס איז אָנגענומען אין דער ליטעראַרישער שפּראַך. מע קאָן אָבער דאָס זעלבע ניט זאָגן בענעגייע די ליבהאָבער פונעם אוקראַיִנישן ייִדישן דיאַלעקט: אין דער ליטעראַטור, וואָס פלעגט דערשײַנען אין מאָסקווע און מינסק, פלעגט מען שרײַבן דאָס בוך, אין קיִעוו — שטענדיק דער בוך. אַז מע זאָגט „אַם קשיי אוירעף", איז דאָך ניט שײַעך!.. אין באַהאַנדלטן מוישע שאַפּיראָס אַרטיקל איז טאַקע אַזוי געזאָגט: „מיר האָבן איבערגעלאָזט אין ווערטערבוך דער בוך"... איז זאָל, הייסט עס, דער „ליטוואַק", וואָס וועט זײַן דער קינפטיקער געברויכער פונעם בוך, שרײַען כײַ־וועקײַעם...

איצט קאָנקרעט וועגן דעם אַרטיקל „אייניקע נאָרמאַטיווע פראַגן פון ייִדיש". אין צוויי ערטער דיסקוסירט מ. שאַפּיראָ מיטן אויטאָר פון דער דאַזיקער רעפּליק. קעדיי קאָנען געבן אַ קלאָרן ענטפער אַף מ. שאַפּיראָס דערווידערונגען קעגן מײַנע אַרויסזאָגונגען, בין איך געצוווּנגען צו ברענגען אַ גרעסערע ציטאַטע פונעם געהעריקן אָרט אין זײַן אַרטיקל. מוישע שאַפּיראָ שרײַבט: „מיר איז שטענדיק סימפּאַטיש כ' איטקאָוויטשעס קאָנסעקווענטקײַט אין קאַמף פאַר די סאָוועטישע שרײַב־טראַדיציעס אין ייִדיש, און אָפּט איז ער בעפּיירעש גערעכט (זאָל מיר דאָ דערלויבט זײַן אויסצודריקן מײַן דאַנק דעם כ' שאַפּיראָ פאַר אַ פרײַנטלעך וואָרט. — מ. אי.), אָבער"... אין אינטערנאַציאָנאַלן וואָרט־שטאַף, וואָס האַלט אין איין אַרײַנדרינגען ערשט די לעצטע יאָרן אין ייִדיש — פון רוסיש, דורך רוסיש — איז די לאַגע אַנדערש. „וויאַזוי איבערזעצן (? — מ. א.): כאָקיי צי האָקיי? מיוזיק־כאָל צי מוזיק־האָל? וועגן ליטעראַרישע טראַדיציעס איז דאָ ניט שײַעך צו ריידן. אין אַ סטירע קומען דאָ צוויי פּרינציפּן — איינהײַטלעכקײַט פון ייִדיש און אַלפאַלקישער באַנוץ אין אונדזער לאַנד. אַזוי איז עס אויך מיט די אייגננעמען — געאָגראַפישע נעמען, פּערזאָן־נעמען אדג. כאָנאַי צי האָנאַי? באַרביוס צי באַרביס? ראָקועל צי ראָקוועל?.. איין זאַך איז דער פאַל, ווען דער קלאַנג h פון דער אַנטשפּרעכיקער אייראָפּעיִשער שפּראַך ווערט אינעם רוסישן אַדעקוואַט איבערגעגעבן דורכן קלאַנג г (און אָס гармония, гипер-бола). אָן אַנדער זאַך איז, ווען דער ענגלישער h ווערט אין רוסיש אַרויסגערעדט (און אין שריפט באַצייכנט) ווי x. אין ערשטן פאַל קאָנען מיר זיך סוימעך זײַן אַף דער שרײַב־טראַדיציע אינעם ליטעראַרישן ייִדיש: דעם רוסישן г אַנשטאָט דעם אינטערנאַציאָנאַלן h (אומאָפּהענגיק פון דער שטאַם־שפּראַך) פלעגט מען שטענדיק איבערגעבן אין ייִדיש דורכן ה (היפּערבאָל, האַרמאָניע). אין צווייטן פאַל ווייסן מיר ניט פון קיין טראַדיציעס.

ס'זעט דעריבער ניט אויס אַזוי ווילד... די פּראַקטיק פונעם „בירעבידזשאַנער שטערן". די צײַטונג אַדרעסירט איר וואָרט צום ייִדישן לייענער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, צום ייִדישן סאָוועטישן לייענער בכלל. און אַט דעם לייענער איז מעשונעדיק צו הערן (און צו לייענען) וועגן עפּעס אַ האָנאַי, עפּשער אַפילע אַנאַי... די ייִדישע יוגנט פון ביראָבידזשאַן ווייסט בלויז פון אַזאַ ספּאָרטיוון טערמין, ווי כאָקיי, און „האָקיי" צי עפּשער „אָקיי" וואָלט איר מיסטאָמע אויסגעזען ווילד. דער סאָוועטיש־ייִדישער לייענער פון אויסלענדישער ליטעראַטור ווייסט ניט פון קיין שרײַבער באַרביס, ער ווייסט בלויז באַרביוס".

די געבראַכטע ציטאַטע באַווײַזט אַן איבעריק מאָל, ווי אין אַ זייער אינטערעסאַנטן, נוצלעכן און באַגרינדעטן אַרטיקל קאָן מען, צומאָל אומגערן, צוליב פּאַשעטער צעשטרייטקײַט, דערלאָזן אַ פּלאָנטער.

ווי קאָן מען שטעלן די פראַגע, וויאַזוי איבערזעצן כאָקיי צי מיוזיק־כאָל? די פראַגע דאַרף דאָך זײַן, וויאַזוי אויסלייגן, ניט וויאַזוי איבערזעצן. מוישע שאַפּיראָ שרײַבט: „וועגן אַ ליטעראַרישער טראַדיציע איז דאָ ניט שײַעך צו ריידן". דערלויבט צו פרעגן: פאַרוואָס? אויב וועגן דעם טערמין כאָקיי קאָן מען זאָגן, אַז ער דרינגט אַרײַן אין ייִדיש בלויז די לעצטע יאָרן, ווײַל דאָס איז אַ נײַע שפּיל, וואָס איז אופגעקומען ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, דעריבער איז נאָך ניטאָ קיין שפּראַך־טראַדיציע אין זײַן ייִדישן אויסלייג, איז אָבער אַזאַ וואָרט, ווי מיוזיק־כאָל, ווײַט ניט נײַ. אין מאָסקווער „איינִיקײַט" איז עס פיל מאָל דערמאָנט געוואָרן, און, פאַרשטייט זיך, מוזיק־האָל. דאָס ענגלישע וואָרט hall (אין רוסיש холл, אין ייִדיש האָל) איז ניט געווען קיין נײַס אויך אין „עמעס", מע קאָן דאָס וואָרט טרעפן אויך אינעם בוך פון אַלעקסיי טאָלסטאָי „דער היפּערבאָלאָיִד פונעם אינזשעניער גאַרין", וואָס איז דערשינען אין די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש. עטוואָס נײַער איז דאָס וואָרט מיוזיקל, אָבער דאָ רעדט זיך דאָך וועגן Мюзик холл, ניט וועגן מיוזיקל. מאָדנע קלינגט דאָ די באַהויפּ־

טונג, אַז אין אַזאַ פאַל „קומען אין א סטירע צוויי פּרינציפּן: אייניהײַטלעכקײַט פון יידיש און אלפאַלקישער באַנוץ אין אונדזער לאַנד”. פאַרוואָס קומט דאָ אייניהײַטלעכקײַט פון יידיש אין סטירע מיטן אַלפאָלקישן באַנוץ אין אונדזער לאַנד? צי דען שרײַבט מען און מע זאָגט אין די שפּראַכן פון אַלע סאָוועטישע פעלקער נאָר כאָקיי? נאָר מיוזיק־כאָל?

מ. שאַפּיראָ באַמערקט, אַז „אַזוי איז אויך מיט אייגננעמען”: כאַנאָי, באַרביוס, ראָקועל. דערלויבט צו פרעגן: אָט די נעמען זײַנען אַריבער אין יידיש טאַקע נאָר פון רוסיש? קיין אויסלענדישע שפּראַכן קענען די סאָוועטישע יידן לאַכלוטן ניט? פאַרשטייט זיך, ווייניק מענטשן בײַ אונדז אין לאַנד קענען וויעטנאַמיש, אָבער די וויעטנאַמישע ליטעראַטור דרוקט זיך דאָך אויך אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע, דעמלט איז געוויס האַנאָי. פאַרוואָס קאָן א וויעטנאַמיש בוך, געדרוקט אין א לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע, ניט דערגיין צום יידישן סאָוועטישן לייענער? אין די סאָוועטישע קראָמען פאַרקויפט מען אָפט וויעטנאַמישע שפּײַז־פּראָדוקטן, וווּ אויף דער עטיקעטקע שטייט Hanoj (האַנאָי). פאַר סאָוועטישע יידן איז דאָס דען ניט צוטריטלעך אָדער ניט פאַרשטענדלעך? איר שרײַבט, כאַשעווער כאַווער שאַפּיראָ, אַז „דער סאָוועטיש־יידישער לייענער פון אויסלענדישער ליטעראַטור ווייסט ניט פון קיין שרײַבער באַרביס, ער ווייסט בלויז באַרביוס”? איך לייג אײַך פאָר אַרײַנגיין מיט מיר אין יידישן אָפּטייל פון דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק, דאָרט ליגט די יידישע איבערזעצונג פון באַרביסעס בוך „פײַער”, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן „עמעס”־פאַרלאַג. אויף דער הילע שטייט קלאָר מיט יידישע אותיות „אַנרי באַרביס”, ניט באַרביוס. אין „סאָוועטיש היימלאַנד” ווערט אויך אָפט דערמאָנט דער נאָמען באַרביס, ניט באַרביוס. וואָס שײַך ראָקועל — ראָקוועל, זײַט איר דאָך ניט קיין טינויקעס שעל בייס ראַבאָן, איר האָט דאָך געלייענט די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע נאָך אין די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן, און דאָרט האָט מען שטענדיק געשריבן וואָל־סטריט, ניט וואָל־סטריט. אין יידיש איז גאָר ניט באַוווּסט אַזאַ וואָרט, ווי אוואָל־סטריט. איז דאָס דען ניט קיין טראַדיציע אויף שרײַבן ראָקוועל, ניט ראָקועל? אַגעוו, אין „סאָוועטיש היימלאַנד” איז אויך פיל מאָל געווען ראָקוועל.

די פראַגע איז פיל פּאָשעטער, איידער איר שטעלט זי פאָר: אין רוסישן אַלפאַוויט איז ניטאָ דאָס אָס „ה”, שרײַבט מען אַנשטאָט א „ה” די אותיות «г» אָדער «х». אין דער רוסישער לינגוויסטישער ליטעראַטור איז בעשײַטע אַפילע געווען א פאָרשלאָג וועגן אַרײַנפירן אינעם רוסישן אַלפאַוויט דאָס אָס h, נאָר מע האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, קעדייי ניט אַרײַנטראָגן קיין פּלאָנטער אינעם אויסלייג, ווי מע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פאָרגעלייגטער רעפאָרם אינעם אויסלייג פון רוסיש ביכלאַל. יידיש האָט דאָך אָן אָס „ה”, פאַרוואָס אָפּזאָגן זיך פון אים? בלויז דערפאַר, ווײַל אַזאַ אָס איז ניטאָ אין רוסיש? עס איז אַזוי לײַכט צו אָפּזאָגן זיך פון אָן אָס, זאָל זײַן אַפילע טיילוויַיז?!

ביכלאַל דאַרף מען באַמערקן, אַז, צום באַדויערן, איז אין מ. שאַפּיראָס אַרטיקל דאָס קאַפּיטעלע 4 אינעם אָפּטייל I (לעקסיק) „וועגן רוסישער האַשפּאָע אויפן יידישן שפּראַך־באַניץ” ניט ווי געהעריק באַגרינדעט. מ. שאַפּיראָ רעדט דאָ פּראַקטיש ניט וועגן טראַדיציע, נאָר וועגן אייגענע מיינונגען, אייגענע נאָרמאַטיוון, אייגענע געשמאַקן. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ ערנסטער זאַך, ווי א רוסיש־יידיש ווערטערבוך פון א קאָלאָסאַלן פאַרנעם, איז אַזאַ צוגאַנג ניט דערלאָזבאַר. לאַכלוטן ניט ריכטיק איז די באַהויפּטונג, אַז ווען דער לאַטײַנישער בוכשטאַב h ווערט איבערגעגעבן אין רוסיש מיטן אָס г, ווערט ער אין יידיש אויסגעלייגט מיט א „ה”, אָבער אויב דער h ווערט אין רוסיש איבערגעגעבן דורך א х, איז ניטאָ קיין שום טראַדיציע, ווי אויסלייגן דעם х אין יידיש. עפּשער געדענקט איר, כ׳ שאַפּיראָ, אַז מיט 20 יאָר צוריק איז אין אַמעריקע געווען א פּרעזידענט אייזענהאַוער. אין רוסיש ווערט די פאַמיליע געשריבן Эйзенхауэр. עס איז אוממעגלעך איבערצוציילן, וויפל מאָל אָט די פאַמיליע איז דערמאָנט געוואָרן אין דער צײַטונג „אייניקײַט”, און שטענדיק אייזענהאַוער. איז דאָס ניט קיין טראַדיציע?

איך וויל צוגעבן א פּאָר ווערטער אין שײַכעס צו מ. שאַפּיראָס באַמערקונג וועגן פּאָליטיקעס — פּאָליטיקן. איך בין זיך מוידע, אַז ווײַנרײַכס בוך האָב איך ניט געלייענט, איך קאָן שווערן, אַז די מיטאַרבעטער פונעם „בירָאָבידזשאַנער שטערן” האָבן עס אויך ניט געלייענט. איך ווייס אָבער, אַז ווען דער טראָפּ אין מערצאָל ענדערט זיך לעגאַבע דעם טראָפּ, וואָס קומט אין וואָרט, ווען עס איז געגעבן אין איינצאָל, מעג מען אין א נויט־פאַל איבערשטעלן דעם אַקצענט, אָדער ניט אַזוי שטרענג רעכענען זיך מיט אים. האָט דאָך פּושקין געשריבן музы́ка אַנשטאָט му́зыка, ווען אים איז נייטיק געווען צום ריטם. אין דער שפּראַך קומען פאָר אַזעלכע פאַלן. א ייד, וואָס קען יידיש, זאָגט צוויי פּאָליטיקעס, ניט צוויי פּאָליטיקן (כאָטש אין איינצאָל איז דער אַקצענט אויפן לעצטן טראָף — פּאָליט׳יק). און עס איז אַפילע ניט נייטיק צו איבערשטעלן דעם טראָפּ. א דערלויבעניש אויף אַזאַ אויסנאַם דאַרפן געבן די לינגוויסטן, און זיי האָבן דאָס שוין לאַנג דערלויבט, נאָך ביז ווײַנרײַכן. זאָגן צוויי פּאָליטיקן הייסט פאַרוואַנדלען א גוט וואָרט אין א קריפּל.

עס איז א גרויסער שאָד, וואָס אין אַזאַ וויכטיקן אַרטיקל, ווי מ. שאַפּיראָס, זײַנען אַרײַנגעפאַלן פאַרדריסלעכע טאָעסן. מ. שאַפּיראָ דיסקוסירט מיטן אַוטאָר פון „יוואָ” מ. שעכטער, וואָס האָט געלייענט א פאָרטראָג וועגן לאָשן פון „סאָוועטיש היימלאַנד”. מ. שעכטער פּאַסלט א סאַך ווערטער, וועלכע עס נוצט „סאָוועטיש היימלאַנד”, דערקלערנדיק זיי אַלס דײַטשמע־

ריזמען. מ. שאַפּיראָ דערווידערט, נאָר דערבײַגיט ער צו, אז ניט קעגן דעם גאנצן צעטל דײַטשמעריזמען דערווידערט ער. אין שעכטערס צעטל זײַנען פאראַן ווערטער, וועלכע ער, שאַפּיראָ, האלט אויך פאר דײַטשמעריזמען. אשטייגער: דולדן, גאכטיגאל, זאָרגפעליק, זעלבסטאָפּערונג, שמערץ. מיר דוכט, אז אויסער דעם כ׳ שאַפּיראָ און מ. שעכטערן האָט קיינער ביז איצט אזעלכע ווערטער ניט געהאלטן פאר דײַטשמעריזמען. דאָס זײַנען ווערטער, וועלכע זײַנען אײַנגעבירגערט אינעם פאָלקס־ייִדיש.

מ. שאַפּיראָ לאכט אויס, און גאנץ ריכטיק, די „ייִוואָ“־קרײַזן, וועלכע ציטערן, ווי א פרומער ייִד פאר א ברעקעלע כאָמעץ אום פּייסעך, פאר א וואָרט אָדער אן אויסדרוק, וואָס קאָן ארויסרופן א מינדסטן כשאד, אז עס שמעקט כאָלילע מיט דײַטשמערישקײַט. אין די „ייִוואָ“־קרײַזן לייגט מען פאָר צו נוצן פארן באגריף собственное достоинство אזא וואָרט ווי „אליין־ווערדע“. מ. שאַפּיראָ לייגט פאָר „זיכווערדע“. כאָטש דאָס איז טאקע ניט קיין דײַטשמעריזם, אָבער אויך ניט קיין ייִדיש. א סאָוועטישער ייִד שרײַבט און זאָגט זעלבסטווירדע (אגעוו, דער אדעקוואט פון достоинство איז ווירדע. ווערדע איז עפּעס אנדערס — „עס האָט בא אים א ווערדע פון צען מאָל גאָרנישט“).

עס איז מיר א ווונדער, וואָס אזא קענער פון סאָוועטישן ייִדיש, ווי מ. שאַפּיראָ, שרײַבט „אָנפּארטרויעטער“ (אָנשטאָט אָנפּארטרויטער), „קאָפּענהאגן“ (אָנשטאָט קאָפּענהאגען), „גלידגעשוועסטערקינד“, אָנשטאָט גלידשוועסטערקינד (אזוי זאָגט מען און אזוי איז אויסגעלייגט אין אָרטאָגראפישן ווערטערביכל).

„דאָס צײַג איז א באוולענס“. אזא וואָרט, ווי „באוולענס“, איז א ריינער אוקראַיִנישער פּראָווינציאַליזם. אין ליטעראַרישן ייִדיש איז עס ניטאָ. איז דען א מוז צו איבערכאזערן דאפקע די רוסישע אדיעקטיווע פאָרם хлопчато-бумажный? זאָגט מען דען ניט „דאָס צײַג איז פון באוול“?

„פארבעטן איז פאמיליערער, היימישלעכער, אומגענגלעכער“. „פאמיליערער“ איז א קריפּל, ניט קיין וואָרט. ייִדישלעך איז „פאמיליארישער“.

די פראגע, צי דארף מען שרײַבן „צונגען“ אָדער „צינגער“, איז אן אויסגעטראכטע. אָט דעם פּלאָנטער האָט ארײַנגעטראָגן דאָס מינסקער ווערטערבוך פון ס. ראָכקינד און ה. שקליאר. פון שטענדיק אָן פלעגט מען שרײַבן אין ייִדיש פּײַער־צונגען, אָבער לאנגע צינגער.

מע דארף זאָגן און שרײַבן „אין די דערשינענע בענדער“ (ניט „בענד“).

„באזונדערע, פארשיידענע ייִדישן אין פארשיידענע לענדער“. ייִדיש איז א נאָמען פון א שפּראך און קאָן ניט האָבן קיין מערצאָל. ריכטיקער צו זאָגן „פארשיידענע פאָרמען פון ייִדיש“. ייִדיש געהערט ניט צום צווייטן מין, דעריבער איז ניט ריכטיק צו שרײַבן „ייִדיש בלײַבט אן איין־איינציקע אומעטום“ (עפּשער אן איין־איינציקע שפּראך? איז דאָך דאָס אן אבסורד!).

צווישן פליסיקײַטן ווערט אף ז. 171 פאררעכנט סאם (גיפט). סאם איז ניט שטענדיק א פליסיקײַט.

אין „סאָוועטיש היימלאנד“ שרײַבט מען דאָס געשטאלט, ניט די. צוליב וואָס ברעכן די טראדיציע?

ריכטיקער געהיימניס (ניט געהיימניש).

אין ע. פאלקאָוויטשעס לערנבוך „ייִדיש“ איז אָנגעוויזן, אז סובסטאנטיוון מיט די סופיקסן „(ע)ניש“, „(ער)ײַ“ געהערן צום צווייטן מין. פארוואָס וועט אין ווערטערבוך זײַן דאָס אײַלעניש, דאָס לויפעניש, דאָס שטעכעניש, דאָס שנײַדערײַ, דאָס וועבערײַ?

לויט דער טראדיציע האָט מען אין ליטעראַרישן ייִדיש שטענדיק געשריבן די אטעליע, די ביוראָ, די פּאָיע, די קאפּע, ניט ווי עס וועט זײַן אין ווערטערבוך — „דער“.

באלע־גײַווע איז א געקינצלט וואָרט; אף ייִדיש איז אין מערצאָל באלגײַוועס.

מע זאָגט אויסגעהאָפּטן, אָבער ניט אויסגעפאָרבטן, אויסגעהאָנגען, אויך ניט געהאָנגען (די קאָמעצן שטאמען פונעם פּאָדאָליער ייִדיש, ווו מע זאָגט טאָטע, מאָמע).

דער זעלבער כ׳ שאַפּיראָ האָט אין איינעם פון זײַנע ארטיקלען וועגן דעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך געשריבן, אז דער קאָלעקטיוו, וואָס ארבעט אף אים, האלט זיך (מיטן גוטן ווילן צי אפילע קעגן דעם אייגענעם ווילן) באם אָרטאָגראפישן ווערטערביכל, וואָס איז געוואָרן א געזעץ. קומט אוף די פראגע: פארוואָס שרײַבט ער אינעם ארטיקל אינעווייניקסטער (אין אָרטאָגראפישן וו.־ב. אינווייניקסטער)? פארוואָס אייגן־נעמען (אין אָרטאָגראפישן וו.־ב. אייגננאָמען)?

פארוואָס איז „עסבארער“ דער איינציק מעגלעכער אדעקוואט צום רוסישן באגריף съедобный? מע קאָן דען ניט איבערזעצן אין א באשרײַבערישער פאָרם: טויג צום עסן? מע טאָר דאָך ניט זײַן אזוי קנעכטיש באם איבערזעצן! עסבאר איז טאקע צו דײַטשמעריש.

אף זײַט 150 שטייט „דער צעטל“, אף ז. 153 דאָס צעטל. ווי האלטן זיך? נאָך א. זארעצקי האָט אָנגעוויזן, אז ניט יעדעס וואָרט, וואָס ענדיקט זיך אף „ל“, דארף זײַן פון דריטן מין. קיין וואָרט „צעט“ איז ניטאָ, פּונקט ווי ווינקל איז ניט פון ווינק. אזוי ווי ווינקל געהערט צום ערשטן מין, אזוי דארף אויך צעטל געהערן צום ערשטן מין.

„אזוי איז אָנגענומען פון לאנגאָנען אין דער ייִדישער שרײַב־פּראקטיק“. לאנגאָנען איז בעפּיירעש א פּראָווינציאַליזם. מע קאָן עס נוצן אלס א פאָרם פון סטיליזאציע, אין פרעמדע רייד, אָבער אלס א ליטעראַרישע פאָרם ביכלאל — אין קיין פאל ניט.

אגעוו, אינעם קעפּל פונעם קאפּיטעלע 4,

אָפּטייל I (לעקסיק) שטייט „וועגן רוסישער האַשפּאָע אויף ייִדישן שפּראַך־באַניץ”. עטוואָס ווײַטער: „...ווערטער פון אַנדערע שפּראַכן, באַזונדערס — פון אינטערנאַציאָנאַלן באַנוץ”. אין ביידע פאַלן איז „באַנוץ” א סובסטאַנטיוו. פאַרוואָס זשע איז אין איין פאַל „באַניץ” („באַניץ דאַרף זײַן, ווי באַוווּסט, נאָר בא א ווערב), אין צווייטן פאַל — „באַנוץ”?

מע קאָן זאָגן, אַז די אַלע באַמערקונגען זײַנען קלייניקײַטן, אָפּטמאָל טאָעסן פון האַבאַ־כער־האַזעצער (לאַוו־דאַפּקע אין דרוקערײַ, דער האַבאַכער־האַזעצער קאָן זײַן אויך אין רעדאַקציע). אָבער דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן א ווערטערבוך, אַף וועלכן מע האָט אַזוי לאַנג און אָנגעשטרענגט געאַרבעט, אַף וועלכן מע קוקט אַרויס מיט אַזויפיל אומגעדולד, דעריבער קאָנען דאָ ניט זײַן קיין „קלייניקײַטן”. יעדע „קלייניקײַט” איז דאָ פון גאָר גרויסער וויכטיקײַט.

עס ווילט זיך גלייבן, אַז מוישע שאַפּיראָ, וואָס בעט די פאַרינטערעסירטע לייענער צו זאָגן זייער וואָרט וועגן די פראַגן, וועלכע האָבן א שײַכעס צום רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, וועט אַרויסזאָגן קלאָר זײַן מיינונג וועגן די באַמערקונגען, וועלכע זײַנען דאָ געמאַכט. מײַן רעפּליק איז — א פּרינציפּיעלע מיינונג וועגן וויכטיקע פראַגן.

מוישע איטקאָוויטש

אַן ענטפֿער דעם כ׳ מ. איטקאָוויטש

אין מײַן אַרטיקל וועגן נאָרמאַטיווע פראַגן פון ייִדיש איז אויסגעדריקט א האָפֿענונג, אַז פאַרינטערעסירטע לייענער וועלן זאָגן זייערס א וואָרט וועגן די דאָזיקע פראַגן. מ. איטקאָוויטשעס רעפּליק איז דער ערשטער אָפּרוף. אייגנטלעך איז עס ניט קיין רעפּליק, נאָר טאַקע א קריטיש אַרטיקל.

קריטיק אין טאָך — צו דער לעקסיק, צו דער גראַמאַטישער פורעמונג, צום אויסלייג אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך — איז אַוואַדע מער ווי געווונטשן איצט, קאָלזמאַן ס׳זײַנען נאָך מעגלעך אייניקע ענדערונגען. דער כ׳ איטקאָוויטש הייבט אָבער אָן ניט פון טאָכיקער און קאָנקרעטער קריטיק. וועגן דעם זאָגט אונדז שוין דאָס קעפּל פון דער „רעפּליק” — „מי וואָמי האַהוילכים?”. פאַרוואָס גאָר „האַהוילכים”? אָרנטלעכער וואָלט געווען צו זאָגן גלײַך, אָפֿן: „מי וואָמי האַמעכאַברים?”, ווײַל דער מיין איז דאָך גראָד אַזאַ: ווער זײַנען עס די, וואָס האָבן די האָזע אַרופּצוצווינגען אויף קינפּטיקן לייענער „אייגענע נאָרמאַטיוון, אייגענע געשמאַקן?” ווער איז דער „מיר”? מיר האָבן באַשלאָסן, אָפּגעוואָרפֿן, אָנגענומען. „מיר און מיר און מיר”...

איז ענטפֿער איך גלײַך: יאָ, מיר, די פיר צונויפשטעלער פונעם ווערטערבוך, און אויף סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטן עטאַפּ, בײַס דער סקרופּו־ליעזער ביז גאָר מיפּולער רעדאַקטירונג אינע־ווייניק אין פאַרלאַג, אייגנטלעך בײַס דער ענד־גילטיקער קימאַט ראַדיקאַלער איבעראַרבעטונג, מיינט שוין „מיר” בלויז צווייען, — דעם אוי־טאָר פון אָט די שורעס און דעם רעדאַקטאָר מיצאַדן פאַרלאַג. ווײַל צו אונדזער טיפן צאַר, זײַנען די דרײַ קיִעווער מיטאַווטאָרן, אליהעם האַשאָלעם, שוין ניט בעיכוילעס געווען אָנ־טייל צו נעמען אין דער אַרבעט אויף דאָזיקן עטאַפּ.

און נאָך: „מיר” מיינט: די צונויפשטעלער פון א צווייִשפּראַכיקן ווערטערבוך — פון א רוסיש־ייִדישן. און ווײַבאַלד אַזוי, פאַלט אָפּ די טײַנע קעגן אונדזער אַנטידעמאָקראַטישקײַט. אינדערעמעסן, כ׳ איטקאָוויטש לערנט אונדז, ווי ס׳פירט זיך בא לײַטן: מע פאַרשפּרייט צווישן קאָמפּעטענטע טוער א „סלאָווניק”, א רעשימע פון די געטײַטשטע ווערטער, און אַלע שטרײַט־פראַגן ווערן געלייזט קאָלעקטיוו, „אַף א דע־מאָקראַטישן אויפן, ניט בלויז לויטן ווילן פון באַזונדערס הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקײַטן”... איז זאָל ער מיר מוחל זײַן, אונדזער כאָשעווער קריטיקער, — ער איז, זעט אויס, גאָר ווייניק באַקאַנט מיט דער פּראַקטיק פון אַרבעט איבער צווייִשפּראַכיקע ווערטערביכער. דאָס, וואָס ער זאָגט, קאָן טיילווײַז שײַעך זײַן צום גרייטן אַן אַקאַדעמישן איינשפּראַכיקן וו״ב, אַן אויס־טײַטש־וו״ב (толковый словарь), אַזאַ, אַשטייגער, ווי דער „גרויסער וו״ב פון דער ייִדישער שפּראַך”, אויך אַזאַ, וואָס ס׳האָט בעשײַטוי פּלאַנירט דער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בא דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. צווייִשפּראַכיקע ווערטערביכער אָבער ווערן געוויינלעך געשאַפֿן פון באַשטימ־טע מעכאַברים, ניט זעלטן אַף אייגענער אַכ־רײַעס. אין פאַרלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָ־פּעדיאַ” זײַנען דערשינען און ס׳דערשײַנען פאַרשיידנסטע ווערטערביכער פון דעם מין, און סײַ פראַגן פונעם „סלאָווניק” זייערן, סײַ ספּיי־קעס בענעגייע צו די טײַטשונגען און צו דער גראַמאַטישער פורעמונג ווערן געלייזט אינע־ווייניק אין די רעדאַקציעס גופא. דער רוסיש־

ייִדישער וו״ב איז אין דעם פּראַט ניט קיין אויסנאַם. און וועגן וועלכן „סלאָווניק״ קאָן דאָ זײַן אַ רייד? ס׳איז דאָך אַ רוסיש־ייִדישער, ניט קיין ייִדיש־רוסישער ווערטערבוך, און מיט „סלאָווניק״ איז דאָ געמיינט די רעשימע פֿון די ר ו־ ס י ש ע, פֿון די געטײַטשטע ווערטער. און וועגן דעם איז אין פֿאַרלאַג שוין אָנגעזאַמלט אַ היפּשע דערפֿאַרונג בנוגע צום „סלאָווניק״ פֿאַר רוסיש־אַנדערשפּראַכיקע ווערטערביכער פֿון פֿאַרשיידענעם פֿאַרנעם; אונדזערע ייִדישע לייענער וואָלטן דאָ ווייניק וואָס געקאָנט צוגעבן.

ספּייקעס בנוגע צו די טײַטשונגען און צו דער גראַמאַטישער פֿורעמונג, אויך צום אויסלייג פֿלעגן אויפֿקומען אין אונדזער אַרבעט אויף טריט און שריט. דערבײַ איז אויסגעניצט געוואָרן סײַ די פֿאַראַנענע לעקסיקאָגראַפֿישע ליטעראַטור — די ביזרעוואָליוציאָנערע, די סאָוועטישע און די אויסלענדישע, — סײַ נאָטיצן באַם לייענען פּובליציסטישע און קינסטלערישע ליטעראַטור, אין גאָר „שווערע״ פֿאַלן — אויך ספּעציעלע אויספֿרעגן.

און איצט וועגן די קאָנקרעטע קריטישע באַמערקונגען.

1. פֿראַגן וועגן מין. מיר באַציִען זיך, — טײַנעט כ׳ איטקאָוויטש, — נעגאַטיוו „צו די דיאַלעקטן פֿון די ליטוואַקעס ציילעם־קעפּ״, ד״ה. צום ליטוויש־ווײַסרוסישן דיאַלעקט פֿון ייִדיש, מיר זײַנען ליבהאָבער פֿונעם אוקראַיִנישן דיאַלעקט. דערצו — איין־איינציקע אילוסטראַציע — מיר לאָזן אין וו״ב דער בוך, ניט ווי מע פֿלעגט אין מאָסקווע ניצן דאָס בוך. אַ מאָדנע לאָגיק! אויב אין וו״ב בלײַבט דער בוך, וווּ זשע איז דאָ ביטל צום ליטוויש־ווײַסרוסישן דיאַלעקט? אין דעם דאָזיקן דיאַלעקט איז דאָך בעפֿיירעש דער בוך.

פֿאַרוואָס זשע טאַקע פֿאָרט דער בוך און ניט ווי באַ די מאָסקווער — דאָס בוך?

דערויף זײַנען פֿאַראַן געוויסע מאָטיוון: אין די ריידענישן פֿון אוקראַיִנע טרעפֿן מיר דערהויפּט — דער בוך (ווי באַ די קיִעווער), אין ליטע, ווײַסרוסלאַנד — דער בוך. בלויז אין פּוילן, וווּ דער מין־באַניץ איז נעענטער צום ליטעראַריש־דײַטשישן, ניצט מען דאָס בוך. ס׳קומט נאָך צו דער מאָטיוו, וואָס בוך ווערט אָפֿט אויפֿגענומען ווי אַ פֿאַרגרעסערונג פֿון ביכל, פּונקט ווי הוט פֿון היטל, און פֿאַרגרעסער־נעמען זײַנען אין ייִדיש מענלעך. מע דאַרף אויך זיך רעכענען מיטן „גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך״, וועלכער שטיצט זיך אויף אַ מיליאָניקער קאַרטאָטעק. דער נאָמען זײַנער איז „דער גרויסער ווערטערבוך...״ ניט: „דאָס גרויסע ווערטערבוך״.

2. מערצאָל־פֿאָרמעס. צונגען צי צינגער? דאָ ברעכט זיך מ. איטקאָוויטש אין אַן אָפֿענער טיר. „פֿון שטענדיק אָן — שרײַבט ער — פֿלעגט מען שרײַבן אין ייִדיש פּיִער־צונגען, אָבער לאַנגע צינגער״. און באַ מיר? איך זאָג: „ס׳דאַרף, זעט אויס, בלײַבן די צווייענדיקע פֿאָרמע: ...צונגען, צינגער... ס׳שײַנט, אַז דאָ דאַרף מען דיפֿערענצירן סטיליסטיש: צינגער אַסאָציִירט זיך מיט שפּאָט־ אָדער ביטל־שאַטירונג. פֿרג: „בייזע צינגער״. כ׳ איטקאָוויטשעס בײַשפּיל איז אַן איבעריקער באַווײַז דערצו. ער האַלט אָבער, אַז די גאַנצע פֿראַגע איז אַן אויסגעטראַכטע און אַז איך רעד אומזיסט וועגן דעם. פֿאַרוואָס אומזיסט? אויב צוויי פֿאָרמעס, איז געווונטשן אונטערצושטרײַכן דעם סטיליסטישן אָנווענדן זייערן.

און ווידער וועגן פּאָליטיקן. כ׳האָב דאָ ניט וואָס צוצוגעבן צום געזאָגטן אין מײַן אַרטיקל. ס׳איז קלאָר פֿאַר אַלעמען, אַז ווער ס׳זאָגט פּאָליטיקעס, מיינט אין איינצאָל פּאָליטיקע, און פֿון פּאָליטיק (מיטן טראָפּ אויף ־טיק) קאָן זײַן אין מערצאָל בלויז פּאָליטיקן.

באַלגײַוועס צי באַלע־גײַווע? אויב פֿאַרייִדישן די העברעיִזמען, ווי דאָס האָט געטאָן מ. זאַרעצקי (באַלדאָווער — באַלדאָווערס), דאַן איז געזעצמעסיק באַלגײַווע — באַלגײַוועס. מיר האַלטן אָבער, אַז די העברעיִשע פֿאָרמע מיט בעלי־ (אין ייִדיש באַלע־) איז געוואָרן אָרגאַניש אין ייִדיש (פֿרג. באַלעבאַטים, באַלעגופֿים). די אַבסטראַקציע גײַווע ווערט אין מערצאָל ניט געניצט, איז דעריבער באַלע־גײַווע (אַנאַלאָגיש צו באַל־ביטאָכן — באַלע־ביטאָכן). דער מערצאָל־באַטײַט פֿונעם גאַנצן קאָמפּאָזיט איז אויסגעדריקט אין באַלע־ (לעגאַבע באַל־ אין איינצאָל).

3. וועגן באַזונדערע ווערטער. גלידשוועסטערקינדער צי גלידגעשוועסטערקינדער? דער כ׳ איטקאָוויטש פּאַסקנט: נאָר גלידשוועסטערקינדער. אינדערעמעסן אָבער גילטן אין ייִדיש סײַ שוועסטערקינדער און פֿונדאַנען — גלידשוועסטערקינדער, סײַ געשוועסטערקינדער און פֿונדאַנען — גלידגעשוועסטערקינדער. אין מײַן אַרטיקל איז אין איין אָרט ריכטיק אַרײַנגענומען גע אין קלאַמערן; דאָס מיינט, אַז מע מעג אָנעם סופֿיקס גע און מיט אים. אין אַ צווייטן אָרט זײַנען איבער אַ פֿאַרזען דורכגעלאָזט די קלאַמערן.

באַוולענס, מיינט כ׳ איטקאָוויטש, איז „אַ רייִנער אוקראַיִנישער פּראָווינציאַליזם״, נאָר באַוול אַנערקענט ער יאָ. איז וואָס איז דאָ פּראָווינציאַליזם? זעט אויס, ניט דער לעקסישער קערן, נאָר די אויסבילדונג באַוולענס פֿון באַוול. אַזאַ אויסבילדונג איז אַבסאָליוט געזעצמעסיק אין ייִדיש, און מיט לעקסישע דיאַלעקטיזמען צי פּראָווינציאַליזמען, ווי דאָס וויל האָבן מ. איטקאָוויטש, האָט זי ניט קיין שום פֿאַרבינדונג. אויב אין דער שפּראַך איז פֿאַראַן וואָל, ציץ, לײַוונט, זײַד, איז געזעצמעסיק אויסצובילדן פֿון זיי וואָלענער, ציצענער, לײַוונטענער, זײַדענער, און אויב ס׳איז פֿאַראַן אין ייִדיש באַוול מיטן באַטײַט хлопчатобумажная ткань, האָט יעדער רייִדער די פֿולע רעכט, ניט זינדיקנדיק קעגן דער ייִדישער וואָרטבילדונג, צו זאָגן: אַ באַוולען קאָפּטל אדג.

געהיימניס צי געהיימניש? מער ווי פֿיל אַנדערע בין איך אָפֿט אַרויסגעטראָטן קעגן אויס־

מײַדן „דײַטשמעריזמען” און קעגן איגנאָרירן די ליטעראַרישע שרײַב־טראַדיציעס. אָבער בלײַבן אײַנגעשפּאַרט אין געפּענקעניש בײַ דער טראַדיציע טויג אויך ניט. אין ייִדיש איז אומעטום פֿונעם דײַטשישן nis געוואָרן ניש. און מיר מיינען, אַז אויך פֿון געהיים דאַרף אויסגעבילדעט ווערן געהיימניש.

עסבאַרער (съедобный) איז אַ נייטיק וואָרט. פֿאַרבײַטן עס מיט אַ פּירוואָרטיקן אויסטײַטש („וואָס טויג צום עסן”) איז אַן אומזין. ייִדיש נייטיקט זיך, באַגלײַך מיט אַנדערע שפּראַכן, אינעם איינוואָרטיקן אויסדרוק פֿאַרן עלעמענטאַרן באַגריף.

4. אייניקע באַמערקונגען, וועלכע ס׳האָט געמאַכט כ׳ איטקאָוויטש, זײַנען שײַך ניט צו די אײַנשטעלונגען אינעם וו״ב, נאָר צו דער שפּראַך פֿון מײַן אַרטיקל. אַשטייגער: בײַ מיר: פּאַמיליער. כ׳ איטקאָוויטש פּסקנט: בלויז פּאַמיליאַריש. אין ייִדיש איז פֿאַראַן אַן אַנאַלאָגיע: популярный — פּאָפּולערער, ניט פּאָפּוליאַרישער. פּאַמיליער קען מען טרעפֿן גאָר ניט אַזוי זעלטן אין דער פּובליציסטישער און אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

5. אייניקע באַמערקונגען באַרירן פֿאַרדריסלעכע טאָעסן, וואָס האָבן זיך קעגן מײַן ווילן, מאַכמעס אַ פֿאַרזען, אַרײַנגעגאַנווערט אין מײַן אַרטיקל. אַזוי איז עס מיט „זיכווערדע” — אַ ייִוואָ־וואָרט, וואָס איך האָב געזאָלט באַטרײַטן באַגלײַך מיט „אַליינווערדע” און פֿאַרלייגן דאָס געווייַנלעכע „זעלבסטווירדע” — באַגלײַך מיט „זעלבסטמאָרד”, „זעלבסטהערשונג” אאַז״וו. אַזוי איז עס אויך מיט באַנוץ. אין מײַן אַרטיקל פֿיל מאָל — באַניץ, נאָר אין אַ פּאָר ערטער — באַנוץ (אָנשטאָט באַניץ). אויך דאָס צעטל אין איין אָרט — אָנשטאָט דער צעטל.

אין צוויי פֿראַגן איז מײַן קריטיקער ניט אינגאַנצן אומגערעכט.

1. וועגן ווערטער פֿון אַנדערע שפּראַכן, וואָס דרינגען אַרײַן אין ייִדיש דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון רוסיש. האַנאַי צי כאַנאַי? האָקיי צי כאָקיי? באַרביוס צי כאַרביס? ראָקועל צי ראָקוועל? אין מײַן אַרטיקל רייד איך וועגן דעם ניט קאַטעגאָריש. איך זאָג דאָרט: „ס׳זעט... ניט אויס אַזוי ווילד (און עפּשער איז טאַקע באַרעכטיקט...) די פּראַקטיק פֿון „ביראָבידזשאַנער שטערן”... און ווײַטער: „אינעם אויסגערעדאַקטירטן רוסיש־ייִדישן וו״ב איז נאָך ניט צוגעגעבן דאָס (ס׳דאַרף זײַן דער) צעטל „געאָגראַפֿישע” נעמען, און מיר וואָלטן דאָ געוואָלט אויסהערן די שטים פֿון לייענער”.

איז האָבן מיר אויסגעהערט דעם כ׳ איטקאָוויטשעס שטים, און מיר נעמען זי אין אַכט בײַ דער ענדגילטיקער לייזונג.

כ׳וויל נאָר באַמערקן, אַז ס׳האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן אויסלייג; דער אויסלייג, ווי מיר זאָלן ניט לייזן די פֿראַגע, איז אויסער ספֿק; אויב, אַשטייגער, כאָקיי, איז מיט אַ כאָף, און אויב האָקיי, איז מיט אַ היי. ס׳גייט דאָ אין דעם, וויאַזוי ריידן, זאָגן, וויִאַזוי איבערזעצן דאָס רוסישע וואָרט хоккей, און ניט וויִאַזוי אויסלייגן, ווי איר ווילט האָבן. און נאָך: אייזנהאַוער איז ניט קיין רײַע, ווײַל דאָס איז אַ דײַטששטאַמיקער פֿאַמיליע־נאָמען מיטן באַטײַט „אײַזנהעקער”. דאָ איז אויסגעשלאָסן די מעגלעכקײַט צו ריידן וועגן אַ כ — אַנאַלאָגיש צו שאָפּענהאַוער (אין ייִדיש פֿלעגט מען שרײַבן אויך שאָפּענהויער — ווי אַנדערע ווערטער פֿון דײַטש מיט au (אויטאָמאָביל, אודיטאָריע — מיר גייען ניט, ווי באַוווּסט, מיט דעם וועג).

2. וועגן מין פֿון סובסטאַנטיוון מיטן סופֿיקס ־עריַי.

איך בלײַב בײַ דער מיינונג, אַז אויב ס׳קומט צו דער פּרעפֿיקס גע־, איז געזעצמעסיק דער נייטראַלער מין־באַניץ (דאָס געלויפֿעריַי, געקוויטשעריַי). דער כ׳ איטקאָוויטש באַשטרײַט אייגנטלעך אונדזער פֿאָרשלאָג צו דיפֿערענצירן דעם מין פֿון סובסטאַנטיוון מיט ־עריַי אָנעם פּרעפֿיקס גע־, ווי בײַ ווײַנרײַכן: די — שנײַדעריַי, פֿאַרבעריַי (מיטן באַטײַט „וואַרשטאַט”) און דאָס — שנײַדעריַי, פֿאַרבעריַי (מיטן באַטײַט „טועכץ, באַשעפֿטיקונג”). ער האַלט, אַז אין ביידע באַטײַטן דאַרף בלײַבן די. מיר נעמען אויך דאָס אין אַכט.

מוישע שאַפּיראָ

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צייטונגען

אַן אינטערוויו מיט מאַרק שאַגאַל: „...מיר איז דאָ זייער געפעלן געוואָרן...״

ווען א מענטש באגעגנט זיך ווידער אין א האלבן יאָרהונדערט ארום מיט זײַן יוגנט, דוכט זיך אים אליין אויס, אז ער איז א סאך ייִנגער געוואָרן. אזוי האָט, מעגלעך, געטראָפן מיט מאַרק שאגאלן, וועלכער איז דאָ ניט לאנג געקומען צוגאַסט קיין סאָוועטנפארבאנד.

— וואָס פארא אײַנדרוקן פירט איר אוועק מיט זיך? — האָב איך געפרעגט דעם קינסטלער.

— זייער א סאך. איך ווייס אפילע ניט, פון וואָס אָנצוהייבן. צום אלעמערשטן — מיר איז דאָ זייער געפעלן געוואָרן, אין סאָוועטנפארבאנד, עס האָט מיך דערפרייט, וואָס נאָך די גרוילן און רוינירונג פון דער פארגאנגענער שוידערלעכער מילכאָמע איז אין סאָוועטנפארבאנד אלץ ווידער אופגעשטעלט געוואָרן. אזוי ענערגיש האָט מען אלץ ווידער אויסגעבויט, און אזויפיל בויט זיך דאָ, אז ס׳איז פּאָשעט פאנטאסטיש! די סאָוועטישע מענטשן ארבעטן אײַנגעשפּארט און לעבן מיט פארגעניגן... יאָ, יאָ, זיי טוען אלץ מיט האנאָע און זיי לעבן אזוי, ווי מע באדארף.

— ווו האָט איר באוויזן צו זײַן אין מעשעך פון דער וואָך?

— אין מאָסקווע און אין לענינגראד. מיר זײַנען דאָ געוועזן ווייניק צײַט, נאָר מיר האָבן א סאך געזען. זעלבסטפארשטענדלעך, אז מיר זײַנען געוועזן אין קרעמל און האָבן דערפילט ווי דאָס פאָלק גרויסט זיך מיט זײַן געשיכטע. מיר האָבן באזוכט די טרעטיאקאָווער קונסט־גאלעריי און פארשטאנען, מיט וואָס פאר אן אומגעהייערער ליבע מע באציט זיך דאָ צו קונסט און ווי ברייטהארציק עס איז די סאָוועטישע רעגירונג. מיר זײַנען געוועזן אינעם גרויסן אָפּערע־טעאטער, און אויך דאָ האָבן מיר געפילט די זעלבע ליבע. איך האָב דערזען מענטשן, וועלכע קענען אזוי פרוכטבאר ארבעטן, אזוי אינטערעסאנט לעבן און אזוי אופמערקזאם זיך באציִען צו קונסט, — איך בין זיך מודע, אז דאָס אלץ איז פאר מיר געוועזן אן אנטדעקונג. אין מאָסקווע בין איך ניט געוועזן העכער פופציק יאָר...

אלץ דערמאָנט מיר דאָ מײַן פארגאנגענהײַט. מע קאָן דען פארגעסן דעם קרעמל, דעם גרויסן טעאטער, די טרעטיאקאָווקע... אין לענינגראד האָב איך געוואָלט געפינען דאָס הויז פון דער געזעלשאפט אף צו העלפן די קינסטלער. געווען אמאָל אזא געזעלשאפט — ביז דער רעוואָליוציע. אין דער קונסט־אקאדעמיע האָט מען מיך דאַן ניט אָנגענומען, ווײַזט אויס דערפאר, וואָס איך האָב ניט געקענט ווי געהעריק מאָלן קני, און אין דער געזעלשאפט האָט מען געעפנט פאר מיר די טיר. איז אָט, פאָרן מיר איבער לענינגראד, איך בעט דעם שאָפער צופירן מיך אף דער יאם־גאס. מיר זײַנען צוגעפאָרן. איך זוך, איך זוך, סאָפקאָלסאָף האָב איך דערזען א באקאנטן בינײַען. אף דער טיר איז צוגעקלאפט א שילד: „פארײַן פון די מאָלער״. איך עפן די טיר און פרעג בא אן אלטער וועכטערן: „מאדאם, דאָ איז אמאָל געווען די געזעלשאפט אף העלפן די קינסטלער?״ „יאָ, כאווער, פארשטייט זיך, אז עס איז דאָ געווען״, — האָט זי פארוווּנדערט געענטפערט, נאָר איך האָב שוין אליין געזען: אָט זײַנען זיי, „מײַנע״ טרעפּ, — א גוט מאָרגן אײַך! איך האָב זיך געשטעלט אף א טרעפּל און האָב זיך פאָטאָגראפירט צום אָנדענק, ווײַל מיט אָט דער געבײַדע איז בא מיר זייער א סאך פארבונדן. איך בין אויך געווען אין דער קונסט־אקאדעמיע. אויך דאָ זײַנען מיך באפאלן אלטע דערינערונגען. ווי געזאָגט, האָט מען מיך דאַן אין אקאדעמיע ניט אָנגענומען, און איצט האָט אונדז אײַנגעלאדן דער דירעקטאָר, און איך האָב נאָך א געוויסער קווענקלעניש זיך אונטערגעשריבן אינעם ערן־בוך.

— און דער ערמיטאזש, דער רוסישער מוזיי...

— צי דען האָט איר כאָטש אף איין רעגע געקאָנט א קלער טאָן, אז איך האָב אין זיי פארגעסן? וויפל יאָר איז מיר איצט? א־א, בעסער וועגן דעם ניט טראכטן... איז אָט... דרײַ שאָ, ניט געקוקט אפן עלטער, האָב איך מיט גרויס פארגעניגן געשפּאנט איבערן ערמיטאזש, און דאָס זעלבע איבערן רוסישן מוזיי.

מיט א ווארעם געפיל האָט דער מאָלער גערעדט וועגן זײַן היימשטאָט וויטעבסק:

— אינגיכן וועט וויטעבסק פײַערן טויזנט יאָר פון

זײַן עקזיסטענץ, און איך וויל איבערגעבן מײַן האַרציקן גרוס, מײַן ליבע און די בעסטע ווונטשן די לאַנדסלײַט מײַנע. דאָרט, אויף דער צווייטער פּאַקראָווסקער (הײַנט ־טראָגט די גאַס דזערזשינסקיס נאָמען), האָב איך געהאַט דעם פאַרגעניגן געבוירן צו ווערן. ניט לאַנג צוריק האָט מען מיר פון וויטעבסק צוגעשיקט אַ פאָטאָגראַפיע פון דער דאָזיקער גאַס... איך האָב באַשטימט אָפּזאָגן זיך צו פאָרן קיין וויטעבסק בלויז דערפאַר, ווײַל, ווי באַוווּסט, שטאַרקע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען זײַנען שעדלעך פאַר מענטשן פון מײַן עלטער. נאָר אַלצײַנס געדענק איך שטענדיק וועגן וויטעבסק און האָב אים זייער ליב: באַ מיר איז ניטאָ קיין איין בילד, אויף וועלכן איר זאָלט ניט זען פראַגמענטן פון מײַן פּאַקראָווסקי־גאַס. דאָס איז עפּשער אַ כיסאָרן, נאָר ניט פאַר מיר.

— אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין מײַן היימלאַנד, בין איך געקומען נאָך אַ פּופּיקיאַריקער צעשיידונג, — האָט פאַרגעזעצט מאַרק שאַגאַל. — אַ האַלבן יאָרהונדערט לעב איך און אַרבעט אין פראַנקרײַך, וווּ מע האָט זייער ליב רוסישע, סאָוועטישע מענטשן, פּונקט אַזוי, ווי דאָ, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, באַציט מען זיך האַרציק צו פראַנצויזישע מענטשן. מיר איז אָנגענעם און פריידיק צו זען, אַז איצט, באַזונדערס אין די לעצטע עטלעכע יאָר, אין די פרײַנטשאַפט פון די צוויי גרויסע פעלקער — פונעם סאָוועטישן און פראַנצויזישן — געוואָרן נאָך שטאַרקער. איך בין זייער צופרידן, כ׳בין גליקלעך, וואָס אָט די פרײַנטשאַפט האָט אַ גרויסע צוקונפט!

— מאָרגן פליט איר אַוועק, מאַרק זאַכאַראָוויטש...

— יאָ, עס וואַרט אויף מיר מײַן אַרבעט... אויסער דעם, עפנט זיך אין דער שטאָט ניצע מײַן מוזיי, און איך, דער אומגליקלעכער (איך שפּאַס, פאַרשטייט זיך), דאַרף בײַזײַן אויף דער פײַערונג. און דערנאָך? מע דאַרף נאָך אַ ביסל אַרבעטן... עס ווילט זיך מיר נאָך אַ צוויי־דרײַ מאָל קומען קיין מאָסקווע און אָנמאָלן אַ צענדליק גוטע בילדער, וועלכע זאָלן זײַן אָנגערעגט פון באַגײַסטערונג, וואָס עס רופט אַרויס באַ מיר מײַן היימלאַנד.

נ. מאַר

„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“, מאָסקווע

טאַקע פּראָסטיטוציע, אָבער — ווי?

איך רעכן זיך ניט צווישן די, וואָס האָבן אַנטדעקט דעם פּאָעט אַלעקסאַנדער פּען נאָך זײַן טויט; ניט צווישן די, וואָס האָבן געזאָגט וועגן זײַנע לידער, אַז זיי זײַנען פּאַלקסלידער, ווען מעכאַבער איז אומבאַקאַנט, און הײַנט דערקלערן זיי זיך ווי פאַרערער פון אַלעקסאַנדער פּען; איך בין ניט מיט די, וואָס האָבן באַשלאָסן אים צו טייטן (בייס ער האָט נאָך געלעבט) מיט פאַרשווײַגן אים און הײַנט דערקלערן זיי זיך אַלס „זײַנע פרײַנט פון טאָמיד אָן“ און שרײַבן אים צו אַזעלכע מיינונגען און אָנשווײַגן, אַז ווען ער וואָלט אופגעשטאַנען טכ׳עס־האַמייסים, וואָלט ער זיך אַליין צוריק באַגראָבן פון גרויס ביזאָיען.

מײַן פרײַנטשאַפט מיט פּענען האָט זיך געצויגן באַ צוואַנציק יאָר. ביז זײַן לעצטן טאָג האָב איך מיט אים אַ סאַך געשמועסט. ער האָט מיר דיקטירט די באַגריסונג צו דער קאָנפערענץ פון פרײַנטשאַפט ייִסראָעל — ראַטנפאַרבאַנד (מיט צוויי כאָדאָשים פאַר זײַן טויט). איך האָב אופגענומען זײַן באַגריסונג צו דער עפענונג פונעם קלוב „אַכווע“ אין כײַפע, אין וועלכער ער רעדט וועגן דער נייטיקייט פון ייִדיש־אַראַבישער פרײַנטשאַפט. מיט מיר האָט ער איבערגעשיקט זײַן באַגריסונג דעם 16־טן צוזאַמענפאָר פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמפּאַרטיי „ראַקאַך“.

כ׳האָב די דאָזיקע פּראַטים אָפּגעצייכנט ניט קעדיי צו באַווײַזן די פרײַנטשאַפט צווישן מיר און פּענען, נאָר קעדיי דערווײַזן, אַז איך בין קאָמפּעטענט צו זאָגן, אַז דער גרעסטער טייל „ווונטשן“ און „באַמערקונגען“, וואָס ווערן פּובליקירט אין פּענס נאָמען נאָך זײַן טויט, זײַנען ניט מער ווי פּוסטע רייד. ס׳איז אַ נאַרישע פּאָליטישע ספּעקוליאַציע, ווען מע רעדט וועגן זײַן באַקאַשע, ס׳זאָל געזאָגט ווערן איל מאָלע ראַכמים אויף זײַן אָפּענעם קייווער (ס׳איז ניט שווער צו פאַרשטיין, ווער ס׳איז פאַרינטערעסירט צו שאַפן די אידענטישקייט צווישן דער מיסטישער צוואָע פון מוישע סנע און דער „באַקאַשע“, וואָס מע האָט צוגעשריבן פּענען). באַזונדערס רופט אַרויס אַ ווידערווילן דאָס ציטירן די פּראָסטיטוציאָנעלע נאָטיץ אין „על המשמר“ פון ר. באַנקלערן, דעם סוינע פון קאָמוניזם און דעם סוינע פון אַלעקסאַנדער פּענס פּאָעזיע.

באַנקלער האָט פּובליקירט אַ נאָטיץ אין דער אָפּטיילונג „אָפן ציל־ברעטל“ פון „על המשמר“ אונטערן קעפּל „פּראָסטיטוציע“. דאָס דאָזיקע זידלוואָרט האָט באַנקלער אַרײַנגעלייגט אין אַלעקסאַנדער פּענס מויל און אָנגעצילט עס צו וועמען? „צו ראַקאַך“, פאַרשטענדלעך. באַנקלער ווייסט, וואָס מע דאַרף שרײַבן, און ער לייגט צו אַן אַקסל צו די אָנשטרענגונגען פון סנעס אָנהענגער, וועלכע סטאַרען זיך צו אָפּלייקענען דאָס, וואָס עס באַשטעטיקן פּענס לידער, די געשריבענע און געדרוקטע, נעמלעך — די אידענטישקייט פון זײַנע אָנשויונגען מיטן קאָמוניזם, מיט ראַקאַך.

ר. באַנקלער פליושקעט זיך אין שמוציקן וואַסער פון זײַן נאָטיץ „פּראָסטיטוציע“ און ער האָט דערפון האַנאָע: „בייס מיר האָבן קאָנטראָלירט, — שרײַבט ער, — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מײַסע איז נאָך „שפּאַנענדיקער“. און וואָס איז די „מײַסע“? די מײַסע איז דער פּרווו פון פּענס טעכטער און פון זײַן אַלמאָנע, צוזאַמען מיט סנעס אָנהענגער (אָדער

ווי זיי האָבן זיך אונטערגעשריבן אַף דער מודיעה, וואָס זיי האָבן פּובליקירט אין „הארעץ״ — „די מישפּאָכע און די ליטעראַרישע זײַט אין דער צײַטונג „קול העם״), אָפּצוהאַלטן שרײַבער און קינסטלער אַנטייל צו נעמען אין אָנדענק־אָוונט פאַר אַלעקסאַנדער פּענען צו זײַן יאָרצײַט, וואָס ס׳האָבן אָרגאַניזירט קאָמוניסטן, מיטגלידער פון ראַקאַך, צוזאַמען מיט די, וואָס גיבן אָפּ קאָוועד זײַן אָנדענק און זײַנען ניט קיין מיטגלידער פון ראַקאַך.

ס׳איז קיין סאָד ניט, אַז פּענס טעכטער און זײַן אַלמאָנע זײַנען געווען קעגן זײַן פּאָליטישן וועג און זײַנע אָנשויונגען, אָבער אַלעקסאַנדער פּען אַליין האָט זיך געהאַלטן פעסט בײַ זײַנע מיינונגען.

איך פאַרנעם זיך ניט מיט ספּיריטואַליזם און קאָן ניט פעסטשטעלן, וואָס דער טויטער וויל אין דעם דאָזיקן מאָמענט (די מעכאַברים פון דער דערמאָנטער מודיעה אין „הארעץ״ קאָנען דאָס, ווי־זיט אויס, יאָ, ווײַל זיי האָבן געשריבן „לויטן ווילן פונעם פאַרשטאָרבענעם״). איך ווייס אָבער, וואָס פּען האָט געשריבן פאַר זײַן טויט (כ׳וועל ניט ציטירן, וואָס ער האָט געזאָגט, ווײַל דערמיט קען איך זיך ניט פאַרמעסטן ניט מיט ר. באַנקלערן און ניט מיט דער ליטעראַרישער זײַט פון דער צײַטונג „קול העם״). איך וועל ציטירן אַן אויסצוג פון אַ פּאָעטישן פּלאַקאַט, וואָס פּען האָט געשריבן אין אַ דיסקוסיע מיט דער אָנפירונג פון דער מיקוניס — סנע־גרופּע נאָענט צו זײַן פאַרלאָזן זי (1967). די דאָזיקע ליד איז ניט דערשינען אין „קול העם״ — דער רעדאַקטאָר האָט עס אויסבאַהאַלטן און מודיע געווען פּענען, אַז זײַן ליד איז „פאַרפאַלן געוואָרן״ (מיר ברענגען דעם אויסצוג אין אַ פרײַער איבערזעצונג):

אַ „פאַרעטער״ בין איך,
וועמעס פּאַראַט — פון פינצטערניש אַ ווונק
איך בין עמעצנס אַן „אַגענט״,
ווײַל איך אַליין בין זיך ניט מויכל,
ווען אַ פּלעק, מיט מײַנע הענט
און מיט ריינקייט פונעם סייכל,
קראַץ איך אים אַראָפּ.
כ׳האָב ליב דאָס לאַנד פון די סאָוועטן,
דעריבער פּאַסט מיר דער טיטל „פּראַוואָקאַטאָר״.
כ׳בין ניט קיין נאַציאָנאַליסט,
כאָטש יִיסראָעל כ׳בין געבליבן טרײַ.
ווי איז מיר, דעם „שווינדלער״, „אָפּערטיסט״, —
מיט דער קראַנקייט פון זיי דערקענען
אָנגעשטאָכן זיך איך האָב.
יאָ, דאָס איז מײַן „פעלער״:
דעם ווילן פונעם פאָלק
פאַרבײַטן וועל איך ניט
מיטן רעגירונגס־ווילן.

ס׳איז באַקאַנט, אַז אין יון 1967 האָט אַלעקסאַנדער פּען, צוזאַמען מיט נאָך כאַווײרים, און איך צווישן זיי, פאַרלאָזט די מיקוניס — סנע־גרופּע איבער אירע שאָוויניסטישע און אַנטיסאָוועטישע שטעלונגען. מיר האָבן דאַן געגרינדעט אַ גרופּע מיטן נאָמען „קאָנסאָלידאַציע״ און אויך אַרויסגעלאָזט אַ ביולעטען אונטער דעם דאָזיקן נאָמען. פּען איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע, און אין ערשטן נומער, וואָס מיר האָבן פּובליקירט, — ווערט אין לייטאַרטיקל, פון וועלכן פּען איז געווען איינער פון די אַווטאָרן, געזאָגט:

„ס׳איז צעבראָכן געוואָרן די מערהײַט אין דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון יִיסראָעל, ס׳האָבן זיך אײַנגעבראָכן די, וואָס האָבן זיך באַם אָנעמען שטעלונגען אָראָפּגעגליטשט פונעם קלאַסן־שטאַנדפּונקט צו אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט; ס׳האָבן זיך אײַנגעבראָכן די, וואָס האָבן ניט אַנטוויקלט, נאָר ביז נול פאַרקלענערט דעם ווערט פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם אין דער יִיסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; ס׳האָבן זיך אײַנגעבראָכן די, וואָס האָבן געבראַכט די פּאַרטיי צום אָפּרײַסן זיך פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג; ס׳האָבן זיך אײַנגעבראָכן די, וואָס זײַנען דערגאַנגען צו אַן אַבסורד פון ריינוואַשן דעם אימפּעריאַליזם פון יעדער שולד אין דעם זעקסטאָגיקן קריג; ס׳האָבן זיך אײַנגעבראָכן די, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט צו די דעפיניציעס פון דער אַנטיפאָלקישער און אַנטינאַציאָנאַלער יִיסראָעל־רעגירונג, צום אידענטיפיצירן זיך מיט די שטעלונגען פון דער רעגירונג ערעוו, אין דער צײַט און נאָך דער מילכאָמע״.

ס׳איז קעדײַ אויך צו דערציילן אַלע סאָרטן ברענגער פון „פּענס רייד״ פאַר זײַן טויט וועגן זײַנע טרעפונגען מיט אָנפירער פון ראַקאַך. איך בין בײַגעווען אַף אַ טרעפונג צווישן א. פּען און מייער ווילנער, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון יִיסראָעל. מ. ווילנער האָט זיך דאַן צוריקגעקערט פון מאָסקווע און געבראַכט א. פּענען אַ גרוס פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרײַבער. די דאָזיקע טרעפונג האָט פּענען זייער דערפרייט און געריהרט. דער שמועס איז פאָרגעקומען ווי צווישן אַלטע פרײַנט. נאָך אַ טרעפונג האָט פּען געהאַט מיטן סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, טופיק טובי. פּען האָט מערערע מאָל דערמאָנט מיט צופרידנקייט די דאָזיקע שמועסן.

מײַנע הערן צווייאַקעס, זײַט ניט לעכערלעך. דאָס, וואָס אײַך האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו מאַכן פון פּענען בייס ער האָט נאָך געלעבט, וועט זיך אײַך ניט אײַנגעבן הײַנט צו טאָג, אויך ניט מיט דער הילף פון די באַנקלערס.

אַלעקסאַנדער פּען אַליין האָט דאָך פאַר זײַן טויט געשריבן, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס אַדרעסירט אײַך:

כ׳בין געווען,
און איך בין.
און אויב כ׳וועל ווײַטער זײַן,
וועל איך זײַן
ווי איך בין און בין געווען.

א ר י ע ד ע ק ע ר
„זו האדערעך״, יִיסראָעל.

צי שטעלן מיט זיך פאָר די ייִדן אין פשא
א נאַציאָנאַלע איינהײַט?

אינעם נומער 10 — 11 פאַר 1972 פונעם כוידעש־זשורנאַל „דזשויִש אפערס“, וועלכן עס גיט ארויס די קאָמוניסטישע פארטיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן, איז פאַרעפנטלעכט א בריוו פון א לייענער „צי איז פאַראַן אין פשא א ייִדישע איינהײַט?“. דער לייענער זאָגט ארויס זײַן מיינונג, אַז אַזאַ איינהײַט איז ניטאָ, ווײַל אַן איינהײַט דאַרף האָבן אַלגעמיינע אינטערעסן, צילן און שטרעבונגען, און בענעגייע די ייִדן אין לאַנד קען מען עס ניט זאָגן. ווײַל וואָס פאַר אַן איינהײַט קאָנען בילדן די ייִדישע אַרבעטער, וואָס לעבן קוים מיט צאָרעס פון זייער לוין, מיט די, וואָס עקספּלואַטירן זיי און לעבן פון די רעוואָכים?

די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל גיט אַפן בריוו פאָלגנדן ענטפער.

מיר מיינען, אַז עס איז ריכטיק צו רעדן וועגן א ייִדישער איינהײַט אין די פאַרייניקטע שטאַטן אינעם זעלבן זין, ווי מיר רעדן וועגן א פּוילישער, איטאַליענישער אָדער אונגאַרישער איינהײַטן, אַזוי ווי אויך וועגן א נעגערשער, כינעזישער אָדער פּוערטאָריקאַנער איינהײַטן. וויכטיק איז דערבײַ צו פאַרשטיין קלאָר, ווו עס געפינען זיך די אַלגעמיינע אינטערעסן בײַ די דאָזיקע גרופּעס און ווו זיי ענדיקן זיך.

א נאַציע איז אַן איינהײַט. עס עקזיסטירן א ריי פעלקער, וואָס פאַרנעמען אַן אַלגעמיינע טעריטאָריע, באַזיצן אַן אַלגעמיינע שפּראַך, קולטור, עקאָנאָמיש לעבן. אַזאַ איינהײַט איז היסטאָריש אַנטשטאַנען מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם. זי באַזירט זיך אויף קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־באַציִונגען, אויף עקספּלואַטאַציע פון לוין־אַרבעט. דאָס איז אַן איינהײַט, א צעטיילטע אויף קלאַסן. נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט זי נאָך נאַציאָנאַלע סימאָנים, וועלכע זײַנען אַלגעמיין פאַר אַלע אירע מיטגלידער.

ריכטיק איז, אַז א נאַציאָנאַלע מינדערהײַט, וואָס לעבט אויף דער טעריטאָריע פון אַן אַנדער נאַציע, האָט ניט אַלע אַטריבוטן פון א נאַציע, עס פעלט אַן אייגענע טעריטאָריע און עקאָנאָמיש לעבן. פונדעסטוועגן, באַנוצן זיך אירע מיטגלידער מיט אַן אַלגעמיינער שפּראַך, מיט אַן אַלגעמיינער קולטור־ירושה און, אין געוויסע פאַלן, מיט אַן אַלגעמיינער רעליגיע. זי איז דורכגעדרונגען מיט א נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן און א נאַציאָנאַלער ווירדע. זי פאַלט אַזוי אָדער אַנדערש אונטער א נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע אָדער דרוק, וואָס וואַקסט אומפאַרמײַדלעך ארויס פונעם עקספּלואַטאַטאָרישן כאַראַקטער פון דעם קאַפּיטאַליזם.

דאָס ייִדישע פאָלק אין די פאַרייניקטע שטאַטן בילדעט א נאַציאָנאַלע מינדערהײַט, וועלכע פאַרמאָגט אַלע אויבן אויסגערעכנטע סימאָנים און פאַרמירט פון זיך א באַזונדערע איינהײַט, ווען־מענס עקזיסטענץ עס ווײַזט זיך ארויס אויף פיל אויפאַנים. עס איז פאַראַן אין פשא א גאַנצע ריי ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, אָנהייבנדיק פון די רעכטע ציִוניסטישע און ביז אַזעלכע פּראָגרעסיווע, ווי די ייִדישע קלובן, די עמאַ־לאַזאַרוס־פעדעראַציע און אַנדערע. עמעס, דאָס באַנוצן זיך מיט ייִדיש ווערט קלענער, אָבער ס׳עקזיסטירט א ברייטע ענגליש־ייִדישע קולטור מיט צײַטונגען, מיט וויכטיקע ליטעראַרישע ווערק, עס ווערן געשאַפן פּיעסן און מוזיקאַלישע ווערק אויף ייִדישע טעמעס אאַוו. נאָך דאַרף מען צוגעבן, אַז דאָס ייִדישע פאָלק אין אַמעריקע איז אַן אָביעקט פון אַנטיסעמיטיזם, קעגן וועלכן מע דאַרף פירן א שטענדיקן קאַמף.

דערפאַר, האַגאַם ס׳איז ריכטיק, אַז די גרינטלעכע קלאַסן־אינטערעסן פון ייִדישע אַרבעטער און ייִדישע קאַפּיטאַליסטן זײַנען דיאַמעטראַל פאַרשיידן, עקזיסטירן פונדעסטוועגן געוויסע אַלגעמיינע אינטערעסן באַם ייִדישן פאָלק ווי בײַ א נאַציאָנאַלער גרופּע, איבערהויפּט אינעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. נאָר דעם דאָזיקן קאַמף דאַרף מען פירן אונטער דער אָנפירונג און מיט דער אידעאָלאָגיע פונעם אַרבעטער־קלאַס, דער אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, קעגן די ווירקונגען פונעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און ציִוניזם.

מע דאַרף דעריבער אָפּוואַרפן ניט די עקזיסטענץ פון א ייִדישער געמיינשאַפט, נאָר די אָנקלאַסן־קאָנצעפּציע, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, וואָס באַטראַכט דאָס ייִדישע פאָלק אַלס אַן איינהײַטלעכע, ניט דיפערענצירטע מאַסע.

וואָס מע דאַרף אָפּוואַרפן, איז עס די ציִוניסטישע באַהויפּטונג, אַז די אינטערעסן פון די ייִדישע אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן זײַנען די זעלבע, אַז זייער אַלגעמיינער סוינע איז דער ניט־ייִד, אומאָפּהענגיק צו וועלכן קלאַס ער געהער. וואָס מע דאַרף ווײַטער אָפּוואַרפן, איז עס די טענדענץ פון אייניקע פּראָגרעסיווע ייִדישע קרײַזן צו רעדן וועגן א ייִדישער איינהײַט „ווי א גאַנצעס“. צום בײַשפּיל, אין א ניט לאַנג געהאַלטענער רעדע האָט פּ. נאָוויק געשטעלט די פראַגע: „צי וועט די ייִדישע איינהײַט, אַלס א גאַנצע, פאָרזעצן צו פאַרנעמען א פּראָגרעסיווע שטעלונג אין אַמעריקאַנער פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן, אָדער ס׳וועט פאָרקומען א ווענדונג צו רעאַקציע?“ („דזשויִש קאָרענטס“, סעפּטעמבער 1972).

דער געדאַנק, אַז דאָס ייִדישע פאָלק, ווי א גאַנצעס, איז מערער פּראָגרעסיוו, איידער אַנדערע גרופּעס, איז א נאַציאָנאַלער מיטאָס. ס׳איז עמעס, אַז ייִדישע אַרבעטער האָבן געשפּילט א גאָר גרויסע ראָל אין די קלאַסן־קאַמפן און אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם; עס איז אָבער ניט קיין קלענערער עמעס, אַז ייִדישע מאָנאָפּאָליסטן און פינאַנסיסטן האָבן מערסטנטייל געשפּילט א רעאַקציאָנערע ראָל. נאָ־

וויק איגנאָרירט די רעאַקציאָנערע ראָל פונעם ציִע־ניזם אין דער ייִדישער געמיינשאַפט. ער פאַרלאָזט דעם קאַמף פאַר מאָביליזירן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן קעגן ציִעניזם.

דאָס איז געגוי די אופגאַבע פון די קאָמוניסטן און פּראָגרעסיווע מענטשן אין דער ייִדישער סוויווע.

„דזשויִש אַפערס", פּשא

פּאַרבלאָנדזשעטע

דער קלויסטער רופט זיך אָן „די הייליקע מאַריע אפן הייליקן באַרג". איך בין די טעג אַרײַן אַהין אין אָוונט, קעדיי צו הערן אַ קאָנצערט אפן אָרגאַן, בייס וועלכן עס זײַנען אויסגעפּילט געוואָרן די ווערק פון די מײַסטערס פון דער פלאַמאַנדישער שול. אַזוינע קאָנצערטן קאָן מען ניט אַזוי אָפט הערן אין רוים. איך האָב קוים געפונען אַן אָרט. פּונקט אַנט־קעגן מיר איז געזעסן אַ גרופּע פון יונגע „היפּי": לאַנגע האָר, בערד, קורטקעס מיט קינסטלעכע פרענדז אָף די פּאָלעס, דזשינסן. אין אַנטראַקט זײַנען אַלע אופגעשטאַנען, די מאַנצבלען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג — פאַררייכערן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי איך האָב זיך פאַרוווּנדערט, ווען איך האָב באַם אַרויסגאַנג דערהערט אַ גאַנץ אופ־ריכטיק אַרויסגעבראַכטע פראַזע — אַ רעצענזיע אפן קאָנצערט: „דו ווייסט, גרישע, פונדעסטוועגן באַרוּיִקט עס אַ ביסל..." אָט די „היפּי" האָבן גערעדט אָף אַ פּערפעקטן רוסיש... עמעס, גערעדט האָבן נאָר צוויי פון זיי, די איבעריקע, וועלכע האָבן אויסגעזען מער נאַטירלעך, זײַנען, אַפּאָנעם, געקומען פון אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער.

דער אומבאַקאַנטער גרישע האָט זיך מיט זיי דורכגערעדט אָף אַ גאַנץ אָרעמער ענגלישער שפּראַך. זײַן כאַווער, וועלכער האָט, ווײַזט אויס, ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, האָט טיפּזיניק אַ זאָג געטאָן: „וויכטיקער פון אַלץ איז, מע זאָל ניט אָנבויִקערן די ביינער".

אָף דעם צווייטן טייל פון קאָנצערט זײַנען די „היפּי" ניט געקומען.

פון אָנהייב דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ קאָמישער עפּיזאָד. די זאַך אָבער באַשטייט אָט אין וואָס: אין רוים „באַזעצן זיך" הונדערטער ייִדן, וועלכע האָבן זיך אַליין באַרויבט פון דער סאָוועטישער בירגער־שאַפט און זײַנען אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל.

זיי טיילן זיך אָף צוויי קאַטעגאָריעס. אייניקע האַלטן זיך אָפּ צו קומען אין דער מעדינע, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז דאָרט פליסן ניט קיין מילך־טײַכן. די צווייטע האָבן שוין דערוואָרבן אַ ביטערע דער־פאַרונג אין ייִסראָעל, זיי האָבן אָפּגעצאָלט דעם אַרויספאָר־אָפּצאָל און זײַנען געקומען קיין רוים, קעדיי פּרוּוון זיך אומקערן צוריק קיין סאָוועטנפאַר־באַנד.

אין דער פאָרשטייערשאַפט פון פּססר בין איך צופעליק געווען אַן איידעס פון אַ געשפּרעך מיט איינער אַזאַ מישפּאָכע — אַ מוטער און אַ דערוואַק־סענעם זון. „פרעמדע זײַנען מיר דאָרטן, איר פאַר־שטייט, פרעמדע", — האָט כליפּענדיק געטײַנעט די פרוי, אין דער צײַט, ווען איר זון האָט שעמעוודיק זיך אויסגעהיט צו קוקן גלײַך אין די אויגן.

לײַכטגלויביקײַט און לײַכטזיניקײַט האָבן געבראַכט צו טראַגעדיעס. אַנטוישטע אין דער ייִסראָעלדיקערווירקלעכקײַט, קלײַבן די מענטשן קוים צונויף געלט אָף אַ בילעט ביז רוים אָדער ביז ווין, און דאַן דערהערן זיך אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט ביטעס דורכן טעלעפאָן, מע קלינגט פון אַראָפּאָרט: „זײַט אַזוי גוט, אָרדנט אונדז אײַן ווו־ניט־איז אָף נאַכטלעגער".

וואָס קאָן מען זאָגן וועגן דעם? ווײַזט אויס, אַז בא זיי האָבן זיך נאָך פאַרהיט רעשטלעך פונעם רעפלעקס, וועלכער האָט זיך בא זיי אויסגעאַרבעט אין אַ לאַנד, וואָס לאָזט ניט אַ מענטשן אין אַ צאָרע, העלפט אים, זאָרגט וועגן אים. איצט איז עס אָבער שוין ניט זייער לאַנד. זײַן אַ בירגער פון פּססר איז ניט דאָס זעלבע, וואָס זײַן אַ מיטגליד אין אַ קרײַז פון טיש־טעניס, וווּהין מע קאָן זיך פאַרשרײַבן און פונוואַנען מע קאָן אַרויסגיין און דערנאָך ווידער זיך פאַרשרײַבן אָן איבעריקע שווע־ריקײַטן. צום באַדויערן, פאַרשטייען עס ניט אַלע.

אַלעקסאַנדריִע איז איינע פון די סאַמע באַלעבטע גאַסן אין רוים. דאָרט הער איך אָפט די רוסישע שפּראַך. ניט ווילנדיק, קוק איך זיך אום און זע אַ הײַפל פון אָט די פרײַוויליק פאַרוואָגלטע מענטשן. ערגעץ דאָ ניט ווײַט געפינט זיך אַ מין צוזאַמענ־וווינונג פאַר די פאַרוואָגלטע נעשאָמעס, גאַנץ אָפט ווערן זיי אין רוים „העלדן" פון דער קרימינעלער כראָניק. אָט האָבן צוויי יונגעלײַט זיך געפּרוּווט אַרײַנכאַפּן באַנאַכט אין אַ פרעמדער אווטאָמאַשין, אָט האָט מען איינעם אַ געוועזענעם קיִעווער אײַנ־וווינער געכאַפּט פאַר דער האַנט, ווען ער האָט זי אַרײַנגעלאָזט אין אַ דאַמען־רידיקול. אין רוים האָבן אַזוינע גאַנאָווים־דילעטאַנטן ניט וואָס צו טאָן.

איך ווייס ניט, ווער עס זײַנען געווען און ווו עס האָבן געאַרבעט אָט די דאָזיקע מענטשן. נאָר איצט, אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וווּהין זיי האָבן אַזוי געשטרעבט, ציט זיי אַראָפּ דאָס געווירבל אפן סאַמע דעק. ס'איז אוואַדע אַ ראַכמאָנעס אָף זיי, נאָר באַשולדיקן קאָנען זיי קיינעם ניט. און איך מיין, אַז קיינעם פון אָט די ניטגעבעטענע געסט אין דער שטאָט רוים וועט ניט באַרוּיִקן אַפילע דער גלענצנ־דיקער קאָנצערט פון אָרגאַן־מוזיק.

וו. אַרדאַטאָווסקי,
„הודאָק", מאָסקווע

אין שײַכעס מיט עסטער לאַזעבניקאָװאַ

אין די ראַמען פון א העץ־טורנע, אָראַנזשירט מיצאַד די ציוניסטישע סאָװעטן־פּרעסער, איז ניט לאַנג צוריק געװען אַף א באַזוך אין קאַנאַדע פּערעץ מאַרקישעס אַלמאָנע — עסטער לאַזעבניקאָװאַ. װעגן דעם האָט אין זײַן רובריק „פון דאָ און דאָרט" געשריבן אײשיקע אינעם קאַנאַדער „װאָכנבלאַט".

האַגאַם ער הייבט אָן מיט דער פעסטשטעלונג, אַז „ס'האַנדלט זיך איצט ביכלאַל ניט אין האָבן טײַנעס צו ייִדישע מענטשן, װאָס פאַרלאָזן דעם סאָװעטנ־פאַרבאַנד", א געדאַנק מיט װעלכן מע קאָן דיסקוסירן, שרײַבט פונדעסטװעגן אײשיקע: „אָבער אין שײַכעס מיט עסטער מאַרקישעס באַזוך אין קאַנאַדע (און אין די פאַרײיניקטע שטאַטן) קאָן מען ניט פאַרמאַכן די אויגן צום פאַקט, אַז דאָ װערט אינסצענירט א װיסטער ספּעקטאַקל, א מיִעסע פּאָליטישע שפּיל מיט א סאַך סאַקאָנעס ניט אַזױ פאַר ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר גראַד פאַר ייִדן אין אונדזערע מעקוימעס. און עס טוט װײ ביזן בײן, װאָס עסטער מאַרקיש האָט זיך פרײַװיליק אײַנגעבאָטן צו זײַן דער הױפּט־פּערסאָנאַזש אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל".

װײַטער װײַזט אײשיקע אָן, אַז מיטן נאָמען פון פּערעץ מאַרקיש אַף די ליפּן, אין דער טראַגעדיע פונעם אומזיניק פאַרשניטן־געװאָרענעם סאָװעטישן ייִדישן שרײַבער, „רויען זיך איצט פיל מענטשן, בא װעמען פּערעץ מאַרקיש און אַלע אַנדערע סאָװעטישע ייִדישע שעפערישע מענטשן זײַנען קעסיידער געװען פּאַסל, געװען טרײף; אַלס ייִדישע שרײַבער אַפילע ניט אָנערקענט געװאָרן". און ער גײט נאָך צו: „און אויב עסטער מאַרקיש װײסט עס עפּשער ניט, װאָלט זי געדאַרפט װיסן, אַז די איצטיקע באַקלאָגער פונעם „גוירל פון די סאָװעטישע ייִדן", די, װאָס „פּראַװען" יאָרצײַטן נאָך די אומגעקומענע סאָװעטישע שרײַבער, האָבן ניט נאָר פאַרשפּיגן און באַשמוצט די זעלבע שרײַבער, נאָר אויך די אייגענע ייִדישע שעפערישע מענטשן, אין די אַמעריקעס, האָבן זיי באַהאַנדלט װי שטויב, װי גאָרנישט! אַזױ, לעמאָשל, דערמאָנט ער, װי אַזױ דער גרויסער ייִדישער דיכטער פון קאַנאַדע י. הי. סיגאַל האָט זיך פיל יאָרן געמאַטערט עקאָנאָמיש, געמוזט „מאַכן א לעבן", שטשאַבען שמאַטעס בא זיך אין דעם אָרעמען הויז, און אַליין געמוזט „פּעדלען" זײַנע ביכער; מיט א ביטל־באַציִונג האָבן ייִדישע מאַנהיגים אינעם גרויסן ייִדישן ייִשעװ פון די פאַרײיניקטע שטאַטן באַהאַנדלט אַזעלכע שרײַבער, װי לײװיק און מױשע־לײב האַלפּערן, אָפּאַטאָשו און נאַדיר, באָרײשאָ און מאַני־לײב, אאַ.

„הײַנט װאָס פאַר א פּאַנעם האָט דאָס ייִדישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אונדזערע מעקוימעס? װיפל געלט פון די ריזיקע פאָנדן, װעלכע מע זאַמלט בא ייִדן, װערן גענוצט פאַר ייִדישער דערציִונג? װיפל געזעלשאַפטלעכע אָדער פּריװאַטע ייִדישע ביכער־פאַרלאַגן זײַנען פאַראַן? װיפל ייִדישע טעאַטערן פונקציאָנירן? און די, װאָס פונקציאָנירן, זשײַפען דאָך קוים".

אײשיקע האָט אויסגענוצט עסטער מאַרקישעס װײַלן אין טאָראָנטאָ און האָט זי באַזוכט אין איר האָטעל־צימער. ער דערמאָנט זײַנע פרײַערדיקע באַגעגענישן מיט איר און מיט איר זון אין מאָסקװע. אין פּערעץ מאַרקישעס אַרבעטס־צימער, דאָרט אין מאָסקװע, „האָט געשװעבט די שכינע" זײַנע. „פון די ביכער־פּאָליצעס האָבן אַרויסגעשײַנט פאַרשײדענע אויסגאַבעס פון פּערעץ מאַרקישעס װערק אין פיל לענדער — די גרעסטע צאָל אַרויסגעגעבן אין סאָװעטנ־פאַרבאַנד, ניט נאָר אין ייִדיש".

דער רעדאַקטאָר פון דער „װאָכנבלאַט" דערציילט אויך: „עס איז בא מיר, שמועסנדיק מיט עסטערן, ניט געװען קײן געפיל, אַז נאָך דאַן האָט זי גע־טראַכט װעגן פאַרלאָזן דעם סאָװעטנפאַרבאַנד, װי זי דערציילט איצט בא פאַרזאַמלונגען, און אַז זי װעט נאָך מיט אַזאַ ברען זיך דערקלערן אַלס „ציוניסטקע"... פאַרקערט, זי האָט זיך אויפגעפירט און געהאַנדלט, װי א פּאַטריאָט פון לאַנד, און גערעדט מיט קוראַזש װעגן אירע אייגענע ליטעראַרישע טעטיקײַטן און װעגן פּלענער פון סאָװעטישע פאַרלאַגן אַרויסצוגעבן א רײ ביכער מאַרקישעס אין ייִדיש און אין רוסיש. און אַזעלכע ביכער זײַנען טאַקע דערשינען".

האָט ער זיך, אײשיקע, אַלזאָ געטראָפן איצט מיט עסטער מאַרקיש אין טאָראָנטאָ. און דערציילן דערציילט ער, אַז ער האָט איר האָטעל־צימער „פאַרלאָזט מיט א ביטער, לײדיק געפיל". און ניט אַזױ, שרײַבט ער, װײַל זי האָט פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד, „נאָר דערפאַר, װאָס אין מײַן שטאַרקסטער באַמיִונג האָב איך איצט אין עסטערס אָנװעזנהײַט ניט געפילט קײן פונק פון פּערעץ מאַרקישעס הײליקײַט, פון זײַן גרויסקײַט. איך האָב א צװײטעקטער געפילט, װי עס האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן פּערעץ מאַרקישעס שכינע! עפּעס האָט געװײעט מיט בילי־קײַט, מיט שטענדיקן רײעך פון העצע, פון האַס".

און ער האָט זײַן קאָמענטאַר אָפּגעשלאָסן מיט די װײַטערדיקע שורעס:

„האַגאַם זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי פירט ניט קײן אַנטיסאָװעטישע פּראָפּאַגאַנדע און זי פאַרנעמט זיך ביכלאַל ניט מיט קײן פּאָליטיק, אַז אַלץ, װאָס זי איז אויסן, איז — די אינטערעסן פונעם ייִדישן פאָלק, װעמעס צוקונפט ליגט נאָר אין... ייִסראָעל, לויט איר מײנונג, — האַגאַם זי האָט מיך אַזױ פאַרזיכערט, איז קײן סאָפּעק ניט, אַז זי האָט זיך דער־לויבט צו װערן א פרײַװיליק געצײַג פון די סאַמע ביטערסטע סאָנים פון סאָציאַליזם, זי נעמט אָן בעאַהאַװע די פּאָליטיקאַנטסטװע פונעם ייִדישן קאָלעפּל, בא װעמען אַנטיסאָװעטיזם איז דער אי־קער. א שאָד, א שאָד, װאָס עסטער מאַרקיש איז א הויפּט־פּערסאָנאַזש אַף אַזעלכע ספּעקטאַקלען".

„אונדזער פרײַנט", אורוגװײַ

■ ■ ■

הערש רעמעניק

מײַסטערשאַפט

דאָס אָקאָרשט דערשינענע בוך „יאָרן און רעגעס“[1] גיט א מעגלעכקײַט צו באַטראַכטן יעכיעל שרײַבמאַנס שאַפן גענויער און אַלזײַטיקער, איידער ביז איצט, האָגאָם דער אוטאָר איז שוין פון לאַנג באַקאַנט דעם לייענער אַלס אָריגינעלער מײַסטער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער פּראָזע.

יעכיעל שרײַבמאַנס זשאַנער איז א שווערער און א קאָמפּליצירטער: דאָס איז די נאָוועלע, די דערציילערישע מיניאַטור, וועלכע דאַרף דורך א בוי־לעטן שאַרפן שטריך, אַמאָל אַפילע דורך א זשעסט, דורך א שמייכל, אויפשטעלן דעם כאַראַקטער פון א מענטשן, זײַן פּסיכאָלאָגיע, דעם שטייגער.

שרײַבמאַן דער נאָוועליסט, דער מיניאַטוריסט קאָן אָט די שווערע מעלאָכע. דאָס בוך „יאָרן און רעגעס“ איז אַן עפּישע, ברייטע באַשרײַבונג פונעם ייִדישן לעבן אין דער ביז סאָוועטישער און סאָוועטישער בעסאַראַביע אין פאַרלויף פון די לעצטע פיר צענדליק יאָר. דער אוטאָר פון „יאָרן און רעגעס“ האָט מיסטאָמע ניט געהאַט קיין פאָרויס פאַר־גרייטן פּלאַן צו שאַפן די געשיכטע פונעם ייִדישן לעבן אין בעסאַראַביע. אָבער איצט, ווען ער האָט זײַנע קליינע דערציילונגען, בילדער, עטיודן, פאַר־צייכענונגען, באַטראַכטונגען און מעמואַרן צונויפגענומען, אַרויסגעגעבן אין איין בוך, האָט זיך באַקומען א קינסטלערישע געשיכטע פון אָט דעם לעבן. ווער סע לייענט דאָס בוך, זעט פאַר זיך מענטשן און בילדער, גויראָלעס און קאָליזיעס; אונטערערדישן קאַמף, געטאָ־פאַרצייכענונגען, מילכאָמע, עוואַקואַציע, נאָכמילכאָמע־בילדער; נײַעם שטייגער, נײַע בויונג, כאַסענעס, קולטור־פּראָבלעמען און קינסטלערישע שאַפונג; קאָלווירטן, זאַוואָדן, סאַנאַטאָריעס, אָפּרו־הײַזער.

דאָס אַלץ באַקומט אין שרײַבמאַנס בוך א באַשטימטע געזעצמעסיקײַט.

וועגן דאָסטאָיעווסקין זאָגט מען, אַז ער האָט געשאַפן א נײַעם טיפּ ראָמאַן. צום אונטערשייד פון דער מאָנאָלאָגישער שילדערונג, וועלכע איז דורכויס אָפּהענגיק פונעם אוטאָרס פולשטענדיקער הערשאַפט (בא גאָנטשאַראָוון, לעמאָשל, טאָלסטאָיען, טורגעניעוון), איז דאָסטאָיעווסקיס דיאַלאָגישע אָדער פּאָליפאָנישע שילדערונג פאַרבונדן בלויז מיט דער לאָגיק פון דעם געשטאַלט גופע, פון דער אָביעקטיווער לעבנס־קאָליזיע. עס זײַנען אויך פאַראַן פאָרשער, וועלכע האַלטן, אַז, פאַרקערט, גראָד דאָסטאָיעווסקי האָט געשאַפן דעם סוביעקטיוון ראָמאַן, אין וועלכן דער פּערסאָנאַזש פאַרקערפּערט אַפן מאַקסימאַלסטן אויפן דעם כאַראַקטער און די לײַדנשאַפטן פונעם אוטאָר. אַפילע אויב דער העלד באַגייט פאַרברעכנס, זײַנען דאָס די פאַרברעכנס, וועלכע דער אוטאָר אַליין איז באַגאַנגען. דער אוטאָר באַשרײַבט שטענדיק בלויז זיך.

אין יעדן פון אָט די צוויי עקסטרעמע שטאַנדפּונקטן אַף דער נאַטור פון דער קינסטלערישער שאַפונג איז פאַראַן בלויז א טייל פונעם עמעס, אָבער ניט דער גאַנצער עמעס. דער שעפער און זײַן פּערזענלעכקײַט איז די באַשטעענדיקע און באַשטימענדיקע גרייס אין שעפערישן פּראָצעס. דער כאַראַקטער, די אינדיווידואַליטעט און די לעבנס־דערפאַרונג פונעם אוטאָר זײַנען, פאַרשטייט זיך, באַשליסנדיק פאַרן שעפערישן פּראָצעס. אָבער ניט ווייניקער וויכטיק און באַשליסנדיק איז די אָביעקטיווע רעאַלע ווירקלעכקײַט, פון וועלכער דער אוטאָר שעפּט דעם מאַטעריאַל און פון וועלכער ער ווערט שטענדיק באַווירקט.

יעכיעל שרײַבמאַן געהערט צו דעם טיפּ שרײַבער, וועלכער איז אומעטום שעפעריש סוביעקטיוו אין דער שילדערונג. ער מאָלט שטענדיק ניט יענעם, נאָר זיך. און ניט אומזיסט איז די מערהײַט ווערק

---

[1] יעכיעל שרײַבמאַן. יאָרן און רעגעס. ראָמאַן, נאָוועלן, מיניאַטורן. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, מאָסקווע, 1973.

זײַנע געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן. דאָס איז ניט קײן באַדינגלעכע שעפערישע פאָרם, װען דער שרײַבער שטעלט אַרױס אַ דערציילער צוליב די אָדער יענע סיבעס. דאָס איז די אוניװערסאַלע שילדערונגס־פאָרם פון שרײַבמאַנס גאַנצער שאַפונג, אַלנפאַלס — פונעם גאַנצן בוך „יאָרן און רעגעס". שרײַבמאַנס װערק זײַנען שרײַבמאַנס אױטאָביאָגראַפיע. דאָס איז ניט מײַן אַנטדעקונג. װעגן דעם שרײַבט דער אױטאָר אַלײן:

„אַ שרײַבער, װעמען מע בעט אַװעקזעצן זיך באַשרײַבן זײַן לעבנס־געשיכטע און ער קאָן ניט ענטפערן: כ'טו עס די גאַנצע צײַט, לײענט, לײענט מײַנע זאַכן! — װײס איך ניט, צי לױנט גאָר בעטן אַזאַ שרײַבער טאָן דאָס, װאָס ער האָט אַ גאַנץ לעבן זיך אָפּגעזאָגט טאָן, און נאָך מער: צי איז גאָר אַזאַ שרײַבער ביכלאַל אַף דער װעלט פאַראַן?"[2].

כ'בין ניט אינגאַנצן מאַסקים מיט די צו קאַטעגאָרישע באַהױפּטונגען פון דעם כאָשעװן אױטאָר. אָבער אַ גרױסער עמעס איז דאָ פאַראַן. און אױב דאָס איז ניט אינגאַנצן ריכטיק בענעגייע יעדן שרײַבער ביכלאַל, איז דאָס אַװאַדע ריכטיק בענעגייע יעכיעל שרײַבמאַנען ביפּראַט. אַלץ, װאָס ער שרײַבט, איז אױטאָביאָגראַפיש. כ'װאָלט אַפילע געזאָגט — מעמואַריסטיש. און װײַל ער שרײַבט אַלע זײַנע װערק װעגן זיך, װעגן זײַנע אידײען, אידעאַלן, זײַנען אָט די װערק שטענדיק װאַרהאַפטיק. עס פילט זיך אין יעדער שורע, אַז יאָ, אַזױ איז טאַקע געװען. און װײַל דער אױטאָר שרײַבט װעגן זיך, איז ער בעטעװע, אַלס קלאַל, אין זײַן שילדערונג ליריש.

שרײַבמאַנס ראָמאַן „זיבעצניאָריקע" איז אַ װערק װעגן שרײַבמאַנען. און ניט בלױז אָט דער אױטאָביאָגראַפישער ראָמאַן, נאָר אױך די נאָװעלן פונעם ציקל „ראַשקעװער מײַסעס" („שאָלעם כאַנאַכעס", „יעכיעל דעם פעטער שעפּסלס", „אַ קאַפּיטל ראַשקעװ", „אַ דערציילונג װעגן פאַרעץ אַנדראָנאַקע און לײב דעם זײגערמאַכער", „אַ פּאָר גליטשערס", „אין דעם טאָג, װען ראַשקעװ איז געװאָרן סאָװעטיש", „איציק ראַכמיעלס", „מײַנע טאַטע־מאַמע") און אױך אַ רײ נאָװעלן פונעם ציקל „יאָרן און רעגעס" און פון די „קלײנע נאָװעלן"; פון די „ליטעראַרישע מיניאַטורן" שױן אָפּגערעדט.

עס קאָן אױפקומען אַ פראַגע: אױב אױטאָביאָגראַפיזם, ליריזם — צי װערט דערמיט ניט פאַרשמעלערט דער אידײיִשער און היסטאָרישער אינהאַלט פון די װערק? אַזאַ פראַגע פאַלט אָבער אָפּ, װען מע לײענט שרײַבמאַנס בוך. װײַל שרײַבמאַן געהערט צו דער קאַטעגאָריע שרײַבער, װאָס זײער שאַפונג איז אינגאַנצן פאַרבונדן מיט דער עפּאָכע. שרײַבנדיק װעגן זיך, שרײַבט ער װעגן די װיכטיקסטע געשעענישן, אין װעלכע ער אַלײן איז דער אָנטײלנעמער. און דאָס באַטײַט, אַז שרײַבנדיק װעגן זיך, שרײַבט ער װעגן אַלעמען. דער העלד פון זײַנע דערציילונגען איז ניט איזאָלירט פונעם לעבן, ניט באַגרענעצט בלױז מיט זײַנע אינדיװידואַליסטישע איבערלעבונגען, װעלכע װאָלטן ניט פאַרגעשטעלט קײן געזעלשאַפטלעכן אינטערעס און װאָלטן ניט געהאַט קײן עמעס געזעלשאַפטלעכע באַדײַטונג.

אין אײן אָרט דערמאָנט שרײַבמאַן שאָלעם־אַלײכעמס „פונעם יאַריד" אַלס מוסטער־װערק פון קינסטלערישער שאַפונג. דאָס איז, עפּשער, ניט צופעליק. „פונעם יאַריד" איז דאָך אױך אױטאָביאָגראַפיש, אױך נאָװעליסטיש און אױך ליריש. װער װײסט אָבער ניט, אַז דאָס איז אַ װערק, װאָס גיט אַ ברײטע קינסטלערישע שילדערונג פון אַ גאַנצער עפּאָכע אין ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד? און עס קאָן גרײַלעך זײַן, אַז יעכיעל שרײַבמאַן װיל אױך, װי שאָלעם־אַלײכעם, דורך דעם אױטאָביאָגראַפישן, דורך דעם אינדיװידועלן װײַזן דאָס אַלגעמײנע. און דאָס גיט זיך אים אײַן. אינעם ציקל „ראַשקעװער מײַסעס" איז באַשטימט פאַראַן דאָס היסטאָרישע אין דעם אױטאָביאָגראַפישן.

װען איך האָב געלײענט „ראַשקעװער מײַסעס", האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז אין מײַנע פאָרשטעלונגען װעגן ייִדישן לעבן איז פאַרפולט געװאָרן אַ באַשטימטער בלױז. מיר װײסן, אַז די ייִדישע פּראָזע אין 19־טן און אין 20־טן יאָרהונדערטן האָט געמאָלט דאָס ייִדישע לעבן אין אוקראַיִנע, ליטע, פּױלן און אַמעריקע. אָבער דאָס ייִדישע לעבן אין בעסאַראַביע איז פאַרבליבן קימאַט אומבאַװוּסט אין דער ליטעראַטור. ערשט מיט מױשע אַלטמאַנס „בלענדעניש", „שמעטערלינגען", „די װינער קאַרעטע", „מעדרעש פּינכאַס" האָבן מיר באַקומען אַ ברײטע קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון דעם ייִדישן לעבן אין רומעניע און בעסאַראַביע אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער װעלט־מילכאָמע און פון דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע. אַלטמאַן האָט באַװיזן דעם שטײגער און די פּסיכאָלאָגיע פון די ייִדישע מאַסן אין אָט די יאָרן, די װירקונג פון דער רעװאָליוציע אַף די ייִדישע מאַסן, דאָס זוכן מיצאַד דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ אַ װעג צו דער רעװאָליוציע.

יעכיעל שרײַבמאַן זעצט פאָר אָט די טראַדיציע פון אַלטמאַנס שאַפן. ער מאָלט דאָס ייִדישע לעבן אין בעסאַראַביע שױן אין אַ נײַער צײַט, נאָך דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע, אין די שװערע יאָרן פון דער צװײטער װעלט־מילכאָמע און שױן אין אונדזער צײַט.

די װעלט, װאָס װערט געמאָלט אין שרײַבמאַנס נאָװעלן ביז דער מילכאָמע, איז אַ װעלט פון אָרעמקײט און נױט, פון סאָציאַלן אומרעכט און פאַרקריפּלטער מאָראַל. דער אױטאָר שטעלט קעגן אָט דער אומגערעכטער װעלט דעם פּראָטעסט און דעם קאַמף פאַר אַ נײַער װעלט (דער ציקל „ראַשקעװער מײַסעס" און דער ראָמאַן „זיבעצניאָריקע"). אינעם ציקל „יאָרן און רעגעס" איז, װי איך האָב שױן געזאָגט, געװיזן דאָס לעבן נאָך דער מילכאָמע און אין אונדזערע טעג. אין אַלע װערק פילט זיך דער אײגנאַרטיקער בעסאַראַבער קאָלאָריט, װעלכער איז באַשטימט נײַ אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

װי אַן עכטער מײַסטער, האָט יעכיעל שרײַבמאַן זײַן שעפערישן פילאָסאָפישן צוגאַנג, איך װאָלט געזאָגט אַפילע — זײַן עסטעטיק. אין דער ערשטער נאָװעלע „שאָלעם כאַנאַכעס" װערט געזאָגט:

---

[2] יעכיעל שרײַבמאַן. מײַן לעבנס־געשיכטע גאָר־גאָר בעקיצער. „סאָװעטיש הײמלאַנד" № 3, 1973, ז. 85.

„דער מאָלדאוואן טוט זיך א זאָג: „ספוניע אָ מינטשונע סע פיע אדעווערעאט!" — דערלאַנג א ליגן, ער זאָל זײַן עמעס. זײַ, הייסט עס, א קינסטלער. שרײַב אָן א נאָוועלע, א דערציילונג, שרײַב זי אָן קלוג, געטאָקט, כיטרע, נאָר ערלעך. פאָטאָגראַפיר ניט, נאָר פאַלשעווע ניט.

שאָלעם כאַנאכעס פלעגט דערלאַנגען א ליגן, וואָס איז געווען מערער, ווי עמעס. א ליגן, ווי פון א כאָלעם ארויס. אָן אויסגעדיכטעטן, אָן אויסגעפאַנטאַזירטן. א ליגן מיט פאָעזיע. א ליגן, וואָס איז געווען הוילער „ליגן"[3].

דאָס קאָן באַטײַטן, אַז דער עמעס איז ניט דאָס, וואָס איז ווירקלעך פאַראַן, נאָר דאָס, וואָס איך דאַרף איצט האָבן צוליב די אָדער יענע צוועקן. דערלאַנג א ליגן, ער זאָל זײַן עמעס. אָבער א ליגן קאָן קיין עמעס ניט זײַן. דער ליגנער קאָן אפילע זײַן זיכער, אַז ער זאָגט עמעס, אָבער סײַווי נארט ער אָפּ. דער ליגנער קאָן בלויז אָפּנאַרן, אָבער דעם עמעס זאָגט ער ניט.

עס קאָן זיך דאַכטן, אַז אונדזער מײַסטער פאַלט דאָ ארײַן אין א שאַרפן ווידערשפּרוך, וואָס וואָלט געקאָנט ברענגען שאָדן זײַן שאַפונג. שרײַבמאַן, זײַענדיק א שרײַבער, וועלכער דענקט, וויל זיך שאַפן א מין עסטעטישע באַזע פאַר דער טעאָריע פון אָפּטימיזם אין דער קינסטלערישער שאַפונג פון אונדזער צײַט. ער מיינט, אַפּאַנעם, אַז דאָס סאָוועטישע לעבן שליסט אויס דראַמאַטישע און אוודאי שוין טראַגישע קאָליזיעס און שילדערונגען. און אויב ס'איז אפילע פאַראַן דאָס פאַרקריפּלטע, דאַרף דאָס געוויזן ווערן ווי דאָס שיינע. אין דער נאָוועלע „א פאָטער און א מוטער" זאָגט די דערציילערין: „הוילער גרויל איז נאָך קיין קונסט ניט. נו, און הוילע פרייד? פרייד פרייט כאָטש, גרויל שרעקט"[4]. די זעלבע דערציילערין זאָגט אויך: „טשײַקאָווסקין דאַרף איך. איך שטעל אָן דעם מאַגניטאָפאָן אַף דער שטילסטער שטילקײַט. ער זאָגט מיר בעסאָד סוידעס, אַז סאָפּקאָלסאָף איז דאָס לעבן שיין. האָב ליב! — זאָגט ער. — הער, די וועלט איז סאָפּקאָלסאָף פול מיט ניגן"[5].

אין דער נאָוועלע „מעלאָכע — מעלוכע" זאָגט דער דערציילער: „אויסגעגעבן אין די שווערע יאָרן, באַלד נאָך דער מילכאָמע, די מיזינקע, ריוועקעלען... ארויס פונעם פײַער מיט איין ריוועקען, קאָן מען זאָגן... צאָרעס פאַרגעסן זיך"[6].

זעלבסטפאַרשטענדלעך, די סאָוועטישע קונסט איז אָפּטימיסטיש לויט איר פילאָסאָפישן אינהאַלט, לויט איר סאָציאַלן טאָך, לויט אַלע אירע שעפערישע אײַנשטעלונגען. אָבער דאָס באַטײַט אבסאָליוט ניט קיין אייניטאָניקע שילדערונג פון ראָזעווע בילדער. דאָס לעבן איז קיינמאָל ניט פרײַ פון ווידערשפּרוכן, פון קאַמפן און שטרײַטן. און די ליטעראַטור קאָן אויך ניט זײַן פרײַ פון ווידערשפּרוכן. קאָנפליקטלאָזיקײַט, אידילישקײַט איז פונקט אזוי ניט אָנעמבאַר פאַר דער קונסט, ווי דורכויס שוואַרצע פאַרב.

עס קאָן אמאָל זײַן, אַז א ליגן, אָפּנאַרערײַ איז נייטיק צוליב גערעכטיקײַט. בייס מילכאָמע דאַרף מען און מע מוז אָפּנאַרן דעם סוינע, וועלכער איז אָנגעפאַלן אַף דײַן לאַנד און אַף דײַן פאָלק. מע מעג און מען דאַרף אָפּנאַרן א גאַזלען, אויב דאָס קאָן העלפן ראַטעווען דאָס לעבן. און אַנדערע אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע פאַלן. אָבער אָן אָנפירער טאָר ניט אָפּנאַרן די מאַסן. און אוודע דאַרף זיך היטן פון א ליגן דער קינסטלער.

דאָ דאַרף איך אָבער זאָגן, אַז שרײַבמאַן איז אין זײַנע ווערק אַלײן סויסער די עסטעטישע טעאָריע פון אָבליגאַטאָרישן אָפּטימיזם. שרײַבמאַן דער קינסטלער וואַרפט אָפּ אַזאַ אָפּטימיזם. זײַנע ווערק זײַנען טאַקע אָפּטימיסטיש אין גוטן זינען פון דעם דאָזיקן באַגריף. און אין זיי וועט איר ניט געפינען קיין ביליקע אידילישע שילדערונג. פאַרקערט, די נאָוועלן און דערציילונגען זײַנע אָטעמען מיט קאָנפליקטן, מיט דראַמאַטיזם. איך וואָלט אפילע געזאָגט, אַז שרײַבמאַן דער קינסטלער פירט מיט זיך א אינערלעכן שעפעריש־פּסיכאָלאָגישן קאַמף. די גרוילן פון דער מילכאָמע לאָזן אים ניט צורו. אין יעדער נאָוועלע הערט זיך אין אונטערטעקסט, אין די קינסטלערישע רעמיניסצענצן דער שוידער פון אומקום אין די געטאָס, אין די פאַשיסטישע טויט־לאַגערן. אָט איז די דערציילונג „צוויי כאַסענעס". אַלץ איז גוט. מע לעבט גוט. מע פּראַוועט כאַסענעס. אָבער עס ווײַזט זיך ארויס, אַז דער קאַלעס מאַמע, ציפּעלעס מאַמע האָבן די דײַטשן דערשאָסן נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק. ציפּעלעס צווייטע מאַמע איז געוואָרן די אוקראַינערין ניקיטעוונע, וועלכע האָט געראַטעוועט ציפּעלען פונעם טויט, אײַנשטעלנדיק איר אייגן לעבן.

אין דער צווייטער כאַסענע איז דער כאָסן וויקטאָר — א ייִדיש קינד, וועמען עס האָבן אויך געראַטעוועט אַרכיפּ פּאַוולאָוויטש און מאַטושאַ לוקעריאַ, ווען די דײַטשן האָבן געפירט ראַשקעווער ייִדן צום טויט; וויקטאָר ווייסט ניט, אַז ער איז א ייִד, און קיינער, אַכוץ אַרכיפּ פּאַוולאָוויטשן און מאַטושאַ לוקעריאַ, ווייסט דאָס ניט. וויקטאָר האָט אָבער כאַסענע פאַר א ייִדיש מיידל, און דער פאָטער מיט דער מוטער האַלטן פאַר נייטיק צו אַנטפּלעקן, אַז וויקטאָר איז א ייִד, אַז זיי, זײַנע עלטערן, זײַנען טאַקע זײַנע עלטערן, אָבער געבוירן האָבן אים אַנדערע עלטערן, וועלכע די דײַטשן האָבן אומגעבראַכט. ביידע כאַסענעס ווערן ניט פאַרשטערט. די פרייד פון נײַעם לעבן בלײַבט. אָבער די טראַגישע גרוילן פון נעכטן זײַנען ניט פאַרגעסן. זיי קאָנען ניט זײַן פאַרגעסן, ווײַל זיי זײַנען איבערגעפלאָכטן מיטן לעבן פונעם הײַנט. באַזינגענדיק דאָס הײַנטיקע לעבן, רופט דער שרײַבער צו געדענקען שטענדיק, אַז דאָס גוטע איז ניט געקומען אליין, עס האָט געקאָסט טײַער. און דאָס האָט שוין קיין שײַכעס ניט צו אידיליע.

די מײַסטערשאַפט פון שרײַבמאַנס נאָוועלע איז די מײַסטערשאַפט פון וואָרט, די קונסט פון לאָשן. אין דער שפּראַך פון שרײַבמאַנס נאָוועלע פילט זיך האַרמאָנישקײַט פון רייד, פּינקטלעכקײַט באַם מאָלן א מענטשן, א געשעעניש, באַם איבערגעבן, רעפּראָדוצירן א מאָנאָלאָג, א דיאַלאָג, א רעפּליק. עס פילט זיך, אַז דער שרײַבער איז א פולשטענדיקער באַלעבאָס איבערן לאָשן.

---

[3] יעכיעל שרײַבמאַן. יאָרן און רעגעס, ז. 8.
[4] דאָרטן, ז. 265. [5] דאָרטן. [6] דאָרטן.

די שפּראַך־סטיכיי קאָן זײַן פּאַרפּירעריש, אויב דער שרײַבער איז ניט בעקויעך זי צו צוימען. שרײַבמאַן קען העברעיִש. דער העברעיִשער עלעמענט פילט זיך אין זײַן שילדערן און אין זײַן ריידן. אָבער ער קאָקעטירט ניט דערמיט און היט שטענדיק אײַן די נייטיקע אָרגאַנישקײַט, דאָס געפיל פון מאָס, דעם געהעריקן קינסטלערישן טאַקט.

שרײַבמאַנס קינסטלערישע שפּראַך איז פאָלקסטימלעך. אָבער דער דערציילער ווערט קיינמאָל ניט פאַרפלייצט פון באַריידעוודיקײַט, פון געקינצלטער, איבעריקער, ניט נייטיקער יאָגעניש נאָך ווערטלעך און גלײַכווערטלעך, נאָך זאָגענישן און ריידענישן. זיי, די פאָלקס־רייד, די אידיאָמען און רעדנסאַרטן, קומען אין שרײַבמאַנס נאָוועלן בלויז דעמלט, ווען זיי דאַרפן זײַן.

איר וועט אין שרײַבמאַנס שפּראַך ניט טרעפן קיין קאַלקעס, האָגאַם ער קען העברעיִש, מאָלדאַוויש און, פאַרשטייט זיך, רוסיש. די ווירקונג פון אָט די שפּראַכן פילט זיך אין זײַן ייִדיש, אָבער זי איז אַזוי נאַטירלעך, אַזוי האַרמאָניש, אַז ניט בלויז, וואָס דעם שרײַבערס לאָשן לײַדט ניט דערפון, נאָר פאַרקערט, עס ווערט נאָך בוילעטער די אייגנאַרטיקײַט, די נאָוואַטאָרישע באַזונדערקײַט.

עס איז ניט שווער צו באַמערקן אין שרײַבמאַנס שפּראַך און בִּיכלָל אין זײַן אַרט שילדערן דעם אָרטיקן בעסאַראַבער און מאָלדאַווישן קאָלאָריט. אין דעם ראָמאַן „זיבעצניאָריקע" זאָגט דער דערציילער וועגן זיך גאַנץ אָפן: „קליינשטעטלדיק, נאָר קליינשטעטלדיק־בעסאַראַביש. אויגן — קליינשטעטלדיק איבערגעשראָקן פאַרכידעשטע, נאָר ס'איז אין זיי, אַפּאָנעם, געשטאַנען אַ צו שאַרפער גלאַנץ, אַ צו שאַרפער, דאָרשטיק־אומרויִקער גלאַנץ".

אָט דאָס בעסאַראַבישע, אָבער ניט קליינשטעטלדיקע, אָט דער אָרטיקער קאָלאָריט, וואָס מאַכט ניט באַגרענעצטער, ניט אָרעמער די שילדערונג, נאָר פאַרביקער און בוילעטער, איז פאַראַן אין שרײַבמאַנס שפּראַך און אין זײַן סטיל אײַנגאַנצן גענומען. עס איז אין אָט דעם סטיל פאַראַן דער „שאַרפער גלאַנץ", דער „דאָרשטיק־אומרויִקער גלאַנץ".

ריידנדיק וועגן שרײַבמאַנס מײַסטערשאַפט, וועגן זײַן שפּראַך און סטיל, ווילט זיך אויך זאָגן וועגן דער באַדײַטונג פון טראַדיציע. אייניקע שרײַבער מיינען, אַז וויבאַלד טראַדיציע, הייסט עס אָפּוועזנהײַט פון שעפערישער זעלבשטענדיקײַט, נאָכמאַכערײַ, עפּיגאָנערײַ און אַלע אַנדערע שלעכטע זאַכן. אין דער ווירקלעכקײַט איז אָבער ניטאָ קיין באַדײַטנדיקער שרײַבער, וואָס זאָל ניט זײַן פאַרבונדן אויפן סאַמע ענגסטן אופן מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע. און אויב אַ שרײַבער איז ניט פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע, איז ער אַ צופעליקע דערשײַנונג, וואָס וועט ניט איבערלאָזן קיין שפּור אין דער ליטעראַטור.

וואָס איז שײַעך שרײַבמאַנען, דאַרף מען זאָגן, אַז אין זײַן שאַפן, אין זײַן שפּראַך און אין זײַנע קינסטלערישע שילדערונגס־מאַנירן פילט זיך שטאַרק די קלאַסישע טראַדיציע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, די טראַדיציע פון די אָוועס און גרונטלייגער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אַליכעם און י.־ל. פּערעץ, אָבער אויך פון די נײַע קלאַסיקער בערגעלסאָן, אש, דער ניסטער און אַנדערע. דאָס דריקט זיך אויס ניט בלויז דערין, וואָס דער אווטאָר דערמאָנט זייערע ווערק און זייערע נעמען אין זײַנע ליטעראַרישע מיניאַטורן און אין זײַנע נאָוועלן, נאָר אויך אין סטיל פון שרײַבמאַנס ווערק און אין זײַן שעפערישן מעטאָד.

אין אַ ריי ערטער ווענדט זיך שרײַבמאַן צו מענדעלען, צו זײַן באַוווּסטן „ניט דאָס בין איך אויסן". אין דער דערציילונג „איציק ראַכמיִעלס" טרעפן מיר פיר מאָל דעם אויסדרוק: „נאָר, ווי זאָגט מענדעלע, ניט דאָס בין איך אויסן". מיר ווייסן, אַז בײַ מענדעלען האָט אָט דער אויסדרוק „ניט דאָס בין איך אויסן" באַטײַט, אַז ער, מענדעלע, איז דאַפקע יאָ אויסן און טאַקע אָט דאָס איז ער אויסן. און אויב אַ שרײַבער כאַזערט איבער איינס און דאָס זעלבע עטלעכע מאָל, איז דאָס ניט קיין צופעליקײַט און ער איז דערמיט טאַקע עפּעס אויסן...

אין דער נאָוועלע „מײַנע טאַטע־מאַמע" שרײַבט דער אווטאָר: „מײַן טאַטן האָב איך, כוץ אַלעמען, ליב געהאַט דערפאַר, ווײַל ער האָט נעבעך יונגערהייט געהאַט אַן אַלטע פאַרטרויערטע נעשאָמע".

„ער גייט אום מיט אַ שוואַרצער פּראָסטער באָרד, וואָס איז פאַר דער צײַט פאַרגראָוט געוואָרן, קלערט, שווײַגט, און אַז ער צערעדט זיך אַמאָל, זאָגט ער:

— אײַ אַ וועלט, אײַ אַ קרומע וועלט!.."[7]

דער פּראָטעסט פונעם פּראָסטן אָרעמאַן קעגן דער „קרומער וועלט" דערמאָנט מיט עפּעס מענדעלעס אופקלערערישן פּראָטעסט קעגן אוולעס פון דער וועלט.

און שאָלעם־אַלייכעם? וועגן אים שרײַבט דער אווטאָר:

„שאָלעם־אַלייכעם האָט דורך זיך דורכגעשלעפּט אי מענאַכעם־מענדלען, אי טעוויען, אי מאָטל פּייסי דעם כאַזנס. זיי דורכגעשלעפּט דורך זיך און זיך דורכגעשלעפּט דורך זיי..."[8]

מיר ווייסן שוין, אַז אויך שרײַבמאַן שטרעבט „דורכשלעפּן דורך זיך" זײַנע פּאַרשוינען און זיך דורכשלעפּן דורך זיי. וועגן דעם האָב איך שוין גערעדט.

מיט שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען פאַראַן איבערופן אין שרײַבמאַנס נאָוועלן. איך וועל דאָ דערמאָנען בלויז איין בײַשפּיל, גענומען פון דער גלענצנדיקער מײַסע „שאָלעם כאַנאַכעס", מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן דאָס בוך „יאָרן און רעגעס".

„— שיקערט זיך אַמאָל, ראַבויסײַ, מיטיע ראָמעס אָן און הייבט אָן זעצן פענצטער, ער וויל, זאָגט ער, דאָ אויך מאַכן אַ שטיקל פּאָגראָם, אַ קליין־קליין שטיקעלע פּאָגראָם.

הייבט זיך דער אוילעם, ווי געוויינלעך, אָן צו צעלויפן. קרעמערלעך פאַרהאַקן די לאָדנס, מעוברעסע ייִדענעס כאַלעשן, קינדער קוויטשען. עס הייבט זיך אויף אַזאַ בעהאָלע אין שטעטל: וואָס הייסט אַ בעהאָלע — טישעבאָוו.

טו איך אַ גיי צו מיטיען, לייג אים אַרויף אַ האַנט מײַנע אויפן אַקסל און טו אַ זאָג:

---

[7] דאָרטן, ז. 91. [8] דאָרטן, ז. 410.

— מיטיע!

זאָגט ער:

— ווי־וואָסי?

זאָג איך:

— ווייסט כאָטש, וואָס דו טוסט?

זאָגט ער:

— כ׳ווייס. וואָדען, כ׳ווייס ניט?

זאָג איך:

— האִיטאָכן?

זאָגט ער:

— ווײַל אַזוי הייסט מען.

זאָג איך:

— ווער הייסט?

זאָגט ער:

— גאָט הייסט. און דער קייסער הייסט”.[9]

דאָ דערמאָנט זיך גלײַך שאָלעם־אַלייכעמס באַשרײַבונג פון אַ „פּאָגראָם” אין „טעוויע דער מילכיקער”.

פונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, אַז מער נאָענט פילט זיך שרײַבמאַן צו פּערעצן. און פריִער פאַר אַלץ — מיט דער קורצקײַט פון דער נאָוועלע און מיט דער געצווימטקײַט פונעם וואָרט. און ניט דערפאַר, ווײַל שרײַבמאַן האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז קורצקײַט איז ניט שטענדיק גוט און באַרייִדעוודיקײַט איז ניט שטענדיק שלעכט. נאָך מער: אין זײַנע עסטעטישע מיניאַטורן זאָגט שרײַבמאַן אַרויס אינטערעסאַנטע געדאַנקען, כאָטש אַפילו פּאַראַדאָקסאַלע, וועגן דער שײַכעס פון קורצקײַט און ברייטקײַט, פון שילדערן אין דער נאָוועלע און אין ראָמאַן. ער שרײַבט: „אַ ראָמאַנען־שרײַבער דאַרף אין זינען האָבן גראַד טשעכאָוון, זײַן „קורצקײַט איז די שוועסטער פון טאַלאַנט”... קורצקײַט אַף זעקס הונדערט אַכציק זײַטן. דער נאָוועליסט, פאַרקערט, גראַד ער, וואָס איז מאַמשיך טשעכאָוון, דאַרף אין זינען האָבן טורגעניעוון. זײַן „טאַלאַנט — דאָס איז פּראַטים”. איין פּינטל אין לעבן, איין אויגנבליק, איין ווונק דאַרף דערציילט ווערן פּראַטימדיק, דאַרף אַרומגערעדט ווערן באַאַריכעס, דאַרף באַמאָלט ווערן מיט אַלע איינצלהייטן, מיט אַלע פאַרבן.”[10]

אייניקע שרײַבמאַנס נאָוועלן זײַנען מוסטערהאַפט לויט זייער געפּרעסטקײַט און לאַקאָנישקײַט, לויט דער אַפאָריסטישקײַט פון וואָרט און טאַקע לויטן אינהאַלט. זיי זײַנען „פּערעציש”, נאָר זיי זײַנען פולשטענדיק שרײַבמאַנס נאָוועלן („מעלאָכע — מעלוכע”, „צוויי כאַסענעס”, „דאָס מיידל פון שעפּעטאָווקע”, „דאָס האַרבאַטע מיידל”, „איִווו” און נאָך אַנדערע).

שרײַבמאַן איז, פאַרשטייט זיך, אַ נאָוועליסט. אין אָט דעם „דריבנעם” דערציילערישן זשאַנער איז זײַן קויעך. דאָס הייסט ניט, אַז אים איז פאַרווערט צו שרײַבן, לאָמיר זאָגן, ראָמאַנען. אינעם בוך „יאָרן און רעגעס” איז פאַרעפנטלעכט דער ראָמאַן „זיבעצניאַריקע”. אין אים זײַנען פאַראַן גאַנץ אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן אונטערערדישן קאַמף אין דער באַאַרישער רומעניע, שטייגערישע און פּסיכאָלאָגישע עטיודן, בילדער און פאַרצייכענונגען, וועלכע האָבן אַ דערקענטעניש־וואָרט. עס פילט זיך דאָס אויג און דער אויער פון אַ מײַסטער, עס זײַנען אָנגעוואָרפן שטריכן פון מענטשן, עס זײַנען פאַראַן דראַמאַטישע קאָליזיעס.

דאָס סאַמע ווערטפולע אין ראָמאַן „זיבעצניאַריקע” איז דאָס אויטאָביאָגראַפישע; מיר דערוויסן זיך וועגן דעם שרײַבערס לעבן אין אַ באַשטימטן צײַט־אָפּשניט. פאַרן ליטעראַטור־היסטאָריקער און פאַרן פאָרשער פון שרײַבמאַנס שאַפן איז דער ראָמאַן אַ קוואַל, פון וועלכן ער קאָן אַרויסבאַקומען אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם שרײַבערס פּערזענלעכקײַט, וועגן זײַן כאַראַקטער, וועגן זײַנע עטישע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. „זיבעצניאַריקע” איז אַ ראָמאַן ניט אין טראַדיציאָנעלן, ברייט פאַרשפּרייטן זין פון וואָרט. דאָס איז אין טאָך זיכרוינעס. קיין פאַרענדיקטע טיפּן און געשטאַלטן זײַנען דאָרט ניטאָ. אַפילו דער דערציילער, דער צענטראַלער העלד, וואָס אַף אים האַלט זיך דער סוזשעט און די גאַנצע קאָמפּאָזיציאָנעלע סטרוקטור פונעם ראָמאַן, איז נאָך דערווײַל געגעבן בלויז אין קאָנטורן. ערטערווײַז שלאָגט זיך דער אויטאָר אַראָפּ פון קינסטלערישער שילדערונג און גייט אַריבער צו היסטאָריש־פּובליציסטישער אינפאָרמאַציע. לעמאָשל, די באַשרײַבונג פון דער אונטערערדישער קאָמיוגישער קאָנפערענץ איז גיכער ענלעך אַף אַ צײַטונגס־קאָרעספּאָנדענץ, ווי אַף קינסטלערישער מאָלערײַ. איך בין ניט קעגן פּובליציסטיק אין קינסטלערישער פּראָזע. ל. טאָלסטאָי האָט אין „קריג און פרידן” געמאַכט ניט איין היסטאָריש־פילאָסאָפישע און היסטאָריש־פּובליציסטישע „אָפּווענדונג”. אין ראָמאַן „זיבעצניאַריקע” איז אָבער אָט די פּובליציסטישע „אָפּווענדונג” שוין ביז גאָר ראַציאָנאַליסטיש און מאַכט אַן אײַנדרוק פון קינסטלעכער אַפּליקאַציע.

אַז שרײַבמאַן איז אַ שפּראַך־מײַסטער, האָב איך שוין געזאָגט. איך וויל אָבער נאָך באַמערקן, אַז עס טרעפן זיך אַמאָל בײַ אים אַפילו אין די נאָוועלן איבערכאַזערונגען פון איינעם און דעם זעלבן וואָרט. לעמאָשל, דאָס וואָרט „מעסוקן” האָב איך אָנגעציילט אינעם בוך אַכט און פערציק מאָל, און מיסטאָמע האָב איך נאָך דורכגעלאָזט.

די לעצטע צײַט זײַנען די רעדאַקטאָרן שטרענג מאַקפּיד אַף דער איבערכאַזערונג פונעם וואָרט. אַ געניטער רעצענזענט, אַז ער באַמערקט אין אַ בוך, ווי עס כאַזערט זיך איבער איינס און דאָס זעלבע וואָרט, מאַכט ער טייקעף דעם אויספּיר, אַז דער אויטאָר לײַדט פון שפּראַך־אָרעמקײַט און אַפילו פון סטיל־אָרעמקײַט. איינער אַ רוסישער קריטיקער האָט אָפּן סמאַך פון דעם, וואָס ער האָט אין אַ בוך געפונען עטלעכע מאָל דאָס וואָרט „פּלוצעם” («вдруг»), שוין אַפילו גערעדט וועגן „וואָרט־וואָדיאַנקע” (словесная водянка). דאָס איז אָבער ניט קיין וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג צו קינסטלערישער שפּראַך.

פון פאָרמעל־לינגוויסטישן, ריין קאָמוניקאַטיוון שטאַנדפּונקט זײַנען גערעכט די רעצענזענטן און דער געוויסער קריטיקער. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז אָט די קאָמוניקאַטיווע פונקציע פונעם וואָרט איז ניט די וויכטיקסטע אין דער קונסט. אין קינסטלערישן שאַפן באַקומט דאָס וואָרט נײַע פונקציעס — מעטאַפאָרישע, עמאָציאָנעלע, סימבאָלישע, אַלעגאָרישע, מוזיקאַלי־

[9] דאָרטן, ז. 14.

[10] דאָרטן, ז. 415.

שע, מאָלערישע, פּלאסטישע; דאָס קינסטלערישע וואָרט טרעט ארײַן אין נײַע פארבינדונגען, אין נײַע קאָנטעקסטן, פארלירנדיק דערבײַ די פּראקטישע קאָ־מוניקאטיווע באדײַטונג; דאָס קינסטלערישע וואָרט ווערט אָנגעשטעקט מיט נײַעם אינהאלט און ווירקט שוין ווײַטער אף אנדערע וואָרט־פארבינדונגען און וואָרט־קאָנטעקסטן. דער קינסטלערישער טעקסט האָט ניט מוירע פאר וואָרט־איבערכאזערונג; פארקערט, אין געוויסע פאלן פאָדערט ער אזעלכע איבערכאזע־רונגען, ער קאָן זיך אָן זיי ניט באגיין. איך רייד דאָ ניט וועגן דיכטונג; די פּאָעזיע וואָלט ביכלאל ניט געקאָנט עקזיסטירן אָן איבערכאזערונג פון קלאנגען, ריטמען, ווערטער, אויסדרוקן, פערזן און אפילע פון גאנצע סטראָפעס. אָבער אויך די פּראָזע פאָדערט און דערלאָזט איבערכאזערונג פון ווערטער, אויסדרוקן, פראזעאָלאָגישע ריידארטן. וואָרט־איבער־כאזערונג איז נייטיק ניט בלויז אלס מיטל פון רייד־כאראקטעריסטיק פונעם פארשוין, אלס שפּראך־„פּאספּאָרט" (בערגעלסאָן) פונעם פּערסאָנאזש, אלס מיטל פון שפּראך־אינדיווידואליזאציע פון די גע־שטאלטן, נאָר אויך אלס מיטל פון שילדערן און דער־ציילן.

נאטירלעך, וואָרט־איבערכאזערונג קאָן אויך איידעס זאגן וועגן אָרעמקײַט פון שפּראך, וועגן גרויקײַט פונעם אווטאָרס לאָשן. פילבארײדעוודיקײַט קאָן אמאָל זײַן אָן אויסדרוק פון שוואכער באגאבונג פונעם שרײַבער, פון זײַן ניט קאָנען אָרגאניזירן, דיסציפּלינירן די שפּראך־סטיכיי. אָבער דעמלט איז דאָס שוין ניט קיין סיבע, נאָר א רעזולטאט פונעם שרײַבערס באגרענעצטע מעגלעכקײַטן, פון זײַן אומ־באהאָלפנקײַט.

אומקערנדיק זיך צו שרײַבמאנען און צו דער אָפטער איבערכאזערונג פון „מעסוקן", דארף איך זאגן, אז אין דער מערהײַט פאלן איז אָט די איבער־כאזערונג פון קינסטלערישן שטאנדפּונקט בארעכ־טיקט. אין קינסטלערישן טעקסט איז דאָס וואָרט „מעסוקן" בא שרײַבמאנען מערסטנטייל פונקציאָנעל אָנגעלאָדן און דריקט אויס אין א ריי פאלן איראָ־ניע, פאָלקסטימלעכע רייד־סטיליזאציע, רייד־אינדי־ווידואליזאציע. איך וויל דאָ אויך באמערקן, אז דאָס וואָרט „מעסוקן" טרעפט זיך אָפט אויך אין בער־געלסאָנס ווערק און מיט דער זעלבער קינסטלע־רישער פונקציאָנעלער אָנלאָדונג. און דאָך, דאכט זיך מיר, איז אָט די איבערכאזערונג ניט שטענדיק ארויסגערופן פון קינסטלערישער נויטווענדיקײַט.

יעכיעל שרײַבמאן טראָגט ניט אומזיסט זײַן פאמיליע. ער איז טאקע אן עכטער שרײַבמאן, א קינסטלער מיט בארוף און מיט לײַדנשאפט פון א שעפער. אָבער ער איז ניט בלויז א שעפער, ער שאפט ניט סטיכייִש, ער טראכט וועגן זײַן בארוף און וועגן זײַן קינסטלערישער שאפונג, ער וויל באזיניקן זײַן קונסט און זײַן אָרט אין לעבן און אין דער ליטעראטור. ער האָט אין איינער פון זײַנע ליטערארישע מיניאטורן ארויסגעזאָגט זײַן טרוים „צו פארבלײַבן לעבן באלזאקן, לעבן טאָלסטאָיען, לעבן שאָלעם־אלייכעמען א פּראָסטער סאָלדאט, אפילע דער לעצטער אין דער ראָטע". יעכיעל שרײַבמאן האָט זיך געקלאָגט, אז בא פופציק יאָר איז ער נאָך אפילע קיין סערזשאנט ניט.

דאָ איז שוין אונדזער אווטאָר צו באשיידן. צו זײַן א סאָלדאט לעבן באלזאקן, טאָלסטאָיען און שאָ־לעם־אלייכעמען איז א גרויסער קאָוועד, ניט יעדע־רער דערגרייכט דאָס. אָבער איך מיין, אין אונדזער הײַנטצײַטיקער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור איז יעכיעל שרײַבמאן אוודאי איינער פון די ערשטע אין דער ראָטע — איינער פון די באדײַטנדיקסטע מײַסטערס פון דער סאָוועטישער יידישער פּראָזע.

קורצע רעצענזיעס

וועגן מיריאם פּײַערמאַן־לעווינס בוך „ציט א שנירל זיך"

מיט דער הילף פון א געזעלשאַפטלעכן בוך־קאָמיטעט אין די פּאַרייניקטע שטאַטן איז אין 1972 דערשינען אין לאָס־אַנדזשעלעס א בוך דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן און לידער פון דער דאָרטיקער פּראָגרעסיווער שרײַבערין מיריאם פּײַערמאַן־לעווין. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אן אַרײַנפיר־וואָרט פונעם דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער בער גרין און עפנט זיך מיט א וויגליד:

ציט א שנירל זיך פון זײַדן
צו מײַן טאַטן און צו מיר,
און דאָס שנירל וועט אף ווײַטער
אויך זיך ציִען, קינד, צו דיר.

פיל פּעדעם זײַנען אײַנגעוועבט אין דעם טראַדיציאָנעלן ירושע־ליד: גרויע טעג — דאָס זײַנען טעג פון נויט, שווארצע טעג פון געטאָס. און צום סאָף ווערט געזאָגט:

ס'האָבן דורעס גאַנצע פון די געטאָס
מיט גאָלד דאָס שנירעלע באַצירט.
וואַקס זשע, קינד מײַנס, א גאָלד־וועבער
היט דאָס גאָלד אין שנירל, היט!
(ז. 4)

אייניקע דערציילונגען, וועלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אין בוך, זײַנען אויטאָביִאָגראַפישע („מיר ציִען זיך ארויס פון סניטקאָוו", „בא דער מומע איידל אין הויז", „מײַנע ערשטע טעג אין אַמעריקע" אאַ.). פון זיי און אויך פונעם אַרײַנפיר־וואָרט דערוויסן מיר זיך, אז דער אויטאָר איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַיִנישן שטעטעלע סניטקאָוו. אין דרײַ יאָר ארום איז די גאַנצע מישפּאָכע אריבערגעפּאָרן אין פּאָדאָליער שטעטל שאַרגאָראָד און דאָרט איבערגעלעבט דעם בירגערקריג און די פּאָגראָמען. פון 1922 אָן איז מיריאם אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ווו זי אַרבעט אין א שאַפּ און נעמט אן אָנטייל אין דער פּראָפּאַרײַנישער באַוועגונג. אין די דרײַסיקער יאָרן פאַרענדיקט זי דעם ייִדישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט, ווערט א לערערן פון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן און א מיטאַרבעטערן אין דער ייִדישער פּראָגרעסיווער פּרעסע. אין איר בוך טרעפן מיר אויך אייניקע שאַפונגען, געווידמעט דעם אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, מוישע לעווין, וועלכער איז געווען א קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער און האָט געגלייבט, אז „דער סאָציאַליזם וועט ברענגען א שענערע וועלט" (ז. 173).

מיריאם פּײַערמאַן־לעווין. „ציט א שנירל זיך". לאָס־אַנדזשעלעס, 1972.

די הויפּט־טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק פונעם בוך איז די אַמעריקאַנער ווירקלעכקײַט מיט אירע סאָציאַלע סטירעס און פּאָליטישע קאָנפליקטן, די ווירקלעכקײַט, וואָס ווערט קינסטלעריש באַזיניקט און געשילדערט פון א גרויס־אײדעס, אזעלכע דערשײַנונגען, ווי אַרבעטסלאָזיקײַט (די דערציילונג „טעפּלעך"), אוואַריעס אין די שאַכטעס („אָלגאַ"), נעגער־טראַגעדיע („דאָס בלומען־טעפּל"), די מילכאָמע אין וויעטנאַם (דאָס שולד־געפיל"), קאַפּיטאַליסטישע באַרײַכערונג פון מילכאָמע־באַשטעלונגען און אַנדערע. ווי ס'איז צו זען פון אירע רעפּאָרטאַזשן, איז די שרײַבערין ניט קיין פּאַסיווער צוקוקער און רעגיסטראַטאָר פון די פּאָליטישע געשעענישן און קלאַסן־שלאַכטן אין לאַנד. זי נעמט, לעמאָשל, אן אַקטיוון אָנטייל אין ריזיקן הונגער־מאַרש צום ווײַסן הויז אין וואַשינגטאָן אין די דרײַסיקער קריזיס־יאָרן, און אין איר רעפּאָרטאַזש „סאַליוט צו דיר" שרײַבט זי: „מיר האָבן געגעבן א שוווע צו היילן דעם געזעלשאַפטלעכן ראַק" (ז. 140). זי איז אויך געווען איינע פון די 125 טויזנט דעלעגאַטן־אָנטיילנעמער פונעם שאָלעם־מאַרש קעגן דער שמוציקער מילכאָמע אין וויעטנאַם (רעפּאָרטאַזש „מיר ווילן שאָלעם").

דער אויטאָר האָט א פּאָזיטיווע פּראָגראַם און ווייסט די מיטלען אף צו היילן די קראַנקע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט און צו לייזן די סאָציִאַלע ווידערשפּרוכן אין לאַנד, ווו „דער גאַנצער ערדישער גאַניידן בענקט נאָך זײַנע ארויסגעטריבענע קינדער" (ז. 26). איינער פון די פּאָזיטיווע העלדן, די אַרבעטער־עמיגראַנטקע איטקע, וואָס האָט זיך אלפּינעס געראַטעוועט פון די ווײַסגוואַרדייִשע פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע, ווייסט צו מודיע זײַן, אז „דעם אָטעם פון דער רוסישער רעוואָליוציע טראָגט זי אריבער אין נײַעם לאַנד" (ז. 48).

דעם 50־יאָריקן יובילײַ פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען „אין יאָר 1917 איז איין זעקסטל פון דער וועלט ארויסגעריסן געוואָרן פון די נעגל פונעם אימפּעריאַליזם" (ז. 134), ווידמעט די דיכטערן א ספּעציעלע ליד, ווו זי רופט פּאַטעטיש אויס:

אָ, ברודער בלינדער, קום אהער,
גיב די האַנט,
הייב אוף די אויגן צו דער זון!

ווען דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט צען יאָר אלט, פאַרפאַסט פּײַערמאַן א ליד „צו מײַן שטאַם", וואָס איז א מין כּעזשבן־האַנפעש־ווערק:

האָט א שטורעם מיך, א יונגע צווײַג, פון
שטאַם אראָפּגעריסן
און איבער כוואַליעס רוישיקע אין א ווײַטן
לאַנד אַרײַנגעשמיסן.
— — — — — — — — — — — — — —

קינסטלער אלעקסאַנדער טישלער

(זע דאָס אַרטיקל אויף ז. 163.)

פאָרטרעט פון א מיידעלע



א קאַרוסעל

א רײַזע אין קאָסמאָס



פאָלקס־טעאַטער





פרוי און שטאָט

די אנטבלויזטע



דער פליוגער



פון דער סעריע „די נאציסטישע דיוויזיע
„דער טויטער קאָפּ“

האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" מיך צוריק צום
שטאַם גענומען,
האָב איך דאָרט אפסניי די האָפענונג געפונען
(ז. 163).

• וועגן דער אידייִש־עסטעטישער מיסיע פון דעם פּאַרגעשריטענעם שרײַבער אין אונדזער צײַט גייט א רייד אין דער ליד „דער רויטער נאָווי", וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַלער פעלקער־פאַרברידערונג:

איך בין דער גילגל פון דעם בלוט
פון אלע מענטשלעכע מארטירער,
איך בין די קראַפט, די זעל און מוט
פון אלע מענטשן — פרײַהייטס־דינער.
— — — — — — — — —
און אויף די קוואָרים פון מארטירער
שפּראָצן וועט א נײַע וועלט,
ווו שווארצע, ווײַסע, געלע ברידער
דריקן וועלן זיך די הענט.
(ז. 151).

דער שפּראַך־סטיל פון דער שרײַבערן איז ניט קיין איינהײַטלעכער, פונקט ווי אירע שאַפונגען זײַנען ניט אלע גלײַכווערטיק. גערעכט איז בער גרין, וועלכער האלט, אז אייניקע זאכן זײַנען דער־קלאַראַטיוו (ז. 3), מע דאַרף אָבער אָנווײַזן, אז אין ארסענאַל פון פּײַערמאַנס שילדערונגס־מיטלען זײַנען פאַראַן אויך אייניקע נעאָלאָגיזמען און אָריגינעלע מעטאַפאָרן, וואָס ווירקן עמאָציאָנעל אפן לייענער. אָט זײַנען בײַשפּילן פון געראָטענע מעטאַפאָרן און שפּראַך־געווינסן: אָפּשטויבן דעם טעפּיך; ווינטער־דיק־געגלאָזטע טײַכן; די שטרײַקנדע זײַנען באַ־טאָוולט מיט אַן אופשריפט; דער צוג גארטלט ארום דעם בארג; פּורפּור־קאָלירטע קאָלדרע; אויסצויבערן די ניגונים; גאלאָפּ פון די געשעענישן אא.

די אופגאַבע פון דער ליטעראַטור, ווי פון קונסט ביכלאַל, איז מאַכן דעם מענטשן שענער, איידעלער און גוטהאַרציקער. עכט פּאָעטיש און איבערצײַגעוו־דיק קלינגען די ווערטער פון דער דיכטערן מ. פּײַערמאַן־לעווין: „יעדן טאָג אפסניי איך ווער געבוירן, יעדן טאָג פאַרכידעשט, ווי א קינד... און א ניגון שטיל איך ברום: כ'בין א שוטעף צום ארום!"

מוני גלייזער

זיכרוינעס פון א קאָמאַנדארם

דער פארלאַג „נאַוקאַ" האָט ארויסגעלאָזט דאָס צווייטע בוך זיכרוינעס פונעם מארשאַל פון סאָ־וועטנפאַרבאַנד ק. ס. מאָסקאַלענקאָ „אויף דער דאָרעם־מײַרעווידיקער ריכטונג".

ווי באַוווסט, איז דאָס ערשטע בוך דערשינען אין 1969, עס האָט ארומגעכאַפּט די געשעענישן פונעם אָנהייב־פּעריאָד פון דער מילכאָמע. אינעם נײַעם בוך ווערט דערציילט וועגן די שלאַכט־אָפּעראַציעס אין די יאָרן 1943 — 1945. עס הייבט זיך אָן פון דער שלאַכט הינטער קורסק און פאַרענדיקט זיך מיט דער צעגראָמירונג פון דער לעצטער דײַטשיש־פאַשיסטישער מיליטער־גרופּע אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין מײַ 1945.

מיט א גוט וואָרט דערמאָנט ק. ס. מאָסקאַלענקאָ א סאַך גענעראַלן און אָפיצערן, מיט וועלכע אים איז אויסגעקומען צו קעמפן צוזאַמען: דעם גענעראַל ד. אי. אָרטענבערג, דעם קאָמאַנדיר פונעם מעכאַ־ניזירטן קאָרפּוס ס. מ. קריוואָשעין, דעם קאָמאַנדיר פון אַן ארמיי־גרופּע פון גוואַרדײַישע מינענווארפער אי. ס. יוף, דעם קאָמאַנדיר פון אַן ארטילערישער דיוויזיע ס. ס. וואָלקענשטיין (צוזאַמען מיט אים האָט דער קאָמאַנדארם זיך געלערנט נאָך ביז דער מיל־כאָמע אין דער מיליטערישער ארטילעריע־אקאַדעמיע אפן נאָמען פון פ. ע. דזערזשינסקי), דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דעם קאָמאַנדיר פון דער 240־טער שיסער־דיוויזיע ט. פ. אומאַנסקי, דעם ספּעצ־ציִעלן קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „פּראַוודאַ" מ. ג. בראַגין און אנדערע.

„ערעוו דעם אָנגריף האָט אונדזער ארמיי באַזוכט אי. ערענבורג, — שרײַבט דער אווטאָר, — דעם טעקסט פון זײַן ארויסטרעטונג פאַר די קריגסלײַט און קאָמאַנדירן האָט פארעפנטלעכט די ארמיי־צײַטונג „זאַ סטשאַסטיע ראָדיני". ער האָט דעמלט געזאָגט: מיר דאַרפן ראַטעווען קיִעוו. מיר דאַרפן איבעריאָגן די פּאַקעל־טרעגער. מיר דאַרפן איבער־יאָגן דעם טויט. קיִעוו וואַרט. ער וואַרט מיט א טויט־בענקשאַפט. אָן קיִעוו איז ניטאָ אוקראַיִנע. אָן קיִעוו איז ניטאָ אונדזער היימלאַנד. אויף אונדז קוקט אצינד גאַנץ רוסלאַנד. דאָ, בא דעם גרײַז־גרויען דניעפּער, גייען גרויזאַמע שלאַכטן. פון זיי איז אָפּהענגיק דער גורל פון קיִעוו. פון זיי איז אָפּהענגיק אויך אונדזער גורל. אויב מיר וועלן ארויסשלײַדערן די דײַטשן פון קיִעוו, וועלן זיי זיך אוועקקײַקלען קיין דײַטשלאַנד. די דײַטשן ווילן, אז קיִעוו זאָל ווערן זייער אָנשפּאַר. קיִעוו דאַרף ווערן זייער קייווער" (ז. 165).

מיט ווייטעק דערמאָנט דער קאָמאַנדארם מאָסקאַ־לענקאָ וועגן די רעציכעס איבער דער באַפעלקערונג אויף דער צײַטווײַליק אָקופּירטער טעריטאָריע פון אוקראַיִנע.

„בייסן באַלעבאַטעווען אין אָט די ערטער האָבן די דײַטשישע אָקופּאַנטן פאָרגענומען שווידערלעכע אַקציעס אויף אויסצוראָטן די אַרטיקע פּוילישע, אוק־ראַיִנישע און יידישע באַפעלקערונג", — שרײַבט דער קאָמאַנדארם וועגן די גוואַלדטאַטן פון די געסטאַ־פּאָווצעס אין דער שטאָט סאַנאָק (ז. 424). גענוי באַשרײַבט ער, וויאַזוי די היטלעראָווצעס האָבן צע־שאָסן לעבן דעם דאָרף זאַסלאַוו 600 מענטשן, און אײַנגאַנצן האָבן זיי אין סאַנאָק אומגעבראַכט עט־לעכע טויזנט אײַנוווינער.

די דערינערונגען פונעם מארשאַל ציִען צו מיטן ברייטן פאַרנעם פון די באַשרײַבענע געשעענישן, מיט דער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון פאַקטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן די העלדישקײַט פון די סאָוועטישע מענטשן אין קאַמף קעגן פאַשיזם. דערבײַ ברענגט דער אווטאָר א סאַך דאָקומענטן, וועלכע זײַנען פריִער ניט געווען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער פּרע־סע און וועלכע באַווײַזן אָנשוילעך דעם גאַנג פון

די שלאַכטן אַף דער דאָרעם־מיַרעווּדיקער ריכטונג.

מיט גרויס אינטערעס לייענען זיך די עפּיזאָדן וועגן דעם, ווי אונדזער מיליטער האָט באַפריַט קיִעוו, פאָרסירט דעם דניעפּער, וועגן דעם גאַנג און דעם סאַכאַקל פון דער זשיטאָמיר־בערדיטשעווער אָפּעראַציע, וועגן דער צעגראָמירונג פון דער ערשטער טאַנקען־אַרמיי פונעם קעגנער, וועגן די שלאַכטן אין די קאַרפּאַטן. דער אווטאָר ברענגט פיל אינטערעסאַנטע ביַשפּילן, וואָס זאָגן אײדעס וועגן דער אויסגעהאַלטנקיַט און העלדנמוטיקיַט פון די סאָוועטישע שלאַכטליַט, וועגן דער מאָראַליש־פּאָליטישער אײנהיַט פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דאָס ניַע בוך זיכרוינעס פונעם מאַרשאַל ק. ס. מאָסקאַלענקאָ איז אַ ווירדיקער ביַטראָג אין דער ליטעראַטור וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

יא. גאָרעליק,
קאַנדידאַט פון מיליטערישע וויסנשאַפטן.

אַ ווערטפול בוך

פאַר מיר ליגט אַ היפּש בוך זינגלידער פון יויסעף שראַגין, דערשינען אין ניו־יאָרק. דאָס איז אַ בוך, וואָס עטעמט מיט ליבע צו דעם פאָלקס־מעלאָס און דערפאַר איז עס מיר סימפּאַטיש.

ווי ס׳איז צו זען, איז יויסעף שראַגין אַ גוטער קענער פון דער שאַפונג סיַי פון די אַמעריקאַנער ייִדישע דיכטער, סיַי פון די סאָוועטישע. אינעם בוך איז געגעבן מוזיק צו די לידער פון אַ גאַנצער ריי פּאָעטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אינגאַנצן — זעכציק זינגלידער. נאַטירלעך, עס איז שווער צו מאַכן אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל אַ גענויעם אַנאַליז פון אַזאַ גרויסער זאַמלונג. די אויפגאַבע ווערט אָבער פאַרלײַכטערט דערמיט, וואָס אין איר פילט זיך אַ באַשטימטע מוזיקאַלע ליניע. ערשטנס, זיַנען די זינגלידער, לויט דער אינטאָנאַציע, נאָענט צו פאָלקלאָר, און גראָד די פאָלקלאָריסטישע לידער (אַזעלכע זיַנען אינעם בוך אַ היפּש ביסל) גיבן זיך דעם אווטאָר באַזונדערס איַן, וויַל אַדאַנק זייער פאָלקסטימלעכן קאָלאָריט האָט ער די מעגלעכקיַט צו עטעמען פריַער, ברייטער.

צווייטנס, אינעם בוך איז פאַראַן אַ היפּש ביסל כאָר־לידער. דאָס איז אַ זשאַנער, אַף וועלכן די קאָמפּאָזיטאָרן האָבן אַ סך געאַרבעט. דאַרף מען טאַקע אָנוויַזן אַפן מאַנגל אין פּאָליפאָניע, ד.ה. גראָד אין דעם, אין וואָס דער כאָר איז באַזונדערס ריַך און אויסדריקלעך. דער אווטאָר באַגרענעצט זיך אָפּט מיט ווערטיקאַלע כאָראַל־האַרמאָנישע קאָנסטרוקציעס. און דערפאַר דוכט זיך, אַז די אויסדרוקמיטלען זיַנען אין אַ געוויסער מאָס צו אָרעם. ניט קעשורע איז דאָ אויך אין דער פאָרטעפּיאַנע־פאַקטור. מיר ווייסן, אַז עס עקזיסטירט אַן אַזויגערופענער „באַבע־אַקאָמפּאַנעמענט”. אַזאַ טערמין נייטיקט זיך ניט אין פאַרטיַטשונגען. די מיַלעס פון אָט אַזאַ פּרינציפּ זיַנען אַבסאָליוט קלאָר: עס ווערט פאַרליַכטערט צו באַקאַנען זיך מיט די לידער, מאַכט זיי צוטריטלעך. אָבער צוטריטלעכקיַט איז נאָך ניט אַלץ. אַ ליד האָט אויך אַ געשטאַלט, וואָס פאָדערט, אַז זיַן עמאָציאָנאַלע אויסדריקלעכקיַט זאָל באַוויַזן ווערן מיט ריַכערע מיטלען. אינעם בוך טרעפן זיך לידער, ווי, לעמאָשל, די ליד „די פּלוי”, ווו דער אַקאָמפּאַנעמענט איז, אַדרעבע, צופיל איבערגעלאָדן מיט ניט באַרעכטיקטע שוועריקיַטן.

די גרויסע צאָל לידער אינעם בוך פאַרשווערט די אויפגאַבע צו געפינען די פאַרשיידנאַרטיקיַט פון יעדער ליד באַזונדער. און אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקיַט איז דאָך אומבאַדינגט נייטיק. עפּשער וואָלט דער אווטאָר באַדאַרפט זיַן שטרענגער אויך צו זיך אַליין און אָפּקליַבן אַ ביסל ווייניקער לידער.

די אָנגעמערקטע פעלערן פאַרמינערן לאַכלוטן ניט דעם פיַנעם איינדרוק, וואָס דאָס בוך אינגאַנצן גענומען מאַכט אַפן לייענער. לאָמיר ווינטשן דעם אווטאָר, אַז אין דער צווייטער אויפלאַגע זאָל ער נעמען אין אַכט עפּעס־וואָס פון אונדזערע פריַנטלעכע באַמערקונגען.

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ

יויסעף שראָגין. זינגלידער. ניו־יאָרק, 1972.



* פלאַרא סירקינא

דער יונגער פינף=און=זיבעציקיאָריקער קינסטלער

אלעקסאנדער טישלער איז אלט געוואָרן 75 יאָר. דאָס איז א בעקאָוועדיקער עלטער, נאָר ניט קיין זקיינישער יובילײ. טישלער איז זייער ווײַט פון זײַן א זאָקן. דער קינסטלער, וואָס גייט יעדן פריי־מאָרגן, סײַ אינדערוואָכן, סײַ אין א יאָמטעוו, אין זײַן ווארשטאט און מאָלט און שניצט און קלעפּט ביז שפּעט אין אָוונט — צי קאָן מען זאָגן, אז צו אים איז געקומען די זיקנע?

א. טישלער געהערט צו יענע הויך־באַגאַבטע קינסטלער, וואָס וויפל זיי זאָלן ניט שעפּן פון זייערע אינערלעכע אוצרעס, קאָנען זיי צו דער דעק ניט דערגיין.

צי האָט איר אמאָל געזען, ווי א קינד מאָלט? ווען דאָס קינד צייכנט אָן אף א בויגן פּאַפּיר א בילד פונעם לעבן, ווי ער זעט עס מיט זײַנע אויגן, טרעט ער גלײַך צו צום איבערמאַכן אלץ פון אָנ־הייב ביזן סאָף, די געשעענישן אפן בילד באַקומען וואָס ווײַטער אלץ נײַע און נײַע פאָרמען, עס ווערן אין קינדערשן מויעך אָן אופהער געבוירן נײַע וואַ־ריאַנטן. די עפּיזאָדן, וועלכע זײַנען אים געפעלן, כאַזערט ער איבער, פיקסירנדיק דערבײַ די קענטיקע ענדערונגען אין דער יאופירונג פון די פּערסאָנאַזשן. אים איז שוין ווייניק איין בויגן פּאַפּיר, ער פּאָדערט נאָך א בויגן — א גאנצן אלבאָם, ווו זײַן געדאַנק זאָל האָבן פּלאַץ צו פאַנאַנדערוויקלען זיך.

פיל שטריכן פון דעם דערמאָנטן קינד פאַרמאָגט אין זיך אויך דער פינף־און־זיבעציקיאָריקער קינסט־לער אלעקסאנדער טישלער. נעמט ער נאָר אין האַנט א בלײַער, צי א פּענדזל, קאָן ער זיך שוין ניט אָפּשטעלן. גיך ווערן באַדעקט מיט צייכענונגען אלע זײַנע גרויסע און קליינע נאָטיץ־ביכלעך, בלאָקנאָטן און אלבאָמען. ווי נאָר ער ענדיקט מאָלן איין לײַוונט, נעמט ער זיך גלײַך צו א צווייטן. צווישן די קינסטלער איז ער באַוווּסט ווי דער סאַמע פּרוכטבאַרער. א ווערטעלע צו זאָגן, בלויז פאַר פינף יאָר צײַט, אין 1964 — 1969, ווען ער איז שוין גע־ווען צווישן די שישים און שיווים, האָט ער צוגע־גרייט און עקספּאָנירט דרײַ אויסשטעלונגען פון זײַנע בילדער, צייכענונגען, אקווארעלן, סקולפּטורן, עסקיזן פון דעקאָראַציעס און טעאַטראַלע אָנצוגן.

פון טישלערס פּענדזל קומען קיינמאָל ניט ארויס קיין פּרימיטיווע ווערק, אלע זײַנע ארבעטן זײַנען בעדערעך־קלאַל פּרעכטיק און דערציילן זייער פיל, באַווײַזן דעם אווטאָרס הויכקינסטלערישע פאַנטאַזיע, זײַן גלענצנדיקע מײַסטערשאַפט, די טיפקײַט פון זײַן געדאַנק, די פרישקײַט פון זײַן קוק אף מענטשן, געשעענישן.

■

אלעקסאנדער טישלער איז געבוירן געוואָרן דעם 26 יול 1898. זײַן טאַטע, זיידע, עלטערזיידע, על־טערעלטערזיידע זײַנען געווען האָרעפּאַשניקעס — סטאָליערס. סטאָליערײַ איז בא זיי געווען א מיש־פּאָכע־פאַך. דערפון שטאַמט טאַקע די פאַמיליע טיש־לער. פון זײַנע עלטערן האָט אלעקסאנדער טישלער געיאַרשנט די ליבע צו שעפערישער אויספורעמונג, דאָס געפיל פאַר פאָרם און מאַטעריאַל, דער אָריי־גינעלער געשמאַק, די געניטע, שטאַרקע הענט פון א האָרעפּאַשניק.

אלעקסאנדער טישלער דערמאָנט קיינמאָל ניט זײַנע קינדער־יאָרן ווי ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט. אז ער רעדט וועגן זײַנע טאַטע־מאַמע, וועגן זײַנע ברי־דער און שוועסטער, פרײַנט, שכיינים־באַלמעלאָכעס, דוכט זיך, אז זיי שטייען לעבן אים, ער לעבט מיט זיי צוזאַמען. שמועסט איר מיט אים וועגן זײַנע קינדער־יאָרן, שאַפט זיך בא אײַך דער אײַנדרוק, אז ער געפינט זיך אינעם גרויסן הויף אף איינער פון די הינטערגאַסן פון דער זוניקער שטאָט מעליי־טאָפּאָל, וואָס שטייט אפן ברעג פונעם טײַך מאָלאָ־טשנאיא, ער לויפט נאָך דעם ציגײַנער־טאַבאָר, זיצט אין כיידער, און דער מעלאַמעד שלאָגט אים מיט א ווירע איבער די פינגער, ער נעמט אָנטייל אין די געשלעגן און אין די פאַרווײַלונגען פון די יינגלעך. אָט זעט ער, ווי פאָלקס־מאָלער באַפּוצן בריטשקעס און הילצערנע בעטן, לויפט ער גלײַך צו זיי צו מיט א פּענדזל אין האַנט און מאָלט אויך. ביז הײַנט איז אים אײַנגעבאַקן אין האַרצן די גרוי־סע מישפּאָכע פון זײַן טאַטן דעם סטאָליער, וואָס האָט געמאַכט טישן פון רויטן האָלץ. אונדז פאַר־שאַפן גרויס פאַרגעניגן זײַנע בילדער, וועלכע באַ־ווײַזן די אײַנוווינער פון די מעליטאָפּאָליער פאָר־שטעט — „באָנדערס“, „שכיינים פון מײַן קינדהײַט“, „פאַרקויפערס פון זייגערס“, „גאַסן־מוזיקאַנטן“, „וואַנדערנדיקע קונצנמאַכערס“, „ציגײַנער“ און די שלאַנקע דאָרעם־פרויען, וועלכע טראָגן אלץ אף די קעפּ — קערב, קרוגן, בלומען. זיי פיגורירן בא טיש־לערן, ווי אלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו זײַנע קינדער־יאָרן, ניט ווי לאַנג פאַרגאַנגענער אָוואַר, נאָר ווי אזוינס, וואָס ער זעט הײַנט לעבן זיך און וואָס רופט בא אים ארויס א ווארעם געפיל, א האַרציקן שמייכל. אין אזעלכע ווערק זײַנען בא אים ניטאָ קיין שפּורן פון אַרכאַישקײַט, סטיליזאַציע, ווײַל זיי זײַנען ניט קיין עקסקורסן אין דער פאַר־גאַנגענהײַט, ניט קיין שטודיום פון דער געשיכטע פון זיטן, מינהאָגים, שטייגער, אַטמאָספער. ניין, דאָס אלץ איז בא טישלערן א טייל פונעם לעבן.

טישלער האָט ליב איבערצוכאַזערן די ווערטער פון פּיקאַסאָ: „איך מאָל ניט פון דער נאַטור, נאָר מיט דער הילף פון דער נאַטור“. צי באַטײַט דאָס, אז ער מאָלט ניט קיין עטיודן, פּאָרטרעטן, פּיי־זאַזשן? אזא לײַדנשאַפטלעכער, גרענעצלאָזער ארבעט־זאַמער קינסטלער מאָלט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס טאַקע פון דער נאַטור. נאָר אינעם בילד איז די

נאטור בלויז זײַן געהילף, זי העלפט אים שאפן פאראלגעמײנערנדיקע געשטאלטן, װעלכע װערן געבוירן אין זײַן רײַכער פאנטאזיע.

טישלערס געשטאלט פארמאָגט פיל באטײַטן. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן װעגן א גוט מײַסעלע, װוּ יעדער אײנער — א קינד צי א דערװאקסענער — געפינט עפעס נײַס, װײַל דער טיפער און גוטער געדאנק פונעם מײַסעלע איז שטענדיק א פּאָעטישער סאָד, א מין שײנער סאגי־נאָהער־געדאנק. פּושקינען געהערן די װערטער: „א מײַסעלע איז א ליגן, אָבער שטענדיק איז אין דעם פאראן אן אָנצוהערעניש״. אזוי, און ניט אנדערש, קאָן מען אופנעמען טישלערס װערק, װעלכע זײַנען ענלעך צו מײַסעלעך. אשטײגער, די סעריע „דערשאָסן א טויב״. דאָס איז דאָך סײַ א באלאדע װעגן א טײַבעלע, סײַ א ליד פון די אסירים פונעם פאשיזם, סײַ א מײַסעלע װעגן העראָישע אופטוען, סײַ א פּראָטעסט־געשריי.

אף אײנער אן אויסשטעלונג האָט מען געפרעגט בא טישלערן, װאָס װיל ער זאָגן מיט זײַן בילד „א באלאגאנדל״. אפן בילד איז באװיזן א פרוי, װאָס טראָגט אפן קאָפּ א... הויז. איר פּאָנעם איז אײַנגערעמלט אין א פענצטער מיט לאָדנס. איז דאָס א סימבאָל װעגן דער שקלאפישער צוגעבונדנקײַט פון דער פרוי צו דער שטוב?

„עס טרעפט אָפט, — האָט דער קינסטלער געענטפערט, — אז דער צושויער געפינט אין מײַנע װערק אזוינס, װעגן װאָס איך האָב אפילע ניט געטראכט. נאָר איך שטרײַט ניט מיט מײַנע צושויער. מאָלערײַ, װי מוזיק, דארף דאָך ארויסרופן נאָענטע, אָבער ניט אלצײנע אסאָציאציעס און אויסטײַטשונגען״.

טישלער געדענקט ניט, װען ער האָט אָנגעהויבן מאָלן. װי ער זאָגט, האָט ער שטענדיק געמאָלט. צו 14 יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער קיִעװער מאָלערײַ־שול, דערנאָך באזוכט די סטודיע פון אלעקסאנדרע עקסטער. צו 19 יאָר איז ער שוין געװאָרן אויס שילער. צו יענער צײַט האָט ער זיך באקאנט מיט איליא ערענבורגן, איסאק ראבינאָװיטשן.

ארויסגעפירט טישלערן אף די װעגן פון גרויסער קונסט האָט די אָקטיאבער־רעװאָליוציע. דאָס האָט דער יונגער טישלער צוזאמען מיט ניסן שיפרינען געמאָלט די אגיט־צוגן און דעם אגיט־דאמפער, װאָס איז געשיקט געװאָרן אפן פראָנט פונעם בירגערקריג. שפּעטער האָט טישלער געמאָלט אין מעליטאָפּאָל די „ראָסטא־פענצטער״. אין 1919 איז ער געװאָרן א רויטארמײער. ער האָט געזען מיט זײַנע אויגן די שלאכטפעלדער, די רעציכעס פון די װײַסבאנדיטן, די װילדע סאדיסטישע העפקײרעס פון די מאכנאָװוצעס, די זיג־מארשן פון דער רויטער קאװאלעריע. װען עס זײַנען אנשװיגן געװאָרן די הארמאטן און עס האָט זיך צעזונגען דער כאָר פון די מוזעס, האָט אין דעם כאָר זיך דערהערט אויך טישלערס שטים, װעלכע איז געװען זײער קרויװיש צו סוועטלאָװס, באגריצקיס און סעלװינסקיס פּאָעזיע. טישלערס בילדער־סעריע „בירגער־קריג״, „מאכנאָװשטשינע״, „דער טויט פון א קאָמאנדיר״ זײַנען לידער װעגן דער רעװאָליוציע, װעגן ראטעװען די פאָן, װעגן דעם העראָישן אומקום פון א שלאכט־פרײַנט, װעגן באגעגענישן און געזעגענישן אפן פראָנט אאװו. אדג. אין יענער צײַט האָט טישלער געמאָלט ניט קײן פּאָרטרעטן, ניט קײן קאָנקרעטע באטאליע־סצענעס, ניט קײן דאָקומענטאלע עפּיזאָדן, נאָר זײער אָפּשפּיגלונג אין דער רעװאָליוציאָנערער לעגענדע.

אין 1921 איז טישלער אריבערגעפאָרן פון מעליטאָפּאָל קײן מאָסקװע. ער האָט זיך באזעצט אף מיאסניצקאיא (הײַנט קיראָװ־גאס) בישכײנעס מיט „װכוטעמאס״. אינעם צימער, װאָס האָט אים געדינט אלס דירע און אלס װארשטאט, האָט ער געמאָלט איליוסטראציעס, קאָנספּעקטירט ביכער װעגן די געזעצן פון אָפּטיק און פארב, װעגן דער טעכניק פון מאָלערײַ, געלײענט פילאָסאָפישע פאָליאנטן. ער האָט ניט אופגעהערט צו זוכן זײַן אײגענעם װעג צװישן די שטורמישע און פארשײדענע קונסט־שטרעמונגען פון די צװאנציקער יאָרן.

א געװיסע צײַט האָט דער קינסטלער דעמלט געשריבן אזויגערופענע „קאָמפּאָזיציעס״, װאָס אויסערלעך האָבן זײ אויסגעזען װי אבסטראקטע. צי זײַנען זײ טאקע געװען א דערשײַנונג פון אבסטראקציאָניזם? גיכער פון אלץ זײַנען זײ געװען אן אויסדרוק פונעם קינסטלערס קוק אין דער צוקונפט. צי קאָן מען האלטן אלס עקספּרעסיאָניזם די העכסטע אָנשטרענגונגען, די גראָטעסקישע פּאטעטיק, װעלכע



אלעקסאנדער טישלער אין זײַן אטעליע

טישלער האָט אַרײַנגעלייגט אין זײַנע ציקלען „מאכ־נאָוושטשינע" און „א דעמאָנסטראציע פון אינוואַ־לידן"? ווארשײַנלעכער פון אלץ, אז ניט.

טישלער טרינקט פון פארשיידענע קוואלן, אָבער ער איז שטענדיק טרײַ זיך אליין. ס'איז ניט צופעליק, וואָס אז מע פרעגט בא אים, ווער עס איז זײַן באליבטער קינסטלער, רופט ער אָן ניט איינעם, נאָר א סאך — אלטרוסישע מײַסטערס און לעאָנארדאָ דא ווינטשין, באָטיטשעלין און סעזאנען. אין זײַנע ווערק וועט איר אינערגעץ ניט געפינען, אז ער זאָל נאָכ־קאָפירן די גרויסע מײַסטערס, איר פילט אָבער, אז ער באהערשט זייער דערפארונג. טישלערס אייגנאר־טיקײַט באשטייט אויך דערין, וואָס ער האָט פונקט אזוי שטארק, ווי די אָנגערופענע קינסטלער, ליב מוזיק און ארכיטעקטור — באכן, בעטהאָווענען, מאָ־צארטן, שאָסטאקאָוויטשן, גערשווינען, ער האָט ליב די ראָסי־גאס, די קירך פון וואסילי בלאזשעני, די פאָרשטאָט פון ווערייע. דאָס פילט זיך שטארק אין זײַנע ווערק.

נאָך די אויסשטעלונגען פון די צוואנציקער יאָרן אין מאָסקווע און אין אויסלאנד איז טישלער גע־וואָרן אן אלגעמיין־אָנערקענטער קינסטלער. טאקע אין די עקספּאָזיציע־זאלן האָט ער זיך באקאנט מיט די גרויסע קינסטלער געאָרגי יאקולאָוו, סארא לע־בעדעווע, מיטן שרײַבער יורי אָלעשא, מיטן דיכטער וולאדימיר מאיאקאָווסקי, מיטן רעזשיסער וסעוואָ־לאָד מייערכאָלד. זינט 1926 האָט טישלער זיך פאר־בונדן מיטן טעאטער. אָנגעהויבן האָט ער פונעם ווײַסרוסישן ייִדישן מעלוכע־טעאטער, ווו ער האָט געשאפן די דעקאָראציעס פאר וועוויאָרקעס „באָט־ווין", פאר „שעפסן־קוואל" פון לאָפע דע וועגא און פאר בערגעלסאָנס „דער טויבער". אין אָט די ערשטע ספעקטאקלען האָבן זיך אויסגעפורעמט טישלערס גרונט־פרינציפן אין געביט פון דעקאָראציע־קונסט. ער האָט די דאָזיקע קונסט געהאלטן אלס א זעלבס־שטענדיק פארגאנצטן ארכיטעקטור־קאָמפלעקס („...איך וועל ניט זײַן קיין קנעכט בא דער טעאטער־בינע. אין מײַנע דעקאָראציעס איז שטענדיק פאראן אן אייגענער דיל, אן אייגענע סטעליע, אייגענע ווענט, אן אויסגערופענע פלאסטישע ווירטשאפט").

טישלער איז נאָענט צו דער פאָלקס־קונסט. ער פארמאָגט א שטארקן כוש פאר דעם נאציאָנאלן כא־ראקטער, נאציאָנאלן קאָלאָריט, ער נייטיקט זיך ניט אין אן אויספירלעכער באשרײַבונג פונעם לעבנס־שטייגער, אין אויסערלעכע עקזאָטיק־עפעקטן. ער קען פרעכטיק זען און מאָלן די ראָמאנטישע שײַנ־קײַט פונעם באשיידענעם ייִדישן שטעטל אין שאָ־לעם־אליכעמס „בלאָנדזשענדע שטערן" (מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער, 1941), די פרײַע וועלט פון דער ציגײַנערישער אָרעמקײַט אין מ. בעזלויד־סקיס „א לעבן אף רעדער" (מאָסקווער ציגײַנער־שער טעאטער „ראָמען", 1931), די קלאסישע מאָנו־מענטאלקײַט פון דער העראָישער פארגאנגענהײַט פון אוזבעקיסטאן אין כ. אלימדזשאנס „אוקאנע" (אוזבעקישער דראמאטישער מעלוכע־טעאטער אפן נאָמען פון האמזא, 1943). ווי שיין עס האָט אויס־געזען דער פאָרהאנג פאר שאָלעם־אליכעמס „פאר־קישעפטער שנײַדער", געמאכט פון לאטעס (גאָסעט, 1943)!

ווען דער גאָסעט האָט זיך עוואקוירט פון מאָסקווע, איז מיט אים מיטגעפאָרן אויך טישלער. אינעם נײַעם אָרט האָט מען געמוזט שנעל אופשטעלן די דעקאָרא־ציעס און די טעאטראלע אָנצוגן, וועלכע זײַנען פארברענט געוואָרן אין 1941. אין א קורצער צײַט האָט טישלער געשאפן דעקאָראציעס פאר די ספעק־טאקלען „קעניג ליר", „בלאָנדזשענדע שטערן", „דער פארקישעפטער שנײַדער", „אופשטאנד אין געטאָ", „די קאפריזע קאלע" און פיל אנדערע. דערבײַ האָבן די דעקאָראציעס באקומען א נײַע קינסטלערישע לייזונג.

זייער רײַך איז דער רעפערטואר, איבער וועלכן טישלער האָט געארבעט. אין אים גייען ארײַן די רו־סישע, מײַרעוודיקע, ייִדישע קלאסיק, די הײַנטיקע דראמאטורגיע. ער האָט אויסגעפורעמט העכער 100 ספעקטאקלען, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרן אין די גרעסטע דראמאטישע און מוזיקאלע טעאטערן פונעם סאָוועטנפארבאנד. ווען מע זאָל אפילע בא־שרײַבן טישלערס דעקאָראציעס בלויז איבער שעק־ספירס ווערק, וועט זיך באקומען א היפש בוך.

טישלער אין טעאטער איז ניט בלויז א מאָלער, ער איז אויך אן אקטיווער רעזשיסער. ער באנוגנט זיך ניט מיט לייענען א דראמאטיש ווערק — ער אנאליזירט עס. באם אויספורעמען א ספעקטאקל הייבט ער שטענדיק אָן פון די אָנצוגן־געשטאלטן, דה. פון די אקטיאָרן. ווער געדענקט ניט מאיאקאָוו־סקיס „מיסטעריע בוף", וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין מאָסקווער סאטירע־טעאטער. די דעקאָראציעס פאר דעם ספעקטאקל האָט געשאפן טישלער. דעם גאנצן ערד־קוגל האָט ער ארומגערינגלט מיט לײַ־טערס, באפוצטע מיט רויטע פלאגן. אפן ערד־קוגל האָבן געהערשט זיבן פאָרלעך ריינע און זיבן פאָר־לעך, אומריינע. איבער זיי האָבן געשוועבט אין די וואָלקנס גאָט מיט זײַנע מלאָכים, אונטן, אין דער טיף פונעם ערד־קוגל, האָבן זיך ארומגעדרייט שיידים אין שפיץ מיטן אשמעדײַ. און צי קאָן מען פארגעסן דעם באנײַטן פינאל, וואָס דער קינסטלער האָט גע־שאפן: אף דער סצענע באווײַזט זיך א ספוטניק, וואָס דרייט זיך ארום דעם יאָמטעוודיקן ערד־קוגל.

טישלער האָט ליב פאראלגעמיינערונגען. ווען ער מאָלט, לעמאָשל, א מילכאָמע, זעט איר אף זײַן בילד ניט קיין אטאקע פונעם סוינעס טאנקען, נאָר דעם שווערן טראָט פון א געפאנצערטן מאָנסטער מיט צוויי הארמאטן־רערן אָנשטאָט אויגן, מיט אויערן און באקציינער, מיט שארפע קינזשאלן אין די לאפעס און אפן עק...

טישלערס בילדער זײַנען ניט קיין איליוסטראטי־וועס. אין זײַנע בילדער לעבן אָפט אוף ליטעראַרישע אסאָציאציעס, גענומען פון די ווערק פון באגריצקי, סעלווינסקי, סוועטלאָוו, גרין.

אלעקסאנדער טישלער האָט ליב צו מאָלן בילדער־סעריעס. ער דערקלערט דאָס דערמיט, וואָס אף איין לײַוונט קאָן ער ניט אויסדריקן אלץ, וואָס ער וואָלט וועלן זאָגן. יעדע נײַע וואריאציע העלפט אים טיפער צו באזיניקן די טעמע.

אין זײַן סעריע „דער געבורטסטאָג" טראָגן די פרויען אף זייערע קעפ לײַכטערס מיט ברענענדיקע ליכט.

— פארוואָס טראָגן זיי אף די קעפ ברענענדיקע

ליכט? — האָט געפרעגט באַם קינסטלער א באַזוכער פון זײַנער אַן אויסשטעלונג. — דאָס איז דאָך ניט קיין עמעס. אין דערווירקלעכקײַט קומט עס ניט פאָר.

— צי וואָלט אָבער געווען אַן עמעס, אויב די פרויען וואָלטן טראָגן אַף זייערע קעפּ טאָרטן מיט אופשריפטן וועגן דעם יובילינאַר? — האָט טישלער געענטפערט.

— פאַרוואָס טראָגן די פּערסאָנאַזשן פון אײַערע בילדער אַלץ אַף זייערע קעפּ — בלומען, געשיר, לײַכטערס, אַפילע הײַזער און דעכער? — האָט מען געפרעגט באַם קינסטלער.

— דאָס זײַנען סײַ זיכרוינעס פון די קינדער־יאָרן, סײַ אַן אויסדרוק פון מײַן אינטערעס צו אַרכיטעקטור, די קאַריאַטידן און אַטלאַנטן טראָגן אַף זיך גאַנצע ביניאָנים.

טישלער איז שטענדיק געטרײַ זײַנע פּרינציפּן, זײַן וועלט. ער גייט מיט זײַן וועג. אין די לעצטע יאָרן איז זײַן קונסט געוואָרן פאַרביקער, קאָמפּליצירטער. עס בײַטן זיך די שטריכן פון די העלדן פון זײַנע בילדער, אָבער ער שרײַבט אַלץ די אַלטע סעריעס. אין דער זעלבער צײַט ווערן בא אים געבוירן נײַע סעריעס, וועלכע עס רופט אַרויס די צײַט.

אַלעקסאַנדער טישלער איז צו זײַנע פינף און זיבעציק יאָר נאָך יונג און פריש, ער געדענקט גוט די קינדער־יאָרן, נאָר ער איז ווײַט, ווי דער הימל פון דער ערד, פון זיקנע.

ייִדיש — מ. ברײַנעס

כראָניק

„די ערד איז שיין“

מיט אַט דעם נאָמען פון שיקע דריזס א ליד, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געווען אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ נום. 2 פון פאָריקס יאָר, האָט די מאָסקווער ראַדיאָ באַטיטלט א ליטעראַרישע פּראָגראַם, געווידמעט דער שאַפונג פון דעם ייִדישן סאָוועטישן דיכטער.

אין דער ראַדיאָ־פּראָגראַם האָבן אין מעשעך פון 45 מינוט געקלונגען שיקע דריזס לידער און מײַסעלעך פאַר קינדער אין דער אויספילונג פון אַרטיסטן פון דער מאָסקווער עסטראַדע.

א ייִסראָעל־פילם אפן מאָסקווער קינאָ־פעסטיוואַל

דער קינאָ־רעזשיסער און פּראָדיוסער פון ייִסראָעל יאַקאָוו אַגמאָן האָט אָנטיילגענומען אַלס גאַסט אפן צווישנפעלקערלעכן קינאָ־פעסטיוואַל, וועלכער איז לעצטנס דורכגעפירט געוואָרן אין דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט.

יאַקאָוו אַגמאָן, דער שעפער פון א ריי קינאָ־לענטעס, האָט אינעם זאַל פון דער מאָסקווער פירמע „סאָיוז־עקספּאָרט־פילם“ פאָרגעשטעלט זײַן פולמעטראַזשיקן פילם „באַלאַגערונג“.

אינעם פילם ווערט געשילדערט די אָנגעשטרענגטע לאַגע אפן נאָענטן מיזרעך, באַזונדערס אַף די גרענעצן פון ייִסראָעל מיט די שכיינעסדיקע אַראַבישע מעלוכעס, נאָך דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע. די לענטע שליסט אין זיך אײַן דאָקומענטאַלע קאַדרען און שטייגער־עפּיזאָדן.

די הויפּט־ראָלן אין דעם פילם שפּילן גילאַ אַלמאַגאָר, דאַן בען אַמאָץ (זיי זײַנען אויך די אָווטאָרן פונעם סצענאַרי), יעראָאַם גאָאַן, יאַעל אַוויוו, אַמיר אָריאָן אאַ.

מיר ענטפערן אַף פראַגעס
פון אונדזערע לייענער

די יערושאָלאַיִם=פּראָבלעם

ווי ס'איז צו זען פון דער פרעסע, איז אין רעזולטאַט פונעם ייִסראָעל־אראבישן קאָנפליקט אופגעקומען א ספּעציעלע יערושאָלאַיִם־פּראָבלעם. ווי דאַרף מען זי פארשטיין?

מ. פ ר י ד מ א ן, וויניצע

עס איז גוט באקאנט די רעזאָליוציע נומ. 181, אָנגענומען אַף דער צווייטער סעסיע פון דער גענעראַלער אסאמבליי פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס (דעם 29 נאָיאבער 1947), וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע אַף צוויי זעלבשטענדיקע מעלוכעס — אן אראבישע און א ייִדישע. לויט דער רעזאָליוציע ווערט יערושאָלאַיִם מיט די בײַליגנדיקע ראַיאָנען (בעטלעכעם, על־קארים און שופאט) אויסגעטיילט אין א זעלבשטענדיקן אדמיניסטראטיוון איינס מיט א ספּעציִעלן צווישנפעלקערלעכן סטאטוס אונטער דער פארוואלטונג פון די פאראייניקטע נאציעס. די פאראייניקטע נאציעס באשטימען פאר יערושאָלאַיִם אן אַפּעטראָפּסים־ראט, וואָס דאַרף אויסארבעטן דעם סטאטוס פון דער שטאָט, ווו עס זאָלן זײַן אָנגעוויזן די קלאָלים וועגן דער ארבעט און די פונקציעס פונעם אדמיניסטראטיוון אפאראט, וועגן באשטימען א גובערנאַטאָר, וועגן דער אָרטיקער זעלבסטפארוואלטונג, וועגן באַזאָרגן די זיכערהײַט, די „הייליקע ערטער", די נאָרמאַלע פונקציאָנירונג פון די געריכטן, וועגן גאראנטירן די ציווילע פרײַהײַטן און אײַנרעגולירן די באַציִונגען צווישן יערושאָלאַיִם און די שכייניש מעלוכעס. דער יערושאָלאַיִמער סטאטוס האָט באדארפט ווערן א געזעץ ניט שפּעטער פונעם 1 אָקטיאבער 1948 און גילטן אין מעשעך פון צען יאָר. נאָך דעם טערמין האָט ער געדאַרפט איבערגעקוקט ווערן.

די דאָזיקע רעזאָליוציע איז אָבער ניט אויסגעפילט געוואָרן. בײַס דער מילכאָמע צווישן ייִסראָעל און די אראבער אין 1948—1949 האָט די ייִסראָעל־ארמיי פארכאפּט דעם מײַרעוו־טייל פון דער שטאָט (נײַ־יערושאָלאַיִם), יאָרדאַניע האָט פארנומען דעם מיזרעך־טייל (אלט־יערושאָלאַיִם). לויטן וואָפנשטילשטאנד־אָפּמאך צווישן ייִסראָעל און יאָרדאַניע איז יערושאָלאַיִם צעטיילט געוואָרן אַף צוויי טיילן.

אינעם מײַרעוו־טייל און אינעם מיזרעך־טייל האָבן עקזיסטירט באַזונדערע מוניציפּאַליטעטן (ייִסרעיילישע און יאָרדאַנישע), באַזונדערע געזעצן. פּאַזע דער וואָפנשטילשטאנד־ליניע, אַף וועלכער די שטאָט איז צעטיילט געוואָרן, זײַנען פארבליבן קלענערע באַצירקן, וועלכע האָבן צו קיינעם ניט געהערט. אין די צאָפן־מיזרעכדיקע און דאָרעם־מיזרעכדיקע פאָרשטעט זײַנען געשאפן געוואָרן דעמיליטאריזירטע זאָנעס. אין איינער פון אָט די זאָנעס האָט געארבעט דער באַאָבאכטער־שטאב פון די פאראייניקטע נאציעס.

דעם 23 יאנוואר 1950 האָט די קנעסעט פּראָקלאָמירט יערושאָלאַיִם אלס הויפּטשטאָט פון ייִסראָעל, אהער זײַנען אריבערגעפירט געוואָרן קימאט אלע מעלוכע־אנשטאלטן פון ייִסראָעל, דערונטער אויך דאָס אויסערן־מיניסטעריום.

אין העסקעם מיט דער ספּעציִעלער רעזאָליוציע פון די פאראייניקטע נאציעס פונעם 9 דעקאבער 1949 האָט דער אַפּעטראָפּסים־ראט פאָרגעלייגט דער ייִסראָעל־רעגירונג אָפּהאלטן זיך פון אזעלכע מאָסמיטלען, וועלכע קאָנען שטערן דורכצופירן דעם באַשלוס פון די פאראייניקטע נאציעס וועגן אײַנשטעלן א צווישנפעלקערלעכן סטאטוס פאר יערושאָלאַיִם, זי זאָל אָפּשאפן די באַשטימונג וועגן אריבערפירן קיין יערושאָלאַיִם די מיניסטעריִומס און אמטן פון דער מעדינע. טעל־אוויוו האָט אָבער איגנאָרירט די אלע רופן פון דער וועלט־עפנטלעכקײַט.

אין 1967 האָט ייִסראָעל אָקופּירט דעם מיזרעך־טייל פון יערושאָלאַיִם. שוין אין עטלעכע טעג ארום נאָכן פארכאפּן אלט־יערושאָלאַיִם האָבן די מאכט־אָרגאנען פון ייִסראָעל אָפּגעווישט פון דער ערד 25 הײַזער פון די אראבער, קעדיי אָפּרייניקן דעם פּלאַץ ארום דעם קויסל־מאאראָווי. די ציִעניסטישע קרײַזן, וועלכע האָבן צערייצט די שאָוויניסטישע לײַדנשאפטן ארום יערושאָלאַיִם, האָבן זיך דערשלאָגן דערצו, אז דעם 27 יון 1967 האָט די קנעסעט דרינגענדיק אָנגענומען דרײַ געזעצן, וועלכע זײַנען געוואָרן די יורידישע באַזע פאר דער אנעקסיע פונעם מיזרעך־טייל פון יערושאָלאַיִם. דער אינהאלט פון די געזעצן איז אזא: 1) דער רעגירונג איז דערלויבט אָנצווענדן די ייִסראָעל־יוריסדיקציע אין יעדן ראַיאָן פון פּאלעסטינע, 2) עס איז גאראנטירט די „פרײַהײַט פונעם צוטריט צו די הייליקע ערטער" פאר די

גלויבנדיקע פון אַלע רעליגיעס, 3) די רעגירונג באַקומט דאָס רעכט צו פאַרברייטערן די מאַכט פון די מוניציפּאַליטעטן. גלײַך אַף מאָרגן נאָכן אָנעמען די דרײַ געזעצן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די באַשטימונג פון דער רעגירונג וועגן אָנשליסן אַלט־ירושלאַיִם צום ייִסראַעל־טייל פון דער שטאָט. פון דעם טאָג אָן זײַנען אַלע געזעצן פון ייִסראַעל געוואָרן אָבליגאַטאָריש פאַר גאַנץ ירושלאַיִם.

אין דער זעלבער צײַט האָט אין ייִסראַעל זיך פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַמפּאַניע צו באַזעצן מיט ייִדן דעם אַראַבישן טייל פון ירושלאַיִם. בען־גוריאָן האָט פאָרגעלייגט אַריבערצופירן קיין אַלט־ירושלאַיִם פון 40 ביז 100 טויזנט ייִדן. די אַראַבער האָט מען פאַרטריבן פון שטאָט. אַפן אָרט פון די דרײַ אַראַבישע דערפער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער אומגעגנט פון ירושלאַיִם, האָט מען געשאַפן ייִסראַעלישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ייִשוּווים, די אַראַבישע אײַנוווינער אַרויסגעזעצט, זייערע הײַזער — אָפּגעריסן. אין יאַנוואַר 1968 האָט מען אינעם אַראַבישן טייל פון ירושלאַיִם קאָנפיסקירט אַרום 300 העקטאַר ערד, פאַרפּלאַנירנדיק אויסצובויען דאָ אין מעשעך פון 2 — 3 יאָר הײַזער פאַר 10 טויזנט ייִדן.

דעם 22 מײַ 1968, צום 20־טן יאָרטאָג פון דער עקזיסטענץ פון דער מעדינע, האָט ייִסראַעל דורכגעפירט אינעם אַראַבישן טייל פון ירושלאַיִם א מיליטערישן פאַראַד. דאָס איז געטאָן געוואָרן טראָץ דער וואָרענונג פונעם זיכערהײַט־ראַט פון די פאַראייניקטע נאַציעס, אַז אַזאַ אַקציע „וועט ברענגען צו א פאַרשאַרפונג פון דער אָנגעשטרענגטקייט אין דעם דאָזיקן ראַיאָן און וועט האָבן א נעגאַטיווע ווירקונג אַף דער פרידלעכער פּאָליטישער אײַנרעגולירונג פון דער פּראָבלעם פון דעם נאָענטן מיזרעך”.

צום 25־טן יאָרטאָג פון דער מעדינע איז ווידער דורכגעפירט געוואָרן א פאַראַד אין ירושלאַיִם, האָגאָם דער זיכערהײַט־ראַט איז ווידעראַמאָל אַרויסגעטראָטן מיט א וואָרענונג קעגן דורכפירן אין אָט דער שטאָט מיליטערישע פאַראַדן.

די ירושלאַיִם־פּראָבלעם איז א באַזונדערס קאָמפּליצירטע דערפאַר, ווײַל די דאָזיקע שטאָט איז דער צענטער פון דער געשיכטע און קולטור פון די פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך. ירושלאַיִם ווערט גערעכנט פאַר א „הייליקער שטאָט” פון די גלויבנדיקע פון דרײַ רעליגיעס — קריסטן, מוסולמענער און אָנהענגער פונעם יודאַיִזם. אין אַזאַ שטאָט דאַרף הערשן פולקומער שאָלעם. די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראַעל, וועלכע פּרעטענדירן אַף דער ראָליע פון די אייניציקע הערשער פון ירושלאַיִם, פאַרשווערן נאָך מער די לייזונג פון דער ירושלאַיִם־פּראָבלעם, ווי ביכלאַל פון דער פּראָבלעם פונעם נאָענטן מיזרעך.

וו. גערזנאָוו

צום אָנדענק פון ייִצכאָק קיל

פון ווינניצע איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיִע וועגן דעם, אַז אין עלטער פון 87 יאָר איז געשטאָרבן ייִצכאָק קיל.

מער פון פופציק יאָר איז ייִצכאָק קיל געווען א לײַדנשאַפטלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט, א טרײַער מויכער־ספאָרימניק, וואָס האָט געטראָגן אין די מאַסן דאָס סאָוועטישע ייִדישע בוך און די ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

איינער פון די אַקטיווסטע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד”, איז ייִצכאָק קיל ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן געווען ענג פאַרבונדן מיטן זשורנאַל.

ערע זײַן אָנדענק.

■ ■ ■

די פּאָטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1973

זאָל שוין גיכער זײַן „א דריטער שטאָק"

טײַערע כאַווערים! איך וויל דאָ ארויסזאָגן אייניקע געדאנקען ארום נאָטע לוריעס פּארצייכענונג „צוגאסט בא די קיִעווער שרײַבער" („סאָוועטיש היימלאנד" נום. 3, 1973), וועלכע כ׳האָב געלייענט מיט גרויס אינטערעס. כ׳האָב באטראכט די פּארצייכענונג, ווי א מין דורכקוק פון אונדזערע קויכעס אין געביט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, ווי א „אינוועטאָריזירונג" פון שרײַבערישע פּארטראכטן און פון שעפערישע פּלענער.

די אונטערשטע שורע פון דער אינוועטאריזאציע איז גאָר ניט קיין ווייניקע. עס ווערט מאמעש פּרייידיק אפן הארצן. די מאכנע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, בעסויכאָם די קיִעווער שעפער, פארמאָגט גענוג פולווער. אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אַף ווּעמען זיך אָנצושפּארן. דער צופלוס פון מאנוסקריפּטן, אויב אורטיילן לויט די קיִעווער שרײַבער, איז, הייסט עס, א באפרידיקנדיקע, און כאָטש דערוויַל רעדט זיך בלויז וועגן רוישטאָף, די שרײַבער וועלן נאָך דארפן היפּש צוהאָרעווען, קאָן מען דאָך האָפן, אז זייערע פּלענער וועלן פארווירקלעכט ווערן און דאָס רוישטאָף, דער פארטראכט, די פּלענער ווערלן, אימירצעשעם, פארוואנדלט ווערן אין פארטיקער שרײַבערישער פּראָדוקציע. ס׳איז צו זען, אז אין מאטעריאלן פאר אונדזער זשורנאל וועט קיין מעניִע ניט זײַן.

פארשטייט זיך, ניט אלע לייענער ווארטן אַף איינע און די זעלבע ווערק. יעדערער לויט זײַן גוסט, געשמאק, אנטוויקלונגס־ניוואָ וויל זען אין „סאָוועטיש היימלאנד" דאָס, וואָס אים איז נעענטער, אינטערעסאנטער, צוגענגלעכער, גרינגער צום לייענען. איינס איז אָבער קלאָר: די לייענער־מאסע אין אלגעמיין געפינט אין די פּלענער פון די שרײַבער, לויטן בײַשפּיל פון דער קיִעווער גרופּע, פון קאָלטווו: סײַ ראָמאנען און דערציילונגען, סײַ דיכטונג, סײַ די אזוי נייטיקע פּובליציסטיק און פארצייכענונגען.

איך האָב געלייענט מיט שטאָלץ נאָטע לוריעס ווערטער, אז קיִעוו איז אויך הײַנט א שטאָט, „ווּו עס לעבט א היפּשע פּלעיאדע באגאבטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער". ס׳איז געוויס אזוי. און אויב נעמען אין באטראכט, אז קיִעוו איז בלויז איין „פּונקט" אַף דער „געאָגראפישער מאפּע" פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן, וויפל לעבנס־קויעך אונדזער ליטעראטור פארמאָגט נאָך. מעגלעך, אז די עטלעכע דעזערטירן, וועלכע זײַנען געוואָרן שריפטשטעלער בא אונדז אין לאנד און געלאָפן זוכן גליקן אין אנדערע מעקויִמעס, נעמענדיק זיך אין דער טעווע צו אָפּקויפן זיך דאָרטן א צוקונפט מיט אנטיסאָוועטישע רעכילעסן, — די דאָזיקע נידערטרעכטיקע געוועזענע שרײַבער האָבן, מעגלעך, אגמעסנפעש פון דעם, וואָס אין די שטעט, וועלכע זיי האָבן געוואָרפן, שפּרודלט מיט ייִדישער ליטעראטור־שאפונג, און, דעם עמעס גערעדט, ס׳איז געוואָרן בעסער די שטימונג און ריינער די לופט, ווען יענע לײַט זײַנען אוועקגעפאָרן.

איך האָב געלייענט נאָטע לוריעס פארצייכענונג און בייסמײַסע געטראכט: לוריע איז טאקע א מיטגליד פון רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", נאָר געקומען צו די קיִעווער שרײַבער איז ער ניט אלס אָפיציִעלער פאָרשטייער פון רעדאקציע, נאָר ווי א קאָלעגע צו קאָלעגן. דער שמועס האָט געוויס ניט געטראָגן קיין כאראקטער פון אן אינטערוויו, נאָר איז געווען, דארף מען קלערן, א היימישער, כ׳וואָלט געזאָגט א כאווערישפעריִשער. געוויס האָט עמעצער פון די קיִעווער שרײַבער פון קעגנזײַטיקײַט־וועגן א פרעג געטאָן: „נו, און דו, טײַערער קאָלעגע, וואָס גרייטסטו עפּעס פאר די לייענער?"

אויב אפילע אזא פראגע איז ניט געשטעלט געוואָרן אין קיִעוו, וואָלט איך, ווי א לייענער, געוואָלט, אז נאָטע לוריע זאָל אַף איר ענטפערן — ניט מיט א בריוועלע אין רעדאקציע, נאָר טאקע מיט א נײַ ווערק.

נאָטע לוריעס צוויי ראָמאנען „דער סטעפּ רופט" און „הימל און ערד" האָבן מיר פארשאפן אָן א שיר נאכעס־רועך. אַף דער גרויסער קינסטלערישער מאדרייגע פון „דער סטעפּ רופט" האָט בעשײַטע אָנגעוויזן אליין דאָוויד בערגעלסאָן. אין דער טקופע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן מיר באקומען דעם „צווייטן שטאָק" פון דער עפּאָפּיי — „הימל און ערד".

אין דער קורצער, אויסדריקלעכער אנאָטאציע צום ראָמאן „הימל און ערד" לייענען מיר, אז דאָרט „ווערן געוויזן די גויראָלעס פון פארשיידענע סאָוועטישע מענטשן אין די שווערע יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע". וועגן וועלכע מילכאָמע־יאָרן קאָן גיין א רייד, ווען די געשעענישן פונעם ראָמאן ענדיקן זיך אין סענטיאבער 1961? כ׳וואָלט זיך ניט צוגעטשעפּעט צום רעדאקטאָר פונעם בוך כאווער מוישע איטקאָוויטש פארן וואָרט „יאָרן", ניט אין דעם גייט עס. די צוויי ראָמאנען באטראכט איך ווי צוויי שטאָקן פון איין געבײַדע, וועלכע איז פרעכטיק און שיין. נאָר ווען כ׳האָב

געענדיקט לייענען דעם ראָמאַן „הימל און ערד", האָב איך געהאַט א זיכער געפיל, אז די האַנדלונג איז נאָך ניט פאַרענדיקט. ניט אַנדערש, עס שמעקט מיט א טרילאָגיע, ס'דאַרף נאָך קומען א דריט בוך, ווּ עס זאָלן באַווײַזן ווערן די ווײַטערדיקע גוירלאָעס פון די הויפּט־פּערסאָנאַזשן ביז הײַנטיקן טאָג. עס איז נייטיק א „דריטער שטאָק".

די מעכײַעדיקע רייכעס פונעם בוריאַנאָווקער סטעפּ, די רײַכע דאָרפישע פּייזאַזשן האָבן אויך הײַנט ניט אָנגעווירן פאַרן ייִדישן לייענער זייער צויבער. א באַגעגעניש מיט די קינדער און אייניקלעך פון די געוועזענע בוריאַנאָווקער באַטראַקן און פּאַרטיזאַנער פון די צײַטן פון בירגערקריג — ווּ דער שרײַבער זאָל זיי איצט ניט געפינען, — וואָלט פאַרשאַפט דעם לייענער פיל פאַרגעניגן. אַוואַדע איז דעם לייענער גרינג צו פאַרלאַנגען, אז דער שריפטשטעלער זאָל אָנשרײַבן א נײַ בוך. פיל צײַט, האָרעוואַניע פאָדערט זיך, אז דאָס ווערק זאָל דערזען די שײַן. דאָס פאַרשטיי איך. עס ווילט זיך אָבער, אז נאָטע לוריע, אינפאָרמירנדיק אזוי טרעפלעך וועגן דער שעפערישער מי פון זײַנע קיִעווער קאָלעגן, זאָל אויך וויסן אונדזער לייענערישע מיינונג, אז ער אליין האָט זיך נאָך ניט ענדגילטיק „צערעכנט" מיט עלקען, שעפּטלען, אָרעשינען, וועלכע זײַנען אײַנגעבאַקן אין האַרצן, זינט זיי האָבן אָנגעהויבן זייער לעבן אין דער ליטעראַטור.

בּיניאָמין קאָטליאַר, כאַרקאָוו.

ווידעראַמאָל אונטערגעשטעלטע „קרויווים"

צו דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך וווין אין קאָפּײַגאָראָד, וויניצער געגנט, און אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון קאָפּײַגאָראָדער ייִשעווּ־סאָוועט. שוין א סאַך יאָרן, ווי איך שרײַב אויס און לייען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

ניט לאַנג צוריק איז קיין קאָפּײַגאָראָד אָנגעקומען פון ייִסראָעל א טשיקאַווער דאָקומענט. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס אויסערן־מיניסטעריום פון ייִסראָעל ווענדט זיך צו די קאָמפּעטענטע סאָוועטישע אָרגאַנען מיט א ביטע, מע זאָל מיר מיט מײַן פרוי דערלויבן אַרויספאָרן קיין ייִסראָעל. אויף דער צווייטער זײַט פונעם דאָקומענט באַשטעטיקט אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז דער נאָטאַריוס פון כײַפע, די כסימע פון איינעם א יאַנקל שוואַרץ, אז ער רופט אונדז אַרויס קיין ייִסראָעל. אויף דער דריטער זײַט איז געגעבן דער אַרויסרוף־דאָקומענט.

אַרויסרופן רופט מיך אַרויס, ווי ס'איז צו זען פונעם דאָקומענט, מײַנס א שוועסטערקינד. נאָר קיין שום קרויווים, אַרײַנגערעכנט שוועסטערקינדער, האָב איך ניט אין ייִסראָעל.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָב איך געלייענט וועגן די ספּעקוליאַטיווע קונצן פון די ייִסראָעל־ציִעניסטן, וועלכע שיקן אַרויסרופן צו סאָוועטישע בירגער פון זייערע קלוימערשטע קרויווים אין ייִסראָעל, און ווען זיי טרעפן אָן אויף נאַיִווע לײַט, וואָס גלייבן דעם אַרויסרוף און קומען צו פאָרן, לאָזט זיך אויס, אז קיין קרויווים זײַנען ניטאָ. איך ווייס פון א סאַך אַזעלכע פאַלן, און קאָן עס ניט פאַרשווײַגן.

איך בעט אָפּדרוקן מײַן בריוו.

אָשער אוויס קאָפּײַגאָראָד.

א ליד פון אן אמעריקאַנער לייענער

איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן מײַן פרייד, ווען איך דערהאַלט א פרישן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד". איך זעץ זיך באַלד אַרײַן אין מײַן פאָטעל, און מיר דוכט, אז קיין מער גליקלעכער מענטש, איידער איך, איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט. קיין שום אַנדער ייִדישער זשורנאַל קאָן זיך ניט גלײַכן צו „סאָוועטיש היימלאַנד" לויט זײַן קולטור־ניוואָ, אָנגעזעטיקטקײַט, הויכער קונסט פון דער פּראָזע און פּאָעזיע. איר טוט א גוטע אַרבעט, טײַערע כאַווײרים, זאָל אײַך גאָט געבן געזונט און לאַנגע יאָר.

איך שיק אײַך דאָ צו מײַנע א ליד, אויב איר האַלט פאַר מעגלעך, דרוקט זי.

דער געמיינזאַמער קוואַל

צו די בערג פון לעוואָנען שעפּסן זיך טוליען,
די זון טוט זייערע פעלן מיט ליבשאַפט באַרירן,
צופוסנס פון די בערג ליגט רויִק מעטולאַ,
גרינע פעלדער דאָס שטעטל באַצירן.

א טרויער שוועבט אַראָפּ פון די הייכן,
אַן אַראַבער פּיטערט זײַנע שאָף אויף יענער זײַט לאַנד.
כ'ווייס, אז ער וויל פון דאָרט אַהער דערגרייכן,
קומען צו מיר און כאַווערish מיר דריקן די האַנט.

ווי א פרײַנט, בײַ א טעפּל קאַווע, זיך ווײַלן,
נאָר די וואַך פון דער גרענעץ — זי וועט אים שטערן,
ער לאָקערט באַנאַכט צווישן טאָלן, דורך היילן,
ניט ייִסראָעל, ניט לעוואָנען קאָנען אים ניט פאַרווערן.

מעגן אָפּצוימען פאָרורטיילן און געטער,
מעגן שטיינער פון דער גרענעץ אַלס שאָמרים דאָרט ליגן.
רופט מײַן אַראַבישן כאַווער פּאַרטעטער?
ניין! עס וועט ניט געשען, אז מיר זאָלן זיך צעקריגן.

דער קוואַל, וואָס שלענגלט פון לעוואָנען קיין ייִסראָעל,
אין וועלכן ס'נעצט דער אַראַבער די פאַרשמאַכטע ליפּן,
אויך דער ייִד, אז ער וויל טרינקען, טוט יעדעס מאָל
זיך אַראָפּבייגן צום קוואַל, פון דאָרט וואַסער צו זופּן.

יאַנקעוו דזשערגאָווסקי, **עלסינאָר, אמעריקע.**

א פראַגע מיט אַן ענטפער

טײַערע פרײַנט!

די ליבע צום ייִדישן וואָרט האָב איך אײַנגעזויגן נאָך מיט מײַן מאַמעס מילך. מיט בענקשאַפט וואַרט איך אַף יעדן פרישן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד". וועגן אײנער אַ שוועריקײַט וויל איך אײַך דערציילן.

שטעלט אײַך פאָר — אַ מאַטעריאַל, אַ מעכײַע צו לייענען. מיטאַמאָל נאַ דיר גאָר אַ וואָרט „פויעל־יוצע". דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ העברעיִש וואָרט, נאָר וואָס באַטײַט עס? אויב ס'איז ניטאָ קיין אַנדער וואָרט, וואָס זאָל פאַרבײַטן דעם אויסדרוק „פויעל־יוצע", האָט מען לעכאָלהאָפּאָכעס באַדאַרפט געבן אין אַ פוסנאָטע דעם טײַטש פונעם וואָרט. אַז איך לייען, מעג איך דאָך וויסן, וואָס איך לייען.

אין 1936 האָב איך געענדיקט אין וואַרשע אַ ייִדישע זיבניאָריקע פאָלקסשול. קיין העברעיִש האָט מען דאָרט ניט געלערנט. מײַן פרוי האָט אין 1938 פאַרענדיקט אַן אָדעסער ייִדישן אינסטיטוט. אויך דאָרט האָט מען קיין העברעיִש ניט געלערנט. צווישן די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע קענען ייִדיש, וועט איר געפינען גאָר ווייניק אַזעלכע, וואָס ווייסן אויך העברעיִש, סײַדן די זקיינים, יועלכע האָבן ביז דער רעוואָליוציע געלערנט אין די כאַדאָרים. מיר אַלע באַציִען זיך מיט גרויס אַכטונג צו העברעיִש, מיר זײַנען זייער דאַנקבאַר דעם זשורנאַל, וואָס דרוקט אָפט איבערזעצונגען פון די ווערק פון די פּראָגרעסיווע העברעיִשע פּראָזאַיקער און דיכטער. אָבער אויב די איבערזעצונג איז אַ ייִדישע, דאַרף די שפּראַך זײַן אַ ריין ייִדישע, און די העברעיִשע ווערטער דאַרפן אָפּגעטײַטשט ווערן.

מיט אַכטונג

שימען וואַקס, **דניעפּראָפּעטראָווסק.**

פון רעדאַקציע. מיר זײַנען פולשטענדיק מאַסקים מיט אײַך, כאַווער וואַקס, אַז אומפאַרשטענדלעכע העברעיִשע ווערטער, וועלכע טרעפן זיך אין טעקסט, דאַרף מען פאַרטײַטשן. אָבער דאָס וואָרט „פויעל־יוצע", האַגאַם עס שטאַמט פון העברעיִש, האָט זיך פולשטענדיק אײַנגעבירגערט אין ייִדיש און נייטיקט זיך שוין ניט אין קיין טײַטש, פונקט ווי דאָס וואָרט „לעכאָלהאָפּאָכעס", וואָס קומט אין אײַער בריוו גלײַך נאָך „פויעל־יוצע". „לעכאָלהאָפּאָכעס" שטאַמט אויך פון העברעיִש, נאָר קיין ספייקעס אינעם טײַטש רופט עס בײַ אײַך ניט אַרויס.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" דרוקט זיך איצט אַ ראָמאַן פון נאַטאַן זאַבאַרע, אין וועלכן עס טרעפן זיך אַ סאַך העברעיִזמען. די ניט־פאַרשטענדלעכע גיבן מיר אינעם העברעיִשן אויסלייג און ווײַזן גלײַכצײַטיק אָן אין פוסנאָטעס, וויִאַזוי זיי לייענען זיך אין ייִדיש און וואָס עס איז זייער טײַטש. פאַראַן אָבער העברעיִשע ווערטער, אַזעלכע, ווי „פויעל־יוצע", וועלכע נייטיקן זיך ניט אין קיין „איבערזעצונג". יעדער ייִדיש־ריידער פאַרשטייט זיי.

די געזעלשאַפטלעכע הויז־ביבליִאָטעק איז אַן אינטערנאַציִאָנאַלע

אין יון־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווען פאַרעפנטלעכט אַ בריוו פון א. לעבעדיעוו, וועלכער האָט מיטגעטיילט, וויִאַזוי ער האָט אין איינער אַ קיִעווער הויז־פאַרוואַלטונג, וווּ ער אַרבעט, אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפטלעכע ביבליִאָטעק מיט אַן אָפּטייל פון ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. מיר ברענגען דאָ אייניקע פּראַטים, וועלכע א. לעבעדיעוו האָט אונדז מיטגעטיילט אין אַ ווײַטערדיקן בריוו.

איך דערמאָן זיך, וויִאַזוי מיט יאָרן צוריק איז אַרויס פון דרוק „דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק". עס איז אויספאַרקויפט געוואָרן מיט דער שנעלקײַט פון אַ „בעסטסעלער". מיר האָט אָפּגעגליקט צו קריגן דאָס טאָגבוך, ווײַל איך בין שטענדיק פון די ערשטע קויפער פון נײַע ביכער, און כ'האָב עס געגעבן לייענען פרײַנט און כאַוויירים. דעמאָלט טאַקע איז מיר געקומען אויפן געדאַנק די אידיי צו פאַרוואַנדלען מײַן היפּשע היימישע ביבליאָטעק אין אַ געזעלשאַפטלעכער. די אָנפירונג פון דער הויז־פאַרוואַלטונג איז מיר געקומען אַנטקעגן און אויסגעטיילט פאַר דער ביבליאָטעק די געהעריקע געבײַדע.

די ביבליִאָטעק פאַרמאָגט הײַנט 100 לייענער; מערסטנס עלטערע מענטשן, פּענסיִאָנערן, אינוואַלידן. פאַראַן אָבער צווישן די לייענער אויך יוגנטלעכע. פאַר די אינוואַלידן, וועלכע קאָנען ניט גיין אין ביבליִאָטעק, ברענג איך די ביכער אַהיים.

אינעם ביכער־פאָנד געפינען זיך קינסטלערישע, פּאָליטישע, היסטאָרישע ליטעראַטור, ביכער וועגן אַטעיִזם, פילאָסאָפיע און מוזיק. פאַראַן אויך אַ בוקיניסטישער אָפּטייל. ווי ס'איז צו זען — אַ היפּשער אויסוואַל, מיט וועלכן עס מעג זיך ניט שעמען אַ דורכשניטלעכע פּראָפעסיִאָנעלע ביבליִאָטעק. די ביכער זײַנען אַף רוסיש, אוקראַיִניש, ייִדיש, ווײַסרוסיש, פּויליש, עסטיש, דײַטש און ענגליש.

אַ בעקאָוועדיק אָרט פאַרנעמט אין דער ביבליאָטעק דער אָפּטייל פון ייִדישער ליטעראַטור. דאָ זײַנען ברייט פאַרטראָטן די דערשינענע בײַ אונדז אין לאַנד ווערק פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור — שאָלעם־אַלייכעם, מענדעלע, פּערעץ, די ווערק פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער בערגעלסאָן, סיטאָ, פאַליקמאַן, קוויטקאָ, שוואַרצמאַן אאַ., אויך די ווערק פון ביאַליק, באַבעל, דאָס בוך פון מ. ראָלניק „איך מוז דערציילן", ביכער פון פּראָגרעסיווע ייִסראָעל־שרײַבער און אַנד.

די ביבליִאָטעק שרײַבט אויס רעגולער דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", די צײַטונגען „ביראָבידזשאַנער שטערן", „דער וועג" (אָרגאַן פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל).

ניט לאַנג צוריק האָבן מיר באַקומען די פײַנע אויסגאַבע „אַף די ברעגן פון בירא און בידזשאַן". דער נאָכפרעג אַף דעם בוך איז גרויס.

אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך. איך בין נאָך אַ יונגער מענטש — 36 יאָר אַלט. איך טרעט אָפּט אַרויס

אין דער פּרעסע. איצט שרײַב איך א פאַרצײכענונג וועגן דעם, ווי די יוגנט האָט געבויט דעם טאַנקער „העלדן פון ברעסט”. אין דער בויונג האָבן אָנטײל־ גענומען מענטשן פון 30 נאַציִאָנאַליטעטן, דערונטער דרײַ ייִדישע באָכערים און א ייִדיש מײדל. אלע זײַ־ נען באַלוינט געוואָרן מיט גראַמאָטעס פונעם צענ־ טראַל־קאָמיטעט פון קאָמיוג. א געוויסע צײַט האָב איך געלעבט אין ביראָבידזשאַן, וווּ איך בין געווען אַן אַרבעטער פונעם פאַניער־זאַוואָד.

אַלפרעד לעבעדיעוו, קיִעוו.

צוגאַסט בײַ א שוּוועסטער

גערערטע רעדאַקציע!

איך גלייב, אז איר וועט מיר ניט אָפּזאָגן אין דעם פאַרגעניגן צו טײלן זיך מיט די לײענער פון „סאָ־ וועטיש היימלאַנד” מיט אַן עפּיזאָד פון מײַן טאָג־ טעגלעך לעבן אין דער לעצטער צײַט.

דעם בריוו שרײַב איך אײַך אינגיכן נאָכן אומ־ קערן זיך פון ביראָבידזשאַן, וווּ כ׳בין געווען צו־ גאַסט בײַ א שוועסטער. די שוועסטער מײַנע וווינט אין ביראָבידזשאַן א סך יאָרן; און זי האָט דאָרט קינדער, אײניקלעך, אוראײניקלעך.

איך בין געבליבן אַנציקט פון דער עכטער פרײַנט־ שאַפט צווישן מענטשן, אָן אונטערשייד פון נאַציִאָ־ נאַליטעט, וועלכע הערשט אין דער ייִדישער אווטאָ־ נאָמער געגנט, פּונקט ווי אין אלע אַנדערע געגנטן און קאַנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין דער צײַט, וואָס איך בין געווען אין ביראָ־ בידזשאַן, האָט מען דאָרט אין דער רוסישער געגנט־ לעכער צײַטונג אָפּגעדרוקט דעם פּאָרטרעט פון מײַן פלעמעניק, דעם שמיד מישע דאָנאָר. ווען מײַן טאַטע, דער שטענדיק פאַרהאָרעוועטער שוסטער פון שקלאָוו כאַיִם־עליע, וועמען (צוזאַמען מיט קימאַט אלע זײַנע קינדער און אײניקלעך) עס האָבן אומגעבראַכט פון דער וועלט די פאַשיסטן, — ווען ער זאָל דאָס דער־ לעבן, וואָלט ער געהאַט א סך נחת.

מער גאָר ניט. אַן עפּיזאָד פון מײַן פּערזענלעך לעבן. אָבער די לײענער מעגן וועגן אים וויסן.

ניסן שוסטערמאַן, לענינגראַד.

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אָנגעהויבן

ארום ל. בערשאדסקאיאס „אן אויסגעטראכט היימלאנד"

(„סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 5, 1973)

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט באקומען א גרויסע צאָל בריוו אין צוזאמענהאנג מיט דער פובליקאציע פונעם מאנוסקריפט פון דער געוועזענער סאָוועטישער בירגערן ליובע (ליובאָוו לעאָנטיעוונע) בערשאדסקאיא, וועלכע איז ארויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל און האָט, זייַענדיק אנטיסאָוועטיש געשטימט, מיטגעארבעט א צייַט אין ציִעניסטישן פראָפאגאנדע־אפאראט, נאָר אינגיכן זיך אנטוישט אין דער ייִסראָעל־ווירקלעכקייַט, אין די לאָזונגען פונעם ציִעניזם, און פארלאָזט די מעדינע מיט דער האָפענונג אומצוקערן זיך צוריק אין סאָוועטנפארבאנד.

ל. בערשאדסקאיאס נאָטיצן, וועלכע זייַנען באטיטלט „אן אויסגעטראכט היימלאנד", האָבן ארויסגערופן פארשיידענע מיינונגען, קעגנזעצלעכע אָפשאצונגען. אין דער גרעסטער מערהייַט זייַנען די לייענער גענייגט צו באהאנדלען די טעמע ברייט און פילזייַטיק. זיי פרוּוון ארויסציִען די געהעריקע קאָנסעקווענצן פון דעם פאקט גופע, וואָס אָף דער געזעלשאפטלעכער ארענע אין די מייַרעוו־לענדער האָט זיך באוויזן א טיפ „פארדונגענע אלס אידעאָלאָגישע סעזאָן־באטראקן", ווי עס דריקט זיך אויס אין זייַן בריוו דער דאָצענט פינכעס גראנין (מאָסקווע); די פראָפעסיע פון די דאָזיקע לייַט איז געוואָרן — טומלערייַ ארום דער אזויגערופענער „ייִדן־פראגע" אין סאָוועטנפארבאנד.

„ווי עס איז צו זען, — שרייַבט פ. גראנין, — זייַנען דאָס דנאָ־מענטשן, וואָס בא אונדז טויגן זיי אָף גאָרניט, און דער ציִעניזם האָט זיי אונטערגעקליבן, אָדער אזעלכע, ווי בערשאדסקאיא, פאר וועלכע ייִסראָעל איז אן אָנלער און א שטראָף: ווען די דאָזיקע מאדאם זאָל ניט געווען ארויספאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד, וואָלט זי ביז איצט געווען אן אָנשיקעניש פארן קאָלעקטיוו סאָוועטישע מענטשן, און אזוי־ווי „מע האָט זי ארויסגעלאָזט", איז זי געבליבן שטיין פאר איר פארדינטן גוירל..."

דער זאוואָד־ארבעטער פון באקו הענעך בעליקסאָן שאצט הויך אָפּ די אָביעקטיווקייַט פון „סאָוועטיש היימלאנד" באם באלויכטן די פראגע וועגן דעם ארויספאָר פון אייניקע מענטשן קיין ייִסראָעל און וועגן דעם, וואָס עס קומט מיט זיי פאָר ווייַטער.

„בא אונדז אין שטוב, — שרייַבט ער, — נעמט זיך צונויף א קרייַז פון קרויווים און באקאנטע ספעציִעל צו לייענען די מאטעריאלן אין „סאָוועטיש היימלאנד", געווידמעט דער דאָזיקער זייער שארפער און, וואָלט איך זאָגן, אופרעגנדיקער פראָבלעם. די פאָרלעזונג קומט פאָר קאָלעקטיוו, ווייַל, דעם עמעס גערעדט, מער פון א העלפט קענען קיין ייִדיש ניט. איך מוז אייַך אויך זאָגן, אז מיר נעמען זיך געוויינלעך פארן זשורנאל ניט קעדיי אויסלייענען דעם גרייטן ענטפער אָף אונדזערע פראגן און אונטערבאמקען. ניין, מע דיסקוטירט, עס ברענען די לייַדנשאפטן! אָבער איין זאך איז אויסער יעדן סאָפעק: „סאָוועטיש היימלאנד" ברענגט רויִקע און ראיעלע ארגומענטן, זייַן צוגאנג צו דער פראָבלעם איז אן אָביעקטיווער. וואָס איז שייַעך די נאָטיצן פון ליובע בערשאדסקאיא, אימפאָנירט אונדז אלעמען די ערנסטקייַט און דרייסטקייַט פונעם זשורנאל באם פארעפנטלעכן דעם מאטעריאל. פונקט ווי די רעדאקציע זאָל זאָגן: אדעראבע, זעט, וואָס עס קומט פאָר אין די טיפענישן פון א פאלשער נעשאָמע"...

מיט הענעך בעליקסאָנען פון באקו רופט זיך איבער א לייענערן פון מעכיקאָ (מעקסיקע) בערטא גרינשפון:

„געערטע רעדאקטאָרן פון דער סאָוועטישער אויסגאבע „סאָוועטיש היימלאנד"! מייַן קוזין פון לענינגראד האָט מיר צוגעשיקט א שיינע מאטאָנע, דעם מייַ־נומער פון אייַער אויסגאבע, און שוין אָפגערעדט פון דעם, וואָס איך וועל זען אָף ווייַטער מיט אלע קויכעס צו באקומען רעגולער די דאָזיקע אָפפרישנדיקע שריפט, וויל איך מיט אייַך זיך טיילן וועגן א זייַטיקן אייניען. איך ווייס ניט, צי איר וועט מיך פארשטיין, צי ניט, ווייַל ווי איך זע, זייַנען סאָוועטישע ייִדן צוגעוווינט, מע זאָל זיך מיט זיי רעכענען, נאָר גלייבט מיר אָף נעמאָנעס, אז פאר אונדז, ייִדישע לייענער אין א קאפיטאליסטיש לאנד, איז ווי א כאָלעם, ווען מיר דערוויסן זיך, אז די אייראָפעיִשע אָפטיילונג פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נא־

ציעס שיקט איבער א מאנוסקריפּט אין דער רעדאַקציע פון א ייִדישער אויסגאַבע. מײַן מאַן זאָגט, אַז מינאַסטאַם האָט איר א סאַך געלט אָף צו אָפּקויפן בא דער „אָנו“ א לוינבאַרן פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד“ קסאַוויאַד. איך אָבער ענטפער אים, אַז די אָרגאַניזאַציע פון די פעל־קער זוכט ניט קיין געלט, זי זוכט אַזאַ אוטאָ־ריטעטע אויסגאַבע, וועלכע וועט ברענגען נוצן מיטן אָפּדרוקן דעם קסאַוויאַד. האַגאַם די פרוי בערשאַדסקאַיאַ איז אונדז ניט צום האַרצן (ווען זי זאָל געווען קומען מיט אַנטיסאָוועטיזם קיין מעקסיקע, וואָלט איך און מײַן מאַן איר גע־זאָגט אין פּאָנעם, אַז זי איז א פּאַרעטערן), — דאָך האָט איר געטאָן ריכטיק, אָפּדרוקנדיק איר מאַנוסקריפּט, ווײַל מיט דעם באַווײַזט איר אַל־זײַטיק און עמעסדיק, ווער עס זײַנען די דע־זערטירן, די טומלער און זייער גלײַכן.

א בריוו פון סאַן־פראַנציסקאָ (פּשאַ). עס שרײַבט מאַקס קליינהאָרן:

„איך לייען שוין דאָס דריטע צי פערטע מאָל אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ די סאַמע אויספיר־לעכע מאַטעריאַלן וועגן דעם איניען אַליאַ, און די זאַך איז מיר געוואָרן קלאָרער פון קלאָר: סײַ ווער עס פּאָרט אַרויס, סײַ צוליב וועלכע טײַמים. ס'איז צו זען, ווי נידעריק עס איז דער מאָראַלישער אָנבליק פון די לײַט און צו וואָ־סער מאַצעוו זיי קומען מיטן אַרײַנפּאַסן זיך אין די ציִוניסטישע דאַלעדאַמעס. איין זאַך פאַרשטיי איך ניט: פאַרוואָס שטעלט אַרויס א פּאָר אויגן אונדזער ניו־יאָרקער ייִדישע פּראָ־גרעסיווע פּרעסע — די „מאָרגן־פרײַהײַט“ און די „ייִדישע קולטור“ — און זיי האַלטן אין איין פרעגן בא „סאָוועטיש היימלאַנד“ טאַקע די זעלבע פראַגן, מאַכנדיק זיך ניט וויסנדיק, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד“ גיט אָף זיי אַן ענטפער אין פיל אַרטיקלען, ריזענאַטיצן, רעפּאָר־טאַזשן, אַרײַנגערעכנט דעם רעפּאָרטאַזש פון ליובע בערשאַדסקאַיאַ. די „מאָרגן־פרײַהײַט“ און אַנדערע ייִדישע פּראָגרעסיווע צײַטונגען אין דער וועלט דרוקן מיט פּאַרזעצונגען — יאָרנלאַנג! — ראָמאַנען, איבערגענומענע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. איז בעסער וואָלטן זיי אָף א פּאָר וואָכן אָפּגעשטעלט דאָס אי־בערדרוקן א ראָמאַן און אָף דעם אָרט אײַנפּירן א ווינקעלע אונטערן דעוויז: „אַקטועלע פראַגן — וויאַזוי עס קלערט זיי אויף „סאָוועטיש היימלאַנד“...

פאַראַן לייענער, וועלכע האַלטן, אַז אַזאַ מין פּערזאָן, ווי בערשאַדסקאַיאַ, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“ ניט באַדאַרפט געבן דאָס וואָרט אָף צו שלאָגן זיך אַלכעט.

„ס'איז א צו גרויסער קאָוועד פאַר אָט דער פּאַרעטערן, וואָס דער זשורנאַל האָט אָפּגעגעבן אַזויפיל אָרט פאַר אירע רייד“ (גריגאָרי ציגאַן, דניעפּראָפּעטראָווסק); „די פראַגע דאַרף, לויט מײַן מיינונג, געשטעלט ווערן אַזוי: צי פאַר־דינט בִּיכלאַל צוטרוי בערשאַדסקאַיאַ? איך פאַר־זענלעך גלייב ניט אין איר אָופּריכטיקייט“ (הירש לייבאָוויטש, לוגאַ, לענינגראַדער געגנט).

וועגן דער דאָזיקער פראַגע שרײַבט געני מוישע לעכטיק (סווערדלאָווסק), וועלכער האָט דעם בריוו זײַנעם טאַקע אַזוי אָנגערופן: „ליובע בערשאַדסקאַיאַ שלאָגט זיך אַלכעט“.

אין אונטערשייד צו דער מיינונג, וועלכע עס זאָגן אַרויס ג. ציגאַן, ה. לייבאָוויטש און א ריי אַנדערע לייענער, שרײַבט מ. לעכטיק:

„אינײַנעם מיט מײַן פרוי האָבן מיר עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט פון ליובע בערשאַדסקאַיאַ און מיר קענען ניט פאַר־שטיין, פאַרוואָס די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אים פאַרעפּנטלעכט מיט א גרויסער פאַרשפּעטיקונג“... (אָנמערקונג פון רעדאַקציע. דער מאַנוסקריפּט איז אַרײַן אין דרוק אין א וואָך אַרום נאָכן באַקו־מען אים פון זשענעווע).

דער אויטאָר פונעם בריוו באַטראַכט מיט דער פולער ערנסטקייט די טעטיקייט פון ל. בערשאַדסקאַיאַ:

„ווי מיר דערוויסן זיך פון איר אַליין, איז בערשאַדסקאַיאַ א געבילדעטער מענטש, און ווען זי איז אַרומגעפאָרן איבער די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער אַלס אַגיטאַטאָר פונעם ציִוניזם, האָט זי אַרויסגערופן טרערן איבערן גורל פון די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע זײַנען נעבעך בעדיל־האַדאַל און נייטיקן זיך, אַז די אַמעריקאַנער און קאַנאַדער קאַפּיטאַליסטן זאָלן זיי שיקן נעדאָווועס. וואָלטן מיר געוואָלט וויסן: אַזויוי ל. בערשאַדסקאַיאַ האָט זיך אין „שלעכטן סאָוועטנפאַרבאַנד“ אויסגעלערנט ענ־גליש און אויסער דעם זיך אויסגעלערנט טאַנצן אַלס באַלערינע, און וואָס דען ניט האָט זי זיך אויסגעלערנט בא אונדז, איז וואָס, פונדעסט־וועגן, האָט זי אין דער פרעמד דערציילט וועגן אונדזער לעבן און וועגן אונדזער לאַנד? פאַר־וואָס האָט זי ניט געהאַט קיין מוט צו באַוווּסט מאַכן דעם סאָוועטישן לייענער וועגן דעם? עפּ־שער האָט זי געהערט אין אויסלאַנד, אַז די ייִדן אין פּססר הונגערן, האָבן ניט קיין מענטש־לעכע דירות, קיין סטאַבילע אַרבעט? אַז בא אונדז, סאָוועטישע ייִדן, זײַנען פאַראַן ווייניק סטודענטן, מיר ווערן ניט דערלאָזט צו ערדאַר־בעט, אָף די זאַוואָדן, צום געזעלשאַפטלעכן לעבן? און אויב ס'איז איר ווייניק ייִדישע קול־טור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז דאָס אוואַדע ניט קלאָר, ווײַל צוליב וואָס דאַרף זי, בער־שאַדסקאַיאַ, ייִדישע קולטור, אויב זי רעדט ניט און פאַרשטייט ניט קיין ייִדיש? בערשאַדסקאַיאַ רעכנט אויס א גאַנץ צעטל אימיגראַנטן, גע־וועזענע סאָוועטישע ייִדן, וואָס מוטשען זיך אין יִיסראָעל איבער א שטיקל ברויט. וואָלטן מיר געוואָלט וויסן, פון וועלכע פאַרדינסטן האָט זי, ליובע בערשאַדסקאַיאַ, געלעבט אין דער מע־דינע? עפּשער האָט מען איר גוט באַצאָלט פאַר

דעם, וואָס זי האָט פאַרקויפט דאָס לאַנד פון איר געבוירן, דעם סאָוועטנפאַרבאַנד? די פראַגע איז אַן ערנסטע: וואָס איז געווען איר טועכץ? ווו האָט זי געדינט?"

ענלעכע געדאַנקען זאָגט אַרויס אין זײַן בריוו שימען וואַקס (דניעפּראָפּעטראָווסק), דערבײַ זײַנען די אויספירן, צו וועלכע ער קומט, נאָך מער קאַטעגאָרישער. אָט וואָס עס שרײַבט ש. וואַקס:

„קוידעמקאָל — עטלעכע ווערטער וועגן זיך. איך בין אַ געוועזענער פּוילישער ייִד, געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1922. צוזאַמען מיט פיל טויזנטער אַנדערע פּוילישע ייִדן בין איך אין 1939 אַוועק פון דער היים, אַנטלאָפן פון די היטלערישע מערדער. ווען מיר זײַנען אַריבער די גרענעץ פונעם ראַטנפאַרבאַנד, האָבן אונדז סאָוועטישע מענטשן אויפגענומען מיט צעשפּרייטע אָרעמס, באַזאָרגט אונדז מיט ברויט און אַרבעט און מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ. דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז געוואָרן מײַן נײַ היימלאַנד. ביז וואַנען איך וועל לעבן, וועל איך זײַן דאַנקבאַר דעם סאָוועטנלאַנד פאַר אַלץ, וואָס עס האָט געטאָן אויף צו ראַטעווען אונדז. מײַנע עלטערן האָבן די היטלעריסטן דערהאַרגעט אין וואַרשעווער געטאָ.

דאָס פאָלק אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מיט זײַן בלוט און שווייס דעראָבערט פיל גוטס פאַר אַלעמען, אַרײַנגערעכנט אַזעלכע ווי ליובע ברעשאַדסקאַיאַ. פון דער צווייטער זײַט, איז ניט קלאָר, צי ברעשאַדסקאַיאַ האָט עפּעס וואָס נוצלעכס געגעבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. זי איז צוויי מאָל באַשטראָפט געוואָרן פאַר סינע און רעכילעס, און אָנשטאָט צו נעמען זיך פאַרן סייכל און ווערן אַ לאָיאַלער בירגער, שטעלט זי זיך צו דינסט די יִסראַעלדיקע און אַמעריקאַנער ציִוניסטן. איצט מאַכט זי דעם אָנשטעל פון אַ שעפּעלע, זי איז קלוימערשט גאָט די נעשאָמע שולדיק, — זאָל מען זי נאָר אַרײַנלאָזן צוריק. די אַפּטרינקע ווילן נאָכאַמאָל אויסנוצן די גרויסהאַרציקײַט און הומאַנישקײַט פון דער ראַטנמאַכט.

צי קאָן מען מאַסקים זײַן, אַז אַזעלכע, ווי ברעשאַדסקאַיאַ, זײַנען פאַרפירט געוואָרן פון דער ציִוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע? איך טראַכט, אַז ברעשאַדסקאַיאַ און ענלעכע אויף איר האָבן געהאַט די האָפענונג צו מאַכן אַ גוט געשעפט, נאָר באַקומען האָט זיך, אַז די ציִוניסטן האָבן זי אויסגענוצט, און איצט דאַרפן זיי זי ניט מער. דעריבער טאַקע איז זי געוואָרן „אַנטוישט", און זי שיט אויף אירע שותפים פעך און שוועבל. זי בעט זיך, זעט איר, צוריק אין סאָוועטנפאַרבאַנד...

אירע רייד וועגן יִסראַעל און אַמעריקע זײַנען ניט קיין אויפריכטיקע, האַגאַם די לאַגע אין אָט די לענדער איז אָביעקטיוו אַזאַ, ווי זי מאָלט זי. ברעשאַדסקאַיאַ גיט אונדז צו וויסן, אַז אין יִסראַעל האָט אַ ייִדישער גוויר זי מעכאַבעד געווען מיט אַ פלוים, און אין אַמעריקע האָט אַ ייִדישער מולטימיליאָנער איר געגעבן צוויי קאָנפעטן. פאַרוואָס אָבער דערציילט זי ניט, ווער עס האָט איר געגעבן די גרויסע סומע געלט אויף אַרומפאָרן איבער אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרײַך מיט אַ רעכילעס־טורנע קעגן דעם לאַנד, ווו עס האָבן געלעבט פיל דורות פון איר מישפּאָכע און זי אַליין איז דאָרט געבוירן און אויפגעוואַקסן געוואָרן? ווער און וויפל האָט איר באַצאָלט פאַר איר אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע?

ניין, איך וויל ניט אַרויסווײַזן קיין מיטלייד צו ברעשאַדסקאַיאַן. איך האַלט, אַז די ייִדישע סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט דאַרף עפנטלעך מעלדן, אַז קיינער האָט ברעשאַדסקאַיאַן ניט געשטויסן צו גיין אויף שענדלעכע וועגן. און אַז אַזעלכע מענטשן, ווען זיי פאַרלאָזן אונדזער היימלאַנד, איז עס אויף שטענדיק".

אַ סאַך לייענער פרעגן זיך טאַקע אָן, צי ס'האָט זיך אײַנגעגעבן ל. ברעשאַדסקאַיאַן צו באַקומען אַ דערלויבעניש אומצוקערן זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד. נ. ברעיאַזקין פון האָמעל גיט דערבײַ צו:

„איך בעט אײַך, שרײַבט מיר אָן, ווו איז געבליבן שטעקן ברעשאַדסקאַיאַ, און וואָס איז איצט איר אַרבעט?"

סימע פּרילוצקאַיאַ (אָדעס) הייבט אויף אין איר בריוו אַ ריי אַנדערע פראַגן. זי שרײַבט:

„די פּובליקאַציע אין מײַ־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַרויסגערופן בײַ מיר אַ שטאַרקן אינטערעס, ווײַל ס'איז אויפגעעפנט געוואָרן דער פּאָרהאַנג, הינטער וועלכן עס איז געווען פאַרשטעלט דאָס, וואָס קומט פאָר מיט סאָוועטישע ייִדן, ווען זיי פאָרן אַרויס קיין יִסראַעל. און איינצײַטיק איז מיר אַ גרויסער שאָד, וואָס אַזאַ דערשיטערנדיקער מאַטעריאַל, וועלכער קאָן אָפּהאַלטן ניט ווייניק מישפּאָכעס פון באַגיין דעם שרעקלעכן פעלער, וועט ניט דערגיין צו די ייִדן, וואָס לייענען ניט אויף ייִדיש.

כאָטש דער אויטאָר פונעם מאַטעריאַל איז ניט קיין סימפּאַטישע פּערזאָן און פון דער גאַנצער פּאַסירונג שלאָגט אין דער נאָז מיט אַוואַנטוריזם, דאָך פילט זיך אינעם רעפּאָרטאַזש דער ווילן צו וואָרענען די סאָוועטישע ייִדן, זיי זאָלן ניט גיין אויף די זעלבע וועגן.

קעדיי באַקאַנען מיט אָט דעם מאַטעריאַל מײַנע אייגענע קינדער, האָב איך אַליין אים איבערגעזעצט אויף רוסיש (זעקס העפטן! אַ וואָך אַרבעט!). בעט איך, איר זאָלט מיטווירקן, אַז אַזעלכע וואָרהאַפטיקע רעפּאָרטאַזשן, ווי ברעשאַדסקאַיאַס, זאָלן דערגיין צו אַלע ייִדן אין פּסער, קעדיי זיי זאָלן זיך דערוויסן דעם עמעס און זיך אָפּהאַלטן פון פאַטערן דאָס לעבן באַ זייערע קינדער.

אַנטשולדיקט, וואָס מיט מײַן בריוו ברענג איך אײַך אַרײַן נײַע זאַבאָטעס, נאָר דאָס האַרץ טוט וויי, ווען מענטשן גיבן זיך אונטער אַ פּסיכאָז

און גייען אליין אנטקעגן זייער אומגליק. נאטירלעך, עס ווילט זיך מיט עפעס־וואָס זיי העלפן".

איבערן מאנגל אין אָרט האָבן מיר ניט די מעגלעכקײַט צו איבערגעבן אַלע ניואַנסן פון די ארויסזאָגונגען, וועלכע עס אנטהאלטן אין זיך פיל צענדליקער אנדערע בריוו. ס'איז אָבער נייטיק אינקורצן צו דערציילן וועגן דעם, וויאזוי עס האָבן רעאגירט אַף דער פּובליקאַציע אין „סאָוועטיש היימלאנד" אייניקע אויסלענדישע צײַטונגען. די ציוניסטישע ייִסראָעלצײַטונג „מאאריוו", לעמאָשל, האָט אין גרויסער פאַרלאָרנקײַט אוועקגעשיקט דרינגענדיק אירן א קאָרעספּאָנדענט קיין בריסעל, קעדיי ער זאָל אויסזוכן בערשאדסקיאַן און געפינען א מעגלעכקײַט צו אָפּשוואכן דעם אײַנדרוק פון דער פּובליקאציע. ווי מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, איז דער דאָזיקער פּרווו דורכגעפאלן, און דער „מאאריוו" האָט ניט געפונען קיין קליגערן אויסוועג, ווי מעלדן, אז „אין דער סאָוועטישער אמבאסאדע אין בריסעל האָט מען דעם קאָרעספּאָנדענט ניט געוואָלט געבן בערשאדסקיאַס בריסעלער אדרעס". „זי איז שוין אוואַדע אין מאָסקווע", — טײַנעט מעלאנכאָליש „מאאריוו". עס בלײַבט אונדז צו באַרויִקן די ייִסראָעלדיקע צײַטונג. די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אָנגעפרעגט אין די אנטשפּרעכיקע סאָוועטישע אָרגאַניזאציעס, און זי האָט באקומען אַן ענטפער, אז עס ווערט ניט פאנאנדערגעקוקט די פראגע וועגן דערלויבן ליובאָוו לעאָנטיעוונע בערשאדסקיא זיך אומקערן קיין פּססר. וואָס איז שײַעך דעם ווילן פון „מאאריוו" צו געפינען אין בריסעל בערשאדסקיאַן, איז מיסטאמע דער בעסטער אויפן צו פארווירקלעכן עס — זיך ווענדן אין אַן אדרעס־בִיוּראָ פון בריסעל, און ניט צו דער סאָוועטישער געזאנדשאפט.

בערשאדסקיאַס רעפּאָרטאַזש אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָט ארויסגעפירט פון די קיילים די ייִדישע אנטיסאָוועטישע פּרעסע. דער ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" האָט אין אן ארטיקל פונעם פּאטאָלאָגישן אנטיסאָוועטיסט עליִיאָהו שולמאַן זיך צעשריִען, אז דאָס, וואָס מיר האָבן פארעפנטלעכט דעם מאטעריאל, איז נעאָסטאַליניזם אין „סאָוועטיש היימלאנד"... שולמאַן נוצט א מיטל, וואָס אן אנדערער, אפילע פון זײַן כיידער, וואָלט זיך מיט דעם געמיִעסט: „בערשאדסקיא איז א ביסל צערודערט, און דער קרעמלין נוצט עס אויס"... א צווייטער פאָרווערטסיסט — וואָלף יונין — טרייסט זיך מיט דעם, אז די פּובליקאציע „וועט ניט אָפּשרעקן סאָוועטישע ייִדן, זיי זאָלן ניט וועלן מער פאָרן"...

„עס איז א רעטעניש. מע קען זי אזוי לײַכט ניט לייזן"... — שטאמלט ארויס די פּאריזשער צײַטונג „אונדזער וואָרט", און דאָך נעמט „אונדזער וואָרט" טרעפן, וואָס אזוינס האָט געקענט פּאסירן, אז בערשאדסקיא זאָל זיך נעמען פאר דער פּען. דרײַ „סיבעס" רופט אָן

דאָס „ארבעטער"־ציִעניסטיש בלעטל „אונדזער וואָרט":

„א) מע האָט זי (בערשאדסקיאַן) ארײַנגעשיקט קיין ייִסראָעל מיטן ציל, אז זי זאָל זיך „אנטוישן"... ב) ליובע איז געקומען מיט איר גוטן ווילן, אָבער אזיווי זי האָט געלאָזט צוויי קינדער אין סאָוועטן־רוסלאנד מיט אייניקלעך, האָט מען זי באַוויזן צו שאנטאזשירן און אופּצווינגען, זי זאָל טאָן די דאָזיקע ארבעט פון פארלוימדן ייִסראָעל. ג) די אומבאקוועמלעכקײַט פאר דער דאָזיקער פרוי זיך אײַנצוגלידערן אין ייִסראָעל. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיט א פלינקער צונג קען זי זיך לאנג ניט אופהאלטן און אז זי וועט סאָפּקאָלסאָף זיך מוזן נעמען צו א פּראָדוקטיווער ארבעט, — און דאָס האָט גוירעס געווען, זי זאָל נעלעם ווערן פון ייִסראָעל"...

דער אויפן, וויאזוי די ייִדישע געלע פּרעסע רעאגירט אַף דעם, וואָס זייערע באלעבאטים האָבן זיך ארײַנגעפּליוכעט אין א קאליוזשע, איז א טעמע אן און פאר זיך. עס איז קלאָר איינס: סײַ די פּרעסע פון די ציִעניסטן, סײַ אירע באלעבאטים האָבן זיך היפּש פארלאָרן, און דאָס איז זייער גוט.

זײַענדיק, ווי געזאָגט, צעטומלט, זאָגן די ציִעניסטישע זשורנאליסטן אויס פון כיידער, און מיר דערוויסן זיך פון זייער מויל, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר ליובע בערשאדסקיא, וועלכע מע האָט ערשט ניט לאנג געלויבט אין טאָג ארײַן אין דער זעלבער פּרעסע אלס אן „אײדעלע נאטור", א „קעמפערן פאר יוישער", א „ריין נאציאָנאלע ייִדישע פרוי".

איצט לאָמיר א קוק טאָן, וויאזוי דעם ציִעניזם האָט אָפּגעגליקט מיט ליובע בערשאדסקיאַן. אין „אונדזער וואָרט" שרײַבט איינע א סאָרע איטעס:

„פון די געשפּרעכן מיט דער עליטע פון כײַפע, וועלכע האָט זיך באשעפטיקט מיט ליובע בערשאדסקיא (ווײַזט אויס, אז אונטערן פסעוודאָנים „עליטע פון כײַפע" גייט דאָ א רייד וועגן יענע אומריינע קוואלן, פון וועלכע בערשאדסקיא האָט געשעפּט געלט־מיטלען צוליב איר אנטיסאָוועטישן טורנע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד"), האָט מען זיך דערוווּסט פאָלגנדע פּראָטים:

ליובע און איר מאן האָבן געהאט אן אייגענע וווינונג אין כײַפע. עמעס, עס איז איר ניט לײַכט געווען אײַנצואָרדענען זיך אַף ארבעט... דער אדוואָקאט פון כײַפע ייִסראָעל צעליוק האָט דערקלערט, אז נאָך אלע באמיִונגען, וועלכע ער האָט געמאכט פאר דעם פּאָרל בערשאדסקע, איז ער געקומען צום אויספיר, אז ביידע, סײַ ליובע סײַ איר מאן, וועלכער האָט זיך גערופן ניקאָלײַ רויטבארט, דרייען זיך אויס פון ארבעטן און אז זיי ווילן בעסער לעבן פון האלוואָעס... ליובע האָט געלאָזט גרויסע כיוועס. זי האָט פאקטיש אָפּגענארט, זאָגנדיק, אז זי שרײַבט א בוך און האָט שוין א קאָנטראַקט, און אז זי וועט פאָרן נעמען דעם

מיליאָן־האָנאָראר קיין אמעריקע. אָנשטאָט דעם אלעם האָט זי זיך באוויזן אין בריסעל...״

סארא איידעלע נאטור האָט געפונען פאר זיך די ציוניסטישע אנטיסאָוועטישע פראָפאגאנדע צווישן די אָפּגענארטע געוועזענע סאָוועטישע ייִדן! איצט האָבן שוין די ציוניסטישע צײַטונגען קיין אנדער ברירע ניט, זיי מוזן שילדערן בערשאדסקאיאן אזא ווי זי איז. דער לייענער אָבער פון ייִסראָעל, אמעריקע, פראנקרײַך וועט אומפארמײַדלעך פארגעבן אזא פראגע: פארוואָס האָבן דער „פאָרווערטס״, „אונדזער וואָרט״, „לעצטע נײַס״ און אנדערע ציוניסטישע צײַטונגען פריִער **ניט דערציילט דעם** עמעס **וועגן בערשאדסקאיאן? און ווען וועלן זיי דערציילן דעם** עמעס **וועגן די אנדערע דעזערטירן, וועלכע דינען איצט דעם ציוניזם, פארקויפנדיק טאטע־מאמע? ווען, אגעוו, וועט די זעלבע פרעסע זאָגן דעם** עמעס **וועגן דער מאָראליש־אָפּשטויסנדיקער אופירונג** איצט, אין ייִסראָעל, **פון די דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, אזעלכע, ווי קערלער, טעלעסין, כאראץ, יאקיר און אנד.?**

וואָס איז שײַעך „סאָוועטיש היימלאנד״, דעם זשורנאל, וואָס טראָגט אין די לייענער־מאסן די שענסטע טראדיציעס פונעם סאָוועטישן פאטריאָטיזם, — וועט ער אויך אף ווײַטער ניט אראָפּלאָזן דאָס אויג פון די פאלשע, אויסגעליידיקטע נעשאָמעס, קעדיי באווײַזן פארן לייענער דעם נאטירלעכן סאָף זייערן, פונקט ווי מיט דער פובליקאציע אינעם מײַ־נומער איז באוויזן געוואָרן דער נאטירלעכער סאָף פון אזא נישטיקײַט, ווי ליובאָוו לעאָנטיעוונא בערשאדסקאיא.

כראָניק

ביראָבידזשאנער נײַס

לעקאָוועד די נײַגעבוירענע

אינעם ייִשעוו סמידאָוויטש איז אײַנגעפירט געוואָרן א נײַע טראדיציע — דורכצופירן די רעגיסטראציע פון די נײַגעבוירענע אף א פײַערלעכן אויפן. דאָס קומט פאָר, ווי געוויינלעך, אינעם אָרטיקן קלוב, בא דער אָנוועזנהײַט פון פרײַנט פון די עלטערן פונעם קינד.

נאָך דער רעגיסטראציע פארפלאנצן די עלטערן אין אָרטיקן סקווער א יונג ביימל. אזויארום איז דאָ שוין געשאפן געוואָרן א גאנצע אלייע פון צארטע בערעזקעס לעקאָוועד דעם יונגן דאָר פונעם ייִשעוו.

עס וואקסט די צאָל לייענער אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק

ווי עס טיילט מיט די פארוואלטערן פון דער ביראָבידזשאנער שטאָטישער ביבליאָטעק ס. וועכטער, האָט דאָ די צאָל לייענער זיך פארגרעסערט קימאט אין פינף מאָל.

קעדיי באפרידיקן דעם נאָכפרעג פון די לייענער, פארמאָגט איצט די ביבליאָטעק א ביכער־פאָנד פון 23 טויזנט בענדער. אלע טאָג קאָנט איר אין אירע לייענזאלן טרעפן פיל סטודענטן און שילער פון די עלטערע קלאסן, וועלכע קריגן די נייטיקע צוגאָב־ליטעראטור.

די ביבליאָטעק האלט אונטער ענגע פארבינדונגען מיט די אונטערנעמונגען פון שטאָט, אין אייניקע פון זיי זײַנען טעטיק באוועגלעכע ביבליאָטעקן.

אינטערעסאַנט זײַנען לעצטנס אין לאָקאָל פון דער ביבליאָטעק דורכגעגאנגען די אָוונטן, געווידמעט דעם טשעכישן שרײַבער־קאָמוניסט יוליוס פוטשיק און דעם סאָוועטישן דיכטער יאָסיף אוטקין.

אף די בלויע עקראנען פון כינגאנסק

מיט פיר יאָר צוריק איז אינעם ייִשעוו כינגאנסק אויסגעשטאט געוואָרן אן אייגענע טעלעוויזיע־סטודיע, וועלכע פירט דורך אָרטיקע טראנסלירונגען אף פארשיידענע טעמעס: וועגן דעם לעבן פון די ארבעטער פונעם קאָמבינאט „כינגאנצין״, וועגן דערציִערישע, מעדיצינישע און אנדערע פראגן.

פאָפּולער זײַנען די טעלעוויזיע־פראָגראמען „באם קײַלעכדיקן טיש״ און די קאָנצערטן פון דער כינגאנסקער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט.

באם ברודער־קייווער פון יויסעף בומאגין

לעקאָוועד דעם יאָרטאָג פון באפרײַען די שטאָט ווראָצלאוו פון די פאשיסטישע פארכאפּערס האָט די פארוואלטונג פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די ייִדן אין פוילן, צוזאמען מיט דער רזשערזשאָניאָווער אָפּטיילונג פונעם פארבאנד, אָרגאניזירט אן ארויספאָר צום אָרטיקן מעמאָריאלן בעסוילעם, אף וועלכן עס געפינט זיך דער קייווער פונעם העלד פון סאָוועטנפארבאנד, דעם ביראָבידזשאנער ארבעטער, לייטענאנט יויסעף בומאגין, וועלכער איז געפאלן בייסן באפרײַען די שטאָט, פארשטעלנדיק מיטן אייגענעם קערפּער דעם סוינעס קוילנווארפער.

אין ווראָצלאווער פאָלקס־קלוב איז פאָרגעקומען א פײַערלעכער אָוונט, אין וועלכן עס האָבן זיך באטייליקט געסט פון פארשיידענע שטעט. מיט גרויס דערפאָלג איז אפן אָוונט ארויסגעטראָטן דער ייִדישער מוזיקאלישער אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פון דאָוויד קאגאן.

א ב_ייטש — א ייִדישע צי א ניט־ייִדישע — בל_ייבט א ב_ייטש

די באַרימטע פוילישע שרײַבערן וואנדע וואסילעווסקאיא האָט אין איר בוך „פאָטערלאנד" געלאָזט זאָגן דעם פוילישן פויער פון דעם נאַרוואָס זעלבשטענדיק געוואָרענעם פאָטערלאנד, נאָכן ווערסאלער טראַקטאַט, אז די בײַטש פון זײַן „אייגענעם" פוילישן באַלעבאָס שמײַסט פונקט אזוי ווי די צארישע, די פריִערדיקע.

מע קאָן פאראפראזירן די דאָזיקע פאָלקס־כאָכמע, ווען עס גייט א רייד וועגן דער לאגע פון א ייִדישן פראָלעטאריער אין די קאפיטאליסטישע לענדער, ייִסראָעל, פארשטייט זיך, ארײַנגערעכנט. דעם ייִדישן ארבעטסלאָזן איז קיין נאפקעמינע ניט, צי ער וווינט אין טעל־אוויוו, אָדער אויסער ייִסראָעל. דעם ייִדישן פראָלעטאריער איז אלצייגס, צי זײַן עקספּלואטאטאָר איז א ייִד פון ניו־יאָרק, אָדער פון פּאַריזש, כײַפע אדג. ער שטרײַקט דאָ און דאָרטן, ער פאָדערט אומעטום סאָציִאלן יוישער. זײַנע דערגרייכונגען אפן סאָציִאלן געביט זײַנען אָפּהענגיק פון זײַן קלאסן־באוווסטזײַן, פון זײַן קאמפס־גײַסט, פון די קויכעס־פארהעלטענישן אין דער געזעלשאפט. עס איז פארשטענדלעך, אז דער קלאסן־אונטערשייד איז אייגנטימלעך אויך דער ייִדישער סוויווע.

דאָס איז אן עלעמענטארער עמעס, און עס וואָלט ניט נייטיק געווען דאָס צו באטאָנען, ווען ניט די באמיִונגען פון דער ייִדישער בורזשואזיע צו פארנעפּלען די רעאליטעט מיטן וואָלקן פון נאציִאָנאליזם, פון קלאל־ייִסראָעל. די פּראָגרעסיווע און מארקסיסטישע סאָציִאָלאָגן האָבן שוין צעווייעט דעם דאָזיקן וואָלקן, נאָר לעצטנס זעען מיר, ווי עס טראָגט זיך ארום און פארכמארעט די מויכעס — דער ציִוניזם.

אין זײַן נאָמען לייגט מען ארײַן אין כיירעם פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציִאָנערע טוער. ער דערלויבט זיך צו פּאסקענען, ווער עס איז א ייִד און ווער ניט. ער פּרעטענדירט אָף מאָנאָפּאָל איבער די נאציִאָנאלע אויצרעס. ער שטעלט זיך ארויס אלס דער פאָרשטייער פונעם ייִדישן פאָלק, אין ווענמענס נאָמען ער פּרוווט ריידן.

אָבער איצט איז גאָר א נײַע די וועלט־לאגע. מיר לעבן אין דער עפּאָכע, ווען דער סאָציִאליזם איז דער באטרעפנדיקער קויעך אָף דער וואָגשאָל פון די וועלט־געשעענישן; ווען דער אימפּעריִאליזם „כאַפּט קלעפּ" (ווי דער סאָף פון דער מילכאָמע אין וויעטנאם האָט עס גאָר בוילעט אונטערגעשטראָכן).

אין אזא צײַט איז דער ייִדישער נאציִאָנאליזם צעיאכמערט. זײַן ציִעניסטישער אוואנגארד קערט וועלטן, זײַענדיק א טייל פון דער לעצטער מאכנע פונעם קאלטן קריג.

צו זײַנע פערמאנענטע פּראָפּאגאנדיסטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויך „געוועזענע" פּראָגרעסיווע און הײַנטיקע מעשאָרסים פונעם ציִעניזם. זיי פליִען איבער לענדער מיט אוויִאָנען, זיי דארשענען ווי עס לאָזט זיך, זיי נעמען אָן זייער ארומהאווענישפאר ערנסט, זײַענדיק לעכערלעך. די צענטראלע קאסע צאָלט, ווײַל דער נאציִאָנאליזם איז הײַנט געוואָרן פארמעלוכיש. א מעלוכע פארמאָגט גרעסערע מיטלען, איידער אן אָרגאניזאציע. א מעלוכע קאָרומפּירט לײַכט. דאָס ארופגעארבעטע בירגערטום קאָן זיך דערלויבן צו דעקן די הויצאָעס פון זײַנע פריידיקער.

אָן כארפּע, אָן בושע פריידיקן די „געוועזענע" פונקט דאָס פארקערטע, ווי דאָס, וואָס זיי האָבן אמאָל פּראָקלאמירט. מענטשן פרעגן: ווען זײַנען זיי געווען אופריכטיק — הײַנט, צי דעמלט? און עפּשער קיינמאָל ניט? מעגלעך, אז אזוי ווי זיי זײַנען צו זיבעציק, אזוי זײַנען זיי געווען צו זיבעצן...

באזונדערס צייכענען זיך אויס די „געוועזענע", וועלכע האָבן גענאָסן אין פאָלקס־פוילן פון אלע מײַלעס פונעם סאָציִאליזם און אויך געוווּסט פון כעסרוינעס פונעם „פּעריִאָד פון קולט". דאן האָבן זיי פארנומען פּאָזיציעס, געזעסן אין דער מיזרעךוואנט, באקומען פּריווילעגיעס. הײַנט שיטן זיי פּעך און שוועבל אפן סאָציִאליזם, טרייסלען זיך פון אים אָפּ און פאראטן אים. זיי זײַנען גוטע קאָמביגאטאָרן. טייל פאָרן קיין ייִסראָעל, ווי צום בײַשפּיל הערש סמאָליאר אָדער ספּארד, בא אנדערע ענדיקט זיך די רײַזע ווי בא קאָלומבן, וועלכער האָט געהאט בעדייע צו פאָרן קיין אינדיע און האָט געלאנדעט אין אמעריקע... ייִדל קאָרמאן, לעמאָשל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פראנקרײַך.

מיט וואָס האנדלען זיי הײַנט? מיט אנטיסאָוועטיזם, ווי די וווּלגארסטע ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדיסטן. זיי פארשלייערן די סכוירע מיט שיינע רייד וועגן דער צוקונפט פונעם ייִדישן פאָלק. נאָר גיט א קליינעם קראץ זייער ארגומענטאציע, און עס וועט ארויסקריכן די עמעסע פארב פון ציִעניזם, פון זייערע דראָשעס קלינגען די באקאנטע טענער פון קלאל־ייִסראָעל. דער קלאסן־צוגאנג איז פארוואָרפן, א ייִדישער באלעבאָס, וועלכער מאכט „שוויצן" זײַנע ייִדישע ארבעטער, איז זיי נעענטער, איידער א פּראָגרעסיווער מענטש, אויך א ייִדישער. זיי ווילן בעסער זײַן פּאניבראט מיט א ראָטשילד, איידער מיט זייערע געוועזענע קאמפס־כאווירים פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג. זיי שטיצן די אנעקסיעפּלענער פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, זיי דרייען זיך אוועק פון דער אנטי־אימפּעריִאליסטישער סאָלידא־

ריטעט, זיי בארימען זיך מיטן „ריין ייִדישן" צוגאנג אין איינקלאנג מיט דער געטאָ־פּסיכאָלאָגיע.

עס גלוסט זיך הײַנט זיי דערמאָנען, אז אויב אין די אמאָליקע יאָרן האָט דער ציִעניזם זיך בארימט מיט די כאלוצים, וועלכע זײַנען געקומען קיין ערעץ־ייִסראָעל האקן שטיינער און בויען דאָס לאנד, שטאָלצירט ער איצט מיט די אָלרײַטניקעס, וואָס לעבן א טאָג, און אויך מיט די ייִדישע מיליארדערן, וועלכע קומען פון אויסלאנד מיט זייערע קאפּיטאלן, קעדיי צו שנײַדן דיווידענדן, בלײַבנדיק לעבן אין כוץ־לעאָרעץ. אין ייִסראָעל גייט ניט דורך קיין וואָך אָן א שטרײַק. אויב עס שטרײַקן ניט פאבריק־ארבעטער, טוען עס לערער אָדער דאָקטוירים און אנדערע. א שטרײַק איז אן אויסדרוק פון אומצופרידנקײַט, מע שטרײַקט ניט צוליב פארגעניגן.

די ייִדישע מיליארדערן אינוועסטירן ניט מיט פילאנטראָפּישע צוועקן. פון די „אוילים" פאָדערן זיי זיך צוצופאסן צו די באדינגונגען פון עקספּלואטאציע, צו שאפן פאר די אינוועסטיציעס רעוואָכים, ווי עס פירט זיך אין אלע קאפּיטאליסטישע מעדינעס. די גײַציקײַט פון די ייִדישע פאבריקאנטן ווערט פארלײַכטערט דורך דער רעגירונגס־פּאָליטיק.

נאָך אין אָנהייב פונעם הײַנטיקן יאָרהונדערט האָט כאַיִם זשיטלאָווסקי פאָרויסגעזאָגט, אז די ייִדישע קאָלאָניזאציע פון ערעץ־ייִסראָעל „וועט בארײַכערן ייִדישע נעגידים, ייִדישע פערמערלעך". דער קאפּיטאליסטישער כאראקטער פון דער ייִסראָעלדיקער ווירטשאפט מאכט לעכערלעך די פּלוידערײַען וועגן „סאָציִאליזם בימינו".

נאָר די „געוועזענע" קוקן זיך צו גלײַכגילטיק, ווי מע נארט אָפּ די „אוילים"; ווי מע דיסקרימינירט די ספארדים — די אמאָל פארפאָלגטע מינדערהײַט ווערט א פארפאָלגערן; ווי די אמאָליקע קאָרבאָנעס פון ראסיזם פריידיקן און פראקטיקירן אן אָריגינעלן ייִדישן ראסיזם — סײַ לעגאבע ספארדישע ייִדן, סײַ לעגאבע אראבער. די „געוועזענע" — אמאָל פּראָגרעסיווע — פארפאסן ניט קיין רעוואָליוציאָנערע לידער וועגן נויט און הונגער, ווי אמאָל באָוושאָווער, רייזין אָדער מאָריס ראָזענפעלד, זיי זינגען ניט מער וועגן פעלקער־פרײַנטשאפט, וועגן פרײַהײַטס־קאמפן, וועגן אונטערדריקונג און ענלעכע טעמעס. פארטשאדעטע פון נאציאָנאליזם, ווייקנדיק אין שעמען־זאַיִס פון נאציאָנאלער אכדעס, טעאָרעטיזירן זיי אין איינקלאנג מיט די טעזיסן פונעם הערשנדיקן קלאס. אַף פראנצויזיש זאָגט זיך, אז זיי גיסן ארײַן וואסער אין זייער ווײַן, ביז מע דערקענט ניט מער דעם ווײַן. זיי גייען צוריק אין קלויז, צוריק צום אָבסקוראנטיזם, צוריק אין געטאָ.

די צײַט ארבעט ניט פארן אימפּעריִאליזם, פארן נאציאָנאליזם, נאָר פארקערט. פארזען דעם היסטאָרישן גאנג קאָנען נאָר פארבלענדטע. אָט האָט דר. נאָכעם גאָלדמאן, דער פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, א בירגערלעכער פּאָליטיקער, לעצטנס ווידעראמאָל אונטערגעשטראָכן דעם פעלער, וואָס עס באגייען ייִדישע קלאל־טוער, ווען זיי פּרוּוון אָפּרײַסן די ייִדישע פּראָבלעמאטיק פון דער פּראָגרעסיווער וועלט.

פאר ערנסטע און אויפמערקזאמע געזעלשאפטלעכע טוער איז קלאָר, אז בייס די קאלטע מילכאָמע טרעט קעסיידער אָפּ דאָס אָרט פאר דער פרידלעכער קאָעקזיסטענץ איז אומזיניק צו בלײַבן אַף דער ייִדישער גאס אײַנגעשלאָסן אין דער פארגאנגענהײַט. די ראדיקאלע ווענדונג, וואָס ווערט געמאכט אין וועלט־מאסשטאב לעטויוועס די פּראָגרעסיווע אידייען, וועט דאָך ניט אויסמײַדן די ייִדן.

עס איז „נאָרמאל", אז דאָס ייִדישע בירגערטום זאָל זיך אויפהאלטן „יודנראטלעריש". וואָס עס איז אומגלייבלעך — איז, ווען אמאָליקע פּראָגרעסיווע מענטשן פארלירן יעדן פארשטאנד פון סאָציִאלע דערשײַנונגען און פאלן ארײַן אין א טעמפּ ווינקל, פארשפּילנדיק זייער פארגאנגענהײַט און זייער צוקונפט. עמעס, ווען עס וואָלט זיך געהאנדלט אין זיי אליין, וואָלט עס געווען א קליינער אומגליק, אָבער זייער רודערניש קומט פאָר צווישן דער מאסע, מיט אלע שעדלעכע אויסווירקונגען. די „געוועזענע" האָבן שנעל פארגעסן אָדער קיינמאָל ניט געדענקט דעם וויכטיקן לענינישן פּרינציפּ, אז יעדע נאציאָנאלע פראגע איז קוידעמקאָל א סאָציִאלע.

אין אלע פאלן איז די ציִעניסטישע טעטיקײַט א שעדלעכע, זי דינט דער ייִדישער און ניט־ייִדישער בורזשואזיע, ווײַל זי שטרעבט אײַנצוגלידערן די ייִדישע פּראָבלעמאטיק אין דעם אלגעמיינעם ארסענאל פון אנטיסאָוועטיזם און רעאקציע, ווײַל זי איז אסימילירט צום אימפּעריִאליזם.

אויב נעמען בײַשפּילן פון פראנקרײַך, איז עפּשער גענוג צו דערמאָנען, אז די ציִעניסטן רעאגירן ניט אַף די פאשיסטיש־אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען אין לאנד, זיי באקעמפן אָבער די איינהײַטס־פּראָגראם, וועלכע עס האָבן געמיינזאם געשאפן די קאָמוניסטן און די סאָציאליסטן. זיי בלײַבן קימאט די לעצטע זעלנער פון דער קאלטער מילכאָמע. ווען גאנץ פראנקרײַך האָט שטאָלצירט מיטן וויזיט פון לעאָניד ברעזשניעוון, באלד נאָך זײַנע אונטערהאנדלונגען מיטן פּרעזידענט ניקסאָן, האָבן די ציִעניסטן אלעמען פארכידעשט מיט זייערע פּראָוואָקאציִאָנעלע טומלערײַען.

נאָר ווי געזאָגט, צײַטן בײַטן זיך, נײַע ווינטן בלאָזן איבער דער וועלט, וועלכע לעבט מיט דער האָפענונג פון בעסערן מאָרגן. די נײַע ווינטן וועלן פריִער אָדער שפּעטער ארײַנדרינגען אויך אין דער ייִדישער סוויווע, פארטרײַבנדיק דעם טשאד פון נאציאָנאליזם און ציִעניזם.

אלפרעד גראנט, פאריזש

פאַרשיידנס

„דער זאַנדאַמער בורגאָמיסטער" אין האָלאַנד

אין דעם נומ. 2 „סאָוועטיש היימלאַנד" פון הײַנטיקס יאָר, אינעם אָפּטייל „פאַרשיידנס" איז געווען אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ וועגן דאָניצעטיס אָן אָפּערע „דער זאַנדאַמער בורגאָמיסטער", וואָס האָט באַדאַרפט געשטעלט ווערן האַיאָר אין האָלאַנד.

אָט וואָס עס האָט געשריבן דער קאָרעספּאָנדענט פון „איזוועסטיאַ" וו. קוזנעצאָוו נאָך דער פּרעמיערע פון אָט דער אָפּערע:

נאָך די ענערגישע טאַקטן פון דער אוווערטיור הייבט זיך פּאַמעלעך אויף דער פאָרהאַנג. אין זאַל הילכן אַפּלאָדיסמענטן. אויף דער בינע — אַ ווינקעלע פון אַ האָלענדישן האַפן פון XVII יאָרהונדערט. ס׳גייט די פּרעמיערע פון דאָניצעטיס אָפּערע „דער זאַנדאַמער בורגאָמיסטער", אין וועלכער ס׳ווערט דערציילט וועגן געשעענישן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט פּיאָטער דעם ערשטנס זײַן אין אָט דער האָלענדישער שטאָט.

— דאָניצעטי, — דערציילט דער דירידזשאָר פונעם זאַנדאַמער אָפּערע־טעאַטער יאַן סקאַפּ, — האָט זיך דרײַ מאָל געווענדט צו דער טעמע פון פּיאָטערן. זײַן בעסטע אָפּערע האָט דאָניצעטי אָנגעשריבן אין 1827 יאָר. זי האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין מילאַן, נעאַפּאָל, בערלין, ווין. ס׳איז צו שטוינען, — זעצט פאָר סקאַפּ, — נאָר מע האָט אין ערגעץ ניט געקאָנט געפינען די פּאַרטיטור פון דער אָפּערע. די פילאָריקע זוכענישן אין ביבליאָטעקן, מוזייען האָבן ניט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. אָבער אונדז האָט זיך געוואָלט שטעלן אָט די אָפּערע אויף דער בינע פון אונדזער טעאַטער. ענדלעך האָט די איטאַליענישע פירמע „ריקאָרדי" אין מילאַן מיטגעטיילט, אַז דער מאַנוסקריפּט פון דער פּאַרטיטור געפינט זיך אין איר רעשוס. אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָבן מיר באַקומען אַ קאָפּיע פון איר.

די פּרעמיערע פונעם „בורגאָמיסטער" איז געוואָרן אַ מערקבאַרע מוזיקאַלע געשעעניש אין האָלאַנד, — זאָגט סקאַפּ. — מיט דער שטעלונג פון דער אָפּערע האָבן מיר געוואָלט אויסדריקן אונדזער גרויסע סימפּאַטיע צו די סאָוועטישע מענטשן, אונטערשטרײַכן די טראַדיציאָנעלע פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער פון אונדזערע לענדער.

זאָלן וויסן די פּויליאַקעס...

די ענדערונגען פונעם האַרץ און פון דער בלוט־געפעססיסטעם בײַ סטודענטן, וואָס קומען צו די עקזאַמענעס ניט קיין צוגעגרייטע, זײַנען די זעלבע, וואָס בײַ אַ מענטשן אין אַ פאַר־אינפאַרקט־צושטאַנד. צו אַזאַ אויספיר זײַנען געקומען די מיטגלידער פונעם סטודענטישן וויסנשאַפטלעכן קרײַזל בײַם וואָלגאָגראַדער מעדיצינישן אינסטיטוט, ווען זיי האָבן פון אַ געוויסער דיסטאַנץ געמאַכט אַן עלעקטראָקאַרדיאָגראַמע און אויסגעמאָסטן דעם דויפּעק בײַ זייערע כאַווײרים בײַס איינעם פון די עקזאַמענעס. בײַ אַ שלעכט־צוגעגרייטן סטודענט האָט דער דויפּעק דערגרייכט 160 — 180 פּולסירונגען אין אַ מינוט, און די עלעקטראָקאַרדיאָגראַמע האָט באַוויזן אַזעלכע אָפּבראָכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן באַאומרויִקונג פאַרן לעבן פון אָט דעם מענטשן. דער שטאַרקער אומרו איז ניט אָפּגעטראָטן פונעם סטודענט אין משך פונעם גאַנצן עקזאַמען און אַ לאַנגע צײַט נאָך אים.

דער סטודענט אָבער, וואָס האָט אין משך פונעם יאָר סיסטעמאַטיש געלערנט, לײַדט ניט פון אַזעלכע שטאַרקע ענדערונגען פונעם האַרץ און פון דער בלוט־געפעס־סיסטעם.

(טאַסס)

מיט אַן אומויסשעפּלעכן הומאָר

אינעם קאַליפאָרנישן אוניווערסיטעט (שטאַט בערקלי, פּשאַ) איז געעפנט געוואָרן דער צוטריט צום לעצטן מאַנוסקריפּט פון מאַרק טווענען, וואָס דער שרײַבער האָט פאַרענדיקט אַ האַלב יאָר פאַרן טויט. דער מאַנוסקריפּט, וואָס די קרויווים פונעם שרײַבער האָבן איבערגעגעבן דעם אוניווערסיטעט, פאַרמאָגט 400 זײַטן. דאָס איז אַ דערציילונג, פול מיט הומאָר, וועגן דעם, ווי מאַרק טווענס סעקרעטאַר און זײַן אינזיאָנים־אָנגעטרויטער האָבן זיך געפּרוּווט אָפּנאַרן זייער „שעף". אין דער פאָרעדע פונעם אווטאָר ווערט געזאָגט: „אין אָט דער וואָרהאַפטיקער דערציילונג וועגן זיך, אין אָט דער מאָדנער, נישטיקער געשיכטע, וואָס איז ווערט באַדויערונג, זײַנען פאַראַן דרײַ בוילעטע העלדן: צוויי מאָראַליש געפאַלענע און גענוג אומגעלומפּערטע שווינדלער, און איך, אַן אייזל פון געבוירן אָן, וואָס איז גרינג געוואָרן זייער קאָרבן".

צוהילף די פילאַטעליסטן

בײַ וועלכע אומשטענדן האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אויף די פּאָטשט־מאַרקעס די בילדער פון ק. מאַרקסן און פ. ענגעלסן?

צוהילף די פילאַטעליסטן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער פראַגע, איז געקומען דער בודאַפּעשטער זשורנאַל „טירקיאָר". ער האָט אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג פונעם 82־יאָריקן אונגאַרישן מאָלער־גראַפיקער פערענץ באָקראָש, וועלכער האָט זומער 1919 לויט בעלאַ קונס אויפטראָג צוגעגרייט אַ סעריע מאַרקעס צו דער עפענונג פונעם ראַטן־צוזאַמענפאָר פון דער אונגאַרישער סאָוועטישער רעפּובליק. די סעריע האָט צום ערשטן מאָל געשילדערט דאָס געשטאַלט פון די פירער פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט און אויך פון די טוער פון דער אונגאַרישער רעוואָליוציאָנערער געשיכטע — דיאָרד דאָזש, מאַרטינאָוויטש און שאַנדאָר פּעטעפי.

אינטערעסאַנט, אַז פ. באָקראָש — דער וועטעראַן פון דער פּאָטשט־מיניאַטור — איז געבליבן טרײַ דער היסטאָריש־רעוואָליוציאָנערער טעמע: איינע פון זײַנע לעצטע אַרבעטן איז געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער אויסבילדונג פון פּססר.

די כראָנאָלאָגיע פון „רא"

זיבן מענטשן פון זיבן לענדער זײַנען ארופגעגאנגען דעם 25 מײַ 1969 יאָר אפן באָרט פונעם פּאַפּירוס־שיפל „רא" אינעם פּאָרט סאַפי אין מאראָקאָ. דאָס זײַנען געווען דער רוסישער דאָקטער, דער עגיפּטישער אקוואלאנגיסט, דער אמעריקאנער שטורמאן, דער מעקסיקאנער אנטראָפּאָלאָג, דער טעסלער פון דער רעפּובליק טשאד אין צענטראַל־אַפריקע, דער איטאַליענישער אַלפּיניסט און דער נאָרוועגער טור כײיערדאַל — דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּרעצעדענטלאָזער עקספּעדיציע, וואָס איר ציל איז געווען דערווײַזן די מעגלעכקײַט פון טראַנסאַטלאַנטישע רײַזעס אין די אוראַלטע צײַטן.

בײַס די צוויי רײַזעס אף דער „רא" האָט דער יונגער סאָוועטישער מעדיקער יורי סענקעוויטש טאָג נאָך טאָג געפירט אן אייגנארטיקע כראָנאָלאָגיע פון דער עקספּעדיציע. זײַנע פאַרנאָטירונגען אינעם טאָגבוך זײַנען געוואָרן דער יעסאָד פונעם בוך „אף דער „רא" דורך דער אַטלאַנטיק", וואָס ס'האָט ארויסגעלאָזט אין לענינגראַד דער „הידראָמעטעאָ־פאַרלאַג".

דער אווטאָר באַשרײַבט לעבעדיק און פאַרכאַפּנדיק די געשעענישן, סטאַרעט זיך באַזיניקן זיי, דערציילט וועגן די צווישנבאַציִונגען אינעם ניט גרויסן אינטערנאַציִאָנאַלן קאָלעקטיוו, וואָס האָט געאַרבעט אין קאָמפּליצירטע אָקעאַנישע באַדינגונגען.

טור כײיערדאַל ווײַזט אָן אין דער פּאָרעדע, אָנגעשריבן ספּעציִעל פאַר דעם בוך, אַז די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע — מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער — קאָנען דערפּאָלגרײַך מיטאַרבעטן פאַרן אַלגעמיינעם וווילזײַן אַפילע אין די סאַמע שווערסטע אומשטענדן.

די אויסגאַבע איז רײַך איליוסטרירט מיט פאַרביקע פאָטאָגראַפיעס, וואָס אַליין דער אווטאָר און זײַנע כאַווײרים פון די עקספּעדיציעס אף דער „רא" האָבן געמאַכט.

א. וויקטאָראָוו („איזוועסטיִא").

דער גאָבוסטאַנער „קוכן"

גאָבוסטאַן — דאָס שטיינערדיקע הויכלאַנד לעבן באַקו, ווו די קינסטלער פון אַלטערטום האָבן איבערגעלאָזט אַ גאַלעריי פון געמעלן אף די פעלדזן, — ציט אַלץ מער צו די אויפמערקזאַמקײַט פון די אַזערבײַדזשאַנער געלערנטע. די הײַפּאָטעזע פון די אַרכעאָלאָגן וועגן דעם, אַז אין די טיפענישן פון דער גאָבוסטאַנער ערד קאָנען זײַן פאַרגעשטעלט, ווי אין אַ קוכן שיכטנווײַז, אַ סאַך עפּאָכעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע אף אונדזער פּלאַנעטע, — געפינט נײַע באַשטעטיקונגען.

נאָך דעם ווי די היסטאָריקער האָבן אַנטדעקט אף די פעלדזן געמעלן פון דער עפּאָכע פונעם פּאַלעאָליט, האָבן זיי אויך געפונען שפּורן פון דער בראָנז־עפּאָכע, דערנאָך — דענקמעלער, וואָס געהערן צו אַלעקסאַנדער מוקדנס מאַרשן. און איצט האָט די אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע געעפנט אַ שיכט פון מיטלאַלטער. די אַרכעאָלאָגן האָבן אַנטדעקט אַ וווינונגסקאָמפּלעקס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, זעט אויס, אַן ערעך אין XII יאָרהונדערט.

די קינאָ־אַרבעט פונעם גרויסן פּאָעט

„איך וויל אָנווענדן מײַנע פּאָעטישע פײַיקײַטן אין דער קינעמאַטאָגראַפיע, ווײַל דער יעסאָד פון דעם פאַך פון אַ סצענאַריסט און פון אַ פּאָעט איז אין טאָך גענומען דער זעלבער", — האָט געזאָגט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי אף אַ דיספּוט אין אָקטיאַבער 1928. דער פּאָעט איז געווען גוט באַקאַנט מיטן קינעמאַטאָגראַף: ער האָט אָנגעשריבן אַ סאַך סצענאַריעס. ס'איז אויך באַוווּסט, אַז ער האָט אַליין געשפּילט אין דרײַ פילמען. אָבער בלויז איינער פון זיי האָט זיך פולשטענדיק פאַרהיט (ס'זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן בלויז די טיטרען), און נאָך פון איין פילם זײַנען געבליבן באַזונדערע פראַגמענטן. דער פּאָלקס־אַרטיסט פון פּססר סערגיי יוטקעוויטש האָט אין דער סטודיע פון „מאָספילם" געשאַפן אַ לענטע, וואָס הייסט „מאַיאַקאָווסקי — אַן אַרטיסט פון קינאָ".

— אינעם פילם, — דערציילט ס. יוטקעוויטש, — איז אײַנגעשלאָסן דאָס גאַנצע קינאָ־בילד „דאָס מיידל און דער כוליגאַן", וואָס דער רעזשיסער און אָפּעראַטאָר יע. סלאַווינסקי האָט געשאַפן אין 1918 יאָר לויטן סצענאַרי פונעם פּאָעט. וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי האָט געשפּילט אין דעם פילם איינע פון די הויפּט־ראָלן. די לענטע איז אין אַ גוטן צושטאַנד.

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַ געוויסער פאַרפינקטלעכונג פונעם מאָנטאַזש, אינעם שאַפן נײַע טיטרען אפן אָרט פון די פאַרלאָרענע און די מוזיקאַלישע באַגלייטונג. די מוזיק צום פילם האָט, לויט מײַן מיינונג, זייער געלונגען אָנגעשריבן דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר יו. בוצקאָ.

אַדאַנק די סטאָפּ־קאַדרען, וועלכע איך האָב זיך דערלויבט אַרײַנפירן אין אייניקע קולמינאַציעדיקע ערטער און וועלכע שטעלן אף אַ רעגע אָפּ די האַנדלונג, האָט דער צושויער די מעגלעכקײַט גוט זען אין דעטאַלן דאָס פּאָנעם פונעם פּאָעט. ס'איז זייער אינטערעסאַנט אף אים צו קוקן. מאַיאַקאָווסקי איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען קיין פּראָפעסיִאָנעלער אַרטיסט, נאָר די באַצויבערונג פון דער פּערזענלעכקײַט פונעם קינסטלער און בירגער ווירקט מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט.

אין דעם ערשטן טייל פונעם פילם „מאַיאַקאָווסקי — אַן אַרטיסט פון קינאָ" דערציילט דער פּאָלקס־אַרטיסט פון פּססר איגאָר אילינסקי וועגן זײַן שפּעטערישער מיטאַרבעט מיט מאַיאַקאָווסקין און ס'ווערן באַוויזן די גאַנץ געבליבענע פראַגמענטן פון דער לענטע «Закованная фильмой». אין דער לענטע האָט דער פּאָעט אויך געשפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן און איז געווען דער אווטאָר פונעם סצענאַרי, וועלכער איז בײַס דער שטעלונג פאַרקריפּלט געוואָרן, לויט מאַיאַקאָווסקיס אויסדרוק, „ביז פולשטענדיקער כאַרפּע".

— נאָך איין פילם, — זעצט פאָר ס. יוטקעוויטש, — געווידמעט דעם גרויסן פּאָעט, הייסט „מאַיאַקאָווסקי לאַכט". דער פילם האָט אַן אונטערקעפּל „דער סצענאַרי פון ניט קיין וויסנשאַפטלעכן, אָבער פולשטענדיק פאַנטאַסטישן פילם, אין וועלכן ס'זײַנען טעטיק מענטשן, ליאַלקעס און מולטיפּליקאַציעס". מיר האָבן אים אָנגעשריבן אינאיינעם מיט א. קאַראַנאָוויטשן לויט די מאָטיוון פון מאַיאַקאָווסקיס פעעריִשער קאָמעדיע „די וואַנץ" און לויט זײַן ניט פאַרווירקלעכטן סצענאַרי „פאַרגעס וועגן די שטיינער". דער פילם איז געשאַפן געוואָרן אין די סטודיעס פון „מאָספילם" און „סאָיוזמולטפילם".

מ. קאַפּוסטין („פּראַוודאַ")

ווינקל פון גאָלדשטאַפּלעבן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

א ליבהאָבער פונעם בוך

אף קאַטאָווסקי־גאַס אין דער שטאָט כמעלניצקי שטייט א קליין, איינשטאָקיק מויערל. דאָרט וווינט מוישע שווידלער מיט זײַן פרוי. יעדעס מאָל, ווען איך גיי פאַרבײַ דאָס הויז, כאַפּט מיך אָן א כיישעק אַרײַנצוגיין: איך ווייס, אז דאָ וועל איך שטענדיק הערן נײַס, זיך דורכשמועסן מיט אן אינטערעסאַנטן מענטשן.

הײַנט איז בא מיר א פרײַער אָוונט, בין איך, ניט געטראַכט, אַוועק צו שווידלערן. איך האָב אים גע־טראָפן ליגן אף דער קאַנאַפּע פאַרטיפט אין א בוך.

— וואָס לייענט איר, זיידע?

— וואָס פאַר א זיידע בין איך אײַך! איך בין ניט אזוי אַלט, — ענטפערט מוישע שווידלער. — וואָס שײַעך דעם בוך, איז עס סערגייעוו־צענסקיס ראָמאַן „סעוואַסטאָפּאָלסקאַיאַ סטראַדאַ“. סערגייעוו־צענסקי איז מײַן באַליבטער שרײַבער...

איך זעץ זיך צו אף דער קאַנאַפּע, און ס׳הייבט זיך אָן אונדזער שמועס. עס וואַרפט זיך מיר אין די אויגן די ביכער־פּאָליצע אף דער וואַנט, ווו עס שטייט א לאַנגע ריי זשורנאַלן „סאָוועטיש היימ־לאַנד“ — א פולער קאָמפּלעקט, אָנהייבנדיק פונעם ערשטן נומער. שווידלער באַמערקט מײַן אינטערעס און זאָגט מיט שטאָלץ:

— אונדזער זשורנאַל! איך לייען אים פון טאָוול ביז טאָוול, און זייער אָפט קוק איך אַרײַן נאָכאַמאָל אין די שוין געלייענטע נומערן.

כאָטש מוישע שווידלער איז שוין אַלט 79 יאָר, איז אָבער זײַן זיקאָרן פריש און יונג. נאָך מיט 60 יאָר צוריק, ווען ער האָט אָנגעהויבן זײַן לעבנסוועג אַלס לערער פון ליטעראַטור, האָט ער געלייענט זייער פיל ווערק פון דער רוסישער און ייִדישער ליטעראַטור, אויך פון די וועלט־קלאַסיקער. און אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט און לייענט איצט, געדענקט ער אויסגעצייכנט. די יאָרן האָבן ניט קיין שליטע אף זײַן זיקאָרן. ער קאָן אײַך פאָרלייענען אף אויס־ווייניק לידער פון פיל ייִדישע דיכטער. ער גע־דענקט די נעמען פון קימאַט אַלע פּראָזאַיִקער און דיכטער, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַר אַלע צוועלף יאָר. פרעגט בא אים



מ. שווידלער (דער ערשטער פון לינקס) מיט די לייענער פונעם זשורנאַל י. גרויסמאַן, ד. גאָלדמאַן.

אף טשיקאַוועס, אין וועלכן נומער איז געווען גע־דרוקט די אָדער יענע דערציילונג אָדער א לידער־ציקל, וועט ער לאַנג ניט טראַכטן און ענטפערן. איך האָב אַמאָל געפּרוּווט דורכקאָנטראָלירן די ריכטיקײַט פון זײַנע ענטפערס אין די זשורנאַלן, וועלכע שטייען אף דער פּאָליצע. שטעלט אײַך פאָר — ער האָט קיין טאָעס ניט געהאַט!

מוישע שווידלער האָט פיל צו דערציילן וועגן זײַנע פּערזענלעכע באַגעגענישן מיט ייִדישע שרײַ־בער. ער האָט זיך געזען, לעמאָשל, מיט כאַיִם־נאַכמען ביאַליקן, ווי אויך מיט סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. ווען שמועל גאָרדאָן און יעכיִעל פאַליק־מאַן האָבן באַזוכט כמעלניצקי, זײַנען זיי געקומען צוגאַסט צו שווידלערן.

אין משך פון זײַן לאַנג לעבן האָט מוישע שווידלער געשאַפן, פאַרלוירן און ווידער געשאַפן ניט איין פּערזענלעכע ביבליאָטעק. אין די יאָרן פון בירגערקריג האָט ער געוווינט אין זײַן געבורט־שטאָט פעלשטין (הײַנט גוואַרדייסק). איינמאָל האָבן אַהין זיך אַרײַנגעריסן די פּעטליורע־באַנדעס און געמאַכט א פּאָגראָם, נאָך וועלכן שווידלער האָט צונויפגעקליבן בלויז באַזונדערע בלעטלעך פון די ביכער אין זײַן רײַכער ביבליאָטעק. אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז ער פרײַוויליק אַוועק אין אָפּאָלטשעניע. באַם פאַר־לאָזן קיִעוו האָט ער זיך צעזעגנט מיט זײַן ביבליאָ־טעק. די היטלעריסטן האָבן זי פאַרברענט. איצט זײַנען די ווענט פון זײַן דירע אין כמעלניצקי ווי־דער פאַרשטעלט מיט זעלטענע ביכער וועגן דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע, ליטעראַטור, רעליגיע, מיט ווערק פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

איך האָב קיין מוט ניט צו בעטן דעם זאָקן, ער זאָל זיך אײַנבייגן צו די אונטערשטע שופלאָדן פון די ביכער־אַלמערס און מיר ווײַזן די ווערק, וועלכע אינטערעסירן מיך. נאָר איך דאַרף אים גאָר ניט בעטן — ווען עס האַנדלט זיך וועגן א בוך, איז ער יונג און ער בייגט זיך פלינק צו די אונטערשטע פּאָליצעס, קלעטערט לײַכט אף א לייטער צו די אייבערשטע.

צו שווידלערן קומט מען אָן אייצע האַלטן זיך אין די פראַגן פון ייִדישער שפּראַך, מע פרעגט זיך אָן, וויִאַזוי איבערזעצן דאָס אָדער אַנדער וואָרט פון רוסיש אין ייִדיש. אין זײַן אַרכיוו היטן זיך אָפּ בריוו פון ייִדישע שרײַבער, אָריגינאַלן פון לידער פון ייִדישע דיכטער.

מוישע שווידלער שענקט פיל צײַט דער פאַר־שפּרייטונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. שוין אין די ערשטע כאָדאָשים, ווען דער זשורנאַל האָט ערשט אָנגעהויבן דערשײַנען, איז שווידלער געוואָרן זײַן אַקטיווסטער פרײַוויליקער פאַרשפּרייטער. געווען יאָרן, ווען ער האָט געבראַכט דעם זשורנאַל צו 25 — 30 נײַע לייענער.

יאָ, אַלע מאָל, ווען איך גיי פאַרבײַ דעם קליינעם, איינשטאָקיקן מויער אף קאַטאָווסקי־גאַס, כאַפּט מיך אָן א שטאַרקער כיישעק אַרײַנצוגיין, זיך דורכ־שמועסן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור.

דאָוויד קראָטשעק

מיר שטעלן פאָר די לייענער:

פעליקס בערמאַן — דער נײַער קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל

פון רעכטס אויף לינקס: בנימין שוואַרצער און פעליקס בערמאַן.

מיטן נײַעם קינסטלערישן אָנפירער פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל האָבן מיר זיך באַקאַנט בײַס די האַיאָריקע זומער־גאַסטראָלן איבער די שטעט פון דאָרעם־אוקראַיִנע.

אין יענע טעג האָט דער אַנסאַמבל פאַרענדיקט זײַנע אַרויסטרעטונגען אין טשערקאַס און זיך געקליבן אָפּפאָרן אין אַ צווייטער דניעפּער־שטאָט — קיין זאַפּאָראָזשיע.

אין סאַלאָן פונעם צענטראַלן האָטעל פון דער שטאָט איז געזעסן דער וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע, דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע בנימין שוואַרצער, וועלכער איז געווען דער ערשטער קינסטלערישער אָנפירער און גרינדער פונעם אַנסאַמבל.

בנימין שוואַרצער האָט שוין צעביטן דעם נײַנטן צענדליק, אָבער ביז הײַנטיקן טאָג איז ער נאָך אין פולן קאָנטאַקט מיט דער בינע. ער איז בעקיוועד זיך צו ספּראַווען מיט אַזעלכע שווערע, לויט דער פיזישער אָנלאָדונג, ראָלן, ווי טעוויע צי קאַלדוניע אאַ.

באַם טיש, באַנאַנד מיט שוואַרצערן, איז געזעסן אַ פעסט־געבויטער יונגער מאַנצבל, פאַרטיפט אין אַן ערנסטן געשפּרעך מיטן וועטעראַן מיקוויעך די פאָרשטייענדיקע אַרויסטרעטונגען פונעם אַנסאַמבל.

— זײַט באַקאַנט, — האָט זיך צו אונדז געווענדט בנימין שוואַרצער, פאָרשטעלנדיק זײַן קאָלעגע, — פעליקס בערמאַן, דער נײַער קינסטלערישער אָנפירער פונעם קאָלעקטיוו.

נאָך אַ קורצער פּאַוזע האָט שוואַרצער שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— שוין צײַט איבערצוגעבן די עסטאַפעטע...

מיר דערוויסן זיך, אַז בערמאַן איז אַ געבוירענער פון אָדעס. זײַנע עלטערן — דער טאַטע אַן אינזשעניער און די מאַמע אַ מעדיקערין — האָבן, אַרויסבאַגלייטנדיק אים אויף לערע אין לענינגראַדער אוניווערסיטעט, געטרוימט, אַז זייער זון זאָל ווערן אַן עקאָנאָמיסט. דעם פאַקולטעט פון פּאָליטעקאָנאָמיע פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט האָט פעליקס בערמאַן פאַרענדיקט אין 1955.

אָבער גאָר אינגיכן האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז זײַן באַרוף איז טעאַטער. אַ גליקלעכער, קומט ער אָן זיך לערנען אין מאָסקווער טעאַטראַלן אינסטיטוט, אינעם באַרימטן „גיטיס“, אין קלאַס, וווּ עס האָבן אונטעריכט אַזעלכע גאָניטע מײַסטערס פון דער טעאַטראַלער קונסט, ווי נ. אָכלאָפּקאָוו, נ. פּעטראָוו, נ. גאָרטשאַקאָוו. אין 1962 פאַרענדיקט ער דעם רעזשי־פאַקולטעט און טרעט צו צו זעלבשטענדיקער שעפערישער אַרבעט, צוערשט אין אַ מאָסקווער יוגנט־סטודיע, נאָכדעם אין טעאַטער פאַר ראַדיאָ און טעלעוויזיע און אין סטודענטישן טעאַטער פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, שטעלנדיק דאָרט דעם ספּעקטאַקל „דער טאָגבוך פון אַנע פראַנק“.

פעליקס בערמאַנען האָט אָפּגעגליקט צו זײַן אין שעפערישן קאָנטאַקט מיטן באַרימטן קינאָ־רעזשיסער גריגאָרי ראָשאַל, אַרבעטנדיק צוזאַמען מיט אים איבער אַ פילם, געווידמעט קאַרל מאַרקסן — „אַ יאָר, ווי אַ גאַנץ לעבן“, געשטעלט לויט גאַלינאַ סערעבריאַקאָוועס ראָמאַן.

בערמאַנס ערשטע רעזשיסערישע אַרבעטן אויף ייִדישער טעמאַטיק — די שאָלעם־אַליכעם־פאָרשטעלונג „בלאָנדזנדע שטערן“ און „דער טאָגבוך פון אַנע פראַנק“ — האָבן אויף לאַנג זיך פאַרגעדענקט די צושויער. עס קאָן אַוודאי זײַן, אַז די דאָזיקע ספּעקטאַקלען האָבן אים אין אַ געוויסער מאָס געדינט אַלס טראַמפּלין, פון וועלכן ער איז געקומען אויף שטענדיקער אַרבעט אינעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל.

מיר פרעגן זיך אָן בײַ פעליקס בערמאַנען וועגן די נײַע שעפערישע פּלענער פונעם אַנסאַמבל.

— פּלענער, — ענטפערט ער, — זײַנען פאַראַן ניט ווייניק. זיי דרינגען אַרויס פון דער צײַט אַליין, פונעם גרויסן נאָכפרעג און פון די פאָדערונגען, וועלכע עס רוקן אַרויס די סאָוועטישע צושויער צו דער הײַנטצײַטיקער קונסט. קודעמקאָל ווילן מיר אין דער נאָענטסטער צײַט אָפּפרישן אונדזער רעפּערטואַר מיט צוויי נײַע פאָרשטעלונגען, צווישן זיי אין דער ערשטער ריי מיט אַ סאָוועטישן ספּעקטאַקל, וואָס זאָל קלינגען ווי אַן איבערוף פון פאַרשיידענע פּעריאָדן פון אונדזער ווירקלעכקײַט און זאָל גלײַכצײַטיק באַווײַזן דעם בײַטראָג פון די סאָוועטישע ייִדן אין אונדזער גרויסער סאָציאַליסטישער בויונג. מיר וועלן אויך ניט פאַרגעסן אין די אוצרעס פון דער ייִדישער קלאַסיק. ווידער וועלן מיר זיך ווענדן צום אומויסשעפּלעכן קוואַל — צו שאָלעם־אַליכעמען, אינסצענירנדיק זײַנע דערציילונגען „גאָלעס דאַטשע“ און „דער פאַרקישעפטער שנײַדער“ (פאַראייניקט אונטער איין נאָמען „צוויי בריליאַנטן“). דעם שאָלעם־אַליכעם־ספּעקטאַקל ווילן מיר באַווײַזן פון די פּאָזיציעס פונעם הײַנטיקן טעאַטער.

פ. בערמאַן זעצט פאָר:

— איך האָב אויך בעדייע קינסטלעריש צו באַנײַען אייניקע שטעלונגען פון אונדזער אַלטן רעפּערטואַר, אַרײַנברענגענדיק אין זיי נײַע מוזיק, נײַע דעקאָראַציעס. אין דער פּערספּעקטיוו דענקען מיר אויך זיך ווענדן צו דער רוסישער און סאָוועטישער דראַמאַטורגיע, וועלכע האָט, ווי מיר ווייסן, ניט ווייניק אָפּגעשפּיגלט די ייִדישע טעמע. וויאַזוי מיר וועלן דאָס אַלץ פאַרווירקלעכן אויף דער בינע, וועט, פאַרשטייט זיך, אורטיילן אונדזער שטרענגער און דאַנקבאַרער צושויער.

י. שוסטער

ביבליאָגראַפיע

ביאָגראַפישע ידיעס און פּאָטאָ־בילדער פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער אין „סאָוועטיש היימלאנד" פאַר 7 יאָר (יול 1966 — יון 1973)

צום פינפיאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט דער ביבליאָגראַף כאַצקל נאַדעל צונויפגעשטעלט און פאַרעפנטלעכט אין נומער 9 פונעם זשורנאַל פאַרן 1966 א צעטל פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער, וועגן וועלכע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען געגעבן געוואָרן ביאָגראַפישע ידיעות בעמעשעך די ערשטע פינף יאָר פון זײַן עקזיסטענץ.

אין דער קורצער נאָטיץ, וואָס כ. נאַדעל האָט צוגעגעבן צום צעטל, האָט ער אָנגעוויזן, אַז עס פעלן דערווײַל אויס, צום באַדויערן, ביאָגראַפישע ידיעס וועגן א גרויסער צאָל טוער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור.

פאַר די זיבן יאָר, וועלכע זײַנען אריבער זינט יענער פּובליקאַציע, האָט דער זשורנאַל געגעבן וויכטיקע ביאָגראַפישע ידיעס, ווי אויך ברייטערע ידיעס וועגן א ריי טוער, וואָס זײַנען שוין אין ערשטן צעטל דערמאָנט געוואָרן. בעדערעך־קלאל זײַנען אײנעם מיט די ביאָגראַפישע ידיעס געגעבן אויך פּאָטאָ־בילדער.

מיר זעצן דאָ פאָר די ארבעט פונעם פאַרשטאָרבענעם כ. נאַדעל, ברענגענדיק דערבײַ צוויי צעטלען מיט ביאָגראַפישע ידיעס און פּאָטאָ־בילדער, וועלכע דער לייענער וועט געפינען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר די וויכטערדיקע זיבן יאָר, אָנהייבנדיק פון יול 1966 און ביז יון 1973.

אַלע דרײַ פאַרעפנטלעכטע צעטלען וועלן, אוויארום, העלפן דעם לייענער צו באַקומען מער־וויניקער גענויע ידיעס וועגן 402 שעפערישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן מיט זייער ווערק באַרײַכערט די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור און קולטור.

1. צעטל פון שרײַבער און קולטור־טוער, וועמעס ביאָגראַפיעס און פּאָטאָ־בילדער זײַנען צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל פאַרן פעריאָד יול 1966 — יון 1973[1].

שרײַבער

אבארבאנעל מענדל — 1967, נום. 11, ז. 138.
אבטשוק אווראָם — 1967, נום. 10, ז. 150.
איטקאָוויטש מוישע — 1971, נום. 7, ז. 212*; 1972, נום. 2, ז. 192.
איצקאָוו יויסעף — 1971, נום. 9, ז. 188.
אײַזמאַן נאָכעם — 1972, נום. 9, ז. 95*.
אלבערטאָן מייער — 1967, נום. 8, ז. 3*; 1970, נום. 8, ז. 110*.
אַלטמאַן פּייסי — 1967, נום. 2, ז. 136.
אלטשולער מוישע — 1967, נום. 4, ז. 158.
אראָנסקי מוישע — 1969, נום. 4, ז. 158.
ארלאנד הירש — 1967, נום. 7, ז. 54; 1971, נום. 4.
אָשעראָוויטש עליע — 1969, נום. 5, ז. 158.
ארשאנסקי בער — 1968, נום. 11, ז. 160.
באראנאָווסקי דאָרע — 1963, נום. 4, ז. 87.
באַראַדיאַנסקי אַרן — 1965, נום. 5, ז. 11.
בוכבינדער יאָסל — 1968, נום. 12, ז. 99*.
בורג יויסעף — 1967, נום. 1, ז. 76; 1972, נום. 5, ז. 137*.
בייגעלמאַן אַרן — 1968, נום. 11, ז. 69.
בעלאָוסאָוו אלעקסאנדער — 1969, נום. 9, ז. 117; 1971, נום. 7, ז. 145*.
בעריאָזקין הערש — 1968, נום. 7, ז. 161.

---

[1] אין צעטל זײַנען אַרײַן אויך אייניקע אווטאָרן, וועלכע כ. נאַדעל האָט דורכגעלאָזט, האָגאָם וועגן זיי זײַנען אין זשורנאַל געגעבן געוואָרן ידיעס נאָך ביז יול 1966.

בראָדעראָזאָן מוישע — 1970, נומ. 11, ז. 188.
בראָווארניק לייב — 1970, נומ. 6, ז. 158.
ברעגמאַן יויסעף — 1973, נומ. 3, ז. 163.
גאמזו יעהודע־לייב — 1970, נומ. 12, ז. 127.
גאָדינער שמועל — 1967, נומ. 2, ז. 4; 1972, נומ. 10, ז. 192.
גאָלדמאַן מענדל — 1973, נומ. 2, ז. 168.
גאָלדענבערג שימען — 1970, נומ. 2, ז. 56.
גוטיאַנסקי ביניאָמין — 1968, נומ. 10, ז. 111.
גילדין כאַים — 1967, נומ. 11, ז. 138; 1969, נומ. 10, ז. 158.
גײַסינער־ריווקין הערשל — 1968, נומ. 5, ז. 115.
גרינזײַד איציק — 1966, נומ. 8, ז. 124.
דאַבין שימען (שימוני) — 1969, נומ. 7, ז. 158.
דובילעט מוישע — 1967, נומ. 7, ז. 160.
דובינסקי מוישע — 1970, נומ. 9, ז. 158.
דושאַצקי כאַים — 1965, נומ. 5, ז. 14.
דיאַמאַנט הערשל — 1965, נומ. 5, ז. 7; 1971, נומ. 8, ז. 59*.
האַלפערן בער — 1973, נומ. 1, ז. 152.
האָפשטיין אַרל — 1965, נומ. 5, ז. 14.
הייליקמאַן טעוויע — 1973, נומ. 1, ז. 188.
העלמאָנד שימען — 1967, נומ. 10, ז. 62; 1970, נומ. 10, ז. 116*.
ווייצמאַן זיסי — 1971, נומ. 1, ז. 101*.
וועוויאָרקע אווראָם — 1967, נומ. 12, ז. 151.
זײַדענבערג שלוימע — 1968, נומ. 2, ז. 124*.
זילבערמאַן כאַים — 1967, נומ. 9, ז. 160.
טאַלאַלײַ לייב — 1967, נומ. 11, ז. 138; 1969, נומ. 5, ז. 143.
טוטשינסקע סאָניע — 1967, נומ. 11, ז. 138.
טוזמאַן צאַדעק — 1968, נומ. 2, ז. 121.
טײַטש מוישע — 1972, נומ. 10, ז. 191.
טשיטשעלניצקי יעכיעל — 1969, נומ. 11, ז. 143.
טשערניאַק ליובע — 1967, נומ. 12, ז. 120.
יאַקיר בלוימע — 1971, נומ. 4, ז. 183.
יודלסאָן אַרן — 1967, נומ. 7, ז. 160.
יוזאָווסקי יויסעף — 1967, נומ. 4, ז. 122.
כאשין אַלעקסאַנדער (צ. אווערבוך) — 1966, נומ. 8, ז. 159.
לאַסקער כאַים — 1967, נומ. 11, ז. 138.
לאָפּאַטע שלוימע — 1965, נומ. 5, ז. 11; 1967, נומ. 11, ז. 138.
לוואָווסקי יאַנקעוו — 1973, נומ. 2, ז. 157.
ליפשיץ מאַלקע (עסטער) — 1970, נומ. 2, ז. 156.
ליפשיץ מוישע — 1969, נומ. 5, ז. 158.
לעוויטאַן מיכל — 1971, נומ. 11, ז. 160.
לעווין כאַים — 1970, נומ. 3, ז. 111.
לעווין נאָכעם — 1968, נומ. 6, ז. 130.
לערנער רוּוון — 1972, נומ. 5, ז. 192.
מאַנדעל מוישע — 1972, נומ. 1, ז. 137*.
מאָגילעוויטש מישע — 1970, נומ. 3, ז. 105*; 1971, נומ. 7, ז. 135*.
מיזשיריצקי מוישע — 1967, נומ. 12, ז. 151.
מינקין זאַלמען — 1972, נומ. 10, ז. 15*.
מײַזעלס ג. — 1971, נומ. 2, ז. 164*.
מעסטעטשקין איסאַק — 1969, נומ. 1, ז. 72*.
מערעזשין אווראָם — 1970, נומ. 2, ז. 156.
סאָסיס ייסראָעל — 1973, נומ. 3, ז. 188.
סאַוויקאָווסקי עליע — 1967, נומ. 11, ז. 138.
סטעלמאַך אַנע — 1967, נומ. 11, ז. 138.
סטראַנגין לייב — 1968, נומ. 4, ז. 151.
סטרעליץ אָסקאַר — 1967, נומ. 8, ז. 143.
סיטאָ פּײַוול — 1967, נומ. 9, ז. 36*; 1970, נומ. 1, ז. 91*.
עפשטיין שאַכנע — 1968, נומ. 12, ז. 154.
פּאַקנטרעגער מייער — 1963, נומ. 4, ז. 87.
פּופּס ניסן — 1969, נומ. 8, ז. 66.
פּיאַטיגאָרסקאַיאַ אַנאַ — 1968, נומ. 3, ז. 160.
פלאַסקאָוו הערש — 1963, נומ. 3, ז. 101; 1972, נומ. 12, ז. 186.
פליך יאַנקעוו — 1972, נומ. 10, ז. 23*.
פינקעל אורי — 1966, נומ. 10, ז. 160.
פינקעלשטיין אַבע — 1969, נומ. 12, ז. 132.
פייגענבערג ראָכל — 1970, נומ. 7, ז. 157.
פרידלאַנד צווי — 1966, נומ. 10, ז. 159.
קאַהאַן סאָרע — 1967, נומ. 11, ז. 138.
קאַהאַן עליע — 1969, נומ. 2, ז. 97 — 101.
קאָלמאַנאָוויטש זעליק־הערש — 1971, נומ. 10, ז. 190.
קאַזשבער (ווײַנשטיין) הערש־לייב — 1970, נומ. 8, ז. 64.
קאַמענעצקי הערש — 1967, נומ. 11, ז. 138.
קאַפּעליאָוויטש בעניע — 1971, נומ. 11, ז. 189.
קאָבריאַנסקי מאָזי — 1971, נומ. 3, ז. 83*.
קאָטיק בלוימע — 1968, נומ. 5, ז. 158.
קאָטליאַר ביניאָמין — 1972, נומ. 10, ז. 24*.
קאָלעסניק כאַים — 1971, נומ. 2, ז. 165.
קאָראַביינִיק בערל — 1965, נומ. 5, ז. 12.
קולבאַק מוישע — 1971, נומ. 3, ז. 78*.
קירזשניץ אווראָם — 1973, נומ. 6, ז. 189.
ראַסקין אַרן — 1970, נומ. 12, ז. 157; 1971, נומ. 7, ז. 90*.
ראַפּאַפּאָרט שלוימע — 1970, נומ. 1, ז. 141*.
ראָזענהויז מענדל — 1971, נומ. 12, ז. 183.
ראָזענטאַל זאַלמען — 1972, נומ. 3, ז. 189.
רובינשטיין נאָכעם — 1972, נומ. 12, ז. 181.
רוביאַן יאשע — 1971, נומ. 10, ז. 154.
רייזין רוווע — 1969, נומ. 5, ז. 141.
רעזניק יאַנקעוו — 1972, נומ. 5, ז. 192.
שאַפּירע מאָטל — 1967, נומ. 11, ז. 138.
שאַפּירע מאָניע — 1968, נומ. 10, ז. 158.
שאַפּירע מוישע — 1971, נומ. 7, ז. 121*.
שאַפּיר בערל — 1971, נומ. 6, ז. 188.
שאַצקי נאַטאַן — 1970, נומ. 7, ז. 157.
שטערן ייסראָעל — 1969, נומ. 6, ז. 157.
שנייער (אָקון) זאַלמען — 1970, נומ. 3, ז. 121*.

ארטיסטן, מוזיקער, קינסטלער

אַזגור זאַיר — 1967, נומ. 5; 1971, נומ. 1, ז. 121.
אינגער הערש — 1971, נומ. 7, ז. 159*.
אײַנבינדער פּאָלינע — 1969, נומ. 4, ז. 66.
אַראָנסאָן נאָכעם — 1965, נומ. 2; 1972, נומ. 12, ז. 184.
אַפּריל אַראָן — 1972, נומ. 5.

באבין לאזאר — 1969, נומ. 8, ז. 101.
בערקאָוויטש אווראָם — 1967, נומ. 12, ז. 144.
גאָרדאָן מאריע — 1969, נומ. 7, ז. 88.
גלוסקין אלעקסאנדער — 1968, נומ. 9; 1970, נומ. 12, ז. 176.
גליקמאן גאווריאל — 1968, נומ. 3.
גנעסין מיכאל — 1973, נומ. 1, ז. 189.
געבירטיק מאָרדכע — 1967, נומ. 5, ז. 160.
גערשאָוו שלוימע — 1972, נומ. 4, ז. 177; 1969, נומ. 9.
גראָבמאן מיכאל — 1969, נומ. 3.
דינאַר עמאנויל — 1968, נומ. 8, ז. 155.
ווײַנמאן מוישע — 1970, נומ. 1.
זאסלאווסקי רודאָלף — 1970, נומ. 12, ז. 171.
זיסמאן יויסעף — 1969, נומ. 10, ז. 149; 1972, נומ. 3, ז. 148.
זשיטניצקי מארק — 1968, נומ. 8.
טאל סידי — 1965, נומ. 12, ז. 146.
טאָלקאטשאָוו זינאָווי — 1971, נומ. 7, ז. 158*.
טישלער אלעקסאנדער — 1965, נומ. 1; 1971, נומ. 7, ז. 160*.
טעלינגאטער שלוימע — 1969, נומ. 11, ז. 130.
יונג קלארע — 1972, נומ. 4, ז. 151.
ליכטענשטיין אַטיליע — 1969, נומ. 9, ז. 147.
לעמבערסקי פאליק — 1972, נומ. 11, ז. 128; 1969, נומ. 11.
מוליאר פײַטל — 1969, נומ. 5.
מינקאָווא יעהודיס — 1967, נומ. 12, ז. 143.
נאטארעוויטש מיכאל — 1969, נומ. 12.
ניורנבערג אמשיי — 1965, נומ. 2; 1967, נומ. 12, ז. 124; 1971, נומ. 7, ז. 159*.
סאָקאָל מוישע — 1968, נומ. 8, ז. 154.
סײַטאַן סאָפיע — 1970, נומ. 8, ז. 122.
סיראָטינע נעכאמע — 1971, נומ. 2, ז. 163.
פּאָטאפּאָווסקאיא דינע — 1969, נומ. 10, ז. 104.
פאלק ראָבערט — 1971, נומ. 7, ז. 160*.
פוטערמאן אראָן — 1968, נומ. 11.
פייגינע זארא — 1969, נומ. 9, ז. 148.
פּראַלאָווא נאטאשא — 1969, נומ. 9, ז. 135.
ציגאל וואָלאדימיר — 1971, נומ. 7, ז. 160*.
קאַגאן ארן — 1968, נומ. 3, ז. 159.
קאַגאן לייב — 1970, נומ. 6, ז. 145.
קאַלינא לייע — 1972, נומ. 5, ז. 185.
קאַמפּאנייעץ זינאָווי — 1968, נומ. 7, ז. 151*; 1972, נומ. 7, ז. 178.
קוזקאָווסקי יויסעף — 1965, נומ. 10.
קיפּער ייִצכאָק — 1973, נומ. 1, ז. 190.
קליאַנסקי מארק — 1967, נומ. 8; 1969, נומ. 7, ז. 146; 1971, נומ. 7, ז. 159*.
קערזשנער אלעקסאנדער — 1968, נומ. 8.
קראוצאָוו גערשן — 1967, נומ. 1; 1971, נומ. 7, ז. 155*.
קריוואָרוצקי פּייסעך — 1968, נומ. 5; 1970, נומ. 6, ז. 144.
ראבינאָוויטש איסאַק — 1971, נומ. 3, ז. 166 — 170.
ראָזין שמועל — 1966, נומ. 2; 1969, נומ. 6.
ריווקין שמועל — 1970, נומ. 1, ז. 103.
שולמאן זינאָווי — 1967, נומ. 3, ז. 108.
שוסטער יויסעף — 1971, נומ. 7, ז. 158*.
שווארצער בינאָמין — 1968, נומ. 10, ז. 16; 1972, נומ. 5, ז. 147.
שייפער יאנקעוו — 1963, נומ. 3, ז. 160.
שעכטמאן עמאנויל — 1966, נומ. 10.

באמערקונגען. 1. דאָרטן, וווּ די זײַט פונעם נומער איז ניט אָנגעוויזן, געפינען זיך די ביאָגראַפישע ידיעס אָף איינער פון די אַרײַנגעקלעפּטע אינעם נומער קינסטלערישע רעפּראָדוקציעס.

2. א שטערנדל ווײַזט אָן, אַז אָפן אָרט געפינט זיך נאָר א פּאָטאָ.

2. צוגאָב צום צעטל פון כ. נאַדעל

אלטמאן מוישע — 1970, נומ. 5, ז. 53*.
אלעקסאנדראָוו הילעל — 1970, נומ. 8, ז. 130; 1972, נומ. 5, ז. 177.
אַלעווסקי בוזי — 1968, נומ. 4, ז. 110; 1972, נומ. 9, ז. 44*.
באליאסנע ריווע — 1970, נומ. 3, ז. 102*.
באָרוכאָוויטש איטשע — 1971, נומ. 7, ז. 154*; 1973, נומ. 1, ז. 92*.
באָרזשעס סאלוואדאָר — 1970, נומ. 6, ז. 64; 1972, נומ. 9, ז. 92*.
ביידער כאַים — 1970, נומ. 5, ז. 121; 1972, נומ. 9, ז. 15*.
בלאָשטיין הירש — 1970, נומ. 12, ז. 52*; נומ. 7, ז. 86*.
בערגעלסאָן דאָוויד — 1969, נומ. 12, ז. 148.
בערעגאָווסקי מוישע — 1967, נומ. 7, ז. 160; 1972, נומ. 4, ז. 173*.
בראָמבערג דאָוויד — 1971, נומ. 7, ז. 88*.
בראָנשטיין יאָשע — 1967, נומ. 12, ז. 150.
בראָנפּמאן איציק — 1972, נומ. 9, ז. 86*; 1973, נומ. 4, ז. 116*.
גאָלדשטיין מוישע — 1968, נומ. 8, ז. 148; 1970, נומ. 8, ז. 151.
גאָרשמאן שירע — 1971, נומ. 7, ז. 141*.
גאָנטאר אווראָם — 1968, נומ. 3, ז. 81*; 1971, נומ. 7, ז. 140*.
גאָרדאָן עליע — 1967, נומ. 12, ז. 116.
גאָרדאָן שמועל — 1969, נומ. 11, ז. 20; 1971, נומ. 7, ז. 149.
גוביניצקי אלעקסאנדער — 1971, נומ. 7, ז. 194*; 1972, נומ. 10, ז. 155*.
גורשטיין ארן — 1966, נומ. 9, ז. 136; 1970, נומ. 11, ז. 152.
גען טעוויע — 1971, נומ. 7, ז. 173*; 1972, נומ. 5, ז. 124*.
גערשענזאָן מוישע — 1973, נומ. 4, ז. 189.
גרוביאן מאָטל — 1969, נומ. 6, ז. 37*; 1971, נומ. 7, ז. 199*; 1972, נומ. 3, ז. 188.
דאָברושין יעכעזקל — 1968, נומ. 12, ז. 154.
דאָלגאָפּאָלסקי צאָדעק — 1971, נומ. 11, ז. 158.
דרוקער אירמע — 1966, נומ. 12, ז. 108.
דריז שיקע — 1968, נומ. 5, ז. 58; 1971, נומ. 3, ז. 186.
האלקין שמועל — 1967, נומ. 12, ז. 91; 1970, נומ. 9, ז. 113.

הארצמאַן מאָטל — 1969, נומ. 11, ז. 122.
האָפּשטיין דאָוויד — 1969, נומ. 6, ז. 3*; 1971, נומ. 7, ז. 203*.
העלמאַנד שמועל — 1967, נומ. 10, ז. 62.
וואסערמאַן ליובע — 1967, נומ. 12, ז. 120; 1972, נומ. 9, ז. 88*.
ווינער מייער — 1968, נומ. 10, ז. 58; 1969, נומ. 9, ז. 86*.
ווײַנערמאַן כאַנע — 1971, נומ. 7, ז. 153*; 1973, נומ. 1, זז. 147 — 149.
ווענדראָף ז. — 1967, נומ. 1, ז. 47; 1971, נומ. 1, ז. 5; נומ. 7, ז. 136*.
ווערגעליס אַרן — 1968, נומ. 5, ז. 5*; 1971, נומ. 7, ז. 2*.
זאבארע נאַטאַן — 1968, נומ. 12, ז. 132.
זארעצקי אײַזיק — 1971, נומ. 2, ז. 186.
טאבאטשניקאָוו כאַסקל — 1973, נומ. 6, ז. 25.
טאלאַליאיעווסקי מאָטל — 1968, נומ. 12, ז. 33*; 1971, נומ. 7, ז. 134*.
טייף מוישע — 1967, נומ. 1, ז. 161; 1967, נומ. 12, ז. 128; 1971, נומ. 7, ז. 202*.
טשערניאַווסקי שלוימע — 1969, נומ. 6, ז. 90*; 1971, נומ. 7, ז. 87*.
יאַנאָווסקי פּייסי — 1972, נומ. 6, ז. 192.
כאשטשעוואצקי מוישע — 1967, נומ. 1, ז. 160.
כאצקעלעס העלענע — 1972, נומ. 8, ז. 192.
כאַריק איזי — 1966, נומ. 10, ז. 133; 1968, נומ. 3, ז. 33*.
כאַלאַדענקאָ שיפרע — 1969, נומ. 11, ז. 74*.
כאַראַל דווירע — 1968, נומ. 2, ז. 12; 1969, נומ. 6, ז. 88*; 1971, נומ. 7, ז. 182*.
לויצקער כאַים — 1968, נומ. 3, ז. 150; 1970, נומ. 3, ז. 157.
לוריע נאָטע — 1966, נומ. 1, ז. 125.
לוריע נויעך — 1966, נומ. 12, ז. 54; 1967, נומ. 10, ז. 11*; 1971, נומ. 12, ז. 79.
ליובאָמירסקי יעשוע — 1969, נומ. 6, ז. 137*; 1971, נומ. 7, ז. 197*.
ליטוואקאָוו מוישע — 1969, נומ. 8, ז. 129.
ליפשיץ מענדל — 1967, נומ. 1, ז. 86.
לעוו מישע — 1967, נומ. 7, ז. 68.
לעווין כאַנע — 1970, נומ. 6, ז. 68*.
לעלטשוק שימען — 1969, נומ. 7, ז. 142.
מאַלטינסקי כאַים — 1970, נומ. 8, ז. 34*; 1971, נומ. 7, ז. 153*.
מאַרקיש פּערעץ — 1969, נומ. 9, ז. 127 — 129; 1970, נומ. 12, ז. 3*.
מילער בוזי — 1972, נומ. 9, ז. 47; 1973, נומ. 4, ז. 23*.
מעלאַמוד כאַים — 1966, נומ. 2, ז. 95; 1967, נומ. 9, ז. 126; 1971, נומ. 7, ז. 144*.
נאַדעל כאַצקל — 1968, נומ. 3, ז. 159.
נאָטאָוויטש מוישע — 1968, נומ. 9, ז. 157.
נוסינאָוו ייִצכאָק — 1970, נומ. 2, ז. 123.
ניסטער דער — 1969, נומ. 11, ז. 58; 1971, נומ. 4, ז. 188.
ספּיוואַק עליע — 1970, נומ. 10, זז. 138 — 143.
סערעבריאַני ייִסראָעל — 1970, נומ. 12, ז. 165; 1971, נומ. 7, ז. 110*.
פּאַליאַנקער הערשל — 1971, נומ. 2, ז. 53.
פּינטשעווסקי מוישע — 1969, נומ. 3, ז. 156.
פלאַטנער אײַזיק — 1970, נומ. 11, ז. 161.
פערסאָוו שמועל — 1969, נומ. 4, ז. 94; 1973, נומ. 1, ז. 97*.
פאלקאָוויטש עליע — 1968, נומ. 12, ז. 155.
פינינבערג עזרא — 1969, נומ. 12, ז. 3.
פעפער איציק — 1970, נומ. 9, ז. 48*; 1970, נומ. 11, ז. 186*.
צינבערג ייִסראָעל — 1973, נומ. 2, ז. 188.
קאהאן אווראָם — 1970, נומ. 12, ז. 106*.
קאזאקעוויטש הענעך — 1969, נומ. 2, ז. 144.
קאזאקעוויטש עמאַנויִל — 1972, נומ. 10, ז. 182*.
קאצאָוויטש לייזער — 1968, נומ. 7, ז. 123.
קאָטליאר יויסעף — 1967, נומ. 9, ז. 32; 1968, נומ. 2, ז. 91.
קושניראָוו אַרן — 1970, נומ. 1, ז. 24*; 1971, נומ. 7, ז. 203*.
קוויטקאָ לייב — 1965, נומ. 12, ז. 35; 1970, נומ. 11, ז. 64*.
קיפּניס איציק — 1967, נומ. 3, ז. 73; 1971, נומ. 7, ז. 204*.
קיריטשאַנסקי פּיניע — 1971, נומ. 7, ז. 135*.
ראבין יויסעף — 1970, נומ. 5, ז. 61*.
ראבינאָוויטש שלוימע — 1972, נומ. 1, ז. 188; 1971, נומ. 7, ז. 170*.
ראבינקאָוו העשל — 1972, נומ. 9, ז. 26*.
ראזומני מארק — 1966, נומ. 9, ז. 161; 1971, נומ. 7, ז. 171*; נומ. 9, ז. 59*.
ראָסין שמועל — 1963, נומ. 2, ז. 158; 1970, נומ. 8, ז. 76*.
רעזניק ליפע — 1970, נומ. 7, ז. 56.
רעלעס הירש — 1973, נומ. 4, ז. 115*.
רעמעניק הערש — 1971, נומ. 7, ז. 103*.
שאַך-אַניך מ. — 1970, נומ. 6, ז. 131; 1971, נומ. 7, ז. 137*; 1972, נומ. 1, זז. 157 — 159*.
שווארצמאַן אָשער — 1967, נומ. 11, ז. 145*; 1969, נומ. 10, ז. 3*; 1970, נומ. 6, ז. 156*.
שוועדיק הענעך — 1965, נומ. 5, ז. 12; 1969, נומ. 7, ז. 140.
שויכעט אווראָם — 1971, נומ. 10, ז. 147.
שטורמאַן מאָטל — 1968, נומ. 11, ז. 64*.
שטיף נאָכעם — 1969, נומ. 12, ז. 127.
שטערנבערג יאַנקעוו — 1965, נומ. 4, ז. 70; 1970, נומ. 5, ז. 47*.
שקאַראָווסקי שײַע — 1971, נומ. 9, ז. 187.
שרײַבמאַן יעכיעל — 1971, נומ. 7, ז. 151*; 1973, נומ. 3, ז. 73*.

ארטיסטן, מוזיקער, קינסטלער

איטקינד ייִצכאָק — 1971, נומ. 4, ז. 174 — 177; 1972, נומ. 3, ז. 116*.
אַלטמאַן נאַטאַן — 1967, נומ. 2, ז. 183; 1971, נומ. 2, ז. 183; 1971, נומ. 7, ז. 159*.

אקסעלראָד מייער — 1967, נומ. 7, ז. 158*; 1972, נומ. 8, ז. 177.

באַיאַרסקאַיאַ ריוועַ — 1967, נומ. 8, ז. 149.

בראָנשטיין שײַע — 1972, נומ. 6; 1970, נומ. 3.

גאָרשמאַן מענדל — 1966, נומ. 8; 1972, נומ. 1.

זוסקין בינימין — 1964, נומ. 2, ז. 146; 1970, נומ. 1, ז. 121*.

טשײַקאָוו יויסעף — 1971, נומ. 7, ז. 159*.

יאַמפּאָלסקי לייב — 1969, נומ. 4, ז. 149; 1973, נומ. 2, ז. 87; 1973, נומ. 3, זז. 171, 186.

ליטער עפראַיִם — 1970, נומ. 3, ז. 120; 1970, נומ. 7, ז. 135.

מיכאָעלס שלוימע — 1963, נומ. 1, ז. 101; 1970, נומ. 3, זז. 126 — 142.

סענדעריי שמועל — 1967, נומ. 7, ז. 160; 1969, נומ. 1, ז. 145.

פולווער לייב — 1968, נומ. 12, ז. 122*; 1970, נומ. 2, זז. 115 — 119.

קאַפּלאַן טאַנכום — 1962, נומ. 4; 1970, נומ. 7, ז. 144; 1971, נומ. 7, ז. 158*; 1973, נומ. 2, ז. 187.

קאָלין (גראָס) יויסעף — 1969, נומ. 5, ז. 152; 1971, נומ. 7, ז. 164*; 1972, נומ. 12, ז. 186.

שווארצער בינימין — 1967, נומ. 8, זז. 150 — 152.

א. פריבלודע

כראָניק

בילדער פון א מאַרטירערן

פינף און צוואַנציק יאָר איז אַלט געווען די יונגע קינסטלערן שאַרלאָטע סאַלאָמאָן, ווען די היטלעריסטן האָבן זי צוזאַמען מיט איר מאַן אַרײַנגעוואָרפן אינעם טויטלאַגער אָשוועַנטשים.

ש. סאַלאָמאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1917 אין בערלין. אין 1939 פאָרט זי אַריבער קיין פראַנקרײַך. אינגיכן ווערט זי דאָרט אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ.

אין די סאַמע שווידערלעכסטע באַדינגונגען מאָלט שאַרלאָטע אירע בילדער, וועלכע שילדערן דאָס לאַגער־לעבן. דאָס זײַנען אויך קינסטלערישע דערמאָנונגען פון שאַרלאָטעס היים, פון אירע עלטערן, פון דער שול, וווּ זי האָט געלערנט. ש. סאַלאָמאָנס טאָגבוך, וועלכן זי האָט איבערגעלאָזט, איז ענלעך צום „טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק".

לעצטנס האָט דער „ראָוואָלט־פאַרלאַג" אַרויסגעגעבן אַן אַלבאָם פון שאַרלאָטע סאַלאָמאָנס צייכענונגען. עס ווערט אויך געגרייט אַ קורצמעטראַזשיקער פילם וועגן דער מאַרטירערן.

די צאָל ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט

טשילי

לויט די לעצטע אָנגאַבן לעבן הײַנט אין טשילי בא 30 טויזנט ייִדן, די מערהייט פון וועלכע האָט מיט צופרידנקייט אויפגענומען די סאָציאַלע ענדערונגען אינעם לאַנד נאָכן זיג פון די דעמאָקראַטישע קויכעס.

ייִדן האָבן אײַנגעוואַנדערט קיין טשילי אין סאָף XIX יאָרהונדערט. דאָ האָבן זיך באַזעצט ייִדן פון פוילן, רוסלאַנד און פון אַנדערע לענדער פון אייראָפּע.

פאַקיסטאַן

די צאָל ייִדן אין פאַקיסטאַן באַטרעפט סאַכאַקל 250, די מערהייט פון וועלכע איז קאָנצענטרירט אין קאַראַטשי, דער הויפּטשטאָט פון דעם לאַנד.

■

לאמיר זינגען נייע לידער

איך קום צו דיר

מוזיק פון זינאווי קאמפאנייעץ　　　　ווערטער פון ארן ווערגעליס





איך בין הײַנט ניט אליין,
מײַן מאמע קומט צו גיין,
און זעצט זיך צו,
און היט מײַן רו —
כ׳בין ניט אליין, ניט אליין.
מײַן מאמע עפנט אויף די טיר,
און שטיל מײַן מאמע קומט, זי
קומט צו מיר,

און זעצט זיך צו,
און ס׳איז מײַן רו
געבענטשט פון איר.

איך בין הײַנט ניט אליין,
מײַן טאטע קומט צו גיין,
און מאכט א ראש,
טרינקט אויס א פלאש,
און כ׳בין נאָך קליין...

מײַן טאטע עפנט אויף די טיר,
מײַן טאטע קומט ארײַן צו מיר
און נעמט מיך צו
פון מאמעס רו
צו וועלט, צו זיך.

און דאן איך בלײַב אליין,
ס׳קומט קיינער ניט צו גיין,
איך בין שוין גרויס,
די רו איז אויס,
איך בין אליין.
אליין איך עפן אויף א טיר,
מײַן ליבע פרייד, איך קום ארײַן
צו דיר

און נעם דיך צו
פון היים, פון רו
צו וועלט, צו זיך.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Прочтите, переведите устно на русский язык:

טעקסט נומער 12.

צװײ כאַװײרים

מאַרק און פימע זײַנען שילער פונעם צענטן קלאַס. אין אַ פּאָר װאָכן אַרום דאַרפן זײ פאַרענדיקן די מיטלשול. הײַנט זײַנען זײ דעם גאַנצן טאָג געװען פאַרנומען מיט גרײטן זיך צו אײנעם פון די סאַמע ערנסטע עקזאַמענס — אין מאַטעמאַטיק. פימע איז שױן קימאַט גרײט, ניט אומזיסט האַלט מען אים אין קלאַס פאַרן בעסטן מאַטעמאַטיקער. פונעם נײַנטן קלאַס אָן באַזוכט ער סיסטעמאַטיש די לעקציעס פון פּראָפעסאָרן און דאָצענטן אין מאָסקװער מעלוכע־אוניװערסיטעט פאַר שילער פון דער מיטלשול, װאָס װערן רעקאָמענדירט װי באַגאַבטע אין פיזיק און אין מאַטעמאַטיק. דעריבער גרײט ער זיך איצט אױף אַן אײגנאַרטיקן אופן: ער קנעלט צו מיט זײַן נאָענטסטן כאַװער — מיט מאַרקן.

יענער איז שױן גאָר אַן אַנדערער. ער האָט צװײ כאַלאָסן — פוטבאָל און... געשיכטע. ער ליגט איבער אױפן סטאַדיאָן „דינאַמאָ”, און אין אַ פרײלעכער קאָמפּאַניע קאָן ער אײַך אײַנמיטנדרינען אָנהײבן לײענען אַ גאַנצע לעקציע װעגן טאַלײראַנען, װעגן זײַנע באַציִונגען מיט נאַפּאָלעאָנען און דערנאָך מיט לודװיג דעם אַכצעטן... און מע שלאָגט אים ניט איבער, ער קען פאַרינטערעסירן.

פימע האָט דעם גאַנצן טאָג געמאַטערט מאַרקן מיט אױפגאַבעס און טעאָרעמעס.

— װילסט? װעל איך דיר אַ װײַז טאָן, װי שײן און סימעטריש ס'זעט אױס די פאָרמול פאַרן שעטעך פון אַ דרײַעק אין אַנאַליטישער געאָמעטריע — לױט די קאָאָרדינאַטעס פון די שפּיצן...

— נאָך דאָס פעלט מיר! — קאַעסט זיך מאַרק. — האַלעװײַ זאָל איך אַרױס אַ גאַנצער נאָכן מאָרגעדיקן עקזאַמען אָן דײַן אַנאַליטיק.

— װילסט ניט — איז ניט.

איצט רוען אױף בײדע כאַװײרים אױף אַ באַנק אין סקװער. זײ זײַנען שטאַרק מיד. בײדע שװײַגן. ערשט פאַרן גײן אַהײם צערעדן זײ זיך.

— דיר, פימע, בלײַבט אײן זיכערער װעג — אױפן מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פונעם אוניװערסיטעט.

— האָסט אַ גרױסן טאָעס. מיך אינטערעסירט ניט הױלע, אַבסטראַקטע מאַטעמאַטיק; פאַר מיר איז װיכטיקער איר אָנװענד אין לעבן, אין פּראָדוציר־פּראָצעסן. האָב איך דעריבער פעסט באַשלאָסן פריִער אַרבעטן אױף אַ זאַװאָד.

— און װאָס װעלן זאָגן דײַנע עלטערן?

— דער טאַטע איז מאַסקים. כ'האָב גערעדט מיט אים אַ לאַנגן שמועס. ער פאַרשטײט מיך. ערגער איז מיט דער מאַמען, זי װיל גאָר ניט הערן. „סטײַטש, — טײַנעט זי, — באַ לײַטן לײגט מען אײַן װעלטן, אַבי נאָר אָנצוקומען אין אַ הױכשול...” ס'װעט איר אָבער גאָרנישט ניט העלפן. איך האָב זיך שױן צונױפגערעדט אױף אײנעם אַ זאַװאָד. זעסטו, דײַן װעג איז קלאָר — אין אינסטיטוט פאַר פיזקולטור...

— האָסטו אױך ניט געטראָפן: נאָר אין אוניװערסיטעט! אױפן פאַקולטעט פאַר געשיכטע! און װעט זיך ניט אײַנגעבן, איז, װי דו, — אױף אַ זאַװאָד.

— אױב אַזױ, װעל איך בעטן גאָט, ס'זאָל זיך דיר ניט אײַנגעבן — װעלן מיר װידער זײַן אינײנעם, אױף אײן אונטערנעמונג...

— בײַס זיך אָפּ אַ האַלבע צונג!

Слова и словосочетания

1) מיטלשול װ ־ן; 2) ערנסטער; 3) באַזוכן; 4) באַגאַבטער; 5) אײגנאַרטיקער;
6) צוקנעלן (מיט עמעצן); 7) כאַלאָס ז ־ן; 8) געשיכטע װ; 9) איבערליגן; 10) באַציִונג װ ־ען;
11) איבערשלאָגן (האָב איבערגעשלאָגן); 12) מאַטערן; 13) שעטעך מ; 14) קאַעסן זיך;
15) זיכערער; 16) הױלער; 17) אָנװענד מ; 18) פּראָדוציר־פּראָצעס מ ־ן; 19) סטײַטש?;
20) באַ לײַטן; 21) אײַנלײגן װעלטן; 22) הױכשול װ ־ן; 23) טרעפן (האָב געטראָפן);
24) זיך אײַנגעבן (האָט זיך אײַנגעגעבן); 25) אונטערנעמונג װ ־ען; 26) בײַס זיך אָפּ אַ האַלבע צונג.

Их перевод

1) средняя школа; 2) серьёзный; 3) посещать; 4) одарённый; 5) своеобразный; 6) подучить, помочь в учёбе; 7) болезнь; *здесь*: пристрастие; 8) история; 9) быть завсегдатаем, проводить всё свободное время; 10) отношение; 11) перебивать, прерывать чью-либо речь; 12) мучить, утомлять; 13) площадь; 14) сердиться, быть недовольным; 15) верный; 16) голый; *здесь:* чистый; 17) применение; 18) производственный процесс; 19) как же так?; 20) у (других) людей; 21) пускаться во все тяжкие (*дословно*: закладывать (давать в заклад) миры); 22) высшая школа; *здесь*: вуз; 23) угадать; 24) удаться; 25) предприятие; 26) типун тебе на язык (*дословно*: откуси себе пол-языка).

Упражнения

1. Русские сочетания прилагательного и существительного переведите еврейскими сложными словами:

книжный магазин — **ביכער־מאגאזין**; государственный университет —?; высшая школа — ?; производственный процесс — ?; детский сад — ?; городской парк — ?; школьная библиотека — ?; водяная мельница — ?; сахарный завод — ?; ручная работа — ?

Примечания: 1) По смыслу употребите первую часть сложного слова в ед. или во множ. числе. 2) между обеими частями сложного слова ставьте дефис, если число слогов всего слова больше трех; если же сложное слово состоит из трех или двух слогов, пишите его слитно.

2. Переведите на еврейский язык:

1) Мы готовимся к экзаменам по литературе и языку. 2) Я своеобразно провел в этом году летние каникулы. 3) Моего брата, ученика десятого класса, школа рекомендует на математическую олимпиаду, которая должна состояться в Москве в конце марта. 4) У меня был вчера серьёзный разговор с моими родителями о моём твёрдом решении по окончании восьми классов поступить в геологоразведочный техникум. 5) На прошлой неделе мы торжественно проводили двух выпускников нашей школы, поступивших в военную академию.

Слова и словосочетания

1) состояться; 2) в конце марта; 3) твёрдое решение; 4) по окончании; 5) геологоразведочный; 6) торжественно; 7) проводить; 8) военная академия; 9) каникулы.

Их перевод

1) פאַרקומען (איז פאַרגעקומען); 2) סאָף מארט; 3) א פעסטער באשלוס; 4) נאָכן פאַר־ענדיקן; 5) געאָלאָגיש־אויספאָרשערישער; 6) פּײַערלעך; 7) באגלייטן; 8) א מיליטערישע אקאדעמיע; 9) קאניקולן מצ[1], **וואקאציעס** מצ.

3. Найдите в тексте № 12 свободный (не дословный) перевод следующих словосочетаний или выражений:

1) ты глубоко ошибаешься; 2) чистая математика; 3) она и слышать не хочет; 4) видишь ли; 5) через пару недель.

4. Напишите антонимы к следующим словам:

פארענדיקן, דער בעסטער, מיטלשול, נאָענטסטער, פריילעכער, שיין, מאָרגעדיקער, אבסטראקטער, לאנגער, איינינעם, א האלבער.

---

[1] **מצ. — מערצאָל** (множ. число).

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

© Журнал «Советиш геймланд», 1973 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 9/VIII 1973 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 522.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 9

1973

В НОМЕРЕ:

Н. Петров (Яков Штейн). Почему я покинул Израиль.

Н. Забара. Под горячим солнцем Прованса (роман).

Стихи Х. Бялика, А. Гонтаря, Д. Хайкиной, М. Штурмана.

Рассказ Ш. Горшман.

Трибуна жизни. Очерки Х. Бейдера, Ш. Гордона.

Воспоминания. У. Гуральник. Вчера, сегодня, завтра.

Полемика. М. Иткович, М. Шапиро о русско-еврейском словаре.

Л. Вильскер. Новая версия о баснях Эзопа.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. О книге Е. Шрайбмана «Годы и мгновения».

Обзор откликов на заметки Л. Бершадской «Придуманная родина» («Советиш геймланд» № 5 за 1973 г.).

Отвечаем на вопросы наших читателей. В. Гезенов. Проблема Иерусалима.

Почта «Советиш геймланд». Листая журналы и газеты. Библиография. Разное. Хроника.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.